STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07110

MAYN LEBN

Ayzik Horvits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייזיק הורוויץ

מ י ן ל ע ב ן

אייזיק הורוויץ

מיין לעבן

אויטאָביאָגראַפיע פון אַ ייִד אַ וואַנדערער

אַרויסגעגעבן דורך די ברידער ווערטהיין

בוענאָס־איירעס, 1965 — ה׳תשכ״ה

מיין אויטאָביאָגראַפיע — אַ נר־תמיד
פאַר מיין פרוי
און מיין זון חפשי.
אויך — אַ מתנה
די ליבע זין און טעכטער
פון מיין פאָלק.

מיין פרוי חיה, אונדזער זון חפשי און איך — מעלבורן, 1931.

אַריינפיר־וואָרט

דינסטיק, עשרה בטבת תשט״ו, 4/1/55, כפר גלעדי־תל־חי.

היינט איז מיין זיבעציקסטער געבוירנטאָג. איך וויל וואַרפן אַ בליק אויף צוריק און אין קורצע שטריכן שילדערן אַ מין אויטאָביאָגראַפיע, דורכבלעטערן געדאַנקלעך מיין טאָגבוך און אַרויסכאַפּן מאָמענטן, פּאַסירונגען, באַגעגענישן און אפשר אויך גאַנצע עפּיזאָדן, וועלכע האָבן געהאַט מער־וויניק אַן איינפלוס און וואָג אויף מיין לעבנסגאַנג און אַנשויונגען.

איך וועל אויך, אַזוי וויל איך האָפן, ממשיך זיין דאָס אַלצדינג און אַפילו אויך דאָס דערגאַנצן מיט טעגלעכע אָדער פּעריאָדישע פאַרצייכענונגען פון מיין וויטער־דיקן לעבן, אַ מין טאָגבוך, ווו איך וועל באַלויכטן מיין לעבנסגאַנג אין שיין, אויפן פּאַן פון מיינע דורכגעלעבטע יאָרן.

זיבעציק יאָר איז אַ וויכטיקער קווערשניט אין מענטשנס לעבן, ווען עס איז כדאי צו מאַכן אַ שטיקל חשבון־הנפש. און איידער איך הייב אָן מיין אויטאָביאָגראַ־פיע, האַלט איך פאַר נייטיק דאָ אָנצומערקן, אַז:

I. — אין יאַנואַר 1902 האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אַ טאָגבוך. און ווען איך האָב, צוליב פאַרשידענע סיבות און געשעענישן אויפגעהערט צו שרייבן, האָט די צאָל זייטלעך פון טאָגבוך דערגרייכט צו 856. אָט דעם טאָגבוך האָב איך פאַרברענט זומער 1907, ווען איך בין שוין דאַן געווען אין דער קאָלאָניע פּתח־תקוה. איך באַ־דויער ביזן איצטיקן טאָג מיין טאָט.

II. — אין יאַנואַר 1940 האָב איך צום צווייטן מאָל גענומען שרייבן אַ טאָגבוך, נאָך צוואַנציק יאָר בערך, לעבנדיק אין מעלבורן, אויסטראַליע. איך האָב דאַן געהאַט בדעה פאַרצוזעצן דאָס שרייבן און פאַרצייכענען דעם גאַנג פון דער מלחמה, דעם בלוטיקן געראַנגל צווישן דער נאָך אָפענער פרייער וועלט און די פינצטערע, בלוט־דורשטיקע כוחות פון נאַצי־דייטשלאַנד. נאָך אייניקע חדשים שרייבן האָב איך אויפ־געהערט און אין 1943 האָב איך אויך יענעם טאָג פאַרברענט — 96 אָנגעשריבענע זייטן.

און איצט, צו דער אויטאָביאָגראַפיע.

ערשטער טייל

1. — אָפּשטאַם און געבורט־פּלאַץ

איך בין געבוירן געוואָרן עשרה בטבת 1885, אין דובאָסאַר, אַ שטאָט פון אַרום צען טויזנט איינוואוינער, ייִדן דער רוב, אין אוקראַיִנע, ביי 160 וויאָרסט פון אָדעס. דובאָסאַר שטייט אויפן ברעג פון טייך דניעסטער. מיין פאָטער, אליעזר הלוי הורוויץ און מיין מוטער קיילע, האָבן געבראַכט אויף דער וועלט 17 (זיבעצן) קינדער, פון וועלכע איך בין דער לעצטער און פון זיי האָב איך געקענט צווישן די לעבעדיקע נאָר עלף — זעקס שוועסטער און פינף ברידער.

מיין פאָטער האָט געשטאַמט פון אַ קייט פון ניין משפחות, ער שוין דער פערטער דור, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט אין געדעקטע בוידן פון אַרום סלאָנימער געגנט אין דער ליטע, אין די ערשטע יאָרן פונעם אויפקום פון דער פּאָרט־שטאָט אָדעס, ביי דעם שוואַרצן ים.

אַלע ראשי־משפחות, אָדער כמעט אַלע, זענען געווען פון פאַך — גאַרבאַרעס, ד״ה לעדער־פאַבריצירער, און זיי האָבן געהאַפט צו געפינען אַ מעמד אין דער זיך נײַ־בויענדיקער האַפן־שטאָט.

אין די לויפנדיקע פיר־פינף יאָר האָבן זיי זיך ביטער אַנטוישט אין זייערע האָפענונגען און האָבן באַשלאָסן איינצופּאַקן ווייב און קינד און מטלטלין און אַרויספאָרן זוכן זייער גליק אין דער דעמאָלטיקער פרנסה־שטאָט דובאָסאַר. זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט, געגרינדעט צוויי לעדער־פאַבריקן און האָבן זיך מיט דער צייט פאַרוואָרצלט און פאַרצווייגט אינעם לעבן פון דער שטאָט.

אין 1907, ווען איך האָב פאַרלאָזן דובאָסאַר, האָבן זיך דאָרט געפונען און געלעבט אַרום 50־52 משפחות הורוויץ, אַלע פון אָפּשטאַם פון די יעניקע ניין פאַמיליעס פון סלאָנימער געגנט. און אויך מיין פאָטערס ברודער, עזריאל, האָט נאָך צו יענער צייט פאַרגעזעצט זיין פאַך: פאַבריצירט פּראָסטע לעדער פאַר פשוטע פויערשע שטיוול, צוזאַמען מיט זיינע דריי זין און אין דער זעלבער געביידע פון די ערשטע יאָרן.

2. — מיינע קינדער־יאָרן

מיין פאָטער, אַ פרומער, גאָטספאָרכטיקער ייִד, מיט אַ מיטעלער מאָס וויסן אין ייִדישע קענטשאַפט, אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער בעל־הבית, אייגנטימער פון אַ לעדער־

מײַן מאַמע, קײלע גוראָװיטש־הורװיץ ז״ל (1912־13)

פֿאַבריק און אױך פֿון אַ לעדער־קראָם, איז געװען אַ זײער אָרנטלעכער סוחר, אָפּגע־היטן פֿון עװלות אין מסחר, אַ כּעסן און לײַכט אױפֿגערעגט צו װערן, אָבער באַלד חרטה געהאַט אױף זײַן כּעס און אױפֿן פּלאַץ געבעטן מחילה בײַ דעם, מיט װעמען עס איז אים אױסגעקומען צו האָבן אַן איבעררײַדעניש.

אָט װעגן דער יוגנט זײַנער פּלעגט מיר זײער אָפֿט אױסקומען צו הערן פֿון

אונדזערע קונדן, שוסטערס, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן און זיך באַטייליקט אין דער אָנפירונג פון אונדזער לעדער־געשעפט.

מיין פאָטער האָט דאָס פאַר זיין לעבנס־פליכט געהאַלטן און געמאַכט — מיר צו דערציִען, אויפברענגען און מחנך זיין על טהרת תורת ישראל, מיר — זיין באַליבטן בן־זקונים, אויספורעמען פון מיר אַ רב בישראל. ער האָט אַמביציעז געשטרעבט דערצו, אַז איך, כאָטש איינער פון יוצאי חלוציו, זאָל ציִען די קייט פון זיינע אָבות־אבותיו, די אָפּשטאַמיקע פון ליטווישן שטעטל.

דער פריצייטיקער טויט זיינער האָט צונישט געמאַכט זיין האָפענונג. ווען מיר איז בלויז זעקס יאָר געוואָרן, האָט מיין פאָטער זיין פאַרהעלטנישמעסיקן יונגן לעבן פאַרענדיקט. ער איז אין גאַנצן 48 יאָר אַלט געווען, ווען ער איז געשטאָרבן ווי אַ ר׳עזולטאַט פון אַ נישט־געלונגענער אָפּעראַציע.

דער טרויער און צער אין אונדזער הויז איז געווען אומבאַשרייבלעך. דער וויסטער אומגליק האָט מיין מוטער דערשלאָגן און געפּייניקט ביז אומזין. אָבער זי האָט זיך נישט פאַרלוירן. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איר מוטערלעכער פליכט צו אירע ניין קינדער, וועלכע זענען נאָך אין שטוב געבליבן אין גאַנצן צו איר שוץ און אָפּהענגיקייט, האָט איר מוט געשטאַרקט און איר כוח געפלעגט. ניין קינדער פון אַרום צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט, ביז מיר דעם יִנגסטן, זעקס יאָר אַלט, אַלע אומבאַהאָלפענע, נישט פאַרזאָרגטע. מיין ברודער משה, ניינצן יאָר אַלט, איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געקענט זיך שטעלן אין פעִיקן דינסט צו העלפן פירן די ווירטשאַפט, דאָס געשעפט און אויפהאַלטן די פאַמיליע. און ער האָט דאָס געטאָן מוטיק, מיט קוראַזש, פעִיקייט און איבערגעגעבענער ליבשאַפט.

מיין מוטער האָט זיך מיט אַלע כוחות און ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין שווערן יאָך פון איר דרייפאַכיקער אויפגאַבע: דערציִערין, הויזווירטשאַפטין און געשעפטספירערין און מיט דער גרענעצלאָז איבערגעגעבענער הילף פון מיין ברודער משה, איז אַלץ מער־ווייניק איינגעאָרדנט געוואָרן. ער, מיין ברודער משה, האָט אויך איבערגענומען די פולע השגחה איבער דער דערציִונג פון די קינדער, — פינף קינדער אין שול־עלטער, — און ער האָט, ווי אַ געטרייער פאָטער, געוואַכט איבער זייערע וועגן און אויפפירונגען אין שטוב, ווי אין דער שולע.

איבערהויפּט האָט ער אַכטונג געגעבן אויף דער דערציִונג פון אונדז צוויי: מיין ברודער שלמה און איך. שלמה, מיט דריי יאָר עלטער פון מיר און גאָרנישט קיין גרויסער מתמיד, פון חשק צום לערנען איז שוין אָפּגערעדט. אָבער משה איז געווען אַ קפדן.

ביז צו מיין צען־יאָריקן עלטער האָב איך געלערנט ביי פיר מלמדים. און דאַן האָט מען מיר אַריינגעבראַכט אינעם חדר פון ר׳ צבי צביק „דער פעטשאַיעווער“, ביי וועלכן איך האָב געלערנט פיר זמנים. און איך וויל דאָ, ניין, איך מוז דאָ אונ־

טערשטרייכן, אַז דער יסוד פון מײַן גאַנצן װיסן און פאַרשטײן, פילן און נאָכטראַכטן איז — „דער פּעטשאַיעווער״.

מײַן גאַנצן לעבן בין איך געבליבן דאַנקבאַר אַט דעם פּשוטן ייִד, וואָס האָט אַזוי טיף און ערלעך, ליבלעך און מיט באַוווסטזיניקער מסיכה געוווסט ווי אַזוי צו גע־שטאַלטיקן און אויספורעמען די יונגע נשמות פון זײַנע תּלמידים.

אַ גרויסער אַפּיקורס געווען אַט דער צבי צביק, אַ באַוווסטזיניקער חוזק־מאַ־כער פון רביים און זייערע מופתים, אָבער ער האָט געוווסט ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַן אופן דאָס פאַר אונדז צו שילדערן, אַז מיר זאָלן דערפון הנאה האָבן און דאָך עס נישט האַלטן פאַר אַ חוזק. אַ קלוגער ייִד געווען, אַ שטאַרק אַנגעלייענטער און זייער אַ גוטער מענטש, אַ מזג טוב, נישט באַנוצט קיין קאַנטשיק, און דאָך האָבן מיר אים אָפּגעגעבן כבוד און געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ.

אין מײַנע דערינערונגען וועגן מײַן רבין, דעם פּעטשאַיעווער, האָב איך שטענ־דיק געפילט צו אים אַ גרויסן יראת־הכּבוד, אַ חיבה יתירה. אָט איז אַן אינטערע־סאַנטער קוריאָז: ווען דער רוסישער קיסר, אַלעקסאַנדער דער דריטער, איז גע־שטאָרבן און אַלע בירגער האָבן געדאַרפט זיך חתמענען אויף צוגעגרייטע בויגנס פּאַפּיר, ווי טרײַע בירגער, האָט דער רבי אונדז געבראַכט אַזאַ בויגן פּאַפּיר און מיר, אַלע תּלמידים, תּינוקות של בית רבן, האָבן זיך געחתמעט. (דער חדר אונדזערער איז געווען קעגנאיבער דער קלויז, וווּ אַלע ייִדן פון שטאָט זענען געקומען און גע־התמעט). אין די שפּעטערע יאָרן האָב איך פאַרשטאַנען און באַגריפן דעם חוזק־שפּיצל פון מײַן רבינס אויפטו.

נאָך דער תּקופה „פּעטשאַיעווער״, האָט מײַן ברודער משה אויפגעזוכט אַ „בע־סערן״ מלמד, — בועז ישפה, — אַ ליטוואַק; ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז ר׳ צבי צביק האָט שוין נישט גענוג תּורה פאַר מיר און מײַנע חברים. כאָטש איך און אויך מאַנכע פון מײַנע חברים פון חדר האָבן נישט אײַנגעשטימט מיט אָט דער סברא. מיר פלעגן טאַקע אָפּט, אין פרײַע שעהן, גײן אין פּעטשאַיעווער חדר און זיך דאָרט אײַנהערן, ווען ער האָט מיט זײַנע תּלמידים געלערנט.

מײַן רבין בועז האָט עס נישט געשמעקט און ער פלעגט רעאַגירן מיט אָפענער שנאה צו מיר, און זייער אָפּט אויך זיך אויפקאָכן מיט ווילדן כעס קעגן מיר. דרײַ זמנים האָב איך געלערנט בײַ בועז ישפה אין חדר. דעם לעצטן זמן, ווינטער, האָב איך דערגרייכט צו בר־מצווה. ער, בועז, האָט מיך אויך געלערנט לײענען אין דער תּורה און האָט שטענדיק שטאָלצירט, ממש אַנגעקוואָלן, ווען איך האָב מיט מײַן שײן, יונג שטימעלע געלײענט און האָב אויסגענומען בײַ די צוהערער, לײענענדיק אין דער תּורה שבת פאַרנאַכט, צי אין אַ מאָנטיק אָדער אַ דאָנערשטיק אין דער פרי.

אויך די הפטורה לײענען האָט ער מיך געלערנט, לויטן ליטווישן נוסח, וואָס איז בײַ אונדז אין שטאָט געווען אַ נײַע און טשיקאַווע געשעעניש.

נאָך בועז ישפה, האָב איך באַקומען אַלס מורה־דרך אײנעם מיטן נאָמען פּישי־ליעוויטש, אַ יונגערמאַן, אין גאַנצן אַ יאָר פינף און צוואַנציק אַלט, אַ באַלערנטער, אינטעליגענטער און אָנשטענדיקער מענטש.

מײַן ברודער משה, וועלכער האָט געזאָרגט פאַר מײַן חינוך און פאַר מלמדים פאַר מיר, האָט שוין צו יענער צײַט חתונה געהאַט און אַוועק אין אַ צווייטן שטעטל ווינען, און איך האָב שוין אַליין געדאַרפט זאָרגן וועגן אַ נײַעם מלמד.

פינף תלמידים זענען מיר געווען בײַ פּישיליעוויטשן, מער האָט ער נישט גע־קענט צוזאַמענעמען צוליב דער רדיפה פון בועז, וועלכער האָט אין אים געזען אַ געפערלעכן קאָנקורענט. ער, בועז, איז געוואָרן זײַן דם־שונא און האָט אָנגעפירט קעגן אים אינטריגעס. מיר, די תלמידים, דאַקעגן, האָבן פּישיליעוויטשן זייער ליב באַקו־מען און מיר האָבן בכבודיק געשעצט זײַן האַלטונג און באַנעמונג. אָבער דער אומ־גליק האָט אים נאָכגעיאָגט. בלויז דרײַ חדשים נאָך זײַן אײַנאָרדענען דעם „חדר״ איז ער קראַנק געוואָרן, האַלב אָדער מער פּאַראַליזירט געוואָרן, און וויפל די צוויי דאָק־טוירים וואָס האָבן אים באַהאַנדלט האָבן זיך נישט באַמיט אים צו ראַטעווען, האָט דאָס נישט געהאָלפן. צוויי חדשים נאָך זײַן אַוועקפאַלן קראַנק איז ער געשטאָרבן. כבוד זײַן אָנדענק.

אין שפּעטערע יאָרן, ווען איך און אַ פּאָר חברים מײַנע האָבן אַנאַליזירט די סי־בות און פאַקטן וואָס האָבן געפירט צו זײַן קראַנקײַט, זענען מיר געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אין רעזולטאַט פון זײַן שטאַרקער סעקסועלער אויפרעגונג און פלור־צימדיקער אָפּשטויסונג, אָדער פאַראַכטלעכער פאַרפרעמדונג, איז ער, פּישיליעוויטש טיילווײַז פאַראַליזירט געוואָרן. און זײַענדיק בטבע זייער אַן ערנסטער און אָרנטלע־כער מענטש, האָט ער דאָס נישט געקענט איבערטראָגן און איז געפאַלן אונטער דער משא פון די שווערע פּיזישע לײַדן.

3. — אַרוים פון די קינדער־שיכלעך

עפּעס וועגן מײַן ווערן בר־מצוה און מײַן ווײַטערדיקן שטודיום ביז מאַטורע שפּראַצונגען.

אין דעם טאָג ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייגט די תפילין, אונטער דער השגחה פון מײַן רבין בועז, איז געווען אַ גרויסער יום־טוב בײַ אונדז אין שטוב. עס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַן „אָרים־מאָלצײַט״ און פון עלף אַרום אַזייגער פאַרמיטיק ביז אַרום צוויי נאָכמיטיק זענען דורכגעגאַנגען מער ווי אַריבער זעכציק אָרעמע־לײַט וואָס האָבן באַקומען אָפּצועסן אַ וואַרעמען מאָלצײַט, אַ לאַבן ברויט און פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס אין מזומן, אָנווינטשנדיק בײַם פאַרלאָזן אונדזער הויז, כלערליי ברכות. און אין אָוונט איז געפראַוועט געוואָרן אַ סעודה פאַר בני המשפחה און כיבוד מיט אַ ברייטער האַנט אויך פאַר אַנדערע געסט.

מײן מוטער איז געװען איבערגליקלעך; זי האָט געשטראַלט פֿאַר נחת, — דער־לעבט דעם מיזיניקלס בר־מצווה, און — זי האָט מיך, דעם קרבן, באַגאָסן מיט טרערן יעדער מאָל װען אַ גאַסט האָט געזאָגט אַ גוט װאָרט װעגן מיר, װי אַ פֿעיִק און װױל־לערנענדיקער קינד.

מײנע שװעסטערס האָבן אױך צוגעהאָלפֿן דער מאַמען אין אירע יללות און האָבן אױך אַרױסגעװיזן גרױסע פֿרײד־געפֿילן בעת מען האָט מיך געלױבט פֿאַר מײנע מעלות אין לערנען.

***

נאָך מײן בר־מצווה־פּעריאָד און מײן טרױער אױפֿן טױט פֿון מײן יונג־פֿאַר־שטאָרבענעם מלמד און פֿרײנט פּישיליעװיטש (איך האָב אַ גאַנצן יאָר געזאָגט קדיש נאָך אים.), האָט זיך בײ מיר אַנטװיקלט אַ שטאַרקער װילן און לוסט צו לערנען אין אַ ישיבה. איך האָב טעג און נעכט געקלערט און געטראַכט און אױסגעאַרבעט פּלע־נער, װי אַזױ צו רעאַליזירן מײן װוּנטש. אָבער זײענדיק זײער װײט פֿון װעלכער ס'איז שטאָט, װוּ אַ ישיבה געפֿינט זיך, און נישט באַזיצנדיק קײן מאַטעריעלע מיט־לען אױף הוצאת־הדרך און אױך צוליב מײן פּראָװינציעלן אײנפֿאַכן שטײגער פֿון לעבן, האָב איך צו מײן געשטרעבטן ציל נישט געקענט קומען.

איך האָב געפֿילט אין זיך גרױסע, ברײטע און שאַרפֿע פֿעיִקײטן און אױך אַן אומבאַגרענעצטן ברענענדיקן דראַנג צו אַנטװיקלען מײנע לערע־באַדערפֿעניש, אָבער ס'איז נישט געװען װער עס זאָל מיר אין דעם העלפֿן, מיר מדריך זײן — און איך בין פֿאַרבליבן אין דער הײם. איך האָב נאָך פֿאַרגעזעצט מײן שטודירן בײ אַ יאָר צײט, פּריִער אין אַ נײ־געעפֿנטער, האַלב־מאָדערנער שולע און שפּעטער געלערנט בײ אַ רוסיש־לערער, אַ האַלבער אינטעליגענט, מיט זײער באַגרענעצטע פּעדאַגאָגי־שע פֿעיִקײטן. און צו מײן פֿופֿצעטן געבױרן־טאָג, אָדער עטװאָס שפּעטער, בין איך אַרײן אין אונדזער לעדער־געשעפֿט, װי אַן אַרױסהעלפֿער.

אונדזער לעדער־פֿאַבריק איז שױן זינט אַ לענגערע צײט געװען געשלאָסן. די סאַניטאַרע רעגירונגס־קאָמיסיע האָט אױסגעפֿונען, אַז די פֿאַבריק געפֿינט זיך שױן איצט אין צענטער פֿון שטאָט און איז אַ געפֿאַר פֿאַר דעם געזונט פֿון די אײנװױנער, צוליב די שלעכטע ריחות װאָס זי ברענגט אַרױס.

מײן אַרבעט אין אונדזער לעדער־קראָם איז מיר נישט געװען צום האַרצן. איך האָב בכלל נישט ליב געהאַט דאָס מסחר־לעבן און האָב איבערהױפּט פֿײנט געהאַט דעם קרײז מענטשן, מיט װעלכן איך בין געניט געװען דעם זעלבן מסחר צו פֿירן און טײלן; איך מײן דאָ דערמיט די שוסטערס, — אַ פּראָסט, נידעריק קולטורעל און פֿאַרגרעבט געזינדל, מיט אַ היפּשן פּראָצענט שיכורים צװישן זײ. איך האָב שטאַרק געליטן גײסטיק און האָב פֿאַרשאָלטן מײן מערכה.

און כדי צו פאַרבעסערן מיין פּיינלעכע שטימונג, האָב איך דאָס שטענדיק געזוכט אין לייענען, אַ מאָל אויך אָנשרייבן אַ שיר אין העברעיש, ווי אויך אין דער געזעלשאַפט פון מיינע בעסטע צוויי חברים, צו וועלכע איך בין געווען צוגעבונדן פיל מער ווי צו מיין לייבלעכן ברודער שלמה. מיינע צוויי חברים, אברהם רויזענצוויט און משה פּאַגעס. מיט זיי האָב איך שטענדיק געטיילט מיינע פריידן און ליידן, ווי אויך אויסצוטוישן מיינונגען וועגן געלייענטע ביכער, אָדער אַרטיקלען אין די דעמאָלטיקע צייטונגען „הצפירה" און „המליץ". איך האָב אויך געהאַט נאָך צוויי חברים, מיט וועלכע איך בין געווען זייער אינטים און היימיש. און אַט די אַלע פיר חברים מיינע האָבן מיך ליב געהאַט, געשעצט און מיר פאַררעכנט פאַר זייער וועגווייזער און בעל־יועץ.

איך האָב שוין צו יענער צייט געהאַט אַ כמעט פעסטן און באַשטימטן לעבנס־פּראָגראַם — ארץ־ישראל. ווי די היים פון מיין צוקונפט און אויך די היים פון מיין פאָלק. אַלץ, וואָס כ'האָב ביז צו יענער צייט געלייענט, איז געווען אין דער העברעישער שפּראַך, און איך האָב מיך פאַרטיפט אין דעם וואָס כ'האָב געלייענט, און אויך דורכגעטראַכט. געוויס. — סענטימענט און כוח הדמיון, פאַנטאַזיע, האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף מיין געדאַנקענגאַנג און האָבן געלייגט זייער חותם.

דער עיקר יסוד פון מיין חיבת־ציון איז געווען דער אינהאַלט פון די ביכער „אהבת ציון" און „אשמת שומרון" פון אברהם מאַפּו ז"ל. און אין אַלגעמיין איז דאָס יידישע פאָלקס־געפיל אין מיר, אין מיין וועזן, באַקרעפטיקט געוואָרן מיט מיין איבערלייענען דאָס בוך „עיט צבוע" פון א. מאַפּו, דעם „התועה בדרכי החיים" און „קבורת חמור" פון פרץ סמאָלענסקי און נאָך ענלעכע ביכער, אָדער לידער פון אליקום צונזער, אברהם גאָלדפאַדען, א. ב. גאָטלאָבער, י. ל. גאָרדאָן, ר' יהודה הלוי און אַנדערע, ווי אויך — און אפשר טאַקע עיקרדיק — מיין טיפער וויסן און שטודירן פונעם ספר הספרים — תנ"ך.

עס האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט אַ פיינע טענאָר־שטימע. איך האָב זייער ליב געהאַט צו זינגען און איך פלעג אַלע יידישע נאַציאָנאַלע לידער זינגען מיט געשמאַק, האַרציק און אָפט מיט טרערן. (באַמערקונג: צו ניין, צען און עלף יאָר האָב איך געזונגען ביי אַ חזן, געהאַט אַ פיינע אַלט־שטימע).

4. — ציוניסטישער באַוווסטזיין

1898—1899, שפּראָצונגען פונעם פּאָליטישן ציוניזם. יידן, בעלי־בתים, מאַכן אַן אסיפה, רופן צונויף „חובבי־ציון"־טרוימער און מ'רעדט וועגן ד"ר הערצל, וועגן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און עס רודערט זיך און עס בלייבט — מען דאַרף זען עפּעס טאָן. עס ווערט געגרינדעט די ערשטע גרופּע „ציוניסטן", מיט אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשידנאַרטיקע, ווייט פונאַנדערגעטיילטע צווישן זיך עלעמענטן,

אָבער מיט איין היילִיקן צוועק — אויפנעמען די נייע אידעע און נאָכפאָלגן אירע טריט, פּראַקטיש און אויפריכטיק.

און איך, אַ 15-16־יאָריקער בחור׳ל, האָב געוואָגט צו קומען אויף דער צווייטער אסיפה פון דער ניי־געגרינדעטער חברה און האָב פאַרגעלייגט מיין מיטאַרבעט און הילף. די עלטערע יידן האָבן מיך באַטראַכט, ווער מיט אַ חוזק־געפּיל, ווער מיט אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט און אַנדערע אויך מיט אַ פריינטלעכן שמייכל. איך אָבער האָב נישט נאָכגעלאָזן און בין באַשטאַנען אויף מיין אָנבאָט און צוגעגעבן, אַז איך האָב צוגעגרייט אַ קורצן פאָרטראַג פאַר דער פאַרזאַמלונג. דאָס האָט שוין מאַנ־כע אַרויסגעבראַכט פון די כלים. אָבער נאָך אַ קורצן און אַפילו פריינטלעכן אויסטויש פון אַרגומענטן, איז באַשלאָסן געוואָרן מיך אויסצוהערן. ווען איך האָב געענדיקט מיין מליצהדיקן חיבת־ציון באַפעפערטן דרוש, האָבן אַלע, כמעט אָן אויסנאַם, פריינט־לעך געשמייכלט און אייניקע האָבן מיר גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע — „אחינו אתה״. איך בין אויפגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד. און פון יענעם טאָג אָן און ביז מיין פאַרלאָזן מיין געבורט־פּלאַץ, האָב איך אויף קיין איין טאָג נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט די ברייטע, פאַרשידנאַרטיק־פאַרצווייגטע און איבערגעגעבענע אַרבעטן פאַרן ציוניסטישן אידעאַל, ווי אויך פאַר דער קולטורעלער דערהויבונג פון מיינע מיטברי־דער אויף יעדן געביט, וווּ נאָר די מעגלעכקייט האָט דערלויבט און צוגעבראַכט, פריִער אונטער דער אָנפירערשאַפט פון עלטערע, געניטערע און מער דערפאַרענע און שפּעטער אַליין אָנגעפירט מיט דער הילף פון אַנדערע. איך האָב זיך געווידמעט דער ציוניסטישער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט מיט מיין פולן ברענענדיקן יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט, און פאַרשטייט זיך, אויך שטיצנדיק זיך אויף מיין פעסטן פיזישן כוח און אויסדויער, וואָס האָט זיך געפאָדערט ביים דורכפירן די אונטערגענומענע אויפגאַבן.

5. — זוימען פון מיין ברוויזנדיקער צוקונפט

1901 — אַ נייע ווענדונג אין מיין ענגן קולטור־וועלטל, אַן אויפברויזנדיקע פאַ־סירונג אין מיין גאַנצן אַרומנעם. צוויי אויפטרייסלונגען, ווייט פונאַנדערגעטיילטע אין זייער צוזאַמענהאַנג פון ביידע באַנאַנדער, אָבער גלייכצייטיק זענען זיי ביידע געווען און פאַרבליבן ווי די אָנגעזעענסטע און וויכטיקסטע געשעענישן אין מיין לעבן: יידיש טעאַטער און מיין צוקונפטיק פאַרבינדן זיך מיט מיין לעבנס־באַגליי־טערין. און ביידע, אָט די צוויי וויכטיקע מאָמענטן האָבן זייער אָנהייב אינעם סוף פון יאָר 1901.

צו אונדז אין שטאָט איז געקומען אויף אַ באַזוך צו זיינעם אַ ברודער אַ „ליט־וואַקל״, קלמן ביילִיס, פונעם שטעטל האָראָדאָק, גראָדנער גובערניע. אַ יונגער און

באַגאַבטער בחור, וועלכער האָט אין זיין היימשטעטל שוין געהאַט הינטער זיך „אַ טעאַטראַלע פאַרגאַנגענהייט".

ביי אונדז אין דובאָסאַר איז אָט דער גאַנצער ענין נאָך געווען פרעמד און אומ־באַוווסט. ייִדיש טעאַטער האָט מען ביי אונדז דאַן פאַרבונדן מיטן נאָמען גאָלדפאַדען, און גאָלדפאַדען איז ערגעץ דאָרט, אין וויטע מקומות. ער, גאָלדפאַדען, איז אַפילו איין מאָל יאָ אָראָפּגעקומען צו אונדז אויף „גאַסטראָלן", אָבער דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק, ווען ייִדן האָבן געווייכט פון ייִדיש טעאַטער, וואָס שמעקט מיט הפקרות, מיט אויסגעלאַסנקייט, מיט „נאַרישע פוסטע מעשיות". און ווייל גאָלדפאַדען איז דאַן כמעט ווי פאַריאָגט געוואָרן פון שטאָט, איז אויך דער גייסט, דער ריח פון טעאַטער, ווי פאַרטריבן געוואָרן און פון גאָלדפאַדענס זכר איז קוים אַ שאָטן פאַרבליבן. און דאָ, פלוצים — אַ ליטוואַקל, וואָס רעדט פון טעאַטער, וואָס האָט אַליין — שומו שמים — געשפּילט טעאַטער; אַליין אויפגעפירט, רעזשיסירט ייִדיש טעאַטער.

ער האָט געפונען, דער ליטוואַק, אויפמערקזאַמע אויערן, אַפילו אָפענע הערצער צווישן אונדז יונגע חברה. מיר, יונגער עולם, איך און אַ צאָל פון מיינע חברים, — אין אונדז האָט געברויזט שטורעם און ווירקנדיקער כוח וואָס האָט זיך געריסן אין דרויסן; עפּעס אויפטאָן, אין עפּעס זיך אָנכאַפּן, זיך אָנהאַלטן און דאָס צעברעכן, צעפלאַקערן. און דאָ, — אַ ליטוואַק מיט ייִדישע לידער, ייִדיש טעאַטער און פון אַ וויטער מאָדנער וועלט. וואָס לאָקט, רופט, ציט, פאַרכאַפּט.

מיר האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם פרעמדן ליבן בחור; געקלעפּט אַרום אים ווי בינען אַרום אַ בינשטאָק. און — אין זייער אַ קורצער צייט האָט ער מיט אונדז איינ־שטודירט און אינסצעניזירט „דאָס ליד פון ברויט" פון מ. מ. וואַרשאַווסקי. עס איז גראָד געווען יום־טוב צייט, האָבן מיר חוה"מ סוכות איינגעאָרדנט אַ יום־טוב־אָוונט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן פּראָגראַם פון געזאַנג, מוזיק און רעדעס און מיר, אַ צאָל יונגע בחורים, זענען אויפגעטרעטן צום ערשטן מאָל אין דובאָסאַר, אין אַ טעאַטער־בילד „דאָס ליד פון ברויט".

דאָס בינעלע. — אַ ווינקל אין אין „הערשל־חייקלס חתונה־זאַל"; אויפן בינעלע — עטלעכע בינטלעך שטרוי, און 16־18 יאָריקע בחורים. געקליידט אין העלע הויזן און ווייסע העמדלעך, מיט אייזערנע פעלד־ווידלעס אין די הענט, האָבן מיר מיט פייער און ברען געהויבן און געוואָרפן די שטרוי, אָט אַהער און אָט אַהין און געזונ־גען און זיך פאַרגאַנגען אין „דאָס ליד פון ברויט":

גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער,
אונדזער הילף ביסטו אַליין.
נעמט צונויף די סנאָפּעס ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין!

דאָס נעבעכדיקע בינעלע, באַלויכטן מיט בענגאַלישן פייער; די זיך באַוועגנדיקע סילועטן פון די פרישע יוגנט־כוחות, ווי כישוף־סטרונעס אָנגעצויגן אויף אַ שמונה־עשרהדיקן טאָן, אָדער ווי שמעקנדיקע אתרוגים באַהאָפטענע, צושאָקלענדיקע לול־בים, אויסיובלענדיק — אנא ה׳ הושיעה נא! האָבן מיר, יונגע, קרעפטיקע בחורים, צעוואָרעמטע און צעגליטע, מיט דונער־שטימען, האַרפנמעסיק און ליבלעך געצויגן, פריילעך און אויך תחינהדיק:

„לאָז די זון אונדז בריען־בראָטן,
די האָט אונדז געשיינט צום גליק.
זעט — דאָס ברויט איז אונדז געראָטן!
קינדער — קיין מאָל נישט צוריק!“

דער זאַל האָט געהילכט און רוישיק האָבן געשטורעמט די בראַוואָ־אויסגע־שרייען און די בראַוואָ־געפּליעסקערייען. דער עולם איז מיטגעריסן געוואָרן, אַפילו אָנגעהויבן מיטציִען דעם טאָן, מיטזינגען מיט האַרציקייט גאַנצע סטראָפן.

דער שפּראַך פון יידיש טעאַטער איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקן וואָ־רעמען אויפנעם. דאָס ליטוואַקל איז געוועזן באַרוישט, צעטומלט. ער האָט דאָס אויף אַזוי פיל נישט דערוואַרט. מיר אַלע — איבערגליקלעך.

6. — פייערלעך פלאַמען אויף

מיין ציוניסטישע אַרבעט איז שוין איצט דורכגעוועבט מיט פעדעם פון רוח־ניותדיקער אויפלעבונג פון יידישן גייסט מחוץ דער פּראַקטישקייט פון תחית העם. איך האָב אָנגעהויבן זען אין דער אַנטוויקלונג פון יידישער רוחניותדיקייט צווישן ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג דעם באַדן פאַר פּראַקטישער דער־מעגלעכונג פון נאַציאָנאַל־ציוניסטישן פאָלקס־אידעאַל. און כאָטש מיין באַגריף וועגן קולטורעלן איינפלוס אויף דעם רויען פאָלקס־שטייגער, איז נאָך אַלץ געווען אַ ביסל רוי און נישט קריסטאַליזירט, דאָך האָב איך שוין דאַן אָנגעהויבן פאַרבינדן דעם באַנוץ פון קולטורעלער פאַרוואָרצלונג פון יידישע ווערטן, פון יידישער עטיק און אויך יידיש־היסטאָרישע, פּאָליטישע געשעענישן מיט דער פּראַקטישקייט פון פּראָ־פּאַגירן דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע ליד און אויך די אָראָפּשיינענדיקע ליכט־עפעקטן פון דער יידישער בינע.

און ווי איינפאַך און אָרעם עס איז נאָך דאַן געווען דער יידישער רעפּערטואַר בכלל און דער עכאָ פון יידישן טעאַטער בפרט אין אונדזער שטאָט, דאָך האָב איך דערזען אין דעם אַ שטאַרק געווער אוןווירקזאַמען פּראָפּאַגאַנדע־געצייג אין קאַמף מיט דער גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט פון אונדזערע שטאָט־מענטשן. איך האָב דערפאַר זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן, מיט אַלע מיינע יוגנט־כוחות אין

דעם געווירבל, וואָס דאָס „ליטוואַקל" האָט פּאַר אונדז פונאַנדערגעוויקלט. איך האָב נישט געלאָזט זיך אָפּקילן אין דעם וויכערדיקן געברויז פון דער געשאַפענער דאַמף־אַטמאָספער, ווי אַ פּועל־יוצא פון „דאָס ליד פון ברויט".

***

די ערשטע וואָך נאָך סוכות האָבן מיר געהאַט אונדזער צוזאַמענקום מיט קלמן ביילים. אַלע „אַקטיאָרן" פון „דאָס ליד פון ברויט" זענען געווען אַנוועזנד און איך האָב נאָך מיטגעבראַכט 6־8 אַנדערע יונגע חברה און ער, ק. ביילים, האָט פאַר אונדז פאַרגעלייענט דאָס טעאַטער־שטיק „זרובבל", אַ מעלאָדראַמע אין פינף אַקטן פון מ. ל. ליליענבלום. די האַנדלונג קומט פאָר אין דער צייט פון „יציאת־בבל". דאָס שטיק פאַרמאָגט אויך אייניקע לידער מיט סענטימענטאַלן אויסדרוק, אָדער הינטערגרונט אויף דער נאַציאָנאַלער שיבת־ציון ליניע, לידער אין סאָלאָ און אַנסאַמבל־פאָרעם.

פון די 14־15 ראָלן אין דער מעלאָדראַמע זענען מיר צוגעטיילט געוואָרן דריי ראָלן: אין ערשטן אַקט — ישעיה, אַ גרויסער אָראַטאָר (נישט ישעיה הנביא); אין צווייטן אַקט — כרש מלך פרס, און אין פערטן און פינפטן אַקט — שראצר, דער „ליבהאָבער". קיין פרויען האָבן מיר נישט געקענט קריגן פאַר ראָלן און די צוויי פרויען־ראָלן אין דער פּיעסע האָבן דעריבער געשפּילט בחורים. מיין „געליבטע" איז געווען בערעלע מאַלער, אַ בחור מיט פעך־שוואַרצע האָר, רויטינקע בעקלעך און ברענענדיקע שוואַרצע אייגעלעך. און ווען מען האָט אים נאָך אַ קאַפּעטשקע צוגע־פאַרבט די בעקלעך זיינע, אים אויסגעשטאַט מיט אַ „פיגור" און צוגעווייסט אַ ביסל די שפּראַצנדיקע שוואַרצע וואָנסעלעך, האָט ערווירקלעך אויסגעזען ווי אַ שיין מיידל — אַן אמתע „ליבהאָבערין".

אַ חוץ מיינע דריי צוגעטיילטע ראָלן, האָב איך נאָך אונטערגעקנעלט ווי אַ סטאַ־טיסט אין דריטן אַקט, ווי אַ שיכור ביי דער מלכותדיקער סעודה פון קעניג בלשאצר, די באַוווסטע סעודה מיט דער פּחד בהלה „מנה, מנה תקיל ופרסין".

איך האָב אויך געהאָלפן „שלעפּן" מאַנכע פון די ראַליסטן צו די רעפּעטיציעס, און צוזאַמען מיט אַנדערע חברים אויך געהאָלפן אין צוזאַמענשטעלן דעם גאַרדע־ראָב, דורך איינקויפן סחורה און אַ פּאָר חברטעס, שטילע טעאַטער־סימפּאַטיזירע־רינס, האָבן אויפגענייט די נייטיקע קליידער, אין אָריענטאַלן סטיל, האָבן אויך איינ־געשאַפט בערד, פּאַרוקן און נאָך אַנדערע רעקוויזיטן. איך, איינער אַליין, האָב גע־טראָגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם פינאַנסיעלן דרוק אויף די צוגרייטונ־גען, ביז עס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען מזומן געלט פון די ערשטע פאַרקויפטע בילעטן. און ווען עס איז שוין געווען נאָענט די צייט פון דער אויפפירונג, האָב איך אַנגאַזשירט, געדונגען הייסט עס, די שטאָטישע טעאַטער־געביידע, ווו דער גוייִשער דראַמקרייז פלעגט, נישט זייער אָפט, שפּילן טעאַטער. די געביידע, נישט קיין גרוי־

סע, אָבער גערוימע, מיט אַ בינע דווקא אַ רחבותדיקע. די לעצטע וואָך פאַר דער פאָרשטעלונג האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש דורכצופירן אונדזערע פּראָבעס אויף דער בינע. חברה האָבן דערפילט אַז אָט־אָט און מיר שפּילן טעאַטער, מיר טרעטן אַרויס פאַר אַ גרויסן עולם ייִדן צום ערשטן מ... ...ין אונדזער לעבן. און דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט גערעגט, געלאָקט, צוגעגעבן מוט, קוראַזש. און פּלוצים — שטיי, מאַך אַ פויזע. מיר מוזן האָבן אַ דערלויבעניש פון דער רעגי־רונג צו שפּילן טעאַטער, און דאָס האָט געמיינט — גיין צום פּריסטאַוו, די העכסטע באַטשאַלסטווע פון שטאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַלעמיק — מי ומי ההולכים. בישט יעדער האָט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט נאַטשאַלסטווע. „יהללוהו כל צבאיו" — האָבן פיל געטענהט, זאָלן אַלע הינט האַנדלען מיט זיי. קיינער וויל זיך נישט פאַר־טשעפּען מיט די בייזע גויים. שלעכט, ביטער, אַלץ אויף מיין קאָפּ. איך האָב אָבער נישט פאַרלוירן דעם מוט. איך האָב אויפגעזוכט מיינעם אַ באַקאַנטן, ר' שמעלקע מלמד, וועלכער, ווי איך האָב געוווּסט, איז אַ שטיקל מחותן מיט די „הויכע פּענצ־טער", אַ קרוב למלכות, און איך האָב פאַר אים פאַרטרויט אונדזער „אומגליק" און אים געבעטן אונדז העלפן.

און פּלאַי־פּלאַים. ר' שמעלקע האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: — דו נעם מיט זיך דאָס ביכל „זרובבל", און פאַר היימלעכקייט וועגן, נעם אויך מיט אין קעשענע אַ דרייערל (3 רובל) און מאָרגן אין דער פרי קום צו מיר נײַן אַ זייגער און מיר וועלן גיין צום פּריסטאַוו. איך האָף אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. און כך הוה. אויף צו מאָרגנס, אין דער באַשטימטער שעה, זענען מיר ביידע געשטאַנען אין דער קאַנצע־לאַריע פון פּריסטאַוו. און ווען ער, דער אַדון, האָט מיט אַ פרייַנטלעך־שמאַלציק שמייכעלע דורך זיינע ברילן געוואָרפן אַ גנבהשן בליקעלע אויף מיין בעל־טובה, האָט ער מיט אַ באַסאָווער שטים אַרויסגעברומט:

— נו, טשטאָ, שמעלקאָ, וו'טשאָם דיעלאָ? — וועגן וואָס, הייסט עס, האַנדלט זיך עס.

שמעלקע האָט אים איבערגעגעבן אין קורצן אין וואָס דאָ גייט און האָט אים דערביי העפלעך־מאַניריש דערלאַנגט דאָס ביכל, ווי איינער רעדט: נאַ, זע, פריץ־לעבן, עס איז בפירוש אָנגעשריבן „דאָזוואָליענאַ צענזוראָיו", כשר וישר. דער פּריס־טאַוו האָט, נעמענדיק דאָס ביכל אין האַנט, דאָס באַטראַכט פון אַלע זייטן, עס אויפ־געעפנט און גנביש־פאַרזיכטיק אַריינגעצויגן דאָס דרייעל אין דער האַנט אַריין. איך האָב בשעת־מעשה געמאַכט זיך תמעוואַטע, ווי איך זע גאָרנישט. און געזאָגט האָט ער, דער פּריסטאַוו, שוין אַ ביסל מער אויפגעלייגטער:

— דאַ, טאַק זנאַטשיט נאַדאָ ראַזרעשעניע.

און ער האָט געראָטן צו שיקן אַ טעלעגראַמע צום איספּראַווניק אין טיראַספּאָל און שרייבן: „אויעזדנאָמו איספּראַווניקו, טיראַספּאָל. פּראָשו ראַזרעשיט יעווריסקאָ־

ניעמעצקי, דאַמאַשני, בעזפּלאַטני ספּעקטאַקל״. איך זאָל אונטערשרייבן מיין נאָמען און פאַמיליע־נאָמען און וואַרטן אויף אַן ענטפער. ער וועט אונדז לאָזן וויסן, ווען דער ענטפער וועט צו אים אָנקומען.

איך מוז דאָ באַמערקן, אַז איך האָב מיך געפילט זייער אומבאַקוועם. ער הייסט מיר, דער פּריסטאַוו, שרייבן און בעטן אַ דערלויבעניש אויף אַ יידיש־דייטשן, היי־מישן, אומזיסטן, אַן געצאַלט, ספּעקטאַקל; בעת איך ווייס, אַז מיר שפּילן אויף פּראָסט יידיש לשון, אַ זאַפטיקן ליליענבלום־יידיש און מיר שפּילן אין „גאָראָדסקאָי טעאַטער״, עפנטלעך הייסט עס און נישט היימישלעך, און — מיר פאַרקויפן בילעטן פראַנק און פריי. איך האָב געציטערט פאַר אויפרעגונג, נאָכדענקענדיק וועגן די אַלע האַרבע עבירות, וואָס איך נעם זיך אונטער צו באַגיין.

שמעלקע האָט מיך באַרויִקט.

— נאַריש יינגל, — האָט ער וויך מיך אויסגערעדט, — אָט די אַלע עבירות פאַר וועלכע דו האָסט אַזוי מורא, זענען נישט ווערט אַ דרייער קעגן דער גרויסער מצווה פון — פון שפּילן יידיש טעאַטער.

איך האָב זיך באַרויִקט. אפשר טאַקע איז דער ייִד גערעכט, — אַ חכם אַ ייִד, אָט דער ר׳ שמעלקע.

אויפן דריטן טאָג נאָך מיין שיקן די טעלעגראַמע איז געקומען אַ פּאָליצייסקע: דער פּריסטאַוו רופט מיר, איך זאָל שוין באַלד קומען צו אים.

איך בין נאָך אַ מאָל אַוועק צו שמעלקע מלמד און ער האָט מיר געראָטן ווידער אַ מאָל איבערחזרן דעם זעלבן שפּיל ווי דעם לעצטן מאָל: מיטנעמען דאָס ביכל און פאַר אַ סגולה צום גוטן, אויך אַריינלייגן אַ דרייערל צווישן טאָוול און ערשטן בלאַט. מיר זענען ביידע אַוועק אַהין און אַריינקומענדיק אין דער קאַנצעלאַריע האָט דער אָדון, דערזעענדיק דאָס ביכל אין שמעלקעס האַנט, זיס לאַקרעצדיק אַרויסגעפּראַלט: יעסט ראַזרעשעניע. שמעלקע האָט אים דערוויייל אונטערגערוקט דאָס ביכל, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן: — אָט, זעסט, אַדוני פּריץ, מיר פאַרשטייען אַן עסק. דער פּריסטאַוו האָט, עפענענדיק דאָס ביכל אָנגעהויבן קונציק קאַטשען דאָס דרייערל און דערביי געלייענט פון דער טעלעגראַמע אַרויס: „אַביאַוויטיע אייזיקו גוראָוויטשו טשטאָ יעוורייסקאָ־נימעצקי, דאָמאַשני, בעזפּלאַטני ספּעקטאַקל ראַזרעשאַיו״. און ווען שמעלקע האָט אים באַדאַנקט פאַרן חסד, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום טיר, האָט ער, דער פּריסטאַוו, מיט אַ געמאַכטן געבייזער, כמעט באַפעלעריש, אַ זאָג געטאָן:

— זעט זשע, איך וועל זיין אין טעאַטער, און אויב איר וועט שפּילן אין יידיש און נישט אין יידיש־דייטש, וועל איך הייסן אַרונטערלאָזן דעם פאָרהאַנג.

מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם פּשט פון אָט דעם סטראַשונעק, — אַז ער וועט אין טעאַטער נישט זיין. מיר האָבן זיך גוט פונאַנדערגעלאַכט, ווען מיר זענען שוין גע־ווען אין דרויסן פון יענער זייט טיר.

7. — יידיש טעאַטער און מײַן גורלדיקער מאָמענט

מאָנטיק, דעם 11טן דעצעמבער 1901. דער טעאַטער־זאַל איז געפּאַקט צום דער־שטיקט ווערן. די אָרדענונגס־האַלטער אַרבעטן אויף אַלע כלים. נישט דער עולם און נישט די אָרדענונג־האַלטער האָבן נאָך אַזאַ פּאַסירונג אין זייער לעבן נישט דורכ־געלעבט. אין דרויסן, לעבן דעם טעאַטער, אַ גרויסע מענגע נייגעריקע, פּאַר וועלכע עס איז שוין נישטאָ קיין פּלאַץ וווהין זיי אַריינצונעמען. די גאַלעריע, פון שטיינער צוזאַמענגעשטעלט אויף גיך, בחיפּזונדיק, האָט צוליב נויטווענדיקייט אַבסאָרבירט אַ היפּשע צאָל טעאַטער־שלינגער, וואָס האָבן באַצאָלט פאַרן זכות צו שטיין, אַבי זוכה זיין צו זען יידיש טעאַטער.

אַכט אין אָוונט. אַלע קעראָסין־לאָמפּן ווערן אויסגעלאָשן. אַ נייעס אין דובאַ־סאַר, — טעאַטער אין דער פינצטער גאָר. די בינע איז באַלויכטן דורך קעראָסין־לאָמפּן, וועלכע שטייען אַריינגעפּאַסט אין זיך־דרייענדיקע, דריי־פיר גאָרנדיקע היל־צערנע געשטעלן אין ביידע זייטן פון דער בינע, ביי דער ראַמפּע. אין זאַל איז שטיל, יעדער האַלט איין דעם אָטעם. אַלע מיט אָנגעשפּיצטע, נייגעריקע אויערן: אָט־אָט און מען וועט זען יידיש טעאַטער.

און ווען דער פאָרהאַנג איז לאַנגזאַם אַרויפגעצויגן געוואָרן, האָבן די פאַרגאַפ־טע צושויער דערזען פאַר זיך אַ שלל פון אָריענטאַלישע פאַרבן אין דער דעקאָראַ־ציע, קליידונג און אויסשטאַטונג, אַ רייכטום פון קאָליר און וויזיע. אַ שטורעמדיקע אָוואַציע האָט אויפגענומען די שוישפּילער. און ווען דער ערשטער אַקט איז געווען פאַרענדיקט, האָבן די בראַוואָ־פאַטשערייען געדויערט און אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט.

***

וואָס הינטער דער בינע, פון יענער זייט קוליסן האָט זיך אָפּגעטאָן און וואָס עס איז פאָרגעקומען ביז אַלע צוגרייטונגען זענען געווען פאַרענדיקט; און ביז אַלע אַק־טיאָרן זענען געווען גרימירט, געקליידט און גרייט אויפצוטרעטן אויף דער בינע, — דאָס איז אַ שוידערלעך, פיינלעך קאַפּיטל אָן און פאַר זיך. די געשרייען, די זיד־לערייען און דער געפּילדער בכלל איז געווען אומבאַשרייבלעך און אומדערטרעגלעך. ביי איינעם האָט געפעלט די באָרד; ביי אַ צווייטן איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, האָט אָבער איין וואָנסע זיך געהאַט פאַרעקשנט און בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן הענגען אין דער ריכטיקער פּאָזיציע, ביז מען האָט געמוזט מיט קליי איר טאָן אַ פּאַטש אַריין אין דער באָרד און אים, דעם שוישפּילער, אין אַזאַ צושטאַנד אַרויס־לאָזן אויף דער בינע; ביי אַן אַנדערן, ווידער, האָבן זיינע קעסטלדיקע, אָריענטאַל־סטיליזירטע הויזן זיך נישט געוואָלט צוזאַמענקומען און אַזוי אַרום געשאַפן אַזאַ קאָמפּליצירטע, אומגעלומפּערטע און אומאָנגענעמע לאַגע, ווייל זיין קאַפּטאַן איז

דווקא געווען אַ קורצער און נישט זייער קיין ברייטער. און אַזוי איז אַלץ געווען מער־ווייניקער כאַאָטיש הינטער די קוליסן.

אָבער ווען דער פאָרהאַנג איז אַרויפגעצויגן געוואָרן, זענען אַלע, אַלע ווי דורך אַ כישוף־שטעקעלע, אַריין אין זייערע ראָלן, באַהויכט מיט דער נייטיקער מאָס פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און האָבן דורכגעפירט זייערע ראָלן, יעדער איינער לויט זיינע פעיִקייטן, אין דער בעסטער אָרדענונג.

עס איז נישט נייטיק דאָ זיך אָפּצושטעלן אויף געוויסע מאָמענטן, סצענעס, צי בילדער, אַהער דאָס שפּילן פון דעם אָדער יענעם אַנטיילנעמער. די פאָרשטעלונג איז דורכגעגאַנגען לויטן בעסטן ווונטש פון דעם רעזשיסאָר און אַלע אַנדערע פאַר־אַנטוואָרטלעכע פאַר דער גאַנצקייט פון דער זאַך. איין סצענע אָדער בילד וויל איך דאָ, נייִן — מוז איך דאָ יאָ שילדערן: אין דריטן אַקט, דער שלוס שטעלט פאַר דאָס פאַרלאָזן פון די גולי־בבל זייערע ווױן־פּלעצער, לאָזנדיק זיך אויף זייער לאַנגן וועג קיין ארץ־ישראל. יידן, מענער, פרויען און קינדער, מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס און כלערליי געפּעק אין די הענט רייסן זיך, שטופּן זיך, ווילן וואָס באַקוועמער זיך אַריינפּאַסן אין די מאַרשירנדיקע רייען אויפן וועג אַ היים. איינינקע, די עלטערע, די מער חשובערע, שרייען, טומלען: — שטופּט זיך נישט, וואָס אַרבעט איר מעשים, מיר'ן אַלע זיין אין ארץ־ישראל; קיינער וועט נישט בלייבן דאָ, אַבי ער וויל נאָר גיין מיט אונדז אַ היים!

און דאַן — די לאַנגע שורה וואַנדערט, מיט די פּעקלעך באַלאָדן, מיט שירי־ציון, וואָס שפּאַלטן די לופט, מיט התלהבות וואָס ברענט די ערד אונטער זייערע פיס, מאַרשירן זיי, גייען זיי, די גולי־בבל, באַוועגן זיך ווי הייליקע גייסטער אַנטקעגן אַ ווייט זיך שאָטנדיק, טיילווייז מדבּרדיקן געהיימנישפולן האָריזאָנט. און מיט די זיך ציִענדיקע, כמעט שוועבנדיקע, סודותדיקע מחנות, אַלץ ווייטער און ווייטער צום אומענדלעכן, אומהיימלעכן שטח, הייבט אָן צו טונקלען די נאָענטקייט ביז עס לעשט זיך אין גאַנצן אויס דער פּוסטער חלל צווישן די אויסוואַנדערער און דאָס דאָיִקע. און אין די מטושטשדיקע מינוטן־סעקונדן הייבן אָן די אויסגעדרייטע לאָמפּן, די אויסגעלאָשענע לאָמפּן אין זאַל וואַרפן זייער מאַטן שיין בעת דער פאָרהאַנג גייט, לאַנגזאַם און פוילבלעך, אַראָפּ־אַרויף, אַראָפּ־אַרויף עטלעכע מאָל.

דער עולם אין זאַל דערזעט זיך דאָ אַן אַלייניקער, אַ פאַרלאָזענער, זיי זענען נישטאָ מער, די גולי־בבל, אַלע, אַלע זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל.

אַט די אַלע בינע־עפעקטן אויף אַרויסצוברענגען די געוווּנטשענע אילוזיע־ווי־זיע, האָבן זיך געשאַפן און צוגעגרייט דורך דער דעקאָראַציע, אָפּנויגונגען און זייטן־ליכט. די ברידער וועלוול און נחמן קאַזאַצקער, ביידע מאַלערס, און אויך — און אפשר מער ווי אויך — האָט צו דעם אַלעם געהאָלפן זייער פריינט און שותף, דער מאַלער־קינסטלער מיט דער גאָט־געבענטשטער האַנט, דוד גוראָוויטש.

די סצענע, דאָס לעצטע בילד אין דריטן אַקט איז פאַרבליבן אַן אומפאַרגעס־לעכע, דערהויבענע געשעעניש; אַ בילד אַ לעבעדיקס, אַ שטראַלנדיקס, אַ בייסנדיקס, אַ מאָנענדיקס. פיל פון די צושויער האָט עס אַריינגעוואָרפן אין אַן אויפטרייסלענ־דיקער צעטומלעניש, אין אַן אויפגעשרויפטער צערודערניש, — צי זענען טאַקע יע־נע, אויף דער בינע, ווירקלעך אַוועק אַ היים און צי זענען זיי, זיי אַליין, אַט די צו־שויער, דאָ געבליבן פאַריתומט, פאַרוויסט און פאַרלאָזן.

אַ פיינלעכער אומעט האָט זיך גענומען שפרייטן אויף פיל געמיטער; אַ טרויער־בענקעניש האָט גענומען צופן אויף צעוואָרעמטע, צעוויטיקטע הערצער; — אפשר טאַקע איז פון יענער זייט, ביים האָריזאָנט און אַריבער אים, דאָך פאַראַן עפּעס צו וואָס די אַוועקגייער וועלן זיך צושלאָגן און עפּעס דערפון אויפבויען...

אָט די אַלע דערמאָנטע געפילן און געדאַנקען האָבן גענומען וועבן זיך און ווי־ברירן אין די מוחות און הערצער פון אַ סך פון די אָנוועזנדיקע אין טעאַטער אויף טעג און יאָרן נאָך דעם אפשר, האָבן זיי אויך געטראָגן דעם: —„שטופּט זיך נישט, מיר'ן אַלע זיין אין ארץ־ישראל, קיינער וועט נישט בלייבן דאָ, אַבי ער וויל נאָר גיין מיט אונדז".

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם טעאַטער, באַגלייט פון אַ גרויסע צאָל פאַרערער און סימפּאַטיזירער, וועלכע האָבן נישט אויפ־געהערט צו באַוואַרפן אונדז מיט ליוב־ווערטער און בכבודיקע אויסרופן. מיר זענען אַלע געווען זייער דערהויבן אין גייסט, אונדזער פרייד איז געווען אין לשער — אַוועקגעשטעלט טעאַטער אין דובאָסאַר אויף זיין געהעריקן פלאַץ, פאַרשאַפט אָנער־קענונג דעם יידישן וואָרט אויף דער בינע, פאַרפעסטיקט אַ ווערטפולע יידישע קול־טור־פּאָזיציע אין דעם אָפּגעשטאַנענעם דובאָסאַר. מיר אַלע, דער גאַנצער אַנסאַמבל, זענען פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ „סעודת־מצווה" דורך מיין שוועסטער פערל און איר מאַן ראובן באַרטניקער ביי זיי אין הויז. און אַ חוץ די באַטייליקטע אין דער אויפ־פירונג פון „זרובבל", זענען נאָך מיט אונדז מיטגעגאַנגען אַ צאָל פריינט, צווישן זיי אויך די צוויי יונגע מיידלעך — חייקע און איר שוועסטער חנה צעלניק.

און דאַן טאַקע איז עס געווען, ווען חייקע צעלניק האָט אויף מיר „געוואָרפן אַן אויג". מיין אויפטריט אויף דער בינע, איבערהויפּט מיין אָנטייל אין פערטן און פינפטן אַקט אַלס שראַצר, דער געליבטער, אָדער דער ליבהאָבער, האָט איר, חייקען, אַזוי באַצויבערט און האָט איר אַריינגעוואָרפן אין ליבע־קאָנוולסיעס, אַז זי האָט גלייך דאַן, יענעם אָוונט, זיך איינגעליבט אין מיר מיטן גאַנצן יוגנט־פייער פון אַ באַוווּער זעכצן־יאָריק מיידל. זי האָט דאָס טאַקע דעם זעלבן אָוונט פאַרטרויט איר יינגערער שוועסטער חנה.

ווען איך האָב באַגלייט זי און אַנדערע (צווישן זיי אויך איר עלטערן ברודער

משה) אַ פּאָר גאַסן אויפן וועג צו זייער היים, און געזעגנדיק זיך האָט חייקע מיר געדריקט די האַנט מיט מער וואַרעמקייט און אויפמערקזאַמקייט ווי געוויינטלעך. די וואַרעמקייט האָט זיך איבערגעגאָסן אין מיין ציטערדיקער האַנט, כאָטש איך האָב נאָך דאַן קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס חייקע וועט פאַר מיר באַדייטן אין דער צו־קונפט. עפּעס האָב איך יאָ, אינעם מאָמענט פון געזעגענען זיך דערפילט אַן אויסער־געוויינלעך קאָכיקן שטראָם פון צאַפּלדיקער אויפרעגונג. איך האָב אַפילו איר טיף אין פּנים אַריינגעקוקט, אָבער נישט מיט קיין איבעריקן פאַרגעפיל וועגן דעם צו־קונפטיקן באַדייט פון אונדזער אומדערוואַרטן צוזאַמענטרעפן זיך און באַדייטונגס־פולן צעשיידן זיך. איך האָב שוין יענע נאַכט פאַרבראַכט אין אַ וואַכן צושטאַנד, פול מיט מאָדנע אויפגעשרויפטע נערוועזע וויזיעס און אומזיכטבאַרע פאַרשטעלונגען וועגן אַ געפיל וואָס וואַרעמט, רעגט, לאָקט; אַט פרעמד, ווייט, אַט נאָענט, אַפילו נאָגענדיק און בריענדיק. און מיט יעדער נישט דורכגעשלאָפענער שעה, ביז דער טאָג האָט זיך דורכגעבראָכן, איז אַלץ מער און מער פאַרווישט געוואָרן דער גאַנצער אָנרעג פון טעאַטער און עס האָט זיך געריסן און געשוועבט פאַר די אויגן דאָס גע־זיכט, דאָס געשטאַלט פון — חייקע צעלניק.

מיט די ערשטע שטראַלן פון דער שימערירנדיקער קאַלטער דעצעמבער־זון איז קלאָר און דייטלעך העל, אַזוי ליבלעך נאָענט, כמעט פייערדיק אַרויסגעשווומען דאָס אומזעעוודיקע געמעל פון — חייקע צעלניק. חייקע איז, מיטן אויפגאַנג פון טאָג געוואָרן אַרום מיר און אין מיר דער צענטער פון טאָג. אין מיינע אויגן האָט געברענט אַ מאָדנער פייערל, אָנגערעגט פון אַ נערוועזן ציטער.

8. — אַ יאָרטאָג און אַ טאָגבוך

אויפן צווייטן טאָג נאָך דער אויפפירונג פון „זרובבל" האָב איך און אַנדערע פון די אָנטיילנעמער כמעט ווי נישט געקענט דורכגיין די גאַס. יעדער איינער האָט גע־האַט לויב־געזאַנגען, פּראַגעס, אַפילו אָנווייזונגען און עצות וועגן טעאַטער. עטלע־כע טעג האָב איך, מיט דער קנאַפּער הילף פון חברים, געאַרבעט שווער, זייער שווער אָפּצורייניקן דעם כאָאָס, די אומאָרדענונג, די נאָכווייענישן פון דער טעאַטער־אונ־טערנעמונג.

עס איז מיר אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל אַריינצוגיין אין דעם „אַפּטעקאַרסקי־מאַגאַזין" פון משה צעלניק, חייקעס ברודער, וווּ חייקע האָט געאַרבעט ווי זיין גע־הילף. נו, האָב איך צו יעדן מאָל געכאַפּט אַ וואָרט מיט איר און זי מיט מיר — „האָט געכאַפּט צען ווערטער".

אַזוי האָט זיך געוועבט צווישן אונדז אַ ווערטער־ראָמאַן, אָנגעזאַפּט מיט אוי־בערפלעכלעכער העפלעכקייט, אָבער מיט אַ טיף האַרציקער ליבלעכקייט. יעדעס

וואָרט — אַ לירישער ציטער, יעדער געשפּרעך — אַ ברום פון אַ האַרפע, אַן אומ־הערבאַרער פּיוטדיקער מורמל־געזאַנג.

יעדעס מאָל ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָבן מיר איינער צום צווייטן מיט די אויגן מער ווי מיט ווערטער, אויסגעדריקט ימים מיט נאַיווער ליבשאַפט און יוגנטלעכן ליבע־שטורעם. אָן ווערטער, אָן אויסדרוקן, אַפילו אָן איבעריק־באַמערקטן אונטערשטרייך, האָבן מיר איינער פון אַנדערן באַלזאַמיקן ליבע־פלוס געטרונקען. און דאַן, אין יענע טעג, אָנהייב יאַנואַר 1902, האָב איך אָנגעהויבן שרייבן מיין טאָג־בוך.

דער שטורעמדיקער ברויז, דער פלאַקערנדיקער אויפפלאַם אין מיין יונגער נשמה, האָט זיך געריסן אויף אַרויס און נישט געפונען קיין פרייען, גענוג פרייען אויסדרוק אין לעבעדיקן קלאַנג פון געשניצטע ווערטער. עס איז נישט געווען קיין אָפּטע מעגלעכקייט זיך צו טרעפן מיט חייקען, אויך נישט די דרייסטקייט און געוואַגטקייט זיך אוועקצושטעלן לעבן איר און פאַרברענגען מיט איר, לויט מיין ברע־נענדיקן באַגער, אָפן און פריי. און דאָס שרייבן אין טאָגבוך, דאָס פאַרצייכענען און פאַרנאָטירן פאַרפאַלן און צוזאַמענפאַלן האָבן אין אַ געוויסער מאָס פאַרנומען דעם פּלאַץ פון רעאַלער און נאָענטער צוזאַמענקונפט מיט חייקען.

— — — — — — — — — — — — — —

אין לויף פון דער צייט, סוף 1902, האָט אַ גוטער שליח פון זיין מאַיעסטעט דעם שיקזאַל, אונטערגעבראַכט אַ פיינע דאָזע ווילטאָג. חייקעס עלטערע שוועסטער, בתיה, האָט איבערגענומען די באַקאַליי־קראָם פון אונדזער שכן, די צווייטע טיר פון אונדזער לעדער־געשעפט. חייקע איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין איר שוועס־טערס קלייט. און יעדעס מאָל, פאַרבייגייענדיק אונדזער טיר און דערזעענדיק מיר, האָט זי אויפגעלויכטן און האַרציק־זיס אַרויסגעפּליסטערט: „זדראַסטוווטיע״, אָדער „דאָברי וועטשער״, ווי ווען דער פאַל איז געווען. זי פלעגט אויך זייער אָפט, מיט פויגל־פלינקייט מיר דערלאַנגען אַ צעטעלע אין האַנט, אַ מין שטילער שטום־לשון פאָסט־פאַרקער, אָנשטאָט זיך אָפּצושטעלן און ריידן מיט מיר.

צוויי סיבות האָבן אַזאַ האַנדלונג געשאַפן און עס נייטיק געמאַכט. ערשטנס, — אירע עלטערן זענען געוויר געוואָרן, אַז זי האָט מיך ליב און זיי האָבן אויף דעם רעאַגירט מיט צאָרן און שטרענגן פאַרבאָט. וואָס זייערע אויסזעצונגען קעגן דעם זע־נען געווען, האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געוווסט. געהייסן האָט עס, אַז חייקע איז נאָך אַ קינד און צו־יונג צו פירן ליבעס. אָבער ווי עס האָט זיך געלאָזט טייטשן פון געוויסע זיך דורכגעריסענע ידיעות, האָבן זיי נישט געקאָנט און אויך זייער ערנסט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז זייערס אַ קינד זאָל דורך אַ נישטיקער ליבע זיך פאַרבינדן מיט אַ בחור אָן געלט, אָן אויסקוק אויף רייכטום. יחוס, משפחה, אָפּשטאַם, — דאָס האָט דווקא נישט פאַרנומען קיין וויכטיקן פּלאַץ אין זייער קעגנערשאַפט צום

שידוך. קיילע חיים מרדכיס הויז האָט זיך אויסגעגליכט אין יחוס מיט יחיאל צעל־ניקס הויז און האָט נאָך אין פיל גראַדן זיך אריבערגעהויבן. אָבער אין מאַטעריעלן שטאַנד האָט די צווייטע זייט געהאַלטן, אַז זיי קומט מער ווי אַ שידוך מיט קיילע חיים־מרדכיס אַ קינד. און כאָטש זיי זענען נישט געווען זייער רייך, אָבער דאָך — מען האָט געלעבט ברייט אויפן רעכענונג פון דער גרויסער שניט־קראָם, וואָס יחיאל צעלניק האָט אָנגעפירט מיט דער הילף פון זיין אַלטן טאַטן, וועלכער האָט מיט גרויס פלייס און געטריישאַפט געהיט פון אַ „גוט אויג". און אויך די שטענדיקע שטיצע „בשעת אַ נויט" וואָס ער, יחיאל צעלניק פלעגט באַקומען פון זיין פרויס מוטער, ווען צום ביישפיל אַ וועקסל איז פעליק געוואָרן און עס האָבן גראָד אויסגעפעלט אין דעם מאָמענט די נייטיקע מזומנים. אָט די אַלע סיבות האָבן געפירט דערצו, און זיי זע־נען עס געווען דער הינטערגרונט פון דער קעגנערשאַפט מצד חייקעס עלטערן צו „ליבעס" אין אַלגעמיין און צו אייזיק קיילע חיים־מרדכיס באַזונדער. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז חייקע זאָל זיך נישט קענען טרעפן מיט מיר, אָדער ריידן מיט מיר ווען זי פלעגט פאַרבייגיין. אָבער — זי פלעגט דאָך אָפט און טראַציק פאַרביי־גיין, אַ וואָרף טאָן אַ „דאָברי וועטשער", אַריינשטופן מיר אין האַנט אַ צעטעלע אומ־באַמערקט פון קיינעם, אָדער מיר אומקערן מיין טאָגבוך.

יאָ, חייקע האָט באַקומען צו וויסן, געוויס פון מיינע קורצע, געציילטע ווער־טער אין געשפּרעכן מיט איר, אָדער פון מיינעם אַן ענטפער אויף אירס אַ בריוועלע, האָט זי זיך דערוווּסט אַז איך שרייב אַ טאָגבוך און זי האָט אין איינעם פון אירע בריוועלעך מיר געבעטן איר געבן צו לייענען וואָס איך שרייב.

און אויפריכטיק צו זיין, — איך האָב קיין גרויס חשק נישט געהאַט צו געבן איר מיין טאָגבוך צו לייענען. איך האָב אָבער נישט געקענט ביישטיין, ווען זי האָט עס שוין צום צווייטן מאָל געבעטן און איך האָב, איין מאָל אין אַן אָוונט, איר דער־לאַנגט דעם טאָגבוך מיינעם פון אַרום 90—100 זייטן. איך האָב איר זייער העפלעך געבעטן לייענען פאַרזיכטיק, אויפמערקזאַם און זיך פאַרטראַכטן און פאַרטיפן אין געלייענטן און אויך — צוריקברענגען מיר דעם טאָגבוך אין דער מעגלעכסט קורצ־סטער צייט.

אויפן זעקסטן טאָג האָט זי, אין אָוונט, צוריקגעבראַכט דעם טאָגבוך און אויך אַ בריוועלע, אין וועלכן זי האָט אויסגעדריקט איר דאַנקבאַרקייט. זי האָט אויך גע־מאַכט באַמערקונגען אויף געוויסע שטעלן אין טאָגבוך און מיר געבעטן רעאַגירן אויף זיי, ווי אויך — צו פאַרשאַפן איר דאָס פאַרגעניגן פון דערלויבן איר צו לייע־נען נייע אָנגעשריבענע זייטן אין משך פון די קומענדיקע וואָכן.

און אַזוי האָט זיך עס געצויגן און אָנגעגאַנגען וואָך־איין, וואָך־אויס. בלויז איין־איינציקן מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין אַ מער נאָענטער און ענגערער אַטמאָס־פער, אָבער שטיל, כמעט אָן ווערטער, האָבן מיר פאַרבראַכט ביי אַ האַלבער שעה.

געווען איז עס קורץ נאָך דעם 11טן דעצעמבער 1902, אין דעם יאָרטאָג פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש. מיר האָבן דורך בריוועלעך באַשלאָסן אויף דער געוואָגטער באַגעגעניש. איך בין אַוועק אויף דער גאַס ווו זיי האָבן געוווינט, אויף דער „רוס־קאַיאַ אוליצאַ" און ביי אַ קורצער שטרעקע פון זייער הויז, אויף אַ באַנק פון איינע פון די גוייִשע הייזער פון יענער גאַס, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. חייקע איז צו דער באַשטימטער שעה געקומען און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר. מיר זענען געבליבן שטיל, אומבאַוועגלעך. זי — אויף מיין שויס, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט און בלויז געציילטע ווערטער האָבן מיר צווישן זיך אויסגעטוישט.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז לעבן מיר זיצט אַן אָפּשיין פון אַ הייליקייט, עפּעס סודותדיקס פון יענער זייט וואַנט פון קדשי־קדשים, וואָס מיינט פאַר מיר און מוז מיינען בלויז צאַרטקייט, שיינקייט און ריינקייט. און אַזוי האָבן מיר געיומטובט דעם יאָרטאָג פון אונדזער ערשטער צופעליקער באַגעגעניש: העל, לויטער און אומ־באַפלעקט; צוויי ריינע, יוגנטלעכע נשמות. מיר האָבן זיך צעשיידט מיט וואַרעמע, ציטערנדיקע האַנטדרוקן.

9. — איך ווער באַווירקט פון אַ צווייטן „ליטוואַק"

מיין מאַמע און מיינע שוועסטער האָבן געהאַט אַ חשד, אַז צווישן מיר און חייקען איז עפּעס נישט „גלאַטיק". זיי האָבן אפשר געוווּסט עפּעס מער ווי בלויז פּאַרדעכ־טיקס. זיי האָבן זיך אָבער געמאַכט זיך נישט ווויסנדיק, נישט פאַרשטייענדיק, און האָבן מיט קיין וואָרט, מינע, אָדער אָנדייטונג נישט אַרויסגעוויזן קיין שפּור פון זייער חשד.

מיין מוטער איז געווען זייער צופרידן, האָבנדיק דאָס געפיל אַז איך הייב אָן צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין לעבן פון שטאָט און אַז איך בין באַליבט צווי־שן אַ גאַר גרויסע צאָל פון די איינוווינער. מיינע שוועסטער האָבן מיר פּשוט פאַרערט, מיר באַטראַכט מיט גרויס כבוד־געפיל און זענען געווען זייער שטאָלץ מיט מיר. מיין ברודער שלמה איז מיר מקנא געווען, אָבער דאָך אָן אַ געפיל פון שנאה.

אַזוי איז געפלאָסן, אין אַ מער־וויניק רירעוודיקן, פּולסירנדיקן טעמפּאָ דער לעבנסגאַנג פון שטאָט, פון דער געזעלשאַפט און אויך מיין אייגענער, מיין פּערזענ־לעכער.

זומער 1902 בין איך געוואָרן זייער טעטיק צווישן דער יוגנט, איבערהויפּט צווישן דער אַרבעטער־יוגנט, די לערניינגלעך ביי פאַרשידענע בעלי־מלאכות אאַז"וו. און אָט וואָס עס איז געווען די סיבה, די שטויסקראַפט צו דעם:

אַ נייער „ליטוואַק" האָט זיך באַוויזן. דאָס מאָל אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, אַ שלאָסער פון פאַך, אַ געבוירענער אין דער שטאָט האָמעל. ער איז געקומען זוכן אַר־בעט אין דובאָסאַר און האָט געפונען באַשעפטיקונג אין אַ וואַרשטאַט פון אַגריקול־

טור־מאַשינען. איך האָב זיך מיט אים באַקענט, מיר האָבן זיך באַפריינדט און איך האָב אין אים געזען און דערקענט אַ זייער נוצלעכן מיטהעלפער אויפן קולטור־געביט. ער איז געווען אַ זייער פעיקער אָרגאַניזאַטאָר, אַ ביסל באַלעזן אין דער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און שטרענג סאָציאַליסטיש געשטימט.

איך געדענק אַ זייער אינטערעסאַנטן און קוריאָזן עפּיזאָד: אויף אונדזערע שפּאַצירן־אויספלוגן „אויפן באַרג", האָט אַ מאָל, צווישן די שטענדיקע יוגנט־חברים, פאַרשפּעטיקט צו קומען איינער אַ חבר וועלכער פלעגט תמיד זיין מיט אונדז אויף אונדזערע שפּאַצירן. ווען איך האָב געוואָלט אַ לויף טאָן אים ברענגען, האָט דער „ליטוואַק", — חיים מולין האָט מען אים גערופן, — אַ זאָג געטאָן: „ניין, מען דאַרף נישט, איך האָב אים נישט ליב דעם בחור". — סטייטש, פאַרוואָס? — האָבן מיר פאַרוואונדערט געפרעגט. „אַזוי, ער איז אַ גבירס אַ יינגל און אַ גבירס אַ קינד דאַרף מען פיינט האָבן".

און אָט דער „גבירס אַ יינגל" איז גראָד געווען משה צעלניק, חייקעס ברודער.

חיים מולין, אַליין אַ בעל־מלאכה, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און איינפלוס צווישן די פאַרשידענע אַרבעטער־גרופּירונגען אין שטאָט, און מיט זיין הילף און וואָרט איז אונדז געלונגען צוזאַמענצוברענגען אַ גרופּע פון אַזעלכע 40—50 יוגנטלעכע און זיי אויספורעמען אין אַן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן איינס, — אַ שפּראָץ פון „פּועלי־ציון".

מיר האָבן איינגעאָרדנט שעהן פון אונטעררעדט און לערע אויף פאַרשידענע געביטן. חיים אַליין האָט געגעבן „לעקציעס" אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע; איך האָב געקנעלט מיט די שילער תנ"ך און אין די זומער־חדשים אויף פּרק, און אַלץ פאַרטייטשט און אויסגעטייטשט אין אַ פרייער פאָרעם און מיט אַ סאָציאַלן הינטערגרונט.

מיר האָבן אויך אין אַ לייכטער און פּאָפּולערער פאָרעם פאַר די תלמידים געהאַלטן קורצע פאָרטראָגן אין עטיק, מאָראַל, זיטן און אָנשטענדיקער אויפפירונג. און, — די חברה יוגנטלעכע זענען געווען זייער אויפמערקזאַם און וויסנדאָרשטיק צו לערנען.

אין שטאָט האָבן באַלעבאַטישע עלעמענטן אָנגעהויבן קוקן קרום אויף אונדז, מיט חשד און אומצוטרוי, און אַנדערע אַפילו מיט אָפענער פאַראַכטונג. די בעלי־מלאכות, ווידער, זענען געווען גאָר אומצופרידן און שטאַרק אויפגעבראַכט אויף אונדז, הלמאי מיר מאַכן „באַוווסטזיניק" זייערע געהילפן, געזעלן און לערניינגלעך. אָבער מיר האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף די רוגזהס, מיר זענען אָנגעגאַנגען מיט אונדזער אויפקלערונגס־אַרבעט און געהאַט דערצו די פולע שטיצע פון אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע פון אַלע שטאַנדן.

10. — דער עלילת־דם אין דובאָסאַר און דער פּאָגראָם אין קעשענעוו

דאָס יאָר 1903 האָט געבראַכט מיט זיך פינצטערע, טרויעריק־טונקעלע וואָלקנס און בלוטיקע געשעענישן. צוויי וואָכן בערך פאַר פּורים, איז אויף „די גרויסע פאָנטאָנען" פאַרלוירן געגאַנגען אַ קריסטלעך קינד, אַ יינגעלע ניין יאָר אַלט, מיטן נאָמען ריבאַליענקאָ. דאָס האָט פּאַסירט אין אַ מאָנטיק. די זעלבע וואָך, דאָנערשטיק נאָך מיטיק, האָט מען דאָס יינגעלע געפונען אַ טויטן, אַ צעשלאָגענעם, אַ צעהרגעטן אין אַ גאָרטן, נישט ווייט פון ברעג פון טייך דניעסטער. דער גאָרטן האָט באַלאַנגט צו יוסף פּיליער, דער רייכסטער און אָנגעזעענסטער בעל־הבית אין שטאָט. געוווינט האָט אָבער יוסף (יאָסל) פּיליער אין צענטער פון שטאָט, ווייט אַוועק פון גאָרטן און דעם גאָרטן, — אַ פּרוכט־גאָרטן, — האָט געהיט אַ גוי, אַ סטרוזש, וועלכער האָט טאַקע דאָרט געוווינט אין אַ כאַטקע.

עס זענען פאַריבער פרייטיק, שבת און אויך זונטיק, ווען אין די טעג האָט די שטאָטישע פּאָליציי געזוכט און נאָכגעפאָרשט כדי צו קומען אויף די שפּורן פון מערדער פונעם קינד. און זונטיק, ווען אין שטאָט פלעגן זיך צונויפפאָרן פויערים פון צענדליקער דערפער פון דער סביבה איינצוקויפן זייערע שטוביקע באַדערפענישן, האָט איינער, אָדער מערערע פון די גויים אַרויסגעוואָרפן אַ לאָזונג מיט בייזווילי־קער גיפט: „עטאָ זשידי אובילי בעדנאָווא מאַלטשיקאַ דליאַ זשידאָווסקאַי פּאַסכי". („דאָס האָבן די יידן דערהרגעט דעם אָרעמען יינגל פאַר זייער יידישן פּסח"). די לאָזונג האָט נישט געהאַט גענוג צייט צו פונאַנדערשפּרייטן זיך, צוליב דער שפּעטער שעה פון טאָג, ווען די פויערים האָבן שוין אָנגעהויבן זיך פונאַנדערפאָרן און פאַרלאָזן די שטאָט. אָבער אויפן צווייטן טאָג, מאָנטיק, ווען אין דובאָסאַר איז געווען דער „יאַריד־טאָג", ווען פויערים פלעגן קומען פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און אויך בהמות און שעפּסן אאַז"וו; אויפן צווייטן טאָג, מאָנטיק, האָט זיך שוין געפונען ווער עס זאָל אָנהייבן פונאַנדערשפּרייטן די ידיעה, אַז יידן האָבן דערמאָרדעט דאָס יינגעלע ריבאַליענקאָ, כדי צו באַנוצן זיין בלוט אין זייערע מצות אויף זייער יום־טוב פּסח.

אַרום צוויי אַ זייגער נאָך מיטיק האָבן זיך צעבושעוועט אַ מענגע יונגע שקצים, אַפילו עלטערע גויים אויך און האָבן אָנגעהויבן שלאָגן יעדן ייד וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויפן נייעם מאַרק, ווו דער יאַריד פלעגט פאַרקומען. עס איז באַלד געוואָרן אַ טומל, אַ רעש — „מע שלאָגט יידן" און די טרויעריקע נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער שטאָט.

יונגע חברה, איבערהויפּט די „שלעגערס", ווי אהרן שמואלס בנים, יאָסעלע מאָטל חזנס, יאַנקל חיים איסרס, מענדעלע פאַיעס, עזריאל טאַדעש, מאָטעלע כאַסקעס, לייבעלע קאַצאַפּ, יאָסעלע בעזש און נאָך אַנדערע, וויניקער „אָנגעזעענע", — די גאַנצע חבריא האָבן, דערוועקטע און דערהיצטע פון זייער יידישן פונק, זיך

אַ לאַז געטאָן אויפן נייעם מאַרק און אַזוי צעשלאָגן און צעפּאַסעוועט עטלעכע צענד־ליק גויים, אָן אונטערשייד — יאָ שולדיק, נישט שולדיק, אַז דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ סומאַטאָכע צווישן די צום טויט צעשראָקענע גויים, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן ווי ווילדע צו זייערע פורן און אין גרויס בהלה זיך געלאָזן צו די וועגן וואָס פירן אַרויס פון שטאָט. און אין וויניקער פון אַ שעה צייט, אַ פּאָר שעה נאָך איידער דער יאַריד ענדיקט זיך געוויינלעך, האָט מען שוין נישט געזען קיין גוי׳שן פוס אין שטאָט.

כדאי דאָ צו צינדן אַ הייליקן ליכט פּאַר די נשמות פון די „שלעגערס״, וואָס האָבן אין זיך געטראָגן דעם גלי׳ענדיקן פונק פון קידוש־השם. געבענטשט זאָל זיין זייער אָנדענק!

אין אָוונט דעם זעלבן טאָג, זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען אין עטלעכע פונקטן, ווי אין דער אַלטער קלויז, אין קיילע חיים מרדכיס שולכל און אין הערשל חייקלס זאַל, ווו עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן גרופּעס פון זעלבסטשוץ. אַן ענגער־קאָמיטעט איז אויסגעקליבן געוואָרן כדי אָנצופירן די אָרגאַניזיר־אַרבעט. יעדן איי־נעם איז געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס, ווי איינצושאַפן פאַר זיך און אויב מעגלעך אויך פאַר אַנדערע, וועלכע עס איז פאַרטיידיקונגס־וואָפן אויף ווידערצושטיין אַן אַטאַקע. אויפן צווייטן טאָג איז באַקאַנט געוואָרן אַז אַ צענטראַלער זאַמל־פונקט זענען באַשטימט געוואָרן, ווו וויכטיקע שוץ־מיטלען וועלן איינגעאַיבט ווערן. ביי אַ האַלבן טוץ זאַמל־פונקטן זענען אויך איינגעטיילט געוואָרן, ווו עס האָבן זיך דורכן טאָג גע־פונען איינער, צוויי אָדער מערערע מיטגלידער פון דער זעלבסטשוץ, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו אַלאַרמירן אין פאַל פון נויטווענדיקייט. און אין די אָוונטן האָבן זיך אין די זעלבע פונקטן געפונען גרויסע צאָלן חברים וועלכע זענען אַרויס־געגאַנגען אויף פּאַטרול־מיסיעס אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט, איבערהויפּט אין די וויטערע אָפּגעלייגטע געגנטן. די פּאַטרולן זענען אומגעביטן געוואָרן יעדע דריי שעה.

אין קיילע חיים מרדכיס שולכל, ד״ה אין מיין מוטערס הויף, איז געווען דער צענטראַל־פונקט פון געווער. עס זענען אויפגעזאַמלט געוואָרן ביז צוועלף ביקסן און געווזענע, אויסגעדינטע סאָלדאַטן, האָבן אין דעם פונקט געהאַט זייער הויפּט־קוואַרטיר און זענען געווען גרייט צו יעדער צייט אַרויסצוגיין מיט געווער אין האַנט, אויפן באַפעל פון אַ באַשטימטן „עלטסטן״.

איך האָב געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די „איינוווינער״ אין שולכל ביי אונדז אויפן הויף, אונטערגעטראָגן אָפט „קוויקעניש״, אַרומגעפּאַדעט און געהאָלפן אויף וויפל און ווען עס איז נייטיק געווען.

און אָט די אָרגאַניזירטע, דיסציפּלינירטע זעלבסטשוץ האָט אָנגעהאַלטן און פונקציאָנירט ביז אַרום צוויי־דריי וואָכן נאָך פּסח. טאָג־איין, טאָג־אויס, יעדע נאַכט און די גאַנצע נאַכט האָבן די פּאַטרולן אויסגעפּילט זייערע פליכטן, ווי אַן אָרדע־

נונגספולע אָרגאַניזירטע וועכטער־גרופּע און אין שטאָט איז געווען רויק און שטיל.

גויים האָבן אַפילו יאָ „זיך געשאַרפט די ציין" צו מאַכן אַ פּאָגראָם, צו ראַבע־ווען יידיש האָב און גוטס, זיך נוקם זיין פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון דעם אָרעמען קינד נעבעך, אַ פּראַוואָסלאַוונער קינד. זיי זענען אָבער, די מיט די ציין־קריצנדיקע גויים געבליבן ביי זייער ברענענדיקן רציחה־פאַרלאַנג. עס איז געפאַלן אויף זיי די מורא פאַר די דובאָסאַרער שטאַרקע יונגען, וועלכע זענען געווען באַוווסט מיט זייער פעסטן און שטאַרקן קולאַק.

און איצט, צוריק צו דעם עלילת־דם עפּיזאָד.

די פּאָליציי האָט די גאַנצע צייט געטאָן דאָס איריקע. עס איז אויך געקומען פון דער אויעזד־שטאָט טיראַספּאָל אַ „סליעדאָוואַטעל" מיט צוויי געהילפן און מען האָט אויסגעפרעגט אַ גרויסע צאָל איינוווינער פון שטאָט און אויך פון די „גרויסע פּאַנ־טאַנען", די פאַרשטאָט ווו דער דערמאָרדעטער קריסטלעכער יינגעלע ריבאַליענקאָ האָט געלעבט.

די יידן פון שטאָט, וועלכע מען האָט גערופן אויף אַ פאַרהער, זענען געווען יענע וואָס האָבן געוווינט נישט ווייט פונעם גאָרטן, ווו דער קערפּער פונעם יינגעלע איז געפונען געוואָרן. צווישן זיי איז אויך געווען מיינער אַ שוואָגער, ישראל ראַבי־נאָוויטש. אָבער די אַלע פאַרהערן און אויספאָרשונגען האָבן דערוויילן צו קיינע פּאָ־זיטיווע אויפדעקונגען פון דעם מיסטעריעזן מאָרד נישט געפירט.

אין דער זעלבער צייט איז די לעגענדע וועגן בלוט אויף פּסח, וואָס יידן דאַרפן מכלומרשט האָבן אין זייערע מצות, מיאוס, פאַרברעכעריש און גיפטיק־גאַליק צע־שמירט געוואָרן אין דער קעשענעווער צייטונג, דעם טעגלעכן „בעסאַראַבעץ", דורך איר רעדאַקטאָר, דעם דאַן טרויעריק־באַרימטן אַנטיסעמיט פּאַוואָלאַקי קרושעוואַן, י"ש. אויך די צייטונג „נאָוואָיע ווראַעמיאַ" אין פּעטערבורג האָט די געשיכטע אויפ־געכאַפּט און געמאַכט פון איר העצערישע מטעמים.

אָבער די העצערייען פונעם צורר קרושעוואַן זענען דערגאַנגען ביז פּרעכע אַרויסרופן צו אַ פּאָגראָם, וואָס די גויים דאַרפן מאַכן אויף די יידן אין נקמה פאַרן מאָרד פון דעם אומשולדיקן קרבן ריבאַליענקאָ. און יעדן טאָג כמעט איז קרושעוואַן אַרויסגעקומען מיט אַלץ שאַרפערע אָנפאַלן אויף יידן און געפאָדערט בלוטדורשטיקע נקמה. די מאַכט האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און נישט זעענדיק און אַזוי אַרום האָט דאָס גיפט פון די העצערישע אַרטיקלען אין „בעסאַראַבעץ" געהאַט איר פולע ווירקונג אויף די פינצטערע מאַסן אין קעשענעוו און אין דער געגנט אַרום. און זונ־טיק, דעם לעצטן טאָג פּסח 1903, אין טאָג פון דער גוישער פּאַסחאַ, זענען טויזנ־טער קריסטן אויף די גאַסן פון קעשענעוו אַרויס און אָנגעפאַלן אויף יידישע הייזער, אויף יידישע קראָמען און געראַבעוועט, אונטערגעצונדן און געפּלינדערט און חיהש־מערדעריש זיך באַגאַנגען מיט יידישע לעבנס, יידיש פאַרמעגן און אויך יידישן

כּבוד; געשענדעט פרויען, יונגע און אַלטע, געקוילעט ווי שעפּסן יונג און אַלט און אומברחמנותדיק, אַכזריותדיק און חוזקדיק זיך לוסטיק געמאַכט איבער זייערע קרבנות, איבער די אומגעבראַכטע לעבנס.

אין פיל פלעצער, ווו ייִדן האָבן זיך מעכטיק קעגנגעשטעלט קעגן די צעווילדעוועטע מערדערישע בעסטיעס, האָבן סאָלדאַטן מיט געווער אין האַנט באַשיצט די מערדער, און אַזוי אַרום פאַרגרעסערט די צאָל קרבנות, ייִדישע קרבנות.

צוויי מיט אַ האַלבן טאָג האָט אַזוי אָנגעהאַלטן און געדויערט די ווילדע בלוטיקע אָרגיע, ביז... ביז דער גובערנאַטאָר פון בעסאַראַביע, אַ תושב פון קעשענעוו, די הויפּטשטאָט פון דער גובערניע, גענעראַל פאָן ראַאַבען, האָט געגעבן אַ באַפעל: — „דאָוואָלנאָ, איינשטעלן אָרדענונג”, און ווי דורך אַ כישוף האָט די שחיטה אויפגעהערט.

דער רעזולטאַט פון וויסטן אומגליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די קעפּ פון די אומגליקלעכע קעשענעווער ייִדן, איז געווען: אַכט און פערציק דערמאָרדעטע נפשות אויף אַ זייער ברוטאַלן אופן, צווישן זיי צוויי קינדער פון 2 מיט אַ האַלבן יאָר און 5 יאָר אַלט, און אויך דער שמש פון אַ שול, ר׳ משה שמש ז״ל, אַכציק יאָר אַלט. אַ חוץ די טויטע זענען אויך געווען אַ גאָר גרויסע צאָל צעקאַליעטשעטע, פאַרוווּנדעטע און צעשעדיקטע און אין צוגאָב צו די אַלע, זענען אויך געווען אַ צאָל געשענדעטע פרויען, נישט ווייניק אין צאָל, צווישן זיי אויך עלטערע פרויען, מאַמעס פון פאַמיליעס. דער מאַטעריעלער שאָדן איז געשאַצט געוואָרן אין מיליאָנען רובל.

אין דובאָסאַר, אין גאַנצן דריי און פערציק וויאָרסט ווייט פון קעשענעוו, האָבן מיר באַלד אויפן ערשטן טאָג געוווּסט וואָס דאָרט קומט פאָר, אָבער אַריינקומען אין קעשענעוו איז געווען אוממעגלעך. אַלע וועגן ביים אַריינפאָר אין שטאָט זענען געווען באַוואַכט און באַלאַגערט דורך באַנדעס כוליגאַנעס, פיל פון זיין באַוואָפנט.

די פאַניק וואָס האָט געהערשט און האָט אַרומגענומען די ייִדישע באַפעלקערונג אין די געגנטן אַרום קעשענעוו, איז געווען דערדריקנדיק. דאָס טרויער־געפיל אויף די קרבנות און אויפן חורבן אין אַלגעמיין; דאָס געפיל פון באַליידיקונג, ווי אַזוי מיר זענען באַשפּיגן און דערנידעריקט געוואָרן, — אָט דאָס געפיל האָט געדריקט ווי אַ בייזער טויטלעכער קאָשמאַר. ייִדן האָבן דערפילט, ווי גלייך דער הימל וואָלט צו דער ערד געפאַלן און צעדריקט די גאַנצע מענטשהייט, אויסגעלאָשן יעדן שטראַל פון ליכט, פון האָפענונג אויפן מאָרגן. קעשענעוו, אַ שטאָט פון זעכציק טויזנט ייִדן און הונדערט טויזנט גויִם, אַ גובערנאַטאָר, אַ גרויסע צאָל מיליטער אין שטאָט, — און דאָך האָט געקענט פּאַסירן, אַז אַזאַ אָרגאַניזירטע רעגירונגס־מאַכט זאָל דערלאָזן צו אַזאַ מערדערישן אויפברויז און אויסברוך פון פּעבלס חיהשן אינסטינקט. אין דעם אַלעם איז געלעגן דאָס קערנדל פון יאוש, וואָס האָט אַרומגענומען די גרעסטע טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון נאָענט און פון ווייט.

און ייִדן האָבן זיך פֿאַרטראַכט, אָנגעהויבן מאַכן אַן ערנסטן און איבערגעלייגטן חשבון־הנפש. מיר, ייִדן אין דובאָסאַר, זענען געװען אױפֿגערעגט, אױפֿגעקאָכט און פֿאַרביטערט צוליב אונדזער מאַכטלאָזיקייט, וואָס מיר האָבן נישט געקענט מיט אונדזער פֿיזישער הילף צוקומען צו קעשענעוו. מיר האָבן פּרובירט שטילן אונדזער וויי. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גרופּע טיכטיקע חברים, וועמענס אױפֿגאַבע עס איז געווען צו גיין יעדן פֿרימאָרגן, אַרום פֿינף אַ זייגער, צום ברעג פֿון טײַך דניעסטער און דאָרט האַלטן וואַך, צי עס קומען נישט קיין פּאַגראָמשטשיקעס מיטן „פּאַראָכאָד״ וואָס פֿלעגט קורסירן אױפֿן טײַך פֿון וואַד לו וואַד, לעבן קעשענעוו, ביז דובאָסאַר און ווייטער, אַרויף־שטראָם פֿון טײַך.

און, — עס האָט טאַקע 3־4 מאָל פּאַסירט, ווען אונדזערע חברה זענען אַרויף אויפֿן „פּאַראַכאָד״ און דאָרט אַנטדעקט גויִים מיט פּעקלעך אָנגעראַבעוועטע ייִדישע זאַכן און סחורות. און ווען די רויבער האָבן נישט געגעבן קיין גינסטיקן ענטפֿער אויף אונדזערע פֿראַגן וועגן דער אָנגעהעריקייט פֿון די זאַכן, אָדער סחורות אין זייער באַזיץ, האָבן מיר דאַן פֿון זיי די באַטרעפֿנדיקע פּעקלעך אַוועקגענומען. און ווען מאַנכע פֿון די פֿיינע „סוחרים״ האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָבן זיי געקראָגן באַצאָלט פֿאַר זייער „אייגנטום״ — אָנגעבראָכענע ביינער. דאָס אַלץ האָבן מיר געטאָן און דורכגעפֿירט אויף גיך, מייסטערהאַפֿט און מיט אייגענע מיטלען, אויף אייגענער איניציאַטיוו, אָן דער הילף פֿון דער פּאָליציי, וועלכע האָט נישט געוווּסט און נישט געטאָרט וויסן פֿון אונדזער האַנדלונג.

**
*

אַ פּאָר וואָכן פֿאַר פּסח, נאָך דעם ווי די אויספֿאָרשונגען וועגן מאָרד פֿונעם ייִנגעלע ריבאַליענקאָ זענען אָנגעגאַנגען פֿאַר אַ לענגערער צייט און האָבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן נישט געבראַכט, איז אין איינעם אַ פֿרימאָרגן באַוווּסט געוואָרן, אַז דער כערסאָנער גובערנאַטאָר וועט די טעג קומען קיין דובאָסאַר אין שייכות מיטן טויט פֿון ריבאַליענקאָ.

איבער דער שטאָט האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַן אומעט און אַ נאָגנדיקער פּחד. זינט דובאָסאַר עקסיסטירט האָט נאָך קיין גובערנאַטאָר איר נישט פֿאַרשאַפֿט, אָדער צוגעטיילט אַזאַ כּבֿוד; און איצט, פּלוצים, אַ באַזוך פֿון גובערנאַטאָר און נאָך אין פֿאַרבינדונג מיטן מאָרד, וואָס איז שוין אַזוי טרויעריק און פֿיינלעך באַרימט געוואָרן און אויך זייער אָפֿט געקרױנט געוואָרן מיטן בלוטיקן טיטל — „ריטואַלער מאָרד״.

די ידיעה האָט אונדז אַלעמען, איינוווינער פֿון דובאָסאַר, אַריינגעוואָרפֿן אין אַ קאָנוווּלסיווער שרעק: — דער גובערנאַטאָר אַליין איז זיך מטריח צו קומען אויספֿאָרשן! ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַן אומגליק דאָ ליגט אין דעם באַזוך? און כאָטש אַ צאָל פֿאַרגעשריטענע ייִדן אין שטאָט האָבן געפּרוּווט באַרויִקן, אָנווייזנדיק אַז גענעראַל לע־

וואַשאַוו, דער כערסאָנער גובערנאַטאָר, איז באַוווּסט ווי אַ ליבעראַל־געשטימטער מענטש און באַאַמטער, דאָך האָט אַ טרויער־שלייער געהאַנגען איבער דער שטאָט און די באַפעלקערונג האָט געלעבט אין יסורים און אין פּיין.

ווען דער גובערנאַטאָר איז ענדלעך אָנגעקומען, איז די שרעק אין שטאָט געוואָרן נאָך שאַרפער, נאָך בייסנדיקער. אַלע גאַסן פון שטאָט זענען געווען פול מיט טשינאָווניקעס, מיט „קנעפּלעך”; טוצנווייז, מאַותווייז זענען זיי געווען. דובאָסאַר האָט נאָך אַזאַ „אומגליק” קיין מאָל נישט געזען.

די גאַנצע נאַטשאַלסטוואָ פון דובאָסאַר איז ביז יענעם טאָג, באַשטאַנען פון אַ פּריסטאַוו און צוועלף גאָראָדאָוואָיעס, — פּאָליציי־לייט הייסט עס, — און דאָ, פּלוצים, גאַנצע גאַסן באַלאַגערטע מיט נאַטשאַלסטוואָ און יעדער פון זיי מיט שטאָלענע וואָנסעס, מיט גרוי־קעצישע אויגן און שטעכיקע בליקן, גרייט דיר אָט־אָט איינצושלינגען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אַ צען־צוועלף טעג פאַר פּסח — טרעוואָגע. אַ גרויסע צאָל בעלי־בתּים, צווישן זיי די אָנגעזעענסטע פון שטאָט, אַלע זענען פאַרזאַמלט אין דרויסן, אויפן ברייטן פּלאַץ לעבן דער „גאָראָדסקאַיאַ אופּראַוואַ” און פונקט עלף אַ זייגער פאַר מיטיק האָט זיך באַוויזן אויף דער טעראַסע דער גובערנאַטאָר, גענעראַל לעוואַשאָוו, אַ גרויסער, פעסט־געבויטער און פלײשיקער מאַנספּאַרשוין, מיט גרויסע געדיכטע וואָנסעס, אָנגעטאָן אין אַ גרוי־בלוילעכן לאַנגן מאַנטל מיט רויטע לאַצן און מיט גאָלד־באַשפּרענקלטע עפּאָלעטן. און ווענדנדיק זיך אין אַ טיף זעלבסטווירדיקן טאָן און געמאָסטענע ווערטער, האָט ער פאַרן צעשראָקענעם עולם געלאָזט הערן זיין שטימע, דווקא נישט מיט אַ באַפעלערישן אָנדייט, נאָר מיט עפּעס אַ מין פאָטערלעכער ווייכקייט: „איך בין געקומען אַהער צו אייך, מיינע הערן (גאָספּאָדאַ), וועגן זייער אַ ווייטיקן און דאָך טרויעריקן ענין”. און זיין גאַנצע רעדע, ביי אַ צען־צוועלף מינוטן, האָט ער באַזירט און קאָנצענטרירט אויף — אויף וואָס מיר האָבן אַלע דעמאָלט אַזוי פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט. „עס איז געשען אַ מאָרד. בייזע ציגנער האָבן אַרויסגעבראַכט אַ מיאוסן, נישט זייער קיין אָנשטענדיקן און געוויס אַ פאַלשן קלאַנג, אַז איר, ייִדן, האָט דעם ייִנגל ריבאַליענקאָ דערהרגעט און זיין בלוט פאַר ריטועלע צוועקן. איך פערזענלעך גלייב נישט אין דעם און איך וויל וועגן אַזאַ באַשולדיקונג אפילו נישט הערן. איך האַלט אָבער, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו דענקען, אַז צווישן אייך זאָל זיך געפינען אַזאַ פאַנאַטישע סעקטע וועלכע האַלטן אפשר יאָ פון אַזאַ געזעץ, אַ רעליגיעזן געזעץ — צו נוצן בלוט אין די מצות פּסח. איך זאָג נאָך אַ מאָל און איך שטרייך אונטער („יאַ פּאָדטשאָרקיוואַיו”), אַז איך פערזענלעך גלייב נישט אין אַזעלכע נאַרישע מעשיות, אָבער ווער ווייס, אפשר — אַ סעקטע”.

אָט אַזוי האָבן מיר דאַן איבערגעזעצט און רעזומירט די ווערטער פונעם גובערנאַ־

טאָר. דער ווייטיק, וואָס האָט אַלעמען און יעדן איינעם באַזונדער דאָס האַרץ געבויערט, ממש לעכער געמאַכט, איז אוממעגלעך איבערצוגעבן אין ווערטער אויף פּאַפּיר.

ער האָט נאָך צוגעגעבן, דער באַרעמהאַרציקער גובערנאַטאָר, אין אַ זייער העפ־לעכן טאָן די פאָלגנדיקע עכט פּערלדיקע ווערטער:

„איך אַפּעליר צו אייך, מיינע הערן, זעט פאַרטראַכט זיך אויף מיינע ווערטער, זוכט נאָך צווישן אייך און די אײַעריקע און פּרובירט געפינען די שולדיקע. אפשר וועט זיך דאָס אייך איינגעבן, ווער וויס —„אַוואָס״, אפשר״.

דערשלאָגענע און צעפּייניקטע, טיף באַליידיקטע זענען מיר אַלע אַוועק אַהיים, יעדער מיט זיין פּיין. יעדן איינעם האָט ווי אַ בייזער געשפּענסט נאָכגעיאָגט און פאַרפאָלגט דער אומגליקלעכער, בייז־לאַקרעצדיקער אויסדרוק פונעם גובערנאַטאָר: — „אפשר, ווער וויס״.

11. — אַ פרעמדער גוי — אַ מלאך הגואל

אַ פּאָר וואָכן נאָך פּסח האָט זיך אויף די גאַסן פון שטאָט באַוויזן אַ מענטש, אַ גוי פון דער פרעמד. דובאָסאַר, נישט זייער קיין גרויסע שטאָט, מיט אַ באַגרענעצ־טער יידישער באַפעלקערונג, האָט דער גוי, נאַטירלעך, זיך געוואָרפן אין די אויגן. ווער איז ער, וואָס איז ער, וואָס טוט ער דאָ? און ווער וויס וואָס נאָך פּאַר אַן אומ־גליקלעכע אַנשיקעניש עס קומט נאָך אין די טריט פון דעם פרעמדן גוי, וואָס דרייט זיך אַרום אין די גאַסן און קיינער ווייסט נישט וואָס, ווער און ווען. מען האָט אָנגעה־הויבן זיך אַרומקוקן, נאָכקוקן, אויסשפּירן זיינע באַוועגונגען, זיינע דרכים און גענג, זיין וווינאָרט. אָבער שווער איז געווען אויסצוגעפינען וועלכע ס׳איז ידיעות וועגן אָט דעם מיסטעריעזן פּאַרשוין.

אַ פּאָר פון אונדזערע „שפּיר־הינט״, חברה מיט אַ חוש־השמיעה, זענען דאָך מיט דער צייט געוויר געוואָרן, אַז דער מענטש זוכט דאָ אַרבעט, ער וויל, הייסט עס, דאָ ביי אונדז פאַרדינען אויף חיונה. אָבער דערוויל גייען פאַרביי טעג און טעג, גאַנצע וואָכן און עס טרעפט אַז מען זעט נישט דעם פרעמדן אַ שטיקל צייט, און ווידער באַווייזט ער זיך פלוצים, ווי פון דער ערד אַרויסגעשפּרונגען. ביז, — ביז אַמאָל אין אַ טאָג איז באַוווּסט געוואָרן, אַז ער אַרבעט אויף לאַנד, און דווקא אויף „די גרויסע פּאָנטאַנען״, ד״ה דאָרט פון וואַנען עס שטאַמט דער דערמאָרדע־טער ריבאַליענקאָ.

עס האָט נישט געדויערט זייער לאַנג און אַ סוד האָט אָנגעהויבן אַרומגיין פון מויל צו מויל, אַז דער גוי איז אַ „סישטשיק״, אַ דעטעקטיוו הייסט עס, און אַז ער שטאַמט פון גאָר די הויכע מקומות, אַזש פון כערסאָן טאַקע, און אַז ער איז אַהער צו אונדז געקומען נאָכצושפּירן און אויסצוגעפינען דעם מערדער פון ריבאַליענקאָ.

***

אַרום האַלבן חודש יוני, דעם זעלבן זומער, איז אַרעסטירט געוואָרן אַ האַלב־טויב־שטומער פויער, אַן איינוווינער פון די „גרויסע פּאַנטאַנען״, וועלכער איז גע־ווען דער פּאַטער פונעם דערמאָרדעטן ייִנגעלע ריבאַליענקאָ. עס איז דאַן נאָך אַ מאָל געקומען אַ „סליעדאָוואַטעל״ פון דער אויעזד־שטאָט טיראַספּאָל, האָט גענומען דעם אַרעסטירטן אויף אַ פאַרהער און דער בעל־דבר האָט זיך גלייך מודה געווען אין מאָרד.

דאָס אויסגעפינען דעם מערדער און דאָס אַרעסטירן אים איז דורכגעפירט גע־וואָרן דורך דעם „פּרעמדן מענטש״, וואָס, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אַן „אַקאָלאָדעטשני״ אין דער כערסאָנער פּאָליציי און וועלכער האָט באַזעסן, ווי עס זעט אויס, אַ געזונטן חוש־הריח פאַר מערדער און גנבים. און ווען ער האָט גע־לייענט אין די צייטונגען וועגן דעם מאָרד פון ריבאַליענקאָן און ער האָט זיך באַ־קענט מיט פיל פון די איינצלהייטן וועגן דעם פאַל, האָט ער זיך דאַן פאַראינטערע־סירט אין דער אָנגעלעגנהייט. ער האָט זיך געווענדט צום הויפּט פון דער כערסאָ־נער פּאָליציי און געבעטן מען זאָל אים אָנפאַרטרויען די מיסיע פון אויפדעקן דעם געהיימנישפולן מאָרד. ער האָט אויך געבעטן צו באַפרייען אים אויף דער צייט פון זיינע אויספאָרשונגען און צו באַזאָרגן אים מיט די נייטיקע דאָקומענטן און מיטלען, כדי ער זאָל קענען אַנגיין פריי און אומגעשטערט מיט זיין אונטערזוכונג.

עס איז גאַנץ מעגלעך אַז די מיסיע איז אים איבערגעגעבן געוואָרן מיט דער הסכמה פונעם גובערנאַטאָר, אָבער באַשטימט, צי דאָס איז אַזוי געווען, האָט קיינער פון אונדז נישט געוווּסט, כאָטש מיר האָבן דאָס געפּרוווט אויסגעפינען. אין דער צייט וואָס „דער פרעמדער גוי״, — אַזוי האָבן מיר אים דאַן גערופן, — איז אַנגע־גאַנגען מיט זיין נאָבעלער, מענטשלעך־פריינטלעכער מיסיע, האָט ער זיך באַ־פריינדט מיט אַ צאָל ייִדישע פאַמיליעס, ווו ער פלעגט אַריינקומען אָפט און פאַר־ברענגען. און צו זיי טאַקע, צו אַט די פאַמיליעס, האָט ער אין לויף פון דער צייט פאַרטרויט דעם סוד פון זיין מיסיע. אָבער ער פלעגט זיך שטענדיק באַווייזן נאָר אין די אָוונטן און אויך — אָפט פאַרשידן געקליידט.

אין זיינע פאַרצווייגטע און געהיימע נאָכפאָלגונגען נאָך די טריט פונעם מער־דער, וואָס איז דאָך געווען דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין אויפהאַלטן זיך אין אונדזער סביבה, האָט ער אויך צייטנווייז געאַרבעט ווי אַ געהילף אויף די פעלדער פונעם זיידן פון ריבאַליענקאָ. און דאָרט טאַקע האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, דערשמעקט דעם ריח פונעם מערדער.

און געווען איז דער גרונט פאַר דעם דאָזיקן מאָרד פון דעם אומשולדיקן קינד ריבאַליענקאָ אָט־וואָס:

דאָס ייִנגעלע ריבאַליענקאָ, אַ יתום, האָט זיך געהאָדעוועט ביי זיין זיידן. דער זיידע, אַ רייכער בעל־גוף, האָט געהאַט בדעה אָפּצושרייבן זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַרן

אייניקל, ווייל פון זיין זון, דעם האַלב טויב־שטומען, האָט ער ווייניק וואָס געהאַלטן. און דאָס האָט דעם האַלבן אידיאָט שטאַרק פאַרדראָסן און טיף געקרענקט, האָט ער אויסגעלאָזט זיין צאָרן צום אומשולדיקן קינד, האָט אים דערהרגעט און זיין קערפּערל פאַרוואָרפן ווייט־ווייט אין אַ גאָרטן, וווּ עס וועלן עס, — אַזוי האָט ער געהאָפט, — די פייגלען אויפפרעסן און מען וועט אַזוי אַרום זיין געביין קיין מאָל נישט געפינען.

ווען „דער פרעמדער גוי" האָט געשלאָסן קאָנטשאַפט מיט דער פאַמיליע ריבאַ־ליענקאָ און האָט דאָרט פאַרבראַכט, אַרבעטנדיק אַ שטיקל צייט אויף זייערע פעלדער, האָט ער, ווי עס זעט אויס, גלייך זיך אָנגעשטויסן אויפן גרונט און אויף דער סיבה פונעם מאָרד.

דער מערדער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקע קאַטאָרגע און פון „בלוט אויף פּסח" פאַר יידישע מצות האָט זיך ביי די גרויסע, הויך־געלערנטע אַנטיסע־מיטן אויסגעלאָזן אַ זייפן־בלאָז.

איך האַלט פאַר נייטיק און פּאַסיק דאָ איצט אָנצוגעבן אייניקע פאַקטן, וואָס האָבן אויך אַ שייכות צו דעם טרויעריקן קאַפּיטל עלילת־דם. גלייך ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויפדעקן די שענדלעכע בלבולים פון „בלוט אויף פּסח", ווי אַ רעזולטאַט פונעם ריבאַליענקאָ־מאָרד, האָב איך אָנגעשריבן צוויי קאָרעספּאָנדענצן, איינע אין „הצפירה" אין וואַרשע און די צווייטע אין „דער פריינד", די ערשטע טעגלעכע צייטונג אין יידיש אין רוסלאַנד, וועלכע האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין פּעטערבורג דעם ערשטן יאַנואַר 1903. איך האָב איןביידע קאָרעספּאָנדענצן באַריכטעט מיט פיל איינצלהייטן וועגן דער טרויעריקער געשעעניש. איך האָב אָוועקגעשיקט די בריוו אין אַ דאָנערשטיק און שבת אין דער פרי, אויפן דריטן טאָג, הייסט עס, האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דער רעדאַקציע „דער פריינד": „פּישיטיע קאָזשדי דיען", — שרייבט יעדן טאָג.

איך האָב דעם זעלבן טאָג אָנגעשריבן און אָפּגעשיקט צו דער רעדאַקציע פון „דער פריינד" אַ צווייטע קאָרעספּאָנדענץ, מיין לעצטע קאָרעספּאָנדענץ, און אָט פאַר־וואָס — די לעצטע. אין גאַנג פון די ביטער־ווייטיקלעכע געשעענישן האָט פּאַסירט אַ פאַל, וועלכן איך האָב — אפשר דורך אומפאַרזיכטיקייט — באַשריבן און כאַ־ראַקטעריזירט אין מיין ערשטער קאָרעספּאָנדענץ. און ווען די צייטונג „דער פריינד" איז דערהאַלטן געוואָרן און יידן האָבן דורכגעלייענט, וואָס איך האָב געשריבן, האָט עס אַ פּאָר פון די יידן אַרומגענומען אַ שרעק און אויך דערוועקט ביי זיי אַ ווילדן צאָרן קעגן מיר און דאָס געדרוקטע, און דריי־פיר מענער און פרויען זענען געקו־מען צולויפן — כאָטש מיר דורס צו זיין. און ווען נישט אַ פּאָר פריינט מיינע, וואָס האָבן זיך אַריינגעמישט אין טומל און נישט דערלאָזט מיר שלעכטס צו טאָן, — וואָלטן די צעיושעטע, כעסדיקע אָנפאַלער געוויס געוועזן מיר צעהרגעט און אפשר טאַקע אָוועקגעהרגעט.

און געשריבן האָב איך אַט־וואָס, וואָס האָט אַרויסגערופן זייער גרימצאָרן:
„...אין דער גאַנצער סומאַטאָכע, אין דעם פאַרשאָלטענעם טרויעריקן קאַפּיטל פון דער עלילת־דם אויפרייצונג ווערט פּלוצים אַ ייִד משוגע, געריִרט פון זינען, — וועלוול דער פאַרבער רופט מען אים, — לויפט אַרום איבער די גאַסן און שרייט בקולי־קולות: „איך ווייס ווער עס האָט דערהרגעט דאָס שייגעצל ריבאַליענקאָ, — איך און יאַנקל דער רויטער און צוויי וואַראַנעס!" נאָך אָט דעם משוגענעם ייִד זע־נען נאָכגעלאָפן אַ כאָפּטע נייגעריקע קינדער און אויך דערוואַקסענע ליידיקגייער. ביז די פּאָליציי האָט געכאַפּט דעם משוגענעם און אים אַרעסטירט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים טאַקע אָפּגעפירט אין משוגעים־הויז, ווייט פון שטאָט".

אָט דער אינצידענט און מיין באַשרייבונג מיט אַלע איינצלהייטן האָט עס אַזוי אויפגעקאָכט און אויפגעשטורעמט די געמיטער פון דעם שטאָטישן תושב „יאַנקל דער רויטער" און זיינע פריינט, און — און זיי און די אשת־חיל פונעם רויטן יאַנקל זענען עס געקומען צולויפן און אָנגעפאַלן אויף אונדזער הויז און שיעור נישט אויס־געפירט זייער אייגענעם משפט איבער מיר. אָבער, — ווי פריִער געזאָגט, — אַ פּאָר פון מיינע פריינט, וועלכע זענען גראָד אויך געווען די נאָענטע פריינט פונעם באַ־ליידיקטן און געקריוודעטן יאַנקל דער רויטער, זיי האָבן צווישן אונדז שלום גע־מאַכט. און נאָך אַ פריינטלעכן „לחיים", האָב איך, לויטן פּסק־דין פון די רודפי־שלום, באַצאָלט צען רובל אויף אַ דבר שבצדקה און האָב פאַרשפּראָכן מער נישט צו שרייבן אין די גאַזעטן.

איך בין דאָך אויף ווייטער געבליבן טיף פאַראינטערעסירט אין יעדער געשע־ניש און פּאַסירונג און שטענדיק געווען צווישן די ערשטע אויפצונעמען די פּאַסי־רונגען, זיך אויפמערקזאַם איינהערן און זיי איינקריצן אין מיין געדעכעניש. אָט, צום ביישפּיל, ווען דער גובערנאַטאָר האָט געהאַלטן זיין „טיפּזיניקע דרשה", בין איך געשטאַנען אין דער סאַמער צווייטער שורה פון די צוהערער; אָדער — ווען „דער פרעמדער גוי" האָט זיך באַוויזן אין שטאָט, האָב איך דאַן אָרגאַניזירט מיין אייגענע „אָכראַנקע" און נאָכגעשפּיאָנירט זיינע באַוועגונגען; ווען די זעלבסטשוץ איז אָרגאַניזירט געוואָרן, בין איך געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון די אָרגאַניזיר־אָרגאַנען, ווי אויך אין דער זעלבסטשוץ אויספירונג גופא. געוויס, בין איך געווען זייער געקרענקט פון דעם וואָס איך האָב נישט געקענט שרייבן און באַריכטן אין די ציַיטונגען וועגן אַלץ וואָס עס קומט פאָר. אָבער — איך האָב געגעבן מיין וואָרט נישט צו שרייבן מער און איך האָב מיין וואָרט געהאַלטן.

אין דער זעלבער צייט האָב איך אָבער יאָ געשריבן און פאַרצייכנט אין מיין טאָגבוך, כמעט יעדן טאָג, אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום עלילת־דם, צו די אויספאָרשונגען וועגן מאָרד, צו דער זעלבסטשוץ און אין אַלגעמיין וועגן דער שטי־מונג אין שטאָט ביי אונדז און אויך אויסער דער שטאָט, ווי אויך אָפּשפּיגלונגען פון דער פּרעסע.

די דעמאָלטיקע ליבעראַלע צייטונג „אָדעסקאַיאַ נאָוואָסטי“ האָט פיל געשריבן און גרויסמוטיק באַקעמפט דעם עלילת־דם אַבסורד.

— — — — — — — — — — — — —

און דווקא אין יענע טעג פון אויפרודער און אויפשטורעמונג אין מײן פּריוואַטן ווי אין אַלגעמײן־געזעלשאַפטלעכן לעבן, שפּעט אין ווינטער און אָנהייב פרילינג 1903, איז אַרײנגעטראָטן אַן ענדערונג, אַ זייער פיינלעכע פאַר מיר ענדערונג, אין די באַציִונגען צווישן מיר און חייקען.

צוליב בלבולים און רכילות, אפשר אויך מיאוסע ליגנס־געשיכטעס, מצד פון מײנעם אַ געוועזענעם חבר, ב. א. ליפשין, וועלכער איז אַגב געווען אַן אַנגעשטעלטער אינעם טוך־געשעפט פון חייקעס פאָטער אַלס בוכהאַלטער, און איז אַזוי אַרום געווען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט חייקען; דורך זײנע אינטריגעס און בײזוויליקע פלוידערייען איז פאָרגעקומען און ס׳האָט זיך געשאַפן אַ מין „אָפּקילונגס־פּראָצעס“ אין חייקעס האַלטונג און באַציִונג צו מיר. איך האָב אויף דעם אַלעם רעאַגירט, נישט מיט צאָרן אָדער כעס פאַר איר קאַלט ווערן צו מיר. מיר האָט אָבער שרעקלעך געערגערט און ביז משוגעת געוויײטיקט און באַצערט איר צוהערן זיך און אויפנעמען די אינטריגעס פון ליפשין, און איך האָב דערפאַר געפאָדערט פון איר אַ דין־וחשבון. אין אונדזערע איבעררײדענישן אויפן גרונט פון דער אָנגעצויגענער סיטואַציע צווישן אונדז, האָבן מיר בײדע אויסגעדריקט פאַרביטערטע געפיל־שטימונגען. דאָס אַלץ, — דער הייסער וואָרט־געפעכט, — איז פאַרשטייט זיך געפירט געוואָרן און אָנגעגאַנגען דורך „בריוועלעך“. ביז, איין מאָל אין אַ טאָג, האָב איך פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען אויף אַ „ראַנדעוויו“ אויפן „באַרג“ הינטערן שטאָט און דאָרט זיך דורכרײדן, האָבן אַ פרײנטלעכן שמועס. איך האָב אויך פאָרגעלייגט מיטצובעגען מײן נאָענטסטן, מײן בעסטן חבר אברהמל ראָזענצוויט, אויף וועלכן זי, חייקע האָט אײנגעשטימט. זי, פון איר זײט, האָט פאָרגעלייגט מיטצוברענגען איר שוועסטער חנה.

אונדזער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען אַרום ענדע חודש יוני. נאָך אַ לענגערן אויסשטויש פון ווערטער און אַרגומענטן, האָבן מיר זיך צעשיידט, פאַרבלײבנדיק „קאַלטע גוטע פרײנד“.

פון דאַן אָן, פון יענער אומגליקלעכער, ווייטיקפולער באַגעגעניש, האָבן מיר זיך מער נישט געטראָפן ביז דעם 14טן נאָוועמבער 1906. וועגן דער דאַטע, וועגן דעם ליכטיק, הייליק יום־טובדיקן טאָג מײנעם, — דעם 14טן נאָוועמבער 1906, — וועט מיר נאָך שפּעטער אויסקומען צו שרײבן.

נאָך דעם צרהדיקן „ראַנדעוויו“ און זינט דאַן, אין די שפּעטערדיקע חדשים און יאָרן, האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ הייסער ליבע צו חייקען, וואָס האָט געברויזט פון אַ צעוווּנדעטן האַרץ און צעבלוטיקטער נשמה.

12. — איך פאָר לערנען אַ פאַך און ווער אַ פיש־סוחר

מיר איז געווען ענג און שטיקנד די לופט אין אונדזער היים. איך האָב געהאַסט דאָס געשעפט־לעבן אין אַלגעמיין און באַזונדערס האָב איך נישט פאַרטראָגן דעם קרייז מענטשן, די שוסטערס מיט וועלכע איך האָב געדאַרפט האָבן צו טאָן שעהן און שעהן יעדן טאָג. זיי, די שוסטערס, פאַלש אין זייערע האַנדלונגען, אין זייערע באַציִונגען צו אַנדערע און מיט נאָך אַנדערע „טוגנטן", וואָס פלעגן מיר עקלען, ער־גערן און פאַרשאַפן פיל עגמת־נפש.

ווען איך האָב אין מיינע גאָר פריִע יוגנט־יאָרן נישט געקאָנט דורכפירן מיין געוווּנטשן פּלאַן — צו פאָרן לערנען אין אַ ישיבה, האָב איך אין די שפּעטערע מאַ־טורע־יאָרן מיינע אָנגעהויבן פילן און אַנטוויקלען אין זיך אַ נייגונג צו זעלבסט־שטענדיקייט, צו אַרבעטן און לעבן זעלבסטשטענדיק פון מיין אייגענער אַרבעט, פון מיינע פאַרדינסטן.

ביי מיין מוטער אין הויז, אַרבעטנדיק אין אונדזער לעדער־קלייט אום צו העלפן אָנהאַלטן דאָס פירונג און באַשפּייזונג פון דער משפּחה, האָב איך זיך געפילט ווי אַ מענטש וואָס פירט אויס אַ ווילטעטיקע פונקציע; אַרבעט ווי אַן אַרבעטער, און דאָך ווער איך פאַררעכנט ווי אַ בעל־הבית, אַ בחינמדיקער געשעפטסמאַן, אַ מענטש וואָס פאַרלירט דעם באָדן פון אונטער זיינע פיס יעדן טאָג, יעדער וואָך, און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן און קלערן, ווי זיך אַרויסצובאַקומען פון אַזאַ אומגעלומפּערטער און אומזיכערער לאַגע. איך האָב געזוכט וועגן און מיטלען און האָב דורכגעטראַכט פאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי צום בעסטן און צום גינסטיקסטן צו געפינען אַ מער זיכערע, אַ מער פּאַסיקערע באַשעפטיקונג פאַר מיין צוקונפט.

אַרום ענדע נאָוועמבער 1903 איז עס געווען, ווען איך האָב אָנגענומען אַ באַ־שלוס, האַפנדיק דורך דעם געהאָלפן צו ווערן. אין אַ פאַרנאַכט, צונויפנעמענדיק אַלץ וואָס עס איז מיר מעגלעך געווען, אין איילעניש און אומבאַמערקטערהייט, אַ גרויסן טייל פון מיינע קליידער און שיך, האָב איך מיטן פּעקל אין האַנט באַשטיגן דעם וואָגן פון אַ בעל־עגלה, וועלכער האָט מיר אָוועקגעפירט קיין טיראַספּאָל. פון דאָרט בין איך מיט דער אייזנבאַן אויפן צווייטן טאָג געפאָרן און אָנגעקומען אין אָדעס.

אין ווייניקער פון אַ שעה צייט בין איך שוין געזעסן ביי מיין ברודער אהרן אין הויז, וועלכער האָט געוווינט אויפן „פּערעסיפּ" וווּ ער האָט אָנגעפירט מיט אַ לעדער־פאַבריק.

דאָ בעט זיך ממש צו פאַרצייכענען אַן אינטערעסאַנטן קוריאָז. אין דער זעלבער געגנט, אויפן „פּערעסיפּ", האָבן מיינע עלטער־זיידעס, די אויסוואַנדערער פון סלאָ־בימער באַצירק, מיט הונדערט יאָר צוריק אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן און דאָ פאַרלייגט די לעדער־אינדוסטריע. און אויך איצט, ווי דאַן ביי זיי, ביי די ניין הורוויץ־

פאַמיליעס פון דער ליטע, האָט דאָס מזל נישט באַלויכטן דעם וועג פון מיין ברודער אהרן, דער אָפּשטאַמער פון יענע טרוימער, די בעלי־בתים פון די געדעקטע בוידן. אַ קליינער בר־מזל געווען דער ברודער מיינער אהרן, דער באַזיצער פון אַ גאַנץ היפשער לעדער־פאַבריק, אָבער חיונה פאַר ווייב און קינדער איז ווייניק געווען. זייער אָפּט האָט אויסגעפעלט די מינימאַלסטע סומע געלט אַפילו צו באַצאָלן דעם בעקער פרייטיק פאַר די צוגעשטעלטע לאַבנס ברויט די גאַנצע וואָך. מילך איז אין שטוב געווען אַ לוקסוס־אַרטיקל און אַנדערע לעבנס־באַדערפענישן — זייער און זייער בצימצום.

און אָט אין דעם שיינענדיקן רחבת־ידים בין איך עס אַריינגעפאַלן, ווען איך בין געקומען זיך לערנען די מלאכה פון גאַרבעריי, לויט מיין פאַרטראַכטן פּלאַן. פון מיינע אויסגעחלומטע האָפענונגס־פּלענער האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַ זייער מוטנע ווירקלעכקייט. מיין אַנטוישונג איז געווען אַ ביטערע.

אהרן מיט זיין פרוי חסיה האָבן מיר אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און מיט פיל ליבשאַפט און האַרציקייט האָבן זיי מיר מקרב געווען און האָבן זיך באַמיט צו מאַכן פאַר מיר אַלץ וואָס באַקוועמער.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט פלייס, איבערגעגעבנקייט און האָב זיך באַמיט אויפצונעמען די תורה פון אויסאַרבעטן פון רויע פעלן לעדער פאַר זוילן. אַ שווערע, שמוציקע אַרבעט איז עס געווען, אָבער איך האָב זיך באַמיט ערנסט און גוטוויליק זיך אַריינצופּאַסן אין די ראַמען פון מיין נייעם סאָרט לעבן.

זייער אָפט פלעג איך מיטגיין מיט מיין ברודער אהרן אויף זיינע באַגעגענישן מיט סוחרים אין די „טשיינע־טראַקטירן", ווו עס פלעגן, לויטן דעמאָלטיקן מנהג, געשלאָסן ווערן געשעפטן פון פאַרשידנאַרטיקן פאַרנעם. עס פלעגט פּאַסירן אַז מיר פלעגן אָפּזיצן שעהן־לאַנג און זופן טיי, וואַרטנדיק אויף אַ סוחר וואָס האָט פאַר־שפּראָכן צו קומען, ביז נו, מיר'ן גיין, וואָס ווען מיר נאָך וואַרטן. נו, טאַקע אויף וואָס וואַרטן, אויפן נעכטיקן טאָג. און מיר זענען אַוועק אַ היים. ער, מיין ברודער, — מיט ביטער־זאַלציקע געפילן, און איך — מיט מחשבות זרות וועגן מיין ברודערס גאָלדענע געשעפטן.

אַזוי האָב איך פאַרבראַכט גאַנצע דריי חדשים אין שווערער אַרבעט; חלילה נישט געהונגערט, עס האָט קיין מאָל נישט געפעלט קיין טיי מיט ברויט, אַ שטיקל געזאַלצענעם הערינג מיט ציבעלע, וואַרעמע זופּ פון בעבלעך צי קאַרטאָפל און אַ מאָל — נישט אויסגערעדט זאָל זיין — אַ מאָל אויף אַ „רפואה" אַ שטיקל פלייש אויך. איך האָב מיך נישט באַקלאָגט, נישט געהאַט קיין תרעומות צו קיינעם, פאַרקערט, געפרווט זיין צופרידן. האָט מען אָבער פון דער היים נישט געלאָזט רוען. מיין מו־טער האָט אין אירע בריוו צו מיר געבעטן, געוויינט און געקלאָגט: — קום אַ היים און קום אַ היים! אויך מיינע שוועסטער האָבן צוגעשריבן וואַרעמע געבעט־שורות, —

זיי קענען נישט צוזען דער מאַמעסליידן, דער מאַמעס וויינען; קום אַ היים, טייערער ברודער אייזיק! פאַרשאַף נישט דער מאַמען קיין יסורים, קיין עגמת־נפש. די מאַמע גייט אויס פון ווייטיק, טראַכטנדיק אַז דיין געפינען זיך ביי אהרקען אין שטוב איז אַן אומגליק פאַר איך ביידן, — ער האָט דאָך אַליין נישט גענוג אויף אויסהאַלטן זיך, זיין ווייב און זייערע קינדער. מיין ברודער און מיין שוועגערין זענען געבליבן ניי־טראַל אין דער פראַגע און עס געלאָזן אין גאַנצן אויף מיר ווי אַזוי צו האַנדלען.

ווען איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין שוואָגער ראובן באַרטניקער פון דור־באַסאַר, אין וועלכן ער האָט מיר פאַרגעלייגט אַ געשעפטס־פּלאַן, האָב איך מיך טיף פאַרטראַכט איבעם מהות פון מיין „לערנען אַ פאַך" און בין געקומען צום באַשלוס, אַז מיין פאַרלאָזן מיין ברודער אהרנס הויז וועט זיין לטובת זיין פאַמיליע, פשוט און איינפאַך — עס וועט זיין אַ פאַר ביסנס ברויט מער פאַר זיינע קינדער. און — אומר ועושה, איך בין אַוועק אַ היים, צוריק קיין דובאַסאַר.

***

ביי אונדז אין שטוב איז געוואָרן ששון ושמחה — דאָס מעזיניקל אייזיק איז צו־ריק אין דער היים. מיין מאַמע — אין זיבעטן הימל פאַר פרייד. זי האָט מיך גע־לאַשטשעט, געגעדט זייער ווייך צו מיר, נישט צו מאָל אַ שאַרפן אויסרייד אָדער פאַרוואָרף פאַרן אַנטלויפן פון איר הויז. פאַרקערט, זי האָט געזוכט וואָס מער צו מאַכן פאַרגעסן, צו פאַרווישן די שפּורן פון מיין טאַט און זי האָט מער געצילט מיט אַנדייטונגען אויף דער צוקונפט אין אונדזער לעדער־געשעפט, אָדער אין דעם פיש־געשעפט וואָס מיין שוואָגער ראובן האָט מיר פאַרגעלייגט. איך, — פאַרשטייט זיך, — האָב אויסגעקליבן און זיך מער אָפּגעשטעלט אויף דעם געשעפטס־פּלאַן, וואָס עס ווערט מיר פאַרגעלייגט. עס האָט מיר אימפּאָנירט, געשפּילט אויף דער פאַנטאַזיע. ערשטנס — אַ נייער סאָרט מסחר, מיט מענטשן סוחרים; נישט דאַרפן האַנדלען מער מיט שוסטערס, און צווייטנס — דעם מסחר וועל איך דאַרפן פירן אין אַ צווייטער שטאָט; מענטשן וועלן זיך באַציִען צו מיר ווי צו אַ סוחר, אַ סוחר פון דובאַסאַר, און ווער ווייסט — אפשר ליגט טאַקע אין דעם דער קערן פון מיין גורלדיקער צוקונפט?

אַ פאָר וואָכן פאַר פורים פון זעלבן יאָר, בין איך געפאָרן קיין אָריהעוו, אַ שטאָט אין בעסאַראַביע, ביי אַ 35 וויאָרסט פון דובאַסאַר. אַהין האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַכט גרויסע פעסער מיט געזאַלצענע פיש, און לויט אַן אָפּמאַך צווישן אונדז, צווישן מיר און מיין שוואָגער ראובן, האָב איך געדאַרפט זיך קאָנצענטרירן אויף דעם אויס־פאַרקויף פון דער סחורה וואָס שנעלער און אויך זען וועגן דער מעגלעכקייט פון ווייטערדיקע, מערערע טראַנזאַקציעס.

ביי אים, ביי ראובנען אין שפּיכלער, האָט זיך אָנגעקליבן און פאַרלאַגערט אַ

היפּש ביסל פּעסער מיט פיש, און דאָס האָט אים געדריקט און געענגט, — ער האָט זיך שטאַרק געניייטיקט אין מזומנע געלט און איך בין עס געוואָרן דער קוואַל פון דערלייזונג פאַר אים, כמעט ווי אַ רעטונגס־גאַרטל. איך דאַרף, איך מוז פאַרקויפן! די פרייזן פאַר דער סחורה — לאָקנדיקע, פאַרכאַפּנדיקע, אַבי — יאָ, אַבי מזומן.

צוויי טעג פאַר פורים האָב איך פאַרלאָזן אַריהעוו און געפאָרן אַ היים קיין דובאָסאַר מיט פולע קעשענעס געלט, פדיון פאַר אַלע אַכט פעסער פיש, און — אויך גוטע אויסזיכטן אויף געשעפטלעכע פאַרזעצונגען. די סוחרים האָבן מיר אויפגענומען פיין, אָנשטענדיק און געצאָלט מזומן פאַר דער סחורה ווען זי איז זיי צוגעשטעלט געוואָרן, און זייער אָפט מיט פולער צופרידנקייט געפרעגט אויף ווייטערדיקע אָנבאָטן.

מיין שוואָגער ראובן, ווען ער האָט מיך באַגעגנט ביי מיין צוריקקער און דערזען דעם פּאַק מיט געלט וואָס איך האָב אים דערלאַנגט, האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט איבערראַשונג פאַר גרויס שמחה און געזאָגט, אַז איך טויג צו געשעפט און אַז אין סחורה פאַר ווייטערדיקע באַשטעלונגען וועט קיין מניעה נישט זיין, דער עיקר איז — מזומן.

דער רעזולטאַט, דער אונטערצי פון מיין נייער באַשעפטיקונג: אַ פּאָר טעג פאַר פסח, נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען און רייזעס אַהין און צוריק, פון דובאָסאַר קיין אַריהעוו און פון אַריהעוו קיין דובאָסאַר, האָב איך געהאַט פאַרקויפט און כמעט אין גאַנצן ליקווידירט דעם איבערפּליסיקן רעזערוו פון די פיש אין ראובנס שפּייכלער; רעאַליזירט און אויפגעמאָנט אַלע קורצטערמיניקע חובות אין מזומנים. און ווען איך בין געקומען צוריק אין דער היים, אין דובאָסאַר, האָבן מיר, — ראובן און איך, — אָנגעהויבן אויסאַרבעטן פּלענער פאַר אונדזער צוקונפטיקן פיש־האַנדל אין אַריהעוו. ראובן האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט צאַריצין און אַסטראַכאַן — די פיש־צענטערן אויף דער וואָלגאַ, ווו דער פישפאַנג גייט אָן; ווו די פיש ווערן געזאַלצן, געפּאַקט און צעשיקט איבער גאַנץ רוסלאַנד. ראובן האָט אויך אָנגעהאַלטן אַ פאַרצווייגטן פיש־האַנדל מיט אָדעסער פיש־סוחרים און אַלץ געפירט אויף אַ גרויסן, ברייטן מאַסשטאַב אין זיין באַקאַליי און פיש־געשעפט.

אָבער, זאָל ער מיר מוחל זיין, מיין ע״הדיקער שוואָגער, — געווען אַ גרויסער פלוט און „דרייער". און אין שייכות מיטן אַוועקשטעלן אַ פיש־געשעפט אין דער שטאָט אַריהעוו האָט ער געמאַכט אַ קאַרדינאַלן, אַ פאַטאַלן טעות; אַ טעות, פון וועלכן מיר זענען ביידע, — אי ער און אי איך, — שפּעטער געווען די קרבנות, פשוט געביזוקט געוואָרן, אַרויס, ווי מען זאָגט — בשן ועין.

ער האָט געהאַט פאַרגעלייגט און טאַקע אַזוי באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן דאָס פיש־געשעפט אין אַריהעוו באַזירן אי אויף הורט און אי אויף „לאחדים". עס איז אים אויך געלונגען צוצוציִען אַלס שותף אונדזערן אַ קרוב, אַן אַריהעווער תושב, —

ברוך משיח, וועלכער האָט איינגעשטימט צו פינאַנסירן די אונטערנעמונג. ער, ברוך משיח, האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זען מיך אַדורכפירן גלענצנדיקע געשעפטן אין אַ קורצער צייט, און ווען ראובן האָט אים פאַרגעלייגט צוזוטרעטן אַלס שותף צו דעם פּלאַנירטן פיש־געשעפט, האָט דאָס אים „געגומען", און איבערהויפּט — אַז דאָס געשעפט ווערט געשטעלט אונטער מיין אויפזיכט און אָנפירונג.

די הויפּט־פונקטן פונעם שותפות, אין קורצע שטריכן, זענען געווען: ברוך — דער פינאַנס־מענטש; ראובן — דער „איינקויפער און צושטעלער פון סחורה, און איך — דער לאָקאַלער פירער און באַוועגער פונעם געשעפט. אָבער דער טעות, דער אומגליקלעכער טעות איז געלעגן אין דער נישט־פּראַקטישער אויסרעכענונג פון הורטאָוונעם און איינצל־פאַרקויף. און ווען איך האָב אויפגעעפנט די קלייט און אָנגעהויבן פאַרקויפן פיש אויפן פונט; און ווען איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט אויפן מאַרק יעדן מאַרק־טאָג און פאַרקויפט פיש לכל דיכפין ייתי ויאכל; און ווען איך האָב אָנגעהויבן פאָרן אויף יאַרידן אויסערן שטאָט צוויי מאָל אין דער וואָך, — דאַן האָבן אַלע סוחרים־קלייטניקעס, מיינע פריִערדיקע קונדן, זיך געטאָן אַ שאַרפן רוק אָפּ אָן אַ זייט און נישט געוואָלט מער קויפן ביי מיר קיין סחורה.

מיר האָבן דאַן גלייך דערפילט דעם בראָך. וואָרעם פאַרקויפן אין קלייט אָדער אויף די יאַרידן איז געווען אפשר גענוג פאַר אַ פאַמיליע צו ציִען דערפון פרנסה. אָבער די הוצאות פון דירה־געלט, אַרומפאָרן אויף די יאַרידן און אָפּשליסן די קלייט אויף דער דאָזיקער צייט און אויך דאָס געהאַלט וואָס איך האָב געצאָלט אַ מענטשן, אַן אַרויסהעלפער, — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז דער האַנדלס־ניוואָ האָט שרעקלעך אַראָפּגענידערט און עס איז נישט געווען גענוג צו דעקן די הוצאות.

איך האָב זיך געראַנגלט מיט די ביטערע אומשטענדן, צוזעענדיק ווי עס זינקט אַרונטער די געלייגטע האָפענונג אויף דעם אויפבוי פון אונדזער ניי־געגרינדעטער פירמע.

אַרום סוכות־צייט, אָדער עטוואָס שפּעטער, ווען מיר האָבן איינגעזען אַז — די שפּיל איז פאַרן טייוול, האָבן מיר מיט אַ געבראָכן האַרץ, מיט געפּלאַצטן געדולד, באַשלאָסן צו ליקווידירן דאָס געשעפט. און אין נאָוועמבער 1904 האָבן מיר געשלאָסן די טירן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגוויליק מיט אַ בוררות. ברוך משיח האָט געמאָנט זיינס. ראובן, וועלכער איז אַליין „גוט אַריינגעקראָכן", האָט נישט געהאַט וואָס צו געבן ווי אַ פאַרגיטיקונג. איך, ווידער, בין דאָך געווען דער הויפּט־קרבן: קיין געהאַלט האָב איך נישט באַקומען אַ לענגערע צייט. פון דעסטוועגן — צו קיין בזיונות איז עס נישט געקומען; מען איז געקומען צו אַן אויסגלייך. ביידע צדדים, — ברוך און ראובן, — האָבן זיך געאייניקט אויפן פּרינציפּ פון בוררות און האָבן זיך פאַרפליכטעט אונטערצוואַרפן דעם פסק־דין פון די בוררים. ווי בוררים האָבן זיי באַ־

שטימט און אָנגענומען צוויי אייגענע מענטשן: לייב קאָושאַנער (ברוכס אַ שוואָגער) און מיר אַליין.

מיר האָבן, — קאָושאַנער און איך, — באַטראַכט אַלע אַספּעקטן פונעם צרהדיקן פּלאָנטער, אַלע פאַזן פון דעם אומגליקלעכן שותפות און מיר האָבן אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, וועלכן זיי ביידע, ברוך און ראובן, האָבן אָנגענומען. און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין קאַריערע אַלס סוחר, — אַ פיש־סוחר.

13. — פון פיש־ריח צו פעלד־ריח

עס זענען פאַריבער בלויז געציילטע טעג און איך האָב געקראָגן באַשעפטיקונג ווי אַן אויפזעער און פאַרוואַלטער פון די פּראָדוקטן־שפּייכלער און געצייג־מכשירים איפן גוט פון מיין פעטער, קאָפּל אַווערבוך, אינעם דאָרף פּורטשעני, ביי אַ זעקס וויאָרסט פון אָריהעוו. דער גוט איז באַשטאַנען פון 350 דעסיאַטין לאַנד אייגענע, און 250 דעסיאַטין לאַנד, געדונגענע אין פאַכט פון אַ דערבייאיקן גוייִשן גוטבאַזיצער.

קאָפּל אַווערבוך איז געווען דער געוועזענער מאַן פון מיין פאַרשטאָרבענער מומע שרה, די איינציקע שוועסטער פון מיין טאַטן.

אין דער צייט ווען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין דאָרף, ווינטער 1904־1905, זענען מיר געווען, איך און איינער פון מיין פעטערס זין, גיטיע, די איינציקע באַ־וווינער אינעם „הויף" פון פּריץ. אַ גרויסע הויז, אַ קלענערע הויז, אַ קיך, שפּייכ־לער, שטאַלן און אַנדערע קלענערע געביידעס. דעם פעטערס הויזגעזינד, אַלע קינ־דער מיט חנהלע — דעם פעטערס צווייטע פרוי בראַש, פלעגן אַרויסקומען אין דאָרף, אין „הויף" אויף די זומער־חדשים און געוויינטלעך פאַרבלייבן ביז נאָך סוכות.

איך האָב זיך שנעל איינגעלעבט אין מיין נייער אומגעבונג און אַרבעט. אין די אָוונטן פלעג איך אָפּט פאַרברענגען אין די הייזער פון די געציילטע ייִדישע פאַמי־ליעס אין דאָרף, פּשוטע ערלעכע ייִדן, וואָס האָבן געלעכצט צו הערן אַ ייִדיש וואָרט פון אַ שטאָטישן מענטש. זיי אַליין, אָט די פּראָסטע ייִדן, גאַנץ באַגרענעצט אין ייִדישן וויסן אָדער ליטעראַרישע קענטענישן, האָבן דאָך געוואָלט הערן און לערנען עפּעס פון דעם וואָס עס טוט זיך אין דער ייִדישער וועלט. און אויף וויפל מיר איז מעג־לעך געווען, האָב איך זייער וווּנטש און זייער נייגיריקייט דערפילט און באַפרידיקט.

מיין פעטער אַליין, קאָפּל אַווערבוך, אַ ייִד אַ פּריץ, נישט קיין נאַרישער מענטש, אָבער אַ ביסל פאַרגרעבט אין הלכות מסכתא אָדער חומש מיט רש"י, פלעגט אויך האָבן אַ גרויסע נייגונג צו הערן מענינא דיומא. און ווייל ער פלעגט פאַרברענגען אָפּט מאָל צוויי־דריי טעג און נעכט צוזאַמען מיט אונדז אין „הויף", האָב איך שטענ־דיק געמוזט דינען ווי אַ מקור פון וואַנען ער האָט געשעפּט, געוואָלט שעפּן ידיעות וועגן די טאָג־געשעענישן.

מיין פעטער איז געווען זייער צופרידן פון מיר ווי אַן אויפזעער איבער זיין באַ־

לעבאַטישקייט. ער האָט אין מיר געזען אַ פּאַרטרויענסטווערטן דינער. געוויס, — געהאַלט האָט ער נישט געקענט צאָלן קיין העכערן ווי דעם געוויינלעכן סטאַנדאַרט־לוין פון יענער צייט; אָט אַזוי איז עס פאַר אַלעמען און אַזוי איז עס אויך פאַר מיר. צום ביישפּיל, אַן אַרבעטער אין „הויף" האָט באַקומען אַ יערלעכן געהאַלט פון פינף און זיבעציק רובל (75 רובל) מיט עסן, אָן אַ דירה. צווישן די 12־15 טעגלעכע אַר־בעטער, ווי אַ קוכער, אַ שטאַל־מענטש, פּאַסטוכער א"אַנד, צווישן די אַלע זענען אויך געווען פאַמיליע־מענטשן מיט צוויי־דריי קינדער ביי זיך אין הויז, אָבער אַלע — פּאַראַלעל גלייך. צווישן מיינע אַרבעטס־פליכטן האָב איך אויך אָפט געדאַרפט אויספירן אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע שליחות. ווען דער פּריץ האָט זיך געניייטיקט אין מזומנים, פלעג איך געשיקט ווערן קיין דובאָסאַר צום סוחר, וואָס איז געווען דער אָפּנעמער פון אַלע תבואות פונעם גוט, און מיט אַ צעטל אונטערגעשריבן פון פּע־טער קאָפּל, האָב איך פונעם סוחר באַקומען די נייטיקע, אָנגעוויזענע סומע געלט. אַזעלכע שליחותן האָבן מיר פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן: די געלעגנהייט צו זען מיין מאַמען, מיינע חברים און פאַרברענגען מיט זיי עטלעכע שעה. איך פלעג געוויינלעך אַוועקרייטן אויף אַ פערד קיין דובאָסאַר (22 וויאָרסט), דערליידיקן מיין מיסיע, פאַר־ברענגען אין מיין מאַמעס הויז און אין דער געזעלשאַפט פון מיינע חברים, און פאַר־נאַכט־צו אַוועקרייטן צוריק אין דאָרף אַריין מיט דער אַפּותיקא אין קעשענע.

אין די זומער־חדשים, ווען אַלע פון מיין פעטערס פאַמיליע האָבן זיך געפונען אויף וואַקאַציעס אין „הויף", פלעגן מיר אָפט צוזאַמען גוט פאַרברענגען אין פאַר־שידענע שפּילן, אויספלוגן און אויך זיך באָדן אינעם טייכל „רעאוט", וועלכער איז דורכגעפלאָסן די דאָרפישע גרענעצן. איך בין אויך, פון צייט צו צייט, אַרויסגעפאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד אויף די תבואה־פעלדער, באַזוכט די טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס, די וויינגערטנער אאַז"וו. און האָב אַזוי אַרום אַ סך געלערנט די דינים פון ערד־אַרבעט, הלכות הטבע און האָב זייער ליב באַקומען דאָס דאָרפישע לעבן, דאָס פעלד און גאָרטן־לעבן.

איך האָב פיל צייט און אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן די היימישע שטוב־חיות און עופות־האָדעווען, אויפגעזעצט און אַכטונג געגעבן אויף די אויפגעזעצטע הינער און קאַטשקעס און אויף די אויסגעבריטע הינדעלעך און קאַטשקעלעך. איך האָב זיך אויך מטפל געווען ביי די בהמות און זייערע קעלבלעך. איך האָב מיך איינגעשאַפט אַ קליין אַפּטייקל, אַ סאָרט „ערשטע הילף"־קאַבינעט און האָב זיך דערמיט דערוואָרבן דעם טיטל פון אַ פעלדשער, אַ רפואה־געבער. און ווען עפּעס האָט געטראָפן מיט אַ בהמה, אַ פערד, צי להבדיל, מיט אַ מענטש, איז מען גלייך געקומען צו לויפן צו מיר: — גיב עפּעס אַ רפואה, פּריצל! אַזוי און אַזוי האָט געטראָפן.

עס זענען צו מיר אויך געקומען יונגע פרויען זיך אַן עצה האַלטן, אָדער בעטן איך זאָל פאַר זיי איבערלייענען די בריוו וואָס זיי האָבן דערהאַלטן פון זייערע מע־

נער, וועלכע זענען געווען סאָלדאַטן אין דער אַרמיי, קעמפנדיק אויף די מאַנדזשורער שלאַכטפעלדער. (עס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן). מען דאַרף באַמערקן, אַז די גרעסטע טייל פון די איינוווינער פון דאָרף זענען געווען אַנאַלפאַבעטן, נישט געוווסט פון קיין צורת אות. אַ צאָל פון די יונגע פרויען, און גאָר אַ היפשע צאָל פון זיי, שוין אויך בינה לבינה בעטן ביי מיר אַ רפואה פאַר אַ קראַנקייט, מאַנכע אַפילו בושהדיק, רויטלענדיק זיך בשעת־מעשה. ביי מיר פלעגן אַזעלכע מאָמענטן אַרויסרופן טרויער־געפילן געמישט מיט טיפן מיטלייד צו די אומגליקלעכע פרויען און — איך האָב מיך אויך גערויטלט דערביי.

***

ווען איך האָב אין דער צווייטער העלפט פון חודש אָקטאָבער 1905 דערהאַלטן פון די מיליטערישע אויטאָריטעטן אַן אויפפאָדערונג זיך צוצושטעלן צום פּריזיוו, האָב איך פאַרלאָזן מיין פּאָסטן אין „הויף" און זיך צוריקגעקערט קיין דובאָסאַר, — אַ היים.

אונדזער היים איז שוין דאַן, צו יענער צייט, געווען אַ צעשטערטע, אַ ליידיקע. די מאַמע מיינע, פאַרוואָגלט און ווי פאַריתומט, איז אַליין געבליבן אין הויז. מיין ברודער שלמה האָט נאָך אָנגעהאַלטן די קלייט, אָבער עס איז שוין דאַן געווען אַ קלייטל, נישט קיין קלייט. ערשטנס, איז די קלייט איבערגעטיילט געוואָרן אויף צוויי צווייטע העלפט פאַרדונגען צו אַ שכן, און אין קלייטל זייער ווייניק סחורה, כמעט גאָרנישט. די מאַמע מיינע, אַ פאַרחושכטע, אַ פאַרומערטע, אַ יורדת, אַראָפּ פון דער מדרגה, — אויס קיילע חיים מרדכיס! איך האָב מיט ביטערן צער, מיט טיפן ווייטיק צוגעזען מיין מאַמעס ליידן, איר עגמת־נפש. עס האָט מיר געשניטן טיף אין האַרצן אַריין, — קיילע חיים מרדכיס אַזוי אונטערגעפאַלן!

זי אָבער, מיין טייערע גוטע מאַמע, האָט דווקא נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק פון — רחמנות, בעבעך. זי האָט זיך געהאַלטן מיט שטאָלץ, מיט ווירדע. אמת טאַקע, עס זענען געווען צייטן ווען קיילע חיים מרדכיס איז געווען קיילע חיים מרדכיס מיט אַ פעסטן דגש, אָבער זיין געפאַלן ביי זיך — דאָס נישט. און זי האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק אַז זי איז נאָך איצט אויך קיילע חיים מרדכיס, מיט אַ קנייטש אַפילו — אָבער...

איר גרויסע זאָרג פון יענע טעג איז געווען — מיין שטעלן זיך צום פּריזיוו. זי האָט געוווסט אַז איך האָב קליינע און גאָר ווייניק אויסזיכטן באַפרייט צו ווערן פון דינסט, און דאָס האָט איר געפיניקט, נישט געלאָזט רוען, — איר מעזיניקל אייזיק זאָל ווערן אַ סאָלדאַט. זי האָט אויך פיל חרפות און בזיונות דורכגעלעבט אין די לעצטע וואָכן פאַר מיין צוריקקערן זיך אַ היים, דורך די אָפטע אָנפאַלן אויף איר הויז מצד די רעקרוטן, דאָס הייסט, די יונגע בחורים וואָס האָבן צוזאַמען מיט מיר דעם זעלבן יאָר געדאַרפט זיך שטעלן צום פּריזיוו.

עס איז דאַן, אין יענע ווייטע פאַרגאַנגענע צייטן, געווען דער מנהג פון אַ „סקלאַדקע", ד"ה אַ פאָנד, ווו יעדער בחור האָט געדאַרפט אַריינטראָגן אַ סומע רובלס מיט וועלכע „קהל" האָט אים באַשטייערט. די צוזאַמענגעבראַכטע געלטער זענען פאַרטרויט געוואָרן דעם רב פון שטאָט, און אַלע יענע בחורים וואָס זענען צוגענומען געוואָרן אין מיליטער־דינסט האָבן דאַן געקראָגן יעדער איינער אַ גלייכן חלק פון די איינגעלייגטע געלטער, אייניקע טעג נאָכן פּריזיוו־טאָג.

נו, פלעגט זייער אָפט טרעפן אַז חברה האָט אַרויפגעלייגט אַ צו־הויכע סומע געלט ווי אַ באַשטייערונג אויף דעם בחור אָדער אויף זיינע עלטערן, און דאָס האָט געפירט צו שטאַרקע וויכוחים, צאַנקערייען און נישט זעלטן צו מיאוסע זידלערייען און געשלעגן. און ווייל איך בין נישט געווען אין שטאָט אין די וואָכן פאַרן פּריזיוו־טערמין און מיין מאַמע איז דאָך געווען באַוווּסט אין שטאָט ווי אַן אָנגעזעענע באַלעבאָסטע, האָבן חברה פון איר פאַרלאַנגט פינף און צוואַנציק רובל. און ווען זי האָט געטענהט, אַז זי איז נישט ביכולת צו געבן די געפאָדערטע סומע געלט, האָבן די צעווילדעוועטע „רעקרוטן" געמאַכט מיאוסע סקאַנדאַלן, געקלאַפּט אין טיש, גע־זידלט און געבראַכט דער צעוויטיקטער מאַמען מיינער צו ביטערע, בלוטיקע טרערן. ווען איך בין אַ היים געקומען און געוווּר געוואָרן וועגן דעם אַלעם, האָט אין מיר דאָס בלוט אויפגעקאָכט און מיר געבראַכט צו אַ ביטערן געוויין, צו זודיקע טרערן אויפן גורל פון מיין ליבער מאַמען.

איך האָב נאָך אַ לאַנגע צייט פאַרן פּריזיוו געהאַט מיין מיינונג און אָנגענומע־נעם פעסטן באַשלוס — פאַרן קיין פּאַלעסטינע, דאָרט איינאָרדענען מיין לעבן לויט מיין נאַציאָנאַלער שטרעבונג, לויטן ציוניסטישן אידעאַל. איך האָב מיך צוריק־געהאַלטן פון פאַרלאָזן רוסלאַנד פאַרן פּריזיוו, כדי מיין מוטער זאָל נישט דאַרפן צאָלן דריי הונדערט רובל שטראָף־געלט פאַר מיין נישט צושטעלן זיך צום פּריזיוו, ווי עס האָט געלויטעט דער געזעץ. איך האָב געוואַרט אויף דעם טאָג מיט גרויס אומגעדולד און בין געווען זיכער, אַז מען וועט מיך נישט פאַרבראַקירן, מען וועט מיך צונעמען אין מיליטער־דינסט, ווייל איך בין געזונט און עס פעלט מיר גאָר־נישט; גאַרנישט טוט מיר ווי, פאַסיק צו זיין אַ פאַרטיידיקער פונעם פאָטערלאַנד.

ס'איז געקומען דער טאָג ווען איך האָב מיך געמאָלדן אין מיליטער־אַמט, דעם 21סטן אָקטאָבער 1905, אין דעם שטעטל גריגאָראָפּאָל, ווו עס פלעגן פאָרקומען יעדן יאָר די פּריזיוו־צוזאַמענקונפטן פון אונדזער געגנט. און דאָרט, אין דער קאַנ־צעלאַריע פון דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט וואָס נעמט אויף די אויפגעפאָדערטע צו מעלדן זיך, דאָרט האָט מען אונדז, — מיר און אַ צענדליק אַנדערע, — אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט, מיך אַרומגעטאַפּט און אַרומגעקלאַפּט, אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, מיר אָפּגעמאָסטן און אָפּגעוואויגן און געזאָגט באַפעלעריש, נישט פאַרקרימענדיק זיך: „ניע גאָדין, אָסטראָטשקאָ נאָ אָדין גאָד". דאָס האָט געמיינט, אַז דערווייל טויג איך

נישט פאַר מיליטער־דינסט און מען באַפרייט מיר אויף אַ יאָר צייט, איך זאָל זיך אַ ביסל פאַרריכטן.

— ס׳טייטש פריץ, געערטע פריצים, וואָס רעדט איר, וואָס הייסט איך טויג נישט! אַז איך בין דאָך געזונט און שטאַרק און איך וויל דינען דעם קיסר, וואָס שייך — פשוט, איך חלש צו גיין און אַריינקריכן אין מיליטערישן געוואַנט.

אָבער: — „ניע ראַזגאָוואַריוואַט, מאָלטשי דוראַק!” און דאַן שוין אַ ביסל ווייכער און מילדער: — „אידיאָט, ניע גאָדין! (נישט ריידן, שווייג דו נאַר. אידיאָט, דו טויגסט נישט!).

און דאָס איז פאַר מיר געווען אַן אומדערוואַרטער, טרויעריקער קלאַפּ. דאָס האָט דאָך געמיינט — נאָך אַ יאָר וואַרטן ביז איך וועל קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל. און בלית־ברירה — איך האָב געוואַרט.

14. — אַוואַנטורע. — מילדע בעסאַראַביע, פאַרפרוירענער סיביר.

נאָכן שווערן מאַטעריעלן דורכפאַל פונעם פיש־געשעפט אין אַריהעוו און דער צרהדיקער, וואַקלענדיקער עקסיסטענץ פון זיין באַקאַליי־קראָם אין דובאָסאַר, האָט מיין שוואָגער ראובן באַשלאָסן אויפצוגעבן און צו שליסן דעם גלענצנדיקן עסק זיינעם און האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין מאַנדזשוריע דאָרט צו זוכן גליק, ווי הונדערטער אַנדערע יידן האָבן עס געטאָן, נאָכצוגיין אין די פוסטריט פון דער קעמפנדיקער רוסישער אַרמיי און כאַפּן פאַרדינסטלעך.

אַ צווייטער שוואָגער מיינער, יצחק ראַבינאָוויטש, דער מאַן פון מיין שוועסטער אסתר־רחל, אַ תושב אין דער שטאָט באַלטע, פאָדאָליער גובערניע, וועלכער האָט אויך געפירט „גלענצנדיקע געשעפטן” מיטן מסחר פון קאַרעלן, פאַצערקעס אַזעלכע פאַר דער באַצירונג פון פויערישע פרויען־העלדזער; אָט דער שוואָגער מיינער, יצחק, האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק געהאַט געמאַכט זיין קאַריערע־באַשלוס — אַוועקלאָזן זיך אויף די מאַנדזשוריער פאַרבלוטיקטע שלאַכן, ווו רוסישע בראַווע זעלנער שאַפן מעגלעכקייטן פאַר פעיקע געשעפט־לייט אָנצושלאָגן פאַרמעגנס. און אַזוי האָבן זיך ביידע, יצחק און ראובן, צוזאַמענגעטראָפן אין דער גרויסער סיבירישער שטאָט אירקוטסק און באַשלאָסן דאָרט איינצושטעלן זייער „הויפּט־קוואַרטיר”.

אירקוטסק, ביי אַן אַכצן הונדערט וויאָרסט ווייט פון כאַרבין, מאַנדזשוריע, ווו עס האָט זיך איינגעקוואַרטירט די הויפּט צענטראַלע פון די רוסישע קעמפנדיקע כוחות. און פון אירקוטסק האָבן זיי, ראובן און יצחק, אָנגעפירט זייער האַנדל לענגאויס די ריזיקע שטרעקעס פון דער סיבירישער אייזנבאַן. די סיבירישע אייזנבאַן, אַן אומגליקלעכער אייזערנער וועג, וואָס האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן צו דער גרויסער מפלה פון דער רוסישער אַרמיי אויפן ווייטן מזרח. אַן איינצל־רעלס ליניע, וואָס איז נישט געווען בכוח זיך צו ספּראַווען מיט די טויזנטער וואַגאָנעס סאָלדאַטן, געווער,

אַמוניציע, פּראָוויאַנט און אַנדערע מכשירים וואָס האָבן געדאַרפט מיט שנעלקייט דורכגיין און דערפירט ווערן צום פראָנט. און אויך — די אומוויסנקייט, דאָס נישט־רירעוודיקייט און די אָפּגעשטאַנענקייט פון די טויזנטער באַאַמטע און אַרבעטער אויף דער באַן־ליניע, אויף די וואָקזאַלן און אין די וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געהאַט די אויפ־גאַבע צו מאַכן און אָנהאַלטן די באַן באַוועגלעך, —דאָס אַלץ האָט ווי פּאַראַליזירט דעם גאַנצן באַוועג־סיסטעם. און ווי אַ צוגאָב צו דער גאַנצער אומפעיִקייט פון דער סיבירער אייזנבאַן, מוז מען נאָך צושרייבן — דעם כאַבאַר־וואָרעם, וואָס האָט צע־פרעסן די גאַנצע קערפּערלעכע בלוט־געפעס פונעם רוסישן פּאָלקס־אַפּאַראַט.

און אָט אויף דער פאַרקריפּלטער און צעקריפּלטער פאַרזעעניש, — די סיבירער אייזנבאַן האָבן יידן, און צווישן זיי אויך מיינע צוויי שוואָגערס ראובן און יצחק, גע־האָט זייער אויסקוק און זייער האָפענונג. ווייל אין דער טוכלער צעפּוילטקייט פון אָט דער אייזנבאַן־סיסטעם איז געלעגן דער קערן פון פּרנסה.

וואַגאָנעס מיט סאָלדאַטן, געווער און פּראָוויאַנט אאַז״וו. זענען געקומען, זיך שלעפּנדיק פון אַלע עקן פונעם אייראָפּעיִשן רוסלאַנד און דערגרייכנדיק די אייַנצל־רעלס ליניע פון סיביר, האָבן זיי אָנגעהויבן ממש צו קריכן. און וואָכן־לאַנג האָבן זיך געצויגן עשאַלאָנען און עשאַלאָנען פון גרוי־כמורנע וואַגאָנעס, ווי פּגרימדיקע סילועטן, ציִענדיק זיך און שלעפּנדיק זיך אין לאַנגע אומענדלעכע צוזאַמענשטעלן, ווי שלעפּעריקע פלעדערמייז אין טאָג־ליכט, אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער, פרייכנדיק אויף די פאַרשנייטע באַן־רעלסן צו דער מאַנדזשוריער גרענעץ. פון וואַגאָנעס מיט פּראָדוקטן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג פון די שטעט, האָט שוין דאָן קיין רייד נישט געקענט זיין. דער תירוץ איז שטענדיק געווען גרייט:

— „וואָינאַ!״ — מלחמה, און שוין.

אָבער מיט כאַבאַר האָט מען אַלץ דורכגעפירט. און יידן האָבן געהאַט פּרנסה. אַ סך זענען רייך געוואָרן דורך צושטעלן שפּייז־פּראָדוקטן פאַר די שטאָטישע סוחרים. מאַנכע האָבן עס נאָך געהאַלטן פאַר זייער אַ גרויסע און חשובע זאַך, פאַר אַ פּאַטריאָ־טישן אויפטו, — דאָס באַשפּייזן אַ באַפעלקערונג.

און ווען סוף אָקטאָבער, קורץ נאָך מיין שלימזלדיקער באַפרייונג פון פריזיוו, איז געקומען מיין שוואָגער ראובן איינקויפן סחורה און פאַרשידענע שפּייז־פּראָדוקטן פאַר זיינע סיבירישע אונטערנעמונגען, האָט ער מיר פאָרגעלייגט איך זאָל מיט אים מיטפאָרן קיין אירקוטסק און דאָרט אַריינטרעטן אין געשעפט־רינג און ווערן אַ שותף אין זייער פירמע, ווו ער, יצחק און אַ דריטער שותף —יוסף אפרתי — זע־נען די פּרינציפּאַלן. מיר האָט דער פאָרלייג גלייך געפאַנגען אין זיין נעץ, ווי אַ שפּין־געוועב. פאָרן, זען די וועלט, דורכקרייצן גאַנץ רוסלאַנד און דערגרייכן ביז צו דעם וויטן סיביר, — דאָס אַלץ האָט מיך מאָמענטאַל פאַרכישופט, מיך אַריינגע־צויגן ווי אין אַ צויבער־שלאָס.

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער זענען מיר — ראובן און איך — אַרויס־געפאָרן אויף אונדזער לאַנגן וועג קיין אירקוטסק (אַ שטרעקע פון זעקס טויזנט וויאָרסט), מיטנעמענדיק מיט זיך פאַרמאַכטע בלעכענע פושקעס מיט פאַרשידענע פרוכטן, איינגעמאַכטס און אויך הונדערט פלעשער רויטן בעסאַראַבער וויין, אַ חוץ אַ היפשע קוואַנטיטעט פון פאַלשע צירונג און אַנדערע לייכטע סחורות. דורכפאָרנ־דיק די שטאָט כאַרקאָוו, האָבן מיר דאָרט אויך געקויפט עטלעכע פוד כשרן ווורשט, און פאַרלאָזנדיק כאַרקאָוו האָבן מיר געהאַט אין אונדזער באַגאַזש־רעגיסטער שיינע עטלעכע פודן סחורות. דאָס אַלץ האָבן מיר געהאַט מיט זיך אין דריטן־קלאַס וואַגאָן, צעשפּרייט און פאַרשטעקט הינטער די זיצבענק, און יעדעס מאָל, אַריבערגייענדיק אויף אַ צווייטער באַן־ליניע, האָבן מיר געצאָלט חסד־געלט צום באַן־טרעגער פאַר אַריבערטראָגן די פעקלעך סחורות פון איין באַן אויף דער צווייטער און אויך גע־צאָלט מתנת־יד דעם קאָנדוקטאָר פאַר דערלויבן אַריינצוברענגען אַזוי פיל שווערע געפעק אין אַ פאַסאַזשיר־וואַגאָן.

אַ סך פון די פאַסאַזשירן, אונדזערע מיטרייזנדע, האָבן אַפילו געקוקט מיט גרויס פאַרווונדערונג אויף דער מאָדנער דערשיינונג, אָבער — אַז דער קאָנדוקטאָר אַליין גייט נאָך דעם באַן־טרעגער מיטן מעשענעם קנעפל און ווייזט אים אַ פלאַץ: — „אָט דאָ לייג אַוועק, ברודערל!" — טאָ ווער וועט עס וואַגן צו זאָגן דעם קאָנדוקטאָר אַ דעה, צי שטעלן פראַגעס? אַזוי איז אונדז אויסגעקומען זיך איבערצוזעצן פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן אויף דער דרום־מזרחדיקער; פון דער דרום־מזרחדיקער אויף דער סיכזאַן־וויאַזעמסקאַיאַ; פון דער ס. וו. אויף דער לעצטער. דורך די אוראַ־לער בערג זענען מיר דערפאָרן ביז טשעליאַבינסק, ווו מיר האָבן זיך איבערגעזעצט אויף דער סיבירישער אייזנבאַן. אויף דער באַן־ליניע, פון טשעליאַבינסק ביז איר־קוטסק, אַ שטרעקע פון דרייט טויזנט וויאָרסט, זענען מיר געפאָרן און פאַרבליבן אין דעם זעלבן וואַגאָן גאַנצע אַכט טעג און נעכט. איך זאָג „מיר זענען געפאָרן", אין דער אמתן, אייגנטלעך, זענען מיר שעהן און שעהן, אָפט אַפילו גאַנצע טעג געשטאַ־נען אויף סטאַנציעס און איבערגעוואַרט דורכגייענדיקע עשאַלאָנען געפּאַקטע מיט סאָלדאַטן און אַמוניציע. דאָס האָט מען געפירט אויף צוריק די העלדישע קעמפער פון די מאַנדזשורישע שלאַכטפעלדער, נאָכן סיום התורה, נאָך דער מפּלה אין דער מלחמה קעגן יאַפּאַן.

נאָך דער סטאַנציע סאַמאַראַ, האָבן מיר אָנגעהויבן דערנענטערן זיך צו דער געגנט פון די ווירבלענדיקע און זיך שלענגלענדיקע אוראַל־בערג. און דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן דערזען, כמעט מיט די הענט אָנגעטאַפּט, דעם ממשותדיקן באַדייט פון שטח, פון רוים ווי אַ קאָנקרעטן באַגריף.

פאַרלאָזנדיק די באַן־סטאַנציע אין דער שטאָט זלאַטאָוסט, שוין טיף אין די שווינדלענדיקע הויכקייטן פון די אוראַלער בערג, האָט די באַן אָנגעהויבן גיין זייער

לאַנגזאַם און די קאָנדוקטאָרן זענען אַרומגעגאַנגען פון איין וואַגאָן אין צווייטן, אָנ־זאָגנדיק די נייעס: „מיר דערנענטערן זיך צום גרענעץ פון אַזיע. קוקט אַרויס דורך די פענצטער, אין דער רעכטער זייט און איר וועט זען אויפן באַרג, אַרויף אין דער הויך (די באַן האָט זיך געפונען אין אַ טאָל), אַ גרויסן שטיינערנעם סלופּ, ווי אַ מאָ־נומענט, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן: גראַניצאַ יעווראָפּי אי אַזיי (די גרענעץ צווישן אייראָפּע און אַזיע)".

מיר האָבן געקוקט און געזען דעם וווּנדער פון דער נאַטור: אָט אייראָפּע, אָט — אַזיע. די זעלבע בערג, די זעלבע שטיינער — אייראָפּע און אַזיע. דער איינדרוק פון יענע מינוטן האָט זיך דאַן טיף אין מיין מוח איינגעקריצט און ביז איצט ווירבלט עס אין די קעמערלעך פון מיין מוח דער אויפברויז פון יענעם איינדרוק: „גראַניצאַ יעווראָפּי אי אַזיי".

15. — טעם סיביר, ווי אַ פרייער מענטש

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אירקוטסק (נאָך פערצן טעג „פאָרן"), און די נייעס פון אונדזער אָנקומען האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און איבערהויפּט, די וויכטיקע נייעס וועגן די סחורות וואָס מיר האָבן געבראַכט, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קונים, יעדער מיטן ברענענדיקן ווונטש צו זיין צווישן די ערשטע. און אין די ערשטע צוויי טעג האָבן מיר אַלץ אויספאַרקויפט. ס'איז נישט געבליבן ביי אונדז קיין זכר פון די פּרעס־אַרטיקלען — זיי זענען „צעכאַפּט" געוואָרן און דער ריווח איז געווען פולע 120 פראָצענט.

צווישן די פאַרשידענע סחורות וואָס מיר האָבן געבראַכט, האָבן מיר אויך גע־האַט אַ קוואַנטיטעט וואַניל־שטעקעלעך און ביי אַ זעקס פונט שמעקנדיקן זאַפראַן, ספּעציעלע „געבוירן־טאָג יום־טוב" סחורות. און דאָ איז אינטערעסאַנט צו דערמאָ־נען: — דעם וואַניל האָבן מיר פאַרקויפט צו דריי רובל אַ פונט און געקאָסט האָט ער אונדז זעכציק קאָפּיקעס אַ פונט, און דעם זאַפראַן האָבן מיר פאַרקויפט מיט זעקס הונדערט פּראָצענט ריווח. אירקוטסקער שפּייז־סוחרים האָבן שוין נישט געזען קיין זאַפראַן עטלעכע יאָר.

איך זאָג „מיר האָבן פאַרקויפט", אייגנטלעך, איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו פאַרקויפן דעם וואַניל און דעם זאַפראַן. און פאַרקויפט האָב איך עס צום גרעסטן באַקאַליי־געשעפט פון אירקוטסק.

נאָך אַ פולע וואָך רו, זענען מיר — ראובן און איך — געפאָרן מיט דער באַן קיין נאָוואָניקאָלאַיעווסק, אַ שטאָט ביי די זיבעצן הונדערט וויאָרסט ווייט פון איר־קוטסק אויף צוריקוועגס צום אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. דאָרט, אין נאָוואָניקאָלאַיעווסק, האָבן מיר איינגעקויפט פערציק פוד פּוטער, געפּאַקטע אין פונטיקע פעקלעך און איך הונדערט־פונטיקע קעסטלעך. אויך געטריקנטע חזיר־פלייש, לימאָנען און עפּל. אָט די־

לעצטע —די פּרוכטן — פלעגן אין יענער צייט געבראַכט ווערן קיין נאָוואָניך, פון מאָנגאָליע, אַ שטרעקע פון אַרום אַכט הונדערט ווי‏אָרסט, מיט שליטנס. אַגב, די פּו־טער האָבן מיר געקויפט אין אַ פאַבריק. די אייגנטימער פון דער דאָזיקער פאַבריק זענען געווען דייטשן. אַט די אַלע דערמאָנטע קעסטלעך סחורה האָבן מיר מיטגע־פירט מיט זיך, ווי שוין פריער דערמאָנט, אין די וואַגאָנעס, דאָס מאָל — פּערטע קלאַס־וואַגאָנעס — און אויך מיט דער הילף פון די באַן־טרעגער און מיט דער דער־לויבעניש פונעם קאָנדוקטאָר, פאַרשטייט זיך אַז נישט פאַר קיין מצווה.

די רייזע האָט געדויערט זעקס־זיבן טעג. צוויי טעג פאַרן דערגרייכן די שטאָט אירקוטסק, פלעגן מיר אַרונטערגיין אויף יעדן וואָקזאַל און פאַרלייגן אונדזערע סחו־רות צו דעם פאַרוואַלטער פון דעם וואָקזאַל־בופעט. און זייער אָפט האָבן מיר אויס־פאַרקויפט אַ העלפט און מער ווי אַ העלפט פון די סחורות איידער מיר זענען אָנגע־קומען אין אירקוטסק.

אַזעלכע רייזעס האָבן מיר דורכגעמאַכט מערערע מאָל און עס איז געווען פיין פרנסה, אָבער עס איז מיר מיאוס געוואָרן דער סאָרט האַנדל־וואַנדל און איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן צוריק אַ היים, און אָט איז דער פאַרוואָס פון מיין באַשלוס: דאָס האָבן צו טאָן מיט טשינאָווניקעס־כאַבאַרניקעס, וואָס באַטראַכטן די ייִדן ווי שווינד־לער, שאַכער־מאַכערניקעס; און אויך אונדזער צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי, וואָס האָט אויף אונדז פאַרוואָרפן איר שפּיר־נעץ, ווי אויף אומלעגאַלע איינוווינער אין סיביר. און אָט ברענג איך איין אינצידענט ווי אַביישפּיל:

איין מאָל, אין אַ זייער פראָסטיקער נאַכט, מען קלאַפּט אין טויער פון הויף פון אונדזער קוואַרטיר. אויף דער פראַגע, ווער עס קלאַפּט? איז געקומען אַ באַפעלערי־שער ענטפער: — „עפנט, דאָ איז די פּאָליציי!" די באַלעבאָסטע פונעם הויז איז גע־גאַנגען עפענען און איך מיט מיין שוואָגער ראובן, האָבן מיר זיך פאַרשטעקט הינ־טער די הילצערנע טרעפּ, אין אַ פינצטער, שמוציקן האַלץ־קאַמערל. אונדזערע צוויי אַנדערע שותפים זענען גראָד דעם אָוונט געווען אויסער דער שטאָט אירקוטסק.

די פּאָליציי האָט געפאָדערט פון דער ווירטן, זי זאָל אָנווייזן וווּ עס געפינען זיך אירע דריי קוואַרטיראַנטן, ייִדן וואָס האָבן נישט קיין וווינרעכט. די ווירטן האָט געטענהט, אַז מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון אירקוטסק. און אונטערן צוואַנג און דרוק פון דעם פּאָליציי־באַאַמטן, האָט זי זיך פאַרפליכטעט אונדז צו שיקן אין פּאָליציי־באַצירק, ווען מיר וועלן צוריקקומען. דער עלטערער פון דער פּאָליציי איז אָבער דערויף נישט איינגעגאַנגען. ווי אַ גאַראַנטיע אַז מיר וועלן זיך מעלדן צו אים, האָט ער פאַרנומען די גאַנצע סחורה וואָס האָט זיך צו דער צייט געפונען ביי אונדז אין צימער. ער האָט נאָך זייער כעסדיק אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך מעלדן צו אים אין פּאָליציי־אַמט האַלב ניין אַ זייגער אין דער פרי, איידער דער פּריסטאַוו פונעם באַ־צירק קומט אַריין אין קאַנצעלאַריע.

נאָך דעם ווי די פּאָליציי האָט פאַרלאָזט אונדזער וווינונג, מיט אַ פול אָנגעפּאַקטן שליטן מיט אונדזערע סחורות, זענען מיר ביידע „פּריוויליקע אַרעסטירטע" אַרויסגעקראָכן מיט פאַרפרוירענע פּיס פון אונדזער באַהעלטעניש און מיט גרויס מי זיך קוים אַריינגעשלעפּט אין אונדזער פּוסטן צימער. און נאָך אַ געוויסע צייט רייבן די אָפּגעפרוירענע פּיס מיט שניי און ספּירט, זענען מיר ערשט דאַן אימשטאַנד געווען צו מאַכן עטלעכע פּעסטע טריט.

ווען מיר זענען אויפן צווייטן טאָג, אַרום האַלב ניין אין דער פרי אַריין אין דער ביוראָ פונעם געהילף פון פּריסטאַוו, דער פּאָליציימאַן וואָס האָט דעם לעצטן אָוונט אונדז באַערט מיט זיין וויזיט, האָט ער בייז און מאַוימדיק געקוקט אויף אונדז און אָן באַזונדערע פאָרמעלע פּאָררעדעס איז דער בייזער פּריץ צוגעטראָטן צו געשעפט־פאַרהאַנדלונגען, מיט געמאַכטע זידל־ווערטער: „ניע ליעגאַלניע זייצי". עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ מין מקח־ממכר, אַ דינגען זיך, אַ בייזערן זיך פון זיין זייט, מיט נישט־דרוקבאַרע עפּיטעטן און אויסדרוקן. ער האָט שטרענג געפאָדערט: ערשטנס — ווו איז דער דריטער „זאַיעץ", דער דריטער שותּף אייערער? ביי מיר, — האָט ער צאָרנדיק געשריען, — אין מיין אינפאָרמאַציע איז אָנגעגעבן, אַז איר זענט דריי אומלעגאַלע פוקסן; צווייטנס — פינף און צוואַנציק רובל אויסלייז־געלט פאַר יעדן איינעם פון אייך דריי „פאַרבלאָנדזשעטע מייזעלעך"; און דריטנס — נאָך היינט זאָלט איר „טשאָרטי טשערטי אָסעדלאָסטיאַ" פאַרלאָזן אירקוטסק! יאָ, גלייך ביי אונדזער אַריינקומען האָט ער באַפוילן אים דערלאַנגען אונדזערע פּאַספּאָרטן.

ווען מיר האָבן פּרובירט אים אָנבאָטן אונדזער פּרייז, פאַר אונדז צווייען נאָר, מיט דער טענה אַז מיר ווייסן נישט פון קיין דריטן און פאָרגעלייגט אים פינף און צוואַנציק רובל פאַר אונדזביידן, איז ער געוואָרן אַזוי מלא רציחה, אַזש רויט ווערנדיק פאַר כעס, און טופּענדיק מיט זיינע שווערע שטיוול האָט ער ווי אויסגעשאָסן: „זדיעס וואָם ניע טשענסטאָכאָוו, זדיעס סיביר, זדיעס מי פּאָלוטשאַיעם דוואָינאַיע זשאַלאָוואַניע". („דאָ איז אייך נישט טשענסטאָכאָוו, דאָ איז סיביר, דאָ באַקומען מיר אַ טאָפּעלע געהאַלט"). מיר האָבן זיך דווקא נישט דערשראָקן און אויך נישט נתפּעל געוואָרן פון דעם פּאָליצייאישן סוחרישן איינפאַל. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און אויפן ווונק זיך פאַרשטענדיקט — אפשר איז טאַקע דער גוי גערעכט, דאָ איז דאָך באמת סיביר און אַלץ קאָסט דאָ אַזוי בראַנד טייער, טאַקע, — מען דאַרף דעם פּרייז אַ ביסל אַרויפציִען, פאַרבעסערן. און ווייל — די צייט האָט דערווייל זיך גערוקט וויטער און אָט־אָט און דער אָדון הגדול, דער פּריסטאַוו וועט אַ ליאַדע מינוט אַריינקומען — איז דאָך אַלץ קאַפּוט; יאָ, צוליב אָט דער מורא פאַר דער מורא, האָט דער שטייפער, בייזער געהילף פון פּריסטאַוו נאָכגעלאָזן און איז איינגעגאַנגען אויפן פּרייז פון דרייסיק רובל. מיר האָבן אים נאָך אונטערגעשטופּט אַ פּאָר שמאָכטעס פון אונדזער פאַלשער ציִרונג־קאָלעקציע פאַר זיין פּלוניתטע.

מיר האָבן דאַן אויף גיך געבראַכט אַ בעל־עגלה, ריכטיקער, אַ גוי מיט אַ שליטן, אַרויפגעלאָדן אונדזערע סחורות און שוין געוואָלט זיך געזעגענען מיט אונדזער בעל־טובה. ער האָט אונדז דערלאַנגט אונדזערע פּאַספּאָרטן, באַמערקנדיק דערביי זייער שטרענג: זעט זשע, צום צווייטן מאָל, אַז איר וועט זיך צו מיר פּאָפּאַדיען, וועט איר אַזוי גרינג נישט אָפּקומען! מיר האָבן אים באַדאַנקט פאַר דער „העפלעכער" באַהאַנדלונג און נאָך מער פאַר די זייער „פריינטלעכע" געזעגענונגס־ווערטער. מיר זענען אַרויס פון זיין ביורא בלויז געציילטע מינוטן איידער דער פּריסטאַוו איז אַריינגעקומען.

אָט דאָס אַלץ ביז דאָ פאַרצייכנטע און אַנדערע פּאַרפּאַלן אין מיינע געשעפט־לעכע עסקים, האָבן מיר געבראַכט צום באַשלוס, נישט אָן פאַרדרוס, — צו פאַרלאָזן סיביר און זיך צוריקקערן אַ היים.

נאָך עפּעס אינטערעסאַנטס וועגן מיין פאַרברענגען אין סיביר. די פרעסט אין יענעם ווינטער זענען געווען שטאַרקע, שרעקלעכע. צום ביישפּיל, דעם 4טן יאַנואַר 1906, האָט דער פראָסט דערגרייכט ביז 44 גראַד. פיר און פערציק גראַד פראָסט, אַפילו דאָרט אין אירקוטסק, איז אַ זעלטנקייט, — אַזוי האָבן אַלטע מענטשן דער־ציילט.

אונדזער אויפהאַלט, אונדזער קוואַרטיר הייסט עס, איז געווען ביי אַ ייִדישער פאַמיליע: אַ מוטער, אַ טאָכטער מיט אַ קינד און אַ זון פון 23־24 יאָר אַלט. די אַלטע, די מאַמע, האָט זיך געגרויסט דערמיט וואָס זי איז — אַ קאָזאַטשקע, ניערטשינס־קאַיאַ קאָזאַטשקע. געוויס אַ גרויסער יחוס. ווי אַזוי דאָס איז געשען ווייס איך נישט, מסתמא די אלמנה פון אַ גוי אַ קאָזאַק.

אינעם זעלבן הויז, אויפן ערשטן שטאָק, אָדער בעסער געזאָגט, אינעם האַלב־שטאָק, האָט געוווינט דער בעל־הבית פון דעם הויז, אַ ייִד, אַ געבוירענער סיביריאַק, אַ יאָר 37־38 אַלט, אַן אייגנטימער פון אַ וואַרשטאַט פון בלעכענע כלים, רערן אאַז״וו. קיין ייִדיש ריידן האָט ער נישט געקענט, אָבער געווען איז ער אַ זייער וואַרעמער ייִד. ער האָט מיר מערערע מאָל געבעטן, ממש זיך אָנגעזעצט אויף מיר: „איסאַי לאַזאַראָוויטש, פּראָשו וואַס, פּאָזשאַלויסטאַ, אומאָליאַיו וואַס, אוטשיטיע מאָ־איך דיעטעי דרעווניע יעווריסקאָמו יאַזיקו", — איך זאָל לערנען, הייסט עס, מיט זיינע קינדער עברי, העברעיש. — „פּוסט זנאַיוט מאָליטווו, קדיש סקאַזאַט", — זאָלן זיי קענען דאַוונען, קדיש זאָגן. ער פלעגט עס מיט טרערן אין די אויגן אַרויסריידן און מיר בעטן אים צוליב טאָן. חפץ, איז געווען דער נאָמען פון אָט דעם אין סיביר געבוירענעם: „אוטשיטיע מאָאיך דיעטעי דרעווניע יעווריסקאָמו יאַזיקו"־ייִד, חפץ, אין דעם הויז אויפן ראָג פון אוליצאַ גראַפאַ קוטאַיסאָוואַ און אַ צווייטע גאַס (איך געדענק נישט דעם נאָמען). און ווען איך האָב אין מיין פרייער צייט געלערנט מיט זיינע קינדער דרעווניע יעוור. יאַזיק, איז צו זיין פרייד קיין גרענעץ נישט געווען.

— — — — — — — — — — — — —

ביי אַ דריי וואָכן פאַר פסח האָב איך פאַרלאָזן אירקוטסק און געפאָרן אַ היים. אויפן וועג האָב איך זיך פאַרהאַלטן אין דער שטאָט ניקאָלאַיעוו, כערסאָנער גובער־ניע, ווו איך האָב פאַרבראַכט פינף טעג ווי אַ גאַסט אין הויז פון מיין פעטער פּיניע ראַשקאָווסקי, דער איינציקער ברודער פון מיין מאַמען. און פון ניקאָלאַיעוו בין איך מיטן שיף אויפן שוואַרצן ים געפאָרן קיין אָדעס. פון אָדעס קיין קעשענעוו מיט דער באַן, ווו איך בין פאַרבליבן אַ פּאָר טעג אין הויז פון מיין עלטערער שוועסטער חנה. און דאַן — פון קעשענעוו מיטן בעל־עגלה קיין דובאָסאַר.

16. — צוריק צווישן חברים. — ווידער אַ מאָל אין דאָרף. — צווייטער פּריזיוו

צוריק אין דובאָסאַר, האָב איך זיך מיט אַלע יוגנט־פיבערן, מיט מיין גאַנצער זודיקער ענערגיע אַריינגעוואָרפן אין דער תחית־העם באַוועגונג. איך בין אַריין ווי אַ מיטגליד אינעם קאָמיטעט פון דעם שוין דעמאָלט עקסיסטירנדיקן יוגנט־קרייז „צעירי ציון" און געפונען אַ ברייט פעלד פאַר ענערגישער אַרבעט. איך האָב איינ־געאָרדנט העברעיִש־קורסן, צו לערנען מיט יונגע בחורים און מיידלעך די העברעיִשע שפּראַך, און אַזוי אַרום איינפלאַנצן אין זיי דעם אידעאַל פון ציוניזם און אויפלעבונג פונעם פאָלקס־גייסט.

איך האָב איינער אַליין אָנגעפירט מיט עטלעכע קלאַסן און בין געווען באַשעפ־טיקט ביי פינף שעה אין טאָג אין געבן „אוראָקן" צו גרופּעס פון דריי־פיר און אַפילו ביז אַכט־ניין תלמידים און תלמידות.

מיין אויפהאַלטן זיך אין מיין מאַמעס הויז האָט געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל זען און זיך באַקענען פון דער נאָענט מיט מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס האָט איר פאַרשאַפט גרויס הנאה. איך האָב אָבער אָנגעהויבן פילן אַ געוויסע אומבאַקוועמ־לעכקייט צוליב מיין מאַטעריעלער לאַגע, וואָס, ווי איך האָב באַמערקט, האָט איר שוין גאָר קיין הנאה נישט פאַרשאַפט. און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ מקור פרנסה, כדי מיין מאַמע זאָל נישט דאַרפן פון אירע זייער מאַגערע פינאַנסיעלע מיטלען מיר אויסהאַלטן.

איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט מיין פריִערדיקן אַרבעטס־געבער, מיט מיין פעטער קאַפּל אַווערבוך, און עס איז מיר געלונגען אָנקומען אַ צווייט מאָל אַרבעטן אויף מיין פריִערדיקן פּאָסטן. אַרום סוף חודש מאַי בין איך אַוועק אין דאָרף פורטשעני און אַ צווייט מאָל אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון אויפזעער און פאַרוואַל־טער פון דער ווירטשאַפט אויפן גוט.

פון צייט צו צייט פלעג איך זיך אַריבערכאַפּן קיין אָריהעוו און פאַרברענגען

דאָרט אין קרייז פון חברים און נאָענטע פריינט; געשעפּט נחת פון דער פּאַרצווייג־טער ציוניסטישער טעטיקייט, וואָס באַגייסטערטע ציון־ליבהאָבער האָבן אָנגעפירט. אין די שבתדיקע נאָכמיטיק־שעהן, ווען אַלע אַרבעטן זענען פאַרענדיקט און די אָנקומענדיקע זונטיק־רו האָט אָנגעהויבן זיך אַרונטערלאָזן און זיך פאַרשפּרייטן אויף דעם פאַרשלאָפענעם דאָרף, פלעג איך אַוועקשפּאַנען צופוס קיין אַריהעוו, דאָרטן זיך טוליען אין דער וואַרעמער היימישער אַטמאָספער און אָפט דאָרט פאַרבלייבן נעכטיקן ביי אַ פריינט אין הויז.

אַזוי זענען פאַרבייגעלאָפן אין רוטינערער טאָג־טעגלעכקייט די וואָכן און חדשים, ביז אַרום דעם 15טן אָקטאָבער, ווען כ׳האָב פאַרלאָזן דעם דאָרף; געענדיקט און געשלאָסן מיין ליבע־ראָמאַן מיט פעלד און באַרג, מיט טאָל און גאָרטן, אין וועלכע איך האָב מיך אַזוי גערן אַריינגעוואַקסן און אַריינגעפּאַסט. איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין דובאָסאַר צוצוגרייטן זיך צום צווייטן מאָל זיך צושטעלן צום פּריזיוו, ווי איך בין אָפיציעל אויסגעפּאָדערט געוואָרן.

דעם 21סטן אָקטאָבער האָב איך מיך געמאָלדן אין דער מיליטערישער קאָמיסיע און אויף צו מאָרגנס, דעם 22סטן אָקטאָבער, נאָך דעם ווי מען האָט מיך אויפסניי באַטראַכט, געקנאָטן און געטאַפּט מיין מאָגערע פלייצע און אַנדערע פליש־טיילן, האָט מען מיך מיט מזל דערקלערט: „גאָדין״, — פּעיִק הייסט עס צו עסן סאָלדאַטסקן שוואַרץ־ברויט, צו דינען דעם קיסר און דאָס פאָטערלאַנד.

מיין מאַמע, וואָס האָט מיר באַגלייט צום פּריזיוו־פּלאַץ, האָט געהאַלטן אין איין זאָגן תחינות און קאַפּיטלעך תהילים און געוויינט דערביי, איידער מען האָט מיך נאָך „צוגענומען״. — האָט איצט, אחר המעשה, געוויינט און געקלאָגט ביטער און אָן אויפהער. איך, אָבער, בין געווען מלא שמחה; איך האָב מיך דערפילט ווי אַ פרייער מענטש. פון איצט אָן וועל איך קענען טראַכטן און פּלאַנירן ווי אַזוי צו פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע רוסלאַנד; קורץ — איך וועל קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיר זענען, — איך מיט מיין מאַמען, — אַ היים געפאָרן קיין דובאָסאַר; זי, מיט איר טיפן טרויער; איך, פאַרטיפט אין דאָס מייניקע.

דריי טעג שפּעטער איז צו מיר געקומען מיינער אַ משפּחה־קרוב, דוד רויזן, און האָט מיר פאַרגעלייגט אַרבעט, ווי אַן אויפזעער איבער דער פאַרטיילונג פון קוקורוזע אויפן גוט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע אינעם דאָרף וואַראָטעץ, ביי אַ 50 וויאָרסט פון אַריהעוו. ער וויל מיר האָבן, — האָט ער געזאָגט, — אויף בלויז 16־17 טעג. איך האָב איינגעשטימט אָנצונעמען דעם פּאָסטן, מיטן באַדינג, ער זאָל מיר צושטעלן צוריק אין דובאָסאַר דעם 12טן נאָוועמבער.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין איינטיילן די צוויי הורבעס קוקורוזע צווישן דעם פּאַכטער און דעם פויער. די הורבעס וואָס דער פויער האָט ,לויט אַן אָנווייזונג אויפגעשטעלט אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ אין פעלד, אָדער אין שייער און וועלכע ער

האָט געקענט אַוועקנעמען איינער פון זיי, נאָך דעם ווי דער פאַכטער האָט באַקומען זיין טייל.

די פויערים האָבן באַאַרבעט דאָס לאַנד, באַקומען זריעה און די געדעטעניש האָט דאַן באַלאַנגט — אַ העלפט צום פאַכטער און די צווייטע העלפט צו דעם פויער. און איך האָב דאָס געדאַרפט אַכטונג געבן און אויפפּאַסן, אַז קיין עוולה זאָל חלילה נישט באַגאַנגען ווערן קעגן פאַכטער. ווייל עס פלעגן טאַקע פאָרקומען מיסברויכן מיט דער אָנפאַרטרויטער מיסיע, און די עוולה איז דווקא מערסטן טייל באַגאַנגען געוואָרן קעגן פאַכטער. איך האָב עס אין מיין קורצן דינסט־טערמין אַליין פעסט־געשטעלט.

געקומען זענען איינקע מאָל צו מיר גויִים און מיר געדופן, איך זאָל גיין מיט זיי און זיי געבן די דערלויבעניש אַוועקצונעמען זייער טייל קוקורוזע, און בני־ביה, אַוועקגעשטעלט אויף מיין טישל, אַזוי זיך, אַ פלאַש בראָנפן: — „טרינק און זאָל דיר זיין צו געזונט, האַרעלע!" און ווען איך האָב די זעלבע גויִים אָנגעוויזן אויף דער הורבע קוקורוזע וואָס זיי קענען נעמען ווי זייערס, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו קראַצן אין דער פּאַטילניצע און זיך געדרייט אין פאַרלעגנהייט. „פאַרשטייסט, פּריצל, מיר ווילן בעסער אָט די הורבע, פון רעכטס איז מזלדיקער". אַרויסגעוויזן האָט זיך שפּע־טער, אַז די אַוועקגעשטעלטע פלאַש בראָנפן אויף מיין טישל ביי מיר אין צימער, האָט געדאַרפט דינען מיין צושטימונג זיי צו געבן די הורבע פון דער רעכטער זייט, ווייל — „פון רעכטס איז מזלדיקער". אָבער נאָך עפּעס האָט זיך אַרויסגעוויזן: די הורבע פון לינקס האָט געהאַט אין דער מיט עטלעכע גרויסע שטיינער און אַרום די שטיינער, קונציק אָנגעהויפט און אָנגעשאָטן קוקורוזע. און דערפאַר טאַקע, — אַזוי ווייזט אויס, — איז די הורבע פון דער רעכטער זייט געווען מער „מזלדיקער". איך האָב דאַן ערשט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מיין קרוב דוד רויזן, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף מיר, ווי אַ פאַרטרוילעכן אייגענעם מענטשן.

— — — — — — — — — — — — —

דעם 14טן נאָוועמבער האָבן מיר, אַלע בחורים, „אויסדערוויילטע" און באַגליק־טע מיטן הייליקן זכות צו טראָגן די פאָן פון פאַרטיידיקער „ זאַ צאַריאַ אי אָטשע־טשעסטוואָ" געדאַרפט אָפּפאָרן מיט דער שיף איבערן טייך דניעסטער קיין טיראַס־פּאָל, זיך איינצומעלדן אין מיליטער־אַמט ביים „וואָינסקי נאַטשאַלניק".

דעם זעלבן אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר אונדז דריי: פאַר מיר און מיינע חברים יוסף פיינשיל און שלום כוואָראַסטיאַן, אין הויז פון פיינשילס עלטערן, וווּ מער פון צוויי הונדערט חברים און חברות, בני „צעירי־ציון", זענען געווען פאַרזאַמלט אויף צו געזעגענען אונדז.

דער 14טער נאָוועמבער, אַ גליקלעכער, שיינענדיקער טאָג אין מיין דאַן פאַר־

פינצטערטן לעבן. אַוועק איז אַ זומער, אַוועק איז אַ ווינטער, דריי זומערן, צוויי ווינ־טערן און אין קראַנקן האַרץ טליִעט, ברענט און לעשט זיך נישט אויס מיין ליבע צו חייקען. און ווייט איז זי פון מיר, חייקע, ווייט אויף טויזנטער מיילן, ווייט און אָפּגעשלאָסן. אָט דאַכט זיך אַזוי נאָענט איז זי, אין דיסטאַנץ בלויז אַ וואַסערע גע־ציילטע וויאָרסטן, און אַ מאָל — אַפילו דעם שטח בלויז מיט דער האַנט אויסצו־מעסטן, אָבער דער מרחק וואָס ליגט צווישן אונדז — גרויליק, תהומיק פונאַנדער־געצויגן.

און ווען איך האָב זי אַ מאָל צופעליק פון דער ווייטנס דערזען, האָט דאָס האַרץ מיינס קאָנוווּלסיוו געשפּרונגען, געפּלאָטערט און שיעור נישט פון די געצוימטע גרע־נעצן אַרויס. אָבער ווינטערן און זומערן זענען פאַריבער פון יענעם נאָכמיטיק, דאָרט אויפן „באַרג", ווען מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל באַגעגנט אין דער באַגלייטונג פון אונדזערע „קאָנסולטאַנטן" און קיין איין־איינציקן וואָרט האָבן מיר נישט איבער־געביטן צווישן זיך פון דעמאָלט אָן.

איך האָב מיין ווייטיק געטראָגן מיט ווירדע: זיך באַגעגנט, ווי אָפּגעמאַכט; זיך דורכגערעדט, ווי באַשלאָסן, און זיך צעשיידט פרידלעך און נישט פאַרלוירן אַ וואָרט אַפילו וועגן אונדזערע ווייטערדיקע באַגעגענישן, — געלאָזט עס הענגען אין דער לופטן.

און עס הענגט און איז געהאַנגען, גענאָגט און געפּייניקט, געברענט דאָס האַרץ און דעם מוח צוזאַמען — און עס איז געהאַנגען.

און געקומען איז דער 14טער נאָוועמבער 1906. חייקע האָט מיך געלאָזט וויסן דורך אַ שליח, איר גוטע שוועסטער חנה, אַז זי וויס וועגן אָפּשייד־אָוונט וואָס ווערט איינגעאָרדנט פאַר מיר און די אַנדערע אין הויז פון מיין חבר פיינשיל, און — זי בעט מיר צו דערלויבן זי זאָל קומען אויף דעם אָוונט צו געזעגענען זיך מיט מיר פאַר מיין פאַרלאָזן דובאָסאַר, אפשר אויף אייביק. זי בעט אַ דערלויבעניש, ווייל זי איז נישט זיכער צי איך וועל איינשטימען אַז זי זאָל קומען.

ס'איז איבעריק צו זאָגן דאָ מיין געפיל אין יענע מאָמענטן. ווי פון אַ כמורנעם, געדיכטן נעפּל האָט געטאָן אַ בליץ אַרויס אַ פייערדיקער קיילעך, עס האָט גלייך גע־פּלאַצט מיט אַ מוראַדיקן שטורעם דער קאָשמאַר פון צווייפל. חייקע האָט מיך ליב. ביי איר, אין איר לעבט און טליִעט אויך דאָס זעלבע פייערל, וואָס האָט ביי מיר אין דער טיף, ווי אויף אויף דער אויבערפלאַך שטענדיק מיט פונקען, שפּריצנדיקע פונ־קען געפלעמלט.

געקומען איז חייקע שפּעטלעך אַפילו, געקומען און פאַרנומען אַ פּלאַץ לעבן מיר. עס האָט די נאָענטקייט אונדזביידן אַזוי דערוואַרעמט און באַרוישט, אַז מיר האָבן נאָר געציילטע ווערטער אַרויסגערעדט. אָבער געגאַנגען זענען מיר שוין ביידע האַנט אין האַנט געשלאָסן אויפן וועג צו דער שיף, אין דער באַגלייטונג פון די פריילעכע,

זינגענדיקע און אונטערטאַנצנדיקע חברים און חברות. אַ סך פון זײ האָבן זיך אי־בערגעװוּנקען אױף אונדזער חשבון. מיר האָבן װײניק צװישן זיך גערעדט. מיר זע־נען געװוען איבערגעפולט מיט די איבערפליסנדיקע עמאָציאָנעלע רעגונגען פון די פאַרלאָפענע פאַר אונדז טרױעריקע דרײ יאָר. מיר האָבן װײניק גערעדט, כמעט גאָר־נישט גערעדט, אָבער געגאָסן האָט זיך פון מיר אין איר, און פון איר אין מיר פליסנ־דיקער װי אַ באַלזאַם, ליבע־ציטער, ליבשאַפט און װאַרעמקײט װאָס האָט קײן גרע־נעץ נישט געהאַט, קײן גרענעץ נישט געװוּסט. און — פאַרן אַרױפגײן אױפן שיף, האָבן מיר זיך ליבלעך און הײס צעקושט, צום ערשטן מאָל זינט מיר האָבן זיך באַ־קענט, דעם 11טן דעצעמבער 1901.

אירע לעצטע, ציטערדיקע, פיבערדיקע װערטער, װי אַ געבעט און אַ תפילה, זענען געװוען: „איך װיל הערן פון אײך, פאַרגעסט נישט אין מיר, שרײבט!״.

אַזױ האָב איך פאַרלאָזן מײן געבױרן־שטאָט דובאָסאַר, מײנענדיק, זײענדיק זי־כער, אַז צום לעצטן מאָל. דער גורל האָט אָבער אַנדערש געפירט. מיט הילכיקע אױסגעשרײען, אונטער די װײכע און מילדע קלאַנגען פון „התקוה״ און פרײלעך־מע־לאַנכאָלישע אױסרופן: „להתראות בארץ־ישראל״ — האָט די פינצטערע נאַכט פאַר־שלונגען אונדזער זיך אַװעקגליטשנדיקע שיף „פּיאָנער״.

אױף דער סטאַנציע װאַד־לאַי־װאַד, זיבעצן װיאָרסט פון קעשענעװ, זענען מיר, פײנשיל און איך, אַראָפּ פון שיף און פון דאָרט געפאָרן קײן קעשענעװ, כדי זיך צו געזעגענען מיט קרובים און אױך זיך צו פאָטאָגראַפירן. און — מיר האָבן זיך פאָ־טאָגראַפירט, כמעט אַ היסטאָריש בילד געמאַכט. שטײענדיק לעבן אַ טישל, אױף װעלכן עס איז געלעגן אַ גרױסער אױפשריפט: „ידי מזרחה ארים ואשבע״, האָבן מיר בײדע, מיט שײנענדיקע פּנימער און טיף־ערנסטן אױסדרוק געהאַלטן אין האַנט: איך — אַ קינזשאַל און פײנשיל — אַ שטעקל, און איך, צילנדיק דעם שפּיץ פונעם קינ־זשאַל צום אױפשריפט. אַט אַזױ האָבן מיר עס באַנומען, לױט אונדזער באַגריף, בײ־דע געשעענישן: דאָס אַרײנטרעטן אין דער אַרמײ און די האָפענונג די אַרמײ צו פאַרלאָזן, און דאַן מאַכן אונדזער װעג קײן ארץ־ישראל.

דעם זעלבן טאָג זענען מיר בײדע, מיט דער באַן, אָנגעקומען קײן טיראַספּאָל און זיך אײנגעמאָלדן בײם „װאָינסקי נאַטשאַלניק״.

17. — אַ זעלנער אױף אַ װײל. — איך בין עוקר

אין טיראַספּאָל, אין מיליטערישן קאָנצענטראַציע־פּונקט, זענען פאַרזאַמלט אַ גרױסע צאָל רעקרוטירטע, צוקונפטיקע סאָלדאַטן, צװישן זײ 82 ײדישע בחורים פונעם גאַנצן טיראַספּאָלער אױעזד. אין די פינצטערע, טוכלע און שטיקנדיקע קאַ־זאַרמעס, האָט יעדער אײנער פון אונדז זיך אײנגעגראָבן אין זײן אײגן װעלטל אין טרױעריק געחלומט װעגן די אומגליקלעכע טעג, װאָס עס שטײען אים פאַר דורכצו־

מאַכן און דורצולעבן, ווערנדיק אַ קעמפער און באַשיצער פון דעם מיט גיפטיקער שנאה פאַרפעסטעטן פאָטערלאַנד.

הינטער אונדז — דער פאַרשפּילטער בלוטיקער קאַמף פון סוף 1905. די רע־וואָלוציע אין בלוט פאַרטרונקען, אין בלאָטע איינגעטאָפּטשעט. די רעאַקציע מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און חיהשן בלוט־לוסט און חוזק־סאַרקאַזם איבער די צעטראָטענע, צעפּייניקטע און דערשלאָגענע פרייהייטס־קעמפער.

1905 — מיט ליכטיקע האָפענונגס־שטראַלן פאַר די הערנידעריקטע און באַ־שפּיגענע מיליאָנען רוסישע מענטשן, און 1906 — מיט אַ געדיכטן שלייער באַדעקט; אַ שלייער געוועבט און געשפּונען פונעם בלוט, מאַרך און טרערן פון די בעסטע זין און טעכטער פונעם פינצטערן לאַנד, וואָס האָבן אין די טויזנטער געשמאַכט אין די שמוציקע, לייזיקע תפיסות און אין די פאַרעיפּושטע קאַרצער־לאַגערן פון ווייטן, קאַלטן רוסלאַנד און פאַרפרוירענעם סיביר.

מיט צעווייטיקטע הערצער און צעבראָכענע געמיטער האָבן מיר, די 82 יידישע בחורים איינגעשטיגן אין די פּי־וואַגאָנעס, אין וועלכע מיר זענען געשיקט געוואָרן קיין גירין, מאַנדזשוריע, צו היטן דאָרט דאָס האָב און גוטס פון דער „מוטער רוס־לאַנד", וועלכע האָט מיט אַ בעסטיאַלן אַפּעטיט איר לאַפּע אויסגעשפּרייט אויף דעם ריזיקן טייל לאַנד פון כינע — מאַנדזשוריע, און עס געוואָלט פאַרשלינגען. זי האָט אָבער געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ און אַ שטויס אויף צוריק דורך יאַפּאַן און איר אַר־מיי, וועלכע האָט, ווי עס ווייזט אויס, נישט געקאָנט פאַרליידן די עוולה פון רוסלאַנד קעגן כינע און האָט זיך מקריב געווען צו באַפרייען מאַנדזשוריע.

אונדז האָט מען געשיקט אין דעם שטעטל גירין, ווו דער פּאָלק צו וועלכן מיר זענען צוגעטיילט געוואָרן, בעמלעך — טאַרוטינסקי פּאָלק, האָט זיך דאָרט געפונען. און אַזוי אַרום איז מיר אויסגעפאַלן צו פאָרן, צום צווייטן מאָל אין אַ קורצער צייט, אויף די זעלבע וועגן — איבער אַ גרויסן שטח פון רוסלאַנד, אויפן וועג קיין סיביר, און דאַן ווייטער מיט דער סיבירער אייזנבאַן.

אָבער, דאָ איז געשען אַן ענדערונג אין די פּלענער פון דעם מיליטער־אַפּאַראַט. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט טשעליאַבינסק, האָט מען אונדז מודיע געווען אַז דער טאַרוטינסקי־פּאָלק, צו וועלכן מיר ווערן געשיקט, וועט אין גיכן זיך צוריקקערן צו זיין באַזע אין אייראָפּעישן רוסלאַנד און אַז אונדז ווערט דערלויבט זיך אויסצורוען אין טשעליאַבינסק גאַנצע פיר טעג, און דאַן — מאַרש באַזאַד, צוריק אויפן זעלבן וועג מיט וועלכן מיר זענען געקומען.

און דאָ בעט זיך ממש צו שילדערן, אין עטלעכע שורות, די רייזע אונדזערע, דעם אָפּרו, ווי אויך דעם רעזולטאַט פונעם אָפּרו.

גאַנצע אַכט טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט אין די בהמות־וואַגאָנעס אויף וועלכע, ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענער גאָלדענער צייט, עס פלעגט זיין אָנגעשריבן:

„סאַראַק טשעלאָוועק, וואָסעם לאַשאַדיעי״, וואָס דאָס מיינט אויף יידיש — „אין וואַגאָן איז דערלויבט צו פירן פערציק מענטשן, אָדער אַכט פערד״, און דאָס — אָן אַ להבדיל. געוויס, מיט דעם קלינגענדיקן וואָרט „מענטשן״, האָט מען געמיינט — סאָלדאַטן, און אפשר טאַקע דערפאַר האָט געפעלט דער להבדיל.

אין דער מיט פון יעדן וואַגאָן איז געשטאַנען אַן אייזערנער אויוועלע, צו באַהייצן מיט האָלץ אָדער קוילן. אָבער נישט קיין האָלץ און נישט קיין קוילן זענען אונדז געגעבן געוואָרן. און זאָל עס דאָ צו שאַנדע נישט דערמאָנט ווערן: מיר האָבן אָפט אויף די סטאַנציעס אַוועקגעלקחנט אַ ביסל קוילן אָדער אַ פּאָר שייטלעך האָלץ און אויף אַ ראַציאָנעלן אופן, אפשר טאַקע מעג איך זאָגן — אויף אַן אָריגינעלן אופן געלייזט די ברענענדיקע פּראָגע פון דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע, און זייט מיר מוחל, — די פאַרברודיקטע קערפּערס.

אין טשעליאַבינסק האָט אונדז דער באַוויליקטער אָפּרו געקאָסט אַ שפּאָר ביסל קראַנקע נעזער, אָפּגעפרוירענע אויערן און צעכריפּעטע ברוסטן פונעם דויערנדיקן הוסטן, ווייל קיין האָלץ און קוילן איז נישט געווען פון וואַנען צו גנבענען; די קעלט איז געווען זייער און זייער אַ שטאַרקע, אַ מוראדיקע און די „צימערן״ נישט קיין באַהייצטע. און ווען צוויי הונדערט און פופציק מענטשן, און נאָך סאָלדאַטן דערצו, שלאָפן אין אַ גרויסער סטאַדאָלע, — קאַזאַרמע, בלע״ז, — אויף דרייגאָרנדיקע הילצערנע נאַרעס און ביינאַכט, — נישט אויסגערעדט זאָל זיין, — פּרירט מען אונטער און אויפן גאַס איז זייער ווייט צו גיין און די ווענט זענען דאָך פיל נענטער צו דערגרייכן, איז שוין גאַנץ פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי די לופט אין קאַזאַרמע האָט געוואַרעמט. און אַ חוץ מיר יידן, זענען דאָך אויך געווען אַנדערע סאָלדאַטן, עכט רוסישע בירגער פון טיף רוסלאַנד, וועלכע פאַרשטייען זיך נישט אַזוי און זענען נישט מקפּיד אויף הלכות היגיענע.

נאָך פיר טעג „דניאָווקאַ״, אָפּרו הייסט עס, זענען מיר, אַלע אויסגערוטע, קאַמפּספעיקע, אַריין צום צווייטן מאָל אין די אַכט־פערדישע — פערציק מענטשלעכע וואַגאָנעס, און — היידאַ, נאַזאַד! דאָס מאָל קיין קראַסנאָסטאַוו, לובלינער גובערניע, וווּהין דער טאַרוטינסקי־פּאָלק וועט מיט מזל צוריקקומען אין פרילינג און געוויס באַדעקט מיט לאָרבער־קרענץ פאַר זיינע גלענצנדיקע נצחונות איבער די „מערזאַווציאַפּאָנצי״.

נאָך אַכט טעג פאַרברענגען אין וואַגאָן, אין דער „וואָינסקאַיאַ טעפּלושקאַ״, — ווי מען האָט אַזעלכע וואַגאָנען גערופן, — נאָך אַכט טעג און נעכט שלעפנדיק זיך, ווי פאַרמוטשעטע ווינטערדיקע פליגן, וואַלגערנדיק זיך אין אַן אומבאַשרייבלעכן שמוץ און קויט, אין די פאַרברודיקטע, קאַלטע, אומהיימלעכע וואַגאָנעס מיט זייערע נאַרעס פון ברעטער, ווי זיץ־ און שלאָף־פּלעצער, האָבן מיר אין אַנגסט און אין ווייי זיך דערשלעפּט, צוגעקראָכן צו אַ באַן־סטאַנציע נישט ווייט פון קראַסנאָסטאַוו און פון דאָרט — צו פוס קיין קראַסנאָסטאַוו.

מיר זענען פיין און איידל אויפגענומען געוואָרן דורך די אָפיצירן פונעם פּאָלק, צו וועלכע מיר זענען צייטווייליק צוגעטיילט געוואָרן. זיי האָבן נישט געקאַרגט קיין שיינע, הויכע לויב־ווערטער, — אַז מיר דאַרפן זיין שטאָלץ און זיך גרויסן דערמיט וואָס מיר וועלן זיין אַ טייל פון דעם העלדישן טאַרוטינסקי־פּאָלק, וועלכער האָט דאָרט, אויף די מאַנדזשוריער שלאַכטפעלדער, גאָר וואָזשנע גדולות באַוויזן.

אונדזערע קאַזאַרמעס, ווידער, זענען געווען גאַנץ ריינע, לופטיקע און פיין אויפגערוימטע. אונדזער ראָטני־קאָמאַנדיר, אַ פּאָליאַק, קאַפּיטאַן פּרזשעוולאָצקי, אַ ליבעראַלער מענטש, פלעגט זיך זייער אָפט צעגיסן אין זיסע דרשות, אַז מען דאַרף זיין גוטע זעלנער, דינען דאָס לאַנד געטריי, זיך אַריינטיפן אין אַלץ וואָס אונדזערע עלטסטע לערנען אונדז און גוט באַנעמען און באַגרייפן דעם גאַנצן מהות פון זיין אַ זעלנער און אויך דעם באַדייט פון צו זיין אַ פעיִקער קעמפער פאַרן קיסר און פאָטערלאַנד. ער פלעגט אויך אָפט, אָט דער ליבעראַל־געשטימטער אָפיציר, אויסמוסרן די גויִישע סאָלדאַטן פאַר זייער אומוויסנקייט און איבערהויפּט, ווען מען האָט מאַנכע פון זיי געשטעלט צום פאַרהער אין „סלאָוועסנאָסט“, אַ תורה אַזאַ וועגן קיסר, גענעראַלן און אַנדערע אָפיצירן און זייערע ראַנגען, וואָס די גוים, נעבעך, מורמלענדיק ווי מיט אַ פול מויל מיט קליאָטשע, האָבן זיך געפּלאָנטערט און זיך פאַרפּלאָנטערט אין די טיטולן פון די גענעראַלן און פּולקאָווניקעס און האָבן בשום אופן נישט געקענט אַרויסבאַקומען זיך פון פאַרפּלאָנטערטן קנויל: „יעוואָ וויסאָקאָראָדיע, יעוואָ וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע“, אָדער דעם גאָר האַרטן: „יעוואָ פּרעוואָסכאָדיטיעלסטוואָ“, — טערפּקע ווערטער, וואָס די בירגער פון טאַמבאָוו, קאַלוגאַ, וואָראָניעזש אָדער אַנדערע עכט רוסישע מקומות זענען אין די טיטולן פאַרזונקען געוואָרן, ממש ווי אין אַ זומפּ דערטרונקען צו ווערן.

און נישט זעלטן האָט ער, דער קאַפּיטאַן פּרזשעוולאָצקי, גוט אויסגעמוסרט די כאַמולעס, אָנווייזנדיק אויף אונדז ייִדישע סאָלדאַטן, ווי לייכט און שנעל מיר כאַפּן אויף און אָריענטירן זיך אין דער הויכער סאָלדאַטסקער תורה, און ער האָט נאָך דערביי צוגעגעבן אַז די ייִדן, וואָס רוסיש איז נישט זייער מוטערשפּראַך, זענען נישט אַזוי פריי צו קריגן און באַקומען בילדונג, פון דעסטוועגן נעמען זיי אויף אַלץ וואָס מען לערנט זיי מיט טיפן באַנעם און וויסן. —נעמט זיך אַ ביישפּיל,— האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן, — פון אייערע ייִדישע חברים און סטאַרעט זיך זיי נאָכצוטאָן, זיין גלייך מיט זיי.

מיר, ייִדן, זענען געווען גאָר צופרידן און שטאָלץ מיט אונדזער ראָטנעם קאָמאַנדיר און אָפט פלעגן מיר אויסשרייען מיט התפעלות: „ראַדי סטאַראַטסיאַ, וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע“, ד"ה מיר מיר וועלן טאָן נאָך בעסער, אייער וווילגעבוירנקייט. פון דעסטוועגן, נאָך די אַלע לאַקריץ־צוקערדיקע קאָמפּלימענטן פון זיין הויךווילגעבוירנקייט, האָבן מיר, — מיינע צוויי חברים און איך, — דאָך אָנגעהויבן

טראַכטן וועגן די מיטלען ווי אַזוי צו רעאַליזירן אונדזער אָנגעצייכנטן פּלאַן — צו מאַכן פּליטה. מיר האָבן אַלע דריי געהאַט פאַר זיך אַ ציל — פאָרן קיין ארץ־ישראל, נאָך דעם ווי עס וועט פאַר אונדז קלאָר ווערן, אָן ווערלכן עס איז ספק, אַז אונדזערע עלטערן וועלן נישט דאַרפן באַצאָלן קיין שטראָף־געלט פאַר אונדז, נאָך דעם ווי מיר געפינען זיך שוין איןווירקלעכן מיליטער־דינסט. און כדי צו מאַכן זיכער די ווירק־זאַמקייט פון אָט דעם פּונקט האָב איך, זייענדיק באַאויפטראַגט און באַפולמעכטיקט פון מיינע חברים דערצו, זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן רב פון שטעטל, הרב נפתלי רויטשטיין, וועלכער איז אויך געווען רב מטעם, און איך האָב אים פאַרטרויט אונדזער סוד: אַזוי און אַזוי ווילן מיר האַנדלען. און איך האָב געבעטן אויסצוגעפי־נען און פעסטשטעלן, צי ווען מיר געפינען זיך שוין אין אַקטועלן מיליטער־דינסט, מיינט עס שוין די באַפרייונג פון אונדזערע עלטערן פון דער אחריות איבער אונדז און פון צו זיין אויסגעשטעלט צו שטראָף פאַר אונדזער נעלם ווערן, אָדער עס איז נאָך נישט גענוג, פון יורידישן שטאַנדפּונקט, און אַז עס איז מעגלעך נייטיק אונדזער פאַרבלייבן אין מיליטער־דינסט, ביז מיר וועלן אָפּגעבן די שבועה פון געטריישאַפט, ווי עס איז געווען די פּראַצעדור אין די מיליטערישע קרייזן? אָט דעם יורידישן פּונקט, האָב איך געבעטן הרב רויטשטיינען פעסטצושטעלן, כדי מיר זאָלן וויסן ווי זיך צו באַגיין.

הרב רויטשטיין, אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונגער מענטש, פון זייער אַ שיינעם און סימפּאַטישן אויסזען, האָט אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט צו מיר און אַ טיפן, געהע־ריקן אינטערעס צו אונדז דריי, פאַר זיין „אַזעלכע געטרייע חיבת־ציון קינדער" (זיי־נע ווערטער), און ער האָט מיר פאַרשפּראָכן זיין פולע הילף אין דער אָנגעלעגנהייט. ער האָט מיר געבעטן קומען אין דריי טעג אַרום פאַר זיין אינפאָרמאַטיוון ענטפער.

ווען איך בין אויפן דריטן טאָג, אַרום אַכט אַ זייגער אין דער פרי, געקומען צו אים אין הויז, האָט ער מיר מיט פיקלענדיקע אויגן באַגעגנט און מיט אַ באַזונדערן חדווה־געפיל האָט ער מיר אָנגענומען פאַר דער האַנט און בדחילו ורחימו, ציטערנ־דיק אַרויסגערעדט: „אייזיק, איר קענט פאָרן קיין ארץ־ישראל, זאָל אייך גאָט העלפן דאָרט בכל אשר תפנו". עס האָט בנעימותדיק, תמימותדיק, כמעט תחנונימדיק גע־פלאָסן און געקייקלט זיך פון זיין אָנגעדראָלן אויג אַ פּייכטער, שעמערירנדיקער ווײי־צייכן — אַ קנאה־טרער, און ער האָט מיט ליבלעכער צעבראָכנקייט אין זיין צופרי־דענער שטימע קוים אַרויסגעפּליסטערט: „פאָרט געזונט, ליבער אייזיק, איר און איי־ערע חברים. זאָל אייך גאָטס אויג און מיין וואַרעמע ברכה נאָכגיין און אייך באַ־גלייטן. ה׳ עמכם ועלו, אָמן כן יהי רצון!"

ביי מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, — אַזוי גערירט בין איך געווען פון הרב רויטשטיינס וואַרעמער, הויך מענטשלעכער און ברידערלעכער באַ־האַנדלונג. איך מוז צוגעבן, אַז אין די אויגן זיינע האָבן אויך געפינקלט עפּעס אַזוי

זוי זילבער־טראָפּנס. איך וואָלט נאָך איצט געקענט שווערן, אַז דאָס זענען געווען: דמעות של גיל וקנאה.

דערפאַר אָבער מוז איך דאָ אויך דערציילן וועגן נאָך אַנדערע טרערן פון גאָר אַן אַנדערן באַדייט. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים געזעגענען זיך מיט הרב רויטשטיין, איז דערשינען פון אַ זייטיקער טיר די שטוביקע דינסט־מיידל און האָט צו מיר געזאָגט, אַז די רביצין בעט מיך אַריינגיין צו איר אין צימער, זי האָט מיר עפּעס צו זאָגן. און איך מוז מודה זיין, אַז אַן אומהיימלעכקייט האָט מיר אַרומגענומען. די רביצין רופט מיר, האָט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן און דווקא אין שלאָפצימער! איך דאַרף אויך באַמערקן, אַז דער רב אַליין האָט אויך אַרויסגעוויזן דערשטוינונג און צערודערטקייט. ער האָט אָבער רויק און געלאַסן, אין געפּאַסטע זאַצן צו מיר געזאָגט: „גייט אַריין, זייט מוחל און הערט וואָס די רביצין האָט אייך וואָס צו זאָגן". און... און איך בין אַריין אין צימער. רבונו דעלמא כולא! וואָס איך האָב אין די פּאָר מינוטן געפילט, איז נישט צום פאַרגעסן! די רביצין — אין בעט. קיינער נישטאָ אין צימער. ווי ווינטערדיקע מאָרגן טונקלקייט פּייניקט דאָס אויג. די פּערלדיקע הייסע טרערן אין דער רביצינס אויגן גיסן און איבערפליסן, איבערפליסן אויף אירע בראַנד־ברענענדיקע באַקן און אין אַ פיבערדיקן געבראָכענעם קול שעפּטשעט זי קוים אַרויס בקול דממה דקה: „יונגערמאַן, הער גורוויטש, איך בעט אייך, ווי־ווי גאָ־אָ־אָט איז־ איי־ך לי־ב, האַלט פאַ־ר איי־ך דע־ם סו־ד וועגן וואָס מיין מאַן האָט אייך געראָטן, דערציילט נישט פאַר קיין בן אָ־דם, עס איז אַ גרויסע סכנה, עס שמע־ע־קט מי־ט לע־בנ־ס גע־פאַ־ר". און דערביי האָט זי מיר געבעטן איך זאָל צוקומען באַענטער. און אויף מיין אויסגעשטרעקטער האַנט צו געזעגענען זי, האָט זי אַ קאָכי־קע טרער אָפּגעפּרעסט און אַ נאָך מער זודיק־קאָכעדיקן קוש, זאָגנדיק דערביי אין אָפּגעהאַקטע אַרויסברוויזונגען: „גע־דענ־קט, אי־י־י־ך בע־ע־ע־ט איי־איי־איי־ך — שוויי־יי־ייי־גט".

ווען איך בין אַרויס פון דער רביצינס צימער, האָב איך מיט הייליקער ציטער דערלאַנגט דעם רב די האַנט און אָן ווערטער בין איך אַרויס פון הויז, ווי געיאָגט און נאָכגעפאָלגט פון דער רביצינס געשטאַלט און אין גאַנצן ברענענדיק ווי אַ העליש פייער.

— — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר טעג אַרום, דעם 28סטן יאַנואַר 1907, זענען מיר אַלע דריי: פיינשיל, כוואָראָסטיאַן און איך, איינגעשטיגן אין אַ שליטן וואָס האָט אונדז אָוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע טראַווניקי, וווּ מיר האָבן זיך געזעצט אויף דער באַן און געפאָרן ביז קאָוועל.

18. — מיין לעצטער שריט צו מיין לעבנס־ציל

פון קאָוועל, נאָך עטלעכע שעה וואַרטן דאָרט, האָט אונדז די דרום־מערבדיקע אייזנבאַן געבראַכט ביז צו דער סטאַנציע מאַרדאַראָווקע, ווו מיין געטרייער חבר אבּ־רהמל רויזענצוויט, האָט, לויט מיין פאַרשטענדיקן זיך מיט אים דורך אַ בריוו, באַ־זאָרגט פאַר אונדז אַ צימער. אויף צו מאָרגנס זענען מיר מיט אַ וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי פערד, געפאָרן קיין דובאָסאַר. יעדער פון אונדז איז געפאָרן צו קרובים אין הויז און נישט צו די עלטערן.

אונדזערע חברים אין דובאָסאַר זענען אינפאָרמירט געוואָרן וועגן אונדזער אָנ־קומען און זיי האָבן שוין געזאָרגט וועגן אַלץ וואָס איז נייטיק געווען צו טאָן און אויך געלאָזט וויסן אונדזערע עלטערן, וועלכע זענען באַלד געקומען צולויפן, יעדער איינער צו זיין שטיק נחת. נאָך 24 שעה פאַרברענגען אין דובאָסאַר, זענען מיר אַוועקגעפאָרן קיין קעשענעוו און דאָרט האָבן מיר אויך זיך איינגעקוואַרטירט ביי קרובים, יעדער איינער אין אַן אַנדער הויז.

און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז פיינלעכע טעג אין דערוואַרטונגען, אין אַנטוישטע האָפענונגען און אין נישט רעאַליזירטע פאַרשפּרעכונגען. אונדזערע חברים אין אָדעס: צבי רויזענצוויט, יעקב שוחט און אַנדערע, האָבן געהאַט אַן אָפּמאַך מיט אַגענטן פון שיפסקאַרטן, וועלכע האָבן אויך אין אַ נויט באַזאָרגט פאַלשע פּאַספּאָרטן פאַר „נויטבאַדערפטיקע״, און לויט דעם געשלאָסענעם אָפּמאַך, האָבן די אַגענטן גע־דאַרפט אונדז דריי באַזאָרגן מיט פּאַספּאָרטן אויף אַרויסצופאָרן דורכן אָדעסער פּאָרט קיין פּאַלעסטינע. די אַגענטן האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט באַאַמטע פונעם אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניקס קאַנצעלאַריע, וואָס האָבן פאַר אַ באַשטימטער סומע געלט צוגע־שטעלט די פּאַספּאָרטן, אונטערגעשריבן פון גראַדאָנאַטשאַלניק, כשר וישר. און אַזוי זענען אָנגעגאַנגען די לינקע געשעפטן רעגלמעסיק, געשעפטסמעסיק. די באַאַמטע פלעגן באַקומען זייער לאַפּקע־געלט, די אַגענטן — זייערע רווחים פון אַזעלכע עסקים און די עמיגראַנטן זענען דורך עטלעכע רובל געהאָלפן געוואָרן, זיי האָבן געקענט אַרויספאָרן פראַנק און פריי דורכן צאָל־אַמט — געזעצלעכע עמיגראַנטן.

אין אונדזער פאַל האָט עס אויך אַזוי געדאַרפט פאָרקומען. האָט אָבער דער שטן זיך אַריינגעמישט, און צו אונדזער שלימזל האָבן זיך געביטן די באַאַמטע אין דער קאַנצעלאַריע פונעם גראַדאָנאַטשאַלניק.

אַנטלאָפענע פונעם „חדר״, יעדער איינער אין זיין באַהעלטעניש, פאַרבאָרגן און פאַרשטעקט זענען מיר געזעסן ווי אויף הייסע קוילן און געוואַרט אויפן גרויסן טאָג, אויפן מלאך־הגואל, אויפן אַגענט מיט זיינע שותפים. איך בין צוויי מאָל געפאָרן קיין אָדעס און צוזאַמען מיט די חברים זענען מיר אַרומגעלאָפן, געטענהט, געשריען, גע־בעטן, געפאָדערט, אָבער אַלץ איז געבליבן פאַרגליווערט, זיך נישט גערירט אויף אַ האָר.

מיט דער צייט איז אָבער יאָ אַריינגעטראָטן אַ װענדונג אין אונדזער טרויעריקן אויסקוק אויף דער געגאַרטער ישועה. נאָך כמעט פינף װאָכן צייט װאַרטן און שוין צום דריטן מאָל קומענדיק קיין אָדעס, בין איך אַװעק מיט אַ באַזוך ביי מיין מוטערס אַ פריינדין, װעלכע האָט געװוינט אין אָדעס שוין אַ פּאָר יאָר צוזאַמען מיט אירע צװיי זין, װאָס זענען, אַגב, אויך געװען געשעפטס־אונטערנעמער פון שיפסקאַרטן און פּאַספּאָרטן. װען מיין מאַמעס פריינדין האָט מיך דערזען, האָט זי געװוסט אַז מען האָט מיר צוגענומען אין דינסט, איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געװיין און מיך אַרומגעכאַפּט קושן. איך האָב איר דערציילט װעגן מיינע צרות און געבעטן איר, זי זאָל מיר העלפן, אויב מעגלעך. אין זעלבן מאָמענט האָט זי אַריינגערופן אירע צװיי זין און מיט כמעט אַ מירעלע־אפּרתדיקן באַפעלערישן טאָן האָט זי זיי אויפגעפּאָדערט צו טאָן אַלץ און װי שנעלער אויף צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט פאַר אייזיקן און די אַנדערע צװיי קינדער. איר הערט, — האָט זי אויסגערופן, — װאָס גיכער טוט עס!

אין ניין טעג אַרום איז דער פּאַספּאָרט שוין געװען אין מיינע הענט, אָבער, אָט דער „אָבער" האָט כמורעדיק פאַרטונקלט אונדזער שמחה, װייל — אָט װאָס עס איז געשען: די צװיי זין פון מיין מוטערס פריינדין האָבן אויסגעפונען און האָבן זיך איבערצייגט, אַז אין דער קאַנצעלאַריע פונעם גראַדאָנאַטשאַלניק װעט אוממעגלעך זיין צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט, און װעלנדיק באמת העלפן, האָבן זיי געהאַנדלט שנעל און פּראַקטיש. זיי האָבן, דורך זייערע געשעפטס־פאַרבינדונגען אַריבערגעפירט די טראַנזאַקציע קיין קעשענעװ, און בלויז אין אַ װאָך אַרום איז פון דער קאַנצעלאַריע פונעם בעסאַראַבער גובערנאַטאָר פאַר אונדז אַרויסגעגעבן געװאָרן אַ פּאַספּאָרט, אונטערגעשריבן פונעם גובערנאַטאָר אויפן נאָמען פון דריי ברידער מיטן פאַמיליע־נאָמען סופר, אונדז אַלע דריי, הייסט עס, געמאַכט פאַר ברידער. פאַר דעם זכות און פאַרגעניגן האָב איך באַצאָלט די סומע פון פינף און פופציק רובל.

שלום כװאָראָסטיאַן האָט געװיילט אין קעשענעװ און געװאַרט ביז דער פּאַספּאָרט איז אים, װי פאַרויס אָפּגערעדט און באַשטימט, איבערגעגעבן געװאָרן. איך און ביינשיל זענען שוין געװען צו דער צייט אין אָדעס, זיך אויפגעהאַלטן אין דאָן באַװוסטן „ארץ ישראל־האָטעל" פון הער זעלדיטש און מיר האָבן געװאַרט אַז כװאָראָסטיאַן זאָל קומען און מיטברענגען דעם פּאַספּאָרט.

און דאָ קום איך צום טרויעריקן פּונקט פון אונדזער טראַגישער לאַגע: יעדן דינסטיק פלעגט אָפּגיין אַ שיף פון אָדעס דירעקט קיין יפו. מיין שװעסטער, חיה־שׂרה ראַבינאָװיץ (איר מאַן, ישראל, איז שוין זינט אַ פּאָר יאָר און מער געװען אין ארץ־ישראל), איז געװען גרייט צו פאָרן צו איר מאַן און געװאַרט װאָכן און װאָכן, בדי צו פאָרן מיט מיר צוזאַמען אויף איין שיף. און נישט קענענדיק מער װאַרטן צוליב דער לעגאַליטעט פון איר פּאַספּאָרט, איז זי אין אַ דינסטיק אַרויף אויף דער שיף

וואָס איז דעם טאָג אָפּגעפאָרן פון אָדעסער פּאָרט און איך, פּיינשיל און אונדזערע חברים זענען מיר אַלע געגאַנגען צום שיף איר צו באַגלייטן.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין זעלדיטשס האָטעל, האָט אונדז דערוואַרט אַ דערשיטערנדיקע שרעק, — אַ פּאָליציי־באַאַמטער מיט זיין געהילף. זיי זוכן איינעם מיטן נאָמען גויכמאַן. (מיר, — איך, פּיינשיל און כוואַראַסטיאַן האָבן געהאַט גע־באַרגט ציווילע פּאַספּאָרטן פון אונדזערע חברים אין דובאָסאַר און פּיינשיל האָט גע־האַט פון אַ חבר מיטן נאָמען גויכמאַן). און דער פּאָליציסט האָט געבעטן פּיינשילן מיטצוגיין מיט אים אין פּאָליציי־באַצירק. מיר זענען געבליבן ווי געפּלעפּט, פאַר־שטיינערט. אַ שטאַרקער ווייטיק האָט אָנגעהויבן נאָגן ביים האַרץ; אַ בראָך אין אונד־זערע האָפענונגס־פּלענער, אָן אומגליק אינעם יסוד פון אונדזער צוקונפט.

איך האָב באַלד פאַרלאָזן דעם האָטעל, נישט אומצוקערן זיך מער אַהין. מיט גרויס מי, מאַטערניש און פאַרדרוס איז מיר געלונגען צו געפינען אַ קוואַרטיר אי־נעם הויז פון אַ שטיף־ברודער פון מיינער אַ שוועגערין, וועלכער האָט מיך פריינט־לעך אויפגענומען און איז געווען געריהרט ביז טרערן אויף מיין צרהדיקן מצב. ער האָט מיך מיט אָן אמת־ברודערלעכער ליבשאַפט באַרויקט: „אייזיק, איך וועל דיר ביישטיין אין דיין נויט; איך וועל נישט לאָזן דיר אומקומען, פאַרפאַלן ווערן אין גוישע הענט!״

מיינע חברים האָבן דערווייל נישט גערוט. זיי זענען אַוועק אין האָטעל אויסצו־געפינען מער איינצלהייטן וועגן אַרעסט פון פּיינשילן. זיי האָבן אויך זיך באַראַטן מיט אַ ריי אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן וועגן עפּעס צו טאָן. און אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי מיר דערציילט, אַז פון פּאָליציי־אַמט איז מען מערערע מאָל געקומען, מיר גע־זוכט און זיך נאָכגעפרעגט: „גדיע טאַי טשאַרנענקי״ (ווו איז דער שוואַרצינקער), און אויך, אַז דער אייגנטימער פונעם האָטעל, הער זעלדיטש, איז אויפגעפּאָדערט געוואָרן מיר צו פאַרהאַלטן אין דעם מאָמענט וואָס איך וועל אַריבערטרעטן די שוועל פון זיין האָטעל, און אַז ער זאָל גלייך מודיע זיין אין פּאָליציי־באַצירק וועגן מיר.

איך בין מיט נאָך צוויי חברים אַוועק אין „אָדעסער קאָמיטעט״, און ווען מיר האָבן דערציילט דעם סעקרעטאַר משה־לייב לילינבלום, וועגן דער זאַך, האָט ער צוזאַמענגערופן אַנדערע פון די אָנגעשטעלטע אין „קאָמיטעט״ אויף אַ באַראַטונג. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ געמיינזאַמע מיינונג — דערווייל גאָרנישט טאָן אין דעם עניין, נאָר וואַרטן אויף מער אינפאָרמאַציע. עס איז אַ זייער דעליקאַטער פאַל: אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט, דער „אָדעסער קאָמיטעט״ איז אַן אָפיציעלע רעגיסטריר־טע אינסטיטוציע, איר פאַרשטייט, מען דאַרף האַנדלען מיט גרויס פאַרזיכט און טאַקט. איך האָב געפונען פאַר צייטלעך און פּאַסיק ביי דער געלעגנהייט אַ שנעל צו טאָן משה־לייב לילינבלומען, זיך רעכענדיק מיט אַ געוויסער מימרא: „פה מצא בעל החוב לגבות את חובו״.

געווען איז דאָס אין זומער 1899, ווען איך און נאָך פיר חברים האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, און מיר, — איך אין זייער נאָמען, — האָב זיך געווענדט צום „אָדעסער קאָמיטעט" וועגן אינפאָרמאַציע. אין זיין ענטפער ווי דער סעקרעטאַר פון „אָדעסער קאָמיטעט" האָט ער, משה־לייב לילינבלום, צווישן אַנדערעס אויך געשריבן: „איר שרייבט אַז איר ווילט, איר וועט אַרבעטן אין ארץ־ישראל. דאָס איז אַ משוגעת פון אייער זייט, איר זעכצן־יאָריקע ייִנגלעך, אַרבעטן אין ארץ־ישראל? איר וועט דאָך דאָרט אויסגייען פון הונגער!" אאַז"וו. (דער בריוו, ריכטיקער — דאָס פאָסט־קאַרטל איז געווען געשריבן אין העברעיִש). איין זאַך דערמאָן איך מיך איצט: „הלא ילך העובד תמס כל היום".

און צוזאַמענטרעפנדיק זיך פנים אל פנים מיט דעם קלוג־אויגיקן, קורץ־געוויקסיקן ייִד מיט דער משונה גרויסער ראַסאָווער באָרד, האָב איך אים אין אַ שפּאַס אַ טאָרע געטאָן: „איר זעט, הער לילינבלום, איך פאָר דאָך קיין ארץ־ישראל. איר געדענקט אפשר אייערע ווערטער אין אייער בריוו צו מיר פון זומער 1899". דער גוטמוטיקער משה־לייב האָט פריינטלעך געשמייכלט: „ניצחוני בני".

— — — — — — — — — — — —

דינסטיק — פיינשיל אַרעסטירט; מיטוואָך — מען זוכט מיר אַרום, פּאָליציי לאָזט נישט אָפּ זעלדיטשן: „גדיע טאָי טשאַרנענקי?". מיר, דערווייל, טאָפּן אַ וואַנט, פינצטערע קאָרידאָרן, אייזערנע ווענט. אַ זייער, זייער אײדעלע סיטואַציע. און דער „מאין יבוא עזרי" בויערט און מאַכט לעכער אין קאָפּ.

דאָנערשטיק אין דער פרי — אַ שמחה מיט אַ גדולה, די ישועה איז געקומען: כוואָרסטיאָן מיטן פּאַספּאָרט אין קעשענע, אַ גובערנאַטאָרסקי פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון דריי ברידער סופר, וואָס פאָרן קיין פּאַלעסטינע, אונטערגעשריבן פונעם בעסאַראַבער גובערנאַטאָר, שוואַרץ אויף ווייס! גייט, קינדערלעך, ברידערלעך סופר און זעצט זיך אויפן שיף, פאָרט חלוצימלעך אינעם לאַנד פון די אָבות, אינעם געבענטשטן לאַנד פון אייער חלום! און — אַ נייער אומגליק, אַ שמחה מיט אַ בראָך, אַ צרה מיט מרור. אינעם פּאַספּאָרט איז געשריבן דריי ברידער און פאַניע גנב לאָזט נישט אַראָפּגנבענען קיין איינעם, אָדער אַלע דריי, אָדער קיינער — זאַקאָן!

אין זעלדיטשעס האָטעל האָבן זיך אין דער זעלבער צייט געפונען צוויי יונגע בהורים, 18 און 20 יאָר אַלט, גע‍לע אויסגעטריקנטע יונגעלייטלעך פון קאָוונער גובערניע, פון פּאָניעוועזש דאַכט מיר, וואָס זיצן שוין דאָרט אַ קימא לן פון צוויי חדשים און וואַרטן אויף „פּאַפּירן" וואָס זייערע קרובים וועלן זיי צושיקן; פּאַפּירן, דאָקומענטן הייסט עס, אויף צו קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל. איך האָב פאַרפירט אַ שמועס מיטן עלטערן פון די צוויי, אפשר אַ סברא, ער זאָל מיט אונדז מיטפאָרן ווי דער „דריטער".

ער האָט זיך געקווענקלט: „כ׳וויס, צו וואָס, בעסער וואַרטן. נאָר אויך די איי־גענע מעשה, אויב שוין יאָ פאָרן מיט איך, זאָל עס כאָטש זיין כדאי". און ער האָט אַרויסגעלייגט באַדינגונגען, זיך אַפילו נישט פאַרקרימט. „ער וועט פאָרן מיט אונדז נאָר — אין גאַנצן אויף אונדזערע הוצאת־הדרך: שיף, עסן און אָפּצאָלונגען אונטער־וועגס". וואָס אַ געלער איינגעשרומפּענער ליטוואַק האָט זיך געקענט פאַרגינען אויס־צובעטן זיך. די אונטערשטע שורה — איך האָב איינגעשטימט, בלית־ברירה, — דער הלף ליגט אויפן האַלדז. איך זאָג „איך האָב איינגעשטימט", ווייל איך בין עס געווען געווען דער געלט־מענטש, כוואָראָסטיאַן האָט נישט פאַרמאָגט קיין פּרוטה און ער האָט מיר געדאַרפט אומקערן דאָס געלט, די הוצאת־הדרך, ערשט אין ארץ־ישראל, ווען ער וועט באַקומען געלט פון זיין ברודער יצחק חסיד, אַ קאָלאָניסט אין סעדזשעראַ. גלייכצייטיק זענען דערווייל אונדזערע חברים אַרומגעלאָפן אין אַלע ווינקעלעך פון אָדעסער פּאָרט און געזוכט אַ שיף, וואָס גייט אָפּ היינט־מאָרגן ערגעץ־ווו, אַבי — אַרויס פון אָדעס, פון רוסלאַנד. און, זיי האָבן געפונען, אין אַ מזלדיקער שעה, אַן עסטרייכישע פראַכטשיף, וועלכע פאַרלאָזט דעם אָדעסער פּאָרט דעם טאָג, אַרום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט, און וועלכע וועט אונדז אויפנעמען אַלס פּאַסאַזשירן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער שיף ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאָרט מיט אַ צווייטער שיף ביז יפו.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן דעם עמק־הבכא, די וויסטע, פאַרבלוטיקטע רוסי־שע ערד, האָבן מיר נאָך ווי אַ לעצט־געלט אַריינגעזאַפּט אַ היפּש ביסל עגמת־נפש און האַרץ־גריזשעניש. וואַרטנדיק אויף אַ דערלויבעניש אַרויפצוגיין אויפן שיף, האָט זיך צו אונדז צוגעטשעפּעט אַ זשאַנדאַרם, איינער פון יענע מוראדיקע, פּחד־אָנוואַר־פנדיקע רוסישע סטראַשידלעס פון יענער צייט; די זשאַנדאַרן, די ריזיקע פיגורן מיט די פון חזיר־האָר בערשטלעך וואָנסעס און זייערע משונהדיקע היטלען, אַ זשאַנדאַרם פונעם פּאָרט און צאָלאַמט: —„ וווּהין פאָרט איר, און וואָס עפּעס קיין פּאַלעסטינע, עס איז אייך שלעכט דאָ? און פאַרוואָס עפּעס פריער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאָרט ערשט קיין פּאַלעסטינע? איר האָט דאָך געקענט פאָרן גלייך פון אָדעס קיין יאַפאָ!" און נאָך און נאָך פראַגן וואָס יעדע איינע פון זיי האָט געשטאָכן ווי מיט באָדלען, געבריט ווי אָנגעגליטער אייזן. און איבערהויפּט, האָט אים, אָט דעם שטייפן געזעץ־היטער, נישט געלאָזט רוען אונדזער אויסזען. „צייגט אייער פּאַספּאָרט! אין פּאַספּאָרט איז געשריבן ברידער סופר, דריי ברידער. עפּעס זענט איר גאָרנישט ענ־לעך איינער אויפן צווייטן". ער איז אַוועק, אָבער — זיך אומגעקערט, אומגעקוקט זיך און אונדז דורכגענומען מיט זיינע גיפטיקע בליקן. אין אייניקע מינוטן אַרום — ער איז ווידער דאָ, שטייט ווי אַ סטאַטוע, שטייט און קוקט, שטום און שטעכיק, און —גייט ווייטער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

זעקס אַ זייגער אין אָוונט. מיר אַלע דריי, מיט אונדזערע פּעקלעך פּאַרוקט אין אַ ווינקל פון אונדזער „גן־עדן". עס דערהערט זיך אַ שאַרפער פייף פון דער שיף. די שטריק וואָס האַלטן די שיף צוגעפעסטיקט צום ברעג, זענען שוין לויז געוואָרן און צוריקגעצויגן געוואָרן און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ווי מיט גסיסה־כאַרכלען, האָט די שיף, ווי גנביש זיך אָפּגערוקט פון ברעג, זיך אַוועקגעגליטשט און אָנגעהויבן צו פרייכען און סאָפּען, שניידנדיק, ווי אַ זעג־מאַשין, די וואַסערן פון שוואַרצן ים און זיי פאַר־וואַנדלט אין שוים, אין פּיענע.

מיר, — איך און כוואַראסטיאַן, — האָבן אַרויסגעכריפּעט שניידנדיקע שלוכצן; ווייִנען האָבן מיר נישט געקענט, ווייל צופיל צעווייטיקט און פאַרשטיינערט איז גע־ווען דאָס האַרץ: — פּייִנשיל אין אַרעסט, ווער ווייסט וואָס מיט אים איז? מיר האָבן זיך אין געציילטע מינוטן געשטאַרקט, אָנגענומען זיך מיט מוט, זיך אָנגעגורט מיט קוראַזש און מיט אַ טיפן ענטוזיאַסטישן שטורעם, מיט כוח אַרויסגעפּלאַצט: "כל עוד בלבב פנימה" אאַז"ו. אָדעס איז געוואָרן אַלץ מער מטושטש, פאַרווישט און מיט איר אויך גאַנץ רוסלאַנד, אונדזער היימלאַנד, דאָס מיט בלוט־באַפלעקטע, מערדערי־שע פאַגראָמען־לאַנד: „עוד לא אבדה תקותנו!".

חברים אויפן ברעג האָט אונדז באַגלייט מיט פנימער באַגאָסענע מיט טרערן, מיט טיפע ליבשאַפט־אויסדרוקן און הייסע ברכות.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די אינפאָרמאַציע וועגן מיר און מיין אַרעסטירטן חבר פּייִנשיל, זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַרן צאַרישן רעזשים: אין יענע צייטן פון אָפּטע עקספּראָפּריאַציעס, איז אַזאַ אָדורכגעפירט געוואָרן אין קעשענעוו אַרום אַ גרויסן האַנדלס־געשעפט, ווו עס זענען צען טויזנט רובל צוגערויבט געוואָרן. צווישן די, וועלכע די פּאָליציי האָט חושד געווען אין אָנטיילנעמען אין דעם רויב, איז אויך געווען איינער מיטן נאָמען גויכמאַן; האָט די פּאָליציי אויף דעם סמך אַרעסטירט אין אָדעס יעדן איינעם מיטן נאָמען גויכמאַן, טאָמער... טאָמער איז ער אויך פאַרמישט אין דער עבירה. פּייִנשיל האָט געטענהט אַז ער ווייסט פון גאָרנישט. און נאָך צוויי וואָכן אין אַרעסט־הויז, אַריינכאַפּנדיק אַ היפּשע פּאַרציע בוכצענעס און אויך נישט קיין זייער פּיינע קאָמפּלי־מענטן — לויטן רוסישן נוסח — איז ער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ צעשרויפּטער, באַפרייט געוואָרן.

מיט דער הילף פון חברים האָט ער באַקומען אַ פּאַספּאָרט און אַרויסגעפאָרן, דורכן אָדעסער פּאָרט, מיט דער שיף קיין יפו.

צווייטער טייל

19. — אויפן לעצטן שטאפל פון חלום

אין א מילדער, ווארעמער זונען־שיין, האט אונדזער שיף שבת אין דער פרי, נאך זעקס און דרייסיק שעה פון אונדזער פארלאזן דעם אדעסער פארט, דערגרייכט די טערקישע ברעגן און פויל, שלאבערדיק זיך אריינגעשלייכט אין שטילן, פארח־לומטן באספאר־אויסגוס און געאנקערט אין סאמע הארץ פון דער טערקישער הויפט־שטאט. קאנסטאנטינאפאל, די שטאט פון ווייסע, אריענטאל־סטיליזירטע פאלאצן, האט זיך ערשט אנגעהויבן אויסטשוכען פון איר נאכט־דרימל און דער פארט האט קוים זיך גענומען באוועגן. אבער, ווי דורך א כישוף־שטעקעלע האט עס גלייך אנגע־הויבן צו קאכן, טומלען און הודיען אין בלויז אייניקע מינוטן צייט.

נאך א צען־פופצן מינוט פון דער שיפס באהעפטן זיך מיטן פארט, האבן שוין טרעגער און באהעלפער געשלעפט אונדזער געפעק און געפירט אונדז צום צאל־אמט אין א גרויסער מאוימדיקער געביידע, ווו אונדזערע אויערן זענען צעלעכערט געווארן פון די ווילדע געשרייען און געפילדער פון די פארשידענע סוחרימלעך, מעקלער און סתם נייגעריקע סוביעקטן, וואס האבן אין אונדז דערזען א ציל — צו פארדינען א פיאסטער. מיר האבן נישט פארשטאנען וואס מען וויל פון אונדז, אבער אונדזערע פעקלעך האבן מיר געהיט פון האנט נישט ארויסצולאזן. מיר האבן יא געהערט אין ווארט זיך איבערחזרן מערערע מאל פון די מענטשן מיט די מעשענע קנעפלעך אין זייערע ענגע מונדירלעך און מיט פאפירן אין זייערע הענט; זיי האבן געהאלטן אין איין שרייען „טעזכערע, טעזקערע". וואס דאס האט געמיינט, האבן מיר ערשט שפעטער אויסגעפונען, ווען עס האט זיך אונטערגערוקט פונעם גאנצן מענטשן־קנוידער ארויס א יידל מיט א שפיציק בערדל, מיט א רויטן פעס אויפן קאפ און אין א לאנגן קאפטאן, און אן פיל שהיות האט ער ביי אונדז א פרעג געטאן אין א ווא־לינער יידיש: — „פון וואנען זענען יידן, וואס טוט איר דא, און ווהין פארט איר", און, און, און... מיר האבן זיך דערפרייט צו הערן א יידיש ווארט אין דעם דאזיקן דור ההפלגה געזעמל. איך זאג „דור ההפלגה געזעמל", ווייל א סך פון די פרנסה־זוכער האבן געפרוווט ריידן צו אונדז אין א האלבן טוץ אנדערע שפראכן, — אפשר וועט פארט דורך דעם ארויסקומען א פיאסטער פרנסה.

דורך אט דעם נייעם מלאך הגואל אונדזערן, דאס יידל מיטן רויטן פעס, זענען מיר געוויר געווארן, אז דאס וויל מען פון אונדז א טעזקערע, א פאספארט, א צייג־עניש, א וויזע פונעם טערקישן קאנסול אין אדעס אז מיר מעגן אראפגיין אין טערקיי.

אײ, ביטער אַז מען פֿאַרשטײט נישט קײן שפּראַך! דאָ רײדן צו דיר אײגענע מענטשן, קוזינען, בני ישמעאל, און מיר שטײען װי די גולמס, קוקן װי קלײנע חדר־ייִנגלעך:
— פּעזקערע, שמעזקערע! װען מיר האָבן געהערט פֿונעם ייִדן מיטן שפּיציקן בערדל אין װאָס עס האַנדלט זיך דאָ, האָבן מיר זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. — אָט האָט איר ברידערלעך, קוזינדעלעך; װאָס הײסט, אַװדאי האָבן מיר אַ פּאַספּאָרט און אַ װיזע פֿון אײער קאָנסול.

נאָך דעם װי דער ייִד האָט פֿאַר אונדז גערעדט און האָט אַלץ דערלײדיקט, האָט ער אונדז פֿאַרנומען צו זיך אױף זײן קװאַרטיר. עס האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז דער ייִד איז אַ שוחט און כּדי צו דערשטוקעװען די בצימצומדיקע פּרנסה־קװאַלן און מער מחזק זײן דעם קיום און די חיונה־באַדערפֿעניש, פֿאַרזאָרגט ער צימערן פֿאַר דורכרײזנדיקע, מיט שיף און באַן.

ער האָט אונדז געהאָלפֿן, דער גוטהאַרציקער ייִד, מיט ראָט און טאָט צו באַקומען אונטערגעשריבן אונדזערע פּאַספּאָרטן פֿאַר דער װײטערדיקער נסיעה; צו באַזאָרגן זיך מיט צידה לדרך, װאָס איז אין יענע צײַטן געװען אַ נױטװענדיקײט, װײל די שיפֿן האָבן קײן עסן פֿאַר זײערע פּאַסאַזשירן נישט באַזאָרגט.

אױך דעם שוחטס זון, אַ בחור'ל פֿון אַ יאָר 16־17, האָט אונדז אַ סך געהאָלפֿן בײם אײנקױפֿן אונדזערע שפּײז־אַרטיקלען; געװען אונדזער װעגװײזער און האָט אונדז אַרומגעפֿירט אין פֿאַרשידענע טײלן פֿון שטאָט, אױף בײדע זײטן פֿונעם באָספֿאָר, אָנװײזנדיק אױף װיכטיקע פּלעצער, װאָס זענען כּדאי געװען צו זען: פֿון דעם סולטאַנס פּאַלאַץ, פֿון דער װײטנס פֿאַרשטײט זיך, ביז דער אָרעמסטער ציגײנער־געגנט, װוּ גאַנצע גאַסן זענען געװען באַדעקט מיט הײזער צונױפֿגעקלאַפּטע און צונױפֿגעבונדענע פֿון קעראָסין־בלעכן, ברעטלעך פֿון פּרוכט־קעסטלעך און אַלטע, פֿאַרזשאַװערטע דראָטן.

דאָרט, נישט װײט פֿונעם סולטאַנס פּאַלאַץ, האָט דער אָפּגלאַנץ פֿון באַגילדעטע טױערן געריסן דאָס אױג, און דאָ, אין דער ציגײנער־גאַס, האָבן אָרעמקײט און דחקות געשטאָכן דאָס אױג און אָנגעיאָגט אַ מאָרימדיקע האַרץ־קלעמעניש פּשוט טרערן אַרױסגערופֿן. דאָ װאַלגערן זיך מענטשלעכע װעזנס, מענטשלעכע קינדער אין בױט און אין קױט — אַ שױדערהאַפֿטיק בילד געװען צו זען.

אױפֿן פֿערטן טאָג פֿון אונדזער פֿאַרברענגען אין סולטאַנס הױפּטשטאָט, זענען מיר אַרױף אױף אַ שיף פֿון דער „בעדיב"־ליניע, װאָס האָט קורסירט צװישן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַלעקסאַנדריע. אין אַלעקסאַנדריע האָבן מיר געדאַרפֿט זיך איבערזעצן אױף אַ צװײטער שיף, װאָס גײט קײן יפֿו. און נאָך איצט, נאָך פֿופֿציק יאָר װאָס טײלט מיר אָפּ פֿון יענער צײַט, איז מיר שװער זיך צו דערמאָנען און שרײבן װעגן די באַדינגונגען אױף דער „בעדיביא"־שיף אָן אַ קאָנװולסיװן שױדער און פּײנלעכן ציטער. די שמוץ, דאָס אומרײנקײט און די אַלגעמײנע סאַניטאַרע אײנ־

ריכטונגען זענען געווען געגוג צו טויטן יעדן געפיל פון מענטשלעכן ווערט און באַ־דייט.

אָנקומענדיק אין אַלעקסאַנדריער האַפן און אַריבערגייענדיק אויף דער צווייטער שיף, אויפן וועג קיין יפו, האָבן מיר דאַן מיט גרויס דערלייכטערונג דערפילט דעם געוואַלדיקן אונטערשייד צווישן מענטש און בהמה. און כאָטש די צווייטע שיף איז געווען זייער, זייער ווייט פון צו זיין עפּעס ענלעך צו אַ גן־עדן, דאָך האָבן מיר אַלע דריי פריי אָפּגעאָטעמט און געבענטשט דעם טאָג און די מינוט פון דעם גרויסן אי־בערבייט.

און ווען נאָך צוויי טעג שווימענדיק אויף דער שיף און אויף אַ מאָגער, שוין צו שטרענגער דיעטע: ברויט, וואַסער, הערינג זייער בצימצום, און אויך — זאָל דאָס אונדז פאַר קיין עבירה נישט פאַררעכנט ווערן — אויך געציילטע אָוועקגעשלעפּטע ציבעלעס פון זעק אויפן שיף. נאָך צוויי טעג אויסקוקנדיק די אויגן צו דערזען דעם געווונטשטן ברעג, דעם אויסגעחלומטן ברעג פון פּאַלעסטינע, האָבן מיר סוף־סוף דערפילט בחוש די אַרויסשטאַרנדיקע סילועטן פון מעטשעטן און ווייסע הייזער אויפן יפוער בערגלדיקן ים־ברעג, וואָס האָבן מיסטעריעז און נעפּלדיק, פאַרשלייערט גע־ווונקען צו אונדז אין דער פרימאָרגנדיקער, פאַר פסחדיקער פייכטקייט. ווען מיר האָבן מיט צעוואַרעמטע חושים באַגריפן, אַז אָט־אָט און מיר און זי — פּאַלעסטינע און מיר — ווערן איינס, האָבן מיר אַלע דריי מיט הייסע טרערן זיך באַגאָסן און מיט אַ הייליקן תפילה־ציטער, מיט פון פרייד אַרויסשפּרינגענדיקע, צעפלאַמטע הערצער, מיט מי אַרויסגעכאַרכלט: „ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה״!

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווידער, שוין אויפן שוועל פון דעם דערגרייכטן, אויסגעיאָמערטן ציל, האָט אַ וויסטער טרויער־שאָטן פאַרטונקלט אונדזער פרייד. עס האָט דעם פרימאָרגן גע־בושעוועט אַ שרעקלעכער שטורעם און דער ים האָט געקאָכט און געברויזט און גע־מאַכט אַבסאָלוט אוממעגלעך אַראָפּצולאָזן אין שיפלעך די פּאַסאַזשירן פון אונדזער שיף און זיי ברענגען בשלום צום ברעג. און וואַרטנדיק ביז אַרום צען אַ זייגער, האָט דער קאַפּיטאַן באַשלאָסן צו שווימען ווייטער, קיין חיפה. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין חיפהר האַפן, אַרום פינף־זעקס פאַרנאַכט, איז דאָרט דער ים געווען שטיל און רויק און מיר זענען אָן שוועריקייטן אַרונטער אויפן ברעג, צום ערשטן מאָל באַ־טראָטן, ציטערנדיק און טרייסלענדיק זיך האָבן מיר געשטעלט אונדזערע פיס אויף דער ארץ־ישראלדיקער ערד.

אַ פאָרשטייער פון דעם „חובבי־ציון״־קאָמיטעט, הער נחמני, האָט אונדז באַ־געגנט, אונדז אָוועקגעפירט אין אַ גאַסט־הויז און האָט גלייך ביים אַריינקומען אַ זאָג געטאָן צו דער באַלעבאָסטע אין אַ גוטמוטיקן טאָן:

— גיט זיי עסן, די יונגעלייט, אַ גוטן מאַלצייט זאָלן זיי זיך גוט אָנעסן! טייערע געסט אין לאַנד, אַזעלכע דאַרפן מיר דאָ.

מיר זענען נעבעך גוט אויסגעהונגערט געווען און דער מאַלצייט — כיד המלך — האָט געטאָן ווונדער, פּשוט מחיה נפשות געווען.

נחמני האָט צוגעזאָגט צו קומען אויפן צווייטן טאָג אונדז באַזוכן און זיך דורכשמועסן.

— דערווייל רוט אייך אויס, שלאָפט איבער בשלום אייער ערשטע נאַכט אין ארץ־ישראל — בבית ישראל. שלום.

20. — חלום און וואָר

אומבאַשרייבלעך איז געווען אונדזער פרייד. שווער עס איבערצוגעבן אין געוויילעכע ווערטער. אונדזערע געפילן, אונדזער געהויבענע שטימונג נאָך אַ רויִקער נאַכט זיך גוט אויסשלאָפן. און ווען מיר זענען אַרויס אויפן באַלקאָן פון אונדזער אַכסניה און ברייט און ווייט אַרומגענומען מיט לעכצנדיקע בליקן די גאַנצע געגנט אַרום, דעם אַריבערהענגענדיקן באַרג כרמל, דעם רויִק בלויען ים־אויסגוס און איבער אַלעם, די מזרחדיקע אַטמאָספער, וואָס האָט שלעפעריק, ווי אַ כישוף־שלייער איינגעהילט די שטאָט חיפה. די שטאָט, — אייגנטלעך איז דאָס דאַן געווען אַ גרויס, שמוציק, פאַרבלאָטיקט און פאַרשלאָפן דאָרף. אין פּאָרט זעט מען אַפילו אַ פּאָר שיפן; די באַן וואָס ווערט דאָ געבויט, צו דערגרייכן פון דאַנען ביזן העדזשאַז, וואָס זאָל באַדינען און פירן די טויזנטער גלויביקע קיין מעקאַ, מאַכט אַפילו אָן אַ טומל מיט איר הודיען און איר דינעם קוויטש, אָבער דער פּאַרנעם פון דער שטאָט ווי אַ שטאָט איז נישטיק, פויל און אָפּגעלאָזן, פאַרנאַכלעסיקט און פאַרפּעסטעט. נישטאָ דער שווונג פון אַ שטאָט, דער אימפּולס פון פאַרויס־שפּרייזנדיקן לעבן, פון וווקס און אַנטוויקלונג אינעם גייסט פון אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

עס רוט אין גאַנצן נאָך די טערקישע אימפּעריע אין אַ טיפן דרימל, אין אַ נעץ פון שפּינוועבס פון יאָרהונדערטער געזונקענע אין אומוויסנקייט, און עס זעט אויס ווי נישט מסוגל עס איז די ווייט צעקלונגענע העדזשאַזער אייזנבאַן דער טערקישער אימפּעריע פון אָט דער אומוויסנקייט אַרויסצושלעפּן און באַפרייען.

מיר זענען נאָך אַ גוטן, זאַטן פרישטיק אַרויס אויף די גאַסן פון שטאָט, אויף צו באַטראַכטן חיפה, צו לערנען אירע אייגנשאַפטן און אָפּשאַצן איר ווערט, ווי „די שטאָט פון דער צוקונפט", ווי מען האָט דאַן געזאָגט וועגן חיפה. אָבער דערווייל, אויף אונדזער באַקאַנשאַפט מיט חיפה, אויף אונדזער שפּאַציר איבער די ענגע געסלעך האָבן מיר געזען נאָר נויט און עלנט, סימנים פון דערשלאָגענער מענטשלעכער געפאַלנקייט און גייסטיקער פאַרברודיקטקייט.

נחמני, דער פאַרשטייער פון אָדעסער קאָמיטעט, האָט שוין אויף אונדז גע־

וואָרט ביי אונדזער צוריקקער אין דער אַכסניה. ער האָט מיט טיפער פּאַראינטערע־סירונג זיך נאָכגעפרעגט און אויסגעפרעגט ביי אונדז וועגן אונדזערע שטרעבונגען, אויסזיכטן און קרובהשאַפט אין לאַנד, און לויט נחמניס עצה, איז כוואַראַסטיאַן נאָך דעם זעלבן טאָג אָפּגעפאָרן קיין סעדזשערע צו זיין ברודער יצחק חסיד, און אונדז ביידן, — מיר מיטן צווייטן בחור, אונדזער מיטפאָרער, צדיקוב איז געווען זיין נאָ־מען, — האָט נחמני אַוועקגעפירט אין דער דאָן זיך בויענדיקער זייף־פאַבריק „עתיד", וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן אונטער דער אויפזיכט און פאַרוואַלטונג פון אינזשי־ניער ווילבושעוויטש. נחמני האָט אונדז פאַרגעשטעלט פאַר ווילבושעוויטשן, האָט זיך דורכגערעדט מיט אים וועגן באַשעפטיקן אונדז אין דער פאַבריק. און נאָך דעם ווי ווילבושעוויטש האָט אונדז גוט באַטראַכט, אונדז אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ער ווענדנדיק זיך צו אונדז געזאָגט ווייך און מילד, מיט זיין ווייבערישער דינער שטימעלע:

— נו, פּרוווט קומען זיך שטעלן אַרבעטן.

און מיר, זייענדיק גליקלעך צו הערן שוין אויפן צווייטן טאָג פון אונדזער אָנ־קומען אין ארץ־ישראל אַזעלכע ווייך־קלינגענדיקע, הערמוטיקנדיקע ווערטער, האָבן טאַקע גלייך אָנגענומען די איינלאַדונג. און זונטיק (דאָס איז געווען פרייטיק, צוויי וואָכן פאַר פסח), האָבן מיר שוין ביידע, נייע ייִדן אין ארץ־ישראל, געאַרבעט אין דער פאַבריק „עתיד", די ערשטע בוימל און זייף־פאַבריק אין ארץ־ישראל.

די אַרבעט, נישט זייער קיין שווערע אָבער אויך נישט פון די גאָר גרינגע, האָט צו מיר נישט איבעריקס אַפּעלירט. איך האָב געגאַרט צו באַזעטיקן די ארץ־ישראל־דיקע ערד מיט מיין שוויס און שענקען איר מיין גאַנצע יוגנט־קראַפט. איך האָב דע־ריבער באַשלאָסן צו שרייבן צו חסידן (פון איצט — חסיד, און נישט כוואַראַסטיאַן) און אים בעטן זען וואָס ער קען טאָן צו פאַרשאַפן פאַר מיר אַ מעגלעכקייט פון אַר־בעט אין סעדזשערע, אָדער אין אַן אַנדער קאָלאָניע. און פרייטיק, ערב פסח (1907) איז חסיד געקומען צוזאַמען מיט זיין ברודער יצחק קיין חיפה, מיט אַ לאַנגן לויט־ראָווע וואָגן, געשפּאַנט צו צוויי פּרדות און דעם זעלבן טאָג נאָכמיטיק זענען מיר געפאָרן קיין סעדזשערע.

יצחק חסיד, דער ייִנגערער ברודער פון שלום חסיד, איז געווען אַ שילער אין דער בעלקינד־שולע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין קעשענעוו נאָכן פּאָגראָם פון 1903, מיטן צוועק צו געבן די קינדער, — פּאָגראָם־יתומים, — דערציִונג און אַ מעמד אין לעבן. און ער, בעלקינד, אַ לערער און דערציִער, האָט מיט דער הילף פון אָדעסער קאָמיטעט און אויך פון אַנדערע קוואַלן צוזאַמענגענומען אַ צאָל פון די אומגליקלעכע קינדער־יתומים און אויך אַנדערע נישט־יתומים, וועמענס עלטערן האָבן זיך צו אים געווענדט וועגן דעם, און ער איז מיט זיי — מיט די אַלע קינדער — אַוועק קיין ארץ־ישראל, געגרינדעט אַ שולע — די „בעלקינד"־שולע — קאָמ־

בינירנדיק חינוך מיט אַגריקולטור, אַ האַלבער לערנאַנשטאַלט, אַ האַלבער אַגרי־קולטור־אַנשטאַלט.

אין 1906־1907 האָט די „יִקאַ" קאָלאָניזירט אַ טייל פון די בעלקינד־שילער אין די קאָלאָניעס סעדזשערע, ימה (שפּעטער יבניאל) און אפשר אויך אין אַנדערע קאָלאָניעס. און צווישן אָט די קאָלאָניזירטע קינדער איז אויך געווען יצחק חסיד, דער ייִנגערער ברודער פון מײן חבר שלום חסיד.

אָנקומענדיק אין סעדזשערע, בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם וואָס מײנע אויגן האָבן געזען: פון דער אײנפאַכקײט און פון דער נאַטירלעכער ווירקלעכקײט אויף וועלכע די יסודות פון אונדזער שיבת־ציון אידעאַל ווערט געבויט און פאַר־ווירקלעכט. סעדזשערע, אַ ייִדיש דאָרף, און אָט — יצחק חסיד, אַ בחורל אין גאַנצן צוואַנציק יאָר אַלט, לעבט, רעדט און האַנדלט ווי אַ פּולקאָמער דאָרפס־מענטש אַ פעסט־געזעצטער ערד־מענטש. און ער איז נישט דער אײנציקער. אַנדערע אין דאָרף — אַ סך אַפילו — זענען דאָס זעלבע ווי ער, ווי געבוירענע פּויערים, אַקער־בויער מיט אַ פולן דאָרפס־חוש. פון וואַנען דער נס, דער געוואַלדיקער שפּרונג פון אַ שטאָט־מענטש צו אַ דאָרפס־לעבן און אַזוי אײנפאַך, אַזוי נאַטירלעך־פּשוט. איך בין געווען דערשטוינט, אַנטציקט, מיטגעריסן און מײן וווּנטש, מײן ברענענדיקער וווּנטש זיך צו באַהעפטן מיט דער ערד, איז געוואָרן הונדערט־פאַכיק שטאַרקער, הייסער, ברענענדיקער.

אין סעדזשערע האָט צו יענער צײט געלעבט אַן אַלטער גר־צדק, ר׳ אברהם קוראַקין. עס זענען אין סעדזשערע געווען עטלעכע פאַמיליעס גרים. איז אָט דער אַלטער ר׳ אברהם, דער גר, געוואויר געוואָרן אַז איך בין אַ שטיקל יודע ניגון, אַז איך קען זיך אויף די דראַבנע אותיות, איז ער, דער זקן אַלײן געקומען בכבודו ובעצמו און האָט מיר געבעטן איך זאָל קומען און בײ אים אין שטוב אָפּריכטן דעם סדר.

קײן ייִדיש האָט ער נישט געקענט ריידן אָט דער ר׳ אברהם, אָבער אַ גוטער, אַ ווילער, וואַרעמער ייִד געווען, אַ גוטער בטבע, אַ „ייִדישע נשמה".

— פּריכאָדיטיע ק׳נאַם פּראַוויט סדר (סעדער), פּראָשו וואָס גאָלובטשיק, בו־דיעט כאַראָשאָ סלושאַט סעדער אָט אוטשאָנאָוואַ. סקאַזאַלי מניע טשטאָ ווי זנאַיטיע, ווי אומעיעטיע פּראַוויט סעדער, פּאַזשאַלוּיסטאַ, ניע אָטקאַזשיטיע. (איך זאָל קומען אָפּריכטן דעם סדר, מען האָט אים געזאָגט אַז איך טויג זיך צו אַזעלכע זאַכן אַזױ).

נו, איך האָב נישט געקענט בײשטײן דער נאַיִווער, ווײכער און אײדעלער גאַטספּאַרכטיקייט פון דעם גוטן אַלטיטשקן. און ביז דרײ אַ זײגער פאַרטאָג האָבן מיר געפּראַוועט דעם „סעדער" מיט מער, אַ סך מער ווי די אַרבע כוסות, די געזעצ־לעכע מאָס פון ייִדישער יום־טובדיקייט.

ווען איך האָב פאַרלאָזן ר׳ אברהמס הויז און זיך געזעגנט מיט אים, האָבן אין זײנע אַלטע בלויע אויגן געפינקלט און געזילבערט פּערלדיקע הייסע טראָפּנס פּייכט־

קייט, ווי די טוי־שפּראָצן אויף די בלעטער פון די ביימער אַרום זיין הויז. און דער עקזאַלטירטער אַלטיטשקער, כמעט ציטערנדיק, האָט מיט רעליגיעזער תמימותדי־קער פליסטערונג געשעפּטשעט:

— בילאָ וועסיעלאָ, בילאָ פּרעקראַסנאָ, טאַרזשעסטווענאָ! (געווען גוט, פריילעך, שיין, דערהויבן!).

— — — — — — — — — — — — — — — —

זונטיק דעם ערשטן טאָג חוה"מ פּסח בין איך אַוועק אין דער קאָלאָניע ימה, אויף צו טרעפן זיך מיט מיין חבר יצחק קאַצאַפּ, וועלכער האָט געאַרבעט דאָרט ביי אַ קאָלאָניסט. איך בין געווען זייער אומגעדולדיק, איך האָב געוואָלט וואָס גיכער געפינען אַרבעט און איך האָב געהאָפט צו געפינען אַרבעט אין ימה, די גרעסטע קאָלאָניע פון גליל־התחתון. קאַצאַפּ איז געווען געריררט ביז טרערן ביי אונדזער באַ־געגעניש. אונדזער פרייד איז געווען גרויס, אונדזער שטימונג געהויבן, אונדזערע געפילן צעוואָרעמט, צו באַגעגענען זיך אין ארץ־ישראל אינעם ראָמאַנטישן גליל, ער — שוין אויף לאַנד־אַרבעט, און איך — פול מיט האָפענונג און ערנסטער שטרעבונג דאָס צו דערגרייכן. קאַצאַפּ האָט פּרובירט געפינען פאַר מיר אַן אַרבעטס־פּלאַץ ביי אַ קאָלאָניסט, אָבער אָן דערפאָלג.

נאָכן איבערנעכטיקן אין ימה, זענען מיר ביידע אַוועק אין דער נאָענטער קאָ־לאָניע מלחמיה, דאָרט זוכן, אפשר וועט זיך איינגעבן צו געפינען אַן אַרבעטס־פּלאַץ. און עס האָט מיך טאַקע דאָרט אָפּגעגליקט. איך האָב געקראָגן צו וויסן, אַז איינער פון די קאָלאָניסטן, פישל זעליקאָוויטש, ביטיקט זיך אין אַ פּועל עברי. און — מיט מזל־ברכה, איך בין געוואָרן אַ פּועל, אַ פּועל חקלאי, צען פראַנק אַ חודש געהאַלט און עסן, ווי אויך אַ קוואַרטיר.

באַזאָרגט מיט אַרבעט, האָבן מיר זיך דעם זעלבן טאָג צוריקגעקערט קיין ימה און אויפן צווייטן טאָג בין איך אַוועק קיין סעדזשערע מיט דער פריילעכער בשורה — איך ווער אַ פּועל חקלאי אין ארץ־ישראל, לא אלמן ישראל.

דעם ערשטן טאָג נאָך פּסח האָב איך, מיט מיין פּעקל אויף דער פּלייצע, אַוועק־געשפּאַנט קיין מלחמיה און אָנגעקומען אינעם הויז פון מיין נייעם בעל־הבית, מיין ברויטגעבער און באַשפּייזער, ר' פישל זעליקאָוויטש. אינעם טוי פון די פריִע מאָר־גנס, אַרויספאָרנדיק אויפן פעלד, האָב איך געבאָדן מיין צעוואָרעמטן געמיט. ריי־ניקנדיק די פרישע שמעקעוודיקע תבואה פון די ווילדע גראָזן, האָט אין מיר געזונ־גען אַ מיסטישע שירה צום בורא־עולם און אַ לויב־געזאַנג האָט זיך פון דער הייסער ברוסט געריסן אינעם וועלט־רוים אַרויס — אינעם רוים פון הייליקייט און קדושה־דיקן געוועב, ארץ־ישראלדיקע קדושה. דער סוד פונעם שם־המפורש האָט געהויערט אין דער שטילער אַרומיקייט דאָס וועזנדיקייט; דער פּורפּור־בלויער הימל פון אויבן,

דאָס שטיפּערישע ווינטל, געטונקט אין קוים נעפּלדיקן זעפּיר, די הייליקע ערד אונ־טער די פּיס, — דאָס אַלץ האָט געוועבט און געפלאָכטן אַרום מיין באַרוישטן קאָפּ אַ בלומען־קראַנץ פון דורכזיכטיקע חלומות, וואָרהאַפטע וויזיעס און זילבערדיק־שע־מערירנדיקע ווייטקייטן.

דאָס פּאַלדנדיקע פעלד, די אויפגייענדיקע תבואה, די בריִענדיקע זון, דער הייסער שווייס און דער גלאַנץ און זיסער דרוק פון חלום פון נעכטן, פון אייערנעכטן, — דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעקנאָטן אין איין סאַמעטענעם געשפּין און געוועב פון שיינער, דערהויבענער און ליבער ווירקלעכקייט.

אין מיין גאַנצן וועזן האָט געווירן און געברויזט דאָס שטורמישע געפיל פון אַ דערגרייכטן ציל, אַ דערפילטן הויכן ווונטש, אַ דערגאַנצט לעבן, אַ צוועק פון אַ דור, פון פיל־פיל דורות, אויסגעקוילערט אין פייער, אויסגעווייקט אין בלוט, דורכגע־שפּרייזט בלוטיקע יסורים און פיין אין טראַט פון שבעה מדורי גיהנום און נאָך מער — אָט דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרן, וועט דערגרייכט ווערן.

איך האָב שוין אין זיך געזען די פאַרקערפּערונג פון אַ ריי דורות, יידישע דור־רות, אַרויסגעריסענע פון לעבנס־בוך, וועלכע זענען תחית המתים אויפגעשטאַנען, האָבן דערוואַכט פון לעטאַרגישן שלאָף, אַראָפּגעשאָקלט פון זיך דעם אומעט פון יאָר־הונדערטער, דעם צער פון פאַרוועלקטע האָפענונגען, אַראָפּגעווישט דעם שטויב און שימל פון פאַרחושכטן און פאַראומערטן גלות־יאָך, גלות־קאָשמאַר, דערוואַכט צו גאולה.

אויף די ווייץ־פעלדער פון מיין בעל־הבית פישל זעליקאָוויטש, וואָס האָבן זיך געצויגן ביז דעם ירדן־ברעג און אויך פון צווייטן זייט זיך אַריבערגעצויגן; אויף די אָט די כישופדיקע ווייץ־פעלדער, האַרט ביים ירדן־ברעג, האָב איך מיינע זיידענע פאַנטאַזיעס, ווי אין אַ חלום־וואָר געלאָזט זיך וויקלען אַרום מיין געטרוימטן באַגער, מיין פאָלקס־באַגער — יידיש לאַנד, ארץ־ישראל, וווּ מיין פאָלק און איך און מיליאָנען אַנדערע ווי איך זאָלן זיך קענען וועגדן אַהער, קערן זיך אַהער, ווי צו אַן אייגן ווינקל, אַן אייגענע היים און ווי אין דער היים — שאַפן אַן אייגן פאָלקס־לעבן, אַ יידיש־ נאַ־ציאָנאַלן גרונטיק לעבן.

אין דער ווייטקייט פון האָריזאָנט האָט דער בלענדנדיקער ווייסער שניי באַדעקט טיילן פון דעם לעגענדאַרן באַרג חרמון; אין דער ירדנדיקער נאָענטקייט האָט פון צייט צו צייט אַ שאַרפער פייף די לופט דורכגעשניטן, דער מוטנער, כריפּענדיקער פייף פון דער אייזנבאַן, וואָס איז געלאָפן צו די דמשקער און באַגדאַדער טויערן. נאָענט און טוליענדיק זיך ביים פּאַס פעלד, ווו איך האָב צוזאַמען מיט מיין בעל־הבית סנאָפּעס תבואה אויף אַ לאַנגן וואָגן געלאָדן, האָט שטיל, אָן רעש, אָן טומל, געפלאָסן און סו־דותדיק געמורמלט דער ירדן מיט זיינע קרישטאָל־ריינע, פרישע וואַסערן. און ווען מיר זענען טאָג־איין, טאָג־אויס אין די פריִע באַגינען־שעהן אין פעלד אַרויסגעפאָרן

לאָדן די תבואה, פּלעגט מיר יעדעס מאָל אַ שטאַרקער חשק אַרומנעמען אויסצובאָדן מיין צעוואַרעמטן טעמפּעראַמענט אין די גלאַנציקע, שטילע מאַרגן־זוימען פונעם אויפ־גייענדיקן טאָג, געטוקט אין דער מילדער פייכטקייט פון די צעשאָטענע און צעבראָקל־טע נאַכט־שטיקער. און געזונגען האָב איך יוגנט־לידער, פרייהייטס־לידער, מיט יעדן סנאָפּ תבואה וואָס כ׳האָב דעם בעל־הבית אויפן וואָגן אַרויפגעלייגט. ער, דער בעל־הבית מיינער, פלעגט דערביי אַפילו אַ ביסל אונטערשמייכלען, נישט חלילה ברוגזלעך, פאַר־קערט, גוטמוטיק און מעשה בעל־הבית. אָבער צופרידן איז ער דאָך געבליבן. זאָל ער, דער יונג, זינגען, אַ דאגה מיר, אָבער דערלאַנגען — דערלאַנגט ער די סנאָפּעס איי־בעם נאָכן אַנדערן, ער לאָזט דאָך דעם אָטעם נישט אָפּכאַפּן.

גוט זענען זיי געווען צו מיר, אי דער בעל־הבית, אי די באַלעבאָסטע; אויפגע־פּאַסט איך זאָל עסן גענוג, נישט בלייבן חלילה הונגעריק. און די קינדער זייערע — חוה און רחלע — יונגע קינדער פון 16 און 14 יאָר אַלט, פלעגן זיך ווענדן צו מיר: „אולי ישתה האדון כוס חלב?״, ווען זיי פלעגן אויסמעלקן די ציגן זייערע פאַרנאַכט; „אולי עוד כוס חלב.״. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב לאַנג זיך נישט געלאָזט בעטן. מילא, וואָס קען דאָ זיין דער אומגליק, — עוד כוס חלב בבקשה.

21. — מיינע ערשטע טעג אין פּתח־תקוה

אַ שאַרפער בענקשאַפט־געפיל האָט אָנגעהויבן נאָגן און מיר נישט געלאָזט רוען. מיין שוועסטער חיה־שרה ראַבינאָוויטש, האָט אָנקומענדיק אין לאַנד זיך באַזעצט אין פּתח־תקוה און דאָרט געעפנט אַ האָטעל־רעסטאָראַן און געוואָלט האָט זי, די גוטע שוועסטער מיינע, האָבן דעם ברודער נאָענט פון איר. אין אירע בריוו צו מיר פלעגט זי מיר באַדויערן, ממש באַקלאָגן און באַוויינען: אויף געוויס האָרעווע איך שווער, איך האָב נישט גענוג צום עסן, וואַלגער זיך ביי פרעמדע מענטשן, ביי אַ פרעמדן טיש; אייזיקל, דער מעזיניקל פון דער משפּחה, קיילע חיים־מרדכיס מעזיניקל, ביי אַ פרעמדן טיש! און געבעטן האָט זי מיר אין יעדן בריוו צו קומען קיין פּתח־תקוה. „אין יהודה, — האָט זי געשריבן, — וועסטו שטענדיק קריגן אַרבעט און ביי מיין טיש וועסטו שטענדיק זאַט זיין״.

אין אַ יום־טוב־טאָג, שבועות 1907, בין איך צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יידישע אַרבעטער פון גליל געווען אָנוועזנד אויף אַ כנס חקלאי פון פועלי הגליל התחתון אין דער קאָלאָניע מסחה, און דאָרט זיך אָנגעהערט פיל וווּנדער־שיינע, לאָקנדיקע מעשה־לעך וועגן יהודה, ווו הונדערטער אַרבעטער פירן אַ פריילעכן און אינטערעסאַנטן יידישן אַרבעטער־לעבן, און איבערהויפּט — וועגן ריכוז הפּועלים העברים בפּתח־תקוה, ווו עס אַרבעטן טאָג־טעגלעך ביי דריי הונדערט יידישע אַרבעטער, חלוצים פון פיל־פיל לענדער.

נאָך דעם כנס הפּועלים, האָב איך שוין מיין בענקשאַפט־דראַנג נישט געקענט

מער צוימען און שטילן און איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט: איך גיי קיין פּתח־תקוה. ווייל נאָך אַ סיבה, אַ שטויס צו מיין צ׳ענדיקער בענקשאַפט איז געווען: אין פּתח־תקוה האָט שוין זינט די לעצטע דריי יאָר געלעבט מיין ברודער אהרן מיט זיין פאַמיליע.

פיר זענען מיר געווען, — נאָך דריי אַ חוץ מיר, — צווישן זיי אויך מיין חבר קאַצאַפּ; פיר חברים, אַרבעטער אויף לאַנד אין ימה און מלחמיה, ווען עס האָט אַרומגעכאַפּט אַ מאַניע צו „אַ פרייליכן אַרבעטער־לעבן" און אין לויף פון דער צייט האָבן מיר זיך צוזאַמענגערעדט און אָפּגעמאַכט צו באַגעגענען זיך אין ימה און פון דאָרט, אַלע צוזאַמען און יעדער איינער מיט זיין „אייגענעם פערד־און־וואָגן", וועלן מיר עולה־רגל זיין קיין פּתח־תקוה.

אין אַ געוויסן טאָג, סוף חודש תמוז, האָבן מיר פאַרלאָזן ימה, מיט די פּעקלעך מטלטלין אויף דער פּלייצע און זייט־זעקלעך מיט צידה־לדרך: אַ פּאָר לאַבנס ברויט, עטלעכע ציבעלעס, געטריקנטע ווייסע קעז און נאָך וואָס, פון קלענערער וויכטיקייט. די תמוז־זון האָט געבאַקן פון אויבן, געבריט האָט דער אָנגעגליטער זאַמד די צעשוויצטע פיס און עס האָבן די הייסע שטיינער טיף אַריינגעבראָטן אין די לעדער־זוילן אויף די בערגיקע געגענטן. און... מיר זענען געגאַנגען, עולה־רגל געווען, באַשפּרינקלט מיט אַ זמר די צעפּאַרעטע מחשבות, צ׳ענדיק זיך צו די געצעלטן פון די גליקלעכע, אינעם וויזיאָנערישן גן־עדן פון די אַרבעטער אין פּתח־תקוה.

נאָך צוויי מיט אַ האַלבן טאָג פעסטן גאַנג, דערנענטערנדיק זיך צו אונדזער ענד־ציל, האָבן מיר שוין געהאַט דאָס געפיל, אַז די צעשרפהטע שטיינער אויף אונדזער לאַנגן וועג און דער בר׳ענדיקער זאַמד בר׳ען נאָך מער אויס און דערגאַנצן אונדזער חלוצים־שטעמפּל. און ווען מיר האָבן די אָראַנזשן־גערטנער פון פּתח־תקוה דער־גרייכט און פון אַ נישט זייער דורכזיכטיקן פאַרוואַקסענעם פּאַרקאַן אַרויס האָבן מיר דערהערט אַ דערפרישנדיקע ברכה: „שלום חברים, תהיו ברוכים בבואכם בגבול אם המושבות", האָבן מיר אַלע פיר זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן אין דער ריכטונג פון דעם מטושטשדיקן פּאַרקאַן־געקלאַנג און מיט באַפּייכטע אויגן און קלאַפּנדיקע הערצער, ווי אויטאָמאַטיש אָפּגעענטפערט: „שלום, שלום!". מער האָט קיינער פון אונדז נישט גע־קענט אין דעם מאָמענט אַרויסריידן, אַזוי האָט אונדז ווי היפּנאָטיזירט דער חברישער און ברידערלעכער באַגריסונגס־קול פון יענעם זייט פּאַרקאַן.

***

מיט אַ וואַרעמען טרערן־געפליס האָבן מיך באַגעגנט מיין שוועסטער און שוואָגער ווען זיי האָבן מיר דערזען אַריבערטרעטן די שוועל פון זייער הויז. זייער הויז, פון איצט אויף וויטער — „האָטעל ראַבינאָוויטש".

דער „האָטעל ראַבינאָוויטש" איז געווען אַ מין זאַמל־פּונקט פון אַלע הונגעריקע

און אויך, אָפּט, באַרוועסע; פון די אַלע וואָס האָבן צייטנווייז — נישט אויסגערעדט זאָל זיין, — אונטערגעהונגערט „אַרבעטנדיק" אין פּתח־תקוה און אַפילו זייער אָפּט נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר נאַכטלעגער. אַרום זעכציק־זיבעציק אַרבעטער האָבן יעדן טאָג געגעסן זייערע אָרעמע מאָלצייטן אויף חיה־שרהס טיש. „חיה־שרה, קישקע איז פאַראַן," „חיה־שרה, זופּ איז פאַראַן?". און חיה־שרה, אַ גוטע נשמה, האָט ווי אַ באַרמהאַרציקע מאַמע יעדן אונטערגעטראָגן דעם פולן טעלער זופּ; מיט מוטערלעכער אהבה אויף יעדן ייִדישן אַרבעטער רחמנות געהאַט: ער מוז דאָך עסן, ווײ איז מיר, נישקשה, ער וועט מאָרגן קריגן אַרבעט, וועט ער אָוועקגעבן.

האָט חיה־שרה געקאָכט, שטענדיק געקאָכט און זיך געקליגלט ווי אַזוי „דער אָרעמער אַרבעטער נעבעך" זאָל קענען פאַר צוויי מעטאַליקלעך באַקומען אַ שיסעלע זופּ מיט בעבלעך, אָדער קאַרטאָפל; צי פאַר פינף מעטאַליקלעך זאָל ער קענען עסן אַ שטיקל פלייש און זיין זאַט.

און טאַקע צוליב אָט דער תורהדיקער מומחהדיקייט איז זי, חיה־שרה, געווען דער גרעסטער קונהביים אָרטיקן קצב אויף קישקעס און לונג־און־לעבערס, אויף בהמישע פיס און גרויסע אָקסן־קעפּ: — דער אָרעמער אַרבעטער נעבעך, ער דאַרף דאָך עסן!

איך האָב מיט אַנגסט זיך צוגעקוקט און צוגעזען ווי זי, חיה־שרה האָרעוועט שווער און ביטער, מיט איבערמענטשלעכע כוחות, אין דער אַנהאַלטונג פונעם „האָטעל ראָ־בינאָוויטש" און ווי ער, מיין שוואָגער ישראל, העלפט איר אין דער שווערער האָרע־וואַניע אירער. און שטענדיק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ גראָבן בוך, ווי אַ טייטש־חומש אונטערן אָרעם, אַ קאָנטע־בוך, אין וועלכן עס זענען געווען אַריינגע־שריבן די חובות: פינקעלשטיין, יום א׳ אַ טעלער זופּ — שני מעטאַליק, עוד אַ טעלער קאַרטאָפל, רק קאַרטאָפל — 3 מעטאַליק; ניסענבוים, יום א׳ אַ פּאָרציע קישקע — 2 מעטאַליק; גד, אַ פּאָרציע בשר, ראָסל־פלייש — 5 מעטאַליק וגם כוס יין — 2 מעטאַ־ליק, ס"ה — 9 מעטאַליק; יאַנקל זאַלקינד, יום ד׳, רק אַ טעלער זופּ — 2 מעטאַליק. אַזוי איז דער דיקער בוך געווען אָנגעפילט און איבערגעפילט מיט ציפערן, — חשבונות פון אָרעמע, מאָגערע מאָלצייטן, וואָס די אַרבעטער האָבן זיך פאַרגונען צו עסן, עד לכשירחיב, ביז... ביז מען וועט געפינען אַרבעט. מיר האָט די שווערע מערכה פון מיין שוועסטער און שוואָגער קיין גרויס פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט.

איך האָב זיך באַמיט איינצואָרדענען ווי עס איז אונטער די דאָזיקע אומשטענדן. איך האָב באַקומען אַרבעט: דאָ אין דער באַיאַרע, דאָ אין אַ צווייטער, צוויי־דריי טעג אויף איין פלאַץ, אַ מאָל אַפילו אַ גאַנצע וואָך אויפן זעלבן פלאַץ. אָבער די פיבער־קראַנקייט האָט מיך אַרומגענומען, האָט מיך זייער אויסגעמאַטערט. געאַרבעט אַ טאָג — געפיבערט אַ טאָג, אַפילו אַ מאָל נאָר אַ פּאָר שעה ביי דער אַרבעט און ווען עס האָט נאָכגעלאָזט, האָב איך פאַרגעזעצט אַרבעטן. אַזוי האָט עס מיט מיר אָנגעהאַלטן ביז ענדע זומער. איך בין געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט פונעם אָפטן פיבערן, זיך ממש

אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות. איך בין אויך אַריין אין חובות, טאַקע חובות פאַר עסן אין רעסטאָראַן, אין חיה־שרהס רעסטאָראַן. חיה־שרה אָבער, די גוטע שוועסטער מיי־נע, האָט מיר געגעבן געגוג צו עסן און פון בעסטן, כדי מיר צוריקצושטעלן אויף די פיס.

מיטן אָנקומען פון די יום־טובים און שפּעטער — די רעגנדיקע טעג, האָב איך פאַרטראַכט צו טאָן עפּעס דרייסטס, כדי אַרויסצוקריכן פון די חובות. און ווען דער געהילף אין חיה־שרהס רעסטאָראַן האָט אויפגעגעבן זיין אַרבעטס־פּלאַץ, האָב איך זיך אָנגעבאָטן אַלס זיין פאַרטרעטער. חיה־שרה און ישראל האָבן נישט איינגעשטימט אויף מיין פאָרשלאָג; זיי האָבן נישט געקענט פּועלן ביי זיך, אַז איך זאָל ביי זיי אַרבעטן אַלס קעלנער און האָטעל־דינער. איך, אָבער, האָט זיי איבערצייגט, אַז יעדע אַרבעט פּאַסט פאַר יעדן מענטש און אַז עס איז נישט קיין פּחיתת־הכבוד פאַר מיר די אַרבעט ביי זיי אין האָטעל. זיי האָבן איינגעוויליקט מיר אָנצושטעלן אויפן באַפרייטן פּלאַץ.

אַרום סוף דעצעמבער האָב איך געהאַט אַלע מיינע חובות אויסגעצאָלט. איך האָב נאָך אַפילו געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ קליינע סומע פּיאַסטערס און דער עיקר... איך בין געווען גוט פאַרריכט אין געזונט־צושטאַנד. איך האָב דאַן באַשלאָסן איבערצולאָזן מיין האָטעל־אַרבעט און גיין צוריק אַרבעטן אין באַיאַרע, אָדער אויף אַנדערע אַגריקולטור־אַרבעט.

22. — ראשון לציון, מוצא און צוריק אין פּתח־תקוה

צו דער צייט איז געקומען מיר באַזוכן מיינער אַ חבר, וואָס האָט געאַרבעט אין ראשון־לציון. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ פאַבריקל, וווּ מען האָט דאַן פאַבריצירט זוי־ערזאַלץ. דעם דאָזיקן שטאָף פאַר דעם רוי־מאַטעריאַל האָט מען אַרויסבאַקומען פון די זויין־הייוון פונעם ווייַנקעלער אין ראשון־לציון. דער אייגנטימער פון דעם פאַבריקל איז געווען ה. קלימקער, אַ כעמיקער וואָס האָט נאָך אַנדערע געשעפטן אויך. און אָט דער חבר מיינער, לייב שוחט, האָט מיר פאַרגעלייגט איך זאָל קומען אַרבעטן אין דעם פאַבריקל אין ראשון־לציון, איבער וועלכן ער האָט געהאַט די אויפזיכט. און נישט נאָר מיר האָט ער דאָס פאָרגעלייגט, ער האָט אויך איינגעלאַדן אונדזערע חברים קאַ־צאַפ און יוסף גרינבלאַט, צו קומען אַרבעטן ביי אים אין פאַבריק. מיר האָבן אַלע אָנ־גענומען דעם פאָרשלאָג און מיר זענען אַוועק קיין ראשון־לציון דאָרט זיך איינאָרדע־נען. נאָך אַ פּאָר חדשים אַרבעטן דאָרט, איז געקומען אין אַ טאָג דער אייגנטימער פון פאַבריקל, ה׳ קלימקער, אויפגעלייזט, ליקווידירט און צוגעשלאָסן דעם פאַבריקל און אונדז אַלע פיר האָט ער אַריבערגענומען קיין מוצא, אַ קאָלאָניע נישט ווייט פון ירוש־לים. ער האָט דאָרט געהאַלטן אין בויען און אויפשטעלן אַ פאַבריק וווּ מען וועט פאַ־בריצירן זייף און אַנדערע כעמישע פּראָדוקטן. מיר זענען געווען זייער צופרידן און מיט פרייד אָנגענומען און אויפגענומען דעם בייט פון פּלאַץ און אַרבעט. אַרבעטן אין

די פייערונג פון 25־יאָריקן יובי־ליי פון ראשון־לציון, אין יולי 1907. ערשטע ריי, שטייענדיק, פון רעכטס: אייזיק הורוויץ, יעקב מייעראָוו, נחום רעזניק, נחום הורוויץ, אהרן הורוויץ און אלעזר גוטערמאַן; זיצנדיק: שמואל גוזמאַן, ברכה מייעראָוו, ליבע פילער, לייב שוחט, שלמה ווערטהיים און יוסף פיינשיל (בן עמי); פאָרנט, זיצנדיק: יצחק קאַצאַפּ.

אַ פֿאַבריק, אין אַ קאָלאָניע נאָענט פֿון ירושלים — דאָס האָט אונדז אַלעמען אימפּאָ־נירט, הייליק געלאָקט: אָט, אַ כותל־מערבי שאָטן און אָט, אַ קעסטל זייף פֿון שמן־זית אויסגעקאָכט, אַן עכט ארץ־ישראלדיקע כשרע קאָמבינאַציע.

אין מוצא האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט און זיך איינגעקוואַרטירט אין איינער פֿון די דורך די קאָלאָניסטן פֿאַרלאָזענע הייזער; זיך איינגעשאַפֿן כלי־בית און אויך כלי־מטבח און מיר האָבן געפֿירט אונדזער אייגענעווירטשאַפֿט, געקאָכט אונדזערע מאָל־ציַיטן. איך זאָג „מיר האָבן", אייגנטלעך בין איך עס געווען דער מומחה אין דער קיך־פֿירונג און די איבעריקע האָבן נאָר געהאָלפֿן מיר אין דער הייליקער מלאכה.

די פֿאַבריק וווּ מיר האָבן געאַרבעט, אַ שטיינערנע גרויסע געביידע, איז דערוויַיל נאָך געווען ערשט אַ סקעלעט פֿון אַ פֿאַבריק, וואָס מען האָט געהאַלטן אין בויען און אין דער זעלבער ציַיט איינגעשטעלט די נייטיקע מאַשינען. עס זענען שוין אויך גע־ווען אויפֿגעשטעלט בלעכענע טאַנקען, וועלכע מען האָט אָנגעפֿילט מיט דעם בוימל וואָס מען האָט — דורך אַ כעמישן פּראָצעס — אַרויסבאַקומען פֿון די פּסלת פֿון אויס־געקוועטשטע זיתים, —זשיפּט,— אַזוי האָט מען עס אָנגערופֿן אָט די פּסלת וואָס די אַראַבער פֿון די אַרומיקע דערפֿער פֿלעגן ברענגען יעדן טאָג אויף גמלים אָנגעלאָדן און אויף זייערע אייזלען.

די פֿאַבריק איז געשטאַנען אין אַ טאָל, צווישן די בערג, האַלב וועג צווישן מוצא און ירושלים. דער הער קלימקער האָט די אונטערנעמונג אויסגעפֿירט מיט דער הילף פֿון באַראָן ראָטשילדס געלט־מיטלען. און געווען איז עס, ווי עס האָט אויסגעזען, אַן אונטערנעמונג אין אַ שלימזלדיקער שעה. אַלץ איז צוגעגאַנגען פֿויל און קריכנדיק זיך געצויגן ווי פֿון פּעך. די שטאַרקע רעגנס האָבן אויך פֿיל צוגעהאָלפֿן צו דער צרהדי־קער לאַגע: די שטראָמענדיקע וואַסערן פֿון די בערג־זייטן האָבן געמוליעט די לויזע ערד און האָבן אָפֿט פֿאַרגאָסן טיילן פֿון דער געביידע און אָנגעטאָן שאָדנס.

מיר האָבן געאַרבעט, געאַרבעט פֿלייסיק; געטריי און איבערגעגעבן געהאָלפֿן אַפֿילו טראָגן דעם גייסטיקן יאָך פֿון דער פֿאַבריקס גורל, אָבער קיין צופֿיל נחת האָבן מיר נישט געהאַט פֿון איר. מיר האָבן זיך געלאָזט פֿאַרגיטיקן מיט אַ קליינער דאָזע פֿאַרגעניגן דורך אונדזערע באַזוכן אין ירושלים, ביים כותל־מערבי, אויפֿן הר־ציון, צי אויפֿן הר־הזיתים און אַנדערע פּלעצער.

ביז... ביז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, ווען מיר זענען, ווי שטענדיק, געקומען גרייט צו שטעלן זיך אַרבעטן — אַ צרה, אַ חורבן און אַ בראָך: ווער פֿאַבריק, וואָס פֿאַבריק? דער שטורעמדיקער שלאַקסרעגן וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געגאָסן אָן אויפֿהער האָט פֿאַרגאָסן און פֿאַרטרונקען כמעט אין גאַנצן די פֿאַבריק, אויפֿגעהויבן אַלע בוימל־טאַנ־קען פֿון זייערע געזימסן און האָט אויך איינגעלייגט די גרעסטע טייל פֿון די מאַשינען אין די אָנגעלאָפֿענע בלאָטע־לוזשעס. שוחט האָט זיך גלייך געשטעלט אין פֿאַרביג־

דינג מיטן בעל־הבית, ה׳ קלימקער, וועלכער איז גראָד דאַן געווען אין ירושלים. ער איז געקומען צולויפן אַ פאַרכמורעטער, אַ טיף באַצערטער. און זיין צער איז נאָך געווען הונדערט־פאַכיק גרעסער צוליב דעם וואָס דווקא איצט, אין די לעצטע טעג האָט ער געהאַט באַגעגענישן און צוזאַמענטרעפן מיט פאַרשטייער פונעם באַראָן, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון פאַריז כדי אונטערזוכן און אויספאָרשן דעם מצב פון דער פאַבריק.

אויף אונדז האָט די לעצטע געשעעניש, די אומגליקלעכע נאַטור־קאַטאַסטראָפע געהאַט אַ דערשיטערנדיקע ווירקונג, געמאַכט פשוט אַ דערשלאָגנדיקן איינדרוק. מיר האָבן אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן מוצא און זיך אומקערן צוריק קיין פּתח־תקוה. מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל חשבון־הנפש און אויך אַ געוויינלעכן סוחרישן רעכענונג און מיר האָבן איינגעזען, מיר זענען געקומען צום טרויעריקן שלוס, אַז פון אַזעלכע עסקים וועט קיין מאָל קיין פאַבריק נישט אַרויסוואַקסן און אַז מיר וועלן נאָר זיין עפּעס ווי אַ מין צוטשעפּעניש, אַן עבר המדולדל. קלימקער האָט זיך געבעטן ביי אונדז צו פאַרבלייבן און וואַרטן, אַלץ וועט זיך איינאָרדענען אויפן בעסטן אופן. מיר, אָבער, האָבן געהאַט אַן אַנדער מיינונג וועגן די לאַפּיטוטן זיינע, און מיר האָבן געפּאַסט אַ באַשלוס, אַ פעסטן נישט בויגזאַמען באַשלוס — צו פאַרלאָזן, מאַכן אַן אונטערצי און שטעלן אַ סוף פּסוק. מיר זענען אַלע דריי: גרינבלאַט, קאַצאַפּ און איך צוריק אַוועק קיין פּתח־תקוה. שוחט איז פאַרבליבן.

23. — חיהקע, חיהקע און... חיהקע

— צי אין גליל און יהודה, צי אין פּתח־תקוה און ראשון־לציון, אָדער מוצא, — חיהקע איז מיר פון געדאַנק נישט אַרויס, פון האַרצן נישט פאַרשוואונדן. זינט איך האָב פאַרלאָזן רוסלאַנד, האָב איך זיך מיט איר איבערגעשריבן. מיט יעדער וואָך, מיט יעדן חודש וואָס איז פאַריבער, איז מיין בענקעניש געוואָרן שטאַרקער, שווערער. איך האָב מיר קיין פּלאַץ נישט געקענט געפינען, איך בין אַרומגעגאַנגען אַ פאַרחלומטער, אַ צעוויטיקטער. חיהקעס נאָמען, חיהקעס געשטאַלט, חיהקע... זיי האָבן אַרום מיר ווי כישוף־פּלעמלעך געטאַנצט, זיך געשלענגלט און געצונדן אַרום מיר פייערדיקע צונטער־קנוילן, שמעלצנדיקע לאַווע קיילעכן. מיין ליבע צו חיהקען האָט אַריבערגעפלאָסן אַלע צוימען־גרענעצן פון מענטשלעכן באַגריף און לעבנס־באַנעם. און — צי בייטאָג, צי ביינאַכט, צי אויף דער וואָר, צי אין פאַרלוירנקייט, האָט מיין גאַנץ וועזן אומאויפהערלעך, מיט אַ קרענקלעכן מורא־ציטער און יראת־הכבודיקער זעליקייט געהאַלטן אין איין שעפּטשען און אַרויסברענגען: חיהקע! חיהקע!

איך האָב אָנגעהויבן טיף נאָכצודענקען, ווי אַזוי אַרויסשלעפּן זיך, מיין וועזן פון דער אומדערטרעגלעכער, טרויעריקער ווירקלעכקייט. און אָפּט, זייער אָפּט, האָט דער געדאַנק וועגן „תכלית״ אָנגעהויבן אַרומנעמען מיר, ווי מיט צוואַנגען און מיר דיק־

פירן ווי צו האַלטן זיך. כאָטש אַזעלכע געדאַנקען פלעגן געוויינלעך אַנוואַרפן אויף מיר אַ בייסנדיקן אומעט, טרויער. ווי אַזוי קען איך מיך דערלויבן צו טראַכטן וועגן „תכלית", ווי אַזוי קען איך גאָר צולאָזן אַפילו אַזעלכע געדאַנקען זאָלן מיר באַהערשן. צו טראַכטן וועגן אַ פאַרהייראַט לעבן אין דער אַטמאָספער פון נויט און עלנט, פיבער־קראַנקייט און נישט גענוגנדיקע לעבנס־מיטלען; צו לעבן און פירן אַ פאַמיליע־לעבן אויף דעם איינקונפט פון צוויי פראַנק אַ טאָג געהאַלט און אַ מאָל דאָס אויך נישט. אָבער... מיין ליבע צו חיהקען האָבן אַזעלכע אויסרעכענונגען צו־נישט געמאַכט, פאַרטריבן זיי און פאַריאָגט העט ווייט. און דאָ האָט פאַסירט אַזוינס, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט און געהאָלפן דעם „העט" צו פאַרשטאַרקן און אַפילו באַרעכטיקן.

מיין מאַמע, וואָס האָט געלעבט אין דובאָסאַר אין דעם זעלבן הויז און נחלה, וואָס איז נאָך פאַרבליבן נאָך מיין פאָטערס טויט, האָט באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס הויז און צעטיילן די סומע געלט, אָדער אַ גרויסן טייל פון דער סומע, וואָס זי וועט רעאַליזירן, צעטיילן צווישן אַלע אירע קינדער. און פון דאָס געלט וואָס זי האָט באַקומען פאַרן הויז, — פינף טויזנט פינף הונדערט רובל, — האָט זי פאַרטיילט צו יעדן איינעם פון אירע זין פיר הונדערט רובל און יעדע איינע פון אירע טעכטער האָט באַקומען צוויי הונדערט רובל צוגעטיילט. פאַר זיך האָט זי איבערגעלאָזן די איבעריקע סומע געלט נאָכן פאַרטיילן און פון די צינזן, וואָס זי האָט געהאָפט צו ציִען פון דעם איר חיונה, האָט זי אויף דעם יסוד איינגעאָרדנט איר צוקונפטיקן לעבן. אינעם שטר־מכירה האָט זי אויך אַריינגעשטעלט אַ פונקט: אַ זכות צו בלייבן וווינען אין אַ צימער אין איינער פון די דירות אויפן הויף, ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן.

און איצט קום איך צום וויכטיקסטן טייל פון דאָס ביז איצט געשילדערטע; וויכטיק צום מערסטן פאַר מיר פערזענלעך. מיר האָט מיין מוטער געשיקט פינף הונדערט רובל, אָנגעבנדיק איר מוטערלעכן מאָטיוו: „דו ביסט נאָך נישט פאַרהייראַט און דאַרפסט ערשט איינאָרדענען דיין צוקונפטיקן פאַמיליע־לעבן, דעריבער שיק איך דיר מיט 100 רובל מער ווי איך האָב געגעבן צו יעדן איינעם פון דיינע ברידער". און אָט די ירושה־געלט, פינף הונדערט רובל, האָט עס אונטערגעוואַרעמט מיין מיינונג און באַשלוס צו בעטן חיהקען קומען קיין ארץ־ישראל.

און כאָטש אירע עלטערן זענען געווען שטאַרק קעגן איר ליבע צו מיר און געווים — קעגן איר פאַרלאַנג זיך צו פאַרבינדן מיט מיר אויף שטענדיק, דאָך האָבן זיי צוגעשטימט, מיט נישט ווייניק פראָטעסטן, אַז זי זאָל פאָרן צו מיר קיין ארץ־ישראל. און כאָטש איר פאָטער איז געווען אַ „פאַרברענטער ציוניסט", אָבער, — האָט ער געטענהט, — דאָס זענען צוויי באַזונדערע ענינים; ציוניזם, ארץ־ישראל — מהכיתיתי, אָבער אייזיק אַלס איידעם — דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך. און ער האָט טאַקע אַרויסגעוויזן זיין פאַרביסענע קעגנערשאַפט צו מיר מיט זיין אָריגינעלן פיינטלעכן טאָט. מען האָט טאַקע חיהקען אויסגעשטאָט ווי צו אַ חתונה, מיט פיל קליידונג און

אַנדערע גויטוועגדיקייטן, אָבער קיין איין רובל נדן האָט ער חיהקען נישט מיטגעגעבן. אַ זאַך וואָס וואָלט פֿיל־פֿיל געהאָלפֿן דאָן אין יענע שווערע צייטן, דאָ זיך איינצואָר־דענען. אָבער... ליידער האָט דער הייסער ציוניסט, דער וואַרעמער ארץ־ישראל ליב־האָבער דאָס נישט געוואָלט איינזען און געלאָזט זיך באַהערשן און מיטרייסן פֿונעם שנאה־געפֿיל צום שידוך.

24. — מיין גליקלעכער טאָג

דריי טעג פֿאַר פסח 1908, איז חיהקע אָנגעקומען מיטן דער שיף קיין יפו. צו מיין פֿרייד איז קיין גרענעץ נישט געווען, צו מיין אויפֿברויז — קיין אָפּשאַצונג. עס האָט געלויכטן און געשטראַלט אַרום מיר, עס האָט געיובלט און געשאַלט אין מיר. שירה וזמרה האָבן אַרויסגעקוואָלן פֿון די טיפֿענישן פֿון מיין צעוואַרעמט הארץ. תפילה ותחנונים צום בורא־עולם — זאָל מיין גליק אין דער אייביקייט זיך אָוועקציען. אַ לעבן־לאַנג געדויערן. חיהקע, מיין חיהקע, מיין ליבער וועזן, דער הייליקסטער טייל פֿון מיין נשמה איז מיט מיר, איז לעבן מיר, ווערט אַ טייל פֿון מיר... חיהקע!

און זי, חיהקע, זי האָט זיך אין גאַנצן ווי פֿאַרלוירן, נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסריידן, בלויז געשעפּטשעט אין דער שטיל און געמורמלט: אייזיק, אייזיק און אייזיק, און האָט אַ זילבערן טרער דערביי פֿאַרלוירן. ס׳האָט דאָס הייסע גליק־געפֿיל ביי איר אַריבערגעפֿלאָסן און... און דערטרונקען געוואָרן אין דער פֿריידנס־טרער. און זי האָט שוין דאָן, אין יענע מאָמענטן אויסגעזען ווי אַ שאַפֿונג פֿון אַ דמיון־וועלט, אין וועלכער דער נעכטן אירער און דער היינט און דער מאָרגן באַדן זיך און שווימען, ווי נימפֿן אַנטבלויזטע אין אַ ריזן־שטראָם, אין דער זילבערנער טרער. און אייזיק, אייזיק — נישט מער. און ביידע צוזאַמען: די זילבער־טרער און די דמיון־וועלט — האָבן שוין אָפּגעשפּיגלט אין זיך דאָס מהותדיקע פֿונעם יסוד פֿון חיהקעס ממשותדיקן זיין. און ערשט דאָן זענען מיר ביידע איינס געוואָרן, — חיהקע און אייזיק, אייזיק און חיהקע, פֿאַראייניקט אין איינס.

מיר האָבן דאָן אַ יום־טובדיקן מיטיק געפּראַוועט אין „האָטעל חיים־ברוך”, אין דער געזעלשאַפֿט פֿון מיינע חברים שמואל גוזמאַן און יוסף פֿיינשיל, באַגלייט פֿון די ליבע חברישע שמייכלען פֿון חיים־ברוך און שרה־זלאַטע. מיר האָבן דאָן פֿאַרבראַכט די איבעריקע שעהן פֿון טאָג אין יפו געזעגטיקט און אויף מאָרגן דורכגעפֿירט אַלע נייטיקע פּראָצעדור־אָנגעלעגנהייטן אין צאָל־אַמט (גומעריק) און איבערגליקלעכע און צעשטראַלטע זענען מיר מיטן דיליזשאַנס געפֿאָרן קיין פּתח־תקוה.

אַ פּאָר וואָכן פֿאַר חיהקעס קומען, האָב איך פֿאַר איר געדונגען אַ צימער, און ווען מיר זענען אָנגעקומען אין פּתח־תקוה, האָב איך איר געבראַכט אין דעם צימער, ווו זי האָט זיך גלייך דערפֿילט צופֿרידן און באַקוועם.

דעם פּסח־סדר און אַלע יום־טוב טעג האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין אַ זייער פֿריי־

לעבער געהויבענער שטימונג צוזאַמען מיט מיין שוועסטער חיה־שרה און שוואָגער ישראל, וואָס האָבן זיך זייער געפרייט צו האָבן די געלעגנהייט און אויסנוצן דעם פאַר־געניגן פון פאַרשאַפן אונדז, חיהקען מיט מיר, נחת־רוח און משפּחהדיקע באַדינונג. אין די פרייע שעהן און אין די אָוונטן האָבן מיר פאַרבראַכט אין אינטימע געשפּרעכן: איך — אויספרעגנדיק איר אויף יעדן און אַלעמען, און זי — פאַראינטערעסירנדיק זיך מיט אַלץ וואָס עס איז געווען, עס איז דאָ און וואָס עס וועט זיין. איך האָב איר אויך אַרומגעפירט ווייזן אַלע ווינקלען, אַלע זייטן פון דער קאָלאָניע־ווירקלעכקייט, באַקאַנט געמאַכט איר מיט אַלע פאַזן פון לעבן און פירונג אין דער קאָלאָניע, אויפן פאָן פון דעם נייעם יידישן לעבן, וואָס עס ווערט דאָ געשאַפן און ווו מיר ווערלן זיין, וועלן ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם אַלעם.

נאָך פּסח, ווען איך בין אַוועק אַרבעטן, האָט חיה (פון איצט אָן, חיה און נישט חיהקע, — אַזוי איז געווען איר ווונטש) אָנגעהויבן זיך צו אָריענטירן אין איר נייער סביבה. זי האָט צוגעלייגט אַ געהאָרכזאַמען אויער צו דער אונטערריכט־לערע אין הל־כות באַלעבאַטישקייט פירן; וואָס די באַלעבאָסטע פרוי ליבע דרויאַן האָט איר מיט מוטערלעכער ליבע געגעבן און געלערנט איר, ווי אַזוי אויף אַ פּראַקטישן אופן אָנצו־גיין אין לעבן.

אין דער זעלבער צייט האָב איך אויסגעאַרבעט אונדזערע צוקונפט־פּלענער און, מיט חיהס צושטימונג, האָבן מיר באַשלאָסן אָנצושליסן זיך ווי אַ חבר אין דעם מושב־עובדים עין גנים, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט און געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פונעם אָדעסער קאָמיטעט. עין גנים, דער ערשטער מושב־עובדים, אַ שטח לאַנד אויפן גרענעץ פון פּתח־תקוה, דערגרייכנדיק די גרענעצן פון דעם שכנישן אַראַבישן דאָרף פעדזשע. און איך האָב אין די נאָענטע טעג אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען מיטן ועד־זמני פון עין־גנים, וועגן מיין חברשאַפט אין מושב.

און „עבירה גוררת עבירה״, צוזאַמען מיטן געדאַנק און באַשלוס וועגן עין־גנים, איז אויך ביי אונדז געבוירן געוואָרן און האָט זיך פאַרמירט אַ צווייטער וויכטיקער געדאַנק און באַשלוס, צו שטעלן חופּה און געזעצלעך זיך פאַרבינדן אַלס מאַן און ווייב. און דאָס — צוליב געוויסע טעמים: לייטישע בייזע צינגער, שאַרפע, מעסטנדיקע און דורכנעמענדיקע בליקן און אויך... אייגענע, פּערזענלעכע איבערצייגונגען. צוליב אָט די אַלע טעמים האָבן מיר געהאַלטן פאַר נייטיק צו שטעלן אַ חופּה, און... פּטור אַן עסק.

דעם צענטן טאָג אין חודש תמוז 1908, זענען מיר אַוועקגעפאָרן קיין יפו און דורכן משרד פון הרב קוק האָבן מיר באַקומען חופּה וקידושין כדת משה וישראל. אי־נעם הויז פון פרוי גאָלדוואַג אין נוה־שלום, אינעם צימער פון מיין חבר יוסף פיינשיל האָבן מיר געפּראַוועט די צערעמאָניע פון חופּה שטעלן, אָנגעפירט דורך צוויי דיינים

געשיקטע פון משרד הרב קוק ז״ל און אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מנין מענטשן, צווישן זיי, אויך מיינע חברים שמואל גוזמאַן, יוסף פיינשיל און נאָך אַנדערע באַקאַנטע.

באַמערקונג: אין פתח־תקוה האָבן די רבנים געלייגט שוועריקייטן אויפן וועג פון יונגע פאַרלעך וואָס האָבן געוואָלט חתונה האָבן, אָפטמאָל גאָר גרויסע שוועריקייטן, וועלכע האָבן נישט זעלטן געפירט צו ערנסטע, ווי אויך פיינלעכע אומאָנגענעמלעכ־קייטן און קאָמפּליצירטע, טרויעריקע רעזולטאַטן. ייִדישע יונגעלייט און ייִדישע מייד־לעך האָבן מיט גרויס צער און ווייטיק געמוזט דערציִען „אומגעזעצלעכע״ קינדער צו־ליב דער עקשנותדיקער און בלינדער „קוצו של יוד״־הלכהדיקער אויפפירונג און פאַדערונגען פון דעם פתח־תקוהר ראַבינאַט. הרב קוק, דאַקעגן, אַ קלוגער און זייער אַ וואַרעמער מענטש און ברייטהאַרציקער ייִד, אַן אוהב־הבריות און עושה טוב וחסד, האָט ווי אַן איש חכם ונבון איינגעזען די גרויסע עוולה פון די נאַרישע רבנים מקפּי־דים פון פתח־תקוה און פון אַנדערע קאָלאָניעס, און ער האָט שטענדיק געזוכט אַן אויס־וועג פון די פאַרפּלאָנטערטע הלכה־חומראס און ער פלעגט זיי געפינען, דער הויכ־געלערנטער רב, די אויסוועגן אויפן סמך טאַקע פון דער זעלבער הלכה, נאָר אָן פאַ־נאַטישער עקשנותדיקייט. און וויל מיר, — חיה און איך, — האָבן נישט געוואָלט דורכגיין די פּראָצעדור פון די מאַטערנדיקע און פּייַנענדיקע שאלות־ותשובות פון דעם פתח־תקוהר ראַבינאַט, האָבן מיר, כדי אויסצומיידן די „אינקוויזיציע״, באַשלאָסן צו פאָרן קיין יפו.

ביז הייַנטיקן טאָג געדענק איך די פאָטערלעכע ליבע וואָס הרב קוק האָט אַרויס־געוויזן, ווען איך בין צו אים געקומען אין זיין משרד און אים געבעטן דורכפירן דעם אַקט פון געבן חופה־וקידושין פאַר מיר מיט חיהן. אָן פיל צערעמאָניאַלן אָנשטעל, בלויז מיינע ענטפערס אויף די ווייניקע מיר געשטעלטע פראַגן, מיין באַווייזן די נייטיקע אָפיציעלע דאָקומענטן און אַ קליינעם אָפּצאָל, זענען גענוג געווען צו ברענ־גען הערצו, — די באַשטעטיקונג אויף סידור חופה־וקידושין פאַר אייזיק הורוויטש און חיה צעלניק.

25. — איך ווער אַ בעל־הביתל מיט מזל

צוריקקערנדיק זיך פון דער חתונה, האָבן מיר געדונגען אַ צימערל און אָנגעע־הויבן איינאָרדענען אונדזער צוזאַמענלעבן. מיין אַרבעט אין באַיאַרע פלעגט מיר אַרויסברענגען פון שטוב זייער פרי. איך האָב געהאַט גאַנצע דריי קילאָמעטער גאַנג צו מיין אַרבעטס־פּלאַץ. און פאַרנאַכט פלעג איך, צוליב דער זעלבער סיבה, קומען צוריק שפּעטלעך. איך האָב געאַרבעט זייער שווער, אונטער דער ברענענדיקער זון און האָב אויך אין אייניקע הינזיכטן געטראָגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַר־בעט פון אַנדערע.

איך האָב געאַרבעט אין דער „באַכאַריע״, די גרעסטע באַיאַרע אין שטח אין

יענער צייט. כ׳האָב געהאַט די אויפזיכט איבער אַ צאָל יוגנטלעכע, וואָס זענען גע־ווען באַשעפטיקט אין פלעגן די יונגע געפּלאַנצטע און געגרעפטע אָראַנזשן־ביימע־לעך. איך האָב אויך אַרויסגעוויזן אין אַ געוויסער מאָס בקיאות אין דער באַהאַנדלונג פון די נײַ־געפּלאַנצטע און געגרעפטע, „געשטשיפּעטע" ביימלעך, און דערפאַר טאַקע האָב איך באַקומען עטוואָס מער געהאַלט — צוועלף פּיאַסטער אַ טאָג, אַנשטאָט צען פּיאַסטער, ווי די געוויינלעכע געהאַלט־נאָרמע איז געווען.

און... ווידער די פיבער־קראַנקייט, פון וועלכער איך האָב זייער פיל געליטן. יעדן צווייטן־דריטן טאָג און אַ מאָל אָפטער אויך, פלעגט מיר אָנגרייפן אַ מוראדיקע קעלט, מיך אַריינוואַרפן אין קאָנוולסיווער טרייסלעניש און נאָך אַ שעה־אַנדערהאַלבן, זייענדיק איינגעדעקט מיט וועלכער ס׳איז שמאַטע וואָס איז געווען צו געפינען, נאָך אַ שעה־צוויי האָב איך אָנגעהויבן ברענען „ווי אויף פאַקן" און ריידן פון היץ. דאָס האָט מערסטנס פּאַסירט אין די פאַרמיטיק־שעהן. און וווּנדער איבער וווּנדער: אַרום איינס־צוויי נאָכמיטיק, נאָכן אויסטרינקען אַ פּאָר גלעזער הייסן טיי און עפּעס צו־בייסן, בין איך אַוועק צו דער אַרבעט, גלייך ווי גאָרנישט געווען. אַזוי האָט עס מיט מיר אָנגעהאַלטן טעג און וואָכן, חדשים אַפילו און עס פלעגט אויך טרעפן, אַז נאָך די קעלט־ און היץ־אָנגריפן בין איך נישט געווען אימשטאַנד, נישט גענוג שטאַרק אויף צו אַרבעטן און געמוזט גיין אַ היים. דער אויפזעער פון דער באַיאַרע, מיין פריינט יצחק קוואַשנע, האָט געהאַט פיל איינזען מיט מיר און אויך, ווייל איך בין געווען אַ וויכטיקער טייל אינעם פּערסאָנאַל־צוזאַמענשטעל, האָט ער, דער אויפזעער, קיין מאָל נישט אַראָפּגערעכנט פון מיין געהאַלט פאַר דער פאַרלוירענער צייט דורך די פיבער־אָנפאַלן. אין יענע צייטן איז עס געווען אַ גרויסער חסד.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי האָט אונדזער פאַרהייראַט לעבן געפלאָסן אין רוטינערער אומגעבונג, אָפט מאָל אויך אין שטייף־אָנגעצויגענע באַציונגען צווישן אונדז. און שטענדיק, אָדער כמעט שטענדיק זענען די צוזאַמענשטויסן, אָדער מילדער גערעדט, מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן אונדז פאַרגעקומען אויפן געביט פון נישט־איינשטימיקייט וועגן דער פירונג, אָדער אָנפירונג פון אונדזער עקאָנאָמישן אָרט לעבן. חיה, אַן אויפגעצויגענע אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק רייכער שטוב, האָט נישט זייער גרינג גע־קענט זיך צופּאַסן צום אָרעמען לעבן, וואָס איז אונדז דיקטירט געוואָרן דורך די באַדינגונגען פון אונדזער איינקונפט. און כאָטש ס׳איז באמת געווען שווער, זייער שווער אויסצוקומען און באַזאָרגן אַלע לעבנסמיטלען און באַדערפעניש, האָט אָבער חיה זיך דערלויבט, און אָפט זיך דערלויבט, אַריבערצוגיין די נאָרמע פון אונדזערע מעגלעכקייטן דורך נעמען פּראָדוקטן און אַנדערע זאַכן — נישט פון ערשטער נויט־ווענדיקייט — אין דער קלייט ווו איך האָב מיר איינגעשאַפט אַ קרעדיט, צוליבן

איינקויף פון בוי־מאַטעריאַלן פאַר דעם „הויז״, וואָס איך האָב שוין אָנגעהויבן בויען אויף מיין מגרש אין עין־גנים, ווו כ׳האָב שוין געהאַט זיך אָנגעשלאָסן אַלס חבר.

ווען מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין אונדזער אייגענער הייזקע אין עין־גנים, איז אונדזער שמחה געווען גרויס און מיר האָבן געפילט אַ געוויסן שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט אַ הויז אין ארץ־ישראל. חברים און גוטע פריינט זענען געקומען, געווונטשן מזל־טוב און באַוווּנדערט דאָס אויפקומען, דעם אויפשטייג פון חיה און איזיק הורוויץ — בעלי־בתים פון אַן אייגן ווינקל און אין דעם ערשטן אַרבעטער־דאָרף אין ארץ־ישראל. און מ׳האָט מקנא געווען, ווער אויף דער באַלע־באַטישקייט, ווער אויף דעם הייזקעלע, ווער אויף דאָס גוטע, זיסע צוזאַמענלעבן פון צוויי יונגע מענטשן, און ווער אויך — אויף אַלע זאַכן צוזאַמענגענומען. אָבער, אַט די אָפטע באַזוכן פון חברים, אייגענע און נאָענטע האָבן, ווי אָנגענעם און ליב זיי זיינען אונדז געווען, האָבן אָבער אין דער זעלבער צייט אומבאַוווּסט אונדז געשע־דיקט; זיי האָבן שטאַרק צעצויגן די אָנגעשוואָלענע שורות פון אונדזער באַלאַנס־רעכענונג. די הוצאות־הבית האָבן אָנגעהויבן ווערן גרויס און גרעסער און האָבן שווער געדריקט אויפן געמיט. און מיט דער גאַנצער זיסער הנאה פון די באַזוכן פון אונדזערע פריינט, האָב איך דאָך דערמיט נישט געקענט שטילן און איינצוימען מיין שרעק פאַרן דין־וחשבון וואָס די צייט פאָדערט און וועט נאָך פאָדערן פון מיר.

און אַ טרויעריק־פריילעכע דערשיינונג, אַ ליבלעך־דערוואַרטנדיקע געשעעניש האָט פאַרצויגן אַ טונקל־העל, דורכזיכטיק וואָלקנדל אויפן האָריזאָנט פון אונדזער מאָרגן. חיה האָט אָנגעהויבן אַריינגיין און דערנענטערן זיך צו די „הויכע מאָנאַטן״, און דאָס האָט באַשאַפן אַ פּראָבלעם. מיר זענען „אין קראַפט פון אומשטענדן״ געצוווּנגען געווען איבערצולאָזן אונדזער ליבן, טייערן ווינקעלע און צוריק אַריבערציִען זיך קיין פתח־תקוה, ווייל אין עין־גנים זענען דאַן דערוויייל נאָך געווען זייער אַ קליינע צאָל הייזער אויפגעשטעלט אויף דער זייער לאַנגער, איינציקער און אומהיימלעכער גאַס, און אונדזער הויז — די לעצטע פון גאַס. ווייטער איז געווען פוסטער באָדן, ווייטע שטחים וואָס האָבן אָנגעיאָגט אַן אימה בייטאָג און אַ פחד ביינאַכט. דאָס וואַסער פאַר אונדזער געברויך האָב איך יעדן טאָג געבראַכט צופירן פונעם ברונעם, פון ווייט אַוועק אויפן בערגל. און כדי צו קויפן וואָס ס׳איז, האָט מען געמוזט גיין קיין פתח־תקוה, אַ היפּשער מהלך וועג. און פונעם פּלאַץ ווו כ׳האָב געאַרבעט ביז צו אונדזער הויז, האָט מיר גענומען ביי אַ שעה מיט אַ האַלבער צו גיין.

נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, האָבן מיר, כמעט שוין אין אָנהייב פון די ערשטע רעגנס זיך אַריבערגעצויגן אין פתח־תקוה, אין אַ צימער מיט אַ קליין קי־כעלע ביי דער פאַמיליע יאַנאָווסקי, ווו אין שכנות מיט אונדזער צימער האָט גע־וווינט אונדזער פריינדין פון אונדזער שטאָט, די ציין־דאָקטאָרין ליבע פּיללער.

26. — און עס וויקלט זיך דער פאָדעם און ציט זיך

אין שבט 1909 איז דאָס געווען. אין אַן אָוונט, אין אַ גרויען, מיט געבורט־ווייען און קרעכצעניש איז חיה אַ מוטער געוואָרן, מיט דער הילף פון דער הייבאַם מינקאָווו, ווי אויך די מיטהילף פון אונדזער פריינדין ליבע פיללער.

אַ ליב נפשל, מיט שוואַרצע ווייכע הערעלעך, האָט אָנגעפילט דעם חלל פון צימער מיט מוראדיקע קולות. געוועז, וויזט אויס, אומצופרידן מיט דער בירגערשאַפט פון אונדזער וועלט.

אין עטלעכע טעג נאָכן געבורט האָט זיך חיה אָנגעהויבן פילן בעסער, קרעפּטיקער און אָנגעהויבן זאָרפעליק זאָרגן און באַזאָרגן די באַדערפעניש פון ביידן: פון דעם ליבן גאַסט און פאַר זיך. אַ ברית איז געפּראַוועט געוואָרן און דער נייער מענטש, דער ייִד, האָט באַקומען זיין נאָמען חפשי, אָדער ווי מיר האָבן אים שפּעטער צוגעשטוקעוועט נאָך אַ נאָמען — ישראל־חפשי. דאָס האָט אונדז חיהס פאָטער געבעטן טאָן, אַ נאָמען נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער ישראל. אָבער פאַרבליבן איז דאָס קינד מיטן נאָמען חפשי, און זעלטן ווען האָבן מיר, אָדער אַנדערע אים גערופן ישראל־חפשי

אַ וואָך נאָך פּסח האָבן מיר זיך צוריק אין אונדזער הויז אין עין־גנים זיך אַריבערגעקליבן. און ערשט איצט האָבן זיך אָנגעהויבן די אומדערטרעגלעכע מאַטערנישן אונדזערע. איך האָב געמוזט אַלץ באַזאָרגן און ברענגען אין שטוב, כדי חיה זאָל רויִק קענען אָנגיין מיט אירע מוטערלעכע פליכטן, ווי אויך מיט די געוויינלעכע הויז־פליכטן. זי האָט אָבער אין דער זעלבער צייט געמוזט אָפט גיין אין דער „מרפּאה״ אין פתח־תקוה, כדי דאָרט צו „שמירן״ די אייגעלעך ביים קינד און אויך צו היילן אים פון די פיבער־פאַלגן, וואָס האָבן אים זייער אָפט אָנגעגריפן.

און איך, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין דער באַיאַרע און נאָך אַ שעה צייט גיין ביז פתח־תקוה, האָב איך דאָך אָפט געדאַרפט אַריין אין קלייט איינקויפן עסנוואַרג־פּראָדוקטן, אַריינלויפן אין יאַטקע, קויפן אַן אונץ פלייש, אָדער זיך אַריינכאַפּן אין פּאָסט־אַמט צו זען צי ס'איז פאַראַן אַ בריוו פאַר אונדז און נאָך און נאָך אַנדערע שליחותן, און אָפּשטעקן וויזיטן ביי מיין שוועסטער חיה־שרה, זען וואָס זיי מאַכן, און צו מיין צווייטער שוועסטער פּערל, וועלכע איז אין דער לעצטער צייט געקומען אין ארץ־ישראל מיט איר מאַן ראובן און זייערע דריי קינדער און זיך אויך באַזעצט אין פתח־תקוה.

כ'האָב אַלץ געטומען פאַר ליב, זיך נישט באַקלאָגט חלילה פאַר קיינעם. עס איז מיר געווען ליב און טייער מיין־אונדזער לעבן אין ארץ־ישראל. איך האָב געטראָגן אין זיך דעם באַוווסטזיין, אַז איך העלף, צוזאַמען מיט אַנדערע, אין דער הייליקער אויפגאַבע פון אויפלעבן, אויפבויען דאָס פאָלקס־לעבן אויף אייגענער ערד און ברענגען דערצו, אַז אונדזער פאָלק זאָל סוף־כל־סוף באַזיצן אַן אייגן אָרט לעבן אין זיין

היסטאָרישן לאַנד. כאָטש איך מוז מודה זיין, אַז אין מיין ציוניסטישן אידעאַל האָב
איך זיך שוין לאַנג געהאַט אַנטוישט; איך האָב אויפגעהערט גלויבן אין דער פּאָ־
טענציעלער קראַפט און טיף־ערנסטן ווילן פון יידן צו זיין אין שטאַנד צו פירן אַן
אייגן נאַציאָנאַלן לעבן. די האַנדלונג פון דער גרעסטער צאָל קאָלאָניסטן אין פּתח־
תקוה, אין ראשון־לציון, צי אין זכרון־יעקב; פון די קאָלאָניסטן אין ימה, מלחמיה,
צי ערגעץ אַנדערשוווּ, — זיי אַלע, אַליין אויך געוועזענע חלוצים און ציון־ליבהאָבער
און זייער האַנדלונג אין באַצוג צו די יידישע אַרבעטער, זייער באַנעמען זיך מיט
זיי האָט מיר אָפּגעשטויסן און אַרויסגערופן אַ ווידערווילן און עקל־געפיל. דער יידי־
שער אַרבעטער איז געווען פאַרהאַסט ביי דער גרעסטער מערהייט קאָלאָניסטן, פאַר־
יאָגט און פאַרשטויסן און מען האָט אים — דעם יידישן אַרבעטער — כמעט ווי גע־
טריבן פון דער שוועל פון אַ קאָלאָניסטיש הויז.

דער באַיקאָט קעגן יידישן אַרבעטער אין פּתח־תקוה, אין איין צייט אַ בולטער,
עפנטלעכער באַיקאָט נישט צו פאַרדינגען אים קיין צימער, נישט פאַרקויפן אים
קיין פּראָדוקטן, נישט צו נעמען אים אויף וועלכער ס׳איז אַרבעט. און דאָס אַלץ,
דער אויסגעשפּראָכענער חרם, באשר, בכן, — דער אַרבעטער איז נישט רעליגיעז,
אָדער איז אַנטי־רעליגיעז; ער מאַכט זיינע קינדער פאַר גוים; אָט די עוכרי־ישראל
טאָר מען אין אַ יידישער שטוב נישט אַריינלאָזן.

אין גליל, דאָרט האָבן פיל, גאָר פיל קאָלאָניסטן באַאַרבעט זייערע פעלדער
אַפילו נישט מיט קיין געדונגענע אַראַבישע אַרבעטער, נאָר גאָר פשוט: געמאַכט זיי,
די אַראַבער פאַר שותפים צו זייערע פעלדער. „חרט״ האָט עס געהייסן אויף זייער
לשון דאָרט. דער אַראַבער האָט געאַקערט דאָס פעלד, עס פאַרזייט מיט דעם יידנס
זריעה, געשניטן די תבואה און דער קאָלאָניסט האָט אויפגעפּאַסט אַז אַלץ זאָל גע־
טאָן ווערן ווי געהעריק איז. און ווען די רייפע תבואה האָט זיך געלאָזט איינזאַמלען
אין שייער אַריין, האָט דער ייד, דער בעל־הבית פונעם פעלד, זיך געטיילט מיטן
חרט זיינעם: אַזוי פיל דיר, אַזוי פיל מיר.

אין פּתח־תקוה, צום ביישפּיל, פלעגן יעדן טאָג אַריינקומען אַרום צוויי טויזנט
אַראַבער און אַלע זענען אויפגענומען געוואָרן אויף אַרבעט. אָבער די יידישע דריי
הונדערט אַרבעטער, וואָס האָבן געלעבט אין קאָלאָניע, — זיי פלעגן מיט גרויס מי־
און שוועריקייטן באַקומען אַרבעט און זייער אָפט האָט אויך אַ גרויסע צאָל פון זיי
זיך געמוזט באַגנוגענען מיטן שפּלדיקן אָפּזאָג און געבליבן נישט באַשעפטיקט און
נישט געהאַט די עטלעכע נייטיקע פּיאַסטער פאַרן טאָג־אויסקומעניש.

עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון קאָלאָניסטן ווי זיי באַקלאָגן זיך — מיט
כעס און שוימיקן צאָרן — אַז ווען נישט די רוסישע סאָציאַליסטלעך וואָלטן זיי, די
קאָלאָניסטן, געהאַט אַ בעסערע מערכה; מען וואָלט געקענט פון באַראָן הירש מער

שטיצע אַרויסבאַקומען, נאָר זיי, די אָנגעלאָפענע האַלאַדראַנצעס, פאַרגינען נישט און זענען מלשין אויף די אָרעמע קאָלאָניסטן בעבעך.

און אַט דורך דעם אַלעם ביז איצט דאָ אַרויסגעבראַכטן און דערמאָנטן, האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט אַ געפיל פון אַנטריסטונג און פאַראַכטונג צו דער גאַנצער קאָלאָניסטישער באַפעלקערונג אין לאַנד און עס האָט אָפּגעשוואַכט ביי מיר, כמעט אין גאַנצן אָוועקגערויבט ביי מיר דעם גלויבן אין תחית העם על אדמתו. איך אַליין, אָבער, מיין גאַנצער „איך" איז נאָך פאַרבליבן פאַרוועבט און פאַרוויקלט אין טיפן און הייסן באַגער אויפצולעבן אונדזערע פאַרשלאָפענע, פאַרפרוירענע שטרעבונגען און האָפענונגען צו באַנייען אונדזער פאַרוויסטן גלות־לעבן און אים טוישן אויף אַ פרישן, ניי און אייגנאַרטיק, אייגן־לאַנדיק פאָלקס־לעבן.

27. — אַליין

פון דער היים, פון דובאָסאַר, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו איינער נאָכן אַנדערן, מיט טיף ליבלעכע געבעטן און ליידנשאַפטלעכע ווונטש־אויסדריקן: „מיר ווילן זען אונדזער ערשטן אייניקל, דעם ארץ־ישראל־ייִד ישראל־חפשי, און זאָל חיה קומען צו פאָרן אויף אַ באַזוך אויף אייניקע חדשים. מיר בעטן, פאַרשאַפט אונדז דאָס גרויסע פאַרגעניגן". און אויך מיין מאַמע האָט אין אירע בריוו געבעטן דאָס זעלבע, אין זעלבן נוסח כמעט: זי וויל זען איר אייניקל, דעם זון פון איר מעזיניק אייזיק.

מיר האָבן זיך ערנסט און אויפריכטיק איבערלייגט וועגן דעם זין פון די ביטעס, באַטראַכט די פראַגע פון אַלע זייטן און אַספּעקטן און געקומען צום אויספירלעכן באַשלוס, אַז ס'איז כדאי און נייטיק אויך צופרידנצושטעלן די וואַרעמע פאַרלאַנגען פון די באָבעס. און, אומר ועושה: חיה פאָרט קיין דובאָסאַר, וועט דאָרט פאַרברענגען דעם ווינטער און באַלד נאָך פסח זיך אומקערן צוריק אין אייגענעם ווינקל אַריין, אין אונדזער אויפגעבויטער נעסט — אין עין־גנים. אין טאָג פון שמחת־תורה 1909, האָט זיך חיה געזעצט אויף דער רוסישער שיף, וואָס האָט פאַרלאָזן יפו אויף איר וועג קיין אָדעס.

— —

אַ פוסטער חלל האָט זיך געשאַפן פאַר מיר מיט חיהס אַוועקפאָרן. ווען איך בין צוריקגעקומען פון יפו, ווען איך בין אַריין אין צימער און זיך דערפילט אַליין צווישן די פיר שטומע ווענט פון אונדזער אָרעמער דירהלע. יאָ, כ'האָב ערשט באַמערקט, באַגריפן מיין עלנטקייט און מיין אָרעמען באַשטאַנד. פון די ווענט האָט געטריפט מיט ביִיסנדיקן אומעט, פון די פענצטער און טיר האָט יאָמערדיק געפלאָסן טרויער־ווײ און די לופט האָט פחדימדיק געסווישטשעט און אָנגעיאָגט אימהדיקן געמורמל: —

געוועזן אַ ווייב, געוועזן אַ קינד, געוועזן אַ חדוה־שפּיל אין דעם קליינעם הייזקעלע און איצט — אַליין, אַליין... אַרומצוגעמען און האַלדזן און שלינגען די ליידיקייט, די איינזאַמקייט פון דער אייזיקער אַטמאָספער... פּוסט, ליידיק דאָס קליינע פאַרוואָרלאָזטע הייזקעלע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אינעם מהות פון מיינע נאַציאָנאַלע באַגריפן, שטרעבונגען און אויספירונגען איז אַריינגעטראָטן אַ פיינלעכע פאַרטונקלקייט. איך האָב געקעמפט קעגן לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון דער גרויזאַמקייט פון דער טרויעריקערווירקלעכקייט. מיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, וואָס זענען געווען ווי דורכגעקנאָטן און דורכגעפלאָכטן מיט אַלע עמאָציאָנעלע געוועבן פון חיבת ציון וארץ־ישראל, האָבן אַזוי טיף איינגעקריצט זייער חותם אין מיין גאַנצן וועזן, אַז עס איז מיר פשוט טיף קרענקלעך געווען און שווער געוויטיקט דאָס אַלץ אַרויסצורייסן פון דער פאַרוואָרצלטקייט אין די טיף־טיפעניש פון מיין האַרץ און נשמה.

און דאָך. אַלץ וואָס האָט מיר אַרומגערינגלט, אַלץ וואָס האָט געהערשט אַרום מיר האָט גערעדט, האָט געשריען קעגן מיין גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ יידיש, עכט יידיש פאָלקסלעבן, געבויט אויף יסודות פון נאַציאָנאַלן הינטערגרונט. און געקומען איז דער טאָג, ווען איך האָב אָנגענומען אַ באַשלוס, אַ טרויעריק־וויסטן באַשלוס: צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, פאַרבייטן ארץ־ישראל אויף גלות. געקומען איז צו מיר איין מאָל און אַ צווייט מאָל מיין חבר לייב שוחט, דער פון ראשון־לציון און מוצאר „אַוואַנטורעס", און ער האָט פאַרגעלייגט מיר זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אויסוואַנדערן קיין אויסטראַליע. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, — האָט ער געזאָגט, — און האָט באַקומען באַשטימטע און פּאָזיטיווע ידיעות, אַז אין אויסטראַליע קען מען זיך שיין דורכלעבן; אַז אַפילו אַן אַרבעטער לעבט דאָרט גוט פון דעם געהאַלט וואָס באַקומט.

— וואָס וועלן מיר דאָ זיצן, — זאָגט צו מיר מיין חבר, — וואָס וועלן מיר דאָ אויסזיצן? וועלכע גוטע אויסזיכטן דערוואַרטן אונדז דאָ? עס איז דאָך שווער צו פאַרדינען פאַר זיך אַליין, זיך אַליין אויסהאַלטן. און אַט — חיה וועט צוריקקומען, דו ווייסט דאָך אַליין, אַז איר האָט נישט געגוג צום עסן, שוין אָפּגערעדט פון אַ מלבוש, אַ שוך אאַז"וו. און פון עין־גנים זעסטו דאָך וואָס עס איז געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון דער ענטוזיאַסטישער חברה האָבן איבערגעלאָזט, זענען זיך צעלאָפן, נישט געקענט מער אויסדויערן. דער אָדעסער קאָמיטעט האָט אייך אַריינגעשטעקט אין אַ טרוקענער ערד — שטעקט דאָרט, מוטשעט זיך, טריקנט זיך מיט דער ערד צוזאַמען! טאָ פאָלג מיך, קום, לאָמיר פאָרן. מיר וועלן אין אויסטראַליע צוזאַמענלייגן אַ ביסל געלט און נאָך עטלעכע יאָר וועלן מיר קענען קומען צוריק אַהער און דאַן איינאָר־

דענען אונדזער לעבן אויף בעסערע און פעסטערע עקאָנאָמישע יסודות. מיט אונדזער הונגערן דאָ וועלן מיר גאָרנישט אויפטאָן, נישט פאַר זיך אַליין, נישט פאַרן לאַנד און אויך נישט פאַרן פאָלק און פאַר אונדזער אידעאַל. זאָג יאָ, און מיר פאָרן! איך וועל זוכן נאָך איינצלהייטן און אינפאָרמאַציע וועגן אויסטראַליע, און דאַן וועל איך קומען צו דיר נאָך אַ מאָל.

אַזוי האָט מיין חבר שוחט גערעדט און גערעדט; מיר געמאַטערט איין מאָל און אַ צווייט מאָל. אַ מסית ומדיח, אַ גוטער שליח, אַ געטרייער פונעם שטן אַליין. און ווען ער איז אַ דריטן מאָל געקומען און געבראַכט מער אינפאָרמאַטיווע און אויספיר־לעכע איינצלהייטן וועגן אויסטראַליע בכלל און וועגן דער שטאָט מעלבורן בפרט, — די שטאָט, וואָס איז לויט זיינע ידיעות דער פּאַסיקסטער פּלאַץ פאַר אונדז צו בלייבן דאָרט און פאַרזעצן אונדזער צוקונפט. און צו זיין דריטן באַזוך ביי מיר האָט ער איבער מיר אָפּגעהאַלטן אַ פולן זיג. ער האָט מיך איינגעבראָכן און איך האָב אין אַ צעפייניקטן אַנגסט צוגעשטימט צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אינעם גיפטיק־שטעכיקן תהום, וווהין עס האָט מיך אַריינגעשליידערט דער גורל מיינער מיט חיהס אַוועקפאָרן, האָב איך אָנגעהויבן זיך פּלאָנטערן, באַמבלען זיך ווי אַ שפּין אין זיין געוועב־שטיבל, ווען עמיץ ווער וואַרפט אַריין אַהין אַ קליינע פּילקע. איך בין געלאָפן אַהער, געלאָפן אַהין, געוועגדט זיך אויף רעכטס, געקערט זיך צו לינקס, אָבער אַלץ איז געבליבן שטאַר און פּוסט, אָפּגעשלאָסן פאַר מיר. איך האָב זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין קיין שום ראַם פון דעם אַרום, וואָס זאָל מיר כאָטש אויף מינוטן פאַרשלינגען און פאַרגעסיקן די אומרויִקע צעריסנקייט מיינע. כ'בין ווי אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַ בוך מיט טאָוולען, וועלכער שליסט אין זיך איין פרעכטיקע ליבעס־דערציילונגען איך האָב זיך ווי געכוואַליעט אין באַוועגנדיקע בין־השמשותדיקע שאָטנס פון ווייטע פאַרטושטע אָפּקלאַנגען פון אַ צעבראָכן לעבן. איך האָב דערשפּירט מיט ברענענדיקן ווייטיק די צעשפּליטערונג פון מיין אייגענער נשמה, — די צערונענע אידעאַלן און פאַרשוווּמענע חלומות וועגן אַן אייגן, געזונט און געזיכערט פאָלקסלעבן — פון איין זייט, און פונעם אייגענעם בראָך, אָדער אי־בערברוך אין מיין פאַמיליע־לעבן — פון דער צווייטער זייט.

חיה מיטן קינד אין די ווייטע ווייטקייטן; ווייט אין שטח און ווייט, — אויב נישט נאָך ווייטער, — אין רוים פון מעגלעכקייטן צוריק אויפצושטעלן אונדזער צוזאַמענ־לעבן אויף אַ מאַטעריעלן גרונט.

איך האָב אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי און ווו צו פאַרזינקען מיין טרויער, אָפּצו־פרישן, האַלטן וואָך מיין געמיט — דעם געפייניקטן אין איינזאַמקייט. און אין גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָב איך ווי ס'איז נישט מיין אומרויִקן ברויז געפּרוּווט פאַרוויגן.

איך האָב מיך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע טעאַטער־אַמאַטאָרן און האָב אָנגעהויבן מיטהעלפן אין דער אויפפירונג פון דעם טעאַטער־שטיק „אוריאל אַקאָסטאַ״ אין עברית. צוויי מאָל אין וואָך האָבן מיר געהאַט צוזאַמענקומען אין דעם הויז פון דער פאַמיליע בראַנשטעטער און דאָרט געמאַכט פּראָבן.

איך האָב מיך אויך נאָענטער פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־פירערשאַפט, האָט־בנדיק איצט די נייטיקע פרייע צייט דערצו און געהאָלפן אין דער אָרגאַניזירונג פון אַן אַרבעטער־קלוב, וועלכער זאָל זיין און דינען ווי דער צענטראַל־פונקט פון אַר־בעטער־לעבן און זאָל פאַרבינדן אַלע שאַפנדיקע כוחות צו באַפרידיקן די עקאָנאָ־מישע און קולטורעלע באַדערפענישן פונעם אַרבעטער־קיבוץ אין פתח־תקוה.

ווען נאָך אַ קורצער צייט פון אינטענסיווער אָרגאַניזיר־אַרבעט איז אונדז גע־לונגען צו קאָנצענטרירן אַרום אונדז און פאַרבינדן די פּאַסנדיקע, נייטיקע עלעמענטן פאַר דער געוווּנטשענער מיטווירקונג, האָבן מיר באַשלאָסן צו גרינדן דעם „אַר־בעטער־קלוב״. מיר האָבן אַנגאַזשירט אַ לאָקאַל, געדונגען אַ גרויסן צימער אויפן צווייטן שטאָק אין אַ הויז אין סאַמע האַרץ פון דער קאָלאָניע, וועמענס אייגנטימער איז געווען ה. טאָמאַשעווסקי, אַ ייִד מיט אַ הדרת־פּנים און מיט אַ נטיגונג צו די „קבצנישע עלעמענטן״. עס איז אונדז געלונגען צוזאַמענצושלעפן אַ ביסל אַלטוואַרג, אויסצומעבלירן דעם קלוב. אויך ביכער און זשורנאַלן האָבן מיר צונויפגעזאַמלט און נישט דווקא פון די לעצטע אויסגאַבעס, אָבער זיי האָבן דערפילט זייער אויפגאַבע — זיי האָבן באַצירט די נעבעכדיקע פּאַר שאַפעס און נאַקעטע טישלעך.

ווען מיר האָבן ביי זיך רעכט געמאַכט, אַז אַלץ איז מער־ווייניקער אין אָרדע־נונג און פאַרטיק צו דער דערעפענונג פון קלוב, האָבן מיר די פרייַלעכע נייעס פאַר־שפּרייט אומעטום, איינגעלאַדן אויך געסט פון יפו און פון אַנדערע קאָלאָניעס. ווי דער הויפּט־גאַסט און דעם הויפּט־רעדנער האָבן מיר פאַרבעטן י׳ ח׳ ברענער ז״ל, וועל־כער האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען אונדזער איינלאַדונג.

מיר האָט מען צוגעטיילט דעם כבוד צו זיין פאָרזיצער פון אָוונט. און ווען איך האָב אויפגעעפנט מיט קורצע ווערטער די פייערלעכקייט און נאָכהער פאָרגעשטעלט דעם רעדנער ברענער, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט שטורמישע אָוואַציעס. כ׳האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון מיין אַמטירן ווי אַ פאָרזיצער.

ברענער האָט געהאַלטן אַ זייער פיינע, אינהאַלטרייכע רעדע אין עברית, נאָך וועלכער ער איז באַדאַנקט געוואָרן מיט דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. אויך אַנדערע פון די געסט האָבן געהאַלטן קורצע באַגריסונג־רעדעס, צווישן זיי אויך אַ פּאָר פאַר־שטייער פון דער פּתח־תקוהער יוגנט.

די שטימונג איז געווען זייער אַ פרייַלעכע, אַ געהויבענע, אַן ענטוזיאַסטישע. און כאָטש אונדזערע געלט־מיטלען זענען געווען זייער באַגרענצטע, האָט אָבער נישט געפעלט קיין משקה און צובייסעכץ, אַ טייל געקויפט און אַ טייל צוזאַמענגעשנאָרעט.

ויהי כטוב המלך בײַן, װען חבֿרה האָבן זיך דערפֿילט גאָר, גאָר שמחהדיק, איז ברענער געבעטן געװאָרן עפּעס צו זאָגן, אַזױ זיך, מילתא דבדיחותא. און ברענער, נאָך דעם װי ער האָט אײַנגעװיליקט צו זאָגן, האָט ער צוגעגעבן: „און איצט װעל איך רײדן אין ייִדיש" און ער האָט אָנגעהױבן אַזױ, בזה הלשון: „שטעלט זיך אַװעק פּוש־קין הקדוש און זאָגט:

„בוריאָ מגלאָיו ניעבאָ קראָיעט,
װיכרי סניעזשניע קרוטיאַ.
טאָ, קאַק זװיער אָנאָ זאַװאָיעט,
טאָ, זאַפּלאַטשעט קאַק דיטיאַ!"

און ער האָט פֿאַרגעזעצט זײַן קלוגע רעדע אין ייִדיש דורכגעפֿלאָכטן מיט שאַרפֿ־זיניקע אױסדרוקן, פּיפּיקע װיצן און גאָר פּעפּערדיקע אַפֿאָריזמען, װעלכע דער עולם האָט אױפֿגענומען מיט שרײַענדיקע בראַװאָ־געפּאַטשערײַ און הילכיקע פֿליעסקערײַען. און דער טעמפּ פֿון אָװנט האָט אָנגעהאַלטן אױף גאָר הױכע אָקטאַװעס און זיך אַװעקגעצױגן ביז אין די גאָר פֿריִע מאָרגן־שעהן. די פֿרײד איז געװען גרױס, דער ענטוזיאַזם אומבאַשרײַבלעך — זיך דערװאָרבן אַן אײגן װינקל, װו ס'װעט קענען קומען צום װאָרט, צום אױסדרוק דער אַרבעטער, דער װוּנטש פֿונעם אַרבעטער, דער געדאַנק פֿונעם אַרבעטער, פֿרײַער און מער באַװעגלעכער װי אין דער געדעמפּטער אַטמאָספֿער פֿון די ד' אמות של הלכה, אין דעם „פּרינציפּן־פּלאָנטער פֿון פּתח־תּקווה".

28. — שלום לך, זײַ געזונט, לאַנד פֿון מײַנע חלומות!

אין מײַנע „ספּעציאַליזירטע פֿאַכן" אין פּתח־תּקווה, האָב איך זיך אױך זײער געניט געמאַכט און קװאַליפֿיצירט װי אַ סאָרטירער פֿון אָראַנזשן, אָדער װי מ'האָט דעמאָלט דעם פֿאַך גערופֿן: מאַראַנצן־קלײַבער. אױף שנײַדן מאַראַנצן פֿון די בײמער בין איך קײן גאָר גרױסער בריה נישט געװען. ס'זענען געװען פֿיל, זײער פֿיל בעס־סערע פֿון מיר אױף דעם געביט. אָבער, אױף צו קלײַבן מאַראַנצן, אױף איבערצו־קלײַבן זײ בין איך אין מײַן צײַט אין פּתח־תּקווה געװען דער ספּעציאַליסט. אין אַ גרופּע פֿון צען פֿערזאָן, װאָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם פּערסאָנאַל פֿון אַ מין קאָלעקטיװ פֿון „מאַראַנצן־פּאַקער", בין איך געװען דער הױפּט־איבערקלײַבער פֿון מאַראַנצן, נאָך דעם װי זײ זענען דורכגעגאַנגען די הענט פֿון צװײ אַנדערע קלײַ־בער. אין די שפּעטע װינטער־חדשים האָבן פֿיר קלײַבערס געאַרבעט, װײַל די פּרוכט איז שױן געװען מער רײַף און דערפֿאַר מיט מער פּגמים. קײן אײן מאַראַנץ מיט אַ װעלכן ס'איז פּגם האָט נישט געטאָרט אַרײַנגעלײגט װערן אין קעסטל אַרײַן, און פּגמים אױף דער הױט פֿון מאַראַנץ זענען געװען אַ סך. און איך בין געװען דער שומר אױף צו פֿאַרהיטן דעם מאַראַנץ פֿון אַרײַנגײן נישט דאָרט װו זײ דאַרפֿן אַרײַנגײן.

אין אַ דער גרופּע פון צען, אונטער דער אָנפירונג פון משה שיליעוויטש, דער יידישער הויפּט־פּאַקער פון מאַראַנצן אין פתח־תקוה, זענען מיר אַלע געווען אין פריילעכע כאַליאַסטרע און האַרמאָניש געאַרבעט און אויסגעפירט אונדזערע פליכטן. די קלייבערס, די וויקלערס, דער פּאַקער, דער קעסטל־מאַכער און דער פאַרמאַכער פון די פולע קעסטלעך, — אַלע, אַלע איין פריילעך געזינדל, מיט איין און דער זעל־בער דערהויבענער שטרעבונג און ציל — צו לעבן אין ארץ־ישראל.

צוויי ווינטערן האָב איך געאַרבעט צוזאַמען מיט דער גרופּע. שיליעוויטש, דער אָנפירער איז געווען די אינסטאַנץ וואָס איז געווען דירעקט פאַרבונדן מיטן סוחר משה זאָנענפעלד, אַ ירושלימער יונגער מענטש, וואָס פלעגט אָפּקויפן די פּרוכט אויף די ביימער פון די בעלי־באַרעס, יידישע און אַראַבישע, און דירעקטירן אונדז, — די גרופּע, — דורך שיליעוויטשן, צו גיין צו יענע באַרעס, ווו די מאַראַנצן זענען שוין געווען אַראָפּגענומען פון די ביימער און אויסגעלייגט אויף דער ערד אין אַ שפּייכלער, פאַרטיק געפּאַקט צו ווערן. און מיר זענען אַהין געגאַנגען און דער־פילט די פאַראָרדענונג פון אונדזער אַרבעט־געבער, משה זאָנענפעלד.

אונדז איז אויסגעקומען צו פאָרן אייניקע מאָל דורכן ווינטער אין דעם אַראַבישן דאָרף סומעל, ווו זאָנענפעלד פלעגט האַנדלען מיט די אַראַבער פונעם דאָרף, קויפנ־דיק ביי זיי, ווי געוויינלעך, די פּרוכט אויף די ביימער. פלעגן מיר פאָרן זונטיק אין דער פרי אַלע אין גרויסן וואָגן, צוזאַמען מיט אונדזער קלאַפּער־געצייג, און פרייטיק נאָך מיטיק זענען מיר אַ היים געפאָרן קיין פתח־תקוה. מיר האָבן אַליין געקאָכט אונדזערע מאָלצייטן, געשלאָפן אין די פּאָר אויבערשטיבלעך אין דער באַרע און אין אונדזער פרייער צייט נאָך דער אַרבעט, האָבן מיר אַרומשפּאַצירט אויפן ברעג ים, ווו די האַדזשע (דער טייך ירקון) גיסט זיך אַריין אין ים אַריין.

אויף צו לייענען וואָס עס איז, איז געווען קליינע מעגלעכקייטן, ווייל ביים שייך פון אַ קעראָסין־לאָמפּ און צוליבן טומל פון יענע פאַרשוינען ביי וועלכע לייענען איז געווען אַן איבעריקע זאַך, צוליב דעם אַלעם איז לייענען געווען כמעט אוממעגלעך. און טאָג־ליכט איז נישט געווען גענוג, נישט פאַר דער אַרבעט און אויך נישט נאָך דער אַרבעט און דערפאַר, אַ היים קומענדיק, נאָך אַ גאַנצע וואָך אַרבעט אין דער געדיכטער דאָרפס־לופט, האָט די אַרבעטער־קלוב אַטמאָספער אָפּגעפרישט דעם פאַר־חושכטן, פאַראומערטן געמיט. אין חברותא פון חברים האָב איך מיין עלנטקייט גע־טויכט (נאָך חיהס אַוועקפאָרן) און געפרווווט קוויקן זיך מיט „חלשות־טראָפּנס״.

**
*

ווען מיין חבר לייב שוחט איז צום דריטן מאָל געקומען און האָט געבראַכט מער אויספירלעכע אינפאָרמאַציעס וועגן אויסטראַליע און ער האָט געטענהט און גערעדט; געבעטן און געפאָדערט פון מיר מיין „יאָ״, בין איך דאַן, אין מיין גרויזאַמער צע־

בראָכנקייט, אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין השפעה, געדריקט פון דער שווערער וואָג פון די ביטערע אומשטענדן און האָב געזאָגט: — יאָ, יאָ איך פאָר קיין אויסטראַליע; איך פאַרלאָז מיין אומעטיקן פערזענלעכן עמק־הבכא, ניין — איך אַנטלויף פון אים, פון זיך אַליין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר זעכציק נאַפּאַלעאָנען האָב איך פאַרקויפט מיין הייזקע צו אַ פערסישן ייִד. כ'האָב זיך אַרומגעצאָלט ווו נאָר איך בין וועמען אַ פיאַסטער שולדיק געווען, אויס־פאַרקויפט דאָס ביסל אָרעמע באַלעבאַטישקייט און איינגעפּאַקט דאָס איבעריקע וואָס איז נייטיק פאַרן אייגענעם נפש, אַ מין זכר לחורבן. איך האָב אויך אַריינגעזאַפּט די ביטערקייט פון די הייסע טרערן מיט וועלכע מיינע ביידע שוועסטער האָבן מיר אַרויסבאַגלייט, מיך באַוויינט און באַקלאָגט, ווי מען באַוויינט אַ בר־מינן אַ טייערן, וואָס ליגט פאַר די אויגן. און טיף שלוכצענדיקע און ביטער־כליפּענדיקע האָבן מיר ביידע, — שוחט און איך, — זיך אָפּגעזעגנט מיט ארץ־ישראלער ברעג, מיטן יפוער ברעג, ווו מיר האָבן זיך געזעצט אויף אַ שיף און פאַרלאָזן ארץ־ישראל. און אַזוי אַרום האָב איך פאַרמאַכט און אָפּגעשלאָסן אַ פּרעכטיק בלאַט אין מיין לעבנס־געשיכטע.

מיט דער שיף זענען מיר געפאָרן ביז פּאָרט־סאַיד, ווו מיר האָבן געוואָרט צוויי וואָכן צייט אויפן אָנקומען פון דער דייטשער שיף „קעניגין לואיזע", אויף וועלכער מיר האָבן פאַר אונדז פאַרזיכערט אין דער דייטשער אַגענץ אין פתח־תקוה צוויי פּלעצער. און מיט אָט דער שיף האָבן מיר זיך געלאָזן אויף אונדזער וויטן וועג קיין אויסטראַליע, אַרום אָנהייב פעברואַר 1910.

דריטער טייל

29. — אין אויסטראַליע מיט מזל, מיט שלימזל

נאָך איניקע טעג קאַטשענען זיך אויפן שיף, האָבן מיר גלייך אָנגעהויבן פילן די שוועריקייטן וואָס דערוואַרטן אונדז אין דעם נייעם לאַנד, וווהין מיר פאָרן זוכן גליק. די מאַנשאַפט פון דער שיף, כאַטש אַ דייטשע, פיין און לייטיש אויפפירנדיקע אין זייער באַהאַנדלונג און באַדינונג, האָבן אָבער דאָך נישט געקענט מינערן אונדזערע שוועריקייטן אין אונדזער טאָג־טעגלעכן פאַרקער מיט די איבעריקע פּאַסאַזשירן, דער רוב פון וועלכע עס זענען געווען ענגלענדער. נישט פאַרשטייענדיק זייער שפּראַך און אויך נישט די שפּראַכן פון די אַנדערע פּאַסאַזשירן: גריכן, איטאַליענער און אַנדערע, זענען מיר אַזוי אַרום געבליבן ווי עפּעס אַן אָפּגעזונדערטער, איזאָלירטער טייל שטומע מענטשן. און אויסער ווי מיט צען־צוועלף אַראַבישע מיטפאָרער און איין ייִד פון ענגלאַנד, האָבן מיר ווייניק־וואָס מגע ומשא געהאַט מיט אַלע איבעריקע. מיט דער מאַנשאַפט, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר יאָ ווי עס איז זיך צוזאַמענגערעדט. און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט די טעג און וואָכן פון אונדזער לאַנגער רייזע.

געוויס האָב איך מיך זייער פאַראינטערעסירט אין אַלץ וואָס ס׳איז געווען ניי פאַר מיר: אין דער אויפפירונג פון די פּאַסאַזשירן, זייער באַנעמען זיך, זייערע מאַנירן און האַלטן זיך. איך האָב ספּעציעל שטודירט די רעאַקציע, אויסדרוקן זייערע אין באַצוג צו אונדז פרעמדע, נייע. איך האָב אויך נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון די פעלקער אין די פאָרטן, וואָס אונדזער שיף האָט באַזוכט און איז פאַרבליבן דאָרט אַ טאָג, אָדער אַ מאָל ווייניקער, ווי צום ביישפּיל: אין סועץ, אין אַדען, אין קאָלאָמבאָ. מיר האָט זייער פאַראינטערעסירט דער אויסדרוק אויף די פּנימער פון די איינגעבוירענע אין די פאָרטן ווי מיר האָבן געוויילט, זייער קוקן אויף אונדז ווייסע מענטשן, און שאַצנדיק אונדז לויט אונדזער אויסזען. ביי זיי, ביי די אַלע טונקל־הויטיקע מענטשן זענען מיר דאָך געווען — ווייסע מענטשן; ייִד צי טערק, ענגלענדער צי דייטש — ווייסע מענטשן, זייערע אונטערדריקער, פאַרשקלאַפער און באַצווינגער, אָבער... ביי וועלכן מ׳קען פאַרדינען אַ שילינג, אָדער אַזוי סתם עפּעס אויסשנאָרען.

ביי אונדז אויפן שיף האָבן מיר יאָ אַ מאָל געהערט, נישט זייער אָפט אַפילו, אָבער דאָך געהערט און אַפילו אויך אָפט אינסטינקטיוו געפילט דעם געמיינעם, גיפטיקן באַדייט פון די ווערטער. „זשיוו״, דזשו״, וואָס זענען געקומען פון די ליפּן פון די פראַנצויזישע און ענגלישע פּאַסאַזשירן.

אַט די רײזע מײַנע אויף דער שיף „קעניגין לואיזע", איז געװען מײַן ערשטע לאַנג־דױערנדיקע רײזע אויפֿן ים און איך האָב פֿאַרהעלטנישמעסיק זיך געפֿילט גאַנץ גוט און כ'האָב זיך אַרויסגעװיזן צו זײַן אַ גוטער ים־פֿאָרער. אויפֿן 20סטן, אָדער 21סטן טאָג פֿון אונדזער רײזע, האָבן מיר דערגרײכט דעם אויסטראַלישן ברעג. מיר זענען אַרײַן אין האַפֿן פֿון פֿרימענטאַל — דער פּאָרט פֿון דער הויפּטשטאָט פּערט, פֿונעם שטאַט װעסט־אויסטראַליע.

מיר האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ שפּאַר ביסל יבשה־לופֿט אין זיך אַרײַנגע־זאַפּט שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פֿון פּערט. אַרום זעקס פֿאַרנאַכט האָבן מיר פֿאַר־לאָזן פֿרימענטאַל און נאָך זעקס טעג פֿאָרן זענען מיר אַרײַן אין פּאָרט אַדעלײד — די הויפּטשטאָט פֿון דעם שטאַט דרום־אויסטראַליע. דעם גאַנצן װעג פֿון פֿרימענטאַל ביז אַדעלײד איז די שיף אונדזערע געװען בלויז אײניקע קילאָמעטער װײַט פֿונעם ברעג.

אַדעלײד איז אַ שײנע, אַ רויִקע, כמעט פֿאַרשלאָפֿענע שטאָט. און דאָ דװקא האָט מיט אונדז דער גורל אָפּגעשפּילט אַ צו להכעיס. עס איז אין דער צײַט פֿון אונדזער אָנקומען אָנגעגאַנגען אַ שטרײַק פֿון שיף־ און פּאָרט־אַרבעטער און מיר זענען גע־צװוּנגען געװען צו פֿאַרבלײַבן אינעם פּאָרט אַדעלײד גאַנצע פֿינף טעג, ביז מען האָט דערלויבט אונדזער שיף פֿאָרצוזעצן איר רײזע קײַן מעלבורן. און פּרײַטיק דעם 9טן מאַרץ 1910, אַרום צװײ אַ זײגער פֿאַרטאָג האָט אונדזער שיף געאַנקערט אין פּאָרט פֿיליפּ־בײ, בײַ אַ פּאָר קילאָמעטער פֿונעם צאָל־אַמט אין פּאָרט מעלבורן.

מיר האָבן דערגרײכט דאָס געבענטשטע לאַנד, װוּ מיר װעלן מיט האָפֿענונג און גלויבן אין אונדזערע פֿעיִקײטן אײַנאָרדענען אונדזער װײַטערדיקע עקסיסטענץ. די טויזנטער עלעקטרישע ליכט פֿון פּאָרט און שטאָט האָבן צו אונדז געװוּנקען, געפֿינ־קלט מיט אַ פֿרײַנטלעכער שלום־עליכם ברכה און אונדז דערמוטיקט, געװעקט אין אונדז זיסע דערװאַרטונגען אויף אַ בעסערן מאָרגן, אויף אַ גוטן און אָנשטענדיקן אָנשפּאַר אין לעבן אינעם נײַעם לאַנד.

עס האָבן דאַן, אין די יאָרן פֿון פֿאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה, געהאַט דאָס רעכט יעדער אײנער אַרײַנצוקומען אין אויסטראַליע (אויסער געבוירענע אין אַזיאַ־טישע לענדער). מען האָט אַפֿילו קײן פּאַספּאָרט נישט געדאַרפֿט האָבן צו דעם. גענוג איז געװען אָנצוגעבן דאָס לאַנד און שטאָט פֿון געבורט, דעם אײגענעם נאָמען און אויך דעם נאָמען פֿון די עלטערן — און עס איז דאַן יעדן אימיגראַנט דערלויבט געװאָרן אַראָפּצוגײן פֿון שיף, באַטרעטן די אויסטראַליער ערד און זיך באַזעצן װוּ דו װילסט לעבן און װי אַזוי דו װילסט.

װען אונדזער שיף איז אָבער צום פּאָרט־ברעט צוגעבונדן געװאָרן און אַלע פּאַ־סאַזשירן זענען פֿון שיף אַרונטער, אַרײַן אין צאָל־אַמט געבײדע און באַאַמטע האָבן אָנגעהויבן איבערשרײַבן יעדן אײנעם לויט די פֿאָרמעלע און געזעצלעכע אײַנפֿירונ־

גען, האָט מען מיר מיט נאָך אַ טוץ אַנדערע אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט, בעת אַלע אַנדערע איז דערלויבט געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם פּאָרט און פאָרן, יעדער וווּהין ער דאַרף.

מיך האָט מען גענומען אויף אַ באַזונדערן פאַרהער. אויסגעפרעגט איין מאָל און נאָך אַ מאָל פון וואַנען איך קום, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, מיין רעליגיע, די נעמען פון מיינע עלטערן און נאָך אַנדערע פראַגעס. און דאַן, נאָך די אַלע שאלות ותשובות, האָט מען מיך פרייגעלאָזן און זיי — די באַאַמטע — האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַר די אומאַנגענעמלעכקייטן וואָס זיי האָבן מיר פאַרשאַפט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער טעות: מיינע פעך־שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ האָבן מיר פאַרראַטן; מען האָט מיך אָנגענומען פאַר נישט קיין אייראָפּעער, ווייל געבוירענע אין אַזיע, אָדער אין געוויסע אַזיאַטישע לענדער איז נישט דערלויבט געווען איינצווואַנדערן אין אויסטראַליע. וואָלט איך נישט געווען האָבן זיין אַ שטומע צונג, וואָלט איך זיי געווען גלייך אויפגעקלערט און באַוויזן זייער טעות; אָבער, אַז די צונג איז אין גלות!

און אַט האָט זיך אונטערגערוקט אַ צווייטער „אומגליק". מיר האָבן געהאַט צוויי אַדרעסן פון מעלבורנער איינוווינער: אַן אַדרעס פון אַ רעסטאָראַן און גאַסט־הויז, איינע אַ מיס. בערמאַן, אויף נומער 107 קאַרדיגאַן סטר. קאַרלטאָן, און דער צווייטער אַדרעס איז געווען פון אַ פּריוואַטע פאַמיליע. און דאָ קומט די מעשה מיטן אומגליק. איינער אַ יונגערמאַן, אַ צפתער געבוירענער, איז געקומען זען, צי אויף דער שיף „קעניגין לואיזע" געפינט זיך נישט זיין פרוי אַלס אַ פּאַסאַזשירקע. און ווען ער האָט איר — זיין באַשערטער — צווישן די פּאַסאַזשירן נישט געפונען, איז ער נעבעך געוואָרן זייער באַטריבט, צעטומלט און צעטרייסלט און זיין כעס איז אויסגעפאַלן צו אונדזער קעפּ. ווען מיר האָבן אים געבעטן, ווייזנדיק אים אונדזערע פאַרצייכנטע אַדרעסן, צו דירעקטירן אונדז צו דעם רעסטאָראַן פון דער מרס. בער־מאַן אויף קאַרדיגאַן סטר., האָט ער אַ נערוועזער אויסגעשריען: — אַוודאי ווייס איך ווו דאָס איז! און ער האָט אונדז געזאָגט וועלכן טראַמוויי מיר דאַרפן נעמען און אַז דער טראַמוויי וועט אונדז ברענגען צו דער גאַס, וואָס לעבן קאַרדיגאַן סטר. און פון דאָרט איז בלויז צוויי־דריי מינוט גאַנג צום נומער 107.

יאָ, טאַקע אַלץ ריכטיק, טאַקע דעם טראַמוויי האָבן מיר געדאַרפט נעמען און פאָרן ביז אַהין ווו מיר דאַרפן. אָבער איין קלייניקייט האָט ער פאַרגעסן אָנצוצייכע־נען — ווו מיר זאָלן אַרויסשטייגן פונעם טראַמוויי. און ווייל ער איז נישט געווען זייער שטאַרק באַהאַוונט אין ענגליש און צעשרויפט איז ער דאָך געווען: דאָס ווייב זיינע איז נישטאָ אויף דער שיף! האָט ער, דער צעטומלטער בעל־דבר געמאַכט אַ גראָבן פאַרדריסלעכן טעות. אַנשטאָט קאַרדיגאַן סטר., האָט ער אָנגעזאָגט קאָלינס סטר., דאָרט וועט איר שוין זען. נו, זענען מיר טאַקע אַרונטער פון טראַמוויי אויף

קאַלינס סטר. און געגאַנגען זענען מיר אין קאַלינס סטר. אַרויפצו, אין איין זייט, ביז צו דער ענדע פון גאַס און צוריק אַראָפּ, משופּעהדיק, כמעט באַרג־אַראָפּ, צו דער צווייטער זייט, אויף די ענדע פון דער גאַס. מיר זענען געגאַנגען און געזוכט דעם נומער 107, דעם רעסטאָראַן פון מרס. בערמאַן.

מיר האָבן אָנגעהויבן גוט אונטערשוויצן און אין מאָגן, מחילה, האָט אָנגעהויבן פּינצטערן. נישט געשלאָפן כמעט די גאַנצע לעצטע נאַכט, דער קלימאַקס פון אונדזער רייזע־פיבער, קיין פרישטיק נישט געגעסן און דאָ איז שוין דער זייגער אַרום איינס נאָכמיטיק. די זון וואַרעמט גאַנץ געשמאַק און מיר, מיט די ארץ־ישראלדיקע געלע געפלאָכטענע אַרבעטס־קוישלעך אין די הענט שפּאַנען אַרום אויף קאַלינס סטר., אַרויף און אַראָפּ און צוריק אַרויף און מיר זוכן דעם רעסטאָראַן פון מרס. בערמאַן. פרעגן וועמען, קענען מיר נישט. די צונג איז געפּענטעט און מיר ווילן נישט פרעגן, מיר שעמען זיך... פּרא־אדמס, ווילדע, משונהדיקע ברואים... מען שלעפּט זיך מיט געפלאָכטענע געלע קוישלעך אויף קאַלינס סטר. — די גאַס פון כמעט און אויס־שליסלעך דאָקטוירים, בענק און אַדוואָקאַטן. (דאָס זענען מיר ערשט שפּעטער נע־וויר געוואָרן, ווען מיר האָבן זיך שוין געהאַט אַ ביסל אויסגעגרינט).

מיר האָבן אָבער אינסטינקטיוו דערפילט, אַז מיר זענען דאָ מיאוס אַריינגעפאַלן. אָט אַ גרויסער שילד „באַנק אָוו קאָמערס״, און אָט נאָך אַ שילד „באַנק נאַסיאָנאַל״; און דאָקטוירים: דאָקטער ברינגס, דאָקטער מילטאָן, דאָקטער זילבערס און נאָך אַ דאָקטער און ווידער אַ דאָקטער... מיר זענען דאָך נישט קראַנק, מיר זענען דאָך נישט קיין קאַנדידאַטן אויף שפּיטאָל־צעטלעך און מיט דער באַנק האָבן מיר נאָך אויך דערוויל קיין געשעפטן נישט. און מרס. בערמאַן, — עפּעס פּאַסט זיך נישט אַריין אַ יידישער כשרער רעסטאָראַן צווישן בענק און דאָקטוירים. און פּלוצלינג, אין אונדזער גרויסער פאַרצווייפלונג: — „איר זענט יידן, קען איך מיט וואָס אייך העלפן?״. — אַ פראַגע צי מיר זענען יידן! אונדזערע קוישעלעך זאָגן דאָך עדות, און נאָך וואָס פאַראַ יידן! ארץ־ישראל־יידן! און צי ער קען אונדז העלפן, אַ שאלה אַ ביסל, אַרויסשלעפּן פון אַ בלאָטע. ווען דער יונגערמאַן וואָלט געוועזן אַ געשריי געטאָן: — חברה, נאָט אייך הונדערט פונט און גייט, לאָזט אייך ווויליגיין, וואָלטן מיר נישט געוועזן אַזוי אויפגעשפּרונגען מיט פרייד און אימפּעט ווי מיר האָבן דאָס געטאָן, אויפכאַפּנדיק זיין פראַגע „איר זענט יידן?״ מיר האָבןביידע — שוחט און איך — שיעור נישט פאַרלירנדיק אונדזערע קוישלעך, מיט טרערן אין די אויגן אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און מיט תחנונים אויסגעשריען: — „העלפט אונדז, גוטער מענטש, מיר זענען אין אַ צרה״. מער האָבן מיר קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן פאַר גרויס אויפ־רעגונג. איך האָב אים דערלאַנגט דעם אויפגעשריבענעם אַדרעס, און כמעט אָן ווער־טער, נאָר מיט אַ טרער אַ האַלבער אים אַ וויז געטאָן: „אַהער דאַרפן מיר פאָרן״. דער יונגערמאַן האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ האַרציקן ברודערלעכן שמייכל און האָט

געזאָגט, אָן ווייטערע רעדעס: — „קומט מיט מיר". ער איז דאַן מיט אונדז אַריין אין טראַמוויי. אונדז האָט ער געלאָזט אַריינגיין פריִער. ער האָט באַצאָלט וויפל מען האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר אַלע דריי און שטיפעריש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: — מיר פאָרן.

ווען ער האָט אונדז אַריינגעבראַכט אין רעסטאָראַן, האָט ער אין אַ זייער היימישן, גוטברודעריש־ווויליִנגערישן טאָן באַפוילן:

— מרס. בערמאַן, גיט די ייִדן צו עסן, און גוט אָפּצועסן. זיי זענען אויסגעהונגערט. זיי האָבן ערשט אויסגעמאָסטן גאַנץ קאָלינס סטריט, אַרויף און אַראָפּ. — און מיט אונדז האָט ער זיך אַזוי געזעגנט: — „נו, מיינע פריינט, נאָכן עסן לייגט אייך צו אָפּרוען און אַרום פינף פאַרנאַכט וועל איך קומען און אייך אָוועקפירן און אייך ברענגען צום צווייטן אַדרעס וואָס איר האָט מיר געוויזן. איך קען די מענטשן זייער גוט".

ווען אונדזער מלאך־טוב האָט אונדז, — ווי ער האָט צוגעזאָגט, — אַוועקגעפירט אויפן אַדרעס וואָס מיר האָבן אים באַוויזן ביים ערשטן צוזאַמענטרעפן זיך מיט אים, האָט ער צוקומענדיק צו דעם הויז, מעשה היימישער מענטש, אויפגעעפנט די טיר, נישט אָנקלאַפּנדיק אַפילו, און אַ געשריי געטאָן מיט אַ פריילעכן, שפּאַסיקן אויסרוף: — „מאַמע, איך האָב דיר געבראַכט געסט. די יונגעלייט האָבן דיר געבראַכט אַ געגרוס פון פעטער אַ. פון יפו". מיר זענען געבליבן שטיין דערשטוינט און פאַרוווּנדערט, מיט גרויסע צעעפנטע אויגן און מיילער: מאַמע?! עפּעס האָבן מיר דערזען אין דער געשעעניש אָן אצבע אלהים די פּרוי שטיינגראַד, צו וועמען מיר האָבן געבראַכט אַ בריוו און אַ געגרוס פון איר ברודער אין יפו, איז געווען די מוטער פון אונדזער מלאך־הגואל. און זי האָט אונדז טאַקע אויך זייער פיין אויפגענומען. זי האָט אונדז שוין נישט אַוועקגעלאָזן: מיר מוזן עסן מיט זיי די פרייטיק־צו־נאַכטיקע סעודה און פאַרברענגען מיט זיי. און פאַרבראַכט האָבן מיר זייער גוט אין קרייז פון דער גאַנצער פאַמיליע: הער שטיינגראַד, אַ ייִנגערער זון און אַ טאָכטער — אַ יונג מיידל — די ייִנגסטע אין דער משפחה.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזן זייער הויז שפּעט אין אָוונט, האָבן זיי — אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע שטיינגראַד, — אונדז געוווּנטשן זיך איינצואָרדענען אויפן בעסטן אופן און זיין אימשטאַנד בייצושטייערן צום וווילזיין פון דער מעלבורנער ייִדישער באַפעלקערונג. די מעלבורנער ייִדישע געמיינדע, —האָבן זיי געזאָגט, — נייטיקט זיך זייער און זייער אין נייע ייִדישע איינוואַנדערער, איבערהויפּט אין יונגע כוחות, וואָס זאָלן קענען העלפן אָנהאַלטן „דאָס פּינטעלע ייִד".

דער יונגערמאַן שטיינגראַד האָט אונדז אַוועקגעפירט אויף אונדזער קוואַרטיר און אונדז געוווּנטשן זיסע חלומות אין דער ערשטער נאַכט אין אונדזער נייער היים אויסטראַליע.

30. — צוריק צום אורשפּרונג — איך ווער אַ גאַרבער

שווער סאָפּענדיק, באַגיסנדיק זיך מיט הייסן שוויס, האָב איך מיט אַלע כוחות געשלעפּט די רויע פעלן צו די גריבער מיט אָנגעפּילטן וואַסער און פון די גריבער אַרויס, אין דער לעדער פאַבריק פון מייקיילים, האַלענשטיין און קאָמפּ. אין פוטס־קריי, אַ פאָרשטאָט פון מעלבורן.

דאָס האָבן אַ סך מלאכהס האָט מיר זייער גוט געגאָלטן צו קריגן אַרבעט גלייך ווי כ׳בין אַראָפּ פון שיף ממש. אַ קלייניקייט, אַזאַ גליק, און... נישט קענענדיק אַרויס־ריידן קיין דריי ווערטער אין ענגליש. יאָ, טאַקע אַ גרויס גליק געווען צו אַרבעטן און פאַרדינען גלייך פון ערשטן טאָג אָן, און האָבן צו באַצאָלן פאַרן עסן און נאַכט־לעגער. און באַקומען האָב איך די אַרבעט דורך אַ קלוגן איינפאַל און אַ ביסל אויך צוליב זכות־אָבות. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מיין פאָטער האָט געהאַט אַ לעדער־פאַבריק. נו, בין איך דאָך, הייסט עס, אויסגעוואַקסן אין דעם לעדער־פאַך, אין דער בראַנזשע. און ווען מר. שטיינגראַד האָט אונדז, — מיר און שוחטן, — אַוועקגעפירט זונטיק נאָכמיטיק, אויפן דריטן טאָג פון אונדזער אָנקומען אין מעלבורן, צו אַ פאַ־מיליע מיטן נאָמען שוואַרץ און אונדז מיט זיי באַקענט, האָט אונדזער גורל אין דער בייער מדינה שוין דאַן אָנגענומען מער קאָנקרעטע פאָרמען.

מר. שוואַרץ, אָדער ריכטיקער, רעווערענד שוואַרץ, אַ שוחט וואָס האָט זיין חיונה געצויגן פון אַ קלייט פון אַלטוואַרג אויף דער קינג־סטריט, האָט שטענדיק געהאַלטן פאַר זיין חוב און אויך פאַר אַ גרויסער מצווה צו העלפן ניי־אָנגעקומענע יידן, צו געפינען פאַר זיי אַרבעט, אָדער אויף אַן אַנדער אופן זיי קענען איינאָרדענען אַז זיי זאָלן זיך קענען דורכלעבן. ער אַליין, רעווערענד שוואַרץ, אַ טאַטע פון פיר קליינע קינדער און זיין פרוי, האָבן קיין גאָלדענע גליקן נישט געמאַכט פון זייערע ביידע פּרנסות — שחיטה און אַלטע זאַכן; אָבער צו העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן זע־נען זיי ביידע שטענדיק גרייט געווען, אַפילו ווען זיי זאָלן דורך דעם דאַרפן פאַר־נאַכלעסיקן זייערע אייגענע געשעפטן. און אָט דער רעווערענד שוואַרץ, — ר׳ דוד שוואַרץ ז״ל, — צו וועלכן איך בין געוואָרן און פאַרבליבן אַן איבערגעבענער פריינט און שטענדיק געפילט צו אים אַ טיפע דאַנקבאַרקייט, אָט דער רעווערענד שוואַרץ האָט גלייך ביי אונדזער באַקענען זיך, זיך פאַראינטערעסירט מיט אונדז און מיט אונדזער לאַגע און האָט אָנגעהויבן זוכן און קלערן וועגן מיטלען, ווי אַזוי אונדז צו העלפן.

ווען ער האָט אונדז אויסגעפרעגט וועגן אונדזערע אַרבעטס־באַרופן, צו קענען טאָן וואָס עס איז כדי צו פאַרדינען אויפן לעבן, האָב איך, אַזוי זיך, לפי תומי, אַ זאָג געטאָן, אַז איך האָב אַ מאָל געוווּסט ווי מען אַרבעט ביים לעדער־פאַך. —אַזוי, — איז דער רעווערענד שוואַרץ ווי אויפגעשפּרונגען, — וואָס זשע שווייגט איר, מר. הורוויץ? מאָרגן וועלן מיר פאָרן קיין פוטסקריי, און אין דער טענערי (לעדער־פאַ־

בריק) פון מייקיילים, האַלענשטיין און קאַמפּ. ביז איך זיכער, וועל איך קענען באַקור־מען אַרבעט פאַר אייך.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי, נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן צו ענדיקן עסן אונדזער פרישטיק, איז שוין רעוועריענד שוואַרץ געשטאַנען ביי אונדזער טיש, און — חברה, צייט צו גיין. ער האָט פאַרגעלייגט מיר זאָלןביידע מיטגיין מיט אים. ער האָט געהאָפט, אַז אויך פאַר שוחטן וועט אים געלינגען צו קריגן אַרבעט אין דער לעדער־פאַבריק.

די לעדער־פאַבריק, מייקייליסעס טענערי — אַ פּלאַץ אַ שם דבר, אַ מקום פּור־עניות, וווּ אַ גרויסע צאָל ניי־געקומענע יידישע אימיגראַנטן זענען דורכגעגאַנגען זייער ערשטע טבילה, די אימיגראַנטישע מדורי גיהנום: געהאָרעוועט ווי לאַסט־פערד, געשלעפּט ווי אייזלען, קראַנק געוואָרן, אָפּגענומען די פאַר פאַרהאָרעוועטע, פאַרדינטע פאַר פונט פאַר דער לעצטער וואָך אַרבעט און מיט טהערן אין די אויגן אַוועק פונעם פּלאַץ, באַשענקענדיק עס מיט קללות וחרמות — מער די טירן נישט אַריבער־גיין פון דעם וויסטן גיהנום, מער די שוועל די פאַרשאָלטענע נישט אַריבערצוטרעטן.

ווען מיר זענען אַלע דריי, — רעווערענד שוואַרץ, שוחט און איך, — אַריין אין דער גרויסער געביידע פון דער פאַרוואַלטונג פון דער לעדער־פאַבריק, זענען מיר אַרום ניין אַ זייגער אַריינגעבעטן געוואָרן אין ביוראָ פון מר. בענדזשאַמין, דער פאַר־וואַלטער פון דער לעדער־פאַבריק. רעווערענד שוואַרץ האָט געריידט, האָט אונדז פאָרגעשטעלט, געזאָגט וואָס אונדזער באַגער איז, האָט געבעטן אונדז אָנצונעמען אויף אַרבעט. מיר, — שוחט און איך, — זענען געשטאַנען, געפינטלט מיט די אויגן, אויפגעכאַפּט מאַנכע ווערטער פון זייער געשפּרעך און געמאַכט באַוועגונגען, ווי מיר וואָלטן פאַרשטיין אין וואָס דאָ האַנדלט זיך.

מר. בענדזשאַמין, אַ דייטשער ייד, מיט אַ רוקער, געלאַסענער האַלטונג, האָט געמאָסטן און צעצויגן יעדעס וואָרט זיינס, ווי יעדעס וואָרט וואָלט געקאָסט אַ פונט. ער האָט אונדז גוט באַטראַכט, געוויגן און געשאַצט אין געדאַנק אונדזערע מוסקולן, געוויס גערעכנט און אונטערגעצויגן אונדזער קאַפּאַציטעט־באַלאַנס פאַר דער אַר־בעט, און פאַרציענדיק וואָלקנדלעך רויך פון זיין ליולקע־ציבעק, האָט ער ווענדנדיק זיך צום רעווערענד שוואַרץ אָנגעוויזן אויף מיר און כמעט אָן ווערטער, בלויז ווי צעקייענדיק עפּעס ווייכס צווישן די ציין, האָט ער ווי אַרויסגעפּאָנפּעט: — „יאַ, דיי־זער יונגער־מאַן מאָרגען פרי אַרבייט און וועגן דעם צווייטען ווירדען וויר זען”. און ער האָט אויסגעצויגן דעם „ווירדען וויר זען”, גלייך ווי עס וואָלט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ גאַנצן וואָגן רויע פעל איינקויפן.

עס פאַרשטייט זיך אַז זיין איינשטימיקייט מיך אָנצונעמען ווי אַן אַרבעטער אין דער לעדער־פאַבריק האָט מר. בענדזשאַמין געשטיצט אויף מיין וויסן דעם פאַך פון דער לעדער־פּראָדוקציע. דאָס האָב איך אויך געקענט באַמערקן אין די פיל מאָל

אַנווייזן אויף מיר — אַ מאָל ער אַליין, און אַ מאָל מר. שוואַרץ, איבערהויפּט מר. שוואַרץ, וואָס האָט שטאַרק געדריקט זיינע פינגער און געקוועטשט די ווערטער, אַנווייזנדיק אויף מיר.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— האָומעני, האָומעני, — האָט דער אויפזעער איבער מיין אַרבעט איבערגע־חזרט יעדע עטלעכע מינוט, — האָומעני, האָומעני?

איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל, וואָס ער מיינט מיט דעם וואָרט: האָו־מעני־האָומעני (אויף יידיש: וויפל). איך האָב געשלעפּט די רויע פעלן און זיי גע־וואָרפן אין די גריבער אָנגעפילטע מיט וואַסער און דאָס זעלבע האָב איך געטאָן אויף אַ פאַרקערטן אופן: געשלעפּט די נאַסע פעלן פון די גריבער אַרויס, וואָס האָבן שוין געהאַט זייער טבילה און געדאַרפט אַרויסגענומען ווערן פון די גריבער. דער אויפ־זעער האָט נאָך אַנדערע ווערטער געזאָגט, עפּעס ווי כעסדיק געמורמלט, און איך, ווי אַ גולם האָב איך אים געקוקט אין פּנים אַריין: וואָס ווילסטו גוי, איך אַרבעט דען נישט געטריי? זעסט דאָך אַז איך שלעפּ ווי אַ פערד!

שווער איז געווען אויסצוקומען אויף שטום־לשון, ביטער איז געווען דורכצוי־שטופּן די ערשטע וואָך אַרבעט, אַ שווער, צעבראָכנדיקע אַרבעט. אָבער מיין שמחה, ווען איך האָב ענדע וואָך, פרייטיק, באַקומען מיין ערשטע פּעי (געהאַלט) — קען איך דאָ עס אין ווערטער נישט איבערגעבן. פאַרדינט, דורך ביטער־שווערער אַרבעט, דורך שטום־לשון, אַ סומע אויסטראַליער געלט אויף אויפצוהאַלטן דעם גוף, דער־האַלטן די נשמה, זיי ביידע באַשפּייזן און פלעגן.

שוין אין די ערשטע טעג מיינע אין אויסטראַליע האָב איך אָנגעהויבן פילן די אַרויסשטאַרנדיקע אָפּגעפרעמדקייט פון מיין נייער סביבה. עס האָט אויך שטאַרק געווירקט, געהאָלפן דערצו די אָנגעצויגענע האַלטונג פון מאַנכע פון די מיטזיצער ביים טיש אין רעסטאָראַן. זיי, אָט די „מאַנכע״ האָבן זיך געהאַלטן מיוחסדיק לגבי אונדז, ווי אַ העכערער קלאַס און שטאַנד, באשר — שוין אויסגעגרינטע אין דער נייער מדינה און באַזיצן שוין אין אַ געוויסער מאָס די ענגלישע שפּראַך. אַ פּאָר פון אָט די מיוחסים, געקומענע פון לאָנדאָן, וווּ זיי האָבן שוין געהאַט פאַרבראַכט אַ צייט נאָך זייער אַריבערקומען פון פּוילן, אָדער ליטע, אָט די שטייפע דזשענטללייט האָבן זיך געהאַלטן גאָר גרויס און געקוקט אויף אונדז, ווי אויף דריט־ראַנגיקע גאָרנישטן; זיי האָבן געקוקט אויף אונדז פון אויבן אַראָפּ און אָפט חוזק געמאַכט פון אונדזערס אַ נישט־ריכטיק אַרויסגעזאָגטן וואָרט אויף ענגליש, אָדער זיי האָבן אָפּגעלאַכט פון אונדז ווי אַזוי מיר האַלטן די לעפל־גאָפּל־מעסער אין האַנט זיצנדיק ביים טיש, און אַנדערע „גראָבקייטן״ וואָס מיר ווייזן אַרויס, עסנדיק ווי „אומוויסנדיקער פּעבל״...

מיר האָבן פון אַזאַ האַלטונג זייערן צו אונדז געליטן און זיך געפילט באַליי־

דיקט און דערנידעריקט, און דאָס האָט אונדז געצווונגען צו זוכן אַן אויסוועג פון דער קאָמיש־טרויעריקער, אומגעלומפּערטער לאַגע. און... מיר האָבן געהאַט דערפאָלג. אויף דער צווייטער וואָך האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין אַ נייער קוואַרטיר, טאַקע דערביי אין דער דריטער הויז. אין אונדזער נייעם וווין־פּלאַץ, אין הויז פון מרס. מאַזעס, ווו עס האָבן זיך אויך אויפגעהאַלטן ביי אַ זיבן־אַכט פּערזאָן, אויך ניי־געקומענע. אין מרס. מאַזעס׳ גאַסט־הויז האָבן מיר זיך אַנגעהויבן פילן גאַנץ באַקוועם.

ווען איך האָב ענדע וואָך, — פרייטיק, — באַקומען מיין געהאַלט פאַר דער וואָך, האָט מען מיר אין הויפּט־ביוראָ געמאָלדן, אַז איך זאָל מאָנטיק אין דער פרי מיטברענגען דעם מר. שאַקאַט (מיין חבר שוחט), ער ווערט אויך אויפגענומען ווי אַן אַרבעטער אין פאַבריק. נו, ס׳האָט זיך פאַרבעסערט אונדזער מערכה: אַ בעסערע קוואַרטיר, אַרבעט איז שוין פאַראַן פאַר ביידן. אונדז איז גוט און וווּל. יאָ, טאַקע אַ קאַרדינאַלע פאַרבעסערונג. אונדזערע צרות אָבער האָבן זיך ערשט איצט און דאַ אָנגעהויבן.

די אַרבעט אין דער לעדער־פאַבריק איז אַ זייער שווערע, אַ שמוציקע און אַ פאַרמאַטערנדיקע. נישטאָ קיין אויסזיכטן אויף אַ לאַנגן דויער. און די באַציִונגען מצד די אַנדערע אַרבעטער, די גוייִשע, האָבן אַנגעהויבן ווערן אַלץ מער און מער אוממענטשלעכער, אַלץ מער אומדערטרעגלעכער, איבערהויפּט פאַר שוחטן. אים האָט מען אַוועקגעשטעלט שלעפּן נאַסע פעלן פון די קאַלך־גריבער צו דער מאַשין, וועלכע נעמט אַרונטער פון די פעל די האָר, און די צוויי אַרבעטער וואָס האָבן אַנגעפירט מיט דער מאַשין האָבן שוין פאַר איינוועגס אויך אים, שוחטן, געטריבן ביז כמעט צום פאַרמוטשען אים. זיי האָבן געהאַלטן אין שרייען: גיכער, נאָך, נאָך פעלן; מיר, די מאַשין־מענטשן, מיר שטייען ליידיק, גיכער, מאָר, מאָר! (נאָך, נאָך, מערער). און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, ביז... ביז נאָך פיר וואָכן און אַ פאַר טעג אַרבעטן אויף אַזאַ אופן, האָט מען שוחטן אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, מיט שטאַרק פאַרברענטע פיס פונעם קאַלך, אַ פאַרחלשטן, אַ פאַרפייניקטן, כמעט אַ האַלב־טויטן.

איך, כאָטש אַ סך שוואַכער קערפּערלעך פון שוחטן, האָב זיך דאָך געהאַלטן פעסט און כ׳האָב פאַרגעזעצט מיין אַרבעט. כ׳האָב דערמוטיקט שוחטן נישט צו זיין פאַרזאָרגט און פאַרצווייפלט, — מיין געהאַלט וועט קלעקן פאַר אונדז ביידן, ביז ער וועט זיך צוריק שטעלן אויף זיינע פיס.

איך האָב זיך טאַקע געהאַלטן העלדיש. אָבער אין די אָוונטן, אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך וויניק־וואָס כוח געהאַט אַרויסצוציִען אויף אַ שפּאַציר, זיך אָפּפרישן נאָכן שווערן אַרבעטס־טאָג און האָב געמוזט פאַרבלייבן אין מיין צימער, ליגן און רוען.

מיינע פריינט, וואָס איך האָב אין דער צייט זיך דערוואָרבן, פלעגן זיך אַרומקלייבן אַרום מיין בעט, מיר באַדויערן און צוזען מיט טיפן צער מיין געפלאָגטן מצב.

דאָס רוב פון זיי האָבן מיר גערעטן איבערצולאָזן מיין אַרבעט אין דער לעדער־פאַבריק פאַר אַנדערע, פאַר שטאַרקערע. און עס איז געקומען אַזוי וויט, אַז זיי האָבן, — די נייע, געטרייע פריינט מיינע, — שטרענג אור ערנסט צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל מער אין דער לעדער־פאַבריק נישט גייך. און... נאָכן ערשטן פסח־סדר, ווען מיר זענען אַלע אַרויס שפּאַצירן, און זיי, — אַט די גוטע נשמות, — האָבן באַמערקט ווי איך פלאָנטער קוים מיט די פיס און קען זיך קוים האַלטן און נאָכהאַלטן דער פריילעכער קאָמפּאַניע, האָבן זיי אַלע ווי איינער זיך געאייניקט אויף אַ חברישן באַשלוס: מר. הורוויץ גייט נישט מער אַרבעטן אין דער פאַרשאָלטענער לעדער־פאַבריק!

איך בין טאַקע מער נישט געגאַנגען אַהין אַרבעטן. כ'האָב געפאָלגט מיינע גוטע פריינט און אויסגעפילט דעם דיקטאַט פון מיינע מידע און אָפּגעשוואַכטע גלידער. און... רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר.

31. — מלאכת הקודש — כשר פלייש פאַר ייִדן

עס האָט זיך אונטערגערוקט, אומדערוואַרט און אין אַ מזלדיקער שעה, (אין אפשר ריכטיקער געזאָגט — אין אַ שלימזלדיקער שעה), דער רווח והצלה. מ'האָט מיר פאַרגעלייגט און כ'האָב אָנגענומען, אפשר נישט מיט קיין גרויסע הנאה, אַרבעט אין אַ פלייש־פאַבריק, ווו מ'האָט פאַבריצירט פלייש קאָנסערוון:

איך האָב אויסגעביטן, ווי מ'פלעגט אַ מאָל ביי ייִדן אין אונדזערע מקומות זאָגן: קילאָ נאָ מילאָ, די שמוציקע אַרבעט אין דער לעדער־פאַבריק אויף אַ נאָך מער שמוציקערע אַרבעט ביים פלייש פּרעזערווירן; הגם נישט אַזוי שווער, אָבער דערפאַר אַ סך, אַ סך שמוציקער. איך האָב זיך פאַר מיינע פריינט געוויצלט: — איך האָב מיך אַרויפגעאַרבעט אַ שטאַפּל העכער, פון פעל צו פלייש, שוין אַ ביסל אַ העכערע מדרגה. אָבער ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָב איך שוין גאָר קיין סיבה נישט געהאַט זיך צו וויצלען, צו זיין צופרידן — אוודאי נישט.

מיין געהאַלט אויף מיין נייעם אַרבעטס־פּלאַץ, — אויך אין פּוטסקריי, — איז געווען דרייסיק שילינג אַ וואָך. אָבער, אָט דער „אָבער" האָט געלייגט אַ טרויעריקן חותם אויפן גאַנצן עסק. די באַדינגונגען זענען געווען: איך מוז וווינען אין הויז וואָס ביי דער פאַבריק, צוזאַמען מיט מיין בעל־הבית, אַ דייטשער ייִד, 84 יאָר אַלט, וועלכער, אַגב, איז קיין מאָל ווייטער ווי פונעם הויף פון זיין הויז נישט אַוועקגעגאַנגען. און ער האָט עס געזוכט אין מיר אַ מין משרת, אַ הויף־נאַר, נישט חלילה קיין הויף־ראַט. ער האָט געדאַרפט און געפאָדערט מיין אָנוועזנהייט, כדי אים צו פאַרשאַפן געזעלשאַפט. און דערמיט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר שווערע צייטן, דווקא נישט אין פיזישן זין. טעג — נישט אַזוי קיין שווערע, די אַרבעט — צו פאַרטראָגן, די מיטאַרבעטער — צו פאַרליידן, און דאָס עסן און מיין צימער — גאַנץ צופרידנשטע־

לנדיקע. דערפֿאַר, אָבער, די אָוונטן, רבש״ע, די אָוונטן צרהדיקע, חושכדיקע, פֿאַר־אומערטע. דאָס הויז, — אַכט גרויסע צימערן מיט צוויי גרויסע טעראַסעס אַרום, — אַ הויף אַ וואַלד אַ גאַנצער, און אין פֿראָנט פֿונעם הויז, טאַקע אין ריזיקן הויף — די פֿאַבריק. פֿון דעם אַליין האָט שוין געוויִעט און געפּאַכעט מיט אומהיימלעכקייט. אין הויז האָבן אויך געוווינט — אַ חוץ דעם אַלטן — זיינער אַ זון, אַ דערוואַקסענער, שוין אַפּילו אַן איבערגעוואַקסענער, אַ יאָר 34 אַלט, אַ נודניק, אויפֿן טאַטנס שניט, אַן איינגעגעסענער עגאָיִסט, אַ פֿרויען־יעגער און נישט קיין שלעכטער פּיאַנאָ־שפּילער, אַפּילו טאַקע זייער אַ באַגאַבטער מוזיקער. און אַ טבע האָט ער געהאַט, אַט דער צעפּיעסטשעטער אַלטער בחור, צו דאַרפֿן אַלץ, צו ווען אַלץ און צו נעמען אַלץ; באָרגן און פֿאַרגעסן צוריק צו געבן.

אין דער זעלבער שטוב האָט אויך „געוווינט״, בעסער געזאָגט, האָט זיך געפֿונען אַ טאָכטער פֿונעם בעל־הבית, ביי 30־32 יאָר אַלט, אַ משוגענע, אַ פֿון זיבען געדירטע, וועלכע האָט שוין געהאַט פֿאַרבראַכט אין אַ שפּיטאָל פֿאַר גייסטיק־קראַנקע אַ היפּשע צייט, אָדער אפשר טאַקע אין אַ משוגעים־הויז ערגעץ־ווו געווען. נאָר איצט, פֿאַר מיין פֿאַרגעניגן וועגן ווייזט אויס, האָט זי זיך געפֿונען אין הויז אין אַ צימער און אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַ קראַנקנשוועסטער, וועלכע האָט געהאַט איר צימער אין שכנות מיט דער פּאַציענטקע אירער. עס האָט אויך געהאַט אַ צימער פֿאַר זיך זעלבסט אַ דינסטמיידל, וואָס האָט געהאָלפֿן אין דער באַדינונג פֿון דעם גרויסן פּאַלאַץ.

אָט, ווי ביז איצט געשילדערט, אָט דאָס איז געווען דער פּערסאָנאַל פֿון דעם רחבותדיקן הויז, וואָס האָט זיך געטוקט אין גרויער מוטנעקייט, און איך, דער קרבן פֿון גורל, איך האָב זיך געבויצעט אין דער זויערקייט פֿון דער זעלבער מוטנעקייט און כמעט ווי פֿאַרשוווּמען געוואָרן אין איר, זיך נישט אַרויסגעזען פֿון דעם שימל־בעפּל.

די קריכנדיקע צייט האָט זיך געררוקט אין האָמעטנער צעצויגנקייט; דער מוט האָט געפּרוּירן, די האָפֿענונג האָט געגליווערט, די נשמה־ליכט האָבן מיט מוראדיקער לאַנגזאַמקייט געצאַנקט.

איך האָב געאַרבעט געטריי און מיט פֿלייס; געהאָלפֿן פּרעזערווירן פֿלייש, אָפּט כשרע פּושקעס פֿלייש פֿאַרן עקספּאָרט קיין לאָנדאָן, ליווערפּול, לידס, אָדער מאַנטשעסטער, באַשטעלט דורך די ראשי־הקהילות פֿון די דערמאָנטע שטעט אין אַ יידישער פֿאַבריק, וועלכע האָט עס געדאַרפֿט מקפּיד זיין אויף דער כשרות פֿון די פֿלייש, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון מעלבורנער ראַבינאַט:

די אַרבעט מיינע האָט מיך געהאַלטן באַשעפֿטיקט. דער גוף האָט געאַרבעט, די נשמה האָט גערוט, דאָס האַרץ האָט געחלומט. און אין די אָוונטן — פֿאַרקערט: דער גוף האָט גערוט, דאָס האַרץ האָט געטרויערט, די נשמה האָט געוויטיקט.

— „דערציילן זי מיר נאָך מעשיות וועגן דעם חזירשן רוסלאַנד, וועגן צאַר, וועגן די פּויערים, וועגן די יודן, די יודן פון פּאָלנישן אַבשטאַם. דערצייל, דערצייל, איך האָב ליב צו הערן". און איך האָב דערציילט, אַ ברירה האָב איך געהאַט. איך האָב דערציילט און פאַרשאַפט נחת־רוח מיין בעל־הבית, מיין ברויטגעבער. מיינע „זאַנ־דערבאַרע געשיכטן" האָבן דעם בעל־הבית מיינעם איינגעשלעפערט און אין זיין דרימל האָט ער, — הער גראַופּנער, — כאַרכלענדיק געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע געהאַקטע זאַצן און ווערטער: פּאָלנישע יודן, צאַר ניקאָלאַס דער ערשטער, מיסלאָ־וויץ, סטיפּאָוועץ און נאָך אַנדערע אויסדרוקן, אָן אַ באַדייטונג, אָן אַ פאַרבינדונג צווישן זיך, פּוסטע פּלאַפּלעריי.

איך האָב אָנגעהויבן פילן, אַז איך ווער דערשטיקט אין דער טוכלער, פייכטער זומפּיקייט פון דעם גרויסן הויז.

אין די זונטיקדיקע נאָכמיטיק־שעהן פלעג איך אַרויספאָרן צו טרעפן זיך מיט פריינט אין קאַרלטאָן, וואָס האָבן שטענדיק געוואַרט אויף מיר צו הערן ווי עס לעבט זיך מיר. אין די וואָכן־טעג, אָבער, איז מיר נישט דערלויבט געווען צו פאַרלאָזן דאָס הויז, איבערלאָזן דעם אַלטן אַליין, איבערהויפּט אין אָוונט. עס איז אַפילו געקומען דערצו, אַז אין די נאָכמיטיק־שעהן, זונטיק, האָט ער —דער אַלטער— אויך אונטער־געמורמלט און פּראָטעסטירט קעגן מיין „פאַרלאָסען" אים. ער האָט אויך זעלטן־ווען פאַרפעלט צו דערמאָנען מיר, אַז איך זאָל צוריקקומען נישט שפּעט „אָם אָוונט". — ביינאַכט, — פלעגט ער זאָגן און אונטערשטרייכן, — „ביינאַכט מוסען זי זיין צו הויזע". יאָ, ווי דען אַנדערש, ביינאַכט מוז איך דאָך אים אונטערהאַלטן, דעם אַלטן עובר־בטל, אים דערציילן מעשיות פון „דעם חזירשן רוסלאַנד".

32. — בריוו פון חיהן — זאָלץ אויף די וווּנדן

ווען איך האָב דערהאַלטן דעם ערשטן בריוו פון חיהן פון דובאָסאַר, איז אין אים שוין געווען אַן אויסדרוק און אָנדייט פון געמישטע געפילן און רעאַקציע בנוגע מיין פאַרלאָזן ארץ־ישראל. זי האָט נישט פּראָטעסטירט קעגן מיין האַנדלונג, נאָר זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ צו־איבערגעאיילטן שריט פון מיין זייט. אַמווייניקסטן, — האָט זי געשריבן, — האָב איך זיך באַדאַרפט באַראַטן מיט איר איידער איך האָב עס געטאָן. דאַקעגן, אָבער, איז אויך צוזאַמען מיט איר בריוו געקומען אַ בריוו פון איר פאָטער, פול מיט כעס און ווילדן צאָרן.

אויסטראַליע, — האָט ער געשריבן, — אַ ווילד לאַנד, אין עק וועלט, ווו שוואַר־צע, פאַרווילדעוועטע שבטים לויפן אַרום נאַקעטע און פרעסן אויף יעדן ווייסן מענטש וואָס זיי דערטאַפּן. אין אַזאַ פאַרוואָרפענער מדינה ווילסטו פאַרשלעפּן מיין קינד, זי זאָל זיך דאָרטן טיילן מיט דיר דיינע צעדרייטע משוגעתן? ניין, ער וועט קיין מאָל נישט דערלאָזן זיין קינד אַריינשלעפּן אין אַזאַ עיפּושדיקער בלאָטע, און נאָך און נאָך,

אין דעם זעלבן גייסט און נוסח האָט ער, — איר פאָטער, — געשריבן שטעכעדיק און שפּיציק אין די אָנגעפּיקעוועטע שורות פון זיין זייער באַלערנדיקן בריוו.

איך האָב זיך געפילט טיף באַליידיקט און אינערלעך אָנגערירט פונעם תוכן פון זיין שרייבן און אויך — פאַרוואָס ער דערלויבט זיך אַזוי טרויעריק־ערנסט אַריינצומישן אין אונדזער פּאַרהייראַטן לעבן: כ׳האָב איבערהויפּט געהאַט גרויס עגמת־נפש פון דעם וואָס חיה לאָזט זיך צופיל באַהערשן און באַאיינפלוסן פון איר פאָטערס מיינונג.

אין מיין בענקשאַפט צו חיהן און אונדזער קינד, האָב איך געפילט טיפע, שאַרפע און שמערצלעכע קרענקונג, און ווען כ׳האָב איבערגעלייענט דעם בריוו אירן און איר פאָטערס, האָב איך כמעט ווי צוזאַמענגעבראָכן. מיין געמיט איז געווען דערשיטערט, מיין שטאָלץ און ווירדע — דערנידעריקט און באַליידיקט, און אין מיין טרויעריקן צושטאַנד אין דעם גרויסן פּוסטן הויז פון דער גראַופנער־פאַמיליע, האָב איך מיך גאָר געפילט צעשמעטערט, דערשלאָגן און פאַרלוירן.

אין מיינע בריוו צו חיהן האָב איך איר געפּרוווט אויפקלערן, אַנטוויקלען אין איר אַ געפיל פון האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט פאַר אונדז און אַז אויסטראַליע איז אַ נייע מדינה, אַ ציוויליזירטע מדינה, מיט גוטע מעגלעכקייטן און אויסזיכטן אויף בעסערע צייטן; און אַז אין אויסטראַליע גייט אָן און ס׳אַנטוויקלט זיך גאָר אַ ניי לעבן, אויף פרייע און טיף־באַגרינדעטע מענטשלעכע יסודות און באַגריפן, ווו דער אינדיווידו שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער געשטאַלטונג פונעם לאַנד, פונעם לעבן און געזעלשאַפטלעכן אַרומנעם.

מיט אַ טיפן, קרענקלעכן באַדויערן מוז איך דאָ צוגעבן, אַז מיינע באַמיִונגען אַרויסצורייסן חיהן פון איר פאַרוואָרצלטער, פאַרגרייזטער, כמעט אָבערגלויבישער פאַרשטעלונג וועגן אויסטראַליע, געפלעגט דורך איר פאָטערס ווירקונג זענען געווען אומזיסטע, נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף איר. ס׳האָט זיך מיט לויף פון דער צייט געשאַפן צווישן אונדז אַ פּוסטער חלל, אַ טיפער און ווייטער מרחק. און דערווייל, די צייט גייט פאַרביי, חדשים פאַרביייטן וואָכן, און צו מיין פיינלעכן מצב איז קיין ליכטיקער אויסוועג נישט צו זען. אַלץ האָט געהאָלפן צו שאַפן פאַרביטערונג, צו פאַרטיפן דעם וויי. אַלץ אַרום: ביי דער אַרבעט און אין שטוב, בייטאָג צי ביינאַכט — אַלץ איז געווען שוואַרץ און חושכדיק: דער אַלטער, מיט זיין צודרינגלעכקייט, איך זאָל אים וואָס מער אונטערהאַלטן; די משוגענע טאָכטער, מיט אירע פרידלעכע, אָבער דאָך שטעכיקע, וואַנזיניקע בליקן און גלאַט אומאויסגעהאַלטענער מענטשלעךפאַרשטאַנדיקער האַלטונג און אויך אַ מאָל, נישט זייער אָפט אַפילו, מיט אירע זייער שטורמישע אויסברוכן פון פּשוטער משוגעת, — דאָס אַלץ האָט זייער פיל צוגעהאָלפן און פאַרגרעסערט דעם ביישטייער צו דער אומדערטרעגלעכער טאָג־טעגלעכקייט.

זי האָט איין מאָל, אַרום צווי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט, געכאַפּט אַ מעסער,

אַ קיך־מעסער, און זיך אַוועקגעלאָזט אויסקוילען אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז. און נאָר די וואַכזאַמקייט און דער צייטמעסיקער אָפּהאַלט פון דער קראַנקנ־שוועסטער האָבן פאַרמיטן אַ קאַטאַסטראָפע. זי האָט אַפילו, אָט די אומגליקלעכע יונגע פרוי, אונדז דאָך אַ מאָל פאַרשאַפט אַ סך אַנגענעמע מינוטן מיט איר וווּנדערבאַרער שיינער סאָפּראַנאָ־ שטימע, ווען זי פלעגט אַריינפאַלן אין אַ רויִקער, גוטער שטימונג און זיך צוריקגעקערט צו די טעג פון איר גלענצנדיקער קאַריערע ווי אַן אָפּערע־זינגערין. זי איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ זייער אָנגעזעענע זינגערין, אָט די איצט פון זינען־געווירטע פלאָרא גראַופנער. אָבער איצט — אַ צוגאָב צו דעם חורבן משפּחה־הויז פון דעם אַלטן הער גראַופנער און אַ צושטייער צו מיין פיל־וויניק צעבראָכן לעבן. און אין אָט דעם כאַאָטישן צושטאַנד מיינעם האָט אַ שטראַל זיך באַוויזן, אַ פלעמל אויפגעלויכטן.

33. — גאָלד־פיבער. — איך פאָר זוכן גאָלד

זינט מיין אָנקומען אין אויסטראַליע, האָב איך מיך געשטעלט אין אַ בריוולעכער פאַרבינדונג מיט מיינעם אַ קוזין, שלמה ווערטהיים, אַ זון פון מיין מוטערס שוועסטער עטל, וועלכער האָט זיך געפונען אין מערב־אויסטראַליע אין אַ קליין שטעטל, מאָליין, טיף פאַרשטעקט אין די בוש (דזשונגל). ער, ווערטהיים, האָט אין מאָליין, אין דער אומגעגנט פונעם שטעטל, צוגלייך מיט אַ סך אַנדערע איינוווינער געזוכט גאָלד, זיך געיאָגט נאָכן געלן מעטאַל מיט דער האָפענונג רייך צו ווערן, אָנזאַמלען פאַרמעגנס.

אין זיינע בריוו צו מיר האָט פון יעדער שורה אַרויסגעלאָנצט דער שיין פון גאָלד; יעדער וואָרט האָט געשטראַלט מיטן אָפּשיין פון אַ טיף־געהיימנישפולער האָפענונג: אָט־אָט און עס בליצט אויף אַ גאָלד־אָדער אין די טיפענישן פון דער ערד־אינגעווייד און באַגליקט דעם מענטש שלמה ווערטהיים.

ווערטהיים האָט מיט גלייִענדיקע ווערטער געשילדערט די געפילן זיינע און אויך פון זיינע באַקאַנטע, וואָס ווערן אויפגעברויזט און אויפגעשרויפט צו יעדן מאָמענט ווען די פאַרבאָרגענישן אין דער צעגראָבענער ערד אַנטפּלעקן אַ שפּור פון דעם גע־גאַרטן מעטאַל, אָדער אַפילו נאָר אַ שוואַכן שיין דערפון, אַ סימן פון דעם... אָט־אָט!

אין מיר האָט אויפגעלויכטן אַ פאַרשטיקט, נייך — אַ פאַרשלאָפן פייערל פון די פאַרלאָפענע צייטן, ווען די לוסט זיך אַוועקצולאָזן אין די ווייטקייטן פון דער פאַרהוילענער מיסטעריע איז ביי מיר געווען ווי אַן אידעע־פיקס, עפּעס ווי אַ מין צייִענדיקע, שלעפנדיקע קראַפט וואָלט אין מיר גענעסטיקט, געלעבט אין מיינע חושים און גע־טליעט, געוועקט, גערופן און געצויגן מיר אַהין, אַהין צו יענע ווייטקייטן ווו... נאָר איך פעל דאָרט צו דערגאַנצן דעם גליק פון אַנדערע און פון מיר אַליין אויך. און אַוודאי, מיט יעדן דערהאַלטענעם בריוו פון ווערטהיימען האָט אין מיר מער און מער

זיך צעפלאָקערט די פאַנטאַזיע פון... גאָלד, גאָלד, גאָלד װאָס װעט מיר, דעם פאַר־װאָרפענעם, דעם פאַראומגליקטן אײזיק אפשר פון זומפּ אַרױסשלעפּן, פון אומגליק אַרױסראַטעװען.

אַרום אָקטאָבער 1910, האָב איך פאַרלאָזן מײן אַרבעטס־פּלאַץ, באַשטיגן אַ שיף װאָס האָט מיר אין אַכט טעג אַרום געבראַכט קײן פּערט, פון װאַנען איך בין מיט דער באַן געפאָרן קײן מענזיס, אַ שטעטל 465 מײל װײט פון פּערט, װוּ איך האָב אײ־בערגענעכטיקט און אױף צו מאָרגנס האָב איך פאָרגעזעצט מײן רײזע קײן מאַלײן מיט דער „מעיל קאָוטש", ד"ה מיטן פּאָסט־װאָגן. פופציק מײל דורכן דזשונגל, אָן צו באַגעגענען אַפילו אײן ישוב אױפן גאַנצן װעג אױסער בלױז אײן־אײנציקע הױז, אַן אַכסניה אין דער מיט װעג, װוּ אַ פרױ, אײנע אַלײן, האָט אָנגעפירט מיט דעם גאַסט־הױז און פון דעם געצױגן איר חיונה.

װערטהײמס און זײן פרױ רײכל, האָבן זיך זײער געפרײט מיט מײן אָנקומען. אַ קרוב, אַ נײער, פרישער מענטש, און נאָך אַ ייִד מיט װעמען אַ ייִדיש װאָרט אױס־צורײדן. ס'איז געװען נאָך אַ צװײטע ייִדישע פאַמיליע אין מאַלײן, פינקעלשטײן. די פרױ פינקעלשטײן — אַ שװעסטער פון דער פרױ װערטהײמס.

מאַלײן, די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַרום הונדערט פאַמיליעס, װאָס מ'קען זאָגן, אַז די גרעסטע טײל פון זײ זענען שױן דאָרט געזעסן מער צוליב נױט, איבער געװאַלט, קעגן זײער װילן. געװען אַ מאָל אַ גרױסע באַפעלקערונג אין מאַ־לײן, בײ אַ 600 פאַמיליעס און אפשר מער, װען דער „גאָלד־בום" איז געװען רױשיק, געװאַלטיק צוציִענדיק; װען גאָלד האָט זיך ממש „געװאַלגערט אין די גאַסן". יעדן טאָג האָט מען דאָ און דאָרט געפונען שטיקלעך גאָלד, ביסלעך גאָלד. און גאָלד איז געגאַנ־גען פון האַנט צו האַנט און געװענדערט די מוחות, געטרײסלט די הערצער, געהיצט און געשטורעמט די געפילן.

איצט, װען איך בין אָנגעקומען קײן מאַלײן, איז זי שױן געװען כמעט אַ יורדת, אַרונטער פון איר גדולה. פון די זעקס באַנק־אינסטיטוציעס װאָס פלעגן אין מאַלײן אין די „גאָלדענע צײטן" אָנפירן גרױסע פינאַנסיעלע טראַנזאַקציעס, איז שױן איצט אַפילו קײן אײן באַנק נישט געװען, און פון די אַכט „פּאַבס", טרינק־הײזער, אױף ייִדיש, װוּ דאָס גאָלד פלעגט צײטנװײז איבערגײן פון אײן שיכורס האַנט אין אַ צװײטן שיכורס האַנט, אָדער גאָר אַרײנפאַלן אין די הענט פונעם בעל־הבית פון „פּאַב" פאַרן פּרײז פון בלױז אַ טרונק בראַנפן (װיסקי). פון אָט די זײער בכבודיקע אַכט „פּאַבס", זענען שױן פאַרבליבן נישט מער װי צװײ גוססדיקע טרינקהײזער. אין מאַלײנער באַ־צירק האָט זיך ביסלעכװײז אױסגעשעפּט דאָס גאָלד און װאָס ס'איז נאָך געװען צו גע־פינען, האָט מען שױן מיט גרױס מי און פיל זיעת־אַפּים געקענט זיך דערשלאָגן צו דעם. און פון די קרוב צו הונדערט פאַמיליעס אין מאַלײן, זענען שױן אַ טײל פון זײ־שטענדיק געשטאַנען גרײט און פאַרטיק אײנצופּאַקן זיך און פאַרלאָזן, גײן זוכן חיונה

ערגע אַנדערשוווּ. זיי זענען אָבער, אַט די שטענדיק־גרייטע פאַרבליבן און ווייטער געזוכט, נישט האָבנדיק געניג געלט און מיטלען אויף דורכצופירן זייער ווּנטש און ווילן.

אין אַט דעם צעשוווּמענעם געטומל בין איך, נאָך אַ שלימזל, צוגעקומען און פאַר־גרעסערט די צאָל פון זוכער פונעם זעלטענעם, פונעם אויג־פאַרהוילענעם געלן שטאָף אין דער אומגעגנט פון כרך מאַליין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„...דו גייסט אַרום און האַלטסט די אויגן אָפן, זוכסט און קוקסט, דו קוקסט און זוכסט. דאַרפסט זיין וואַך צו יעדן שטיינדל און באַמערקן עס. און אַן אונטערשייד איז פאַראַן פון איין שטיינדל צום צווייטן, אַ גרויסער אונטערשייד. כאָטש פאַר דיר, פאַר אַ ביי אויג, וועלן זיי, אַלע שטיינדלעך אויסזען גלייך. און דו דאַרפסט פון מאָל צו מאָל אויפהייבן אַ שטיינדל, דאָס גוט באַטראַכטן, עס צעברעכן און אָנשפּייען דערויף. אַט דאָס אָנשפּייען העלפט אַרויסברענגען דאָס פאַרבאָרגענע אינעם שטיינדל, דאָס אינע־ווייניקסטע דערין דאָס „נשמהלע״ פון שטיינדל״. — אַט אין אַזאַ מין תרגום־לשון האָט מר. ווערטהיין מיר געגעבן די ערשטע לעקציע אין הלכות גאָלד זוכן, נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין געהאַט אויסגעפּרעגט אייבער דעם אַנדערן אויף אַלע אינטימע און וויכטיקע איינצלהייטן וועגן דער משפחה, ארץ־ישראל, מעלבורן און אַזױ.

מר. ווערטהיים האָט גערעדט און גערעדט און האָט באַפּוצט און באַזאַלצן זיין לעקציע, פונקט ווי אַ פּראָפעסאָר פאַר סטודענטן. איך בין געזעסן מיט ברייט־פונאַנ־דערגעעפנטע מויל און אויערן און זיך צוגעהערט צו דער טיפער און וויסנשאַפטלע־כער לערע פון מר. ווערטהיימס ידיעות אין דער גאָלד־תורה און איך האָב באַוווּנדערט זיין באַהאַוונטקייט אין דעם אַלעם, נאָך דעם ווי איך האָב אים געקענט און געדענקט ווי אַ שטובן־מאָלער, אָדער אַ „שטיקל פאַרבער״, און דאָ גאָר — אַ באַלערנטער געאָ־לאָג, וואָס באַנוצט זיך מיט ווערטער און טערמינען פון וועלכע עס הייבט אָן שווינדלען פאַר די אויגן און דער קאָפּ הייבט אָן גיין כאַדאָראָם. „קוואַרץ, ריף, וואַשינג־פּען, גאָלד־דאַסט, דיינימייט״ און נאָך אַזעלכע מוראדיקע, טערפּקע ווערטער, פרעמדע, נאָ־דלדיקע, שפּיציקע ווערטער וואָס רופן אַרויס אי כבוד, אי שרעק און פחד צוזאַמען.

אָנגעקומען אין מאַליין בין איך דאָנערשטיק פאַרנאַכט. פרייטיק האָב איך גערוט און שבת נאָכמיטיק האָט מר. ווערטהיים מיך אַרויסגענומען אין דזשונגל אויף אַ שפּאַ־ציר, כדי מיר צו געבן אונטערריכט אין די גאָלד־זוכעניש ביזנעס „אין שויס פון דער נאַטירלעכער ווירקלעכקייט״.

ביי אַ מייל ווייט פונעם שטעטל, שוין טיף אין דעם דזשונגל, האָט מר. ווערטהיים אָנגעהויבן אויפהייבן אַ שטיינדל נאָך אַ שטיינדל, באַטראַכט יעדן איינעם זייער אויפ־מערקזאַם, מעשה פאַכמאַן, מעשה עקספּערט. ער האָט אַפילו אויך אויפגעהויבן צוויי־

דריי שטיינדלעך פאַר אַ מאָל, צעבראָכן איינעם מיט דער הילף פונעם צווייטן, עס פּיכט געמאַכט און דערביי אָנגעשטרענגט דאָס אויג אויפן פּיכטן פינטל, אַריינגעדרונגען כמעט אין שטומען שטיינדל אַריין און... און עס אַוועקגעוואָרפן.

מיר זענען געגאַנגען און געגאַנגען. וואַלד און וואַלד, הויכע ביימער, אַלטע, צעשפּרייטע און יונגינקע ביימעלעך, ערשט־אַ פון שפּראָץ. טוליען זיי זיך די ביימעלעך, די תינוקותלעך, אין שאָטן פון די באַיאָרטע, פון די באָבעס און זיידעס פונעם גרויען דזשונגל און דאָ, אַרום און אַרום זיי, צופוסנס און ביים זייט — שטיינער און ערד, שטיינדלעך און שטיינער. מיך האָט אָנגעהויבן אַרומנעמען אַ געהיימע בייסנדיקע צופּעניש, אַ מורא־געפיל האָט אָנגעהויבן זיך פאַרגנבענען: צי קריך איך דאָ נישט אין אַ פאַנטאַסטישן אָפּגרונט אַריין? צי באַגיי איך דאָ נישט אַ גרויסע טפשעוואַטע העלדישקייט, זיך לאָזנדיק דאָ אַריינוויקלען אין אָט דער ווילדער שטנישער ליצנות.... שטיינדלעך, ביימער, אוראַלטער מעשה־בראשית, וואַלד און פוסטקייט אַרום, טרוקענע ערד און אַ חלום פון עפּעס אַ מעטאַל וואָס דאַרף גליקלעך מאַכן.

און ווען ווערטהיים האָט נאָך און נאָך שטיינדלעך צעבראָכן, זיי באַשפּיגן און זיי בודק געווען, גוט און מייסטערהאַפט זיי געבודקט און אין מיר ביי זיין זייט האָט ער כמעט אין גאַנצן פאַרגעסן, האָט זיך מיר אַ געדאַנק שוין פאַרגעשטעלט, אַז ער אַליין, מר. ווערטהיים, איז עס טאַקע דער שליח פונעם שטן, אַז אָט־אָט טוט ער אַ שפּיי אויף מיר, אויפן שטיינדל, און פון אונדז אַלע דריי טוט אַ יאָג אַ הויפן גאָלד־שטויב, געמישט מיט חוזק־שפּאָס פון שטנס שפּיל.

— פאַרשטייסט, — האָט זיך מר. ווערטהיים ווי דערמאָנט אָן מיר, — פאַרשטייסט, אָט די פּיכטקייט פונעם שפּיי, ברענגט אַרויס דאָס אָנזעעוודיקע וואָס דאָס שטיינדל אַנטהאַלט, אָדער עס דאַרף באַזיצן. און די שטיינדלעך וואָס פאַרמאָגן אין זיך גאָלד־שטויב, זיי זענען עס די מיוחסים פון דזשונגל; זיי דאַרף מען נאָכפאָלגן, נאָכגיין דעם שליאַך פון זייערע וואַנדערונגען און זיי קייטלען איינס מיטן צווייטן. אָט, זעסט, ביי דיר זענען זיי דאָך אַלע גלייך, אַלץ איינע און די זעלבע. אָבער האָסט אַ טעות, מיין ליבער, זיי זענען גאַנץ פאַרשידן און מען מוז זיי גענוי און גוט באַטראַכטן, כדי צו קענען נאָכגיין אויף זייער שפּור. אָט, פון דאָרט קומען זיי, דאָס בערגעלע דאָרט אויבן; פון דאָרט האָבן זיי די וואַסער־שטראָמען פון די שטאַרקע רעגנס געטראָגן, זיי געפירט און דאָ, אין דער נידער זיי אַוועקגעלייגט. און ווען מ'גייט זיי נאָך, אַ מאָל אַפילו אַ געוויסע צאָל מיילן און מ'געפינט דעם פאָטער זייערן, דעם שטאָם פון וועלכן זיי קומען אַרויס, דאָס הייסט דעם ריף, וואָס געפינט זיך טיף אין דער ערד, אָבער ער גרייכט ביזן אויבערפלאַך. יאָ, ווען מ'געפינט דעם ריף און מ'נעמט אַרויס אַ טאָן שטיינדלעך, פינף טאָן, צען טאָן און פון יעדן טאָן שטיינדלעך באַקומט מען אַרויס פינף אונצעס גאָלד, אַכט, אָדער צען אונצעס גאָלד און אָפּט מער אויך, יאָ, דאַן ברודער, — אָ, דאַן... ווערטהיימס אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט גאָלד־גרינע פייערלעך, ממש גע־

ברענט מיט גאָלדיק־רויטע פלעמלעך. „מען באַקומט אַרויס פון יעדן טאָן שטײנדלעך פינף אונצעס גאָלד, צען אונצעס, צוואַנציק אונצעס גאָלד פון אַ טאָן שטײנדלעך, — דו פאַרשטײסט וואָס דאָס הײסט, וואָס דאָס מײנט?!”...

אַוודאי האָב איך שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטײן. כ׳האָב אָבער פאַרשטאַנען נאָך אַ זאַך אויך. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ווען מען באַקומט אַרויס צען אונצעס, צוואַנציק אונצעס פון אַ טאָן שטײנדלעך איז אַוודאי און אַוודאי גוט — ווען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דער ערשטער לעקציע אין דזשונגל האָב איך אָנגעהויבן אײנזען אַז — יאָ, איך ווער אַ גאָלד־זוכער. דער „ווען” אָבער האָט אָנגעהויבן עגבערן אין מוח און צע־שטערט די האַרמאָניע.

ווען אויפן צווײטן טאָג, זונטיק, זענען מיר ווידער אַרויס אין דזשונגל לערנען די טעאָריע פון גאָלד־זוכערײ, האָט מיר ווערטהײם אָוועקגעפירט צו אַ שטיקל פעלד וווּ עס זענען געווען אַ געוויסע צאָל בערגלעך ערד און אָנגעהויפנטע שטײנער, וואָס אַנ־דערע גאָלד־זוכער האָבן דאָ מיט שווײס און שווערער פּראַצע באַשאַפן. דאָ האָבן מענטשן געזוכט און געזוכט און נאָכגעיאָגט דעם גאָלד־ריף פון דער גאָלד־מינע „יונג־אויסטראַליע”. ווערטהײם האָט מיר, ווי אַ חדר־יינגל, אָוועקגעזעצט אויף אַ בערגל ערד און האָט אָנגעהויבן, ווי אַ רש״י־מלמד, קנעלן מיט מיר אַלע הלכות, פּירושים און מפרשים פון גאָלד־זוכעניש: — אָט־אָ דאָרט, — האָט ער מיר מיט דער האַנט אָנ־געוויזן, — געפינט זיך די גאָלד־מינע „יונג־אויסטראַליע”. און ווען דיר, ווען אונדז געלינגט צו געפינען און איבערנעמען דעם זיך־ציִענדיקן רײכן גאָלד־אָדער, גאָלד־ריף פון אָט דער „יונג־אויסטראַליע” גאָלד־מינע, וועלן מיר דאַן, — דו, איך און מײן שותף מר. רײען, — ווערן גבירים און זײן מיט לײטן גלײך.

דער „מיט לײטן גלײך” איז אַזוי אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך מר. ווערטהײם, אַזוי אומצווײדײטיק אונטערגעשטראָכן דורך אים, אַז גלײך ווי מיר אַלע דרײ זענען מיר גאָרנישט מיט נישט — שטויב.

און פאַרזעצנדיק זײנע פּראַקטישע און אַפילו אויך כמעט טעאָרעטישע באַגרינ־דונגען פון דעם גאָלד־לערע קאָדעקס, האָט ער, מר. ווערטהײם, אַלץ מער און מער פאַר מיר קלאָר געמאַכט, וואָס עס מײנט גאָלד זוכן, גאָלד געפינען און אַלץ וואָס איז מיט דעם גאַנצן מיסטעריעזן עסק פאַרבונדן.

— אַ ריף, — האָט ער מיר געלערנט, — דאַרפסטו שטענדיק אין זינען האָבן, בעמט זיך זײן אָנהײב פון דעם אויבערפלאַך פון דער ערד און גײט אַרונטער טיפער און טיפער אין דער ערד, עטוואָס אויסגעבויגן, נישט מיט אַ גראָדער ליניע. און אַזוי אַרום, ווען מיר זאָלן דאָ, אויף דעם פּונקט וווּ מיר געפינען זיך איצט, גראָבן אַ טיפע גרוב, אַ „שאַפט” הײסט עס אויף אונדזער לשון, וואָלטן מיר געקענט אים, דעם ריף,

איבערהאַקן זיין וועג און צאַפּן פון אים דעם אוצר גאָלד, וואָס אויך די בעלי־בתים פון דער „יונג־אויסטראַליע" צאַפּן ביז איצט פון אים.

ווען מר. ווערטהיים האָט זיינע לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט: „צאַפּן פון אים דעם אוצר גאָלד", האָט איבער זיינע ליפּן, ווי אַ הייסער שלאַם גערונען.

נאָך אַ דריי־פיר שעה אַזוי איינשטודירן מיט מיר די משנה־גאָלד, האָט מר. ווערטהיים מיר אָנגעוויזן אויפן סאַמע פונקט, ווו איך וועל מאַרגן דאַרפן גראָבן דעם ערשטן רידל ערד.

גייענדיק צוריק פון „חדר" אַ היים האָט מר. ווערטהיים פון צייט צו צייט געהאַלטן אין איין אָנדייטן די סימנים אויפן וועג, ווו איך וועל דאַרפן מאָרגן דורכגיין אויף מיין וועג צו דערגרייכן און צוקומען צו דער באַזע פון מיין אַרבעטס־ווינקל.

— זע, — האָט מר. ווערטהיים געזאָגט, מיט אַ ביסל חוזק אין טאָן, — פאַרלירסטו דעם שליאַך פון דיין וועג צו דיין אַרבעטס־פונקט, קאָנסטו אויך חלילה פאַרלירן דיין לעבן. עס האָט פּאַסירט, אַז גאָלד־זוכערס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין דזשונגל און אין אייניקע טעג אַרום האָט מען זיי געפונען טויטע, געשטאָרבן פון הונגער, אָדער פון דורשט, מערסטנטייל פון דורשט. זע זשע, קוק זיך אַרום גוט און באַמערק יעדן סימן, יעדן ביימל, הויפן ערד אָדער גראָבן, כדי דו זאָלסט וויסן, זאָלסט קענען מאָרגן אויף זיכער צוקומען צום פּלאַץ, ווו דו דאַרפסט אָנהייבן אַרבעטן.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען, האָט שוין פרוי ווערטהיים אומגעדולדיק געוואַרט און איז געווען זייער באַזאָרגט.

און... אָט אַזוי האָב איך באַקומען מיין אונטערריכט און אַריינפיר אין מיין נייעם אָרט לעבן.

34. — געיאָגט פון אימת־מות

די זון האָט שוין אירע לעצטע קאַלטע פּורפּור־גאָלדיקע שטראַלן געשפּרייט איבער דעם גאַנצן מקום אַרום. עס האָט שוין אין דער קילער לופט זיך געפילט דער אָניאָגנדיקער פחד פון דער נאַכט אין דער בייזער דזשונגל־וויסטעניש, ווען איך האָב אַרומגעגנומען פון אימהדיקן גרויל פאַר דעם שלינגענדיקן דזשונגל זיך צוגעשלעפּט צום ראַנד פון ברייטן שליאַך וואָס האָט געפירט פון מאַליין צו דעם שכנותדיקן שטעטל דייוויאַרסט, אַכצן מייל פון דאָרט. און ווען כ'האָב פון דער וייטנס דערזען אַ וועגל אויף צוויי רעדלעך, געשפּאַנט צו אַ פערד און אַ אַ מענטשן זיצן אין וועגל, האָב איך פאַר גרויס פרייד און טיפער אינערלעכער אויפרעגונג אַרויסגעלאָזן אַ שניידנדיקן געשריי און אַ שטראָם טרערן האָט זיך פון מיינע אויגן אַ פליס געטאָן.

ווען דאָס וועגל האָט זיך דערנענטערט און איך האָב מיט אַ ציטערדיק־געבראָכענער שטימע געפרעגט דעם מענטשן, צו וועלכער זייט פונעם וועג עס געפינט זיך מאַליין, האָט ער מיט אַ טיפער רחמנות מיר אַ פרעג געטאָן: You got lost, my friend?

(האָסט פֿאַרלאָרן דיין וועג, מיין פֿריינט?). און ער האָט דערנאָך מיט אַ פֿריינטלעכן שמייכל צוגעגעבן: „דו געפֿינסט זיך ביי אַ צוויי מייל וויט פֿון מאַליין, צו דעם זייט פֿונעם וועג", — אַנווייזנדיק קיין מאַליין.

ווען איך בין אַרום זיבן אַ זייגער אין דער פֿרי אַרויסגעגאַנגען צו מיין באַזע, האָב איך מיך באַלאָדן מיט אַ האַלבן טוץ סאַנדוויטשן, אַ פּאָר פּרוכטן און אַפֿילו אַ בלעכענעם קענדל מיט טיי. און נאָענט פֿונעם פּלאַץ ווו ווערטהיים האָט מיר מיט אַ טאָג פֿריִער אָנגעוויזן אָפּצונויגן פֿונעם שליאַך אויף רעכטס און דערגרייכן דעם ריכטיקן פּונקט, האָב איך דורך אַ קליינעם פֿאַרזען און טעות, זיך אַ נעם געטאָן צו לינקס פֿונעם וועג און האָב מיט זיכערע, פֿעסטע טריט אָנגעהויבן שפּאַנען אַהין, וווהין איך האָב געדאַרפֿט דערגרייכן. און כ'בין געגאַנגען. דער דזשונגל האָט מיך פֿאַרשלונגען. די ביימער, עוקאַליפּטוסן, אַלטע און יונגע, די בערגלעך ערד און שטיינער, אַלע און אַלץ זענען אויס די זעלבע זיי פֿירן און פֿאַרפֿירן אַלץ טיפֿער אין דער געדיכטעניש פֿונעם דזשונגל.

נאָך אַ האַלבער שעה אַזוי גיין האָב איך געפֿילט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק, אַז כ'בין נישט, דאַכט מיר, אויפֿן ריכטיקן וועג, אַז יאָ, אפֿשר טאַקע בין איך אַראָפּ פֿונעם „דרך הישר", פֿאַרבלאָנדזשעט.

איך האָב געדענקט וואָס מר. ווערטהיים האָט מיר געוואָרנט, אָנגעזאָגט און איבערגעחזרט מער ווי איין מאָל: „אין דזשונגל, ווען מ'האָט אַ חשד אַז מ'איז אַראָפּ פֿון ריכטיקן וועג, טאָר מען ווייטער נישט גיין. דאָס בעסטע, דאָס וויכטיקסטע וואָס עס בלייבט צו טאָן, איז בלייבן זיצן אויף איין פּלאַץ און וואַרטן ביז די נאַכט פֿאַלט צו. און ווען אין שטעטל ווערט באַוווּסט, אַז ווער נישט איז פֿון די איינוווינער פֿעלט, האָט זיך נישט צוריקגעקערט אין אָוונט, דאַן ווערט באַלד אָרגאַניזירט אַ „סיִערטש־פּאַרטי", אַ גרופּע מענטשן ווערט צוזאַמענגעשטעלט וואָס גייען אַרויס אין דזשונגל מיט ברענענדיקע פֿאַקלען אין זייערע הענט, ווי אויך אַנדערע נייטיקע מכשירים, כדי אויפֿצוזוכן דער פֿאַרלוירענעם. עס איז פֿיל גרינגער פֿאַר די זוכער צו זוכן און געפֿינען ווען דער פֿאַרבלאָנדזשעטער זיצט אויף אַ פּלאַץ און באַוועגט זיך נישט אַהין־אַהער". און נאָך עפּעס האָב איך געדענקט פֿון ווערטהיימס אַן עצה: „אין אַזאַ אומגליקס־פֿאַל איז נייטיק אַרויפֿצוקריכן אויף אַ הויכן בוים און אַרומקוקן די גאַנצע געגנט אַרום, עס העלפֿט צו געפֿינען דעם וועג צוריק צום שטעטל".

איך האָב אָבער נישט געקענט פֿועלן ביי זיך אונטערצוגעבן זיך צום געדאַנק פֿון בלאָנדזשען, און אַליין, מיט אייגענער איניציאַטיוו, נישט צו קענען געפֿינען דעם וועג. און איך האָב אַרומגעשפּאַנט אין דער בוימיקער ווילדעניש, געזוכט וועגעלעך, סטעזשקעלעך, פֿאַרגליכן איין בוים צו די אַנדערע, צי בין איך דאָ שוין פֿריִער נישט פֿאַרבייגעגאַנגען. איך בין אויך צוויי־דריי מאָל אַרויפֿגעקראָכן אויף זייער הויכע ביימער און האָב טאַקע פֿון דער ווייטנס דערזען דאָס שטעטל, די מיל וואָס מאָלט די גאָלד־

שטיינער, מיט איר הויכן זיך רויכערנדיקן קוימען. יאָ, עס האָט מיין פלאַטערנדיק הארץ דערפרייט אָט דער גרויסער ליולקע־ציבעק אַהין דאַרף איך זיך דאָך ווענדן, און כ׳האָב מיט פרייד פון די הויכקייטן אַראָפּגענידערט, זיך געשטאַרקט און מיט פרישן מוט זיך אָנגעגאַרטלט: — שפּאַן, אומגליקלעכער אייזיק אַהין, ווו עס אָטעמט מיט דיקע וואָלקנס רויך, צום זיך רויכערנדיקן גרויסן קוימען!

צו מיין טיפן בראָך, אָבער, איז די מיל אויף איר פּלאַץ געשטאַנען און דער דזשונגל איז פאַרבליבן אין איר פאַרהילטער מיסטעריע, און איך, דער צעשרויפטער נע־ונדניק, דער „התועה בדרכי החיים", איך קריך און זינק און ווער פאַרשלונגען אין אָט דער סודותדיקער פאַרהילטער מיסטעריע. די זון איז שוין אין אַ גלייכער ליניע איבער מיין קאָפּ געשטאַנען, ווען איך בין נאָך אַ מאָל פון אַ הויכן בוים אַרונטער און מיט בייסיקן חוזק איבער זיך אַליין, האָב איך זיך פאַרטראַכט, זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט און דערביי זיך דערמאָנט אין אַ גלייכוואָרט, וואָס מיין מוטער פלעגט דערציילן און עס אָפּט איבערחזרן: „דער וואָס וויל דעם גראָשן טייער האַלטן, דער דאַרף זיין מאַלצייט אויף צוויען שפּאַלטן".

כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן פון אַן אַלטן בוים, געגעסן און פאַרצערט אַ העלפט פון מיין שפּייז־פּעקל און פון מיין קענדל טיי האָב איך נאָר איין דריטל אויסגעזופּט. טאָמער קומט מיר אויס איבערצונעכטיקן אין דזשונגל, וועט זיין אַ ביסל הימלעכער מיטן קענדעלע טיי ביים זייט און מיט אָט די אָפּגעשפּאָרטע סאַנדוויטשן.

נאָך אַ דריי שעה אַזוי זיצן „אין געהאַקטע ווונדן", האָט עס ווידער אין מיר גע־בומען רודערן. עס האָט אין מיר געיאָגט אַ שאַרפער דראַנג אויסצונוצן און פאַרנוצן דאָס לעצטע ביסל פון מיין שוואַך־געוואָרענער ענערגיע, כדי צו געפינען דעם וועג, אָדער דעם אַרויסגאַנג פון דזשונגל. און כ׳האָב אויפסניי געוואַנדערט און געוואַנדערט אין אַשמדאיס קעניגרייך, פאַרגליכן אַ טריט צו אַ טריט, אַ בוים צו אַ בוים, געמאָסטן און איבערגערעכנט, אַרומגעקוקט זיך און ווייטער געגאַנגען. מיינע אויגן האָבן, ווי צוויי פייערדיקע בויגנס דורכגעשניטן יעדן שפּאַן און טראָט פאַרויס מיר און הינטער מיר. ווערטהיימס ווערטער וועגן פאַרלוירן גיין אין דזשונגל, פאַרלירן דעם וועג, פאַרלירן דעם לעבן, — אָט די ווערטער האָבן, ווי שטעכעדיקע דערנער מיר נישט געלאָזן איינזיצן אויף אַ פּלאַץ, זיצן און וואַרטן אויף דעם מלאך־הגואל — אויף דער פינצטערער נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דעם ווי איך האָב העפלעך און אין גאַנצן ציטערנדיק באַדאַנקט דעם מענטש אינעם וועגל, וועלכער איז אַגב געווען דער דאָקטער פונעם שטעטל דייוויאָרסט און ער פלעגט יעדן מאָנטיק באַזוכן אין מאַליין (אצבע אלהים — פאַר מיר) און אויפגע־מען קראַנקע, האָב איך האַסטיק אָנגעהויבן שפּאַנען, יאָגן מיט אימפּעט אויפן וועג קיין

מאַליין. און אַ האַלבן מייל פאַרן שטעטל־גרענעץ האָב איך שוין דערזען פון דער ווייטנס דעם סילועט פון ווערטהיימס פיגור. אַ זייער פאַרזאָרגטער צוליב מיין פאַרשפּעטיקונג אומצוקערן זיך צוריק אין זייער הויז, איז ער אַרויס מיר זוכן, זען ווו איך בין אַהינ־געקומען. און ווען מיר זענען אין שטוב אַריין, האָב איך געטראָפן דער פרוי ווערט־היים אַ פאַרטרויערטע, אַ פאַרוויינטע און איר פנים האָט אויסגעדריקט סימנים פון טיף איבערגעלעבטע ווייטיקלעכע געפילן.

אויפן צווייטן טאָג האָט שוין ווערטהיים מיך נישט געטרויט אַליין צו גיין, און ער האָט מיך באַגלייט ביז צום פלאַץ, ווו עס האָבן אויף מיר געוואַרט מיינע „גאָלדענע גליקן״.

35. — עס בליצט אויף, פאַרגייט, אויסגעלאָשן

— אַ־או־אַ, אַ־או־אַ, אַ־או־אַ! — אַזוי האָב איך מיט צעפלאַקערטן ענטוזיאַזם און ווילדן פרייד־געשריי אַרונטערגעשריען צו מיינע שותפים ווערטהיים און מר. רייען, אין דער טיפעניש אַריין פון זייער „שאַפט״, ביי העכער פערציק פוס די טיף. אַ־אַ־אַ! האָט זיך פון אונטן געלאָזט הערן זייער ענטפער פון זייער טיפן מקום, — וואָס איז געשען, וואָס איז געשען?! — ש־ש־ש, איך קום אַרונטער צו אייך. און איך בין אַרונ־טער צו זיי און דערציילט זיי וועגן מיין־זייער שמחה. און געשען איז דאָס, וואָס עס געשעט ביי אַנדערע „מיינערס״, נישט זייער אָפט אַפילו, מ׳קען אַפילו זאָגן — גאַנץ זעלטן. מען דערזעט פלוצים אין שוואַכן שיין פונעם סטעאַרינאָווע ליכטל מיט וועלכן מ׳באַנוצט זיך ביי דער אַרבעט אין דער פינצטערער ערד; מ׳דערזעט פלוצים דעם גלאַנץ פון אַ געלן מעטאַל, שעמערירנדיק, אַרויסשטאַרטשענדיק פון צווישן ערד און שטיינדלעך שטיקלעך געלקייט, שיינענדיק און גלאַנצנדיק אויפן פאָן פון שוואַרצע ערד אין דער מוטנער, טונקעלער דעמפּיקייט פון דער ערדס בויך.

פינף וואָכן האָב איך געאַרבעט, גראָבנדיק קאַנאַלן אין דער לענג און אין דער ברייט פון מיין שטח ערד, ווו איך האָב געהאָפט — שטיצנדיק זיך אויף די אָנווייזונ־גען פון מר. ווערטהיים — צו געפינען און איבערנעמען דעם רייכן גאָלד־ריף פון דער מיינע „יונג־אויסטראַליע״. פינף וואָכן, טאָג און נאַכט, האָב איך צערויעט און צעקאַראַ־דאַשעט צענדליקער פוס פאַסן ערד, צו צפון און צו דרום, צו מזרח און צו מערב זייט. און אויך אין דער טיף בין איך אַרונטער, ביי אַ צוועלף פוס טיף, און דאַן צו דער צפון־זייט פון מיין צוועלף־פוסיקער שאַפט, האָב איך ערשט ווידער אַ טונעל געגראָבן, ביי די זיבן־אַכט פוס די לענג, ווען פלוצים האָט מיין פיקע אַ קלאַפּ געטאָן אין עפּעס האַרטס און עס האָט אַ בליאַסק פון געלן קאָליר מיין אויג פאַרבלענדט. שטיקלעכווייז און פיצלווייז האָבן זיך געשיילט פון די שטיינדלעך גאָלד־טיילכלעך, ווי בלעטלעך פון האָפן־געוויקס. גאָלד־רינצעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרויסקוועלן פון די ריף שטיינדלעך, ווי עס וואָלט זיך פון אַ פלאַש אַרויסגעשאָטן גאָלדענע קוקורוזע־קערנדלעך. איך בין

פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ בלענדונג־געפּיל, איך בין באַרוישט געוואָרן, ווי פון אַ קאַ־נאָנען־שאָס — גאָלד. אָט אין דער פינצטערניש, דאָ אונטן, אין דעם בויך פון דער ערד זיצט אַ ייִד, אייזיק, און שיילט טאָוועלעך גאָלד, צאַפּט און שיילט, שיילט און צאַפּט און פילט אָן קופּערטן גאַנצע מיט גאָלד... מיט גאָלד!

מיט אימפּעט, געטריבן און געיאָגט פון דעם קלאַנג פון דער פּיקע אין דעם האַרטן גאָלד־געמורמל, געוואַרעמט פונעם שיין און גלאַנץ פון דער פאַנטאַסטישער גאָלדיקייט, בין איך אַוועק צו מיינע שותּפים אָנזאָגן זיי די גאולה־בשורה. און מיט משונה־מאָדנע קולות, מיט האַלב־ווילדע קולות, האָב איך צו זיי מיט אַלע כּוחות אַרויפגעשאַלט: — אַ־או־אַ, אַ־או־אַ! און אָן לשון, אָן איבעריקע ווערטער זענען מיר אַלע דריי אַוועק צו מיין מינע און דאָרט, אונטן שוין, אין דער פינצטערניש, האָב איך זיי אָנגעוויזן אויפן ווינקל פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעשימערירט גאָלד־שפּראָצן.

דער אַלטער, מר. רייען, דער מומחה צווישן אונדז, האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן אין זיך, ער האָט אָנגעזאָטלט די אַלט־פרענקישע שפּאַקולן זיינע, גענומען די פּיקע אין האַנט אַריין און מיט גרויס פאַרזיכטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אַרויסדריבלען דעם אוצר; קלייבן, אַזוי ווי מ׳קלייבט פּערל, די שטיינדלעך צוזאַמען מיט די גאָלד־זעמדע־לעך, זיי געשאָרט אויפן אונטערגעשפּרייטן זאַק, ס׳זאָל חלילה קיין איין איינציק זעמ־דעלע נישט פאַרלוירן גיין. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פאַרטרויערטע אבלים זענען מיר געזעסן און יעדער איינער אויף זיין שטייגער האָט דאָס „גליק״ אונדזערס גע־שאַצט, באַדויערט און ווי מיטן האַנט אַוועקגעמאַכט. ווערטהיים, למשל, האָט געזאָגט: — טפו, אַ נאָטהינג שבנאָטהינג, גאַרנישט מיט גאַרנישט, הייסט עס. איך האָב דאָס פאַרזעעניש באַצייכנט מיט אַ מער ייִדישלעכער טיפּזיניקייט: — קיין און שפּיי, חוזק אין דער ברייט. און דער אַלטער, מר. רייען, האָט געהאַלטן אין איין וואָרטשען, ווי צישענדיק צווישן די ציין: — פּור, ווערי פּור, אָרעם הייסט עס, איז די מציאה, זייער אָרעם. און ווען מיר האָבן דאָס ביסל אָרעמקייט אין אַ שטויסל אויסגעשטויסן, מיט וואַסער דעם זאַמד אויסגעוואַשן, און דאָס וואָס מיר האָבן אין ריינעם גאָלד דערפון אַרויסגעקראָגן האָט אַריינגעבראַכט אין מזומנים די נישטיקע סומע פון 5 פונט מיט 12 שילינג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צווייפל האָט אָנגעהויבן באַהערשן דעם מוח מיינעם און פאַרטושן די האָפענונג פונעם גאָלד־חלום. אַנטוישונג האָט דעם צווייפל געגערט און געשטאַרקט. חלום האָט זיך אָנגעשטויסן אין וואָר, אין אַ טרויעריק־גרויסער ווירקלעכקייט. לאַנגע, לאַנגע וואָכן האָב איך שווערע, זייער שווערע אַרבעט אַריינגעלייגט אין מיינע ענערגישע באַ־מיונגען טעאָרעטישע און פיזישע צו געפינען דעם שפּור פונעם ריף, וועלכער האָט לויט אַלע פּראַקטישע אויסרעכענונגען זיך געדאַרפט געפינען דאָרט וווּ איך האָב גע־

אַרבעט, אָבער — אומזיסט. איך האָב דאָס שטיק פעלד אַזוי צעגראָבן אין אַלע ריכ־טונגען, אַזוי צעטרייבערט, אַז אַ סך נייגעריקע פאַרבייגייער האָבן זיך געוווּנדערט ווי אַזוי איך, אַ פרישער, אַ נייער און אומדערפאַרענער גאָלד־זוכער האָב עס גאָר גע־קענט באַוויַיזן. יאָ, דער רייכער גאָלד־ריף האָט אפשר טאַקע דאָרט ערגעץ־וווּ גערוט, אָבער ער האָט זיך נישט אַנטפּלעקט.

מיין געדולד איז אין אַ גרויסער מאָס לויז געוואָרן, אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון אַ צווייפל־געפיל און אויך אונטערן וואָג און דרוק פון געשעענישן. מיין ביסל געלט וואָס איך האָב קיין מאָלין מיט זיך געבראַכט, האָט שוין לאַנג זיך געהאַט אויסגעשעפּט און מיין חוב צו ווערטהיימען פאַר אויסהאַלט איז געוואַקסן און געוואָרן גרויס. און דאָס האָט געלייגט זאָרג, שווערע זאָרג אויף מיין געמיט און געמאַכט אַז איך זאָל מיך פאַרטראַכטן עפּעס צו טאָן ווי אַזוי עס צו פאַרמיידן, צו פאַרריכטן. איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט דער פראַגע מיט טיפער ערנסטקייט און... איך האָב באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין מעלבורן. כ׳האָב אָבער אויף הוצאות הדרך נישט געהאַט און מיין חוב צו ווערטהיימען דעקן, האָב איך אויך נישט געקענט. האָב איך אָנגענומען אַ גע־וואַגטן פּלאַן. כ׳בין אַריין אין ביורא פון דער בעטערי, די מיל וווּ מען מאָלט די גאָלד־שטיינער און האָב געפרעגט צי ס׳איז מעגלעך צו קריגן אַרבעט ביי זיי. כ׳האָב גע־ווּסט אַז די אַרבעט דאָרט איז זייער אַ שווערע, אָבער עס האָט אויף מיר געהויערט דער געלט־חוב און נאָך מער די לאַסט פון אַנטוישונג און כ׳בין דערפאַר גרייט געווען אויף אַלץ. איך האָב אין דער בעטערי באַקומען אַרבעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון היהן האָב איך באַקומען בריוו וואָס האָבן מיר קיין מוט נישט געגעבן און קיין גרויס פאַרגעניגן מיר נישט פאַרשאַפט. זיי זענען חלילה קיין פיינטלעכע בריוו נישט געווען. פאַרקערט, גאַנץ ערנסטע און געקוואָלן האָבן זיי, די בריוו, מיט טיפער און אויפריכטיקער ליבע. אָבער דער שאָטן פון פרי׳ערדיקן איינפלוס און איינדרוק, די באַפליגלטקייט פון איר פאָטערס צאַרנדיקע אַרויספלאַצענישן האָט נאָך איבער זיי גע־האַנגען און אַרויסגעשטאַרטשט. און דאָס קינד אונדזערס, חפשי, וואַקסט, אַנטוויקלט זיך און איך האָב קיין אָנטייל אין דעם, קיין מעגלעכקייט צו געניסן פונעם פאַרגע־ניגן צו דערציִען מיין קינד. עס האָט געפייניקט, עס האָט ווי געטאָן, עס האָט גע־גריזשעט שטיקער פון מיין האַרץ מיט נשמה צוזאַמען. און דאָ... איך בין אין אַ פאַר־וואָרפן, אין אַ וויטן פוסטן ווינקל, ווייט פון גאָט און ווייט פון לייט און פאַרוועגנד מיין יונג לעבן, נערנדיק אַ וויסטן חלום אין דער טריקעניש פון דעם מדבר־דזשונגל. און די האָפענונג וועלקט, גרוי און מטושטשדיק.

אין די בריוו זייערע, האָבן מיינע פריינט פון מעלבורן מיט שאַרפע אָפּפראַגעס אונטערגעשטראָכן די אומלאָגישקייט פון מיין „וואַלגערן זיך" אין דעם פאַרוואָרפענעם

וויסטן דזשונגל. זיי האָבן מיר געראטן שוין, גלייך קומען צוריק. אַ פּאָר האָבן מיר אפילו אָנגעבאָטן באַרגן אויף רייזע־הוצאות. אַלע האָבן זיי, די גוטע פריינט מיינע, געטענהט, אַז איך וועל נישט פאַרפאַלן ווערן; אַז איך וועל געפינען אַרבעט. איך, אָבער, האָב זיך געפונען אין אַ ביטערן קלעם — נישט אַהין, נישט אַהער. די האָפענונג איז צערונען, דער מאָרגן — נישט זייער פאַרשפּרעכנדיק, דער היינט — נאָך ערגער. און ווען כ׳האָב אין אַ געוויסן טאָג דערהאַלטן די ידיעה, וואָס זאָגט מיר אָן אַז איך זאָל קומען זיך שטעלן אַרבעטן אין דער בעטערי, איז יענער טאָג ביי מיר אין אַ יום־טוב פאַרוואַנדלט געוואָרן. אַ נייער שטראַל ליכט האָט פאַר מיר אויפגעשיינט: איך וועל קענען מיין חוב אָפּצאָלן און אויך צוזאַמענקלייבן גענוג געלט אויף צו קענען פאָרן קיין מעלבורן.

און מיט דעם ערשטן טאָג אַרבעט אין דער שטיינער־מיל האָב איך פאַרחתמעט דעם בלאַט פון מיין גאָלד־זוכעניש. שווער, זייערע שווערע אַרבעט איז דאָס געווען אין דער מיל. דאָ האָט מען געמאָלן די שטיינער, געבראַכטע פון די גאָלד־מינעס, די שטיינער וואָס האָבן אין זיך גאָלד־שטויב פאַרמאָגט, אָדער גאָלד־רינגצעלעך. איבער דעם געשאָפּענעם זאַמד פון די צעמאָלענע שטיינער האָט דורך אַ שטענדיקן וואַסער־שטראָם וואָס איז געפלאָסן אויף קופּערנע פּלאַטן, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט פליסיקן קוועקזילבער און דער נאַסער זאַמד איז דורכן וואַסער־שטראָם אַוועקגעפלאָסן און די גאָלד־רינגצעלעך און די גאָלד־שטויבן האָבן זיך אין די קלעפּיקע קוועקזילבער אַריינגעהאַפּטן, און דאַן, נאָך אַט דעם פּרימיטיוון גאָלד־זוכעניש פּראָצעס, האָט מען דאָס טייערע מעטאַל צוזאַמענגעקליבן, צוזאַמענגעקראַצט, אַרויסגעקוועטשט דעם קוועקזילבער אין אַ כלי און די הויפּנס גאָלד האָט מען אין פורעמס געלייגט און דאַן אין שטיקער אויסגעשמאָלצן. און אַט דעם צעמאָלענעם און אַרויסגעוואָשענעם זאַמד פון די געוועזענע שטיינער, וועלכער איז געפלאָסן אין קאַנאַלן אַריין, האָב איך צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער, פון די קאַנאַלן אַרויסגעהויבן און געלייגט אין וואַגאָנעטקעס, וואָס האָבן דעם זאַמד אויפן צווייטן זייט פאַרקאָן אַוועקגעפירט.

נאָך יעדן טאָג אַרבעט, קוים מיטשלעפּנדיק מיין מידן קערפּער, האָב איך ליגנדיק אויסגעמאַטערט און אומבאַוועגלעך נאָכגעטראַכט וועגן: וואָס וועט זיין מאָרגן? צי וועל איך אויך מאָרגן נאָך גיין אַרבעטן אין דער מיל? און דער מאָרגן איז געקומען און איך האָב נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל געהייבן דעם נאַסן זאַמד און אים געוואָרפן אין דער הויך פונעם קאַנאַל אין די וואַגאָנעטקעס. די אַוועקפירער דאָרט, זיי וואַרטן דאָך אויף די אָנגעפילטע וואַגאָנעטקעס...

ס׳דערמאָנט זיך מיר איצט אַ קליינער ליצנות־אויסברוך פון יענע טעג אין מאַליין. אין אַ בריוו צו מיינע פריינט יוסף בן־עמי און זיין פרוי חנה אין באר־יעקב, האָב איך אויף זייער נאָכפרעגן זיך וועגן מיין מצב, צווישן אַנדערעס, אויך אַט די שורות געשריבן: „יום יום והשמש זורחת וכדרכה שוקעת וקרן שמשי טרם זרחה...

והתקוה... והתקוה שוקעת נטפי־נטפי". כ'האָב דאַן מיט אָט די ציטירטע שורות נישט געמיינט חלילה זיך צו באַקלאָגן אויף מיין שווערער אַרבעט, אָדער אויף מיין ביטע־רער דאָליע. ניין, נאָר פשוט, אַ שטיקל פּאַראָדיע אויף דער צעשווומענער האָפענונג. אַנגעוואָרפן. אויף שווערער אַרבעט האָב איך מיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט. אמת, די אַרבעט אין דער פאַבריק האָט כמעט ווי רויִנירט מיין גאַנצע פיזישע קראַפט, אָבער באַקלאָגן זיך — פאַר קיינעם נישט.

די ווערטהיימס האָבן געוויס געזען און באַמערקט מיין חרובן צושטאַנד, אָבער אַזוי לאַנג ווי איך האָב געמאַכט אַ פריילעכע מינע, האָבן זיי נישט געוואָלט באַצערן מיין געמיט און אַרויסווייזן רחמנות־געפילן צו מיר.

צו אַלץ אָבער קומט אַ מאָל אַ סוף און אַזוי איז אויך צו מיין שווערער אַר־בעט געקומען אַ סוף, און — אַ גוטער סוף. אַ גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין דער גאָלד־מינע „יונג־אויסטראַליע" זאָל מען זיך נייטיקן אין נאָך אַ צאָל אַרבעטער אין צוגאָב צו די וואָס האָבן שוין דאָרט אַ צייט לאַנג געאַרבעט און אָט דער גורל איז געפאַלן אויף מיר..

„מר. הורוויץ איז אַ האָנעסט וואָרקער, ווילל טייק אים אין" (מר. הורוויץ איז אַן אָרנטלעכער אַרבעטער, מירן וועלן אים אַריינגעמען). — אָט די ווערטער האָט מיר ווערטהיים איבערגעגעבן אין נאָמען פון די בעלי־בתים פון דער „יונג־אויסטראַליע"־מינע, ווען ער האָט מיר געבראַכט די פריילעכע בשורה אַז איך ווער אָנגענומען צו דער אַרבעט אין „יונג־אויסטראַליע". דער זייער אינטערעסאַנטער און אָנגענעמער סך־הכל פון מיין אַרבעט אויף מיין נייעם פּלאַץ, מיט אַ סך גראַדן גרינגער, כאָטש 160 פוס טיף אין דער ערד און — דאָס איז דער עיקר — אין עטלעכע חדשים האָב איך אָנגע־זאַמלט גענוג מזומן, אַ סומע וואָס איז געווען גענוג אויף צו באַצאָלן דעם גאַנצן חוב. מיינעם צו ווערטהיימען און ס'איז נאָך געבליבן אויף הוצאות צו פאָרן קיין מעלבורן, און אויך מיט אַ קליינעם עודף דערצו.

אַרום סוף יולי 1911, בין איך שוין געווען צוריק אין מעלבורן, ווו כ'האָב פון דאָס ניי אָנגעהויבן זוכן אַ וועג צו אַ נייעם, בעסערן לעבן.

36. — ווידער מיטן וואַנדער־שטעקן אין האַנט

נאָך אַ נייעם קאַפּיטל אָנהייבן, אַ נייעם פרישן בלאַט אַריינשרייבן אין מיין לעבנס־געשיכטע. אין דער פליש־פאַבריק איז מען געווען גרייט און צופרידן מיך נאָך אַ מאָל אַריינעמען דאָרט אַרבעטן. מיין באַדינג אָבער איז געווען: אַרבעטן אין דער פאַבריק, — יאָ, אָבער נישט זיין מער קיין קוואַרטיראַנט ביי זיי. זיי זענען איינגעגאַנגען און אַנטקעגנגעקומען מיין באַדינג. און נאָך צוויי וואָכן פון מיין באַנייען די מלאכת־הקודש, פון פרעזערווירן כשר פליש, האָט אַן אומגליקלעכער צופאַל — פאַר די גראָופּנערס דווקא — געשאַפן פאַר מיר אַ גליקלעכן אויסטויש פון אומשטענדן.

ווען כ׳בין מאַנטיק אין דער פרי, אַנהייב פון דער דריטער וואָך פון מיין אַרבעט צוגעקומען נאָענט פונעם טויער פון הויף, האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַ חורבן אַנט־פּלעקט. דער גרויסער, שווערער קוימען פון דער פאַבריק איז געלעגן אויף דער ערד אַ צעבויגענער, אַ צעשעדיקטער און אין הויף האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט קאַסטנס און פעסלעך, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיי דאָ, אין בייזן שפּאַס אָדער אין ווילדן כעס פונאַנ־דערגעוואָרפן און פאַרשפּרייט אין אַלע ווינקלען. און געווען איז דאָס דער רעזולטאַט פון אַ שרעקלעכער שטורעמדיקער נאַכט, אַ הוראַקאַן וואָס האָט דעם חורבן פאַראור־זאַכט. און דער אַלטער גראָופּנער, נעבעך, ער האָט מיר מיט טרערן אין די אויגן אָנ־געוויזן אויף דעם גרויסן שאָדן, וואָס ווע֒ט געוויס פאָדערן ביי אַ פּאָר וואָכן צייט ביז אַלץ וועט קענען צוריקגעשטעלט ווערן אין פולער אָרדענונג.

איך האָב דאַן אַ טראַכט געטאָן, צי ס׳איז נישט אַ פּלאַן צו גיין זוכן אַרבעט ער־גענץ אַנדערשוווּ. און כ׳בין אַוועק אין דער גומי־פאַבריק פון Barnett Glass Rubber Works Ltd. טאָקע אין דער זעלבער געגנט, אין פוטסקריי. איך האָב מיך גע־מאָלדן צום פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק, מר. האַרענשטיין, און געפרעגט אויף דער מעגלעכקייט צו באַקומען אַרבעט. און, ווי אין דער מגילה שטייט געשריבן: ותשא חן וחסד לפניו. מר. האַרענשטיין האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען, האָט זיך פאַראינטערעסירט אין די אויסקונפטן וואָס איך האָב אים אָנגעגעבן וועגן זיך אויף זיינע אָנפראַגעס און האָט פאַרענדיקט אין אַ פּאָזיטיוון טאָן: — יאָ, מר. הורוויץ, איר קענט קומען מאָרגן און זיך שטעלן צו דער אַרבעט ביי אונדז. איך האָב מיך דערפילט גליקלעך. ווען כ׳האָב אין אָוונט דערציילט מיינע פריינט וועגן מיין גליק, האָבן זיי מיר מקנא געווען: „אַזוי גרינג צו געפינען אַרבעט, און נאָך אויף אַזאַ גוטן פּלאַץ ווי אין דער באַרנעט גלאַסס פאַבריק!״ און דאָ, ווייסן אייניקע פון מיינע פריינט, אַז דער רע־ווערענד סאָלאָמאָן, פון דער בוריק־סטריט סינאַגאָגע, באַמיט זיך זינט עטלעכע וואָכן צו קריגן אַרבעט אין דער זעלבער פאַבריק פאַר איינעם אַ בחור, זיינער אַ פּראָטע־זשירטער, און עס איז אים ביז איצט נישט געלונגען. איך בין טאָקע שפּעטער גע־וויר געוואָרן אַז דער רעווערענד סאָלאָמאָן איז זייער אויפגעבראַכט אויף מיר, הלמאי איך האָב אויסגעכאַפּט ביי אים אַ געלעגנהייט פון אַרבעט פאַר זיינעם אַ „יונגע״, און אַז „איש וואָל דאָס ני דעם מר. הורוויץ פאַרצייען״.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ נייע עפּאָכע איז אַריינגעטראָטן אין מיין אַרט לעבן: פרישער, בעסער, זאַפטי־קער, געשמאַקער. אַ צאָל נייע יידישע פאַמיליעס זענען לעצטנס אָנגעקומען, זיך באַ־זעצט אין מעלבורן און אייניקע אויך נישט־פאַרהייראַטע מענער און פרויען. די אַלע נייע צוגערייזטע האָבן, אַזוי ווי איך, געזוכט געזעלשאַפטלעכס, אייגנאַרטיקס, איידע־לערס און העכערס, וואָס זאָל פאַרבינדן אַלעמען געזעלשאַפטלעך.

דאָס ייִדישע לעבן, אויסער די ווענט פון דער סינאַגאָגע, איז געווען אַ פּוסטער, פּוסט פון ייִדיש־קולטורעלן תּוכן און אויך פון ייִדיש־פּילנדיקער נאָענטקייט, פאַר־בונדנקייט. דער קליינער ייִדישער קיבוץ האָט נאָך נישט געהאַט קיין פאָרעם, קיין געשטאַלט פון אַ געאייניקטן, אייגנאַרטיקן ייִדישן לעבנס־שטייגער, וואָס זאָל זיין ביכו־לת אויסצואיבן אין אַ קאָנקרעטער מאָס און פאָרעם זיין ווירקונג און איינפלוס איבער די וויט־פונאַנדערגעטיילטע עלעמענטן פונעם זעלבן קיבוץ. און נאָר כמעט איין־איינ־ציקער פאַקטאָר האָט מער־ווייניק געהאַלטן צוזאַמען גרופּעס און גרופּקעס, און דאָס איז געווען — קאָרטן־שפּיל.

אָבער ריידן וועגן אַ בוך, אַ ייִדישע צייטונג, אָדער אַפילו אַזוי גלאַט צוזאַמענ־קונפטן פון ייִדישע מענטשן, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דעם ייִדן און זיין שטאַם, דעם ייִדן און זיין שורש, — דאָס האָט אין גאַנצן געפעלט אין דעם ערשטן פּעריאָד פון מיין לעבן אין מעלבורן. איצט, אָבער, מיטן צופלוס פון פרישע כּוחות, פון רוסישע, רומענישע, פּאַלעסטינער און אויך אַ פּאָר אַמעריקאַנער יונגע מענטשן, האָט זיך אַלץ געביטן צום בעסערן.

איך האָב צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַראינטערעסירטע אָנגעהויבן פונאַנדערוויקלען דעם דרימלענדיקן קנויל, פונאַנדערטרייסלען דעם אָנגעזאַמלטן שטויב און שימל, וואָס האָט זיך איינגעפרעסן אין ייִדישן אָרגאַניזם, און... ס'איז דערמעגלעכט געוואָרן צו שאַפן אַ יש מאַין. דאָס ערשטע איז געווען: פאַמיליען־צוזאַמענקונפטן פון פיר־פינף פאַמיליעס, ווו מיר, די „כאָלאָסטיאַקעס" האָבן זיך גאַנץ גוט אָנגעזען מיט אונדזער אַריינברענגען לעבעדיקייט אין דער אַטמאָספער פון די אָוונטן, ווער מיט געזאַנג, ווער מיט אַ גלייכוואָרט, אָדער אַ שיינעם וויץ, און ווער מיט גלאַט אַזוי פריילעך מאַכן און שאַפן שטימונג, אַפילו אויך מיט טענץ און טענצלעך. און יעדן שבת אין אָוונט, ווען מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען, האָט מען צום סוף פון די פאַרווילונגען שוין באַשטימט אַ פּלאַץ, אַ הויז פון איינעם פון די אָנוועזנדיקע, ווו מ'וועט זיך צוזאַמענטרעפן דעם קומענדיקן שבת אין אָוונט. יעדע פאַמיליע האָט מיט פריינדלעכער חדווה אַליין פאַר־געלייגט און פאַרבעטן צו זיך.

פון אַזעלכע פאַרווילונג־באַגעגענישן האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעשיילט מער אינטעליגענטערע כּוחות, וואָס האָבן געשטרעבט אַריינצוברענגען מער לעבנס־אינ־האַלט אין דער גרויען וואָכעדיקייט. איך האָב מיטגעווירקט און מיטגעהאָלפן אויף יעדן געביט מיט וויפל און מיט וואָס נאָר איך האָב געקענט העלפן. פרייע צייט האָב איך געהאַט גענוג, ענערגיע — אומבאַגרענעצטע, און כּוח — אַ סך כּוח נאָך אַ טאָג אַרבעט און אַ פּאָר שעה רוען.

מיין אַרבעט אין דער גומי־פאַבריק איז געווען נישט פון די גאָר גרינגע, אָבער דאָך נישט צו־שווער אַז עס זאָל מיך בויגן אָדער ברעכן. קערפּערלעך געזונט, פיזיש שטאַרק און באַלאָדן מיט אַ האַרטן אויסדויער, האָב איך אין מיין דראַנג נאָך עטוואָס

העכערס, גייסטיקס און מער שאַצבאַרס, ווי פלייש און פיש, זופּ אָדער קאָמפּאָט, האָב איך דעריבער זעלטן ווען געפילט אַ מידקייט אָדער שוואַכקייט צום סוף פון מיין אַר־בעטס־טאָג. און ווען נאָר איך האָב געקענט מאַנכע פון מיינע פריינט באַוועגן צו נע־מען, צו מאַכן אַ שפּאַציר און אַרומריידן פליסנדיקע און טאָג־טעגלעכע נייטווענדי־קייטן, האָב איך עס געטאָן.

ווי אַ רעזולטאַט פון דעם, האָבן מיר זיך קאָנסאָלידירט, אַזוי צו זאָגן; מיר האָבן זיך אויסגעטיילט אין אַ מער־ווייניק ענגערע גרופּע יונגעלייט: ניומאַרק, פּרעס, גרינ־בערג, הויזדאָרף, האַלפּערין און שפּעטער אויך די ברידער טאַפּט, יונגהאַלץ און אַנ־דערע. מיר האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן שאַפן אַ פאַראיין, אַ געזעלשאַפט, אַ ביבליאָ־טעק, אַ חברה וואָס זאָל זיך שטעלן פאַר איר אויפגאַבע עפּעס אויפצוטאָן געזעלשאַפט־לעך־קולטורעל פאַרן ווייל פון אונדז זעלבסט און אויך פאַרן נוצן פון צענדליקער אַנ־דערע וואָס זיינען אין דעם פאַראינטערעסירט פּונקט אַזוי ווי מיר, נאָר זיי זענען פּאַ־סיוו, נישט גענוג ענערגיש, נישט פּעיק זיך אַרויסצורוקן אין פראָנט פון דער געזעל־שאַפטלעכער אַרענע. און מיר, אָט די ענגע גרופּע „לעכצנדיקע נשמות", מיר האָבן זיך דערטראַכט צו עפּעס ממשותדיקס, אַז אונטער די אומשטענדן און באַדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן, איז דאָס בעסטע, דאָס גרינגסטע און דאָס מער ווינטשנסווערטע — צו שאַפן און גרינדן אַ ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל און אַ געזעלשאַפט ווי אַ הינטער־גרונט, אָדער פאַרקערט: גרינדן אַ געזעלשאַפט, אַ חברה הייסט עס, מיט אַ ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל אַלס הינטערגרונט.

אין אָט דער ריכטונג האָבן מיר געריכטעט אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ ריי פּערזאָנען, וועלכע — אַזוי האָבן מיר געמיינט און געהאָפט — וועלן זיין פאַראינטערעסירט אין אונדזער פּלאַן און זיי וועלן העלפן דערגרייכן אונדזער ציל. איך האָב נישט גערוט. כ'האָב באַזוכט אַ צאָל ייִדן, גערעדט, אויפגעקלערט, געגעבן צו פאַרשטיין, געפּאָדערט און געמאָנט, געשטראָפט און אַ מאָל אויך גוט אויסגעליאַרעמט פאַר דער אומפאַרגעבלעכער פּאַסיוויטעט וואָס מאַנכע, דווקא אינטעליגענטע ייִדן, האָבן אָנגענומען און אַרויסגעוויזן.

דעם 26סטן דעצעמבער 1911 האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין הויז פון דעם תּל־מיד־חכם, משכּיל און געזעלשאַפטלעכן טוער ה' יהושע ראַכלין ז"ל, פּערצן פּערזאָן, ווו מיר האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון אַ קולטורעלער געזעלשאַפטלעכער פאַר־איייניקונג, וואָס זאָל זיך שטעלן פאַר איר ציל: 1) גרינדן אַ ביבליאָטעק, אַ ייִדישע ביבליאָטעק, ווו ייִדישע און העברעיִשע ביכער זאָלן פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ, און 2) אַ לייען־זאַל, ווו די זעלבע, ווי געזאָגט, ייִדישע און העברעיִשע צייטונגען און זשורנאַלן זאָלן זיין דער הויפּט־לייען מאַטעריאַל פאַר די באַזוכער, און 3) צו גרינדן אַ פאַראיין פון וועלכן, מיר, די אָנוועזנדיקע פּערצן פּערזאָן, זאָלן שוין זיין און ווערן

פֿאַררעכנט ווי דער קערן און יסוד, און זאָלן האָבן די אויפֿגאַבע צו ווערבירן נײַע מיטגלידער פֿאַר דעם נײַ־געגרינדעטן פֿאַראיין.

מיר האָבן אויך גלײַך אויפֿן אָרט אונטערגעשטראָכן און באַצייכנט, אַז דער פֿאַראיין איז, דאַרף און זאָל אויף שטענדיק פֿאַרבלײַבן אַן אומאָפּהענגיקער, אַן אומ־

דער פֿראָנט פֿון דער ייִדישער ביבליאָטעק „קדימה“ אין מעלבורן. אויף די טרעפּ — די אָנפֿירנדיקע עסקנים, צוזאַמען מיט מיר.

פּאַרטייאישער און ווי יעדער ייד, אָפּגעזען פון זיין פּאָליטישער אָנשוינג, קען און זאָל אויפגענומען ווערן אַלס מיטגליד. מיר האָבן אויך געפונען פּאַר וויכטיק און נייטיק פעסטצושטעלן, גלייך ביי דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט, אַז אין דער צוקונפט, ווען מיר וועלן זיך דערוועדבן אַן אייגענעם לאָקאַל, זאָלן אין דעם לאָקאַל געהאַלטן ווערן פּאַרלעזונגען, קאָנצערטן און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אונטערנע־מונגען און אַז אַלץ וואָס וועט פּאַרקומען און איינגעאָרדנט ווערן צווישן די ווענט פונעם לאָקאַל, דאַרף און זאָל שטענדיק און אומבאַדינגט זיין פון אַן אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער. און נאָך אַ זייער וויכטיקער גרונט־פּרינציפּ איז אָנגענומען געוואָרן, אַז אין קיין פאַרעם און אונטער קיינע אומשטענדן זאָלן קאָרטן־שפּילן נישט דערלויבט ווערן אין לאָקאַל אונדזערן.

דאָ ברענג איך די נעמען פון די פערצן פּערזאָן, די אויבנדערמידלעכע קול־טור־טוער, די גרינדער פון דער געזעלשאַפט, וועלכער מיר האָבן אין די שפּעטערע חדשים אַ נאָמען געגעבן, אויפן פּאָרשלאָג פון יהודה ביומאַרק, „קדימה”: י. ראַכלין, זיין פרוי מרס. ראַכלין, ד״ר שאַליט, גרינבערג, א. האַלפּערין, ה. הויזדאָרף, א. הור־וויץ, ג. טאַפּט, מ. טאַפּט, י. ביומאַרק, סטאָן, ז. פּרעס, פרוי קירזשנער און ר. ראָט־בערג.

מיר האָבן דאַן באַשלאָסן, אַז די אַלע פערצן אויבן אויסגערעכנטע עסקנים זאָלן פּאַררעכנט ווערן ווי דער ערשטער קאָמיטעט, און מיר האָבן איינשטימיק אויסגע־קליבן: מר. ראַכלין אַלס ציטווייליקן פּרעזידענט, ד״ר שאַליט אַלס ציטווייליקן קאַ־סיר און מר. ג. טאַפּט אַלס סעקרעטאַר. מיר זענען אַלע געווען איבערגליקלעך מיט אונדזער אויפטו און דערגרייכונג און אונדזער האָפענונג איז געווען פעסט, אַז מיר וועלן, אויסנוצנדיק אונדזער הייסן ווונטש און ענערגיע, האָבן דערפאָלג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין מיין עקאָנאָמישן לעבן איז אַריינגעטראָטן אַן ענדערונג צום גוטן. אין מיין אַרבעט אין דער גומי־פאַבריק האָב איך זיך געפילט גאַנץ גוט און באַקוועם און דער געהאַלט — 48 שילינג אַ וואָך — איז אין יענער עפּאָכע געווען אַ זייער גוטער פאַר־דינסט און איז געווען גענוגנדיק צו פירן אַן אָנשטענדיק אַרבעטער־לעבן. איך האָב געלייגט גוטע האָפענונגען אויף מיין פאַרבעסערטער מאַטעריעלער לאַגע, אַז דאָס וועט פירן אין גיכן צו מיין פאַראייניקונג מיט חיהן און מיט אונדזער קינד.

דערווייל האָב איך געפונען אַ זייער באַקוועמע קוואַרטיר, ווו כ׳האָב פאַרן פּרייז פון פופצן שילינג אַ וואָך באַקומען אַ ליכטיקן, לופטיקן, גוט איינגעאָרדנטן צימער מיט עסן צוזאַמען מיט די בעלי־בתים, יונגע מענטשן.

דער שיקזאַל, דער ביטערער גורל מיינער האָט געפירט אַנדערש, נישט ווי־לויט מיינע האָפענונגען און ווונטשן. חיה, ווייזט אויס נאָך אַלץ אונטערן איינפלוס

פון איר פּאַטערס ווילן און דירעקטיוון, האָט זייער ווייניק וואָס ווילן און חשק אַרויס־געוויזן פאַר מיין פאַרלאַנג צו קומען קיין מעלבורן. זי האָט אין אירע בריוו פאַרגע־לייגט, אַז איך זאָל פאַרלאָזן אויסטראַליע און פאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט, — האָט זי געשריבן, — אין אַמעריקע וווינען הונדערטער טויזנטער ייִדן; דאָרט געפינען זיך אויך אַ סך פון אונדזער שטאָט, אירע פריינט און באַקאַנטע, און אַז אַהין וואָלט זי ווען פאָרן; קיין אויסטראַליע, אין דער ווייטער, פאַרוואָרפענער אויסטראַליע, ציט איר נישט און זי וויל אַהין נישט פאָרן.

כ׳האָב מיך געפילט געקרענקט פון איר שטעלונג צו אַזאַ ערנסטער לעבנס־פראַגע. ווידער וואַנדערן, פאָרן זוכן אַן אָנהאַלט אין אַ נייעם פרעמדן לאַנד, בעת דאָ, אין מעלבורן, האָב איך שוין זיך אָנגעהויבן איינלעבן און פאַרפעסטיקן אַן עקאָנאָ־מיש און אַ געזעלשאַפטלעך און ווו כ׳האָב מיך שוין דערוואָרבן אַ צאָל פריינט. איך האָב קיין לאָגישע סיבות נישט געזען, אַז כ׳זאָל דאָס אַלץ איבערלאָזן און פאָרן זוכן אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי און ווידער זיין אויסגעשטעלט צו די אַלע שוועריקייטן וואָס עס שטייען פאַר אין אַזאַ פאַל.

כ׳האָב אין מיינע בריוו געפּרווט אויפוויזן חיהן די אומפּראַקטישקייט פון אירע פאָדערונגען און געבעטן איר, זי זאָל ענדערן איר מיינונג און קומען אין מעלבורן, ווו מיר וועלן פאָרזעצן אונדזער געמיינזאַמען לעבן.

איך בין געווען פאַרטרויערט, צעבראָכן און נידערשלאָגן פון אַלץ וואָס עס האָט מיר אַרומגערינגלט פון דער נאָענט און פון דער ווייט. דאָס לעבן אין מעלבורן, — זייענדיק אויפריכטיק און זאָגנדיק דעם אמת, — איז נישט געווען דער אידעאַלער, וואָס זאָל מיך שטאַרק לאָקן און ציִען. דאָס געזעלשאַפטלעכקייט איז נישט געווען דערוואַקסן צו יענעם הויכן ניוואָ צו וועלכן כ׳האָב געשטרעבט און געבענקט. די מחלוקתן אין „קדימה" צווישן דעם פרעזידענט מר. ראַכלין און די קאָמיטעט־לייט האָבן געבראַכט צו שפלות און צו עגמת־נפש, וואָס פלעגן פאַרשאַפן שברי־לב ביידע צדדים. און אויסער דער „קדימה" — אַ פוסטער, טרוקענער לעבן, באַזירט מערסטנס אויף קנאה־שנאה, אַרויסגעוואַקסענע פון קליינלעכקייטן אָדער געפלעגט פון נאַרי־שער גאווה. און איבער דעם אַלץ איז געהאַנגען, ווי אַ שטיקנדיקער מאַנסטער, די מגפה פון קאָרטן־שפּיל. אָט דאָס איז געווען דאָס אַלגעמיינע בילד, אָדער די אָפּ־שפּיגלונג פון מערלבורנער ייִדישן מהות, פון מעלבורנער ייִדישן לעבן.

איך האָב מיך פרובירט אַריינוואָרפן אין נאָך אַ צווייג פון דער דעמאָלטיקער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. כ׳בין צוגעטראָטן צו דער טעאַטער־גרופּע פון די פיר פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן: מר. ס. ווייסבערג, מר. און מרס. פינקעלשטיין און זייער טאָכטער ביבי. כ׳האָב פון צייט צו צייט אויפגעטראָטן מיט זיי צוזאַמען אויף דער בינע, אַפילו אין זייערע ביליקע מאַכעריקעס וואָס זענען מיר גאָרנישט געווען צום האַרצן, נישט לויט מיין געשמאַק, אָבער כ׳האָב קיין דעה נישט געהאַט אין דער אָנ־

פירונג, אין דעם אָפּקלייב פֿונעם רעפּערטואַר. זיי, די פּראָפעסיאָנאַלן, זענען געווען די בעלי־בתים, די וואָרט־זאָגער און טאָן־געבער און איך האָב נישט געקענט אויס־איבן קיין ווירקונג מיט מיין מיינונג וועגן די אויפגעפירטע פּיעסן. דאָס אויפטרעטן אויף דער בינע, האָט אָבער געשטילט מיין יאוש, דערשטיקט מיין ווייַ.

דאָס ביז אַהער געשילדערטע האָב איך נישט געהאַלטן פֿאַר אַ גענוגנדיקע טרייב־קראַפֿט מיך צו באַוועגן איבערצולאָזן דעם קוואַל פֿון חיונה, דעם געזיכערטן, פֿליסנדיקן קוואַל און פֿאָרן זוכן און אפשר געפֿינען טרוקענע און פֿאַרעיפּושדיקע קוואַלן. דאָס, — האָב איך געהאַלטן, — איז נישט פּראַקטיש, נישט אויסגעהאַלטן, און אפשר אַפֿילו פֿאַרברעכעריש קעגן זיך אַליין.

דער געדאַנק אין מוח האָט געעגבערגט און דאָס געפֿיל האָט געשאַפֿן קרענקונג אין האַרץ. אין מיין עלנטקייט, אין מיין שטורמישער און האַרץ־ברענענדיקער בענ־קשאַפֿט צו חיהן און צום קינד, האָב איך זיך באַמיט צו געפֿינען אַ פּשרה צווישן לאָ־גיק און אומזין, צווישן פּראַקטישקייט און טפשות. און... דינסטיק, דעם 30סטן אָק־טאָבער 1912, האָב איך מיך געזעצט אויף דער שיף „אַרוויעטאַ״ אויף מיין לאַנגן, טרויעריקן וועג, קיין ניו־יאָרק דורך לאָנדאָן.

37. — פֿאָרט אַ ייִד קיין אַמעריקע

מיט דריי שותּפֿים אין דער קאַבינע אויפֿן שיף, — דריי ענגלענדער, — מיט וועלכע כ׳האָב שוין גאַנץ פֿריי זיך געקענט צונויפֿריידן, האָב איך געהאַט אַ זייער אָנגענעמע און פֿאַרגעניגונגספֿולע רייזע. מיר האָבן דורכגעמאַכט די דרייסיק טעג פֿאָרן ביז לאָנדאָן אָן שום אויסערגעוויינלעכע צופֿאַלן אָדער פּאַסירונגען. אין פּאָרט פֿון קאָלאָמבאָ, ציילאָן, זענען מיר אַלע אַרונטער זיך צו דערפֿרישן אַ ביסל און מיר האָבן פֿיין פֿאַרבראַכט דעם טאָג וואָס די שיף איז דאָרט געשטאַנען. די הינדוסן אין קאָלאָמבאָ האָבן פֿיין און איידל אויפֿגענומען און באַדינט די פּאַסאַזשירן פֿון שיפֿן, ווייל זיי פֿון האָבן פֿון זיי געצויגן די פּרנסה. אין די רעסטאָראַנען אָבער, ווו אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן געזוכט אָפּצועסן אַ גוטן מיטיק, איז גאָרנישט ריין און ציכטיק גע־ווען. צום ביישפּיל, ווען מיר האָבן, עסנדיק פֿיש אין אַ רעסטאָראַן, געפֿונען ווערעם אַרויסקריכנדיק פֿון זיי אין די טעלער אַריין און מיר האָבן דערויף געמאַכט אַ זיצעקו, האָט דער בעל־הבית פֿון רעסטאָראַן, וועלכער האָט אַרום אונדז אַרומגעפּאַדעט, אָן שום איבעריקע באַמערקונגען גענומען די ווערעם מיט די פֿינגער זייער פֿאַרזיכטיק בישט מיטצושלעפּן חלילה קיין שטיקל פֿיש מיט זיי, האָט זיי אַרונטערגעוואָרפֿן אונ־טערן טיש און אין אַ זייער נאַיִוון טאָן אַ זאָג געטאָן: — עט, ס׳איז גאָרנישט, אַרויס־געוואָרפֿן און שוין; עסט, עסט און ס׳זאָל אייך ווויל באַקומען. נו, למשל, אַז ס׳איז אונדז שוין גאָרנישט ווויל באַקומען — מיר האָבן שיעור די גאַנצע שפּייז אים אויפֿן האַנט צוריקגעגעבן.

קאַלאַמבאַ, דאָן אַן ענגלישע קאַלאַניע, האָט שטענדיק באַהאַנדלט אויסלענדער נישט אַזוי ווי פון גוטן ווילן, ווי פאַר מורא. אין קאַלאַמבאַ, אין אַדען, אין סועץ, צי אין פאַרט־סאַיד, — אומעטום האָט די אָרעמקייט, דאָס אָפּגעריסנקייט פון די מענטשן וואָס זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט אונדזער שיף, אָדער די יעניקע וועלכע מיר האָבן אויפן לאַנד באַגעגנט, האָט דאָס אומריינקייט זייערס און אויך זייער חיהשע אונטערטעניקייט אַרויסגעשטאַרטשט און האָט געריסן די אויגן. מענטשן אין ווערעם־געשטאַלט, מענטשן ווי קריכנדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך געבויגן אין דרייען פאַר יעדער קלענסטער מטבע וואָס זיי האָבן געהאַפּט אַרויסצוקריגן פונעם פרעמדן. מ'האָט עס אַרויסגעזען און אַרויסגעפילט, כמעט עס אַרויסגעלייענט פון זייערע האַלב־נאַקעטע קערפּערס. די הכנעהדיקייט, די שפלות־הנפש, וואָס די ענגלישע קאַלאַניאַלע הערשאַפט האָט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען, האָט אין זייער לייב, אין זייער מענטאַליטעט זיך אַריינגעקריצט, זיך איינגעגעסן ווי אַ ווילדער געוויקס.

דאַקעגן, ווען מיר זענען אין נעאַפּאַל אַרונטער אויפן לאַנד, האָט זיך שוין גאָר אַן אַנדער פּאַנאָראַמע, אַן אַנדער בילד פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט. טאַקע אומרחמנותדיקע אָרעמקייט און פאַרקנעכטשאַפט צו דער מטבע פונעם אויסלענדער, טאַקע להוט נאָכן שילינג, ווי אַן אויסגעהונגערטער הונט נאָכן ביין, אָבער — שטאָלצע מענטשן, מענטשן אין אַ מענטשלעכן געשטאַלט, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן ווירדע פון אַן אָפּשטאַם, פון אַ פאָלק וואָס ווייסט זיין ווערט און שאַצט זיין ווירדיקייט.

אומעטום וווּ מיר זענען אין נעאַפּאַל אַרומגעגאַנגען, געפירט פון אַ גייד, אַ וועגווייזער, אויף צו זען דאָס שיינע, דאָס אַנטיקן־רייכע נעאַפּאַל, ווי צום ביישפיל: דעם מוזיי, די קאַטעדראַל, דעם אַלטן צוגעשלאָסענעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, אין וועלכן מיר האָבן געהאַט די זכיה צו זען בלויז „נאַר" צוויי און פערציק צימערן, מיטן גאַנצן אַלטן מעבל אין זיי. דער וועגווייזער האָט אונדז געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן נאָך אַ געוויסע צאָל צימערן וואָס זענען געשלאָסן פאַר טוריסטן, מסתמא צוליב מורא פאַר אַ „גוט־אויג".

מיר האָבן אויך געזען און באַזוכט מאָנומענטן, אַנשטאַלטן און אַנדערע קעגנשטאַנדן פון זייער אַ וויכטיקן באַדייט און דער עיקר — אומעטום האָבן מיר געזען פאַר זיך ווירדיקע מענטשן, וואָס טראָגן הויך דעם צלם אלהים. און כאָטש דער שטעמפּל פון הונגער שטראַרטשט אַרויס פון זייערע מידע פּנימער; כאָטש דער בזיון פון אָרעמקייט הויערט איבער זייער גאַנצן וועזן, דאָך — צו דער היגטישער אונטערטעניקער קריכעוודיקייט האָבן זיי זיך נישט אַרונטערגעלאָזן. אין אויג ביי זיי האָט טאַקע געברענט דאָס טרויעריק־לוסטיקע פייערל צום שילינג, וואָס מיר האָבן שוין אין האַנט אַנגעגרייט פאַר זיי ווי אַ באַלוינונג פאַר זייער טרחה, אָבער דער מענטש אין זיי איז געבליבן גאַנץ און שטאָלץ, נישט פאַרצערט פון דעם ברענענדיקן פייערל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין די אַכט טעג פון מיין פאַרברענגען אין לאָנדאָן, אין הויז פון אַ ייִדישער פאַמיליע, וואַרטנדיק אויף מיין שיף וואָס דאַרף מיך אַוועקפירן קיין ניו־יאָרק, אין אַט די אַלע אַכט טעג האָב איך בלויז געציילטע מינוטן געזען אַ שטיקל ריינעם הימל, אָדער דעם בליק אויף אַ העל־שיינענדיקער, שטראַלנדיקער זון. לאָנדאָן איז געווען איינגעהילט אין אַ געלן, פייכטן נעפל וועלכער האָט, ווי עס ווייזט אויס, באַדויערט, באַקלאָגט אפשר מיין אָנקומען אין לאָנדאָן. כ׳האָב דערפאַר קיין מעגלעכקייט און קיין געלעגנהייט נישט געהאַט צו זען אַפילו אַ קליינעם טייל פון דעם וואָס לאָנדאָן האָט צו באַווייזן און פאַראינטערעסירן אַ דורכרייזנדיקן. אין קליינעם שטיקל גליק־לעכן פאַרגעניגן האָט דאָס מזל מיך יאָ צוגעטיילט: איך האָב געזען אַ ייִדישע טעאַ־טער־פאָרשטעלונג וואָס ס׳האָט אויפגעפירט אַ גאַסטראָלירנדיקע טרופּע פון אַמעריַ־קע. אַזוי האָב איך, קורץ און שאַרף, אָפּגעפּטרט מיט לאָנדאָן און כ׳בין אַרויף אויף דער שיף „פילאַדעלפיאַ״, וועלכע האָט דאַן קורסירט צווישן סויטהאַמפּטאָן — ניו־יאָרק.

קיין פּאַספּאָרט איז דעמאָלט נישט געווען נייטיק אויף אַריינצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ס׳איז געווען גענוג דער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען, דאָס גע־בורט־לאַנד און דאָס לאַנד פון וואַנען מען קומט מיט דער שיף.

פון מעלבורן ביז לאָנדאָן בין איך געפאָרן אין דריטן קלאַס. אין לאָנדאָן, אָבער, האָט מען מיר געראַטן צו פאָרן מיטן צווייטן קלאַס ביז ניו־יאָרק, ווייל פּאַסאַזשירן וואָס פאָרן מיטן ערשטן אָדער מיטן צווייטן קלאַס, ווערן אַרונטערגעלאָזן פון שיף גלייך ביים אָנקומען צום אַמעריקאַנער פּאָרט. די פּאַסאַזשירן וואָס געפינען זיך אי־נעם דריטן קלאַס, ווערן אָפּגעהאַלטן און זיי גייען דורך אַ שווערן לאַנדונגס־פּראָצע־דור אין עליס איילאַנד.

איך האָב טאַקע געפאָלגט די עצה פון מיינע פריינטלעכע ראַטגעבער. איך האָב איינגעצאָלט נאָך פיר פונט שטערלינג און... אַ פּריַץ אין 2טן קלאַס. און טאַקע, דער כוח פון די לומפּיקע פיר פונט שטערלינג האָט אויפגעטאָן וווּנדער. גלייך ווי אונדזער שיף איז געבליבן שטיין אין ניו־יאָרקער האַפן, האָט מען אַלע פּאַסאַזשירן פונעם צווייטן קלאַס דערלויבט גיין וווהין יעדער איינער האָט געדאַרפט, בעת אַלע פּאַסאַ־זשירן פון דריטן קלאַס זענען פאַרבליבן נעכטיקן אויף דער שיף. און די צייט איז געווען עלף אַ זייגער ביינאַכט. איך בין, צוזאַמען מיט אַ פאַמיליע, אַוועק צו זייער קינדערס הויז. די קינדער זענען זיי געקומען אָפּוואַרטן און אָט די מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן מיר פאַרשאַפט אַ פריינטלעכע הכנסת־אורחים אין דער ערשטער נאַכט פון מיין באַטרעטן אַנקל סעמס מדינה.

פערטער טייל

38. — אַמעריקע

גלייך צו מאָרגנס נאָך מיין אָנקומען, האָב איך מיך דערפילט אין אַמעריקע, זיך דערזען אין דעם ריזיקן קעסל־גרוב וואָס קאָכט און זידט מיטן זאַפט פון לעבעדיקע מענטשן. נישט געווען יענע פאַרשלאָפנקייט, יענע נאַכטיקייט, וואָס הילט איין און באַהערשט די גאַס אין מעלבורן, איבערהויפּט די יידישע גאַס. ווען איך האָב געמאַכט אַ קורצן שפּאַציר אויף אָרטשאַרד סטריט, אויף פּיטט סטריט, אָדער אויף ברום סטריט, אויף עסעקס סטריט, אָדער אויף דילענסי סטריט אאַז״וו, האָט זיך גלייך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט אַמעריקע אין איר פולער גרויסקייט און ברייטקייט.

די יידישע אַמעריקע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן בכל גודלה ותפארתה. אין דעם געגנט ווו איך האָב מיך געפונען, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ יידיש לאַנד, אין אַ ווינקל פון אַ מדינה וואָס באַנוצט געזעצן און אָרגאַניזירט מלוכה־לעבן נאָר כלפּי חוץ, אָבער אינעווייניק: — לעבט אייך יידעלעך, ווי אייך איז ניחא, און זייט מענטשן לגבי דער מדינה. יידן אומעטום, איבעראַל, אין יעדן ווינקל פון די גאַסן; גאַסן פול מיט יידן, יידישע אויפשריפטן אויף כמעט אַלע קלייטן און געשעפטן.

לויפן יידן מיט תליתים אין שול אַריין און יינגלעך מיט תפילין־זעקלעך אונטערן אָרעם איילן אַהין, ווו דער טאַטע הייסט גיין. זיי לויפן, אָט די יונגע יידישע שפּראָצונגען, יאָגן, אפשר נאָר יוצא צו זיין, אָפּזאָגן די פּאָר תפילות, אָפּמורמלען די פּאָר פּסוקים, און — הײדאַ אין שול אַריין! אָבער זיי לויפן, די יינגלעך. יידיש לעבן טרייבט, יידישע טראַדיציע שטופּט, די קראַפט פון דורות לאָזט נישט רוען.

אויך דער ברויזנדיקער אימפּעט פון יידישן פּרנסה־לעבן פאַרשלינגט דיך דאָ, אויף דער יידישער גאַס, אָנגעפּאַקט מיט יידישע סוחרים און פּאַרקויפערינס — פרישע בייגל! באַנאַנעס, גאָלד־שיינע עפּל! פרישע, פרישע און הייסע זעמעלעך! אַלץ ווערט אויסגעשריגן און אויסגעלויבט מיטן עכט־יידישן אונטערשטרייך, מיט דער כאַראַקטעריסטישער אינטאַנאַציע, אָפּט מעלאַנכאָליש און כריפּענדיק, ווערט עס אויסגעשריגן, איבערגעשריגן און פאַרשריגן. עס קומט צו הילף, זייער ווירקזאַם און שטויסנדיק, דער פּרנסה־דראַנג. און דער הו־האַ איז שרעקלעך, צום פאַרטויבט ווערן: הו־האַ, הו־האַ, „עמך ישראל צריכים פּרנסה״. ער טרייבט זיי, דער הו־האַ, די יידן צו זייערע געשעפטן; ער טרייבט די סוחרים פּטור צו ווערן פון זייערע סחורות און... ברענגען חיונה צו ווייב און קינד. עס קאָכט און עס ברויזט דאָס יידישע לעבן און

שעמערירט אויף דער יידישער גאַס אין ניו־יאָרק. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם טומל אויף דער גאַס, פונעם אָריגינעלן קאָך און רעש, עכט אייגנטימלעכן, היימיש־יידישלעכן, אויף דער ניו־יאָרקער גאַס.

נישט קיין תחית־המתים פון ווילנער, אָדער באַרדיטשעווער פיש־מאַרק האָב איך דאָ געזען אינעם אויסטערלישן געזעמל־געדראַנג; ניין, אַ המשך האָב איך דאָ געזען פון יענער סביבה, צוגעפּאַסט צו דעם כוואַליענדיקן, שוימיקן ניו־יאָרק.

די באַרוישקייט מיינע פון די ערשטע שטורמישע טעג אין דעם קאָכיקן קעסל, האָט שטופנווייז אָנגעלאָזט, אָפּגעלאָזט, נישט פאַרלאָזט חלילה. אָבער דער מענטש אין מיר, דער פּשוטער, טאָג־טעגלעכער אייזיק אין מיר, האָט אויפגעוואַכט, האָט זיך אויסגעטשוכעט און אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס, וויכטיקע, לאָגישע פראַגעס: — נו, וואָס ווייטער? יאָ, טאַקע, וואָס ווייטער?

נאָך דעם ווי כ'האָב מיך באַזאָרגט מיט אַ קוואַרטיר, געדונגען אַ צימער, אַ צימער — איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, — אַ בעט, אַ געלעגער אין דורכגאַנג פון אַ צימער, אין אַ הויז אויף ברום סטריט נומ׳ 207. כ'האָב מיך ווי ס'איז איינגעאָרדנט מיין טאָג־טעגלעכקייט און כ'בין דאַן אַוועק אויפזוכן לאַנדסלייט, באַקאַנטע פון אַמאָל און האָב אויך אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן נאָכפרעגן וועגן אַרבעט. און כמעט אַלע, מיט וועמען מיר איז געלונגען זיך צו טרעפן, אַלע אין דעם זעלבן טאָן, האָבן באַדויערט אייזיקן: „אַוודאי, ווען דו וואָלסט געהאַט אַ פאַך אין האַנט, וואָלסטו געקענט מאַכן אַ פיינעם לעבן; אָבער אַזוי — אַ גרינער און אַ פּראָסטאַק, — שווער צו געפינען וואָס צו טאָן". אייניקע האָבן מיר געראָטן, איך זאָל מיך צושלאָגן צו דעם נאָדל־פאַך, איך זאָל ווערן אַן אָפּערייטער, ד"ה אָנקומען אין אַ קליידער־פאַבריק און לערנען שטעפּן אויף אַ מאַשין. מען האָט מיר אַפילו רעקאָמענדירט צו אַ פּאָר דובאָסאַרער לאַנדסלייט, וואָס וואָלטן מיך פיל געקענט העלפן אין דעם זין. און ווי פרעמד און קאָמיש עס האָט פאַר מיר נישט געקלונגען אַזאַ אונטערנעמונג, האָב איך דאָך דעם געדאַנק אויפגענומען און האָב געזוכט די הילף פון די, וואָס האָבן מיך געקענט העלפן דאָס דורכצופירן. האָט אָבער מיר דער שלימזל נאָכגעיאָגט און אַפילו אַריבערגעיאָגט.

צו יענער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ שטרייק אין דער קלידער־אינדוסטריע, וואָס האָט כמעט ווי אין גאַנצן פאַראַליזירט דעם נאָדל־פאַך. מיינע באַמיִונגען זענען געווען אומזיסטע און כ'האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט אין אַן אַנדער ריכטונג. איך האָב מיך דערביי דערמאָנט אין מיין „גומי־פאַך". איך האָב מיך געווענדט צו דער אַרבעטס־ביוראָ פון דער The American Jewish Aid Society און אָנגעפרעגט ביי זיי אויף אַ מעגלעכקייט צו געפינען אַרבעט פאַר מיר. און ווען דער באַאַמטער אין דער ביוראָ האָט געפרעגט, צו וועלכן פאַך איך באַלאַנג, האָב איך אים דערציילט וועגן מיין אַרבעט אין אַ גומי־פאַבריק. כ'האָב דערביי אויך באַמערקט, אַז

כ׳האָב אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פונעם פּאַרוואַלטער פון דער פאַבריק ווו איך האָב געאַרבעט. און דער באַאַמטער האָט מיך געבעטן ברענגען דעם בריוו. ווען כ׳האָב אויפן צווייטן טאָג אים דערלאַנגט דעם בריוו, און נאָך דעם ווי ער האָט אים דורכ־געלייענט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט דעם בריוו אַוועקשיקן צו דער גומי־פאַבריק אין אַ שטעטל, נישט ווייט פון ניו־יאָרק, און אויך, אַז ער איז זיכער, אַז עס וועט דאָרט, אין דער גומי־פאַבריק, זיין פאַר מיר אַרבעט. ער האָט מיך געראַטן צו קומען אין דריי־פיר טעג אַרום וועגן אַן ענטפער.

אויפן פערטן טאָג, ווען איך בין געקומען אין ביוראָ, האָט ער מיר געוויזן אַ בריוו, אין וועלכן איך ווער איינגעלאַדן קומען אָנהייבן אַרבעטן. כ׳בין טאַקע אויפן צווייטן טאָג אַוועקגעפאָרן אַהין, אין שטעטל ניו־בראַנזוויק, ניו־דזשוירזשי שטאַט, ביי 48־50 מייל פון ניויאָרק.

מיר האָט באַגלייט די ברכה פון דער ביוראָ פון „די אַמעריקאַן דזשויש אייד סאָסייעטי, צוזאַמען מיט אַ פונט כשרע וורשט, אַ לאַבן ברויט און אויך אַ צעטל צו אַ יידישער אַכסניה, ווו כ׳האָב איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אין דעם פרעמדן שטעטל. אַזוי איז געווען ביי זיי, ביי דער ביוראָ, דער מנהג: אַ פונט כשרע וורשט, אַ לאַבן ברויט און אַ צעטל פאַר נאַכט־לעגער. געבענטשט זאָל זיין דער יידישער מנהג, — אַ לאַבן ברויט, אַ פונט כשרע וורשט, נישט מער אפשר טאַקע ווי אין ווערט פון אַ דאָלאַר, אָבער דער יידישער מנהג — אַ מיליאָן דאָלאַר! געבענטשט זאָל אויך זיין דער זכר פון „די אַמעריקאַן דזשויש אייד סאָסייעטי״, יידן העוסקים בצרכי ציבור באמונה; כבוד זיי, די געטרייע דינער פון יידישן מנהג, פון יידישער טראַדיציע.

נאָכן איבערנעכטיקן אין „הכנסת־אורחים״, בין איך אַוועק אין דער גומי־פאַ־בריק און זיך געמאָלדן ביים פאַרוואַלטער. כ׳בין גלייך אויפגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט. דער רעקאָמענדאַציע־בריוו איז מיר אומגעקערט געוואָרן מיט אַ שמייכל און אַ פריינטלעכע באַמערקונג: „עס טוט מיר הנאה וואָס דו האָסט איבערגעשפּאַנט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן און ביסט אָנגעקומען צו אונדז אַרבעטן״.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָב איך געפונען אַ צימער אין אַ יידישן האָטעל־רעסטאָ־ראַן, און... אַמעריקע האָט מיר אָנגעהויבן אויסהאַלטן און שפּייזן.

39. — מיין קינד, מיין קינד!

צו חיהן האָב איך געשריבן אָפטע בריוו און האָב פון איר באַקומען ענטפערס. איך האָב אַלץ באַשריבן, ווי עס גייט מיר אין דער נייער מדינה. אין אירע בריוו האָט חיה, צווישן אַנדערן, אונטערגעשטראָכן, אַז ווען די לאַגע וועט זיך ביי מיר מאַ־טעריעל פאַרפעסטיקן, וועט זי דאַן אָנהייבן טראַכטן וועגן פלענער אויף צו קומען צו מיר.

איך האָב אויך אין דער זעלבער צײַט זיך קאָרעספּאָנדירט מיט מײַן חבר יוסף גרינבלאַט, װעלכער האָט געװױנט אין שיקאַגאָ. ער, יוסף, האָט אין זײַנע בריװ מיר געראָטן און אויך געבעטן, אַריבערצוקומען לעבן אין שיקאַגאָ. ער האָט אויך אָנגעװיזן אויף מעגלעכקײטן פֿון אַרבעט אין דער זעלבער פֿאַבריק װוּ ער האָט געאַרבעט; אַ פֿאַבריק, װוּ עס װערן אויסגעאַרבעט פּאַפּירענע פֿיגורן, מאַניקינען אויף אַרױפֿצוציִען אויף זײ קלײדער פֿאַר די שװײ־פֿענצטער פֿון די קלײדער־געשעפֿטן. ער, גרינבלאַט, האָט אויך אין זײַנע שפּעטערע בריװ געשריבן, אַז דאָס מאַכן פֿיגורן איז אַ פֿאַך און אויך, אַז דעם פֿאַך קען איך זיך אויסלערנען אין פֿאַבריק גופֿא, אַרבעטנדיק און זיך לערנען אין דער זעלבער צײַט, באַקומענדיק אויך אַ קלײנעם געהאַלט אין צײַט פֿון דער לערע. אין אַלע זײַנע בריװ האָט גרינבלאַט אָנגעװיזן אויפֿן שריט אַריבערצוקומען קײן שיקאַגאָ, װי אויף אַ קלוגן און באַרעכנטן שריט.

פֿון מײַן אַרבעט אין דער גומי־פֿאַבריק האָב איך דערװײל קײן גרויס נחת נישט געהאַט. אין דער פֿאַבריק The Michelin Tyre Co. האָבן געאַרבעט בײַ אַ זעכצן הונדערט מאַן, די גרעסטע טײל פֿון זײ — װײַסרוסישע פּויערים און אַ קלײנע צאָל דײַטשן, עסטרײַכער און אַנדערע. דער אַרבעטס־לוין איז געװען נישט מער װי 6.90 דאָלאַר אַ װאָך; אַ װאָך פֿון פֿיר און פֿופֿציק שעה אַרבעט. מיך האָט מען אָנהײק־געשטעלט אַרבעטן בײַ פֿאַרשידענע דאָ־דאָרט־אַרבעטן און נישט בײַ אַ װאַשינג־מאַשין, װי מײַן רעקאָמענדאַציע־בריװ האָט אָנגעװיזן. איך האָב אויך געמוזט אַרבעטן, אַ פּאָר מאָל אין װאָך איבער־שעהן, ביז שפּעט בײַנאַכט. און פֿאָרן צו דער אַרבעט האָט געװײנלעך געדױערט בײַ אַ פֿופֿציק מינוט, אַזױ אויך דאָס פֿאָרן צוריק פֿון דער אַרבעט.

דער אויפֿזעער פֿון דער אָפּטײלונג װוּ איך האָב געאַרבעט, איז געװען צופֿרידן פֿון מײַן אַרבעט. ער פֿלעגט אויך אָפֿט פֿאַרפֿירן מיט מיר שמועסן װעגן װעלט־ענינים, װעגן אויסטראַליע און... װעגן ייִדן. און װען ער איז פֿון מיר געװויר געװאָרן, אַז איך בין אַ ייִד, האָט ער אָפֿט געזאָגט אַז ער קען װײניק־װאָס די ייִדן, ער װײסט אָבער, אַז: „די יודען, די זינד שװינדלער און באַטריגער". עס פֿאַרשטײט זיך, אַז כ׳האָב אים נישט געלאָזט בלײַבן בײַ זײַן אײַנגעװאָרצלטער מײנונג.

אין אַלגעמײן, בין איך פֿון מײַן אַרבעט אין דער פֿאַבריק געװען נישט זײער צופֿרידן. די נידעריקע שכירות, די לאַנגע אַרבעטס־שעהן און די בײַנאַכטיקע אַרבעט; דאָס שלעפּן זיך נאָענט צו אַ שעה צו דער אַרבעט און פֿון דער אַרבעט אין די זײער קאַלטע פֿראָסטיקע פֿרימאָרגנס, אָפֿט אין שנײ־שטורעמס, און צו דעם אַלעמען — דער אַרבעטס־עלעמענט אין פֿאַבריק: פּראָסטע, נישט אַנטװיקלטע און מענטשן מיט גראָבע כאַראַקטערן, — דאָס אַלץ האָט מיר געמאַכט זיך צו פֿילן זײער און זײער אומבאַקװעם אין מײַן אַרבעט. און נאָך נײַן װאָכן אַרבעטן אין פֿאַבריק, האָב איך מיך צוריקגעקערט קײן ניו־יאָרק.

קײן גרױסן חשק צו פאַרלאָזן ניו־יאָרק האָב איך נישט געהאַט. ניו־יאָרק, מיט אירע גרױסע מאַסן ייִדן און ייִדישע אינסטיטוציעס, מיט אירע פיר טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען און אַנדערע אױסגאַבעס; ניו־יאָרק, מיט אירע פיר גרױסע ייִדישע טעאַטערס און זײערע ריזן־קעפּ: יעקב אַדלער, דוד קעסלער, באָריס טאָמאַשעװסקי, מאַדאַם קעני ליפּצין, און אױך אַ צאָל אַנדערע „טעאַטערלעך"; ניו־יאָרק, מיט דעם אַלעם האָט מיך געפּאַנגען און אַרײַנגענומען װי אין קלאַמערן און פּאַרװישט און בטל געמאַכט יעדן געדאַנק פון פאַרלאָזן דאָס אַלץ, װאָס איז געװען בכוח אױסצופילן אַ װעלט, װאָס האָט געברױזט אין מיר צו באַפרידיקן מײַן שטורמישע נאַטור, גע־בײגט צום װירקזאַמען און שעפערישן פאָלקס־לעבן. אָבער קעגן דעם איז אױך גע־שטאַנען דער זײער װיכטיקער פאַקטאָר: עקזיסטענץ, חיונה, און אױך, אין אַ געװיסער מאָס דער װילן צו זײַן און לעבן צוזאַמען מיט מײַן חבר יוסף גרינבלאַט און אַנדערע באַקענטע מענטשן אין שיקאַגאָ.

נאָך דעם װי כ׳האָב אױסגעפּרובירט און אױסגעשעפּט אַלע מעגלעכקײטן צו געפינען באַשעפטיקונג, און דאָך נישט דערגרײכט מײַן ציל, בין איך, אַ פּאָר װאָכן פאַר פּסח 1913, אַריבערגעפאָרן קײן שיקאַגאָ. און... אין אַ צימער, אין הױז פון דער פאַמיליע ליפשין, די שװער און שװיגער פון גרינבלאַטן, אַפילו שטיקלעך משפּחה מײַנע, — שני שבשלישית, — האָב איך מײַן געצעלט אױפגעצױגן און געװאָרן אַ שיקאַגער תושב. אױפן צװײטן טאָג נאָך מײַן אָנקומען, זענען מיר בײדע, — יוסף און איך, — אַװעק אין דער פאַבריק װו ער האָט געאַרבעט, און נאָך דעם װי ער האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַרן אױפזעער, האָט יענער, אָן איבעריקע פאָרמאַליטעטן, מיר אַרײַנגעשריבן אין דער אַרבעטער־רשימה פון דער פאַבריק. דער אױפזעער, אַן אינ־טעליגענטער מענטש, אַ גוטער אין כאַראַקטער און אַ מיטפילנדיקער אין צװײטנס לאַגע, האָט זיך באַצױגן צו מיר מיט אױסערגעװײנטלעכער פרײַנטשאַפט און סימ־פּאַטיע. יעדן טאָג פלעגט ער אַ פּאָר מאָל צוקומען און מיר לערנען און געבן אָנװײ־זונגען אין גאַנג פון דער מלאכה פון מאַכן פיגורן. און װען ער האָט, אין לויף פון צײַט געזען, אַז איך מאַך פאַרשריט אין מײַן אַרבעט, איז ער שטענדיק אַװעק אַ זײער צופרידענער. װען כ׳האָב צום סוף פון דריטן חודש באַװיזן אױסצואַרבעטן די צאָל פיגורן, לױט דער געפאָדערטער נאָרמע, איז ער אַרײַן אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ער האָט מיט אױפריכטיקער צופרידנקײט הילכיק אױסגעשריגן: „הוראַ פאַר מר. הורװיץ, הוראַ פאַר מר. הורװיץ!", פונקט אַזױ װי איך װאָלט דאָ באַװיזן צו באַקומען דעם טיטל ד״ר פילאָסאָפיע.

אָבער, װי עס זעט אױס, האָט אױך דאָ מיך פאַרפאָלגט דער ממונה על הפמליה של שלימזל. װײַל, װען כ׳האָב אָנגעהױבן פאַרדינען אַזױ פיל װיפל יעדער אַרבעטער אין פאַבריק האָט פאַרדינט, — בעמלעך, 15 דאָלאַר אַ װאָך, — איז געקומען דער קריזיס פון איבערפּראָדוקציע אין דער פאַבריק, װאָס האָט אין אירע שפּײַכלער שױן

געהאַט אָנגעזאַמלט גרויסע קוואַנטיטעטן פון פיגורן, טויטע מאַניקינען — זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. און אַט די „טויטע” פיגורן האָבן אַרויסגעשטופּט די לע־בעדיקע פּראָדוצירער זייערע פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער און צווישן זיי אויך מיר. פאַרבליבן זענען בלויז יענע איינצלנע פון די גאָר „אַלטע הענט”. דאָס מאָל, אָבער, האָט עס מיר געלונגען איבערצוקליגלען דעם שטן. כ׳האָב גלייך אויפן צווייטן טאָג נאָכדעם געפונען אַרבעט אין אַ צווייטער פאַבריק, אויך מאַכן פיגורן, ווו כ׳בין פאַר־בליבן אַרבעטן גאַנצע צוויי יאָר.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב די גאַנצע צייט, קאָרעספּאָנדירנדיק זיך מיט חיהן, געהאַלטן איר אינ־פאָרמירט וועגן מיינע באַוועגונגען, שריט, שטרעבונגען און דאָס רעאַליזירן פון אַלץ, וואָס דאַרף און זאָל פירן צו דער מעגלעכקייט, אָדער צו שאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר־אונדזער ווידער צוזאַמענקומען זיך. חיה האָט אָבער, אונטער דער צייט באַשלאָסן, קען זיין אַז ווי אַ שריט פון זעלבסט־פאַרזיכערונג, צו לערנען אַ פאַך און זיין אימ־שטאַנד צו פאַרזיכערן איר עקסיסטענץ. איך האָב איר רעגלמעסיק געשיקט געלט ווײפל נאָר כ׳האָב פון מיינע פאַרדינסטן אָפּגעשפּאָרט.

אין אירע בריוו האָט חיה יעדעס מאָל דערמאָנט און אונטערגעשטראָכן, אַז: „דאָס קינד אונדזערס, חאַפּעלע, פרעגט —און זייער אָפט— ווו איז מיין פּאַפּאַ?”. און זי, אַז זי גיט אים שטענדיק אַ באַרויִקנדיקן ענטפער אויף זיין בענקשאַפטפולער פראַ־גע, אַז אָט־אָט, גאָר אין גיכן, וועלן מיר פאָרן קיין אַמעריקע און דו וועסט זען דיין פּאַפּאַ. און כ׳פלעג פרעגן — און נישט אויפהערן פרעגן מיט טיפן ווייטיק און אַ מאָל אויך מיט אַ פּיינלעכן פאַרדרוס: „ווו איז מיין קינד?”. און די צייט גייט; איך אין שי־קאַגאָ און חיה מיטן קינד — אין רוסלאַנד, און דיביידע אָנגעווייטיקטע פראַגעס בלייבן הענגען אין דער לופטן, פאַרצויגן מיט אַן אומהיימלעכן, שמערצלעכן שטיל־שווייגן. נישטאָ ווער ס׳זאָל די פראַגעס פאַרענטפערן. ביי מיר באַמבלט זיך דער עכאָ פון אַ טרויעריקן אָפּקלאַנג... „ווו איז מיין פּאַפּאַ?”. און דאָרט, אינעם צימער ווו די מאַמע מיטן קינד זיצן פאַרהילט אין טרויער, שוועבט געוויס אַרום דער זעלבער אָפשיין פונעם חלום, אָנשטויסנדיק זיך אינעם טעמפּן עכאָ־געקלאַנג: „ווו איז מיין קינד?”....

חיה האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון מאַכן קאָרסעטן אין אַן אָדעסער וואַרשטאַט, און שוין קענענדיק דעם פאַך, האָט זי זיך באַזעצט אין דער שטאָט אָרי־העוו, אויפגעעפנט אַ „מאַסטערסקאַיאַ” און מיט אַ שילדל „קאָרסעטן־מאַכערין”, האָט זי אָנגעהויבן ציִען חיונה פון איר נייער פּראָפעסיע.

און איזיק האָט געמאַכט פיגורן, געשריבן בריוועלעך, שורות אָנגעזאָפּטע מיט טרערן און וויי־געשרייען. און חיה האָט געמאַכט קאָרסעטן און געשריבן בריוועלעך.

אַז זי און דאָס קינד זענען געזונט, פילן זיך גוט און אַז זי מאַכט קאָרסעטן „פּאַ וואַ־קאַזו" און זי לעבט זיך דורך. און... און... און.... אויס חיה, אויס קינד.

סוף 1914, אָנהייב 1915 — אויס בריוו, אויס קאָרסעטן... קאַנאָנען קלאַפּן און צעקלאַפּן, מאַכן אַ סוף פון אַלץ: פון חיהן, פון קינד, פון יידישע קהילות, פון יידישן לעבן. אויס, שאַ־שאַ־שאַ. דער רוסישער קאָנסולאַט אין שיקאַגאָ נעמט אַפילו יאָ אויף בריוו און גיט איבערצושיקן „נאַ ראָדינו", אָבער די „ראָדינאַ" איז אין ד'ערד, טרינקט זיך אין בלוט און די בריוו און די געשיקטע געלטער ווערן דערטרונקען, צי אויפן וועג „נאַ ראָדינו", צי אין קאָנסולאַט פון דער „ראָדינאַ", ס'איז נישט קיין אונ־טערשייד, פּשוט — זיי ווערן נישט. איבערגעריסן איז יעדע פאַרבינדונג; פאַרשטומט יעדע שטימע וואָס פלעגט פון דאָרטן דערגרייכן; קיין לעבעדיק וואָרט, קיין עכאָ אַפילו — טויט. עס שוועבט אַ טויט־שאָטן איבער אַלץ, וואָס האָט אַמאָל געטראָגן דעם נאָמען רוסלאַנד, אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט, אַרונטער פונעם אויבערפלאַך, נישטאָ מער.

40. — אַ פּען־דיבוק איז אַריין אין מיר

ענדע 1913 און אָנהייב 1914 האָט זיך אין מיר דערוואַכט און אויפגעוואַכט אַ שטאַרקע נייגונג און פאַרפאַלגנדיקער חשק צו דער פּען; צו שרייבן און צו שילדערן לעבנס־בילדער פונעם אַרום. און וואָס כ'האָב אַרום מיר געזען און וואָס כ'האָב גע־הערט, האָט זיך געריסן אויפן פּאַפּיר, אויף דעם אויבערפלאַך פון לעבן אַרויס, צו זען און דערזען די ליכטיקע שיין. און ווען כ'האָב מיין ערשטע סקיצע אָנגעשריבן און עס פאַרעפנטלעכט אין „די יידישע אַרבעטער וועלט", האָט עס געמאַכט אַ גוטן איינ־דרוק און אַרויסגערופן אַ וואַרעמען אָפּרוף און רושם, און איבערהויפּט האָט נאָך אַ גליקלעכער צופאַל דערצו צוגעהאָלפן.

איך בין שוין צו יענער צייט געווען אָנגעשלאָסן ווי אַ מיטגליד פונעם „אַרבע־טער־רינג", און אַ טעטיקער מיטגליד דערצו. כ'האָב געהאָלפן אין יעדער סאָרט אַר־בעט: אָרגאַניזאַטאָרישע, שרייב־אַרבעטן און אַלגעמיינע פיזישע אַרבעטן. איך בין אויך געווען דער סעקרעטאַר פון מיין ברענטש, נומער 448, דער בעסאַראַבער ברענטש.

און אין „די יידישע אַרבעטער וועלט" פון דער וואָך, ווען מיין ערשטער סקיץ איז געדרוקט געוואָרן, אונטערן נאָמען „אסתר", איז גראָד ענדע וואָך, זונטיק, פאָר־געקומען אַ פּיק־ניק פונעם „אַרבעטער־רינג" און דער נומער „יידישע אַרבעטער וועלט" איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן אַלע אָנוועזנדיקע אויפן פּיק־ניק, טויזנטער אין צאָל. איך האָב „געאַרבעט" ווי אַ קעלנער אינעם שפּייז־זאַל און אַרום דעם זאַל, און ווען כ'האָב עמיצן צוגעטראָגן אַ פלעשל לימאָנאַד, אָדער דערלאַנגט אַ גלאָז טיי מיט קיכלעך, האָט מען מיר באַטראַכט מיט פריינטלעכע בליקן און געשמייכלט צו מיר. אַ סך זענען געוויר געוואָרן, אַז איך בין דער בעל־דבר פון דער מעשה „אסתר".

און מ׳האָט מיך געקלאַפּט אין פּלייצע, געגלעט די הענט וואָס האָבן דערלאַנגט דעם לימאַנאַד, אָדער די טיי: „פיין, פיין, מר. הורוויץ, זייער שיין אָנגעשריבן"; „אַ יישר כוח איך, איר זענט דאָכט מיר אַ פּנים חדשות אין דער צייטונג, שרייבט, שרייבט, עס איז זייער אָנגענעם צו לייענען". און נאָך און נאָך אַזעלכע „פּוטער־פּלעצלעך" און זיסע האָניק־מאַנדלען האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן אויף מיין רעכענונג.

אַ פּאָר מיידלעך און עטלעכע פּאַרוויטלטע יונגע ווייבלעך, זענען אַפילו צוגע־שטאַנען צו מיר, איך זאָל זיי זאָגן, ווער אָט די אסתר איז; צי לעבט זי און צי איז זי, אסתר, נישט ברוגז אויף מיר פאַר מיין באַשרייבן זי, פּאַר אַרויסגעבן איר „סוד".

און דער אמת איז: אסתר איז טאַקע געווען אַ לעבעדיקע פּערזאָן, האָט עקסיסטירט „אין פלייש און בלוט" — ווי מען זאָגט אויף ענגליש — און טאַקע מיינע אַ פריינ־דין אויך. אָבער ברוגז אויף מיר איז זי נישט געווען פאַרן „באַשרייבן זי". פאַרקערט, זי איז געווען זייער צופרידן, וואָס איך האָב איר „אַנגעלעגנהייט" געשילדערט אַזוי שיין און ערנסט און מיט טיפער סימפּאַטיע צו איר טרויער, און ווי אַזוי איך האָב איבערגעגעבן די ריכטיקע אָפּשאַצונג פון איר דרייסטער האַנדלונג.

איך בין געווען צופרידן פון מיין „ליטעראַרישן" אָנפאַנג. מיין נייגונג צו דער פעדער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון און כ׳האָב וויטער פאָרגעזעצט שרייבן און פאַרעפנט־לעכט אין „די יידישע אַרבעטער וועלט" סקיצן און לידער.

דער רעדאַקטאָר, מר. מאָריס זיסקינד, האָט זיך באַצויגן צו מיר מיט כבוד, אויפמערקזאַמקייט און מיך ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. עס דערמאָנט זיך מיר אַן אינ־טערעסאַנטער פּאַרפּאַל: מיר ביידע, — מר. זיסקינד און איך, — זענען אַמאָל אין אַ ווינטער־טאָג אַריינגעגאַנגען עסן מיטיק אין רעסטאָראַן פון יענטע סערדאַצקי, וועל־כע איז שוין אין יענע צייטן געווען באַוווסט ווי אַ באַגאַבטע שרייבערין. ווען מר. זיסקינד האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר י. סערדאַצקי און מיר באַקאַנט געמאַכט מיט איר, האָט ער צוגעגעבן: — „אונדזער נייער און יונגער מיטאַרבעטער, אייזיק הור־וויץ". סערדאַצקי האָט מיר זייער וואַרעם באַגריסט. זי איז געווען צופרידן צו באַקע־נען זיך מיט מיר און האָט מיר געוווּנטשן דערפאָלג אין מיין „ליטעראַרישער קאַ־ריערע". זי האָט געלייענט, — האָט זי געזאָגט, — אייניקע פון מיינע סקיצן און דער־ציילונגען און עס האָט איר צופרידנגעשטעלט דער זייער שיינער סטיל, פיינער אויס־דרוק און רייכער אינהאַלט. איך האָב מיך געפילט גליקלעך און דערהויבן צו הערן פון יענטע סערדאַצקי אַזאַ מיינונג וועגן מיין שרייבן. ווען כ׳האָב שפּעטער, אין אַ שמועס מיט איר, געפרעגט, פאַרוואָס זי שרייבט זייער ווייניק די לעצטע צייט, האָט זי מיט אַ וויטיקלעכן סאַרקאַזם געענטפערט: „איר זעט דאָך מר. הורוויץ, און איך בין שוין לאַנג אַרויס פון דעם ליין אָוו ביזנעס". יאָ, כ׳האָב שוין דאַן געטראַכט, אַז שרייבן, און גוט שרייבן דערצו, שטימט נישט, גייט נישט האַנט־אין־האַנט און פּאַסט זיך לייכט נישט אַריין אין רעסטאָראַן־ביזנעס, אינעם יויך־טעפּל געשעפט, און נאָך נישט

פֿון די גאָר געהויבענע רעסטאָראַן־סאַלאָנען, ווו אַ טעלער זופּ, אַ שטיקל פֿלייש און עפּעס אַ צוגאָב ברענגט נישט קיין צו־גרויסן פּרנסה־קוואַל. יענטע סערדאַצקי, אַ זייער טאַלאַנטפֿולע, טעמפּעראַמענטפֿולע יידישע שרייבערין, האָט פֿון שרייבן און מאָלן לעבנס־בילדער און שילדערן לעבנס־געשטאַלטן, קיין לעבן נישט געקענט מאַכן. אַ סברא אַפֿילו, אַז פֿון איר שווערער רעסטאָראַן־פּראַצע האָט זי אויך מיט גרויס מאַטערניש חיונה געצויגן, כאָטש איר מאַן האָט אַ פֿולן חלק געהאַט אין דער שווערער רעסטאָראַן־אַרבעט.

41. — צער, „ביזנעס״, דערלייזונג

...„סקאַזשי דיאַדיע אייזיקו, פּוסט סקאַזשעט קדיש. באַבושקאַ קיילע אומערלאַ״. אין אַ פּאָסטקאַרטל צו מיין פֿלימעניק הערשל, — מיין ברודער משהס עלטסטער זון, — זענען געווען געשריבן די פֿריער ציטירטע ווערטער אין רוסיש, ווו מיין ברודער משה, פֿונעם שטעטל ריבניצע, פּאָדאָליער גובערניע, רוסלאַנד, לאָזט מיר וויסן, אַז מיין מוטער איז געשטאָרבן און אַז איך זאָל זאָגן קדיש. ווען כ׳האָב איבערגעלייענט די טרויעריקע ידיעה, האָב איך זיך שטאַרק פֿונאַנדערגעוויינט אויף אַ הויכן, היס־טערישן קול, אַז די אַרבעטער אין פֿאַבריק מיטן אויפֿזעער בראש זענען געקומען צו לויפֿן דערשראָקענע, מיינענדיק אַז עפּעס אַן אומגליק האָט מיך געטראָפֿן ביי דער אַרבעט. איך האָב געבעטן אַ דערלויבעניש צו גיין אַהיים, נאָכדעם ווי כ׳האָב דעם אויפֿזעער דערציילט וועגן מיין בראָך. איך בין געווען דערשיטערט, צעבראָכן, און האָב געמוזט וואַרפֿן די אַרבעט כדי צו באַרויקן מיין צעשרויפֿטע נערוון.

דאָס איז געווען אָנהייב ווינטער 1915. ווי אַזוי דאָס פּאָסטקאַרטל מיט דער ידיעה וועגן מיין מוטערס טויט האָט זיך דערכגעשלאָגן אויף צו דערגרייכן ביז שי־קאַגאָ, דאַן, ווען זעלטן, זעלטן פֿלעגן שוין אָנקומען בריוו פֿון רוסלאַנד, — אָט די רעטעניש איז מיר ביז איצטיקן טאָג נישט אויפֿגעקלערט געוואָרן. אַכט יאָר זענען פֿאַריבער זינט כ׳האָב צום לעצטן מאָל געזען מיין מאַמען, און איך האָב קיין איין וואָך נישט דורכגעלאָזן, אַז איך זאָל נישט שרייבן צו איר. און ווען מיר איז באַוווּסט געוואָרן אַז זי לעבט נישט מער, האָט עס אויף מיר אַ פֿיינלעכן טרויער אַרויפֿגעוואָרפֿן; אַ ליידיקער פֿלאַץ האָט זיך מיט אַ מאָל געשאַפֿן אינעם מהות פֿון מיין לעבן. כ׳האָב דערפֿילט, אַז עפּעס פֿון מיין לעבנס־אינהאַלט איז אַרויסגעפֿאַלן, אַרויסגעריסן גע־וואָרן און געלאָזן אַ מוראדיקן בלויז, אַן אייביק בולטן און נאָגענדיקן פֿרעגצייכן. „סקאַזשי דיאַדיע אייזיקו, פּוסט סקאַזשעט קדיש. באַבושקאַ קיילע אומערלאַ״ — די שניידנדיקע, בייזע ווערטער האָבן מיר אין גאַנצן חרוב געמאַכט. נישטאָ מער מיין מאַמע, אויסגעלאָשן און אַוועק איז דער זכר פֿון אַ געטרייער האַרץ. פֿון מיין חיה, פֿון מיין קינד — קיינע ידיעות, און דאָס וואָס ס׳האָט זיך יאָ דורכגעבראָכן אַ וועג — טויט, אַוועקגעשווענקט אַ לעבן פֿון דעם נאָענסטן, פֿון די נאָענטסטע. און פֿון דאַן

אָן — יעדן קאָנטאַקט מיט רוסלאַנד איבערגעריסן, נישט צו הערן און נישט צו וויסן גאָרנישט. און פון יענער זייט מטושטשדיקן נעפּל ליגט דער אָנבליק פון מיין נחמה — חיה און חפשי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מיין איינזאַמען לעבן, שפּאָרזאַם און אויסגערעכנט און אויך צוליב דעם טרויעריקן פאַקט, וואָס שלאָס און ריגל איז דורך דער מלחמה אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף טיר און טויער און אויף אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט קיין רוסלאַנד, דורך דעם אַלעמען האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבן אַ קליינער קאַפּיטאַל, אָפּגעשפּאָרט פון מיין אַרבעט. איך האָב דאָן, — לויט דער עצה פון פריינט, — באַשלאָסן אויסצובעסערן מיין מאַטעריעלע לאַגע דורך אייגענער איניציאַטיוו און כ׳האָב געקויפט אַ „לאָונדרי ראַונד״, ד״ה אַ פערד און וואָגן, און אַ צאָל קונדן, ביי וועמען כ׳האָב געדאַרפט קומען איין מאָל אין וואָך אָנווקנעמען די שמוציקע וועש, עס אָנוועקפירן אין דער וועשעריי „לאָונדרי״, און פרייטיק ברענגען צוריק די וועש, די אויסגעוואַשענע ריינע וועש, מיט אַ רעכענונג פון דער לאָונדרי און באַקומען פון קונד די מזומנים. און פון אָט די מזומנים־רעכענונגען האָב איך באַקומען פערציק פּראָצענט פאַר מיין טרחה און די וועשעריי האָט באַקומען די איבעריקע זעכציק פּראָצענט. און אַזוי, וואָך־איין, וואָך־אויס בין איך אַרומגעפאָרן מיט פערד און וואָגן, צוזאַמענגענומען די בינטלעך קויטיקע וועש; געזען אַ וועלט פאַר זיך און נישט געווען פאַרשפּאַרט און פאַרדרענגט צווישן די שטויביקע ווענט פון פאַבריק. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ מער אָנגענעמע אַרבעט ווי מאַכן פיגורן. כ׳האָב אַפילו זייער אָפּט געהאַט שאַרפע איבעררייזן מיט מיין פערדל, ווייל כאָטש כ׳האָב אים קיין מאָל נישט געקריוודעט אין זיינע מזונות און אויך נישט מקפּח געווען אין זיין געלעגער אונטערבעטונג, האָט עס אַ ביסל פון דעסטוועגן געהאַט תרעומות, אָט דער סוס, דער ברויטגעבער מיינער. ער איז שוין נישט זייער יונג געווען, טאַקע אַ באַ בשנים, און אויף די עלטערע יאָרן יאָגט מען זיך נישט אַזוי שנעל, ווי דו, בעל־הבית, ווילסט. איי, דו ווילסט וואָס גיכער אַ היים קומען, אין דער וואַרעמער דירה און עסן דעם גוטן מאָלצייט, אָבער דו דאַרפסט נעמען אין אַכטונג מיין לאַגע. אל תשליכני לעת זקנה; אויף דער עלטער האָט אַ פערד אויך אַ זכות, מען זאָל האָבן מיט אים איינזען. אָט אַזעלכע פערדישע טענות האָט ער מיר אָוועקגעלייגט, דער סוס מיינער, און דווקא אויף שטום־לשון, אָן ווערטער, נאָר האָט זיך געטאָן אַ שטעל אָפּ אין מיטן גאַס, — איך גיי נישט ווייטער, לאָז דעם אָטעם כאַפּן. נו, האָב איך איינגעזען, אַז טאַקע אַ פערד, אָבער גערעכט איז ער. און גיין האָבן וויכוחים און פּילפּולים מיט אַ זקן אַ וואָרטשון, אַ בעל־טענות. האָב איך געקויפט אַן אַנדער פערד, אַ יינגערן, אַפילו אַ שטיפער און אים, — דעם אל תשליכנו לעת זקנה־פּאָעט, — האָב איך מיט אַ ברייטער האַנט געשענקט

זוי אַ מתּנה צו אַ פּעל־שינדער. און ער, ווידער, דער פּעל־שינדער, האָט אויך גע־האָט אַ געפּיל פאַר צדקה, — ער האָט די אָפּגעשוונדענע פּגירה דערלאַנגט ווי אַ מתּנה דעם פאַרוואַלטער פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן, — זאָלן די חיות אויך הנאה האָבן פון דער צדקה־טראַנזאַקציע.

***

מיין אַרבעט אַלס לאונדרימאַן, מיין אָנגעהעריקייט צום „אַרבעטער־רינג" און מיין מיטגלידערשאַפט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי אויך מיינע געווינלע־כע לעבנס־באַדינגונגען האָבן מיך געהאַלטן זייער באַשעפטיקט. און ווען די וואַלן פאַר פּרעזידענט אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אונטערגעקומען, האָט דאַן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט, ווי אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט יודזשין דעבס, איינער פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן, איינער פון די גאַר גרויסע און ברייטע מוחות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער תּקופה. און ביי קיינעם איז נישט געווען די מינדסטע האָפענונג, אַז דעבס זאָל געווינען אין קאַמף קעגן די קאַנדידאַטן פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען; און כאָטש קיינער האָט נישט געצווייפלט אין דעבס דורכפאַל קעגן ווודראָו ווילסאָנען, וועלכער איז דאַן געלאָפן פאַר אַ צווייטן פּעריאָד אין די וואַלן פאַר פּרעזידענט, דאָך האָבן אַלע מיטגלידער פון דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי געאַרבעט ענערגיש און אומדערמידלעך, געטריי און ערנסט און מיט פולן שווונג, כדי צו דערגרייכן אַ וואָס גרעסערן, כאָטש דעמאָנסטראַטיוון, דער־פאָלג.

איך האָב מיטגעאַרבעט אומדערמידלעך און געהאָלפן אין אַלץ. אין טאָג פון די וואַלן האָב איך אויסגעפּילט די אויפגאַבע פון אַ סקרוטינירער, אַן אויפזעער אין אַ וואַל־לאָקאַל אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, אַכטונג צו געבן אַז אַלץ זאָל צוגיין כּשורה וכדינה. און איך מוז דאָ זאָגן, אַז קיינער פון די אַלע וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער אָנפירונג פון די וואַלן, האָט אין קיין הינזיכט נישט פּרובירט באַגיין וועלכע ס'איז אומגערעכטיקייט, אָדער פאַלשקייט. געוויס איז איבעריק איצט דאָ פאַר מיר צו קאָנ־סטאַטירן דעם רעזולטאַט פון די וואַלן. עס איז אַרויסגעקומען אַזוי ווי מען האָט דערוואַרט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיינע „לאָנדרי־ביזנעס" האָבן אַפילו, אין מאַטעריעלן זין, מיך צופרידנגע־שטעלט; עס האָט זיך לייכט געלאָזט אָפּשפּאָרן און אַוועקלייגן אַ דאָלאַר אין באַנק אַריין. אָבער מיינע אָפטע וויכּוחים מיט מיין פערד, — שוין מיטן יונגן בעל־דבר, — וועלכער האָט אַ ביסל אונטערגעבריקעוועט, גלאַט נישט געווען צופרידן, ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס... יונגע בלוט, האָט דאָס פּרעבענדיוועט, זיך געשליי־

דערט. און איבערהויפּט, מײנע נאָך מער אָפּטערע װיכּוחים און אײנרײסעניש מיט מײנע קונדן להבדיל, אָדער בעסער געזאָגט — מיט מײנע קונדהעכעס; אָט די װיכּוחים זענען מיר דערעסן געװאָרן. שטענדיק נאָר טענות: די װעש איז די װאָך נישט אַרױסגעקומען אַזױ רײן, אָדער: עס פעלט אַ טישטעך, אַ טשיכל, אָדער אַ שטשירקע; די רעכענונג איז נישט אין אָרדענונג, אָדער: זי האָט נישט גראַד איצט אױפן מאַמענט קײן געלט אַאַז״װ. און די קומענדיקע װאָך האָט זי דװקא שױן יאָ געהאַט געלט צו באַצאָלן, אָבער נאָר געװנג פאַר דער װאָך װעש און נישט דעם חוב פון דער לעצטער װאָך. מיט נגידים האָב איך דאָך נישט געהאַט צו טאָן. מײנע קונדן זענען געװען װײט פון דער קאַטעגאָריע נגידים, און װען נאָר עס האָט אױסגעפעלט אַ פּאָר דאָלאַר צו דערשטופּקעװען דעם װאָך־בודזשעט — איז דאָס אױסגעפאַלן צו דעם לאַודרימענס קאָפּ: „װאַסי, איך װעל אײך באַצאָלן די קומענדיקע װאָך! איך בין נאָך אַ בטוח!״.

עס האָט אָבער זײער אָפט געטראָפן, אַז די קומענדיקע װאָך האָט געפעלט פון די װעש אַ פּאָר שקאַרפּעטן, אָדער עס האָט זיך איר אױסגעדאַכט, אַז עס פעלן די שקאַרפּעטן. נו, איז שױן דאָן קײן רײד נישט געװען װעגן באַצאָלן פאַר די װעש, — דעם חוב, אַװדאי נישט. און עס איז געװען ככּתוב: — אױ לי מיוצרי ואױ לי מיצרי. טאַקע זעלבסטשטענדיק, נישטאָ קײן בעלי־בתּים, אױך אַ פרײער דאָלאַר און פרײע צײט צו געניסן אַ ביסל גײסטיקן פאַרגעניגן. אָבער, די אַנדערע זײט פון דער מטבע האָט געפרעסט אױפן געמיט, אַפילו געבױערט לעכער אין דעם סײ־װי קראַנקן האַרץ.

איך האָב אָנגעהױבן מקנא צו זײן מײן חבר יוסף גרינבלאַט, װעלכער איז אונטער דער צײט אַריבערגעפאָרן קײן נעשװיל, שטאַט טענעסי, און דאָרט האָט ער זיך פאַרנומען מיט פּעדלערײ. אין זײנע בריװ צו מיר, האָט ער געשילדערט גאָר פײנע און פרײלעכע בילדער פון זײן נײעם אָרט לעבן דאָרט, אין טענעסי. ער האָט געפּעדלט צװישן די פאַרמערס און האָט גאַנץ שײן פאַרדינט. צװישן אַנדערעס, האָט ער אַמאָל געשריבן, אַז: „מיט חשק, מיט ענערגיע און מיט פאַרבײגן אַ ביסעלע דעם יוסף, דעם אײזיק, קען מען זײער גוטע ביזנעס מאַכן און זיך אױך אַרױפאַרבעטן״.

און װען מײנע קונדהעכעס האָבן אָנגעהױבן װערן אַ ביסעלע צו האַרט און אױך צודרינגלעך, און װען דאָס פעלן פון טשיכלעך, אָדער אונטערהױזן, במחילה, האָט אָנגעהױבן װערן אַ צו אָפטע דערשײנונג אין אונדזערע האַנדלונגען, האָב איך דאַן אַ טראַכט געטאָן, צי איז נישט אַ פּלאַן צו פּרובירן זיך אַריבערכאַפּן קײן נעשװיל און אױספּרובירן מײן „חשק און ענערגיע״. אײ, װעגן „פאַרבײגן אײזיקן״, װעט מען זען. טענעסי איז דאָך נישט אין צװײטן עק װעלט און אײזיק קען טרעפן דעם װעג צוריק קײן טשיקאַגאָ.

און װײל איך האָב שױן געהאַט אַזעלכע אַפּיקורסישע געדאַנקען װעגן מײן באַשעפטיקונג, האָב איך שױן אָפּגענױגט אין דער ריכטונג און געלאָזט מײנע געדאַנקען

אין גאַנג. און דאַ — אַ מלאך הגואל אויפן האָריזאָנט. עס האָט אויפגעבליצט אַ שטראַל פון ישועה, אַ מעגלעכקייט אויסגעלייזט צו ווערן אי פון דער צרה — פערדל, און אי פון דער נאָך גרעסערער צרה, להבדיל, — די קונדעכעס. און עס האָט פּאַסירט אַזוי, אַז כ׳בין אין אַ שיינעם טאָג פּטור געוואָרן פון דעם פיינעם מסחר מיינעם. כ׳האָב פאַרקויפט מיין „לאַונדרי־ראַונד״, פערד און וואָגן און די קונדן צו אַ ייִד, וואָס האָט אויך געזוכט אַ נייעם קוואַל פון פּרנסה, נאָכן אָפּפינצטערן צוועלף יאָר אין אַ קליידער־פאַבריק ביי דער וויסטער מאַשין און געשטעפּט הויזן״.

42. — מיטן פּעקל סחורה אויף דער פּלייצע

איך האָב טאַקע פאַרקויפט מיין לאַונדרי־ראַונד, אָבער פון די לאַונדרי־ביזנעס בין איך נישט אַרויסגעקראָכן. צוזאַמען מיט זיבן אַנדערע לאַונדרי־לייט, האָבן מיר געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ מין שותפות פון דרויסן, און פון אינעווייניק — אַ וועשעריי־געשעפט. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ לאַונדרי, געקויפט וואַש־מאַשינען און אַלע אַנדערע מכשירים. אַ פאַרוואַלטער, אַן אָנפירער פון אַ גרויסער לאַונדרי, איז צוגעטראָטן צו אונדז ווי אַ שותף אין קאָאָפּעראַטיוו, האָפנדיק אַז עס וועט זיך אַנטוויקלען דער ניי־געגרינדעטער געשעפט; אַז ער וועט זיך פונאַנדערוואַקסן צו אַ גוט־באַצאָלטער ביזנעס. ער איז צוליב אָט דער האָפענונג טאַקע איינגעגאַנגען צו באַקומען אַ פיל קלענערן געהאַלט ווי דער וועלכן ער האָט באַקומען אויף זיין פריערדיקן פּאָסטן, אין אַ גרויסער, רייכער לאַונדרי. איך בין אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס זיין געהילף. און — מיר האָבן געוואַשן די אַריינגעבראַכטע וועש, געוואַשן און גוט באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות פון די האָפענונגען, וואָס יעדער איינער פון אונדז האָט געלייגט אויף דער חברישער קאָאָפּעראַטיווער לאַונדרי. דער פאַרוואַלטער אונדזערער, דער גוי, איז טאַקע געווען אַ בקי אין זיין פאַך און אַ גוטער פאַרוואַלטער פון דער רייכער, גוט אָוועקגעשטעלטער לאַונדרי. דאָ, אָבער, ביי אונדז אין דעם קבצנישן ביזנעסל, האָט ער זיך פאַרלוירן, נישט געקענט אָניאָגן און דעריאָגן די אויסגערעכנטע רעגלמעסיקע איינצלהייטן פון אַ פאַרפונדעוועטן געשעפט. און דער רעזולטאַט פון זיין „געפאַלנקייט״ — דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן גיין פון שלעכט צו ערגער, און מיר זענען פאַרזונקען געוואָרן אין חובות.

מיר האָבן זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז ס׳איז נייטיק, לעבנס־נייטיק זיך אַרויסצובאַקומען פונעם אומגליק. און... עס האָט אונדז אָפּגעגליקט. מיר האָבן פאַרקויפט, אָט ווי אַזוי עס שטייט און גייט (גייט נישט). אַן עטאַבלירטע „וועט־וואַש״ לאַונדרי האָט אָפּגעקויפט, איבערגענומען אונדזערע חובות און יעדן איינעם פון אונדז האָט מען באַוויליקט אַן אַקציע, אין ווערט פון הונדערט דאָלאַר, אין דעם „לויפנדיקן״ ביזנעס. אַלע זיבן אייגנטימער פון דעם לאַונדרי־ראַונד האָבן אויך באַקומען דעם זכות אַריינצוברענגען זייערע וועש צום וואַשן. צוליב דעם צוועק און זכות, האָבן די

בעלי־בתים איינגעאָרדנט אַן אָפּטיילונג פון „טרוקענע" וועש, ד"ה, כדי צו מאַכן פּאַרשטענדלעך די זאַך: אין דער „וועט־וואַש לאָונדרי האָט מען געוואַשן די וועש, און האַלב־נאַס, אָדער האַלב־טרוקן עס צוריקגעקערט צום קונד. די זיבן לאָונדרי־לייט האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט „טרוקענע און געפּרעסטע וועש־טראַנזאַקציעס און דער־פאַר האָבן די בעלי־בתים דאָס געטאָן פאַר זיי, — עטאַבלירט אַ טרוקענע וועש־אָפּטיילונג.

איך בין אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס „דרייווער", ד"ה, איך האָב באַקומען אין מיין רשות אַ פערד־און־וואָגן און אַ צעטל מיט נעמען פון קונדן, צו וועלכע איך האָב געדאַרפט פאָרן אין באַשטימטע טעג פון דער וואָך, נעמען ביי זיי זייערע אומריינע וועש אין אַ זאַק, אַריינברענגען אין דער וועשעריי און די אויסגעוואַשענע שפּעטער אָוועקפירן צוריק צום קונד. און אָט די זעק מיט וועש, וועלכע איך און נאָך אַנדערע פינף „דרייווערס" האָבן אַריינגעבראַכט, האָט מען געוואַשן האַלב פייכטקייט פון זיי אַרויסגעקוועטשט מיט אַ מאַשין און דאַן זיי, — די זעק וועש, — צוריקגעפירט האַלב נאַסע צום קונד. און דערפאַר טאַקע האָבן אַזעלכע אַנשטאַלטן געהייסן „וועט וואַש לאָונדרי", ד"ה „נאַסע וועש וועשערייען". דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָסט אַ סך ביליקער ווי צו שיקן די וועש אין אַ „טרוקענער לאָונדרי", ווו די וועש ווערט נישט נאָר געטריקנט, נאָר אויך אויסגעפּרעסט, צוזאַמענגעלייגט און אויסגעסאָרטירט. פאַ־מיליעס פון אָרעמען שטאַנד האָבן זיך מערסטנס באַנוצט מיט די „וועט וואַש לאָונ־דריס".

מיר, די „דרייווערס", האָבן באַקומען זייער אַ קליינעם מינימאַלן געהאַלט: זיבן דאָלאַר אַ וואָך, און דערצו האָבן מיר אויך באַקומען קאָמיסיאָן: צען סענט פאַר יעדן אַריינגעבראַכטן זאַק וועש, קליין צי גרויס. דער קונד האָט געצאָלט פון וואָג, אַזוי פיל און אַזוי פיל פער פונט וועש. מיינע שכירות פלעגן אַזוי אַרום דערגרייכן צו 20־22 דאָלאַר אַ וואָך.

פון יאָסל גרינבלאַט, פון שטאַט טענעסי, קומען אָן בריוו, אַז פעדלעריי איז פאַרט נישט קיין שלעכט געשעפט; מען קען זיך אַרויפאַרבעטן, מען קען אַרויפשטייגן אויפן לייטער אַ היפשע פאַר שטאַפּלען. און דאָ, ביי מיר, — אַ פערד מיט אַ וואָגן, און אַ בלינדער פערד דערצו; שווערע, נאַסע זעק מיט וועש און שלעפּט זיי, די שווע־רע מיוחסים, אויפן צווייטן, דריטן שטאָק. נישט גאָר גרינג אָט די גאַנצע ביזנעס־פּראָצעדור. און... מיט אַ בלינדן פערד, — בלינד געווען נעבעך, אויף ביידע אויגן, — מיט אַ בלינדן פערד אַרומצופאָרן איבער רוישיקע גאַסן, אין רעגן אָדער אין שניי, אַ מאָל אויף גליטשיק־אייזיקע אַספאַלטירטע גאַסן, און אַ מאָל מיט אַ פולער קעשענע מיט דאָלאַרן גאַנץ שפּעט אין די אָוונטן, אַרומגענומען מיט אַ פחד, עס זאָל חלילה ווער נישט איז דערשמעקן דעם ריח פון די דאָלאַרן ביי מיר, אָנפאַלן, אויס־ליידיקן די קעשענע און נאָך גוט אָנבוּיקערן דיביינער אויך. יאָ, דאָס פעדלען אין

טענעסי, װוּ מען קען אַרױפּשטײַגן אַ היפּשע פּאָר שטאַפּלען אױפֿן לײטער, — דאָס האָט צערודערט, דאָס האָט געננג װאָג געהאַט אַריבערצוװעגן די אַלע שװערע באַ־דינגונגען פֿון מײן אַרבעט אַלס „דרײַװער"... און האָט טאַקע אַריבערגעצױגן דעם צינגל.

אָנהײב זומער 1917 האָב איך זיך צערעכנט מיט מײנע בעלי־בתּים פֿון דער „װעט װאָש לאָונדרי", באַקומען זײער ברכה אױף מײן נײעם װעג אין לעבן און אױך זײער טיפֿן אױסדרוק פֿון באַדױערן פֿאַר מײן פֿאַרלאָזן זײ.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם „גליקלעכן" אױפֿטו, בין איך שױן געזעסן מיט מײן חבר יאָסל גרינבלאַט, בײַ זײַן עס־טיש און פֿאַרבראַכט אין אַ טיפֿן שמועס װעגן אַלץ און אַלעמען, און אױך האָב איך מיך צוגעהערט געהאַרכזאַם און פֿלײסיק צו זײַן װיסנשאַפֿטלעכער לעקציע איבער דער באַלערנדיקער תּורה — הלכות פּעדלערײַ. אָבער, אין מײן געװײנלעכער פֿלײסיקײט צו באַנעמען שװערע פּראָבלעמען, האָט אױך איצט מײן געדאַנק זיך אָנגעשטױסן אױף עפּעס האַרטס און שטומפּיקס. װען גרינ־בלאַט האָט פֿונאַנדערגעגריבלט זײַן פּעדלערײַ־פֿילאָסאָפֿיע, האָט אַ געדאַנק בײַ מיר זיך אָנגעהױבן צו פֿאַרגנבענען, אַז עפּעס װײַזט זיך דאָ צו זײַן נישט גלאַטיק; פּשוט, אַז איך, אײַזיק הקטן מיט פּעדלערײַ, זענען מיר נישט קײן נאָענטע מחותּנים. פֿון דעסטװעגן האָב איך שױן דעם זעלבן טאָג אָנגעהױבן אײַנקױפֿן סחורה, מיט דער הילף פֿון גרינבלאַטן, און האָב, װי אַ חדר־ײִנגל, געלאָזט זיך לערנען פֿון אים װי אַזױ אײַנצואָרדענען און אױסשטאַטן מײן פּעקל סחורה, װעלכן איך װעל דאַרפֿן טראָגן אױף דער פּלײצע, אַרומגײן אױף די װעגן, פֿון פֿאַרמער צו פֿאַרמער. און אױך, — לױט דער עצה פֿון גרינבלאַטן. אין אַ זײער פּראַקטישן זין, — בין איך אױפֿן צװײטן טאָג אַװעקגעפֿאָרן אין שטעטל בראָש־קריק, בײַ אַ 50 מײל פֿון נעשװיל. דאָרט האָב איך מיך געװענדעט צו דעם באַנקיר פֿון אָרטיקן באַנק, אױפֿגעעפֿנט אַ באַנק־קאָנטע און אײַנצײטיק זיך דורכגעשמועסט מיטן באַנקיר, דערצײלנדיק אים װעגן מײנע פּלענער אין דער געגנט און האָב אים דערבײַ געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַן עצה און אָנװײַזן, װי אַזױ און װוּ צו גײן. און ער, דער באַנקיר. האָט אױסגעאַרבעט פֿאַר מיר אַ מאַרשרוט מיט אַלע אײנצלהײטן און פּינקטלעכע אָנװײַזונגען: אָנהײבן פֿון בראָש־קריק פֿון אײן זײַט, און צום סוף פֿון דער װאָך קומען צוריק, האָבנדיק דורכגעמאַכט אַ טײל פֿונעם מאַרשרוט װעלכן דער באַנקיר האָט אױסגעאַרבעט פֿאַר מיר אױף גאַנצע פֿיר װאָכן צײַט, ד"ה, אַז אײן מאָל אין פֿיר װאָכן װעל איך באַזוכן יעדן פֿון די פֿאַרמס װאָס געפֿינען זיך אין דער אומגעגנט פֿון מײן מורה־דרך.

דאָס אַלץ האָט דער באַנקיר געטאָן צוליב ביזנעס, ד"ה, מיט דער האָפֿענונג צו מאַכן ביזנעס מיט מיר דורך מײנע אײַנגעצאָלטע געלטער פֿון מײן פּעדלערײַ. מיר

האָט עס זייער אימפּאָנירט — אַ באַנקיר און אַ פּעדלער, צוויי גלייכע מחותנים; ביז־נעס פון סענטן און ביזנעס פון טויזנטער דאָלאַרן — מחותנים. און.. עס גייט אַ פּאַק־פּעדלער. אַזוי האָט מען אַזעלכן אין יענער צייט גערופן, אַ פּאַק־פּעדלער. איך בין געגאַנגען און געגאַנגען — אַ פּאַרמער און זיין טיר, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין טיר: — אפשר וועט איר עפּעס קויפן? כ׳האָב מענערשע און ווייבערשע זאָקן, אונטער־וועש, נאָזטיכלעך, אַרבעטס־קליידער און נאָך און נאָך. שפּראַך האָט מיר נישט גע־פעלט, ווילן צו לייזן — אויך נישט, און גלאַט אַ דראַנג צו ביזנעס — אַוודאי נישט, און... און די פּאַרמערקע פונעם ערשטן הויז איז געוואָרן ביי מיר אַ קונד נומער איינס. געלייזט אַ פּאָר דאָלאַר, זיי פייכט געמאַכט פּאַר אַ סגולה ווענן געמאַכט אַ שהחיינו און געגאַנגען ווייטער. אַרום נאָך פינף אַ זייגער פּאַרנאַכט, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ פּאַרם־הויז. ווו איך האָב באַשטימט צו פּאַרבלייבן און דאָרט איבערנעכטיקן. אויף מיין אָנפּראַגע, צי איז דאָס מעגלעך, האָבן ביידע. — די פּאַרמערקע און דער פּאַר־מער, — מיט העפלעכקייט געענטפערט: „ווי נאָט?” — פּאַרוואָס נישט, הייסט עס, אדרבה, עס וועט פּאַר אונדז זיין אַ פּאַרגעניגן עס צו טאָן.

מ׳האָט מיר אַריינגעפירט אין אַ גרויסן, שיין־אויסגעמעבלירטן צימער, מיט קלאָר־ווייסע בעט באַצודעקט און זי האָט מיר אָנגעוויזן: — אַהער קענסטו אַריינברענ־גען דיין פּעקל און מאַך זיך דאָ באַקוועם: כ׳האָב דאַן ביי זיך געטראַכט: נאַרישע פויע־רים, אין אַזאַ ריינעם און שיינעם צימער פירט מען אַריין און מען באַלייגט אַ פּאַר־שטויבטן, אַ פאַרשוויצטן פּעדלער אויף ווייס־שעמערירנדיקע בעט־געוואַנד? פּאַר וועלכן זכות־אָבות קומט עס מיר? מיט וואָס האָב איך מיך דאָס פּאַרדינט און זוכה געווען צו אַזאַ כבוד?

נאָך דעם ווי כ׳האָב מיך אַרומגעוואַשן, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ צייטונג און מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול אויף דער וועראַנדע, וווּ איך קען זיצן און לייענען אומ־געשטערט, ביז דער אָוונט ברויט וועט זיין פּאַרטיק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן צווישן אַ חברה למד־וואָווניקעס, אָדער גאָר צווישן אַ באַנדע לצים, עפּעס אַ פאַרשלעפּטע קרענק־געזינדל, וואָס ווילן דאָ פון מיר חוזק מאַכן. ווייל, אַזוי באַהאַנדלען אַ ווילד־פרעמדן מענטשן, אַ מענטש וואָס מען זעט אים צום ערשטן מאָל, — נישט אַנדערש אַז דאָס זענען עפּעס אַ כאַפּטע שרעטעלעך, וואָס פּאָרן אַרום ביי־נאַכט אויף קאָטשערעס און טרייבן חוזק מיט אַלע אַנדערע פינצטערע נאַכט־באַשע־פעניש. און איצט, ווען די זון שיינט נאָך. מאַכן זיי זיך לוסטיק איבער אַן אָרעמען פּעדלער, אַ גאָטס צושיקעניש.

***

פּעדלעריי האָט אָנגעהויבן צו ווערן פּאַר מיר אַ לאַסטפולע פּרנסה. און די דאָ־זיקע לאַסט איז געוואָרן שווער און וואָס ווייטער אַלץ שווערער; עס האָט ממש דער־

דריקט מײן געמיט און געבויגן מײן „איך"; מײן מוט געבראָכן און כמעט מיך דער־פירט צו יאוש: קלאַפּן יעדע האַלבע שעה, אָדער יעדע שעה אײן אָן אַנדער טיר און, אויב נישט הכנעהדיק, איז דאָך עפּעס מיט אַ געפיל פון אונטערטעניקײט פרעגן: — אפשר װעט איר װאָס קויפן? און אײן אָװנט — זוכן חסד פאַר נאַכט־לעגער, אָדער אַ מאָל ממש זיך אײנבעטן: — טוט אַ טובה און לאָזט איבערנעכטיקן. און יעדן מיטאָג־צײט — אַרויסקוקן מיט רחמנותדיקער אומבאַהאָלפנקײט, מ׳זאָל מיך אײנלאַדן צום טיש מיטיק עסן. די פאַרמערס זענען טאַקע מערסטנס געװען פּראָסטע, אײדעלע, גוט־האַרציקע און אײנפאַכע ערד־מענטשן. אַ סך פון זײ, די גרעסטע טײל אַפילו, גאַטספאַרכטיקע און בעלי־רחמנות: — אַ רחמנות אויפן אָרעמען פעדלער, מען דאַרף אים אײנלאַדן צום מיטיק־עסן, אָדער מען דאַרף אים The poor man לאָזן איבער־נעכטיקן. און אָט דאָס רחמנות געפיל פלעגט מיך פּײניקן, פרעסן מײן האַרץ װי װי זשאַװער; און אויסבעסערן אָט די אומגעלומפּערטע לאַגע מײנע האָב איך נישט געקענט, פּשוט דערפאַר: איך האָב דאָך אַרומגעשפּאַנט אויף װײטע, צעשפּרײטע פעל־דער; פון אײן פאַרם־הויז ביז צום צװײטן איז געװען אַ מהלך פון אַ מײל־צװײ און מער אויך, און האָטעלן װוּ זיך צו מאַכן באַקװעם זענען נאָך דאַן אויף די פעלדער נישט געװען. די אַלע פאַרמערס האָבן קײן באַצאָלט פאַרן עסן, אָדער שלאָפן נישט געװאָלט נעמען: און כ׳האָב מיך אַפילו זײער אָפט אַנגעשטויסן אויף אַ טיפער באַלײ־דיקונג מצד דעם פאַרמער, אָדער זײן פרוי, װען כ׳האָב פאַרגעלײגט צו באַצאָלן מיט מזומן־געלט פאַרן עסן, אָדער פאַר נאַכטלעגער. געװיס, כ׳האָב קײן אײן מאָל נישט אויסגענוצט זײער גוטהאַרציקײט און נישט באַצאָלן פאַר דעם. אָבער, נישט מיט קײן געלט, נאָר מיט שװה כסף; פּשוט, אויפגעעפנט מײן פּאַק סחורה און געבעטן דער פאַרמערקע זי זאָל אויסקלײבן װאָס איר געפעלט, װי אַ מתנה פאַר איר, אָדער פאַר אירע קינדער. און צו זײער שבח מוז איך דאָ זאָגן: — זעלטן װען האָט אַ פאַרמערקע גענומען מער אַלס מתנה, װײל עס האָט װירקלעך די װערט געהאַט די גוטפרײנט־שאַפט אירע. זײער און זײער אָפט האָט זי גענומען אַ סך װײניקער פון איר װירקלעכן װערט.

און אַזוי האָב איך, אָפּגעריסן פון דעם אָרט לעבן צו װעלכן כ׳בין שטענדיק געװען געװױנט, זיך אַרומגעשלעפּט אויף די פעלדער פון טענעסי בײ דרײ חדשים. געגעגנטיקט יעדע נאַכט אין אַן אַנדער הויז, צװישן פאַרשידענע סאָרטן מענטשן: גוטמוטיקע, גוטהאַרציקע, נאַיװע, פרומע מענטשן, און אויך אָפט צװישן שלעכטע, פאַרדאַרבענע, פאַרביסענע מענטשן; געליטן מאַנכע מאָל בזיונות, געטראָגן אויף זיך אַ חוזק־געפיל, ביטול און אַפילו אַ פּאָר מאָל אויך געװען דורכגעשטאָכן מיט גיפ־טיקע בליקן פון פאַלירטן ייִדן־האַס, מיט הינטישער פאַרשטעלטקײט, און זעלטן װען מיט אָפענעם אַנטיסעמיטישן סם.

איך האָב אויך אין אָט דעם קורצן פּעריאָד געהאַט די געלעגנהײט צו פילן דעם

אָנגענעמען טעם פון פאַרשאַפן כבוד און פאַרגעניגן מיינע גאַסטפריינטלעכע מכניס־אורחים. איך מיין דאָ די פּאָר נעגער־פאַמיליעס, ביי וועמען ס'איז מיר אויסגעקומען צו עסן אַ מיטק. איך בין נישט געווג אימשטאַנד צו מאָלן דאָס פאַרגעניגן־געפיל, וואָס האָט פון זייערע שוואַרצע פנימער און מילדע, ווייכע אויגן־אַפּלען אַרויסגע־שטראַלט אויפן כבוד, וואָס איך האָב זיי אָנגעטאָן. איך — אַ ווייסער מענטש, — צו עסן מיט זיי זייער ברויט און זופּ? יאָ, מען מוז עס אונטערשטרייכן — באַר ברויט און זופּ און ביי זייער טיש. זייער דאַנקבאַרקייט האָט זיך אויסגעגאָסן און אויסגעדריקט אויף זייערע גלאַנצנדיקע פּנימער, כמעט אונטער די פּערלדיק בלישטשענדיקע פּייכ־טע אויגן. און אַ מתנה — אַפּילו אין ווערט פון איין סענט — האָבן זיי נישט געוואָלט נעמען: און געזאָגט האָבן זיי, מיט זייער רעליגיעז־קלינגענדיקער זאַפטיקייט אין זייער שטימע: "It was a pleasure your presence and you company with us, God bless you brother." — עס איז פאַר אונדז געווען אַ פאַרגעניגן דיין אָנוועזנקייט און דיין געזעלשאַפט מיט אונדז. זאָל דיר גאָט בענטשן, ברודערל. און ווען כ'האָב די גוטע שוואַרצע מענטשן געדאַנקט און זייערע הענט געדריקט ביים געזעגענען זיך מיט זיי, האָט דאַן אויך פון מיין אויג אַ זילבערנער פּערל פּאָר זיי ווי אַ מתנה אַרויס־געקוואָלן. אַרעמע, גוטע, אָרנטלעכע שוואַרצע ברידער, ליבע זין פון דער מענטשהייט.

**
*

צום סוף פון דריטן חודש, מאַכנדיק מיין טרויעריקן חשבון־הנפש, און מיין דווקא געזונטן און צופרידנשטעלנדיקן חשבון המסחר, האָב איך אָנגענומען אַ באַ־שלוס: געווג זיך געפּייניקט, צוריק קיין טשיקאַגאָ.

מיין פריינט גרינבלאַט האָט מיר געגנוי און ווי געהעריק פאַרשטאַנען און ער האָט איבערגענומען מיין פאַרבליבענע סחורה, און האָט טרויעריק־מעלאַנכאָליש מיר געדריקט די האַנט און געוואונטשן מיר גליק אין מיין ווייטערדיקן לעבן.

אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום, נאָכן ליקווידירן אַלע מיינע געשעפטלעכע פאַרביג־דונגען אין נעשוויל, בין איך שוין געזעסן אינעם באַן וואַגאָן אויף מיין וועג צוריק קיין טשיקאַגאָ.

43. — מלחמה־לופט — ווי אַ פּעטליע אַרום האַלדז

טשיקאַגאָ, ענדע זומער 1917. די מלחמה איז אין איר פולן בלוטיקן גאַנג. סוב־מאַרינען זינקען אין די צענדליקער שיפן. דער בלוט־לוסט אין לאַנד, אין שטאָט, און ביי אַלע איינוווינער־שיכטן איז צעוואַרעמט, צעפלאַקערט. דער נקמה־געפיל איז דערהיצט ביז צום ברען־פונקט. אויף מיטינגען, אויף גאַסן־פאַרזאַמלונגען, ווערט דער עולם גערופן צו מלחמה־טאַטן, צו וואָלונטירן מיט ענערגיע, כוח, מיט געלט, מיט לייב־און־לעבן.

און בײַ מיר, — דאָס װידער־געפיל צו בלוט־פאַרגיסונג איז דאָך שטאַרק און געהויבן; די שנאה צו מלחמה נאָך אין איר פולן זיין. איך גיי נישט צו קיינע מיטינ־גען, װוּ עס װערט געהעצט אין די שאַרפסטע און שענדלעכסטע אויסדרוקן קעגן די, װעלכע דענקען אַנדערש װי די מלחמה־פּאַטריאָטן; עס װערט פאַר מיר ענג די אַט־מאָספער אין װעלכער איך דריי מיך אַרום, אין מיין אייגן װעלטל, און בין פול מיט עקל און פאַראַכטונג צו מאָרד און פאַרניכטונג פון מענטשלעכע לעבנס. איך בין גע־פּייניקט אין דער פאַרפּעסטעטער לופט פון דער חיהשער בלוט־לוסט, װאָס די טויזנ־טער אַנדערע מענטשן אַרום מיר װייזן אַרויס, דריקן אויס, און אַ סך אַפילו אָן אַ װעלכער ס׳איז איבערלייגונג, אָדער פאַרטיפטער באַזינונג, נאַר דערפאַר, װאָס אַזוי איז די אָנגעצויגענע סטרונע פון דער געזעלשאַפט, דער אָפיציעלער טאָן פון דער עפנטלעכקייט.

נאָך מיין צוריקקומען אין טשיקאַגאָ, האָב איך מיך געװענדט צו מיינע פריערדיקע בעלי־בתים, די „דזשיי־בי װעט װאָש לאָונדרי" און האָב מיך אָנגעבאָטן אַלס דרייװוער; געפרעגט זיי, הייסט עס, צי איך קען צוריק קריגן מיין פריערדיקן אַרבעטס פּלאַץ. די בעלי־בתים זענען געװען צופרידן מיר װייטער אויפצונעמען אויף דער אַרבעט. מ׳האָט מיך װידער משדך געװען מיט מיין אַלטן פריינט, דעם בלינדן פערד, און איך האָב געאַרבעט װי פריער: אַרומגעפאָרן, צונויפגענומען זעק מיט װעש, גע־בראַכט זיי אין דער לאָונדרי און צום סוף פון דער װאָך באַקומען געהאַלט פאַר מיין אַרבעט. האָט אָבער דער שטן מקטרג געװען, דערזען אַז עפּעס גייט עס צו־גוט.

די בעלי־בתים האָבן באַלאַנגט צו דער „װעט װאָש לאָונדרי מענס אַסאָסיאיישאָן" און די אַסאָסיאיישאָן האָט זיך פאַרטראַכט און זיך דערטראַכט, אַז מיר, די דרייװוערס, באַקומען צו פיל פאַר אונדזער טרחה — דאָס אַריינברענגען די זעק מיט װעש אין דער לאָונדרי. און אומר ועושה: זיי האָבן אונדז געלאָזט װיסן, אַז פון איצט אָן און װייטער װעלן די דרייװוערס באַקומען נאַר אַ קאָמיסיאָן, אָבער נישט קיין געהאַלט אין צוגאָב, װי ביז איצט איז געװען דער מנהג — זיבן דאָלאַר אַ װאָך. האָבן מיר, צו־זאַמען מיט די דרייװוערס פון די אַנדערע „װעט װאָש לאָונדירס" דערקלערט אַ שטרייק קעגן דעם באַשלוס פון די בעלי־בתים. און אין די זעקס װאָכן צייט װאָס דער שטרייק האָט אָנגעהאַלטן און געדויערט, האָט פּאַסירט דאָס פאָלגנדיקע:

1) די „דזשיי־בי לאָונדרי" האָט פאַרלוירן בײַ אַ 70 פּראָצענט פון איר װעכנט־לעכער איינקונפט;

2) די אַנדערע „לאָונדריס, די גרעסערע, האָבן, פעלשנדיק אין פּרינציפּן פון סאָלידאַריטעט, פאַרגרעסערט, יעדע איינע, אויף הונדערטער זעק װעש אין צאָל זיי־ערע װעכנטלעכע פּראָפּאָרציעס;

3) די „דזשיי־בי" האָט אָנגעשטעלט בױאַנעס, װעלכע האָבן אונדז, שטרייקערס, נאָכגעשפּיאָנירט, און אין אַ פרימאָרגן האָבן זיי דערטאַפּט דריי פון אונדז און זיי גאַנץ נישקשהדיק צעשלאָגן;

4) איך האָב אָנגעפירט מיטן שטרייק. מיר האָבן זיך אַלע געהאַלטן פעסט און סאָלידאַריש ביי אונדזער באַשלוס און פאָדערונגען — נישט צו גיין צוריק צו דער אַרבעט, סיידן נאָר אויף די פרייערדיקע באַדינגונגען;

5) איך האָב געשריבן נאָטיצן און באַריכטן וועגן גאַנג פונעם שטרייק און זיין באַדייטונג אין דער טעגלעכער ציימונג „דער קוריער";

6) מיר האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס זיך צו ווענדן צו דער „לאָונדרי מענס יוּ־ניאָן" מיט אַ ביטע, אונדז אויפצונעמען ווי מיטגלידער פון דער יוניאָן, און אַז די יוניאָן זאָל איבערנעמען די אָנפירונג מיטן שטרייק, און —

7) צום סוף פון דער זעקסטער וואָך פונעם שטרייק, האָבן די יוניאָן־פירער, אין זייער קאָנפערענץ מיט דער „לאָונדרי מענס אַסאָסיאיישאָן" געבראַכט צו אַ פאַר־ענדיקונג פון שטרייק. מיר זענען אַלע צוריקגענומען געוואָרן אויף אונדזערע פרייער־דיקע אַרבעטס־פּלעצער, אַלע אויסער איינער פון אונדז, קעגן וועלכן ס'איז אַרויס־געבראַכט געוואָרן אַ חשד (— און אַ באַגרינדעטער חשד), אַז ער האָט אין דער צייט פון שטרייק אונטערגעצונדן אַ וואָגן מיט זעק וועש אויף איינער פון די גאַסן, היג־טער אַן אייזנבאַן־בריק.

ווען כ'בין דעם ערשטן טאָג נאָכן שטרייק געקומען צוריק צו דער אַרבעט, האָט מיר איינער פון די בעלי־בתים, דער פאַרוואַלטער פונעם געשעפט מר. וויינבערג, געדריקט די האַנט און האָט געזאָגט:

— איר האָט געוווּנען, מר. הורוויץ, מיר האָבן פאַרשפּילט. אייך, מר. הורוויץ, האָבן אייערע חברים געפאָלגט, זיי זענען אייך נאָכגעגאַנגען. מיר האָט מען פאַר־ראַטן, מיינע מיטאַרבעטער אין דער אַסאָסיאיישאָן האָבן מיר, הינטער מיינע פּליי־צעס, געגנאַרט און פאַרראַטן. נו, לאָמיר אַלץ פאַרגעסן; לאָמיר בלייבן גוטע פריינט. זאָל אַלץ וואָס ס'איז געשען אָפּגעמעקט ווערן, גלייך ווי נישט געווען.

אָט דער בעל־הבית מיינער, מר. וויינבערג, דער מער אינטעליגענטער פון די אַנדערע צוויי שותּפים, האָט זיך געפילט זייער שולדיק קעגן מיר, ממש דערנידע־ריקט, דערפאַר וואָס דורכן שטרייק, צו וועלכן ער איז געווען אַ קעגן־שותּף, האָט מען מיר גוט צעשלאָגן און מיר פאַרשאַפט קערפּערלעכע ווי אויך גייסטיקע ווייטיקן.

און די מלחמה גייט אָן. דער מלחמה־פיבער האָט אַרומגעכאַפּט, ווי אַ פייער־בראַנד, אַלץ און אַלעמען, יעדערן און אומעטום — אַלץ אָטעמט מיט מלחמה־לופט. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן ענג זיך צו באַוועגן אין די אייגענע דלד־אמות.

מיין פאַראַכטונג צו מלחמה האָט זיך דווקא געשטאַרקט, און טראָץ יעדן אָנגע־נומענעם אַקט, אָדער געזעץ פאַר דער פאַרזעצונג, פאַר דער אָנפירונג פון דער מל־חמה. עס איז געקומען דערצו, אַז ווען אַ קאָמיסיע פונעם קאָמיטעט פון „קאַמפּס־בירגער" איז געקומען צום פאַרוואַלטער פון דער „לאָונדרי" און אויסגעאיבט אויף אים אַן איינפלוס און דרוק, ער זאָל זען אַז אַלע זיינע אַרבעטער זאָלן קויפן „מלחמה־

באַנדס", האָב איך מיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו שטיצן אויף וועלכן ס'איז אופן דאָס אויפהאַלטן פון דעם מלחמה־אַפּאַראַט. איך האָב דערביי פעסט און אַנטשלאָסן דערקלערט מיין בעל־הבית, אַז איך וועל זיך בעסער לאָזן אַנטזאַגן פון מיין אַרבעט, איידער מיט מיין פאַרדינסט מיטהעלפן אין דער מערדערישער משוגעת פון שעכטן מענטשן. דער בעל־הבית מר. וויינבערג, האָט מיר באַרו:קט און האָט צוגעגעבן, אַז ער וועט מיר נישט אַנטזאַגן פאַר אַזאַ קלייניקייט. און... איך בין ווייטער געבליבן אַרבעטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גייסטיק דערדריקט, דערשלאָגן פון אַלץ וואָס בושעוועט אַרום מיר; צעווייטיקט און צעפייניקט פון מיין נאָגנדיקער איינזאַמקייט און צעבראָכן פון מיין בענקשאַפט נאָך חיהן און חפשין, האָב איך אָנגעהויבן פילן, ווי די צעבראָכנקייט מיינע גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט פון מיין גייסטיקן און פיזישן צושטאַנד. מאַנכע מאָל האָב איך דערשפירט, ווי בייזע געדאַנקען גריזשען זיך אַריין אין מיין קאָפּ, אין די אינעווייניקסטע טיפקייטן און וואַרפן אָן אויף מיר אַן אימה פאַר מיין אייגענעם „איך". כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז עס קאָנען זיך אויף מיר אָנרוקן שאָטנס פון ווילדע געשפּענסטער, וועלכע זאָלן זיין גענוג שטאַרק מיך צוזאַמענצוברעכן, אָדער מיר ברענגען צו ווילדע, בלוטיקע מעשים. מיין האַס צו בלוט־פאַרגיסונג און מיין צעווייטיקטער צאָרן, צוזעענדיק ווי אַרום מיר איז אַלץ אַרומגעכאַפּט מיט קאָכעדיקן, אַכזריותדיקן אימפּעט צו מאָרדן און אומברענגען; מיין אומבאַשרייבלעכע קרענקעלע בענקשאַפט צו מיינע נאָענטע און ליבע צוויי נפשות, וואָס די צייט האָט כמעט ווי אָפּגעווישט יעדע וויזיע פון זייער געשטאַלט, — אָט דאָס אַלץ: האַס און קרענקונג, צאָרן און בענקשאַפט, ליבע און ליבשאַפט, האָבן מיר געוואָרפן אין שווינדלעכע קאָנוולסיעס און אָנגעטריבן מיר, געיאָגט מיר, ווי טויזנטער בייזע טייוולאָנים, צו געפינען אַן אויסוועג אין מיין פאַרלוירנקייט.

טאָג און נאַכט האָב איך אין מיין צעשרויפטן מוח איבערגעוואָרפן פּלענער און פאַרשידענע געדאַנקען, ווי אַזוי אַרום און אויף וועלכן ס'איז וועג און אופן צו לייזן און אויפלייזן מיין פינצטערן גורלדיקן מצב. און דערטראַכט האָב איך מיך צו עטוואָס אויסטערלישעס, עטוואָס אומבאַגרידעטעס, משוגענעס, אָבער דאָך — איך האָב געפילט, אַז ווי אומזיניק מיין שריט זאָל נישט זיין, וועט עס דאָך, קען מיר אפשר דאָך פונעם זומפּ אַרויסשלעפּן. און טאָמער, און אויב חלילה עס זאָל מיר אין אַ צווייטן זומפּ אַריינשליידערן — טאָ זאָל איך דאָרט בעסער אומקומען. ווייל... אַזוי צ:ען ווי איך האָב דאַן געצויגן און נאָכגעשלעפּט מיין עקסיסטענץ, איז מיר פשוט אוממעגלעך, אומדערטרעגלעך געווען אַזוי ווייטער אָנצוגיין אויף מיין חרובן לעבנסוועג.

און... כ׳האָב מיך קאָנצענטרירט אויף אַ פּונקט מיט אַ באַשלוס צוזאַמען, אַ פינצטערע נאַכט מיט אַ בלייכן לבנה־פלעק.

און מיין באַשלוס, — אויב איך מעג אים גאָר אַזוי אָנרופן, — ווייל גיכער איז דאָס געווען אַ טויט־אורטייל איבער זיך אַליין, מיט די אייגענע הענט אונטערגע־שריבן דעם בלוטיקן פסק־דין. איך האָב באַשלאָסן אויספּרובירן די מעגלעכקייט פון אומקערן זיך צוריק קיין רוסלאַנד און דאָרט זיך צוזאַמענקומען מיט מיין פרוי און קינד, יאָ — אפשר.

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָב איך געמיינט, און אויפריכטיק געמיינט און געהאָפט, ווער מיר מעגלעך זיין צו לעבן און העלפן בויען דאָס נייע לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

איך בין דאַן אַוועק צום רוסישן קאָנסולאַט, האָב אויסגעפילט אַלע נייטיקע פאַ־פירן און דאָקומענטן אויף צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט. איך האָב אויסגעפילט אַן „אָפּ־ראָסני ליסט״, אָנגעפּיקעוועט מיט אַ פּאָר צענדליק פראַגן וועגן אַלץ וואָס האָט גע־האַט אַ שייכות מיט מיין רוסישער בירגערשאַפט און אויך דעם צוועק פון מיין ווונטש צו פאָרן אַ היים.

דעם 21סטן סעפּטעמבער 1917, האָב איך מיין ביטע מיטן „אָפּראָסני ליסט״ אָפּגעגעבן אין קאָנסולאַט און דעם 3טן אַפּריל 1918, האָט דער רוסישער גענעראַל־קאָנסול א. וואָלקאָוו, אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט (וועלכער, אַגב, געפינט זיך ביז היינט ביי מיר). כתוב וחתום. פּאָר ברודערל, „נאַ ראָדינו״ און זאָל „מאַטושקאַ ראָסיאַ״ פון דיר נוצן האָבן.

ווען כ׳בין מיט דעם־אָ דאָקומענט־פּאַספּאָרט אין האַנט אַוועק אין ביוראָ פון אַ שיפס־געזעלשאַפט וועגן קריגן אינפאָרמאַציע, ווי אַזוי צו פאָרן קיין רוסלאַנד, האָט מען מיר דאָרט אָנגעצייכנט פאַלגנדיקן מאַרשרוט: פאָרן מיט דער באַן ביז וואַנקאָ־ווער, בריטישע קאָלומביע; פון וואַנקאָווער מיטן שיף ביז יאָקאָהאַמאַ, יאַפּאַן, און פון דאָרט מיטן שיף ביז וולאַדיוואָסטאָק. און דער פּרייז פאַר אָט דער פאַרגעניגנספולער רייזע — 159 דאָלאַר.

צוויי־דריי טעג האָב איך נאָכגעקלערט וועגן די אַלע פּאַזן פון דעם רייזע־פּלאַן, ביז וואַנקאָווער, — דורכשניידן, הייסט עס, דעם גאַנצן האַלב־צפונדיקן אַמעריקאַ־נער קאָנטינענט; מיטן שיף קיין יאָקאָהאַמאַ, פון יאָקאָהאַמאַ קיין וולאַדיוואָסטאָק, — דאָס מיינט דאָך בלויז צום שטיקל־פּיצל פון דער ברייטער גרויסער רוסישער ערד. ווייל פון וולאַדיוואָסטאָק ביז אָדעס דאַרף מען דאָך ערשט דורכשניידן גאַנץ סיביר, און דאַן מער ווי אַ העלפט פון דעם אייראָפּעיִשן רוסלאַנד, — אַ קימא־לן פון אַזעלכע צען טויזנט ווייאָרסט פאָרן מיט דער באַן; פאָרן... ער רעדט זיך נאָר אַזוי; פאָרן, זיך שלעפּן די מיט שניי פאַרשאָטענע סיבירער אייזנוועגן. אָבער... חיה מיטן קינד לעבן דאָך אין אָדעס.

אין אַ געוויסן טאָג, — מיטוואָך, — בין איך אַוועק און געשלאָסן דעם אָפּמאַך מיט דער שיפס־געזעלשאַפט, איינגעצאָלט, לויט זייער פאָדערונג, דרייסיק דאָלאַר האַנט־געלט, און דעם קומענדיקן פרייטיק, ד״ה אויפן דריטן טאָג, האָב איך געדאַרפט קומען און ברענגען די איבעריקע סומע געלט — הונדערט און צוואַנציק דאָלאַר, און דאַן באַקומען די שיפסקאַרטע מיט אַ באַן־בילעט ביז וואַנקאָווער.

אָבער... מיינע שטענדיקע, צרהדיקע „אָבערס״ (דאָס מאָל, גראָד אַ גליקלעכער „אָבער״), ווען כ׳בין פרייטיק געקומען, ווי אָפּגערעדט, מיטן געלט אין האַנט, גרייט איינצוצאָלן און באַקומען די שיפסקאַרטע, האָט דער אָנגעשטעלטער אין ביוראָ זיך נישט געאיילט צו נעמען דאָס געלט פון מיר. ער האָט פאַר מיר אַרויסגעלייגט אַ גאַנצן צעטל מיט שוועריקייטן וועגן דער רייזע פון יאָקאָהאַמאַ ביז וולאַדיוואָסטאָק, און צום סוף, נאָך פאַרשידענע אַרגומענטן, איז ער אַרויס מיט קלאָרע דיבורים: עס איז זיי אוממעגלעך אַרויסצוגעבן אַ שיפסקאַרטע ביז וולאַדיוואָסטאָק. זיי קענען מיר נאָר געבן אַ שיפסקאַרטע צו פאָרן ביז יאָקאָהאַמאַ, יאַפּאַן. איך האָב צו דעם נישט צוגעשטימט און קאַטעגאָריש דערקלערט: — אַ שיפסקאַרטע ביז וולאַדיוואָסטאָק, אָדער איר גיט מיט צוריק די דרייסיק דאָלאַר מיינע און דער עסק איז בטל, אויס מיט דער רייזע! — „איר וועט חרטה האָבן, יונגערמאַן, איצט קענט איר נאָך פאָרן ביז יאָקאָהאַמאַ. עס איז גאַנץ מעגלעך אַז אין די קומענדיקע וואָכן, אָדער טעג, וועט מען שוין דאָס אויך נישט קענען״.

איך האָב באַקומען מיינע דרייסיק דאָלאַר צוריקגעצאָלט. אַזוי אַרום בין איך אפשר געראַטעוועט געוואָרן, אפשר טאַקע, געוויס געראַטעוועט געוואָרן פון צו זיין איינער פון די אומצאָליקע קרבנות פון דער רוסישער „פרייהייט״.

עס האָט מיר נישט לאַנג גענומען אויף אויסצואַרבעטן אַ נייעם „רעטונגס־פּלאַן״, אַ פּלאַן, אַריינצוטאַנצן גלייך אינעם בלוטיקן שדים־טאַנץ.

44. — איך שלים מיך אָן אין יידישן לעגיאָן

„און די פאַרשטעלונג גייט אָן״. קיין סוף צו דער בלוט־פאַרגיסונג. אין רוסלאַנד קומען אום טויזנטער, צענדליקער טויזנטער לעבנס אין דעם גרויזאַמען בירגער־קריג, וואָס ווערט אין אַ געוויסער מאָס אויך געשטיצט און געפלעגט דורך „אונדזע־רע״. יידן, אין גרויסע מאַסן, ווערן אומגעבראַכט אין דעם „באַפרייונגס־צוג״ פון אַלע צעיושעטע אַרמייען פון דעניקין, פעטליורא, קאָרנילאָוו און אַנדערע אַוואַנטו־ריסטן. וואָס האָבן זיך אַריינגעוואָרפן. אַריינגעריסן זיך אינעם קאַמף־געווירבל צו באַפרייען די „מאַטושקאַ ראַסיאַ״. די אַליאירטע פעלקער. ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמע־ריקע און איטאַליע. קעמפן ביטער אויף צו געווינען די אויבערהאַנט. און דאָך — עס זעט זיך נישט קיין נאָענטער צוזאַמענבראָך פון די „אַקס״־אַרמייען. מיטן פאַר־

לוסט פון דער רוסישער אַרמיי, ווי אַ ווירקנדיקער, קעמפנדיקער צד. האָט זיך די לאַגע פון די אַליאירטע אין אַ געוויסער מאָס שטאַרק פאַרערגערט.

נאָכפאָלגנדיק און באַאָבאַכטנדיק די געשעענישן אויף די פאַרשידענע שלאַכט־פעלדער. שאַצנדיק און וועגנדיק זיי. האָט זיך ביי מיר פאַרגנבעט אַ געדאַנק און אַ חשד אַז... אַז אויפן טערקישן פראָנט איז דער צושטאַנד פון די קעמפנדיקע צדדים מער גינסטיק פאַר אונדזער צד, און אַז עס איז פאַראַן אַ האָפענונג אויף אַ נאָענטן צוזאַמענברוך פון דער טערקישער קאַמפּס־ליניע. און ווען כ׳האָב דעם חשד פון אַזאַ האָפענונג געוווי און טיף אַנאַליזירט, איבערגעטראַכט און פול דורכגעשטודירט, האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט אַן אידעע, אַ מין פּראָדוקט פון ווונטש און ווילן, אַז עס לוינט זיך אַנצושליסן אין דעם ייִדישן לעגיאָן, וועלכער איז מיט אַ צייט פריער אָרגאַני־זירט געוואָרן אין ניו־יאָרק און שפּעטער אויך געהאַט אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי אויפצונעמען פרייוויליקע ייִדישע יונגעלייט אַנצושליסן זיך אין לעגיאָן אויף צו גיין קעמפן פאַר ארץ־ישראל. ענגלאַנד האָט זיך געניייטיקט אין אַ וואָס גרעסערע צאָל סאָלדאַטן און זי האָט, נאָך דער באַלפור־דע־קלאַראַציע, דערלויבט און אַפילו דערמוטיקט דאָס צוזאַמענשטעלן און די רעקרוטי־רונג פון ייִדישע רעגימענטן, פאַר וועלכע ס׳איז געווען אַ באַזונדער, ספּעציעלער באַדינג: די אָנגעשלאָסענע וואָלונטירן אין אַזעלכע רעגימענטן, דאַרפן געשיקט ווערן נאָר און אויסשליסלעך אויפן טערקישן פראָנט, דאָרט קעמפן פאַר דער דעראָבערונג פון פּאַלעסטינע.

אַזעלכע רעקרוטיר־ביוראָען זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין אייניקע גרויסע אַמעריקאַנער שטעט, ווי אויך אין טשיקאַגאָ.

מיין האָפענונגספולע אויסרעכענונג איז געווען, אַז ביז איך וועל מיך אַנשליסן אין לעגיאָן, אַדורכגיין די אַלע נייטיקע צוגרייטונגען און די אויסמושטירונג, ווי אַ קאַמפּס־פעיִקער זעלנער אין די ענגלישע מיליטערישע סטאַנציעס, און אויך ביז איך וועל אַריבערגעשיקט ווערן אויפן פראָנט אין פּאַלעסטינע, וועט שוין דער טערק זיין אַן „אָפּגעדאַוונטער״. געוויס, איז אָט די האָפענונג מיינע אַרויסגעקוואָלן מער פון אַ צעקאַליעטשעטער און צעוויייטיקטער נשמה, ווי פון אַ געזונטן און דענקענדיקן מוח.

דעם 27סטן אויגוסט 1918, בין איך געשטאַנען אין דער רעקרוטיר־ביוראָ פון דעם ענגלישן מיליטער־שטאַב, און מאַיאָר בריגגס, דער ענגלישער אָפיציר און הויפּטמאַן פון דער ביוראָ, האָט מיך אויפגענומען און מיך איינגעשריבן אין די רייען פון די פרייוויליקע, וואָס קומען העלפן דער „מאַטהער קאַנטרי״ אין אירע שווערע טעג פון קאַמף, און נאָך אַ מעדיצינישן עקזאַמען בין איך, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע וואָלונטירן, דריי ייִדן און אַכט קריסטן, אָפּגעשיקט געוואָרן מיט דער אייזנבאַן קיין ווינדזאָר, נאָוואָשקאָשיאַ, קאַנאַדע, מאַנטיק דעם 5טן סעפּטעמבער 1918.

אין ווינדזאָר, נ. ס., קאַנאַדע, האָט ענגלאַנד געהאַט אירע מיליטערישע קאַנ־

צענטראַציעס, ווו זי פלעגט צוזאַמענבברענגען פּריוויליקע און אַנדערע, אייגענע ביר־גער אויפגענומענע דורך די רעקרוטיר־ביוראָען, און דאָרט, אין די קעמפּס, האָט מען זיי געהאַלטן אַ קורצע צייט און דאַן זיי אַריבערגעפירט אין שיפן קיין ענגלאַנד.

איך בין געפאָרן, — געשיקט געוואָרן, — אַהין ווו עס דערוואַרט מיר, — שיעור זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיטן שיינעם, קלינגעוודיקן וואָרט, — דערלייזונג. אויך דאָ, אויפן שוועל פון דעם געהיימנישפולן שאָטן פון דערלייזונג, האָט מיר דער שלימזל באַגעגעגט און פאַרפאָלגט. אַנקומענדיק אין דעם גרענעץ־שטעטל פּאָרט יוראָן, צווישן אַמעריקע און קאַנאַדע, האָבן די גרענעץ־באַאַמטע איבערגעקוקט יעדנס דאָ־קומענטן און געשטעלט פאַרשידענע פראַגן. און ווען זיי האָבן מיר געפרעגט, צי איך האָב שוין אַרויסגענומען די „ערשטע פּאַפּירן״, — First Citizen Papers — האָב איך געענטפערט, אַז יאָ. זיי האָבן מיר דאַן געבעטן מחילה אַרונטערגיין און צוריק פאָרן קיין טשיקאַגאָ. ווייל, — אַזוי בין איך שפּעטער געוויר געוואָרן, — די פאַר־אייניקטע שטאַטן האָבן שוין דאַן געהאַט אַנגענומען אַ געזעץ אַריינצונעמען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אויך האַלבע אַמעריקאַנער בירגער, ד״ה אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט אַרויסגענומען די ערשטע בירגערשאַפט־פּאַפּירן און דערמיט זיך שוין דערקלערט אַלס וויליק און איינשטימיק צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער.

איך בין פון פּאָרט יוראָן אַוועקגעפאָרן אין דער נאָענטער שטאָט דעטראָיט, און דאָרט זיך געמאָלדן אין דער ענגלישער רעקרוטיר־ביוראָ, ווו מ׳האָט מיר באַזאָרגט מיט אַ באַן־בילעט קיין טשיקאַגאָ.

ווען דער מאַיאָר בריגגס אין דער טשיקאַגער ביוראָ האָט מיר דערזען, איז ער געוואָרן זייער פאַרוווּנדערט און אויך אַ ביסל אויפגערעגט: — ס׳טייטש, ווי קומסטו אַהער! איך האָב אים איבערגעגעבן וואָס און ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט. ער האָט גע־צויגן מיט די אַקסלען, געפינטלט מיט די אויגן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו האַנדלען. ער איז אַפילו אויך געווען צעמישט, — דאָס וועט דאָך באַגרענעצן די צאָל וואָלונטירן! און דאָ איז מיר געקומען צו הילף מיין „ייִדי־שע קאָפּ״. אַז אַזאַ געזעץ, — ווי אויבן דערמאָנט, — איז אָנגענומען געוואָרן, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג געדאַרפט וועגן דעם לאָזן וויסן די רעקרוטיר־ביוראָען, וועלן זיי דאַן נישט אויפנעמען אַזעלכע וואָלונטירן, וואָס האָבן שוין די „ערשטע פּאַ־פּירן״, און אַז די רעגירונג האָט עס נישט געטאָן, איז מסתמא דאָס געזעץ נאָך נישט שטאַביל. און איך האָב געטראַכט אַז מ׳קען און מ׳מעג זיך אַן עצה געבן אין דעם פּאַל. און איך האָב געוואָגט אַן עצה צו געבן דעם מאַיאָר בריגגס. איך האָב געזאָגט:

— מען האָט מיך געפּרעגט, צי איך האָב „ערשטע פּאַפּירן״, האָב איך געענט־פערט אַז יאָ, איך האָב. און ווען איך זאָל געווען האָבן געזאָגט אַז ניין, איך האָב נישט קיין „ערשטע פּאַפּירן״, וואָלטן זיי דאָך מיר נישט פאַרהאַלטן און מיר דערלויבט אַרויסצופאָרן פון די גרענעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

איך האָב געראָטן דעם מאַיאָר, ער זאָל מיר געבן אַ בילעט אויף אַן אַנדער באַן־ליניע, וואָס גייט נישט דורך פּאָרט יוראַן, נאָר דורך אַן אַנדער גרענעץ־שטאָט. מיין עצה איז זייער געפעלן געוואָרן דעם מאַיאָר בריגגס. „אַן אמתער, גוטער איינפאַל", — האָט ער מיט באַגייסטערונג געזאָגט.

די זעלבע וואָך, דאָנערשטיק אָוונט, האָב איך באַשטיגן די אייזנבאַן, וואָס גייט פאַרביי אַן אַנדער גרענעץ־שטעטל און נישט פּאָרט יוראַן, און... נסים ונפלאות, — די גרענעץ־וואַך האָט מיר אַפילו נישט געפרעגט, צי איך האָב שוין די „ערשטע פּאַפּירן". אין עטלעכע טעג נאָך דעם בין איך שוין געווען אויף דער באַן־סטאַנציע אין מאָנטרעאַל, ווו כ'האָב נאָך אייניקע שעה וואַרטן זיך געזעצט אויף דער באַן, וועלכע האָט מיר אַרום זעקס־זיבן אַ זייגער אין דער פרי, אויפן צווייטן טאָג, געבראַכט קיין האַליפאַקס. און ווייל דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, האָב איך גע־טראַכט אַז ס'איז כדאי צו בלייבן אין האַליפאַקס ביז נאָך ראש־השנה און דאַן פאָרן קיין ווינדזאָר, ווו דער מיליטערישער לאַגער האָט זיך געפונען. און פאַרלאָזנדיק די באַן־סטאַנציע, האָב איך מיך נאָכגעפרעגט ביי פאַרבייגייער ווו עס געפינט זיך די סינאַגאָגע. אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָב איך דערזען גיין אַ מאַן מיט אַ פרוי און איך האָב דערקענט אין זיי — אחינו בני ישראל, אַפילו אויך דורך אַ גוטן סימן; דער מאַן האָט אונטערן אָרעם געטראָגן אַ תלית־זעקל. איך האָב זיי געבעטן מיר אָנוויזן דעם וועג צו דעם בית־כנסת און זיי, דערזעענדיק אַ לעגיאָנער מיטן אָרעמ־באַנד „בריטיש אַרמי", האָבן זיי מיר גלייך מיט עכט יידישער וואַרעמקייט, אַריינ־געשטעקט אַ ברייטן שלום־עליכם און מיר אויסגעפרעגט אויף אַלץ און דערביי צו־געגעבן מיט נישט קיין פאַרשטעלטער חדווה: „איר וועט זיין אונדזער גאַסט ביי אונדז אין הויז ביז מאָנטיק נאָך יום־טוב. און איצט, קומט מיט אונדז אין שול אַריין!".

אַריינקומענדיק אין שול, האָט זיך גלייך אַרום מיר צוזאַמענגעקליבן אַ רעדל יידן און מיר באַוואָרפן מיט פראַגן, און... מען האָט זיך אָנגעהויבן צו רייסן איבער מיר, יעדער איינער וויל מיך האָבן פאַר אַן אורח אויף יום־טוב. מען האָט מיר צו־געטיילט אַ גאַנץ פעטע עליה, מיר געמאַכט אַ פיינעם מי־שברך, און נאָכן דאַוונען האָבן מיר די גבאים געוווּנטשן אַ גאַר יום־טובדיקן לשנה טובה תכתבו ותחתמו. איך בין דאַן אַוועקגעגאַנגען מיט מיין מכניס־אורח צו אים אין הויז, ווו כ'בין פאַרבליבן איבער ראש־השנה. צו דער שמחה פון דעם ייד און זיין וייב איז קיין גרענעץ נישט געווען: אַ קליינינקייט, גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַן אורח, אַ יידישן לעגיאָנער, אויף ראש־השנה. איך האָב מיך אַ ביסל געוויצלט: — אַ גוי'ישער מזל.

מאָנטיק אין דער פרי, נאָך ראש־השנה, האָט מיר דער אויפזעער פון דער באַן־סטאַנציע אָפּגעשיקט מיט אַ פראַכט־צוג, און איבערגעבנדיק מיך אין די הענט פון דעם באַן־פירער, האָט ער שפּאַסיק באַמערקט: “Special Parcels Delivery Camp Windsor, Novascotia, Canada.”

**
*

װען איך האָב געמאָלדן מײַן בעל־הבית מר. װײַנבערג, דעם פּאַרװאַלטער פון דער J. B. West-Wash Laundry װעגן מײַן באַשלוס זיך אָנצושליסן אין ייִדישן לעגיאָן, האָב איך באַמערקט, װי פינקלענדיקע זילבער־בלעזלעך נעמען אַרױסשפּאַרן פון זײַנע פאַרלאָפּענע אױגן, און דערװאַרגנדיק אַ פאַרשטיקטן יאָמער־קרעכץ, האָט מר. װײַנבערג, װי כליפּענדיק אַרױסגעפּליסטערט:

— אײַ, מר. הורװיץ, װי איך בין אײַך מקנא, װאָס איר האָט די מעגלעכקײט צו גײן קעמפן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן אידעאַל, מקריב צו זײַן אַ לעבן אױף צו דער־װערבן אַ לאַנד פאַר אונדזער פאָלק! אײַ, װען איך װאָלט איצט געװען מיט אַ פופצן יאָר כאָטש ייִנגער, און נישט האָבן די פאַראַנטװאָרטלעכקײט פאַר אַ פאַמיליע — װאָלט איך געװען גליקלעך און גרײט נאָכצופאָלגן אײַער בײַשפּיל...

מר. װײַנבערג האָט זיך פאַרכליניעט און מער נישט געקענט אַרױסברענגען קײן װאָרט.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער מיר אַרײַנגערופן אין זײַן ביוראָ און מיט אַ באַגײַסטערטער צעטראָגנקײט, װי אַרױסגעזונגען:

— מר. הורװיץ, מיר האָבן באַשלאָסן צו שענקען אײַך אַ באַשײדענע מתנה. איר האָט אין אײַער באַזיץ אַן אָקציע פון אונדזער געשעפט, װעלכע, װי איר װײסט, האָט במעט גאָר קײן װערט נישט, כאָטש אָפיציעל איז די אָקציע אין װערט פון הונדערט דאָלאַר. מיר האָבן באַשלאָסן אײַך צו געבן אַ מתנה פון פופציק דאָלאַר צו אײַער פאַרלאָזן אונדז און גײן קעמפן אין ארץ־ישראל פאַר איר באַפרײַונג.

ער האָט מיר דערבײַ דערלאַנגט פופציק דאָלאַר, װינטשנדיק מיר גליק אין פערזענלעכן לעבן און דערפאָלג אױף דער נאַציאָנאַלער אַרענע. איך האָב אים באַ־דאַנקט מיט רירנדיקע װערטער, זיך געזעגנט מיט אים און מיט די אַנדערע צװײ צװײ בעלי־בתים, װאָס זײַנען געװען אַנװעזנד.

45. — אָקעאַן־געשפּענסט — סובמאַרינען און די שפּאַנישע גריפּע

נאָך דעם װי איך בין אָפיציעל אַרײַנגענומען געװאָרן אין די רײען פון לעגיאָן אין האָב באַקומען אַ נומער און אַ טיטל: פּרײַװעט אײַזיק הורװיץ, נומער אַזױ פיל און אַזױ פיל, האָט מען מיך צוגעטײלט און איבערגעגעבן צום סערזשאַנט פון מײַן אָפּטײלונג. און ער, אַ גאַנץ פלאַכער, דורכשניטלעכער סאָלדאַט, אַן אַלטער, אָדער אַ פאַרעלטערטער סאָלדאַט פונעם אַלטן ענגלישן שניט, האָט מיר אױפגענומען, גלײַך װי איך װאָלט געװען אַ פאַרלײַזיקט שטיק אַלטע געװאַנט, װאָס מוז דאָך נאָך באַנוצט װערן „אונטער געװיסע אומשטענדן״. דער סערזשאַנט מײַנער האָט מיר על רגל אחת אָפּגעליאַרעמט די גאַנצע סאָלדאַטסקע תורה װעגן דיסציפּלין, מלחמה־צײַט, און אי־

בערהויפּט די אויפמערקזאַמקייט און טיפן, שטרענגן אָפּשיי פאַר מיין עלסטן. און דאָס האָט געזאָלט מיינען, אַז דער עלטערער איבער מיר איז מיין האַר, און זיין וואָרט, אַפילו זיין קוק איז — געזעץ.

אין מיינע ווייטערדיקע קאָנטאַקטן און באַקאַנטשאַפטן מיטן זעלנערישן לעבן און זיין באַטייט, האָב איך געקראָגן אַ געגרונדיקן באַגריף און ידיעה, וואָס עס מיינט דאָס לעגיאָן־לעבן. אָנקומענדיק אין מיליטערישן לאַגער פון ווינדזאָר, האָב איך דאָרט געטראָפן ביי אַרום 400 לעגיאָנערן, וועלכע זענען געקומען פון פאַרשידענע ערטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין לעגיאָן געזוכט אַ ראַטונג פאַר זיך פון דעם מלחמה־פייער און אויך, פּשוט, כדי נישט אַריינגעצויגן צו ווערן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, האָפנדיק, — אַזוי ווי איך האָב געהאָפט, — אַז אין פּאַלעסטינע, אָדער אויפן טערקישן פראָנט בכלל וועט די מלחמה שוין לאַנג נישט דויערן. געוויס, עס זענען געווען אַ סך, טאַקע גאָר אַ סך, וואָס זענען געגאַנגען אין לעגיאָן באַוווּסטזיניק פון זייערע אידעאַליסטישע אַספּיראַציעס, האָבנדיק פאַר זייערע אויגן די הייליקע וויזיע פונעם ווידערגעבורט פון פאָלק אין זיין היסטאָרישן לאַנד און מיט דער פולער גרייטקייט צו צאָלן דעם העכסטן פּרייז פאַר דער־אָ אַספּיראַציע זייערער, — מקריב צו זיין לייב־און־לעבן פאַר דעם דאָזיקן אידעאַל. איך מוז אָבער דאָ זאָגן און באַטאָנען, אַז אַלע, כמעט אַלע אָן אויסנאַם, זייענדיק אין לאַגער און טראָגנדיק דעם מונדיר און עמבלעם פונעם לעגיאָן, זענען אָט די אַלע יונגע פרישע יידישע כוחות, געווען אַרומגענומען פון דעם הייליקן געפיל, דראַנג און שטויס צו קעמפן פאַר דעם חלום פון אַ פאָלק — אָן אייגענע היים אין ארץ־ישראל, זאָל עס אַפילו פאָדערן דעם גרעסטן קרבן.

נאָך די ערשטע זיבן־אַכט וואָכן פון מיין זיין אין לאַגער, האָב איך געפונען פאַר וויכטיק צו שרייבן און באַריכטן וועגן מהות און אויך וועגן דער טאָג־טעגלעכקייט אין לאַגער. און דעם 15טן סעפּטעמבער 1918, האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשטן אַרטיקל א״נ: „בריוו פון אַ לעגיאָנער״ און האָב אים אָפּגעשיקט קיין טשיקאַגאָ צום רעדאַקטאָר פון „די יידישע אַרבעטער וועלט״, וועלכער איז, אַגב, שוין דעמאָלט געווען מיין פריינט — קלמן מרמר. אַגב, איז קלמן מרמר מיט עטלעכע חדשים פריער געהאַט געקומען קיין טשיקאַגאָ, אָנפאַרטרויט מיט אַ מיסיע פון דער פאַרוואַלטונג פון דער „פאַרווערטס אַסאָסיאיישאָן״ אין ניו־יאָרק, איבערצונעמען די וועכנטלעכע צייטונג „די יידישע אַרבעטער וועלט״ און איר פאַרוואַנדלען אין אַ טעגלעכע צייטונג, „דער טשיקאַגער פאַרווערטס״. און אים, מרמרן, האָב איך פאַרשפּראָכן פאַר מיין פאַרלאָזן טשיקאַגאָ, צו שרייבן פונעם לעגיאָן, ווי ער האָט עס מיר געבעטן צו טאָן.

איך האָב דאָן, נאָך מיין ערשטן אַרטיקל, פאַרגעזעצט שרייבן פון צייט צו צייט וועגן לעבן אין און אַרום דעם לאַגער. און שפּעטער — אויך וועגן אונדזערע באַוועגונגען, ווען מען האָט אונדז אַריבערגעשיקט קיין ענגלאַנד.

ווען עס איז אונטערגעקומען יום־כיפור, האָבן מיר קיין עסן נישט באַקומען, אַפילו די יעניקע וואָס האָבן קיין חשק נישט געהאַט צו פאַסטן. דערפאַר, אָבער, האָט מען צוגעגרייט אַ מלכותדיקע סעודה אויף נאָכן תענית.

ווען מיר זענען, אַלע לעגיאָנערן, ערב יום־כיפור אָפּגעפירט געוואָרן „פּאָד קאָמאַנדו" אין זאַל אַריין, ווו מ'האָט געדאַרפט דאַוונען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ ווער ס'זאָל קענען, אָדער וועלן זיך שטעלן פאַרן עמוד ווי אַ שליח־ציבור. און מען איז צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך בין עס דער מורה־מורנו, אַז איך זאָל זיך שטעלן דאַוונען פאַרן עמוד און „זאָגן" כל־נדרי. איך האָב זיך אַנטזאָגט, זיך געוועדט קעגן פאַרשלאָג; אַ כל־נדרי זאָגער גאָר פּלוצים! אָבער ווען דער סערזשאַנט מיידזשאָר אונדזערער, אַ באַיאָרנטער ייִד פון טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, אַ געוועזענער באַנקיר; ווען ער איז צוגעשטאַנען צו מיר און רחמנותדיק זיך געבעטן ביי מיר — „צו ראַטעווען דעם כבוד פונעם הייליקן טאָג און גיין צום עמוד", האָב איך איינגעוויליקט און זיך געשטעלט אין דינסט פון ציבור. און מיט דער הילף פון דער דיסציפּלינירטער שטילקייט האָב איך מיין מיסיע דערפילט גאַנץ צופרידנשטעלנדיק, — אַזוי האָבן אַלע געזאָגט מבינות אויף מיין דאַוונען.

אויף צו מאָרגנס, אינעם יום־כיפור־טאָג, האָב איך מיך שוין קאַטעגאָריש אָנטזאָגט צו פאַרזוכן חזנות, און אַ צווייטער לעגיאָנער, פּרייוועט יערוזאַמילסקי, האָט געדאַוונט אי שחרית און אי מוסף. און דער שוחט, פּרייוועט רעזניק, האָט דאַן געדאַוונט מנחה און נעילה.

דאָס לעבן אין לאַגער איז געווען אַ שווערער, אָפט אַן אומדערטרעגלעכער, צוליב די קאַלטע, רעגנדיקע און שנייאיקע נעכט. עס האָט פּאַסירט, אַז שטראָמען רעגנוואַסער האָבן אונדז אונטערגעשווייכט די געלעגערס, צוליב דער משופּעדיקייט פונעם באָדן ווו אונדזערע ביידלעך זענען געשטאַנען. אַ סך פון אונדז האָבן געקראָגן ערנסטע פאַרקילונגען און אַנדערע האָבן אויף אַן אַנדער אופן געליטן.

ווען ס'איז דעם לעצטן טאָג סוכות אומגעריכט אָנגעקומען אַ באַפעל צו זיין גרייט צום פאַרלאָזן דעם לאַגער, פאָרן מיט דער באַן קיין קוויבעק און דאָרט זיך זעצן אויף דער שיף אויף אָפּצוטראַנספּאָרטירט ווערן קיין ענגלאַנד. ווען אָט דער מיליטערישער באַפעל איז געמאָלדן געוואָרן בקול־רם, האָט עס קיינער פון אונדז נישט באַדויערט. פאַרקערט, ויסעו ויחנו, אַלע זענען געווען אויפגעלייגט, צופרידן און פריילעך, — מען פאָרט! און דאָס אַליין איז שוין געווען עפּעס צום בעסערן.

און כאָטש די מלחמה איז אָנגעגאַנגען אין איר פולן גאַנג: די סובמארינען האָבן אָנגעטאָן גרויסע צרות, געזונקען שיפן מיט די מענטשן אין זיי, אַן פיל איבערלייגונגען; און כאָטש די מגפה, די „שפּאַנישע אינפלוענציע", האָט טויזנטער קרבנות פאַרשלעפּט אויף איר זייט. און ספּעציעל אויף די שיפן האָט זי געמאַכט אַ גרויסן חורבן. דאָך האָבן מיר די נייעס פון אַריבערגעשיקט ווערן קיין ענגלאַנד אויפגענומען

מיט פרייד — אַ טראַט נאָענטער צו געוווּנטשענעם צוועק. פון ענגלאַנד קיין ארץ־ישראל און דאָרט, און דאַן — ווער ווייסט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

יאָ, און דאָרט און דאַן — ווער ווייסט!

עס האָט אין מיין צעווונדעטער נשמה עפּעס אויפגעוואַכט; אַ שטילער יאָמער האָט מיט אַ מאַטן שאָטן־ליכט זיך צוזאַמענגעמישט און געשאַפן דינע צ׳ענדיקע פּע־דעם פון אַ צאַנקענדיקן האָפענונגס־שטראַל, — און דאָרט און דאַן — ווער ווייסט. אפשר פאַרהוילט די נעפלדיקע צוקונפט אַ רחמנותדיקע רעטונג פאַר מיין צעבראָ־כנקייט? חיה און חפשי, חפשי און חיה האָבן אין ברעקלדיקן שימער געהויערט פאַר מיינע אויגן און געשאַפן האָפענונג־שפּורן פון אַ געווונטשענער דערלייזונג... מיטן שיף קיין ענגלאַנד, מיטן שיף פון ענגלאַנד קיין ארץ־ישראל, און אָט בין איך שוין אַזוי נאָענט, נאָענט פונעם לאַנד, פונעם פּלאַץ ווו עס לעכצן צוויי פאַרוואָגלטע נשמות פאַר דעם אָנבליק פון מיין געביין.

און געפירט האָט מיך די שיף, אָנגעפּאַקט מיט אַ זעכצן הונדערט זעלנער, געזונטע שטיקער יונגע לעבנס, — געפירט מיר אַלץ נאָענטער און נאָענטער צו דעם געגאַרטן צוועק — ענגלאַנד.

ניין שיפן אין אַ מיליטערישן קאָנוואָי זענען עס געווען; דריי פון זיי אָנ־געפילט מיטן מענטשלעכן מין און די אַנדערע זעקס — אָנגעלאָדן מיט פּראָוויאַנט און מלחמה מאַטעריאַלן, אַלץ און אַלע געצילט און באַצוועקט פאַרן מלחמה־גאָט, וואָס ווייסט נישט פון קיין זעטיקייט אין קרבנות; וואָס פאָדערט אַלץ מער נאָך און נאָך. ביין שיפן, באַגלייט פון אַ קריגסשיף, אַ גרויסן קרייצער, צו באַוואַכן אונדז פון דעם בייזן אויג פון די לויערנדיקע סובמאַרינען.

אויפן דריטן טאָג פון אונדזער רייזע איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם. עס האָט אַ טייל פון אונדזערע געלעגערס אַרויסגעוואָרפן; אונדזערע „בעטן" זענען געווען „האַמאַקעס", גרויסע לאַנגע שטיקער לייוונט וואָס האָבן געהאַנגען צוגעטשע־פּעט מיט אייזערנע האָקן צו דער סטעליע פון שיף, אַריבערהענגענדיק איבער די טישן, ווו מיר האָבן געגעסן אונדזערע מאָלציימן, נישט גאָר קיין וואַזשנער אָפּרו און שלאָף־פּלאַץ, אָבער, ווי ס׳האָט דאַן געגאָלטן דער דייטשער שפּריכוואָרט: „קריגס־צייט, ניכטס צו מאַכן". נו, האָבן מיר „ניכטס" געמאַכט.

דער שטורעם האָט אָנגעהאַלטן נאָענט צו דריי טעג. ווען מיר זענען אויפן דריטן טאָג אין דער פרי אַרויס אויפן דעק פון שיף, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן באַוויזן אַ זייער טרויעריקער בילד: מיר, אונדזער שיף הייסט עס, איינע אַליין און פון דער וויטנס אַ צווייטע שיף, אויסגעבויגן אויף אַ זייט, ווי אָט־אָט און זי חלשט אַוועק, און אונדזער שומר — דער קרייצער, מאַכט עפּעס מאָדנע מאַנעוורעס אַרום איר.

אַרום דער חולה־נופלדיקער שיף, בואי־בשלומדיקע מאַנעווערס, אַהין־אַהער, אַהער־אַהין. געוויס, עס איז געווען מער טרויעריק ווי שפּאַסיק, פון געלעכטער איז שוין אָפּגערעדט, עס האָט אונדז אַלעמען אַ וויסטער טרויער אַרומגענומען. ווהין די אַלע אַנדערע זיבן שיפן פון אונדזער קאָנוואָי זענען אַהינגעקומען, האָבן מיר נישט גע־ווּסט, נישט געקענט אויסגעפינען. אין מלחמה־צייט רעדט מען נישט. די מאַטראָזן אויף דער שיף — שטום ווי די פיש, זיי שווייגן.

וואָס דער שטורעם האָט אונדז „אָפּגעקאָסט“, ווייס איך נישט; קיינער פון אונדז האָט נישט געוווּסט. אָבער דעם חורבן וואָס די „שפּאַנקע“, די שפּאַנישע גריפּע האָט אונדז פאַרשאַפט, דאָס האָב איך מיט די אייגענע אויגן געזען. מיר זענען געווען פיר הונדערט לעגיאָנערן אויפן שיף, די איבעריקע „פּאַסאַזשירן“, — ביי צוועלף הונ־דערט אין צאָל, — זענען געווען ענגלישע זעלנער, ערשט ניי־געבאַקענע, ווי מיר אַליין, און אַ גרויסע צאָל פון זיי — נעגערס, איינוווינער פון די בריטישע וועסט־אינדיעס, ענגלישע קאָלאָניאַלע פּאַסעסיעס.

ווען מיר זענען צוגעקומען נישט ווייט פון די ברעגן פון אירלאַנד, זענען אַרויס־געקומען אונדז באַגעגענען צוויי ענגלישע קריגסשיפן, וואָס האָבן אונדז באַגלייט ביז צום פּאָרט פון פּליימוט, ענגלאַנד.

און אָט איז דער טרויעריקער רעזולטאַט, דער סך־הכל פון אונדזער אומגליק־לעכער רייזע פון קוויבעק ביז פּליימוט. מיר האָבן כמעט טאָג־טעגלעך באַגלייט צו זייער אייביקער רו אין די טיפענישן פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, עטלעכע זעלנער, בסך־הכל צוויי און פופציק מאַן, די מערסטע פון זיי נעגערס. צווישן די קרבנות זענען אויך געווען צוויי יידן: פּריוועט יפה, און דער צווייטער — אַ מיליטערישער דאָקטער פון קאַנאַדע. יעדער איינער פון די געשטאָרבענע, קרבנות פון דער „שפּאַנ־קע“ איז באַערדיקט געוואָרן לויט די כללים פון מיליטער און פון ים, — אַרונטער־געלאָזן געוואָרן אין ים אַריין פון אַ גלאַטער, משופּעדיקער ברעט, ספּעציעל צוגע־גרייט פאַר דעם „נאָבעלן“ צוועק און אויך באַגלייט פון טרערן און פּסוקים, פּסוקים און טרערן.

ווען אונדזער שיף איז אַריין אין פּאָרט פּליימוט, האָבן שוין דאָרט געוואָרט עטלעכע צענדליק אַמבולאַנסן, וואָס האָבן אַראָפּגענומען פון אונדזער שיף 180 קראַנ־קע, אַלע קרבנות פון דער „שפּאַנקע“־מגפה.

אונדז, די לעבנגעבליבענע, די נאָך געזונטע זעלנער, האָט מען גלייך פון שיף אַריינגעזעצט אין באַן־וואַגאָנען און אָפּגעפירט אין אַ קאַראַנטין־לאַגער, אין קינמעל פּאַרק קעמפּ, אין וועלס, ביי אַזעלכע זעקס מייל פון דער שטאָט ריל, אין דער געגנט פון ליווערפּול.

אַרום איינס אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין לאַגער, גייענדיק צו פוס אַ פּאָר מייל פון דער באַן־סטאַנציע. און אַ באַפעל איז געגעבן גע־

וואַרן: גלייך, שוין זיך לייגן שלאָפן אויף די צוגעגרייטע הילצערנע בעטלעך. מיר האָבן דאָס מיט גרויס פאַרגעניגן געטאָן, כאָטש אין מאָגן האָט אַ ביסל אונטערגע־פינצטערט און אַ וואַרעמע גלאָז טיי האָט זיך געוואָלט נאָך מער ווי דער שטאַרקער חשק צו שלאָפן, אָבער, באַפעל איז באַפעל.

46. — אין קאַראַנטין

קינמעל פּאַרק, אַ גרויסער, אַ ריזיקער גוט פון אַ רייכן לאָרד. דער גוט איז רעקווירירט ווי אַן אָפּגעשלאָסענעם פּלאַץ פון אַ קאַראַנטין פאַר די אַריבערגעבראַכ־טע זעלנער „פון יענער זייט ים“. קינמעל פּאַרק, איינער פון די שענסטע פלעצער אין ענגלאַנד, — אַזוי האָט מען אונדז אָנגעזאָגט די בשורה ביים פאַרלאָזן פּליימוט. — אָבער געפונען האָבן מיר אים, דעם שיינעם קינמעל פּאַרק, אַ פּאַרוויסטן, אַ צע־טראָטענעם, כמעט אַ חרובן.

אויף צו מאָרגנס נאָך אונדזער אָנקומען אין לאַגער, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרומ־קוקן זיך ווו מיר געפינען זיך דאָ. אונדזער נייע היים איז באַשטאַנען פון הילצערנע לאַנגע, שמאָלע געביידעס, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען דרייסיק בעטלעך, צו פופצן אין יעדער זייט, די בעטלעך ביי אַ דרייסיק סענטימעטער הויך. אין מיטן פון דעם „צימער“ איז געשטאַנען אַן אייזערנער אויוועלע אויף אָנצוואַרעמען דעם צי־מער מיט האָלץ, אָדער קוילן. יעדער פון אונדז האָט געהאַט אין זיין באַזיץ פיר וואָ־לענע קאָלדרעס, און די איבעריקע בעטגעוואַנט, אַזוי ווי אויפן שיף, — דעם קיט־בעג צוקאָפּנס און אַן אַליין פאַרפאַסטע ברכה פאַר די איבעריקע באַקוועמלעכקייטן. און דאָ, אין אָט דעם איזאָלאַציע־לאַגער, האָבן מיר, לויט די קאַראַנטין־רעגולאַמינען, געדאַרפט פאַרבלייבן אַ פּאָר וואָכן. דער שטח פון לאַגער איז געווען אויסגערעכנט אויף איינצוקוואַרטירן דאָ גאַנצע פערציק טויזנט מענטשן און איז געווען איינגע־טיילט אין „קאָמפּאַונדס“, אָפּטיילונגען הייסט עס, אַכט הונדערט מענטשן אין יעדן קאָמפּאַונד. די איינוווינער פון איין לאַגער האָבן געמוזט פאַרבלייבן אָפּגעזונדערט אין זייערע דלד־אמות און עס איז זיי געווען פאַרבאָטן אַריבערצוגיין אין דעם נאָענט־טן קאָמפּאַונד, כאָטש קיין צוימען זענען נישט געווען, נאָר אַזעלכע אויפגעהאַנגענע צעטלעך: Leaving your Compound Strictly Prohibited: — „פאַרלאָזן דיין באַגרע־בעניש, — הייסט עס, — איז שטרענג פאַרבאָטן“.

אונדזערע מאָלצייטן האָבן מיר באַקומען דריי מאָל אין טאָג פון אַן אַלגעמיינער קיך, אָבער זייער און זייער מאָגערע מאָלצייטן, אַזוי, אַז די גרעסטע טייל פון אונדז און געוויס אויך אין די אַנדערע קאָמפּאַונדס אַזוי, זענען אַרומגעגאַנגען הונגעריקע און נאָר געזוכט עפּעס מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער. איך האָב אָנגעהויבן צו שאַרפן דעם מוח און זוכן מיטלען ווי אַזוי און ווו אַרום עפּעס צו קריגן, צו קויפן.

געפּינען, אָדער — נישט אויסגערעדט זאָל דאָס זײַן — אַװעקצושלעפּן, אַװעקצולקח־נען, אַבי צו פאַרשטומען דעם נאַרישן חומר, „צו פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל״. מיר זענען דאָך אַלע געװען זײער אויסגעהונגערט פון דער שײנער, אײנדרוקספולער רײַזע אונדזערע אויפן שיף און װען מיר האָבן אַ ביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און די רויִקע פרישקײט פון קינמעל פּאַרק האָט אויך פיל צוגעהאָלפן, — האָבן מיר דאַן ערשט דערפילט די מאָנענדיקע פוסטקײט אין דעם אײנגעשרומפּענעם מאָגן.

קײן ספּעציִעלע אַרבעט האָבן מיר נישט געהאַט צו טאָן, אויסער נאָר די מאָנאָטאָנע אַרבעט פון האַלטן רײן אין און אַרום די הילצערנע, אימה־אָנװאַרפנדיקע גרויסע ‚קאַסטנס״ אונדזערע. גערופן האָט מען זײ, אָט די קאַסטנס, אויף סאָלדאַטן־לשון: האַטס — Wooden Huts איך האָב דאָס געמאַכט פאַר מײן שטײגער, פאַר מײן אויפגאַבע, אַרומצוגײן איבערן קאַמפּאַונד און האַלטן אַ שאַרפע אויג אויפן גאַנצן אַרום: אפשר האָט דאָס מזל ערגעץ װוּ דאָ פאַרשטעקט, פאַרגעסן אַ סימן פון שפּײַז. איך האָב געזוכט און געזוכט װוּ נאָר מעגלעך אַ שאָטן פון שפּײַז, אַ װעגעלע, אַ סטעזשקעלע, װאָס זאָל מיך אַרויספירן אויף אַ שפּור פון עפּעס אַן עסנװאַרג, עס זאָל מיר אַרויספירן ערגעץ אַנדערשװוּ, װוּ פאַר געלט, פאַר בעטלער געפיל, אָדער פאַר דער עבירה פון „לא תגנוב״ װעל איך, אָדער כ׳זאָל עפּעס אַרויסבאַקומען פאַר מיר און פאַר מײנע חברים צום אומגליק. און, יגעתי ומצאתי. אויפן פינפטן טאָג פון מײנע „װיסנשאַפטלעכע״ װאַנדערונגען מיט דער ברענענדיקער גלוסט נאָך עפּעס, װאָס זאָל באַפרידיקן אָט דעם גלוסט, האָב איך צופעליק אַנטדעקט אַ נס מן השמים, אַ סימן פון אַ געשטאַלט פון אַ גרעזל, װאָס אַמאָל, אַמאָל מיט אַ צײט צוריק, אין די זור־מערדיקע װאַרעמע טעג, האָט אָט דאָס גרעזל געשטאַמט פון אַ גאָר גרויסן יחוס און באַלאַנגט צו דער קאַרטאָפל־משפחה, אַ מיוחסדיקע משפחה צװישן די מענטשן־פאַר־זאָרגער. איך האָב מיך פאַראינטערעסירט מיט דעם אָ אומשולדיקן, האַלב־פאַרװעלק־טן גרעזל: — װוּ קומט ער אַהער, אין קינמעל פּאַרק, אַפילו דער זכר פון אַזאַ גרעזל, און װער װײסט, אפשר נישט נאָר אַ גרעזל... און צו מײן גרויסער פרײד האָב איך, מיט אַ שטויס פון מײן שװערן זעלנערישן שוך, אַרויסגעשטויסן פון דער פײכטער ערד אַ קאַרטאָפל, אַ בײכיקע, זאַפטיקע קאַרטאָפל.

איך האָב מיך דערמאָנט אויפן מאָמענט אינעם פסוק, װוּ עס װערט דערצײלט װעגן משה רבנו: „ויפן כה וכה״. איך האָב זיך אומגעקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס, עס זאָל חלילה קײנער נישט באַמערקן מײן געפונענעם אוצר. איך האָב מיך דאַן אַװעקגעזעצט אויף דער ערד און אויף זײער אַ קאָמיש־מיסטעריעזן אופן האָב איך אַרײנגעשאַרט אין מײן קעשענע אַרײן נאָך צװײ קאַרטאָפליעס, פאַרדעקט דעם צעראָיעטן שטיקל פלאַץ, אַזוי אַז ס׳זאָל קײן חשד נישט אַרויסרופן, אַז דאָ געפינען זיך דימענטן און כ׳בין אַװעק צוריק אין מײן האַט נומער 23, פאַרשיכורט פון גליק.

אין אָװנט האָב איך פאַרטרויט מײן ציטערדיקן סוד צו צװײ חברים מײנע און

זאַלבע דריט זענען מיר אַוועק אַהין, ווו עס האָט אויף אונדז געוואַרט דאָס גרויסע, גרויסע גליק, — קאַרטאָפליעס. און ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט מיט פולע, אָנ־געפּאַקטע „זייט־זעקלעך" מיט קאַרטאָפל, זענען חברה אונדז באַפאַלן: — ווו זענט איר געווען? וואָס האָט איר אין די זעקלעך? ווו האָט איר דאָס געקראָגן? אַוועקגע־שלעפּט פון ערגעץ־ווו? און נאָך און נאָך אַזעלכע פראַגן, געמישט מיט פרייד און מיט געהויבענעם עקסטאַז.

איך האָב דאַן, ווי באַפעלנדיק, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געבעטן אַלעמען זיך אויסזעצן, יעדער אויף זיין בעטל און אויסהערן וואָס איך האָב צו מעלדן. און גלייך ווי איך וואָלט דאָ געגאַנגען אויפקלערן אַ וועלט־רעטעניש, האָב איך אין קורצע און פשוטע ווערטער געלאָזט וויסן בזה הלשון — חברה, מאָרגן פאַרנאַכט, נאָך דעם געוויינלעכן אָוונט־מאַלצייט אונדזערן, וועלן מיר דאָ, ביי אונדז אין האָט 23, האָבן אַן עקסטראַ־מאָלצייט, און ביז דאַן מוז און זאָל עס בלייבן אַ מיליטערישער סוד, קיין וואָרט וועגן דעם, שאַ, אל תגידו בגת, נישט אַרויסטראָגן אויפן גאַס אונד־זער סוד, דעם תמצית פון אונדזער שמחה, פּתח ש — שאַ!

מיט דער הילף פון אַ חבר, טאַקע פון אונדזער האָט, קאַרפּאָראַל לאַוראָוו, וועל־כער איז געווען דער ממונה איבער דער באָד, האָבן מיר געקראָגן געבאָרגט צוויי אַלומיניום־קאַנען, ווי כלים צו קאָכן אין זיי זופּ. דורך אים, דורכן קאַרפּאָראַל לאַוו־ראָוו, האָבן מיר אויך באַקומען אַ ביסל זאַלץ און פעפער און, אויף אַן אומלעגאַלן וועג — אויך אַ שיסעלע מיט פעטס. איך האָב געבעטן, — אפשר מער באַפוילן ווי געבעטן, — אַז אויפן צווייטן טאָג זאָל קיינער זיך נישט געפינען אין האָט, אויסער מיר און נאָך צוויי חברים, וואָס וועלן מיר העלפן אין דער אַרבעט, אַז אויסער אונדז דרייען, זאָלן אַלע זיין אויסערן האָט פון פיר נאָכמיטיק ביז זיבן אין אָוונט.

און, דיסציפּלין איז דיסציפּלין. אין באַשטימטן מאָמענט, זיבן אין אָוונט, קיין איין מינוט נישט שפּעטער, זענען אַלע דרייסיק חברים, באַוווינער פונעם האָט נר׳ 23 געזעסן יעדער איינער אויף זיין בעטל, יעדער מיט זיין בלעכענעם קענדעלע אין האַנט, אַלע מיט שיינענדיקע פּנימער פון גליק. מיינע צוויי אַרויסהעלפערס האָבן אונטערגעטראָגן יעדן איינעם אַ קענדעלע זופּ, געשמאַקן, באַטעמטן, וואַרעמען קאַר־טאָפל־זופּ.

איך נעם מיך דאָ נישט אונטער צו באַשרייבן און איבערצוגעבן אין פשוטע ווערטער די געהויבענע שטימונג וואָס האָט געהערשט צווישן די חברים און די עט־לעכע חברים־געסט, וועלכע מיר האָבן, לויט אַ באַשלוס, איינגעלאַדן צו געניסן און הנאה צו האָבן פון דער גרויסאַרטיקער סעודה, געקאָכט אין באָד־קאַנען און פאַר־פראַוועט מיטן געשענקטן זאַלץ און פעפער און אַוועקגעלקחנטן פעטס. נאָר מענטשן, פאַרוואָרפענע ערגעץ אויף אַ וויסטן אינדזל, נאָך פיל טעג פון הונגער, קאָנען האָבן אַ באַגריף פון דער שמחה, וואָס דאָס קאַרטאָפל־זופּ האָט פאַרשאַפט.

אויף צו מאָרגנס האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער אַ פריילעכע, מיסטע־ריעזע ידיעה: אין האָט נומער 23 הונגערט מען נישט מער! איך האָב, באַראַטנדיק זיך מיט אייניקע חברים, דאָן פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן אויפדעקן אונדזער סוד, און זאָלן אַנדערע אויך נאָכטאָן אונדזערביישפּיל און אויך הנאה האָבן, טאַקע פּשוט, — שטילן דעם הונגער.

כדאי אויך צו דערמאָנען דאָ, אַז אין די שפּעטערע טעג האָבן מיר געפונען נאָך אַ פּראָדוקט — קרויט־בלעטער, ד״ה איבערבלייבעכץ פון קרויט־וואָרצלען, פון וועלכע מ׳האָט די קרויט אַרונטערגענומען נאָך פאַר אונדזער אָנקומען אין לאַגער; בלעטער אָבער זענען פאַרבליבן לרוב. און אָט די בלעטער, די אָפּגעשלאָגענע הושענות, שוין אַ היפּש ביסל פאַרגעלטע, האָבן פאַרט נאָך געהאַט אין זיך „שפּייז־וויטאַמינען״ אויף צו דינען פאַר אונדז ווי אַ צוגאָב פאַר אונדזער זופּ־מעניו.

פאַר דער צייט פון אונדזער אויפהאַלט אין קינמעל פּאַרק־לאַגער, זענען אַפילו צו אונדז געקומען פאַרשטייער פון „סאַלוויישאַן־אַרמי״, אָט די גאָטס־משרתים וואָס טאַנצן אין אַ קאַהאַראָד אויף די גאַסן פון די ענגלישע שטעט און שטעטלעך אין רע־ליגיעזן עקסטאַז, זענען געקומען און רחמנותדיק געפּרוווט פאַרגרינגערן און פאַר־בעסערן די באַדינגונגען פון אונדזער צרהדיקער עקסיסטענץ, ווי צום ביישפּיל, מיט באַקן קיכעלעך און פאַרקויפן זיי צו אונדז פאַר זייערע ביליקע פּרייזן, ווי אויך אַנ־דערע לייכטע עסנוואַרגן. אָבער דאָס איז געווען גלייך ווי צוגיסן אַ גלאָז וואַסער אין טייך אַריין. ווייל, ווען מ׳האָט נאָר אויפגעעפנט די טירן פון דער קאַנטינע און פון די קוישן מיט קיכעלעך האָט אַרויסגעשלאָגן אַ פאַרשיכורנדיקער ריח פון די וואַרע־מע מלאכימלעך, וועלכע אָט, אָט און זיי וועלן דערקוויקן דעם אויסגעהונגערטן גוף; ביי דער אויפגעעפנטער טיר זענען שוין געשטאַנען הונדערטער זעלנער און געשלונ־גען דעם ריח מיט דער סלינע צוזאַמען. און זעלטן ווען ס׳האָבן זוכה געווען מער ווי 60־70 פון די ערשטע אין דער ריי צו זיין פון די גליקלעכע, צו קריגן קויפן אַ האַלבן טוץ, אָדער אַ פּאָר מער פון די קיכעלעך; מער האָט נישט געקלעקט. די איבעריקע זענען נעבעך געבליבן שטיין מיטן ביסל וואַרעמען שוים אויף די מורמלענדיקע ליפּן זייערע: — איי, איי, קיכעלעך. צוקוקנדיק ווי יענע, די גליקלעכע, באַלעקן זיך און פאַסמאַקעווען זיך, שלינגענדיק די וואַרעמע קיכעלעך.

ווען מיר האָבן צום סוף פון דער פערטער וואָך פאַרלאָזן דעם קינמעל פּאַרק־לאַגער, האָבן מיר פריי אָפּגעאָטעמט און געהאָפט אויף בעסערע צייטן. מיר זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ מיליטערישן לאַגער אינעם שטעטל סאַלטעש, אייניקע מייל פון דער פּאָרט־שטאָט פּליימוט.

יאָ, שיעור נישט פאַרגעסן צו פאַרצייכענען נאָך אַ קרבן פון דער פאַרוויסטנ־דיקער „שפּאַנקע״־מגפה. צוויי טאָג נאָך אונדזער אָנקומען אין קינמעל פּאַרק, האָט מען אַוועקגענומען אין שפּיטאָל איינעם פון אונדזערע רייען — כאַימסאָן, אַ פּעסט־

געבויטער בחור, צוואַנציק יאָר אַלט, וועלכער איז אָנגעגריפן געוואָרן פון דער „שפּאַנקע״. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר, זעקס לעגיאָנערן, איך צווישן זיי, באַגלייט זיין „טויטן־קאַסטן״ צו דער באַן־סטאַנציע ריל. פון דאָרט האָבן דעם קאַסטן איבערגענומען די חברה־קדישא לייט פון ליווערפּול, אים אַוועקגעפירט קיין ליווערפּול און דאָרט אים געבראַכט צו קבורה. תנצבה.

47. — „גוט־ביי״, ענגלאַנד!

אין סאַלטעש ווי אין קינמעל פּאַרק, ווי אויך אין אַנדערע פלעצער פריִער, האָט אין מיר און אַרום מיר געזונגען אַן אַרומגעטאַנצט אַ קדושה־ניגון און עס האָט געפלעמלט זיך, הייליק און סודותדיק, אַ נר־תמיד מיסטיש פייערל — עס קומט, עס שוועבט, עס דערנענטערט זיך דער שאָטן פון גאולת הנפש. ארץ־ישראל טויכט בולט זיך אַרויס אַלץ אָנזעעוודיקער, אַלץ אַרויסשיינענדיקער און מיט דעם פרילינגט זיך אין מיר די טרייסט און די האָפענונג — די אויסלייזונג, די דערלייזונג וועט מיט דעם אויך זיין באַהאָפטן.

פון ארץ־ישראל קיין אָדעס, פון אָדעס קיין ארץ־ישראל, קייקלען זיך און וויגן זיך די האָפענונגען פון מיין פאָלק, און אין דעם ליגט אויך מיין אויפריכטונג, איינגעוויקלט ווי אין אַ באַנגעדיקן חלום, ווי אין אַ פּאַרטאָגיקן זונען־דורכברוך. עס וועט מיין פרוי און קינד ווי פון אַ ברויזנדיקער כוואַליע צו די ברעגן פונעם געבענטשן לאַנד דערגיין און זיי אין מיינע ציטערדיקע אָרעמס מיט פּאַרכטיקער ליבשאַפט־יראה אַריינפּרעסן. אַ צעבראָכענער מענטשן־נפש וועט ביי די ברעגן פון אויסגעבענקטן לאַנד זיין תיקון געפינען, זיין פאַרוויסטן לעבן אָפּפרישן, פאַרריכטן, דערגאַנצן און צוריק גאַנץ מאַכן.

און ווען בלויז אַ פּאָר טעג פאַר אונדזער פאַרלאָזן דעם קינמעל פּאַרק־לאַגער האָבן די צייטונגען מיט בליציקער פלאַמיקייט די געגאַרטע פרייליכע ידיעה איבער דער גאַנצער וועלט צעטראָגן Germany Capitulated, — דייטשלאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן. דאַן איז שוין קיין שיעור און קיין ווערטער נישט געווען צו אונדזער אַלעמענס פרייד. מיר האָט די ידיעה אין קאָנוולסיעס אַריינגעוואָרפן: — די ענדע פון מיין צעבראָכנקייט איז ענדלעך אויפן שוועל. עס וועט מער נישט מיין צעוויי־טיקט האַרץ זיך באָדן און טרינקען אין אייגענעם קראַנקן בלוט. עס זענען שוין נאָענט די וואָכן, די טעג און איך וועל זוכה זיין צו זען מיין פרוי און קינד, נאָך העכער פון צען יאָר פיינלעכן טרויער און וויסטן נשמה־יאָמער.

אין סאַלעש זענען מיר געוואָרן אמתע סאָלדאַטן, ערנסטע און מיט מער פּאַראַנטוואָרטלעכקייט אַריינגעפירט געוואָרן אין דער מיליטערישער אַטמאָספער. כאָטש צו וואָס דאָס האָט געדאַרפט פירן, צו וואָס דאָס איז נייטיק געווען, — דאָס האָבן מיר

נישט פֿאַרשטאַנען. אויס מלחמה, אויס סאָלדאַטן, — אַזוי האָט אונדז דער שכל־הישר דיקטירט. אָבער אונדזערע אָפֿיצירן, און דער עיקר, אונדזער סאַמער הויפּט, קאָלאָ־נעל מילער, אַ וועטעראַן נאָך פֿון דעם בורן־קריג, האָט אַנדערש געדענקט. סאָלדאַטן זענען סאָלדאַטן, און ער איז אַ מיליטער־מאַן; יאָ מלחמה, נישט מלחמה, — זײַן בליכט איז צו מאַכן פֿון דעם „רויען” מענטשן־מאַטעריאַל גוטע זעלנער, וואָס זאָלן וויסן וואָס זײ זענען און וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿון זײ. ער האָט אויך געוויס געהאַט פֿאַר זײַנע אויגן די וויזיע: ער איז דער קאָמאַנדיר פֿון אַ באַטאַליאָן ייִדישע סאָלדאַטן אין דער אַרמײ פֿון זײַן בריטישער מאַיעסטעט, וועלכע זענען באַשטימט צו זײַן „זעלנער פֿון ייִדישן לעגיאָן”, קעמפֿער פֿאַר „פּאַלעסטײן”, וואָס זײַן מאַיעסטעטס רע־גירונג האָט פֿאַרשפּראָכן דאָרט צו באַשאַפֿן A Jewish Homeland. — אַזוי האָבן דאָס אַ סך פֿון אונדז דעמאָלט פֿאַרשטאַנען.

אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן איז דערשינען פֿאַר אונדז דער סערזשאַנט אונדזערער, אַ גוי, און האָט געמאָלדן: “Order by the Coirnel: Everybody to wear a Mogen Duwich!” און דער גוי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ערנסטקייט און אין אַזאַ באַפֿעלערישן טאָן, אַז עס האָט געשײַנט צו דראָען מיט וועלט־אונטערגאַנג, ווען אָט דער באַפֿעל זאָל חלילה פֿאַרלעצט ווערן.

אין אַ פּאָר טעג נאָך דעם איז פֿאַר אונדז אויפֿגעטראָטן אויפֿן פּאַראַד־פּלאַץ פֿון לאַגער קאָלאָנעל מילער, און אין שנײַדנדיקע און טיף־רירנדיקע ווערטער פֿאַר אונדז געהאַלטן אַ באַלערנדיקע לעקציע וועגן: וואָס מיר זענען, ווער מיר זענען און וואָס אונדז שטייט פֿאַר ווי די פֿאַרקעמפֿער פֿאַר A Jewish Homeland.

”And therefore you Should Know what there is in the front of you ond what it is expected from you when you’ll go to Palestine, indeed, when you’ll be there”.

און אָט איז דאָס אויף אונדזער לשון:

„און דערפֿאַר דאַרפֿט איר וויסן וואָס אײַך דערוואַרט און אויך, וואָס עס פֿאָ־דערט זיך פֿון אײַך, ווען איר וועט זײַן אין פּאַלעסטינע”.

איך און אַ סך אַנדערע חברים, האָבן מיר גוט צעקייט די ווערטער פֿון קאָלאָנעל מילער. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען דעם ערנסטן תמצית פֿון זייער אינהאַלט. אָבער, אויף צו זײַן אויפֿריכטיק, די סאָלדאַטסקע לערע מיט אַלע פּירושים וואָס דער סערזשאַנט און די קאָרפּאָראַלן האָבן אין איר אַרײַנגעבראַכט — דאָס אַלץ איז אונדז נישט גע־קראָכן אין קאָפּ אַרײַן. די אײַנציקע אויפֿמערקזאַמקייט וואָס מיר האָבן יאָ געשענקט אָט דער קנעלונג מיט אונדז פֿון די ב. סי. אָ׳עס איז געווען: צו זײַן געהאָרכזאַם צו דעם באַפֿעל, ווען ער וועט געגעבן ווערן, צו זײַן גרייט אָפּצופֿאָרן קיין פּאַלעסטינע. יעדער אײנער פֿון אונדז, יעדער מיט זײַנע פֿאַרשידענע אויסרעכענונגען, האָט גע־האָפֿט אויף עפּעס, וואָס פּאַלעסטינע דאַרף און וועט פֿאַר אים שאַפֿן.

אונדזער אויפֿהאַלטן זיך אין סאַלטעש איז אויך נישט געווען זייער צופֿרידנ־

שטעלנדיק. די שפּייז, כּמעט אין אַ גרעסערן קוואַנטום ווי אין קינמעל פּאַרק, אָבער ניִשט פון זייער אַ געהויבענער קוואַליטעט און פון פּאַרשידנאַרטיקייט — אַוודאי ניִשט. און צוקויפן שפּייז אין די קראָמען, ווי אַ צוגאָב צו אונדזער טעגלעכן מעניו, איז ניִשט געווען ווו. פּשוט — די שפּייז־קראָמען זענען געווען ליידיק. געהונגערט האָבן מיר טאַקע ניִשט, אָבער מיר האָבן געליטן פון דער מינדערוויכטיקער שפּייז־באַזאָרגונג.

זייער אָפט זענען מיר, — איך צוזאַמען מיט אַנדערע, — געגאַנגען צופוס אין אַזונט קיין פּליימוט, כּדי דאָרט צו דערשטוקעווען אַ מאָלצייט און אויך צו פאַרברענגען אין אַ קינאָ, אָדער אין אַ געוויינלעכער טעאַטער־פאַרשטעלונג, און דאַן, נאָך דער פאָרשטעלונג צוריקגיין אין לאַגער, ווידער צופוס.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין סאַלטעש, האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַ גרויסע צאָל לעגיאָנערן פון די פריִער אַריבערגעקומענע טראַנספּאָרטן. נאָך אַ געוויסער צייט ווײַלן אין סאַלטעש און אויך טיילוויז אין דער דערבייאיקער פעסטונג פּאַרט טריגאַנפלע, זענען מיר אין אַ פּרימאַרגן פאַראָרדנט געוואָרן צו זיין גרייט צום אָפּפאָרן; און אין דעם זעלבן טאָג זענען מיר מיט דער באַן אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין ליווערפּול, ווו מיר האָבן באַשטיגן אַ שיף וואָס האָט אונדז אַוועקגעפירט קיין פּאָרט־סעיד.

אונדזער איצטיקע רייזע, כּמעט די גאַנצע צייט ניִשט ווייט פון די ברעגן פון פראַנקרייך, פּאָרטוגאַל, שפּאַניע און ווידער פראַנקרייך און דאַן איטאַליע; די איצטיקע רייזע אונדזערע איז געווען אַ פאַרגעניגונגספולע, כּמעט ווי אַ לוסט־רייזע אין פאַרגלייך מיט דער רייזע פון קוויבעק קיין ענגלאַנד: אַרום צוועלף הונדערט מאַן זענען מיר געווען אויפן שיף, אַ חוץ דער מאַנשאַפט. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרטראַגן און פאַרוויילונגען: מיר האָבן אַפילו אַרויסגעגעבן אַ „צייטונג", אַ ביולעטין, געדרוקט אויף אַ „דזשייקערץ"־מאַשינקע; מיטאַרבעטער אין דער צייטונג זענען נאָך צופיל געווען. דער דיכטער ז. וויינפּער, וועלכער איז געווען צווישן די לעגיאָנערן, האָט אויך זיין צושטייער געגעבן. ביז איצט געפינט זיך נאָך אין מיין באַזיץ אַ זייטל פון אָט דעם ביולעטין. (אַ צווייט זייטל האָב איך געגעבן ווי אַ מתּנה דעם פּרעזידענט יצחק בן־צבי ז"ל, ווען ער איז מיט איניקע יאָר צוריק געווען דאָ ביי אונדז אין כּפר גלעדי מיט אַ באַזוך).

48. — קאַנטאַראַ, אויפן סועץ קאַנאַל. — אין מדבר אויף שמירה. — אונטער אַרעסט.

געווען איז עס דעם 14טן יאַנואַר 1919, ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער, אין קאַנטאַראַ: אויף אַ ריזיקן שטח זאַמדיקן באָדן איז געלעגן צעשפּרייט די וויכטיקסטע מיליטערישע באַזע פון אַלע ענגלישע חילות, וואָס האָבן געקעמפט און דע־

ראָבערט די טערקישע פּאָסעסיעס אין אַזיע, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן סועץ־קאַנאַל און דעם רויטן ים, ווי דאָס האַלב־אינדזל סיני, סעודיה, תימן, פּאַלעסטינע, מעסאָפּאָטאַמיע און אַלע אַנדערע פּאָסעסיעס אויפן ברעג פון פּערסישן ים־אויסגוס, וועלכע זענען נאָמינאַל געווען אונטער דער טערקישער הערשאַפט.

קיין קאַנטאַראַ האָט אונדז די באַן געבראַכט פון פּאָרט־סעיד און מען האָט אונדז איינגעקוואַרטירט אין אַ טייל פון די טויזנערביידלעך, אונדז געגעבן די מעגלעכקייט זיך אויסצורוען נאָך דער לאַנגער ים־רייזע.

פיר טעג זענען מיר פאַרבליבן אין קאַנטאַראַ, ווו מיר האָבן זייער גוט פאַר־בראַכט די צייט, זיך אַ ביסל אונטערגעפּאַשעט מיט פרישע, בעסערע און געשמאַקע־רע שפּייזן, סיי פון דער אַלגעמיינער קיך, ווי אויך אין די מיליטערישע קאַנטינעס, ווו אַלץ איז געווען בשפע און נישט זייער טייער. מיר האָבן זיך אויך אָפּגעפרישט, באָדנדיק זיך אין די וואַסערן פון סועץ־קאַנאַל. אין אָוונט, אויפן פערטן טאָג, האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין לאַסט־וואַגאָנען און די באַן האָט אונדז אָפּגעפירט קיין ראַפאַ (רפיח), ווו עס האָט זיך געפונען די הויפּט־קוואַרטיר פון אונדזער באַטאַליאָן, דער 38 באַטאַליאָן ראָיאַל פוזיליערס. אַ טייל פון אונדזער באַטאַליאָן האָט מען אַריבערגעפירט קיין סאַראָפאַנד, אין דעם 39סטן באַטאַליאָן ראָיאַל פוזיליערס. אין ראַפאַ איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, אַ באַגייסטערטע אויפרעגונג, ווען מען האָט זיך באַגעגנט: פריערדיקע, „אַלטע" לעגיאָנערן, מיט די ניי־אָנגעקומענע.

איך האָב מיך באַלד געגומען אַרומקוקן, נאָכפרעגן און אויסגעפינען וועגן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן לעבן אין לאַגער, די אומגעבונג, די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן זיך אַריבערצוכאַפּן אין צענטער פון לאַנד: מיר האָט גלייך ביים אָנקומען אין ראַפאַ, שוין אַט הינטערן הימל פון ארץ־ישראל, אַרומגענומען אַ נאָגנ־דיקע בענקשאַפט צו מיינע צוויי שוועסטער: חיה־שרה אין יפו, און פערל, וועלכע האָט זיך געפונען צווישן די אַרויסגעטריבענע פון ארץ־ישראל אין אַלעקסאַנדריע, אין מצרים. איך האָב מיינע בײדע שוועסטער נישט געזען זינט 1910; און אויך צו באַקומען אורלויב אויף צו פאָרן זען זיך מיט זיי — אויף דעם האָט זיך געוויזן זייער ווייניק מעגלעכקייטן. און, צו מיין שלימזל, בין איך געשיקט געוואָרן, צו־זאַמען מיט אַנדערע פון די ניי־געקומענע אויף אַ פּאָסטן, ווייט, טיף אין דעם מדבר אַריין, ווו מיר זענען געשטעלט געוואָרן צו היטן די וואַסער־רערן און אַנדערע אייגנ־טומס פון דער באַן־ליניע.

צוואַנציק מאַן אין צאָל זענען מיר אויף דעם וואַך־פּאָסטן געווען: צען פון די פון אַמעריקע געקומענע לעגיאָנערן, און צען פון די ענגליש־ייִדישע זעלנער: און דאָ מוז איך מיך אָפּשטעלן און געבן אַ קורצע דערקלערונג און איבערבליק איבער דעם באַגריף „אַמעריקאַנער און ענגלישע לעגיאָנערן". מיר, די פון אַמעריקע אָנגע־קומענע, האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין ייִדישן לעגיאָן אונטער דער בריטי־

שער פאַן, און לויטן אויסגעשפּראָכענעם פאַרבינדונגס־אָפּמאַך — געשיקט צו ווערן אויפן פּאַלעסטינער פראָנט. און זיי, די ענגלישע יידישע בחורים, זיי זענען געווען „געדרעפּטעטע״, ד״ה געצוויט געווען צו גיין דינען אין ענגלישן מיליטער און דאָרט, אין ענגלאַנד, האָט מען זיי דורך אָנפראַגן און אַ דערלויבעניש געגומען אין יידישן לעגיאָן, אָנשטאָט זיי צו שיקן קעמפן אויפן אייראָפּעישן פראָנט. און דאָ, אין ארץ־ישראל, האָבן זיי —די ענגלישע לעגיאָנערן — זיך אָנגעהויבן גרויסהאַלטן קעגן די אַמעריקאַנער; זיי — ענגלישע בירגער, און מיר — צוגעטשעפּעטע, נאָכבאַמבלענדיקע באַשעפענישן. און נאָך אַ פּונקט האָט זיי באַוויגן צו טראָגן אַ שנאה קעגן אונדז: זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיר, וואָלונטירן, זענען אַ שטערונג צו זייער באַפרייונג פונעם מיליטער־דינסט, נאָך דעם ווי די מלחמה האָט זיך שוין פאַרענדיקט. „ווען נישט מיר, — אַזוי האָבן זיי געטענהט, — וואָס מיר ווילן נאָך פאַרבלייבן אין לעגיאָן ביז אַ צאָל פראַגן, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע וועלן זיך אויסקריסטאַליזירן, וואָלט מען זיי, די ענגלישע בירגער, שוין איצט באַפרייט און זיי צוריקגעקערט צו זייערע היימען אין ענגלאַנד״. און אויף דעם אַלעם געזאָגטן און אויפן סמך פון דעם, האָט זיך אַנטוויקלט און געטליעט אַ גאָר טיפע שנאה צו אונדז ביי די ענגלישע בחורים. זייער אָפט איז געקומען צו פויסטן־געשלעגן צווישן די צוויי פיינטלעכע גרופּעס, ענגלישע און אַמעריקאַנער לעגיאָנערן.

אָנקומענדיק אויף אונדזער וואַך־פּאָסטן אין סידי־באַראַני, ביי אַן אַכצן קילאָמעטער פון קאַנטאַראַ, האָבן מיר זיך געגומען מאַכן באַקוועם אין די ביידלעך, אונטער די באַדינגונגען וואָס דער מדבר האָט דערלויבט אויסצונוצן. עס האָט גלייך ביים אָנהייב זיך פאַרמירט דער קוואָר־שניט — אַמעריקאַנער באַזונדער און ענגלענדער באַזונדער. דער הויפּט אונדזערער און זיינע צוויי געהילפן, — אַלע דריי ענגלישע בחורים, — קאַרפּאָראַל יונגערמאַן, אונדזער עלטסטער, אַ שטיל, רויק מענטשל, נישט זייער קיין איבערגעשפּיצטער, אָבער אַן אַמביציעזער. זיינע צוויי געהילפן, אייך בענדלדיקע קאַרפּאָראַלן, זייער פּראָסטע, אומגעבילדעטע נפשות. אַלע דריי: שטייפע, אָנגעצויגענע, ווי זיי וואָלטן געווען גענעראַלן:

אין אונדזער טאָג־טעגלעכער באַשפּייזונג, אין פּשוטן פיזישן זיך, האָבן מיר געליטן אויף פאַרשידענע אופנים: די שפּייז־פּראָדוקטן וואָס מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט פאַר אונדז פונעם הויפּט שפּייז־אַרסענאַל אין קאַנטאַראַ, פלעגן זעלטן אָנקומען צו אונדז אין צייט, און אויך זייער אָפט זענען די פּראָדוקטן געווען נישט פון אַ גאָר הויכער קוואַליטעט. און אין דער פאַכמענישקייט פון אונדזער קוכער האָט אויך אַ שטיק פון אונדזער צרה געשטעקט; פּשוט, עס איז אים געווען פרעמד דער פאַך, און אונדזערע „בעלי־בתישקייט״ פּראָבלעמען זענען זייער און זייער באַשוועדט געוואָרן. איך האָב נאָכגעטראַכט ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די געשאַפענע לאַגע, און... איך האָב איבערגענומען דאָס אָנפירן מיט דער קיך און דעם קוכער האָב איך געגומען פאַר

מיין געהילף. איך האָב אויך איינגעאָרדנט אַזוי, אַז איין מאָל, אָדער צוויי מאָל אין וואָך זאָל איינער פון אונדז פאָרן קיין קאַנטאַראַ און דאָרט איינקויפן אין מיליטערישן קאַנטין, פאַר אונדזער אייגענעם געלט, אייניקע שפּייז־אַרטיקלען, כדי מיט זיי צו־רידנצושטעלן אונדזער טעגלעכן מעניו. און אַלץ איז אַוועק גוט, אויף אַ צופרידנ־שטעלנדיקן וועג. די מאָלצייטן אונדזערע — גוטע, געשמאַקע און חברה האָט אָנגע־הויבן הנאה האָבן פונעם לעבן.

איך פלעג נאָך דער אַרבעט פיל אַרומוואַנדערן, מיילן ווייט אַרום אונדזער פּאָסטן, באַטראַכטן און זען ווי דער מדבר זעט אויס, אָפט מאָל גאַנץ אַליין און אַמאָל צוזאַ־מען מיט אַנדערע חברים, אויך נייגעריקע. אין אונדזערע וואַנדערונגען האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך „בונקערס", אַ זכר לחורבן פון די מלחמה־יאָרן, פון די טער־קיש־דייטשע אַרמייען. אין די בונקערס איז געווען צו געפינען פיל גוטע בוי־האָלץ־מאַטעריאַל, וואָס וואָלט אין שטאָט געהאַט אַ גרויסן ווערט, דאָ, אָבער, ליגט עס אָן צו ברענגען וועלכע ס'איז נוצן.

זייער מאָנאָטאָן האָט זיך געצויגן די צייט, פּוסט, אָן קאָליר, אָן אינטערעס, אין שאָטן געהילט, אָן לעבן, מדברדיק.

און מיין טרויעריק פאַריאָמערט געמיט האָט געפּייניקט: צוויי שוועסטער, אייגן בלוט און פליייש, בלוטיק נאָענטע און נישט מער ווי עטלעכע הונדערט קילאָמעטער טיילן אונדז פונאַנדער, און דאָך... עס פאַרלויפן טאָג און וואָכן און עס זעט זיך נישט, עס דערנענטערט זיך נישט די מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך, צו זען זיי, די גוטע טייערע שוועסטער מיינע, היה־שרה און פּערל.

און מיט אַ מאָל: אַ פריילעכע ידיעה. פון דער הויפּט־קוואַרטיר פונעם באַטאַ־ליאָן אונדזערן איז געקומען אַ פאַראָרדענונג צו דערלויבן צוויי פון אונדזערע חברים צו פאָרן אויף אורלויב אין די נאָענטע טעג. און ווייל אַלע פון אונדזער גרופּע האָבן איינגעשטימט, אַז איך דאַרף זיין צווישן די ערשטע צו פאָרן אויף אורלויב, וויסנדיק וועגן מיין בענקשאַפט צו מיינע שוועסטער, האָבן זיי דערלויבט, ווען די פאַראָרדע־נונג איז דערהאַלטן געוואָרן, ביז איינער זיך אַרויסגעזאָגט, אַז איך דאַרף און זאָל זיין איינער פון די ערשטע צוויי צו פאָרן אויף אורלויב.

אין „מיין" קיך זענען די קאַרפּאַראַלן און איבערהויפּט דער עלטסטער אונדזע־רער, קאַרפּאַראַל יונגערמאַן, געוואָרן אָפטע געסט. אויך אַנדערע חברים לעגיאָנערן האָבן ליב געהאַט צו קומען אַ שמעק טאָן: — וואָס הערט זיך אין קיך? ווי גייט עס אין דער אַרבעט, און צי נייטיק איך מיך נישט אין הילף, אפשר אַ פּאָר שעה אַרבעט? מיין צוגרייטן דאָס שפּייז האָט זיי אַלעמען געלאָקט, און... מען איז געקומען אַ לעק, עפּעס אַ נאַש טאָן. — „איי, ווי געשמאַק. איי, ווי באַטעמט!" איך בין געוואָרן אַן איש חשוב, אַ פּאַרנעם, אַ פּערזענלעכקייט. און כ'האָב געטאָן מיין אַרבעט מיט איבערגע־געבנקייט. איך בין געווען זייער צופרידן וואָס חברה האָבן הנאה; מיינע צוגעגרייטע

שפּיזן פֿאַרשאַפֿן אין אַ געוויסער מאָס אַ פֿאַרגיטיקונג פֿאַר דעם מדברדיקן חושך. איך בין געווען שטאָלץ, וואָס מיר געלינגט צו פֿאַרזיסן די שעהן און טעג פֿון מיינע חברים אין דער גלי‏ענדיקער היץ פֿון דעם בייזן מדבר.

אָבער דאָ איז דורכן שיקזאַל אַ בראָך אַריינגעטראָטן אין אונדזער מער־וויניקער רויקן לעבן און צעשטערט די האַרמאָניע; אַ „שוואַרצע קאַץ" איז דורכגעלאָפֿן און געלאָזן נאָך זיך טרויעריקע שפּורן.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען די באַן איז נאָכמיטיק פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַזע אונדזער פּאָסטן, האָב איך, נישט האָבנדיק געווגג צייט צו זען דעם קאַרפּאָראַל יונגערמאַן און פֿרעגן ביי אים וועגן אַ דערלויבעניש, האָב איך מיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף דער שוין גייענדיקער באַן און געפֿאָרן קיין קאַנטאַראַ איינקויפֿן מאַנכע פּראָדוקטן. און ווען איך האָב צוריקוועגס באַגעגנט דעם קאַרפּאָראַל יונגערמאַן, האָט ער, מיט שאַרפֿע און צאַרנדיקע ווערטער מיר געפֿרעגט, פֿאַרוואָס איך בין געפֿאָרן קיין קאַנטאַראַ, נישט צו פֿרעגן ביי אים קיין דערלויבעניש. איך האָב מיך געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן, אָנגעבנדיק די פּרי‏ער דערמאָנטע סיבה דערצו, אָבער עס האָט נישט געהאָלפֿן — וחתמתו בערה בו — קאַרפּאָראַל יונגערמאַן איז געווען שטרענג, בייז, אויפֿגעבראַכט און האָט געברענט פֿון צאָרן.

אויפֿן צווייטן טאָג, באַלד אין דער פֿרי, האָט מען אַרויסגעהאַנגען אַ מודעה: עס פֿאָרן אויף אורלויב, אויף אַכט טעג, פּרייוועט עקיס און פּרייוועט זעט. מיין נאָמען איז נישט געווען דערמאָנט. איך בין געוואָרן שרעקלעך צעקאָכט, צעמישט, צעוויי־טיקט. די האַנדלונג פֿון קאַרפּאָראַל יונגערמאַן האָט מיר געמאַכט ווילד. אַ פּאָר חברים האָבן אַפֿילו, אָן מיין וויסן, געפּרוווט אונטערהאַנדלען מיט דעם בייזן אָדון און אויך, איינער פֿון די צוויי, פּרייוועט עקיס, איז גרייט איבערצוגעבן מיר די זכיה. אָבער קאַרפּאָראַל יונגערמאַן איז געבליבן האַרט און איינגעשפּאַרט און ער האָט נישט גע־וואָלט נאָכגעבן.

און ווען איך בין אין אָוונט אַריינגעגאַנגען צום קאַרפּאָראַל יונגערמאַן אין ביידל און כ'האָב אים געבעטן בייטן זיין באַשלוס און מיר דערלויבן פֿאָרן אויף אורלויב, דערקלערנדיק דערביי מיינע מאָטיוון, וואָס זענען דאָך אים סיי־ווי־סיי געווען גוט באַקאַנט, האָט ער מיר גראָב און פֿיינדלעך אָנטזאָגט און באַפֿוילן מיר אַרויסצוגיין פֿון ביידל. און... מיין אָנגעווייטיקט געדולד האָט געפּלאַצט, עס האָט אין מיר אַ וויס־טער שטורעם אויפֿגעברויזט און געבראַכט מיין אויפֿגעקאָכטן כעס ביז צום זודיקסטן פּונקט. איך האָב שוין דאַן אין גאַנצן פֿאַרלוירן דעם לאָגישן קאָנטראָל איבער זיך, און איך האָב דעם קאַרפּאָראַל יונגערמאַן גוט געממיתט, אַזוי אַז נאָר זיינע צוויי געהילפֿן איז מיט גרויס מי געלונגען אים פֿון מיינע קלאַמערנדיקע הענט אַרויסצו־באַקומען.

דער קאַרפּאָראַל יונגערמאַן, אַ צעהרגעטער, איז דאַן אַנטלאָפֿן אויף זיך פֿאַר־

שטעקט אין דער באַן־סטאַנציע. ער האָט דאָרט דערציילט פאַר די באַן־באַאַמטע וועגן דאָס געשעענע און האָט געבעטן זיי זאָלן טעלעפאָנירן אין הויפּט־קוואַרטיר פון באַטאַליאָן.

איך בין אַוועק צו זיך איןביידל, אָבער איך האָב שוין די גאַנצע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן. אין לאַגער איז געוואָרן אַן אויפריר, אַ צערודערונג. די ענגלישע חברה האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן; זיי האָבן מורא געהאַט, מייענדיק אַז מיר, די אַמעריקאַנער, האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן זיי און אַז זייער לעבן איז אין געפאַר. טאַקע אין דעם גייסט האָט דער קאַרפּאָראַל יונגערמאַן געבעטן טעלעפאָנירן אין דער הויפּט־קוואַרטיר.

אויפן צווייטן טאָג, זיבן אַ זייגער אין דער פרי, זענען מיט דער באַן אָנגעקומען פיר שטאַרק־באַוואָפנטע סאָלדאַטן פון דעם „צע״־לאַגער פון אל־עריש און זיי האָבן מיר אַוועקגענומען קיין אל־עריש. און דאָרט, ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָט מען מיך פאָרגעשטעלט דעם דעם קאָמאַנדיר פון דעם „צע״־לאַגער, קאַפּיטאַן דזשאָפּע, וועלכער האָט מיר שאַרף אויסגערעדט פאַר מיין אומגעזעצלעכן און נישט־מענטשלעכן אַקט. ער האָט זיך אָנטזאָגט מיך צו משפטן, צוגעבנדיק, אַז פאַר אַזאַ ערנסטן פאַרברעכן האָט די פולע רעכט צו משפטן נאָר דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן. און מען האָט מיר ווידער אַ מאָל, אונטער באַוואָפנטער וואַך, אַוועקגעפירט קיין ראַפאַ (רפיח), אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם 38סטן באַטאַליאָן און דאָרט האָט מיך איבערגענומען דער סערזשאַנט־מיידזשאָר פונעם באַטאַליאָן, כרמל. ער האָט געפּײ־ניעט פאַר כעס און מיט „איידעלע״, עכט ענגלישע זידל־ווערטער, האָט ער מיר אויס־געמוסרט און געשריגן: — „מיר וועלן דיר ווייזן ווי אַזוי צו פּאַטשן אַ קאַרפּאָראַל־אין קלינק אַריין נעמט אים אַוועק, דעם באַנדיט, דעם... גאָר שלאָגן אַ קאַרפּאָראַל!״.

אין באַטאַליאָן האָבן זיך צעטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען: „מען האָט געבראַכט אייזיק הורוויצן געשמידט אין קייטן פאַר שלאָגן אַ קאַרפּאָראַל״, „אַלע איבעריקע אַמעריקאַנער לעגיאָנערן פון יענעם פּאָסטן האָט מען אויך געבראַכט אונטער אַ שטאַרק־באַוואָפנטער וואַך״, און אויך, אַז „זיי ווערן אַלע באַשולדיקט אין בונט, אין מיליטערישן אויפשטאַנד קעגן זייער עלטסטן״. און נאָך ענלעכע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן. עס איז אויף גיך צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמ־לונג פון אַ צאָל אָנגעזעענע לעגיאָנערן און מען האָט באַהאַנדלט וואָס צו טאָן. מען איז אויך אַוועק צום סערזשאַנט־מיידזשאָר כרמל און פאַר אים באַלויכטן, פון אַ סך שטאַנדפּונקטן, די טרויעריקע פּאַסירונג.

אויף צו מאָרגנס, אַרום ניין אַזייגער אין דער פרי, ווען מען האָט מיך אַרויסגענומען פון קלינק (תפיסה־ביידל) און מען האָט מיך געבראַכט צום הויפּט־געצעלט פונעם באַטאַליאָן, ווו דער קאָלאָנעל פּעטערסאָן האָט מיר געזאָלט משפטן, איז צו מיר צוגעקומען דער סערזשאַנט־מיידזשאָר כרמל און האָט מיר אַריינגעשעפּטשעט

אין אויער אַרײַן: "Plead innocence before the Coirnell" און דאָס האָט געמיינט: מאַך זיך תמעוואַטע, זאָג אַז דו געדענקסט נישט וואָס ס'איז געשען, אַז דו האָסט זיך פאַרלוירן.

ווען מ'האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַרן קאָלאָנעל פעטערסאָן, האָט ער מיר פאַר־געלייענט אַ נאָטאַציע אין זייער אַ שטרענגן טאָן: דו ווערסט באַשולדיקט אין שלאָגן

איך, אין „גדוד העברי", ייִדישער לעגיאָן. — רמלה, 1919.

דיין עלצטן, און דאָס איז זייער אַ שווער פאַרברעכן, דאָ On active service
אין אַקטועלן מיליטער־דינסט, אַאַז״וו. האַרבע ווערטער, שאַרפע אויסדרוקן. —
„נו, וואָס האָסטו צו זאָגן אויף דעם?״ און איך האָב געזאָגט דאָס וואָס כרמל האָט מיר
אין אויער אַריינגעשושקעט: — „אדוני פריץ, איך געדענק נישט וואָס עס איז געשען״
אאַז״וו. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז דער קאַרפּאָראַל יונגערמאַן איז, פאַרשטייט זיך,
געווען אַנוועזנד. און צו מיין גרויס דערשטוינונג האָט ער אָפּגעגעבן זיין עדות־זאָגן
אין זייער אַ פריינטלעכן טאָן, כמעט אין גאַנצן לטובת מיר, עפּעס ווי ער וואָלט זיך
צוזאַמענגערעדט און זיך פאַרשטענדיקט מיטן סערזשאַנט־מיידזשאָר כרמל.

דער קאָלאָנעל פּעטערסאָן, אויסהערנדיק אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט
דעם ענין און אויך אויסהערנדיק אַ באַריכט וועגן מיין אַלגעמיינער אויפפירונג אין
דער אַרמיי, האָט זיך דאַן געווענדט צו מיר און אין מעסיקע, געמאָסטענע ווערטער
האָט ער געזאָגט: — „דו ביסט באַגאַנגען אַ זייער שווערן פאַרברעכן קעגן דער מי־
ליטערישער דיסציפּלין פון זיין מאַיעסטעטס אַרמיי־קאָמענדאַטור. איך האָב דאָס
רעכט אַריינצוזעצן דיר אויף צוועלף חדשים אין מיליטערישן קאַרצער. אָבער די
אומשטענדן ריידן לטובת דיר: 1) דער קאַרפּאָראַל יונגערמאַן, דעם וועלכן דו האָסט
אַזוי שענדלעך באַעוולט, רעדט דווקא צו גונסטן דיר; 2) דיין דינסט־ביכל רעקאָרד
ווייזט, אַז דו האָסט זיך גוט אויפגעפירט די גאַנצע צייט פון דיין דינען אין זיין מאַ־
יעסטעטס אַרמיי. אָט די צוויי סיבות דיקטירן מיר אַרויסצוטראָגן אַ לייכטן אורטייל
קעגן דיר. — פּרייוועט הורוויץ, דו ווערסט פאַרמשפּט צו ווערן פאַרשפּאַרט אין
אַרעסט־הויז פערצן טעג און צו פאַרלירן דיין געהאַלט צו וועלכן דו ביסט באַרעכ־
טיקט ווי אַ זעלנער פון זיין מאַיעסטעטס קעמפנדיקע כוחות פאַר די זעלבע פערצן
טעג. נעמט אַוועק דעם פאַרמשפּטן.

49. — אין קאַרצער

אין די פערצן טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין קלינק, האָט זיך מיר פאַר־
העלטנישמעסיק געלעבט בעסער ווי ווען נישט איז אויף דער פריי, אויסער, אפשר
דאָס וואָס איך האָב מיך נישט געקענט באַוועגן פריי. יעדן טאָג האָט מען מיר, מיט
נאָך אַ פּאָר אַנדערע חברים — שותפים אין דער צרה — אַרויסגענומען אויף אַרבעט,
אונטער אַ וואַך. עס איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן און ריין מאַכן דעם „עס־צי־
מער״ און „פאַרווייל ונגס־צימער״ פון די סאַרזשענטן פון באַטאַליאָן. און ווייל אָט די
הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן פלעגן מערסטנס אין די נאַכט־שעהן פאַרברענגען
אין קאָרטן־שפּיל, איז דורך דעם אויף מיין גוטן גורל אויסגעפאַלן צו געפינען מטב־
עות אין זאַמד אונטער די טישן, דאָס איז געווען דער „אָפּפאַל״ פונעם קאָרטן־שפּיל.
איך האָב אויך זייער אָפט געקענט געניסן פון אַ שטיקל, אָדער אַ ביסל איבער־
בלייבעכץ פון אַ מאָלצייט, אָדער אַ שטיקל זייף און אַנדערע „ווערטפולע״ זאַכן, וואָס

זענען פאַר מיר, דעם אַרעסטאַנט, געווען פון גרויסן און וויכטיקן באַדייט, ווייל אין קלינק האָבן זיי פשוט אויסגעפעלט, — און זייער אָפּט, — אַזעלכע טייערע קעגנ־שטאַנדן.

די אויפזעער פון קלינק האָט אונדז, אַרעסטירטע, באַטראַכט ווי פאַרברעכער, וועלכע מען דאַרף באַהאַנדלען גראָב, ציניש און אומווירדיק. און די צוויי וואָכן מייַנע אין קלינק האָבן מיר געגעבן אַ געניטעם, גוטן באַגריף וועגן דעם טיפּ ענגלישן אויפזעער אין אַ מיליטערישן אַרעסט־הויז.

קיין שום באַזוכער האָט מען אין קלינק נישט אַריינגעלאָזן. אין פאַרלויף פון מיין קלינק־פעריאָד האָב איך אָנגעשריבן מערערע בריוו צו פריינט, צו אייגענע, ווי אויך צוויי „בריוו פון אַ לעגיאָנער", וועלכע איך האָב געשיקט אין דער רעדאַקציע פון טשיקאַגער „פאָרווערטס".

נאָך מיין באַפרייט ווערן, האָט מען מיר צוגעטיילט אַ פּלאַץ אין אַביידל צוזאַמען מיט אייניקע פון די אַמעריקאַנער חברים, און מיין מיינונג איז געווען דאַן, אַז די ערשטע וואָכן האָט מען „געהאַלטן אויף מיר אַן אויג".

די צייט האָט געפלאָסן מיט איר געוויינלעכער רוטין: אין לערנען הלכות מיליטער — לעפט־רייט, לעפט־רייט, אַרבעטן פון צייט צו צייט אין פאַרשידענע פלעצער און אין די אָוונטן פאַרברענגען אין קאַנטין. מיר האָבן, לויט די לאַגער־רעגולאַמינען, זיך געדאַרפט האַלטן ריין קערפּערלעך, כאָטש וואַסער האָט אויסגעפעלט אַפילו דאָס פּנים רעכט אַרומצווואַשן, שוין אָפּגערעדט פון אויסוואַשן אַ העמד, אונטערוועש, אָדער אַ נאָזטיכל. און דער דערבייאיקער מדבר פון זאַמד האָט אַריינגעדרונגען אין די אויגן, אין די נאָזלעכער און אין דעם אָרעמען ביסל וואַרעמס, וואָס מיר האָבן פון די נישט גאָר ריינע קיכן באַקומען. אַלץ האָט מיטגעבראַכט, געווירקט צו דערדריקן, צו קילן אונדזער וואַרעמען טעמפּעראַמענט. די שרפהדיקע זון, די מאָנאָטאָנקייט פון דער מיליטער־דינסט מאַשין, די איזאָלירטקייט און ועל כולם — מיר האָט געערגערט, געוויטיקט דאָס געפיל פון מיין נאָענט־ווייטקייט, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון מיינע צוויי שוועסטער. מיין האָפענונג זיי צו זען, מיין לעכצנדיקער ווילן צו שטאָטישער רוישנדיקער ספערע פון יידישן לעבן און פון דאָרט, אפשר קומען אויפן שפור פון אַ שאָטן, פון אַ ידיעה וועגן מיין פרוי און קינד. אָט די אַלע פאַזן פון לעבנס־גאַנג האָבן מיין מוח געברענט און מיינע חושים מיט הייסן אַש באַדעקט.

אָט, איך זיץ דאָ, פאַרוואָרפן און פאַרשטעקט אין דער טיפער, ווייטער, טויטער שטילקייט און איך צאַנק, איך גיי אויס און איך טרינק זיך אין דער מוטנער געדיכטעניש פון מיין נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך דעם וואַרעמען וואָרט פון אַ שוועסטער, נאָך דעם ווייכן, לאַשטשנדיקן בליק פון מיין קינד, פון מיין פרוי. עס זינקט אַ

בענטש אומברחמנותדיק אין זיין אייגענער פאַרלוירנקייט. און געקומען איז אַ טייל פון דער דערלייכטערונג כמעט ווי אומגעריכט.

אין די ערשטע וואָכן נאָך מיין באַפרייונג, האָב איך נישט געוואָגט צו גיין בעטן אַ דערלויבעניש אויף אורלויב; איך האָב ווי מורא געהאַט פאַר די בייזע בליקן פון מיין עלטסטן. איך, אַ קאַרפּאַראַל־פּאַטשער, אַ קלינק־פויגל, האָב גאָר די העזה צו קומען בעטן אורלויב. אָבער אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז צו מיר געקומען אַ שליח, איך זאָל זיך מעלדן אין דער ביוראָ פון מיין קאָמפּאַני, לאַגער „צע״. און ווען איך בין אַהין אַריין, באַגלייט פון אַ הכנעהדיקן יראת־הכבוד ציטערניש, האָט מיר דער סערזשאַנט־מיידזשאָר געלאָזט וויסן, אין געהאַקטע, שטרענג־מיליטערישע, אָפיציעלע זאַצן:

— פּרייוועט הורוויץ, דיר איז באַוויליקט געוואָרן צו פאָרן אויף אורלויב אויף זאַכט טעג. אַט האָסטו דיין פּערי (געהאַלט) און אַ באַן־בילעט.

איך מוז מיך מודה זיין, אַז ווען כ׳וואָלט נישט געווען געהאַט אַזאַ מאָדנעם ווי־דערווילן צו סערזשאַנטן און קאַרפּאַראַלן, וואָלט איך אין יענעם מאָמענט געווען אַרומגעכאַפּט דעם סערזשאַנט־מיידזשאָר און אים געקושט. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב קיין צייט נישט פאַרלוירן און אין דעם זעלבן אָוונט האָב איך מיך שוין געפונען, צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלעגן, איינגענורעט אין מיין מיליטערישן מאַנטל, מיטן ביקס ביי דער זייט, אין אַ געדיכט אָנגעפּאַקטן לאַסט־וואַגאָן פון דער באַן־ליניע קאַנטאַראַ־לוד, אויף מיין וועג קיין תל־אביב.

50. — ווידער אַ מאָל אין ארץ־ישראל

די צווײ שטראָמען הייסע טרערן פון אונדזערע פאַרלאָפענע אויגן, מיין שוועס־טער חיה־שרהס און מיינע, זענען אין שטאַנד געווען אַרונטערצושווענקען פון זייערע פּיס אַ גאַנצן טוץ קאַרפּאַראַלן, ווען זיי וואָלטן דערביי געווען און צוגעזען אונדזער באַגעגעניש. מיין טייערע, מיין ליבע, מיין גוטע שוועסטער חיה־שרה, געהייליקט זאָל זיין איר אָנדענק און געבענטשט. מיט זודיקע טרערן, אין גאַנצן פיבערנדיק, האָב איך מיין שוועסטער אַרומגענומען, געהאַלדזט און איר געקושט, און כ׳האָב אין די מאָמענטן געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס דריק איך צו צו מיין האַרץ אַלע און יעדן איי־נעם פון מיינע זעקס שוועסטער און דריי ברידער, וועלכע לעבן ערגעץ ווו, ווייט אַוועק. און דאָ האָב איך דערפילט מיין עלנט, מיין פּיין. אַט דאָ אין לאַנד, ווו דאָס ווײַגל פון מיין קינד איז באַוועגט געוואָרן פון דער האַנט פון מיין ליבער פרוי, אַט דאָ, אין דעם לאַנד, ליגט דער שורש פון מיין אומגליק, רוט דער שאָטן פון מיין גרויליקן טרויער. מיין פרוי און קינד, ווער ווייס ווו זיי זענען איצט? וואָס מיט זיי איז איצט? תל־אביב, ארץ־ישראל, — עס האָט אויפגעטויכט די אייטערדיקע וווּנד.

— —

כאָטש איך האָב אונטערגעשריבן אויף מיין אורלויב־דאָקומענט, אַז איך פאָר קיין תל־אביב, האָב איך דאָך נישט געקענט ביי זיך פועלן צו באַגרענעצן זיך מיט דעם און נישט פאָרן זען אַנדערע טיילן פון לאַנד. עס האָט מיך געלאָקט, עס האָט מיך געצויגן, ווי מיט צוואַנגען, ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגן דער אַנבליק פונעם לאַנד. ארץ־ישראל האָט מיר ווי מיט אַ כישוף אַרומגענומען און געררופן, געשלעפט — קום און זע מיר; זע דיינע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן נייע ווינקלען דעראָבערט, נייע ישובים פאַרלייגט און זיי איינגענומען, באַפרוכפּערט זיי און געמאַכט זיי בליִען מיט בלום און צוויט; אַ נייעם לעבנס־שטייגער אויף די אַלטע קדמונים סטעזשקעס אויסגעלייגט. און איבערהויפּט האָט מיר אַ ברענענדיקער חשק אַרומגענומען צו פאָרן זען די קינדער פון מיין עלטערן ברודער אהרן, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אַלע שטעכיקע וועגן פון הונגער, בויט און ליידן; האָבן דורכגעמאַכט און דורכגעטראָגן אַלע פּלאָגן וואָס יענע צייט האָט געהאַט צוצוטיילן דעם נייעם אידעאַליסטישן ייִד, וואָס איז געקומען גרייט און אָנגעגורט מיט זיין בלוט און שוויס אויסצופורעמען און שאַפן אַ ייִדיש לאַנד פאַר זיך, פאַר אַלעמען. און זיי, די קינדער פון מיין ברודער אהרן, זענען דאָך נאָך גאָר יונגינקע קינדער געווען ווען ער, דער פאָטער זייערער האָט זיי אַהער געבראַכט און מיט אומברחמנותדיקע ליבע־געפילן צו זיי און צום לאַנד, האָט ער געפּרוּווט איינפלאַנצן אין דער וויסטער טרוקענער ערד, פריִער אין יהודיה, לעבן פתח־תקוה, און שפּעטער אין דער ערשט זיך בויענדיקער באר־יעקב, ווו ער האָט, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, דעם נייעם חלום געשפּינט, — באר־יעקב, נאָך אַ ייִדישער מושב, נאָך אַ רינגעלע אין דער זיך שמידנדיקער קייט פון דעם נייעם באַוווסטזיין.

און אָט די קינדער נישט פאָרן באַזוכן, זען און זיי מיט מיינע הייסע קושן באַשענקען און באַוונדערן; אָט די קינדער, כמעט קיילעכדיקע יתומים, וואָס זייער מוטער האָט אין איר פריִער יוגנט איר לעבן פאַרענדיקט אין די זייער שווערע יהודיה־טעג און זיי געלאָזן אויף גאָטס באַראָט. און זייער פאָטער, — ווייט, ווייט אַוועק פון זיי, שוין יאָרן־לאַנג אין דער פאַרוואָרפענער אַרגענטינע גליק געזוכט. אָט די יונגינקע פאָלקס־קעמפער נישט צו פאָרן זען, האָב איך געהאַלטן פאַר אַ גרעסערן פאַרברעכן, ווי די פאַרלעצונג פון מיין אונטערשריפט — איך פאָר קיין תל־אביב.

דער עלטערער פון די פיר קינדער, אליעזר, איז מיט אַ גרופּע הונגעריקער אידעאַליסטישער יוגנט אַרויף און פאַרנומען דעם שטח באַדן פון טירה, לעבן חיפה, אַ שטרעקע פלאַכלאַנד, האַרט ביים ברעג פון ים, וואָס ציט זיך צופוסנס פונעם כרמל־באַרג. (מיר דאַכט, אַז דער באַדן איז געווען דייטשער אייגנטום). איך זאָג — זיי זענען אַרויף און פאַרנומען, ווייל די ענגלישע מאַכט איז געווען קעגן זייער באַזעצן זיך דאָרט. האָבן אָבער די האַרטנעקיקע, אָרעמע און הונגעריקע בחורימלעך „ארץ־ישראל מענטשן”, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אַ ווערטלעכן ווידערשטאַנד. זיי

האָבן געטענהט, אַז נאָר מיט צעלעכערטע ברוסטן דורך ענגלישע קוילן װעלן זײ פונעם פּלאַץ אַװעק. און אַט דער אליעזר מיט זײנע חברים צו זען, האָב איך געהאַלטן פאַר אַ הײליקן חוב. און געזען האָב איך אים און זײ. עס האָט בליציק געברענט יע־דער אױסדרוק זײערער; עס האָט געפלאַקערט װי צעשמאָלצענע װולקאַן־לאַװע יעדער זאַץ זײערער, װען כ׳האָב זײ געפרעגט, װי אַזױ זײ דענקען צו האַנדלען אין דעם פאַל. — „נישטאָ קײן אין דעם פאַל, מיר װעלן דאָ זיך לאָזן אױסלײגן דורך פײער און שװערד, אָבער מיר װעלן פון דאַנען נישט אַװעקגײן, דאָ בלײבן מיר!״

נאָכן איבערנעכטיקן בײ זײ אין קיבוץ, פאַרברענגענדיק מיט זײ ביז די פריע פרימאָרגן־שעהן, בין איך פון זײ אַװעקגעפאָרן אַן איבערצײגטער אין זײער גאַװער, קינדערשער טענה: — „מיר װעלן פון דאַנען נישט אַװעקגײן״. און געפאָרן בין איך װײטער, װײטער אין עמק־יזרעאל אַרײן, װוּ די אַנדערע דרײ קינדער פון מײן ברו־דער אהרן האָבן, צוזאַמען מיט אַנדערע אַ נײעם קיבוץ געגרינדעט — תל־עדש. און דאָרט האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די זעלבע ייִדיש־אידעאַליסטישע שטרעבונגען פון אַ גרופּע גאָר־גאָר יונגע ייִנגלעך און מײדלעך; שטרעבונגען, געבױט אױף האָפע־נונגען צו שאַפן דאָס נײע ייִדישע לעבן אין ארץ־ישראל. נחום, זײן שװעסטער טובה און דער 15־16 יאָריקער טוביה, קינדער פון מײן ברודער אהרן, האָבן זיך געפונען אין תל־עדש. זײ האָבן מיטגעהאָלפן אינעם פּראָצעס פון אַנטװיקלען דאָס געזעל־שאַפטלעך ייִדיש־אַרבעטנדיקע קאָלעקטיװע לעבן. און נאָכפאָלגנדיק פון דער נאָענט דעם לויטער־רײנעם װוּנטש פון יעדן אײנעם פון זײ, — צו בויען און אױפשטעלן אַ פאָלקס־בנין אױף רײן מענטשלעכע און קאָלעקטיװ־אידעאַליסטישע יסודות, האָב איך דאַן געטראַכט און זיך איבערצײגט, אַז די שװערע, ביטער־שװערע יאָרן פון הונגער און נויט זענען מסוגל און האָבן דעם כוח צו פאַרהאַרטעװען אײדעלע נשמות און אױסשמידן פון זײ פעסטע, אײזערנע װענט, װאָס זאָלן זײן אין שטאַנד דעם שװערסטן אױסדויער דורכצוטראָגן אױף זײערע פאַרהאַרטעװעטע, געפּרוּװטע פּלײ־צעס.

און װי עס זאָגט זיך: — עבירה גוררת עבירה. איך האָב מיך דערלויבט װײטער צו קריכן אין תהום פון זינד. כ׳בין פון תל־עדש געפאָרן אין דער קאָלאָניע ימה (איצט יבניאל), װוּ עס האָט געלעבט מײן יוגנט־חבר בנימין דוכאָװני. מײן כוונה איז געװען — אים מזכה צו זײן מיט מײן װיזיט און אונדז בײדן צו פאַרשאַפן אַ שפּאָר ביסל תענוג. און עס איז טאַקע אַזױ אַרױסגעקומען, װי כ׳האָב אױסגערעכנט און דערװאָרט. פון ימה בין איך אַרױפגעקראָכן באַרג־אַרױף, קײן מצפה, און דאָ בין איך געבליבן נעכטיקן בײ אַן אַמעריקאַנער פאַמיליע. דאָ, אין דעם גאַסטפרײנטלעכן הױז איז שיעור אַן אומגליק געשען. כ׳האָב מיט זיך מיטגעטראָגן מײן ביקס, אַ געלאָ־דענעם, און אַנקלאַפּנדיק אין טיר, װען כ׳בין פאַרבעטן געװאָרן אַרײנצוקומען אין שטוב און פאַרבלײבן אױף נאַכטלעגער, האָב איך, — אין שטוב שױן, — פאַרגעסנדיק

אַז מיין ביקס איז אַ געלאָדענער, געצויגן דעם טריגער (דעם צינגל) און אַ מוראדי־קער טראַק־קראַך. כ׳האָב אָבער, ווי אַ גוטער סאָלדאַט, געהאַלטן די ביקס געצילט אַרויף־צו און די קויל האָט געטראָפן אין וואַנט, האַרט ביי דער סטעליע פון וואַנען די וואַפּנע האָט זיך מיט קראַפט אַ שאָט געטאָן. די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זענען געקומען צולויפן טויט־בלאַסע. זיי האָבן זיך באַלד באַרויקט, ווען זיי האָבן געזען וואָס ס׳איז געשען און אַז אַלץ איז אַריבער בשלום.

אין אָוונט, שמועסנדיק, ווען כ׳האָב זיי אויסדערציילט וועגן זיך און אויך וועגן מיינע קרובֿהשע פאַרבינדונגען אין לאַנד, האָבן די צוויי בחורים מיט וועלכע כ׳האָב געשמועסט, אָנגעהויבן שרייען צו דער מאַמען זייערער אין קיך אַריין און רופן איר:

— מאַמע, קום, דו הערסט, אַ ייִד אַ מיוחס איז דער גאַסט אונדזערע. מר. הור־וויץ איז אַ פעטער פון נחום הורוויץ. יאָ, מר. הורוויץ, עס איז פאַר אונדז אַ שמחה און אַ כבוד צו פאַרשאַפן גאַסטפרייַנטלעכקייט פאַר אַ קרוב פון נחום הורוויץ. וואָס ווייסט איר וואָס נחום האָט אויפגעטאָן דאָ און וויפל ער וועט נאָך אויפטאָן, אַזוי האָפן מיר. אָ, אָ, אַ פעטער פון נחום הורוויץ, און אַ לעגיאָנער דערצו!

ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין לאַגער פון מיין באַטאַליאָן, האָבן מיר חברה ווי די בינען באַפאַלן. דורשטיקע נאָך ידיעות פונעם לעבן אין לאַנד, האָט מען געוואָלט וויסן אַלע איינצלהייטן. מיט געפיל פון קנאה, מיט באַוווּנדערונג האָבן זיי, די בייגע־ריקע, געשלונגען מיינע שילדערונגען וועגן אַלץ וואָס כ׳האָב געזען און געהערט, אַרומפּויזנדיק פון ווינקל צו ווינקל אינעם אויסגעבענקטן לאַנד. אַנדערע האָבן אַפּי־לו פאַרנאָטירט און האָבן געהאַפּט נאָכצופאָלגן מיינע טריט, מיינע שפּורן.

מיינע „זינד" קעגן דער מיליטערישער עטיקעטע זענען נישט באַמערקט גע־וואָרן. אַלץ איז אַריבער שטיל און „געזעצלעך". און צום כבוד און אויך ווי אַ דאַנק פאַרן פערסאָנאַל פון דער אייזנבאַן פון פאַסאַזשיר און פראַכט־צוגן, מוז איז דאָ דער־מאָנען און קאָנסטאַטירן, אַז אַלע, אַלע אָן אויסנאַם, האָבן געקוקט ווי דורך די פינ־גער און ווי גאַרנישט באַמערקט די הונדערטער און הונדערטער „אומלעגאַלע" פאַ־סאַזשירן, די „האָזן" וואָס זענען געפאָרן לענג־אויס דער גאַנצער באַן־ליניע פון לאַנד. און גאָר פיל פון זיי נאָך ווייטער, אַריבער די גרענעצן, אַזוי ווייט ווי ביז דמשק און אַלעפּאָ. די באַאַמטע פון די באַנען האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק, נישט הערנדיק:

— זאָלן די באַיִעס פאָרן, אויב זיי האָבן דערפון הנאה! די באַאַמטע האָבן, ווייזט אויס, מיטגעפילט דעם דראַנג, די לוסט פון די „באַיִעס" צו פאָרן און זען, אַרויסרייסנדיק זיך פון דער אַכזריותדיקער מאָנאָטאָנקייט פון די לאַגער־ביידלעך.

***

און געצויגן האָבן זיך פויל און שלעפעריק, נאָגנדיק און צופּנדיק די טעג און די וואָכן אין דער גערכטקייט פון דער מגושמדיקער לאַגע אין וועלכער מיר, לע־

גיאָנערן, האָבן זיך געפונען. זיצן יונגע מענטשן, שעפערישע, ענערגישע כוחות און פאַרברענגען אין פוילקייט זייערע שעהן און טעג; מאַכן ריין דעם שטח אַרום זייערע ביידלעך, אָדער פוצן און רייניקן די שטחים פון אַרום די געצעלטן פון די סערזשאַנטן און אָפיצירן און כאַפּן אַריין גאַנץ אָפט פוסטע, אויסגעדראָשענע פסוקים פון דער סאָלדאַטסקער אומגעלומפּערטקייט און — לעפט־רייט, לעפט־רייט, אָדער: „היי, יו, דהער, רייט יורסעלף. באשר, יענער האָט כמעט אַ האַלבן רעכטן פוס פאָרויסגע־שטעלט, פאָרויס פאַרן לינקן פוס, און נאָך אַזעלכע וויכטיקייטן.

מיר איז אויך אייניקע מאָל אויסגעקומען אַרויסצופירן, צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלעגן, אַ גרופּע טערקישע מלחמה־געפאַנגענע אויפן אָפענעם פעלד, אויף „לופט". מיר, מיט געלאָדענע ביקסן, טאָמער חלילה און זיי, די געפאַנגענע, מיטן ספר „קאָ־ראַן" אין די הענט, אַנדערע ווידער, נישט אַזוי פאַרקאָכט פאַרן ספר־הספרים זייערן, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען, אַ צייט־פאַרטרייב און אַ מקור פּרנסה בזעיר אנפין. אונדזעריקע האָבן ביי די געפאַנגענע די צאַצקעס גע־קויפט און דאָס אָנגעגרייט ווי אַ מתנה פאַר נאָענטע און ליבע, ווען די צייט וועט קומען.

וועגן אַנטלויפן האָט קיין איינער פון די געפאַנגענע נישט געטראַכט, און אונ־דזערע געלאָדענע ביקסן פלעגן ביי זיי אַרויסרופן געלעכטער און אַ מאָל חוזק אויך. „אַנטלויפן גאָר, טפשים וואָס איר זענט, פאַרוואָס זאָלן מיר וועלן אַנטלויפן? אונדז איז דאָ בעסער ווי ביי זיך אין דער היים. מער עסן, מער פרייע צייט, און מיר ווערן דאָך געהאַלטן בכבודיק!". האָבן זיי, — די געפאַנגענע, — געהאַלטן אונדז, פרייע, באַשעפטיקט.

**
*

עס האָט געגאַיעט און געגוואַלדעוועט דער ווילדער הייסער ווילן אַרויסצוּוויק־לען זיך פונעם מיליטערישן געוואַנט און אַריינפאַסן זיך אין דער ראַם פון ציווילן לעבן. עס האָט קיין זין נישט געהאַט צו טאָפּטשען זיך אינעם זאַמדיקן לאַגער און מעלה־גרהן די נאַרישע מיליטערישע תורה, אָדער מאַכן זיך צום נאַר, — צו היטן און ווערן אויסגעהוזקט פון די פוילע טערקישע געפאַנגענע. יעדער איינער פון אונדז, די וואָס האָבן פעסט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן נאָך דער באַפרייונג אין לאַנד, האָבן גע־בענקט, יעדער לויט זיין באַגריף און באַגער, צו אַן אייגן ווינקל, צו בויען פאַר זיך די צוקונפט. אַגב, צו יענער צייט זענען מיר שוין אַריבערגעפירט געוואָרן, ד"ה אונ־דזער 38סטער באַטאַליאָן, קיין סעראַפענד, נישט ווייט פון באר־יעקב.

אָבער, ווי עס האָט אויסגעזען, האָט די דעמאָלטיקע „אָפיציעלקייט" אַנדערש געדענקט, געוואָלט און טאַקע באַשלאָסן: די לעגיאָנערן מוזן נאָך פאַרבלייבן אין דינסט, ווייל אַזוי פאָדערט די פּאָליטישע לאַגע. די זיכערקייט פון אונדזערע נאַציאָ־

נאַלע אַספּיראַציעס ליגט אין דער באַשיצונג פון אַט די זעלבע אַספּיראַציעס, און טאַ־קע מיט ביקס און פייער.

זענען געקומען צו אונדז אין לעגיאָן שליחים פון דעם ועד הצירים, כדי אונדז באַאיינצופלוסן, מיר זאָלן שלום מאַכן מיטן געדאַנק, מיט דער טעאָריע פון — זיך און וואָרט. צווישן די שליחים זענען אויך געווען פאָרשטייער פון דער תל־אביבער געזעלשאַפט און אַנדערע. עס איז אויך, אין דער זעלבער צייט, געקומען צו אונדז יוסף טרומפּעלדאָר ז״ל, און אין אַ קאָנפערענץ מיט אונדז במשך פון אייניקע שעה, האָט ער זיך באַמיט אונדז אויפצוווייזן און אונדז איבערצייגן אין דער נישט־אויסגע־האַלטנקייט פון אונדזער פאָדערונג באַפרייט צו ווערן. ער האָט פאַרלאָזן אונדזער לאַגער מיט אַ טיפער אַנטוישונג. מיר פערזענלעך איז אויסגעקומען צו זיין אַ העלע־גאַט פון מיין באַטאַליאָן, צוזאַמען מיטן קאָרפּאָראַל דובינסקי, צו אַ קאָנפערענץ מיט ד״ר חיים ווייצמאַן ז״ל און אַנדערע, ווו מיר האָבן אַרויסגעלייגט אונדזערע טענות, פאָדערונגען און באַדינגונגען. ד״ר חיים ווייצמאַן און די אַנדערע האָבן אַנגעווענדט אַלע זייערע שלאָג־אַרגומענטן, כדי צו ווירקן אויף אונדז, אַז מיר זאָלן פאַרבלייבן נאָך אַ יאָר צייט אין לעגיאָן.

ווען נאָך אַ צייט פון מיינונגס־אויסטוישן, נאָך מאַנאַטן לאַנגע דיסקוסיעס און איבעררײדענישן איז אונדזער באַשלוס באַפרייט צו ווערן דאָך געבליבן פעסט און נישט רירבאַר, איז דאָן צו אונדז אין אַ געוויסן טאָג געקומען ד״ר אידער, פונעם ועד הצירים, און פאַר אונדז פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, וואָס האָט אונדז אַלעמען — ביי 250־260 לעגיאָנערן — דערשיטערט און ווי דערשלאָגן. און אָט זענען זיינע ווערטער:

“We will place at yow disposal a piece of land, one hundred dumans an we’ll help you somehow with funds, to establish yourself after your being discharged”.

אָט דאָס איז געווען, וואָרט ביי וואָרט, ד״ר אידערס רעדע. קלוגע ווערטער, דברים ככתבם, ווערטער ווי פלעקער, יעדעס וואָרט — אַ נאָדל, יעדעס וואָרט — אַן אָנגעגליטע אייזן־שפּיז. און נאָך עפּעס וואָס ער האָט צוגעגעבן צו דערקלערן אין אַ ברייטערן מאַסשטאַב זיין געניאַלן פּלאַן. מיר אַלע אַנוועזנדיקע זענען געווען ווי פּאַ־ראַליזירט, אויסהערנדיק דעם ווונדערבאַרן, טיפזיניקן און ברייטהאַרציקן אָנבאָט פון אונדזער ועד הצירים: „ווי וויל גיוו יו אַפּיעס אָוו לענד, אַ הונדערט דונאַם״ — מיר וועלן אייך געבן אַ שטיקל לאַנד, אייך — צוויי הונדערט און פופציק לעגיאָנערן, „נישטיקע ברואים״. און נאָך אָט דעם טרויעריקן „פינאַל״ האָט יעדער איינער פון אונדז מיט אַ געפיל פון טיפער, טרויעריק־טיפער אַנטוישונג, גענומען מאַכן זיינע אייגענע פּלענער.

און אָט האָט איר אַן אינטערעסאַנטע געשיכטעלע: מיין נאָענטער פריינט, מר. לאַנדעסמאַן, האָט מיר פאָרגעלייגט צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע פון אונדזער חברה און צוזאַמען אויסאַרבעטן פּלענער, ווי אַזוי די גרופּע זאָל זיך באַזעצן אויף לאַנד. מר.

לאַנדעסמאַן האָט געהאַט אַ קאַפּיטאַל פון צען טויזנט דאָלאַר און ער איז געווען גרייט די גאַנצע סומע געלט צו שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון דער גרופּע ווען די פּלע־נער וועלן זיין פאַרטיק, און לויט זיין מיינונג — באַזירט און דורכפירבאַר. אורזאַכן און אומשטענדן האָבן אָבער געמאַכט אוממעגלעך דאָס רעאַליזירן פון לאַנדעסמאַנס פאַרשלאַג. דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען אין מיטן זומער 1919.

אין דער זעלבער צייט האָט מען מיר אַ צווייטן מאָל, צוזאַמען מיט אַנדערע, אַרי־בערגעשיקט אויף אַ וואָך־פּאָסטן, צו היטן אַ וואַסער־ברונעם נישט ווייט פונעם שטעטל רמלה. אין אַן איילבירט־ביימער גאָרטן, אין שאָטן פון די זיתים־ביימער, זענען געשטאַנען אַ צאָל ביידלעך, ווו מיר האָבן געהאַט אונדזער וווין־פּלאַץ. און דאָ איז דאָס לעבן גאָר געוואָרן נאָך מער פּוסטער, אינהאַלטלאָזער. עטלעכע שעה שטיין אויף דער וואַך ביים טאַנק פונעם וואַסער־רעזערוואואַר און די איבעריקע צייט זיצן, אָדער ליגן און אויסהערן נאַרישע געשיכטעס פון די פלאַכע זעלנער־געזעלן, זייער אָפט אַזעלכע גראָבע, באַנאַלע, ציניש און וווּלגאַרע, אַז עס כאַפּט דיר אַרום אַ שטאַרקער אויפרעגונג און אַ ווילן אַנצוכאַפּן פאַרן גאַרגל דעם ווולגאַרן נפש און אים פאַרשטאָפּן זיין טריפהנעם פּיסק מיט אַ הויפן צעפוילטע זיתים, מיט אַ בינטל שטרוי, אָדער מיט נאָך עפּעס ערגערס פון דעם...

ווען עס האָט אַ מאָל, אין מאָמענטן פון זשאַווערדיקן אומעט אַ חשק אַרומגענער־מען אַרויסצוציין פון דעם איילבירט גן־עדן צירקל, אַרויסגיין אויף צו זען און באַ־געגענען זיך מיט דער ציווילער באַפעלקערונג, ווי זי לעבט דאָרט אויף דער פריי, אָדער גלאַט אַ ביסל פאַרברענגען צווישן מענטשן, נישט צווישן סאָלדאַטסקן מאַטע־ריאַל, צעשטרייען און אָפּפרישן זיך אַ ביסל, — זענען מיר דאַן אַוועק קיין רמלה, אַריין אין אַ קאַפע, אָדער אין אָרטיקן „טעאַטער־הויז״. אָבער, רבש״ע, וואָס פאַר אַ שמוץ, וואָס פאַר אַ קויטיקייט דאָס ציווילע לעבן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט! אָפּ־שיילעך, אָפּשטויסנדיק. קליינע קינדער אין שמוציקע שמאַטעס געקליידט, באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע, ברודיקע און פאַרלייזיקטע האָבן אָט די פאַרשטייער פון דעם צוקונפ־טיקן דור קיין רו נישט געגעבן, געריסן ביי די קליידער־זוימען: — „באַקשיש, קאַר־פּאַראַל, באַקשיש!״. יעדער סאָלדאַט איז ביי זיי געווען אַ קאַרפּאַראַל, יעדע זאַך פון קלענסטן ווערט איז אַ סחורה געווען, אַ מתנה געווען: צי אַ פּיאַסטער, צי אַ שטיקל קוכן, צי אַ שטיקל פון אַן אָפּגעגריזשעטן עפּל, — אויף אַלץ האָט מען זיך געוואָרפן מיט אַזאַ זשעדנעקייט, וואָס האָט ממש ביים האַרצן געריסן, צו טרערן געבראַכט צו־צוזען דאָס אָרעמע געפּאַלנקייט פונעם אָרטיקן פאָלקס־לעבן:

און דער צווייטער מין, דער איידעלער געשלעכט, האָט מיט מגושמדיקער אַנט־בלויזטקייט האַנדלס־באַציונגען אָנגעבאָטן: צען פּיאַסטער פאַר אַ שטיק מוטערלעכע פּרויען־לייב; צוואַנציק פּיאַסטער פאַר אַ קינד פון 13־14 יאָר צו אַמוזירן זיך לויטן באַגער.

קינדערלעך, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע זענען ווי די טשאַטעס בינען באַפאַלן יעדער גרופּקע זעלנער און פאַרן פּרייז פון אַ זאַטן ביסן דעם כבוד פון זייער קינדערשער יוגנטלעכקייט פאַרמשכנט, דעם רייץ פון קינדערשער זאַפטיקייט פאַרשאַכערט.

פון וואַנען, גאָט אין הימל, האָט זיך גענומען אַזאַ נידעריק־געזונקענע געפאַלנקייט צו די קינדער פון קאַראַן־מאַראַל, אויפגעצויגענע און אויפגעבראַכטע הינטער דער צנועה איזאָלירטקייט פונעם שוואַרצן שלייער און אָפּגעהיט מיט גרויס פאַרזיכט פון אַ פרעמדן בייזן אויג. עס האָט אַ ווײ, אַ טיפער ווײ אַרויסגעשריען פון מיין צעוויטיקט, צעקאַליעטשעט געמיט אין אָנזיכט פון אָט דעם אָפּפאַל־מאַטעריאַל פונעם אַראַבישן פרויען־קנויל: אַן אונץ ווייבלעכקייט פאַר צען פּיאַסטער, אַ קילאָגראַם לייב פאַר אַ לירה.

דער „דערפרישנדיקער שטעטל־ריח" האָט מיך צוריק אין ביידל געטריבן; אין ביידל, אין איילבירט־גאָרטן צו פאַרשטעקן זיך, ווו די סודותדיקייט פון די ביימער, באַוועגטע פונעם שטיפערישן ווינטל, האָט מחיה געווען די צעפייניקטע נשמה מיינע נאָכן „פאַרגעניגן" פונעם שטעטלשן ציווילן לעבן.

ווען דער וואַך־פּאָסטן איז אויפגעלייזט געוואָרן און מיר זענען צוריק געבראַכט געוואָרן אין באַטאַליאָן, אין לאַגער פון סעראַפּענד, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. די טעמפּקייט פונעם לאַגער־לעבן האָט טאַקע דעם מוח אויך אָפּגעטעמפּט, אָבער כאָטש אָן האַרצווייטיק, ריינע, אומשולדיקע טעמפּקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שיטער זענען געוואָרן אונדזערע רייען. יעדן צווייטן טאָג, יעדן דריטן טאָג, זענען גרופּעסווייז צונויפגעזאַמלט געוואָרן די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן, און נאָך אַלע פאַרמעלע שרייבעכצן, אַריינשרייבונגען און אויסשרייבונגען, זענען זיי אָפּגעשיקט געוואָרן ערגעץ־ווו אין „דעמאָביליזירונג"־לאַגער, ווו זיי זענען אויף ס'ניי אַריינגעשריבן און אַרויסגעשריבן געוואָרן, אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף אַ באַן, אויף אַ שיף, און... פאַר געזונטערהייט ברודערל אַ היים און אַ דאַנק דיר פאַר דיין טרחה.

די ענגלישע זעלנער זענען שוין לאַנג געהאַט דעמאָביליזירט געוואָרן און צוריקגעשיקט קיין ענגלאַנד. עס איז געקומען דערצו, אַז אונדזער 38סטער באַטאַליאָן איז אין גאַנצן אויפגעלייזט געוואָרן און די קליינע צאָל נאָך נישט־באַפרייטע, זענען „צוגעטשעפּעט" געוואָרן, פריִער צום 39סטן באַטאַליאָן און שפּעטער צו דעם 40סטן באַטאַליאָן. איך, מיט אַ פּאָר אַנדערע חברים, זענען צוגעטיילט געוואָרן צו דעם מחסן (פּראָדוקטן־לאַגער), ווו עס האָט זיך נאָך געפונען אַ גרויסער קוואַנטיטעט פון פּראָדוקטן, נישט קיין פאַרברויכטע און האָבן געוואַרט אויף אויסלייזונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די גאַנצע צייט זינט מיין אָנקומען אין סעראַפּענד, פלעג איך זייער אָפט קומען באַזוכן מיין יוגנט־פריינט און חבר יוסף בן־עמי (פּיינשיל), אין דער קאָלאָניע באר־יעקב. בן־עמי האָט געצויגן זיין חיונה פון אַ מאַנדל־גאָרטן און אויך פון אַ פּאָר מעל־קנדיקע קי. אין די ערשטע וואָכן פון מיינע באַזוכן ביי אים, האָט ער מיר פאָרגע־לייגט צו קויפן מיט אים בשותפות צוויי בהמות און מיר זאָלן ביידע זיך טיילן מיטן איינקונפט פון די מילך פון די זעלבע צוויי בהמות. איך האָב דעם פאָרשלאַג זיינעם אָנגענומען. אין אַ באַשטימטן טאָג האָב איך געבראַכט די נייטיקע סומע געלט, און מיר זענען ביידע אַוועק קיין רמלה. דאָרט אויפן מאַרק האָבן מיר געקויפט צוויי מעל־קנדיקע קי און זיי געבראַכט קיין באר־יעקב.

נאָך אייניקע חדשים האָבן מיר באַשלאָסן די בהמות צו פאַרקויפן און איך האָב מיין געלט באַקומען צוריק. די סיבה פון אונדזער באַשלוס געדענק איך נישט. אין לויף פון מיינע באַזוכן ביי בן־עמי, האָב איך אָפט, צוזאַמען מיט מיין קאָלעגע אין לעגיאָן פּר. אַקסעלבוים, אַריבערגעפּעקלט אַ צאָל ביקסן, וואָס האָבן זיך ממש גע־וואַלגערט אין די באַטאַליאָן־שפּייכלערס. בן־עמי האָט זיי, די טייערע געטרייע חפצים פאַרזיכטיק פאַרפּאַקט און זיי באַהאַלטן, איינגעגראָבן אין דער ערד, אונטער אַ באַרג בהמהשע מיסט. דאָס געווער האָט געזאָלט דינען אין אַ צייט פון נויטווענדיקייט, צו באַשיצן האָב און גוטס, לייב און לעבן. און עס האָט טאַקע, אין שפּעטערע צייטן, גע־בראַכט גאָר גרויסע נוצן, געראַטעוועט טייערע יידישע לעבנס.

51. — אויפריכטונג, דערלייזונג, באַפרייונג

אינעם גרויען חושך פון מיין פאַרפּינצטערטן לעבן האָט בליציק אַ בלענדנדיקער שטראַל ליכט זיך אַריינגעריסן. עס האָט אויפגעלויכטן, זיך צעשטראַלט אין מיין פאַר־פּרעסטער און פאַראומערטער נשמה; עס האָט אַ בשורה, ווי אַ דונער־קנאַל פון די הייכע הימלען זיך צו מיר אַראָפּגעקייקלט און שאַלנדיק האָט די בשורה־טובה, ווי אַ כל־נדרי נאַכט־תפילה־געמורמל זיך צעשאָטן: „הדודה חיה באה, הדודה חיה באה!”.

אין אַ דעצעמבער־פרימאָרגן איז אין דער גרוי־כמורנער לאַגער אַטמאָספער אַ ציווילע געשטאַלט דערשינען — אליעזר, דער זון פון מיין שוועסטער פּערל; און כמעט אַריינפאַלנדיק צו מיר אין ביידל, האָט ער פריידיק, רעשדיק אַרויסגעפּראַלט: — הדודה חיה באה, הדודה חיה עם חפשי. ס'איז געקומען אַ שיף פון אָדעס, די שיף „רוסלאַן”, און צווישן אירע 650 פּאַסאַזשירן געפינט זיך אויך מיין מיין פרוי מיטן קינד, מיין קינד, חיה און חפשי. פון מיינע אויגן האָט אַרויסגעקוואָלן אַ שטראָם היי־כע טרערן פון פרייד און מינוטן־לאַנג האָב איך קיין אַנדערע ווערטער נישט אַרויס־געבראַכט, נישט געקענט אַרויסברענגען, ווי נאָר די צוויי, דורך טרערן צעבראָכענע ווערטער: חיה, חפשי. עס האָט די פרייד פון דער פּלוצלינגדיקער ידיעה מיר ווי פאַ־ראַליזירט, ווי אָפּגענומען ביי מיר דעם לשון. חיה און חפשי — האָב איך די צוויי

הייליקע ווערטער מערערע מאָל איבערגעחזרט, שעפּטשענדיק ווי אַ שטילע תפילה: חיה און חפשי.

דער סערזשאַנט, דער קאָרפּאָראַל אין מחסן ווו איך האָב געאַרבעט, ווי אויך מיין פּריינט אַקסעלבוים, זענען אַלע געבליבן ווי געפּלעפּט, זיך דערשראָקן פאַר מיין ווילזיין, צוקוקנדיק ווי איך וואַקל מיך ווי אין אַ מטושטשדיקן אומבאַוווסטזיין־מצב. און נאָך דעם ווי זיי האָבן מיר אַ ביסל דערמוטיקט און באַרויקט, האָט דער סערזשאַנט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט: — קום, מיר וועלן אַריינגיין צום קאָראָנעל און איך וועל בעטן פאַר דיר עטלעכע טעג אורלויב. און דער קאָראָנעל מאַרגאַלין האָט אָן איבעריקע קאָמענטאַרן, גלייך אונטערגעשריבן אַ דערלויבעניש, אַן אורלויב־שיין פאַר מיר, דערוויילל אויף פיר טעג.

איך בין אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע אין לוד, לויפנדיק אין איילעקן אימפעט. דער סערזשאַנט האָט, צוזאַמען מיטן קאָרפּאָראַל, איינגעפּאַקט אַ פּעקל שפּייז־פּראָדוקטן: צוקער, טיי, רייז, בעבלעך און אַנדערע שאַר־ירקות און דערלאַנגענדיק מיר דאָס פּעקל, האָט ער דערביי צוגעגעבן מיט אַן ערנסטער פריינטלעכקייט:

— אַ מתנה פאַר דיר, פאַר דיין ווייב און אייער קינד.

ווען כ׳בין אַריין אין מיין שוועסטערס הויז און דערזען מיין פרוי; און ווען מיין קינד חפשי האָט אויף מיר אַ שפּרונג־אַרויף געטאָן און זיך אין מיר איינגעקלאַמערט, האָב איך שוין דאַן געפילט, ווי עס וואָלט די גאַנצע וועלט, דער גאַנצער אוניווערס זיין קוואַל פון ליבשאַפט ווייט צעעפנט און מיר אין דעם בשמימדיקן קוואַל געטובלט. אין יענעם מאָמענט איז פאַרשווונדן יעדער שפּור פון טרויער און אומעט, וואָס האָבן גאַנצע צען יאָר און מער מיך געפּייניקט, געמאַטערט, געדריקט און געשטיקט. און חיה האָט מיין ברענענדיקן פּנים מיט הייסע, זודיקע טרערן באַנעצט, מיט פלאַמיקע קושן באַדעקט און איז כמעט ווי אין גאַנצן אין מיר אַריינגעפּרעסט געוואָרן, זיך אין מיר פאַרלוירן. עס האָט דער גורל מיר מיין פרייד צוריקגעבראַכט; עס האָט מיין קעגנוואָרט אויפגעלויכטן און געוואָרפן שטראַלן אין די פאַרבאַרגענע שפּאַלטן־שפּאַרעס פון מיין צוקונפט. איך האָב מיין פרוי און קינד צוריק באַקומען, די רו פון מיינע טעג וועט זיין דערגאַנצט, דער אומרו פון מיינע נעכט — דערשטיקט און פאַרשוויגן. איך ווער צוריק „איך״, דער מענטש פון נאָרמאַלן, פלייסנדיקן לעבן!

דעם 20סטן יאַנואַר 1920 בין איך אָפיציעל דעמאָביליזירט געוואָרן און ביז דעם 20סטן פעברואַר פון דעם זעלבן יאָר בין איך נאָך אָפיציעל פאַררעכנט געוואָרן אַלס .Member of His Magesty's Forces

מיר זענען דערוויילל פאַרבליבן וווינען ביי מיין שוועסטער פּערל אין אַ קליין צימערל, זוכנדיק אין דער זעלבער צייט צו דינגען אַ דירה.

איך האָב דערוויילל באַקומען אַן אָנבאָט אָנצונעמען אַ שטעלע ווי אַ סעקרעטאַר

פון דער נישט־לאַנג געגרינדעטער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט „המזמין". דער יושב־ראש פון דער געזעלשאַפט איז געווען אַדוואָקאַט חנוך, אַ תל־אביבער תושב. מ. מ. שייבקין איז געווען סגן היושב־ראש. איך האָב די שטעלע אָנגענומען און זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט פולער ענערגיע און ווילן.

די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט „המזמין" איז געווען אַ קאַפּיטאַליסטישע אינ־סטיטוציע און איר אויפגאַבע און שטרעבונג איז געווען — צו פאַרשאַפן פאַר אירע אָנגעשלאָסענע חברים ביליקע און צוגענגלעכע לעבנס־פּראָדוקטן, איך מיין צו זאָגן,


Discharged and Demobilised Soldiers
(H. M's Forces) Association
IN PALESTINE

Mr. Ourvitz Isaac
late of 38th Batt. Royal Fusil.
is a Member of the D. A. D. S. A.
in Palestine.
Registered in Jaffa
No 105
Secretary: Chairman:

אגדת החילים המשוחררים
בארץ־ישראל

אדון
לפנים 38th Bn. Royal Fusil.
הוא חבר של אגדת החילים המשוחררים
בארץ־ישראל.
נרשם ב יפו
נומר 105
תאריך 10/2/20
ראש הועד:
המזכיר:

מיין קאַרנעט פונעם פאַרבאַנד פון באַפרייטע לעגיאָנערן — יאָר 1920.

— פּראָדוקטן צו ביליקע פּרייזן. די ערשטע טעטיקייט איז געווענדט געוואָרן אין דער ריכטונג פון שאַפן ברויט, ביליקן און פון גוטער קוואַליטעט. אַלץ איז אין יע־נער עפּאָכע געווען זייער טייער און פיל זאַכן זענען פשוט נישט געווען בנמצא. מיר, דער „המזמין" הייסט עס, האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ בעקער, אַ גוטער בעל־מלאכה אין זיין פאַך, אָבער נעבעך אַ גרויסער אביון, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ זייער צרהדיקן אויוון צום באַקן ברויט. האַלץ איז זייער שווער אָנגעקומען צו קריגן, און דער ייִד, דער בעקער, האָט ערגעץ־ווו ביי אַ בעל־מלאכה דערשנאַפּט אַ מאַשינקע, וואָס קען באַהייצן אַן אויוון מיט מאַזוט. נו, האָבן מיר אים, דעם בעקער, מעגלעך געמאַכט איינצוהאַנדלען די מאַשינקע און מיר האָבן אים פאַרזאָרגט מיט אַ קוואַנטום מאַזוט אויף צו הייצן דעם אויוון. און אויוון נאָך אויוון גוט ברויט זענען אויסגעבאַקן גע־וואָרן און דאָס ברויט איז גלייך צעכאַפּט געוואָרן. איך האָב נאָר געדאַרפט עפּענען

די טיר און... קונים מיט זייערע קאָאָפּעראַטיווע צעטעלעך אין די הענט, זענען שוין געשטאַנען גרייט און אומגעדולדיק צו באַקומען זייער פּאַיאָק. מעל האָט אַדוואָקאַט חנוך באַקומען פון די מילנער אַן פיל שוועריקייטן, אָבער אַפּליגן ביים בעקער אַ גרויסע צאָל זעק מיט מעל איז נישט געווען קיין פּלאַץ. און ה׳ חנוך האָט אויך נישט נישט קיין סך געטרויט דעם בעקער און דעריבער האָט חנוך געטענהט, אַז איך מוז זען צו באַזאָרגן פּלאַץ פּאַר 20־30 זעקלעך מעל, וועלכע מ׳מוז פּאַר איין מאָל אַרויסנעמען פון די מילן־שפּייכלערס.

מיר האָבן שוין צו דער צייט געוווינט אין תל־אביב אין אַ דירה — אַ קעלער־שטיבל, און אַהין טאַקע בין איך געווען געצוווגגען, דורך די אומשטענדן, אייניקע מאָל אַריבערצוברענגען 15־20 זעקלעך מעל און זיי אויסלייגן ביים אַריינגאַנג אין אונדזער הויז, ביז נאָר ס׳וועט זיין געגוג פּלאַץ פּאַר זיי אין דער בעקעריי. אַ ברירה האָב איך געהאַט, כ׳בין דאָך געווען אַן אָנגעשטעלט ביים „המזמין״.

אין מיין אַרבעט האָב איך צוליב אַ סך טעמים נישט געקענט מאַכן קיין אָנגע־זעענעם פּאַרשריט. די וויכטיקסטע סיבה דערצו איז געווען — די פּאַרוואַלטונג. דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט איז צווישן זיך נישט געווען אייניק, און איבערהויפּט האָט ה׳ שיינקין צופיל געשטערט. ה׳ חנוך איז געווען דער געשעפטסמאַן, ער האָט יאָ פּאַרשטאַנען ווי אָנצוגיין אונטער די שווערע באַדינגונגען פון דער צייט, אָבער די אַנדערע „דירעקטאָרן״ האָבן געצויגן אַהין און אַהער, און שיינקין, וועלכער איז גע־ווען מער בטלן ווי געשעפטסמאַן האָט אָפט אָנגעמאַכט אַ תוהו ובוהו, געבראַכט צו מיינונגס־פּאַרשידנקייטן און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם — שטערונג אינעם גאַנג פון עסק.

איך האָב זיך באַמיט צו דערפילן מיינע פליכטן ווי צום בעסטן, אָבער די צע־שפּליטערונג אין דעם פּאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַט האָט מיר געשטערט און כ׳האָב פון דעם גייסטיק זייער פיל געליטן.

אין דער זעלבער צייט איז אַ מאָל, אין אַ געוויסן טאָג, געקומען צו מיר אין הויז דער קאָרפּאָראַל ראַפּאַפּאָרט, פון דער תל־אביבער „נוקטה״, פּאָליציי־באַצירק, און אין אַ קורצער פּאַררעדע האָט ער מיר פּאָרגעלייגט אָנצונעמען דעם אַמט פון סערזשאַנט אין דער קאַראַנטין־פּאָליציי אין פּאָרט פון יפו. ער האָט פּאַר מיר גע־מאַכט די פאָלגנדיקע דערקלערונג:

— אין דעם פּאָליציי־דינסט פון קאַראַנטין אין יפוער פּאָרט געפינען זיך אַכט מענטשן: אַ סערזשאַנט, אַ קאָרפּאָראַל און זעקס פּאָליציסטן. דער משרד פון קאַראַנ־טין און אויך די פּאָליציי שטייען אונטער דער אויפזיכט פון ד״ר שמאי, אַ ספרדישער ייד. אַלע פּאָליציי־לייט זענען אַראַבער. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט דער סערזשאַנט זיך אָנגעשיכורט, געמאַכט סקאַנדאַלן און מ׳האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָסטן. עס איז זייער און זייער ווינטשנסווערט, — האָט קאָרפּאָראַל ראַפּאַפּאָרט געזאָגט, — אַז

אין דער פּאָליציי פון קאַראַנטין אין פּאָרט זאָלן זיך געפינען אייניקע ייִדן, און איצט, בּיטן אָפּזאָג פונעם סערזשאַנט, איז דאָרט פאַראַן אַ מעגלעכקייט אַריינצובּרענגען אַ ייִד אויף זיין פּלאַץ, ווען עס זאָל זיך נאָר געפינען די פּאַסיקע פּערזאָן דערצו. האָט אונדזער פּאָליציי־קאָמיטעט נאָכגעזוכט און נאָכגעפאָרשט, און אייער נאָמען אדון הורוויץ איז דערמאָנט געוואָרן ווי די געהעריקע פּערזאָן און אויף אייך איז געפאַלן דער גורל אָנצונעמען דאָרט דעם אַמט פון סערזשאַנט. עס איז אייער חוב דאָס צו טאָן, איינצונעמען אַ וויכטיקע פּאָזיציע פאַר אונדזער ייִדישן צוועק. דורכן משרד פון קאַ־ראַנטין גייען אַדורך אַלע מענטשן וואָס קומען אַריין אין לאַנד, און די דאָזיקע פּאָ־זיציע איז איינע פון די וויכטיקסטע, וועלכע דאַרף און מוז זיך געפינען אין ייִדישע הענט. איצט איז פאַראַן די שעת־הכושר און איר, אדון הורוויץ, באַזיצנדיק די ענג־לישע שפּראַך און אויך, ווי אַ באַפרייטער סאָלדאַט פון דער ענגלישער אַרמיי, זענט איר דער זיכערסטער קאַנדידאַט אויפגענומען צו ווערן אויפן אַמט פון סערזשאַנט. איר זענט אויך, אדון הורוויץ, דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט אין אַלע אַנדערע הינזיכטן, וויסנדיק אייערע קוואַליפיקאַציעס, אויף וויפל וועגן אייך איז באַקאַנט אין די היגע ייִדישע קרייזן. איך פּערזענלעך, — האָט קאַרפּאַראַל ראַפּאָפּאָרט פאַרענדיקט, — בעט אייך צו באַטראַכטן אונדזער פאָרשלאָג און אים אָננעמען.

אָט דאָס ביז איצט ציטירטע איז כמעט וואָרט ביי וואָרט פון דעם קאַרפּאָראַל ראַפּאָפּאָרטס ווערטער. איך האָב אים געבעטן מיר צו געבן צייט עטלעכע טעג אויף איבערצוטראַכטן און זיך איבערלייגן און דאַן קומען נאָך אַן ענטפער.

און דעם אמת געזאָגט, איז מיר געווען שווער צו טראַכטן אַפילו וועגן דעם פאַר־געלייגטן ענין. פּלוצים זיך אַרויסנעמען פונעם ציווילן לעבן און ווערן אַ פּאָליציי־מאַן. און ווען חיה איז צוריק געקומען פון גאַס און כ׳האָב איר דערציילט און איבער־געגעבן דעם תמצית און באַדייט פון קאַרפּאָראַל ראַפּאָפּאָרטס באַזוך, האָט זי גלייך אויפן אָרט קאַטעגאָריש אויסגעשריען:

— ניין! ווערן אַ פּאָליציסקע, האָבן צו טאָן מיט גנבים, מיט מערדערס און שי־כּורים, שטיין אויף דער וואַך אין די רעגנס, קעלטן, אין די פינצטערע נעכט. פּאָ־ליציי, — די שרעק פון דער מענטשהייט, שונאים פון פרייען געדאַנק, באַדריקער פונעם פרייען מענטש. פּאָליציי, — דאָס וואָרט אַליין איז דאָך אָפּשיילעך; דער באַ־גריף אַליין איז דאָך אָפּשטויסנדיק; פּאָליציי, — אַ פּאָליציי־מאַן גאָר! גיי אַוועק צו אים, צו דעם קאַרפּאָראַל ראַפּאָפּאָרט, גלייך מאָרגן אין דער פרי און זאָג אים ניין! אַזוי אַז ער זאָל פאַרשפּאָרן צו קומען נאָך דיין ענטפער!

איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. כ׳האָב געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר חיהס געפילן און האָב נישט געוואָלט איר פאַרשאַפן קיין יסורים. און אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך טאַקע אַריין צום קאַרפּאָראַל ראַפּאָפּאָרט אין זיין פּאָליציי־ביוראָ און האָב אים אינפאָרמירט וועגן מיין שטעלונג צו זיין אָנבאָט, און אויך, —

מער־וויניקער, — אים באַקאַנט געמאַכט מיט די מאָטיוון פון מיין צוריקציִען זייך פאָרשלאַג. ראַפּאָפּאָרט איז געווען זייער באַטריבט, און אויסהערנדיק מיר, האָט ער פּרובירט זיך אַקעגנשטעלן מיין מיינונג. איך בין אָבער געבליבן פעסט און אַנט־שלאָסן און זיך נישט געלאָזט באַאיינפלוסן.

***

ביי מיין אַרבעט ווי אַ סעקרעטאַר פונעם „המזמין״ איז קיין פאַרבעסערונג נישט געקומען; פאַרקערט, ס׳איז געוואָרן ערגער. מיינע בעלי־בתים האָבן פּרובירט קאָנ־צענטרירן זייער אויפגאַבע אויך אויף אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען, ווי גרינצייג און גרויפּן, אָבער די שוועריקייטן די דאָזיקע אַרטיקלען צו באַקומען, עס צוזאַמענצו־ברענגען און עס אַנצוהויפּן אין דעם ענג־געשאַפּענעם לאָקאַל, זענען געווען צאָלרייכע און זייער ערנסטע, ווי אויך די גאַנצע סטרוקטור פון זייער קאָאָפּעראַטיוון מסחר האָט געהאַלטן אין צוזאַמענפאַלן. איך האָב געהאַט גרויס ערגערניש פון דער געשאַפט־נער לאַגע, כאָטש אין מיין קאַפּאַציטעט אין דער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט איז אַלץ געגאַנגען כשורה, אָבער דער געשעפטס־אַפּאַראַט, ווי אַזעלכער, האָט פיל, פיל אונ־טערגעהונקען. איך האָב אין דעם געזען אַ זייער שוואַכע פּאָזיציע פאַר אונדזער עק־סיסטענץ און האָב דערפאַר אָנגעהויבן זוכן אַ בעסערע, אַ מער פעסטערע באַשעפ־טיקונג.

מיין קינד האָב איך אַריינגעגעבן אין דער גימנאַזיע „הרצליה״, וווּ ער האָט אויך באַקומען ספּעציעלן אונטערריכט, כדי ער זאָל קענען אַריינגענומען ווערן אין דער כיתה, וווּ ער, — לויט זיין עלטער, האָט געדאַרפט אָנגענומען ווערן אָבער צוליב זיין הינטערשטעליקייט אין עברית, איז עס געווען אוממעגלעך צו טאָן. און דער פּאַקט שכר־לימוד אין גימנאַזיע, און נישט קיין גאָר נידעריקער דירהצו, און די הויכע דירה־געלט, וואָס מיר האָבן געצאָלט פאַר אונדזער וווינונג האָבן זיך זייער טיף אַריינגע־שניטן אין אונדזער בודזשעט און מיר האָבן דערפילט אַ מאַטעריעלן דוחק און אַן ענגשאַפט אינעםווירטשאַפטלעכן אויסקום אונדזערן מיט די מאָגערע געהאַלטן וואָס איך האָב באַקומען ווי אַ סעקרעטאַר פון „המזמין״.

און ווען דער קאָרפּאָראַל ראַפּאָפּאָרט איז ווידער געקומען צו מיר, דאָס מאָל נישט אַליין; עס זענען מיטגעקומען נאָך צוויי אַנדערע חברים, דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע „החיילים המשוחררים״ און אַ פּאָליציי־מאַן, אַ חבר פון דער זעל־בער אָרגאַניזאַציע און אַלע דריי האָבן גענומען אַריינטענהן, אויפּווייזן און אונטער־שטרייכן די נויטווענדיקייט פון איינגעמען די פּאָזיציע אין דעם קאַראַנטין פּאָליציי־אַמט, און די צען מאָל מערערע און גרעסערע נויטווענדיקייט פון מיין איינשטימען אָנצונעמען דעם אַמט, כדי אַזוי אַרום צו זיין זיכער, אַבסאָלוט זיכער, אַז דער פאַר־געלייגטער קאַנדידאַט וועט זיין אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ״. זיי האָבן איבערגערעדט, —

האָבן זיי געזאָגט, — מיט ד״ר שמאי, דער הויפּט פון דעם קאַראַנטין־ביוראָ ביים פּאָרט אין יפו, און זיי האָבן אים איבערגעגעבן וועגן מיינע קוואַליפיקאַציעס, און ער האָט אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט. ער האָט זיי אויך געזאָגט, אַז אין פאַל איך וועל אָננעמען דעם אַמט, זאָל איך קומען צו אים אין ביוראָ, — לויט אַ פריערדיקער פאַר־שטענדיקונג, — און ער וועט דאַן מיט מיר אַריבערגיין אין דער געזונטהייטס־צענ־טראַל ביוראָ, וווּ ער וועט מיר פאָרשטעלן פאַרן הויפּט פון צענטער, קאַפּיטאַן לוק, וועלכער וועט מיר געוויס אויפנעמען ווי אַ סערזשאַנט פון דער קאַראַנטין־פּאָליציי. די דריי פאָרשטייער פון דער „אגודת החיילים המשוחררים״ האָבן גערעדט און גע־רעדט; זיי האָבן אָנגעווענדט און אויסגענוצט אַלע פּאַסיקסטע אויסדרוקן, כדי צו געבן וואָג און איבערצייגונג און ממש געבעטן זיך, איך זאָל נישט אָפּזאָגן, איך זאָל אָננע־מען דעם אַמט.

— עס גייט, — האָט דער עלטערער פון זיי מיט פּאַטאָס אויסגעשריגן, — אין באַזעצן, איינגעמען און באַפעסטיקן אַ פּאָזיציע, ווי אַ רינג אין דער אַלגעמיינער שטרעבונג אונדזערער אַריינצודרינגען אין אַלע פּאָזן פונעם לעבן אין לאַנד! עס ליגט אויף אייך אַ חוב, אַ הייליקער נאַציאָנאַלער חוב, חבר הורוויץ, צו העלפן שמידן די קייט פון אונדזערע האָפענונגען אויף תחית העם והארץ. און ווען אַפילו אייך פאַר־זענלעך איז עס נישט צום האַרצן דער באַגריף פון אַ פּאָליציי־מאַן, דאַרפט איר, מוזט איר ברענגען אַ קרבן און פאַרבייגן אייער אייגענעם ווונטש פאַרן ווויל פונעם פאָלקס־אידעאַל. אונדזערע טויזנטער און טויזנטער שוועסטער און ברידער, וואָס קו־מען איצט אין לאַנד, גייען אַלע אַדורך דעם משרד פון קאַראַנטין, ווי אַן ערשטע טיר צום לאַנד פון זייער אויסגעבענקטן באַגער, און אין דעם משרד מוז שטיין אַ ייִד, אַ גוטער, אַ פאַרשטענדיקער און אַן אַנטוויקלטער ייִד, וואָס זאָל קענען דינען ווי די ערשטע פריינטלעכע אויסגעשטרעקטע האַנט צו באַגעגענען די נייע ייִדן. מיר פאַר־זיכערן אייך, חבר הורוויץ, אַן יעדן חשד פון חניפה, אַז איר זענט די געווינטשטע פּערזאָן, וואָס קען און וועט דערפילן די הויכע, דערהויבענע שליחות און זי דערפילן מיט כבוד.

אויסהערנדיק אַלץ וואָס די פאַרשטייער האָבן גערעדט און אַפילו מיט ווייטיק אויסגעדריקט, האָב איך אַריינגערופן חיהן און האָב איר געבעטן אויסצוהערן מיט געדולד און אויפמערקזאַמקייט אַ טייל פון דעם וואָס די מענטשן האָבן צו זאָגן. אַלץ וואָס זיי האָבן פאַר מיר אַרויסגעלייגט, האָט מיר צעטרייסלט און פיבערדיק צע־שרויפט. כ׳האָב מיך דערפילט ווי אַ שולדיקער מיט מיין האַרטנעקיקן ווידער־שטאַנדיקן אָפּזאָג פון זייער ביטע.

חיה האָט מיט ציטערדיקער אומרויִקייט אַלץ אויסגעהערט; זי האָט אייניקע מאָל אַפילו ווי שיעור נישט אויפגעשפּרונגען, אָדער אַרויסגעפּלאַצט, אָבער דאָך זיך פאַרהאַלטן רויִק, און טרייסלענדיק זיך ווי אין פיבער, האָט זי מיט טיפן עמאָציאָ־נעלן אויפברויז געזאָגט:

— יאָ! נעם אָן דעם אָנבאָט. זייער ערנסטקייט גייט אַריבער אַלע גרענעצן פון מיין שטעלן אַ ווידערשטאַנד. נעם אָן! ווער אַ סערזשאַנט פון דער פּאָליציי און זאָל זיין מיט מזל פאַר אונדז און פאַר אַלעמען!

שווער איז מיר איצט, אין שאָטן פון צענדליקער פאַרלאָפענע יאָרן, צו מאָלן און שילדערן די פרייד און ליכטיקייט וואָס האָט זיך, ווי אַ שטורעמדיקער אויסברוך צעגאָסן אויף די פּנימער פון די דריי חברים, ווען זיי האָבן דערהערט דעם באַגערטן „יאָ!״.

מיר האָבן זיך געזעגנט, נאָך אַ פריינטלעכן, גאָר זייטיקן געשפּרעך, אַרום אַ גלעזל טיי מיט צובייסן און ס׳איז געבליבן, אַז מאָרגן אין דער פרי זאָל איך אַריי־גיין צום פּאָרט און זיך מעלדן צו ד״ר שמאי. ווען כ׳בין אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי אַריין אין קאַראַנטין־ביוראָ, האָט שוין ד״ר שמאי געוואַרט אויף מיר און איז שוין געווען איינפאַרמירט וועגן מיין קומען צו אים. איך האָב זיך פאַר אים פאָרגע־שטעלט און ער האָט, אָן אַ באַזונדערער אָפיציעלקייט, מיר פאַרגעלייגט מיטצוגיין מיט אים אין דעם צענטראַל־אַמט פון דעם געזונטהייטס־דעפּאַרטאַמענט, ווו ער זועט מיר פאָרשטעלן פאַרן קאַפּיטאַן לוק, דעם הויפּט פון משרד־הבריאות פון יפו אין אומגעגנט.

ביי אונדזער אַריינקומען אין זיין ביוראָ, האָט אונדז קאַפּיטאַן לוק העפלעך אויפ־גענומען. און נאָך דעם ווי ער האָט מיר געשטעלט אייניקע פראַגן אין שייכות מיטן אַמט פון סערזשאַנט אין דער קאַראַנטין־פּאָליציי, האָט ער אין זייער פריינטלעכע אייסדרוקן געמאָלדן דעם ד״ר שמאי און אויך מיר, אַז ער איז צופרידן מיך אָנצו־שטעלן ווי אַ הויפּט פון דער פּאָליציי אין קאַראַנטין, ביים פּאָרט פון יפו. ער האָט אויסגעדריקט זיין ערנסטע האָפענונג אין מיין קאַפּאַציטעט ווי אַ רעגירונגס־אָנגע־שטעלטער און האָט מיר געוווּנטשן דערפאָלג. ד״ר שמאי האָט מיר געדריקט די האַנט, געזאָגט, אַז ער איז צופרידן וואָס איך האָב נושא־חן געווען ביים קאַפּיטאַן לוק. ער האָט מיר דאַן געבעטן אים צו באַגלייטן צוריק אין זיין ביוראָ, ווו ער וועט מיר אַרויסגעבן קליידער, אַ מונדיר און שיך פאַר מיין אַמט.

ווען מיר זענען אַריין אין דער קאַראַנטין־געביידע, האָט ער צוזאַמענגערופן אַלע פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן זיך אין דער צייט געפונען דאָרט אין זייערע פליכטן, און ער האָט מיר פאַר זיי פאָרגעשטעלט ווי זייער נייער שעף, סערזשאַנט הורוויץ, און ער האָט זיי געבעטן זיך צו באַציִען צו מיר מיט רעספּעקט און אָפּשיי. ער האָט אויך דערביי באַמערקט, אַז ער האָפט אַז איך וועל וויסן ווי אַזוי אָנצוגיין און אָנצוהאַלטן מיין אַמט מיט ווירדע און געווינען דעם צוטרוי פון די אַלע, וואָס דינען אונטער מיין אויפזיכט, ווי אויך פון די יעניקע, וואָס וועלן אַמטלעך קומען אין באַרירונג און שטיין אין פאַרבינדונג מיט מיר.

ד״ר שמאי האָט מיר דערנאָך דערלאַנגט אַ פּעקל קליידונג. פאַרלאָזנדיק די ביוראָ,

האָב איך זיי אַלעמען געמאָלדן, אַז אויף מאָרגן אין דער פרי וועל איך קומען אי־בערנעמען מיין נייעם אַמט.

דעם זעלבן אָוונט, ווען ס'איז געקומען דער קאָרפּאָראַל ראַפּאַפּאָרט זיך נאָכ־פרעגן אויפן רעזולטאַט פון מיין וועגדונג צום ד״ר שמאי און ווען כ'האָב אים וועגן אַלץ איבערגעגעבן, האָט ער, דער קליינער, פעמפיקעוואַטער פּאָליציי־אָפיציר מיט טרערן אין די אויגן אָנגעהויבן טאַנצן פאַר פרייד.

— איר ווייסט נישט, — האָט ער געזאָגט, ווישנדיק אַ טרער, — איר האָט נישט קיין באַגריף, אדון הורוויץ, וויפל ווי און ליידן, ייִדישע ליידן איר וועט פאַרמיידן מיט אייער שטיין אין שפּיץ פון דער קאַראַנטין־פּאָליציי. איך ווינטש אייך גליק און דערפאָלג אין אייער הייליקער אַרבעט. עס איז אַן אמתע נאַציאָנאַלע פּאָלקס־אַרבעט!

דער קאָרפּאָראַל ראַפּאַפּאָרט איז אַ צעטראָגענער, מיט אויפגעלייגטקייט אַוועק אַנזאָגן די בשורה אַהין, דאָרט ווו מ'האָט אויף דער גוטער בשורה געוואַרט, אַזוי ווייט אַזש ווי אין די משרדים פונעם ועד הצירים, — אַזוי האָט ער אַליין, קאָרפּאָראַל ראַפּאַפּאָרט געזאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די לעצטע עטלעכע טעג פאַר דער אויבן געשילדערטער געשעעניש, האָב איך זיך דורכגערעדט מיטן אדון חנוך, דעם יושב־ראש פונעם „המזמין”. איך האָב אים אָפן געזאָגט און אויפגעקלערט וועגן מיין אומצופרידנקייט מיט מיין אַרבעט, אין אַז איך האָב בדעה און זוך שוין טאַקע אַ נייעם פּלאַץ פאַר באַשעפטיקונג. און ווונ־דער איבער וווּנדער — ער, חנוך, האָט מיר מיטגעפילט; ער האָט מיט אַ געהעריקער פאַרשטענדעניש אָפגעשאַצט מיין פּאָזיציע. ער האָט מיר געבעטן צו פאַרבלייבן מיט זיי און מיטאַרבעטן ביז צום לעצטן טאָג, ווען איך וועל געפינען אַן אַנדער אַרבעט. און איצט, נאָך דעם ווי איך האָב אָנגענומען דעם פּלאַץ ווי אַ סערזשאַנט אין דער קאַראַנטין־פּאָליציי, בין איך אַוועק צום אדון חנוך און האָב אים וועגן דעם אינפאָר־מירט. ער, חנוך, האָט מיט טיפן באַדויערן אויסגעהערט און אויפגענומען מיין מעל־דונג וועגן מיין פאַרלאָזן זיי, ווי אויך די סיבות וואָס האָבן מיר באַוויגן אַזוי צו האַנדלען. ער האָט מיר געווונטשן דערפאָלג אין מיין נייער סביבה און האָט אַפילו אַרויסגעוויזן צופרידנקייט, וואָס מיר איז געלונגען אַריינצודרינגען אין אַזאַ וויכטי־קער פּאָזיציע ווי דער קאַראַנטין־אַמט איז.

52. — איך ווער אַ פּאָליציי־מאַן

אין קאַראַנטין־ביוראָ Office of The Quarantine Service, איז די אַרבעט אָנ־געפירט געוואָרן אין אַ געוויסער מאָס נאָך אויפן אַלטן שטייגער און נוסח, ווי אין די צייטן פון דער טערקישער הערשאַפט אין לאַנד. אין אַ סך היניזיכטן האָט גע־

הערשט כאַאָס און אומאָרדענונג. ד״ר שמאי האָט געהאַט ווי אַ געהילף אַן אַראַבער, אַ קריסט, מר. שוקרי, אַ טיף מער־וויניק פונעם אינטעליגענטן שניט און ער, מר. שוקרי, האָט אויסגעפילט אַלערליי שרייב־אַרבעטן, ווי בוכפירונג, דאָקומענטאַציע, אד״גל. אין דער געביידע פון דריי צימערן און אַ זייטיק קליינטשיק צימערל, אין דער זעלביקער געביידע, אין דעם קלייניקן צימערל, האָט אויך געהאַט זיין רו און וווינאָרט דער קאַרפּאָראַל ראַשיד, שוין אַ באַיאָרנטער מענטש. ער איז עס געווען דער שומר פון דער געביידע.

אינעם ערשטן טאָג פון מיין דינסט ווי אַ סערזשאַנט, האָב איך צוזאַמענגערופן אַלע פּאָליציי־לייט און האָב זיי געמאָלדן, אַז איך נעם איבער די אָנפירונג מיטן פּאָליציי־שטאַב פון קאַראַנטין און איך בעט זיי מיר העלפן אָנצוגיין ווי צום בעסטן אין מיינע פליכטן. איך האָב זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך האָב ליב אָרדענונג, איי־בערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט, און אַז איך וויל דאָס שטענדיק דערוואַרטן פון די וואָס שטייען אונטער מיין אויפזיכט. איך וויל און פאַרלאַנג, אַז די ביוראָ־צימערן זאָלן געהאַלטן ווערן ריין און רו און שטילקייט זאָל הערשן. איך וועל זיין אין דער היגזיכט שטרענג און פּאָדערנדיק. איך וועל אויך, פון מיין זייט, טאָן אַלץ, כדי די וואָס אַרבעטן מיט מיר זאָלן זיין צופרידן. יעדער איינער ווייסט זיינע פליכטן און דאַרף זיך באַמיִען זיי אויסצופילן אויפן בעסטן אופן. איך האָף, אַז מיר וועלן אַר־בעטן אַלע צוזאַמען אין פולער האַרמאָניע, מיט פאַרשטענדעניש פאַר די אויפגאַבן פון אונדזערע אַמטן און די פליכטן וואָס די אַמטן לייגן אויף אונדז אַרויף.

אַלע מיינע אונטערגעאָרדנטע זענען געווען צופרידן צו הערן עפּעס גאָר אַ ביי, פריש וואָרט פון דעם וואָס איז איבער זיי, און — נעשה ונשמע האָט זיך ווי געפילט אין דער אַטמאָספער פון דער קאַראַנטין־געביידע.

איך האָב מיך פאַרגענומען ווי אַ צוועק און פליכט צו דערלערנען און אַריינדרינ־גען אין אַלע פּאַזן פון דער נייער סביבה מיינער און זיין אין שטאַנד צו דערפילן אַלץ וואָס עס ווערט פון מיר דערוואַרט.

איינע פון מיינע סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבן אין דער אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַרויפגיין, צוזאַמען מיטן ד״ר שמאי און מר. שוקרי, אויף יעדער אַריינקומענדי־קער שיף און פאַרבלייבן דאָרט, ביים אַרויפגאַנג, ביז דער ד״ר שמאי האָט דורכגע־פירט אַלע נייטיקע פאָרמאַליטעטן פון די קאַראַנטין־רעגלאַמינען. ער האָט דאַן גע־דאַרפט באַשטימען, צי די שיף קאָן האָבן אַ פרייען קאָנטאַקט מיטן פּאָרט, אָדער זי מוז, לויט די קאַראַנטין־פאַרשריפטן, פאַרבלייבן איזאָלירט. אין פאַל אַ פּאַסאַזשיר־שיף איז דערקלערט געוואָרן ווי אַן איזאָלירטע, האָב איך דאַן געדאַרפט, מיט דער הילף פון מיינע פּאָליציי־לייט, אַוועקפירן אַלע פּאַסאַזשירן נאָך דעם ווי זיי זענען דורכן ד״ר שמאי און מר. שוקרי אַריינגעשריבן געוואָרן אין אונדזער ביוראָ־דאָקו־מענטאַציע, אין קאַראַנטין־לאַגער אויפן ברעג ים, ביי אַ 3־4 קילאָמעטער ווייט פון

אונדזער ביורא. דאָרט זענען די פּאַסאַזשירן פאַרבליבן אויף דער צייט, לויט דער קאַראַנטין־פּראָצעדור.

איך האָב געדאַרפט זאָרגן דערפאַר, אַז ווען אַ שיף, — אַ פּאַסאַזשיר אָדער אַ פראַכט־שיף, — איז דערקלערט געוואָרן ווי אַ „קאַראַנטין־קעגנשטאַנד״, זאָל קיינער פון דרויסן נישט האָבן קיין צוטריט, אָדער קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער שיף. און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע פליכטן האָט מיין אַמט אויף מיר אַרויפגעלייגט. צום ביישפּיל: איך האָב געדאַרפט אָוועקשטעלן אַ וואַך אינעם באַצירק פונעם „גומעריק״, — צאָל־אַמט, אויף אונדזער לשון, — אַ וואַך אויף צו היטן אַז שמוגלערס זאָלן נישט אַריינברענגען קיין שום פון געזעץ פאַרבאָטענע סחורות, ווי כאַשיש, פאַרשידענע סם־תרופות וכדומה; ווי אויך האָב איך געדאַרפט באַזאָרגן מיט אַ פּאָליציי־וואַך אַרום הייזער ווו עס האָט זיך געפונען אַ חולה מיט אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקייט, ווי דיפ־טעריע, סקאַרלאַטין, שוואַרצע פּאָקן און נאָך אַזעלכע מיאוסע אַנשיקענישן.

***

עס האָט צו יענער צייט, אין 1920, געשטראָמט אַ גרויסע כוואַליע פון עולים, מערסטנס פון פּוילן, — די „גראַבסקי־עליה״ האָט מען עס גערופן. עס זענען געווען פאַלן, ווען שיפן — איינע, צוויי און אַפילו אַ מאָל דריי אויך, האָבן אין איין טאָג גע־בראַכט גאַנצע 600, 700, 800 און אַפילו 1.000, נישט אַפט, פאַרשטייט זיך נייע עולים. אַלע פּאַסאַזשירן וואָס זענען אָנגעקומען אויף אַ שיף אין לאַנד האָבן געמוזט איינגע־שריבן ווערן אין קאַראַנטין־ביורא און אַלע אָן אויסנאַם האָבן אויך געקראָגן געשטשי־פּעט „פּאָקן״. מיטן לויף פון דער צייט איז דאָס „פּאָקן־שטעלן״ אויך געוואָרן איינע פון מיינע אויפגאַבן, ווייל דער וואָס האָט די אַפּעראַציע דורכגעפירט, האָט נישט גע־קענט באַוויזן זיך אָפּצופּאַרטיקן אין דער נייטיקער צייט. ד״ר שמאי האָט אין עטלע־כע לעקציעס מיר געמאַכט פאַר אַ פּאָקן־שטעלער. ער האָט מיר אויך מערערע מאָל באַאויפטראַגט אַריינצוגיין אין צאָל־אַמט (דערלעבן פון דער קאַראַנטין־געבייד־ע) און דאָרט איבערקוקן און דורכזוכן קאַסטנס מיט מעדיקאַמענטן און אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל זיין נאָר פון דעם טיפּ וואָס איז דורכן געזעץ דערלויבט אַריינגעבראַכט צו ווערן אין לאַנד און אויף וועלכע ער, ד״ר שמאי, האָט געהאַט די אויפזיכט און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך. אַזוי אַרום בין איך אַלץ מער און מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אָנפירונג און פאַרוואַלטונג פונעם קאַראַנטין־ביורא דורך דעם, וואָס ד״ר שמאי האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַרויפצוּוואַרפן אויף מיר וואָס מערער פון זיינע אייגענע פליכטן און אויפגאַבן. ד״ר שמאי האָט אויך געזוכט אין מיר דעם לערער און אויס־בעסערער פון זיינע קענטענישן אין דער ענגלישער שפּראַך, איבערהויפּט אין דער צייט ווען ער האָט סוף פון יעדן חודש געדאַרפט צושטעלן זיין שריפטלעכן באַריכט צום געזונטהייטס־דעפּאַרטאַמענט. איך האָב גערן און מיט פאַרגעניגן אים שטענדיק

אַרויסגעהאָלפן. עס האָט צווישן אונדז ביידן געהערשט אַ פולשטענדיקע האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט און פאַרשטענדיקונג, צו אונדזערביידנס צופרידנקייט.

צום סוף פון דריטן חודש פון מיין דינסט אין דער קאַראַנטין־ביורא, האָט מען מיר אין אַ געוויסן טאָג אַרויסגעפאָדערט צו דערשיינען און אויפטרעטן פאַרן קאַפּי־טאַן לוק, דעם הויפּט פונעם געזונטהייטס־צענטער פון יפו. און ווען כ׳בין אַריין אין זיין ביוראָ, האָט מיר דער קאַפּיטאַן לוק געמאָלדן וועגן צוויי זייער אָנגענעמע אָנגע־לעגנהייטן:

1. — אַז איך ווער דערהויבן אין ראַנג, און אַז פון איצט אָן בין איך סערזשאַנט־מיידזשאָר;

2. — אַז ער, דער קאַפּיטאַן לוק, פאַרלאָזט די טעג זיין פּאָסטן; ער קערט זיך אום צוריק קיין ענגלאַנד.

ער האָט מיר דערביי דערלאַנגט אַ טייפּ־געדרוקטן בויגן פּאַפּיר אין אַ קאָנווערט, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין טיפע צופרידנקייט פון מיין אַרבעט אונטער זיין אָנ־פירונג; אַז איך בין געווען אַ גוטער באַאַמטער, געהאַט דעם פולן צוטרוי פון די מענטשן אונטער מיר, און אַז ער זעט פאַר פאַר מיר אַ גלענצנדיקע צוקונפט ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר, און נאָך אַנדערע ליב־ווערטער. ער האָט האָט מיר דאַן וואַרעם געדריקט די האַנט, מיר געדאַנקט פאַר מיין אַרבעט אין פאַרבינדונג מיט זיין שייכות צו איר, האָט מיר געוווּנטשן דערפאָלג און גליק און האָט זיך פריינטלעך געזעגנט מיט מיר.

אַ טיף גערירטער און העכסט צופרידענער בין איך אַרויס פון ביוראָ פון קאַ־פּיטאַן לוק. דערהייבן געוואָרן אין ראַנג, נאָך אַ פונט הוספה אין געהאַלט, און קאַפּי־טאַן לוקס אָפּשאַצונג פון מיין אַרבעט, — דאָס אַלץ האָט מיר אינספּירירט, געהויבן דעם מוט, געוועקט האָפענונגען, געוואַרעמט.

איך בין טאַקע פולקאָם אין מיין אַרבעט, דערפיל מיינע פליכטן צו דער פולער צופרידנקייט פון די איבער מיר. איך בין שטרענג צו אַלץ וואָס ס׳איז פאַרבונדן מיט מיין אַמטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געזעצלעכער אויספירונג; אַפילו שטרענג ביז אָנגעצויגנקייט. אָבער אין מיינע באַציִונגען, אין דער אַמטלעכער טאָג־טעגלעכ־קייט צו מיינע מיטאַרבעטער, ווי אויך צו די ציווילע אָנגעשטעלטע אין ביוראָ, — איצט שוין דריי אָנשטאָט איינער, — ווי אין די ערשטע טעג; אין מיינע באַציִונגען צו אָט די אַלע האָב איך מיך געהאַלטן און זיך אויפגעפירט פריינטלעך, פּראָסט און ווירדיק־מענטשלעך. איך האָב שטענדיק געהאָלפן, מיט וואָרט און טאַט, יעדן וואָס האָט זיך צו מיר געווענדט און איך בין שטענדיק גרייט געווען צו טאָן וואָס נאָר מעגלעך צו באַפרידיקן יעדנס באַגער.

— —

די עליה האָט געבראַכט הונדערטער און הונדערטער ייִדן, טויזנטער, וואָס

האָבן זיך געניטיקט אין פאַרשידנאַרטיקער הילף גלײַך ביים אָנקומען אין לאַנד, אָפּט אַפילו נאָך אײדער זײ איז דערלויבט געוואָרן אַראָפּצוגײן פון שיף, און דווקא נישט אין מאַטעריעלער הילף האָט זיך עס אַ סך מאָל געהאַנדלט.

צענדליקער יונגע עולים האָבן געהאַט פאַרשידענע פּראָבלעמען צו אַנטשײדן, וואָס נאָר אַ גוט וואָרט, אַ פרײַנטלעכע עצה האָט געקענט העלפן, זײער אָפט דורך סודותדיקײט, שעמעוודיקער באַשײדנקײט, אאַז״וו.

ווען איך פלעג אַרויפגײן אויף אַ שיף וואָס האָט געבראַכט עולים, אַלײן צי מיט נאָך עמיצן פון מײנע געהילפן, האָב איך פיל מאָל געקענט הערן שטילע, אָבער גאַנץ ענטוזיאַסטישע, קלינגעוודיקע אויסרופן:

— ער איז אַ ייִד, איך וואָלט געשווירן אַז ער איז אַ ייִד! הוא יהודי, הוא מדבר עברית! איך האָב געהערט, ער האָט גערעדט צום פּאָליציי־מאַן אין עברית!

עס האָט די יונגעלײַט אימפּאָנירט: אַ ייִד אין אַ מונדיר, אַ ייִד מיט אַ קאָקאַרדע, מיט עפּאָלעטן און רעדט עברית. איך האָב געפילט ווי די יונגעלײַט שטעכן מיר אַדורך מיט זײערע נײַגעריקע בליקן; זײ ווילן וויסן, זײ חלשן צו וויסן, צי שטײט טאַקע פאַר זײ אַ ייִד אין אַ פּאָליציי־מונדיר, וועלכער האָט צו זאָגן איבער זײער גורל. און די יונגעלײַט האָבן מיר געפּאַרשט מיט זײערע שאַרפע, בליציקע אויגן, דורכגע־דרונגען מײַן אַמטלעכן מונדיר און געזוכט דאָרט, הינטערן כאַקי־געוואַנט, געזוכט אַ ייִד, אַ ייִדישן מענטש, אַ ברודער אין אַ נויט.

ווען איך האָב אַ מאָל, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן זײערע ברענענדיקע, אפשר אויך קרענקלעכע נײַגעריקע בליקן, האָב איך צו אַ גרופּע יונגע חברה זיך געווענדט מיט אַ ברודערלעכן, אויב נישט מיט אַ פאָטערלעכן טאָן: „שלום חברה, אַ ייִד, אַ ייִד, וואָס דען, אַ טערק בין איך?״ האָבן מאַנכע פון דער חבריה אויסגע־שאָסן אין אַ כליפּערײַ און גאַנץ הײס זיך באַגאָסן מיט טרערן פון פרײד: — אַ ייִד, אַ ייִד, וואָס דען אַ טערק בין איך!

און דאַן האָט מען מיר, בקול דקה אַרײַנגענומען אין סודותדיקן קרײַז:

— מיר האָבן דאָ, אײניקע פון אונדז, געבראַכט מיט זיך עטלעכע „שפּײער־לעך״; געטראַכט — אין ארץ־ישראל קענען אַזעלכע כלים צונוץ קומען. גיט אַן עצה, אַדון, ווי אַזוי קענען מיר אָט די אומלעגאַלע טריפהנע חברה אַראָפּנעמען פון שיף, אַז זײ זאָלן חלילה נישט אַרײַנפאַלן אין „גוײִשע הענט״?

נו, טאַקע, געוועהר האָט מען דאָך נישט געטאָרט אַרײַנברענגען, און אַז „שפּײ־ערלעך״ קענען אין ארץ־ישראל צונוץ קומען, איז דאָך געוועזן לית מאן דפליג. האָב איך דאַן בײַ זיך געפּועלט צום ערשטן מאָל צו באַגײן אַ געזעצלעכן פאַרברעכן, גע־זעצלעכן, ווײַל פון שטאַנדפּונקט פון מײַן נאַציאָנאַלער אָנשויונג האָב איך עס באַ־טראַכט ווי פולשטענדיק געזעצלעך: אין ארץ־ישראל קענען אַזעלכע „שפּײערלעך״ זײער גוט צונוץ קומען, אפשר טאַקע גאַנץ נײטיק זײַן אין צײַט פון נויט. און איך

האָב מיך אַריינגעוויקלט אין דער געהיימנישפולער גערדיכטעניש פון דער באַגייס־טערטער כאַליאַסטרע. איך בין אַרונטער מיט צווי פון זייעריקע אין זיין קאַבינע אַזן דאָרט, אין דער גרויער, מוטנער קאַבינע־טונקלקייט האָב איך אַריינגעשפּאַרט פיר רעוואָלווערן אין די גרויסע קעשענעס און אין די געהיימע אַמטלעכע קאַמערן פון מיין מונדיר, נאָענט צו מיין פּאָליציייאישן יידישן האַרץ. איך בין דאַן אַרויף אויפן דעק, איבערגעגעבן מיין געהילף אינסטרוקציעס וועגן וויטערדיקע רוטינערע רעגור־לאַמינגען און בין אַרונטער אין שיפל, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר האַרט ביים אַרויפ־גאַנג אויפן שיף. אין 15־20 מינוט אַרום איז שוין מיין צימערל אין דער קאַראַנטין־געביידע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינעם אַרסענאַל; אַן אַרסענאַל מיט „שפּייער־לעך", וואָס האָבן אין שפּעטערע צייטן געקראָגן זייער טבילה, זייער תיקון: — יידישע הענט האָבן מיט זיי פאַרטיידיקט און געוויס אויך געראַטעוועט יידישע לעבנס.

אין פאַרלויף פון מיין דינסט אין דער קאַראַנטין־פּאָליציי, האָב איך מערערע אַזעלכע געווער־טראַנזאַקציעס דורכגעפירט; קלענערע, אָדער גרעסערע געווער־טראַנספּאָרטן אַריבערגעפירט פון שיף צו מיר אין מיין זיכערער „באַהעלטעניש" און שפּעטער, ווען די אייגנטימער פונעם געווער זענען געווען אָפּגעפּאַרטיקט מיט זייערע קאַראַנטין און פּאַספּאָרט־געשעפטן, גרייט צו גיין אויף זייערע קוואַרטירן, האָב איך זיי די שטיקלעך געווער אומגעקערט און זיי מיין ברכה מיטגעגעבן: „הלוואי מען זאָל עס נישט דאַרפן נוצן". און איך פלעג שוין נישט וואַרטן אַז די עולים זאָלן אויף מיר וואַרפן זייערע פאַרשנדיקע בליקן: „הוא יהודי, הוא מדבר עברית". איך האָב, אַרויפ־קומענדק אויף אַ שיף, שוין אַליין אָנגעהויבן זוכן מיט דורכדרינגענדיקע אויגן מיינע „קונדן". און זייער אָפּט, אַן איבעריקע באַמיונגען, האָב איך זיי גלייך דערקענט, אַט די בעלי־בתים פון די „שפּייערלעך". זייער נערוועזקייט, זייער אומרויקייט האָט זיי אויסגעגעבן, האָט זיי פאַרגעשטעלט פאַר מיר. — „יאָ, מיר זענען עס די וועלכע איר זוכט; קומט און העלפט!". און נישט איין מאָל האָב איך אַליין, אויף אייגענער איניציאַטיוו פאַרפירט אַ שמועס, דערפירט צו אונטערהאַנדלונגען מכוח אַזוי און אַזוי. עס האָט מיר פיל מאָל אויך געקאָסט מי איבערצוצייגן די נייע עולים אין מיין ער־לעכקייט, אין מיין ערנסטקייט. אָבער שטענדיק האָט עס געבראַכט צו פּאָזיטיווער און פאַרטרויליכער קעגנזייטיקייט. קיין איין איינציקן פאַל פון אַ דורכפאַל געדענק איך נישט.

53. — בילדער, עפּיזאָדן, פּאַסירונגען

אין מיין פּריוואַטן לעבן, אויפן עקאָנאָמישן געביט, איז די לאַגע געווען נישט זייער גלענצנדיק. ס'איז ביי אונדז געווען אוממעגלעך, אַבסאָלוט אוממעגלעך צו באַ־לאַנסירן אונדזער בודזשעט. מיין געהאַלט איז געווען פון ניין מיט אַ האַלבן פונט שטערלינג אַ חודש. און אין צולאַג צו אַט דער סומע האָבן מיר, יידישע פּאָליציי־לייט,

באַקומען אַ סובסידיע פון פיר פונט אַ חודש, אויסגעצאָלט פון דער קאַסע פונעם ועד הצירים. דער ועד הצירים, די אָפיציעלע ציוניסטישע קערפּערשאַפט, אָנערקענט דורך דער ענגלישער רעגירונג אין אַלע אָנגעלעגנהייטן אין שייכות מיט „בית יהודי לאומי בארץ־ישראל״, איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז יידן זאָלן אַריינדרינגען אין וואָס מער רעגירונגס־אַנשטאַלטן און אַזוי אַרום פאַרנעמען אַ פּלאַץ אינעם לעבן און פירונג פון לאַנד. יידישע מענטשן אָבער, האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן אויסצוקומען און דורכצולעבן זיך פון אָט די קליינע, מאָגערע געהאַלטן וואָס די מאַנדאַט־רעגירונג האָט געצאָלט אירע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע.

דאָס געהאַלט פון די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע איז באַזירט און אויסגערעכנט געווען אויפן סטאַנדאַרט און באַדינגונגען אויף וועלכע די אַראַבישע באַאַמטע האָבן בין דאַן געאַרבעט, און אַזוי ווייטער פאַרגעזעצט אין זייערע פּאָזיציעס. און דערפאַר טאַקע האָבן זיך יידן צוריקגעהאַלטן פון אָננעמען רעגירונג־שטעלעס. און דער ועד הצירים, באַנעמענדיק און באַטראַכטנדיק דאָס פּראָבלעם, איז געקומען צום באַשלוס, אַז מוסיף זיין אין דער פאָרעם פון אַ סובסידיע צו דעם געהאַלט וואָס די רעגירונג צאָלט, וועט אפשר דינען ווי אַ צוציִונגס־מיטל פאַר אַ גרויסער צאָל יידישע תושבים, וואָס זוכן אַ באַשעפטיקונג. ביי אונדז אָבער, ווי קליין אונדזער משפחה־ווינקל איז באַך דאַן געווען, איז אַפילו די סובסידיע־הוספה נישט געווען גענוג צו דערמעגלעכן אַ מענטשלעכע עקסיסטענץ, ווייל די פּרייזן פון לעבנסמיטל, פון שפּייז־פּראָדוקטן זע־נען געווען זייער, זייער הויכע; דירה־געלט — אומדערטרעגלעך הייך, שוין אָפּגע־רעדט פון דעם וואָס אַ סך אַבסאָלוט נויטווענדיקע לעבנס־מיטלען זענען נישט געווען צו קריגן אַפילו פאַר יעדן פּרייז. און כ׳בין געווען גענויט יעדן סוף חודש אַרויסצו־ציִען פון מיין באַנק־קאָנטע אַ היפּשע סומע, אין פאַרגלייך מיט מיין געהאַלט, כדי צו דעקן דעם חודשלעכן דעפיציט. און געלעבט האָבן מיר זייער עקאָנאָמיש און אויסגערעכנט. אָט וועל איך געבן אַ קליינעם ביישפּיל: מיר האָבן אונטער דער צייט זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדער דירה, אין נוה־צדק, צוויי קליינע צימערלעך מיט אַ קיכעלע, גרויס ווי די קאַנורע פון אַ הונט ביי אַמאָליקע פּריצים, און פאַר אָט דער „באַקוועמער״ וווינונג האָבן מיר געצאָלט פינף מיט אַ האַלבן פונט אַ חודש דירה־געלט. איין שטיקל חסד האָט אונדז גראָד אין יענע טעג בייגעשטאַנען: אונדזער קינד האָט באַקומען אַ הנחה אין דעם שכר־לימוד, ווייל ער איז אַ זון פון אַ רעגירונגס־אָנגעשטעלטן.

אין מיין אַמטלעכער קאַפּאַציטעט ווי אַ קאַראַנטין־מענטש איז פאָרגעקומען אַ שטיקל נשמה־דערהויבונג, אַ התרוממות הנפש. סער הערבערט סעמועל, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס נציב־העליון, — היי־קאָמיסיאָנער, — איז אָנגעקומען אויף אַן ענגלישער קריגסשיף אין פּאָרט פון יפו. און ד״ר שמאי, מר. שוקרי, איך

און נאָך אַן אָנגעשטעלטער, זענען מיר אַרויף אויפן שיף, ווו ד״ר שמאי האָט במשך פון אַוועלכע צוואַנציק מינוט דורכגעקוקט די נייטיקע דאָקומענטן און פאַרבינדונג מיט דער קאַראַנטין־פּראָצעדור און האָט דורכגעפירט אַלע רעגולאַציעס אין שייכות מיט דעם. סער הערבערט סעמועל, האָט מען געקענט באַמערקן, איז געבליבן זייער צופרידן פונעם פאַקט, אַז עס פירט זיך אַלץ לויטן סדר און לויטן געזעץ, נישט געקוקט אויף דעם וואָס אויף זיין שיף האָט מען אפשר געקענט פון דער פּראָצעדור אַ קאַפּעטשקע איינקאַרגן. אונטן, ביים אַרויפגאַנג אויפן שיף, זענען געווען און האָבן

אַ באַזוך פון סער הערבערט סעמועל, צוזאַמען מיטן ענגלישן אַדמיראַל פיר ר. נאם אין יפו — יולי 1920. איך, אַ לעגיאָנער, שטיי אויף די טרעפּ פון „משרד הקרנטינה״.

געוואַרט אין שיפלעך דער מיליטערישער גובערנאַטאָר, אַ פּאָר גענעראַלן, דער פּאָליציי־שעף פון יפו און נאָך אַנדערע הויכע רעגירונגס־מענטשן און ציווילע פּערזענלעכקייטן. זיי אַלע האָבן אָבער געדולדיק געוואַרט, וויסנדיק און קענענדיק דעם ד״ר שמאי, אַז ער איז אַ פּינקטלעכער און אויפריכטיקער אויספירער פון געזעצלעכן רעגלאַמענט. סער הערבערט סעמועל האָט אונדז, — אַלע פיר קאַראַנטין־באַאַמטע, — געדריקט די הענט און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל זיך געזעגנט מיט אונדז.

***

אַלץ מער און אָפטער האָט דער ד״ר שמאי אַרויפגעלאָדן אויף מיינע פּלייצעס פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פון דעם קאַראַנטין־קאָדעקס, וועלכע, לויט אַלע פאָרמאַלי־

טעטן, זענען עס געווען זיינע פליכט־אויפגאַבן. צענדליקער מאָל האָט ער מיר „גע־בעטן" אַריינגיין אין דעם צאָל־אַמט און דורכקוקן און זען, צי עס זענען פאַראַן דאָ־קומענטן וואָס פאָדערן זיין ספּעציעלע, פּערזענלעכע אויפמערקזאַמקייט. איך מוז מודה זיין, אַז איך אַליין האָב אויך צופיל אויף זיך „געשלעפּט". צב"ש, פאַרשידענע אַמטלעכע אויפגאַבן האָב איך געקענט אין גאַנצן אויסלאָזן, אָדער זיי איבערגעבן אויסצופירן דורך מיינע געהילפן, און דאָך האָב איך פּערזענלעך דורכגעפירט מיסיעס, וועלכע זענען געווען בישט קיין גאָר אָנגענעמע, נישט זעלטן אַפילו זענען אַזעלכע מיסיעס געווען פאַרבונדן מיט געפאַר. אָט, למשל, אין די פּאָרט־וואַסערן, אַרום און דערלעבן פונעם „גומעריק", האָבן געדאַרפט שטיין אויף וואַך קאַראַנטין־פּאָליציי, כדי צו היטן אַז שמוגלערס זאָלן נישט אַריינקומען מיט שיפלעך, אויף וועלכע עס האָט זיך געקענט געפינען כאַשיש, אָפּיום און אַנדערע אַזעלכע פאַרבאָטענע סחורות. האָב איך, אַ משוגענער, געטרייער דינער פון געוויסן, מיר געמאַכט פאַר אַ געוווינ־הייט צו גיין צום גומעריק אַרום 11־12 ביינאַכט, קאָנטראָלירן די וואַך און בכלל זען, צי אַלץ איז דאָרט אין אָרדענונג. אַזוי פלעג איך גיין צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט געפאַר, ווייל דער וועג צום צאָל־אַמט האָט געפירט דורך שמאָלע, פינצטערע געסלעך.

איך האָב אויך געהאַט די אויפגאַבע צו קאָנטראָלירן די וואַך אַרום פּריוואַטע הייזער אין פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט, ווען אין אַזעלכע הייזער זענען געווען פאַלן פון אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, ווי דיפטעריע, סקאַרלאַטין, שוואַרצע פּאָקן, אָדער אַנדערע בייזע אַנשיקענישן. און אָט די קאָנטראָלן מיינע האָבן אויך אַ מאָל גע־בראַכט צו ערנסטע אומאָנגענעמלעכקייטן, ווען צב"ש, איך האָב נישט געפונען אויף זיין פּאָסטן דעם פּאָליציי־מאַן, וועלכן איך האָב דאָרט אַוועקגעשטעלט. אָט אַזעלכע פאַלן בין איך געווען געצוווּנגען צו ראַפּאָרטירן צום ד"ר שמאַי.

* * *

אַרום אין מיטן יולי דאָס יאָר, האָט זיך פאַרלאָפן אַ געשעעניש, וועלכע האָט שפּעטער געפירט צו אַ גרינטלעכער ענדערונג אין אונדזער לעבן און האָט אויך געלייגט דעם חותם און אָפּגעשלאָסן דאָס קאַפּיטל פון מיין קאַריערע ווי אַ קאַראַנ־טין־באַאַמטער.

איין מאָל, אין אַ פרימאָרגן, ווען כ'בין אַרויף אויף אַן אַריינקומענדיקער שיף פון פּאָרט־סעיד און דורכגייענדיק דעם אויבערשטן דעק, האָט מיר איינער פון די פּאַ־סאַזשירן אָפּגעשטעלט און אויסגערופן, ממש אויסגעשריען: — האַלאָ, מר. הורוויץ, וואָט אַר יו דואינג הירז! (מר. הורוויץ, וואָס טוסטו דאָ). ער האָט מיך אַרומגע־כאַפּט און געקושט. און ווען כ'בין צו זיך געקומען נאָך דער איבעראַשונג, האָב איך אין דעם מענטש דערקענט מיין פריינט פון אויסטראַליע מר. יוסף דאַרעווסקי, מיט

זועמען איך האָב זיך צעשיידט מיט אַ וועלכע אַכט יאָר צוריק, ווען כ׳האָב פאַרלאָזן מעלבורן מר. דאַרעווסקי האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין נייראָבי, בריטיש מזרח־אַפריקע (איצט, קעניאַ) און איצט איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל זיך צו באַזעצן דאָ, צוזאַמען מיט זיין פרוי און זייערע צוויי קינדער. און נאָך דעם ווי די פאַמיליע דאַרעווסקי האָט זיך געפונען אין אַ האָטעל עטלעכע טעג, האָב איך פאַר זיי געפונען אַ וווינונג, טאַקע אין דעם זעלבן הויז ווו איך האָב געוווינט, אויפן צווייטן שטאָק, איבער אונדזער וווינונג. צווישן אונדז האָט זיך פאַרבונדן אַן ענגע פריינט־שאַפט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביים סוף פון זעקסטן חודש פון מיין אַרבעט אין קאַראַנטין, האָט מען מיר אין אַ געוויסן טאָג ווידער אַרויסגערופן אין הויפּט־ביוראָ פון געזונטהייטס־צענטער. דאָרט האָט מיר דער הויפּט פונעם צענטער, קאַפּיטאַן האַרקנעס, נאָך אַ זייער פריינט־לעכן, פרייען און אינטימען שמועס דערלאַנגט אַ קליין פּעקעלע, צוגעבנדיק דערביי, אין לאַקאַנישע און ווייך ציִענדיקע ווערטער:

— דאָס איז אַ מתנה פאַר דיר, מר. הורוויץ, ווי אונדזער ערנסטן דאַנק־אויס־דרוק און אָנערקענונג פאַר דיין זייער פּינקטלעכן, אויפריכטיקן און ערלעכן דערפילן די פליכטן פון דיין אַמט אַלס סערזשאַנט־מיידזשאָר. און פון איצט אָן ווערסטו, מר. הורוויץ, דערהויבן צום ראַנג פון צווייטער לייטענאַנט. און דאָ, אין דעם פּעקעלע, האָסטו צוויי עפּאָלעטן אויף וועלכע עס זענען אַריינגענייט צוויי שטערן, — דער סימבאָל פון דיין ראַנג. איך ווינטש דיר גליק און דערפאָלג אין דער נייער קאַפּאַצי־טעט, אָפיציר הורוויץ.

און דריקנדיק מיין האַנט, שטאַרק און וואַרעם, האָט ער פון מיר גענומען אָפּ־שייד. איך האָב אים זייער העפלעך באַדאַנקט און בין אַוועק. די דערהויבונג אין ראַנג האָט געמיינט אַ העכערונג אין געהאַלט, — נאָך אַ פונט אויפן חודש.

**
*

אַ שווערע, אַ גאָר שווערע לאַגע האָט זיך געשאַפן אין דער נאָך שווערערער אָנשטרענגונג פון די אויסגעמאַטערטע כוחות פון פאָלקס־אָרגאַניזם, וואָס האָבן זיך באַמיט מיט איבערמענטשלעכע מעגלעכקייטן צו באַוועגן דעם אַפּאַראַט פון תחית העם והארץ אין די ראַמען פון דער „בית יהודי לאומי״ פאָרמולע. עס איז געווען זייער, זייער שווער צו באַאיינפלוסן יידישע יונגעלייט און זיי באַוועגן אָנצונעמען פּאָסטנס אין דער שטאָטישער, אָדער קאַראַנטין־פּאָליציי. די יעניקע אָבער, וועלכע האָבן יאָ איינגעשטימט דאָס צו טאָן, צו ברענגען זיך אַליין און די פּערזענלעכע באַ־קוועמלעכקייט ווי אַ קרבן פאַר דער נאַציאָנאַלער נויטווענדיקייט, האָבן גאָרנישט גע־האַט קיין לייכטע אויסקומעניש, אין מאַטעריעלן זין, אויף דעם קליינעם געהאַלט וואָס

זײ האָבן באַקומען. אָבער, װען צום טיפן און װײטיקלעכן באַדױערן פון די מנהיגים פון ייִדישן לעבן, װען ס׳איז פון זײ געפאָדערט געװאָרן אָפּצושטעלן דאָס אױסצאָלן סובסידיעס צו רעגירונגס־אַנגעשטעלטע, האָט אַ שרעקלעכער קריזיס אַרײנגעטראָטן אין דער גאַנצער סטרוקטור פונעם אַנטװיקלונגס־אַפּאַראַט פון ייִדישן לעבנס־יסוד. צענדליקער און צענדליקער ייִדישע יונגעלײט האָבן פאַרלאָזן זײערע פּאָסטנס אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן.

די רעגירונג האָט אַרױסגעגעבן אַ שטרענגע פאַראָרדענונג אָפּצושטעלן װעלכע ס׳איז סובסידיע, אין יעדער פאָרעם, װי אַ צוגאָב צום געהאַלט װאָס די רעגירונגס־באַאַמטע און אָנגעשטעלטע באַקומען. „עס איז נישט צום דולדן, — האָט די הױכע רעגירונגס־אינסטאַנצן געטענהט, — אַז רעגירונגס־מענטשן זאָלן באַקומען אײנ־קונפטן פון װעלכן ס׳איז פּריװאַטן קװאַל, און דאָס מוז תיכף אָפּגעשטעלט װערן״.

און װען כ׳האָב אַ הײם געבראַכט מײן חודשלעכע שכירות מיטן טיפן אַרײנ־שניט אין דעם, — צען מיט אַ האַלבן פונט, אַנשטאָט פערצן מיט אַ האַלבן פונט, — האָבן מיר דאַן דערפילט דעם װאָגיקן בראָך נאָך שװערער, נאָך טרױעריקער. איך פלעג דאָך אױך פריִער, פאַר דער „אָפּעראַציע״, מוזן אַרױסציִען פון מײן אָרעמער, זיך אױסשעפּנדיקע באַנק־קאָנטע אַ היפּשע סומע פונטן צו דערשטופּן דעם לאַנגן ריס אין מלבוש. און מיר האָבן זיך טיף און ערנסט אָנגעהױבן אַרײנטראַכטן אינעם טרױעריקן מצב פון אונדזער מאַטעריעלן געראַנגל. װאָס טוט מען? מיר האָבן מיט שװערע, דערדריקטע געמיטער געזוכט אַן אױסװעג.

אונדזערע פרײנט, ה׳ דאַרעװוסקי און פרוי, האָבן זיך געפילט פאַרביטערט און פאַרצװײפלט. זײ האָבן זיך געראַנגלט אין אַ מוראדיקן פלאָנטער פון טרױעריקע געדאַנקען. ער, ה׳ דאַרעװוסקי, האָט געבראַכט מיט זיך סחורות אין װערט פון עטלע־בע טױזנט פונט: עמאַלירטע טעפּ, שיסלען, שאָלן און טאַצן א״אַנד. און אין די שלעכט געפּאַקטע קאַסטנס אין די קאַמערן פון שיף און די נאָך ערגערע מעטאָדן פון אױס־לאָדן פון דער שיף די סחורות, איז אַ גרױסער טײל פון זײ רויִנירט געװאָרן און האָבן פאַרלױרן זײער פיל פון זײער װערט. און דאָס האָט געמײנט אַ גרױסער פאַרלוסט. דאָס איז געװען בײ זײ אײנע פון די צרות אױפן מאַטעריעלן געביט. עס איז זײ אונטערגעקומען נאָך ערגערס. ער, מר. דאַרעװוסקי, איז אין לױף פון דער צײט ערנסט קראַנק געװאָרן, געלעגן צו בעט בײ אַ 6־5 װאָכן צײט, און דאָס האָט געפירט צו אַ כך גרעסערע געלט־פאַרלוסטן, דורך זײן אומפעיִקײט אָנצופירן זײנע געשעפטן.

און אין צוגאָב צו דעם אַלעם, האָט נאָך עפּעס גאָר צרהדיקס פּאַסירט. זײער עלטערע קינד, אַ מײדעלע פון אַכט יאָר איז קראַנק געװאָרן אױף דער טיפוס־קראַנ־קײט און גאַנצע זעקס װאָכן צײט האָט זי זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המות, גע־שװעבט צװישן לעבן און טױט. און די מאַמע, דאָס אומגליקלעכע װײב און מאַמע,

האָט אירע אויגן אויסגעוויינט און אויסגעקלאָגט: דער מאַן קראַנק, דאָס קינד — אַ האַלבער בר־מינן, און דאָס צווייטע קינד, אַ מיידעלע פון פיר מיט אַ האַלבן יאָר! אוי, וויי, מיין בראָך, מיין אומגליק, ווי פאַרהיט מען דאָס צווייטע קינד זאָל חלילה זיך מיט דער טיפוס־קראַנקייט נישט אָנשטעקן, און, מיר האָבן דאָס קינד צו אונדז אין שטוב אַריינגענומען, איר געהאַלטן, געהיט און געוואַכט איבער אַכט וואָכן צייט, ביז די עלטערע איז אין גאַנצן געזונט געוואָרן. און אין די לאַנגע, לאַנגע וואָכן האָט פרוי דאַרעווסקי זעלטן ווען איר קינד געזען; זי האָט מורא געהאַט אַריינצוקומען צו אונדז, זי זאָל די טיפוס־קראַנקייט צו איר קינד נישט פאַרשלעפּן.

ווען וואָכן נאָך שלאָפלאָזע נעכט, קראַנקהאַפטיקע טעג און דערדריקטע האַרץ־קלעמעניש האָבן די דאַרעווסקיס געהערט פון דאָקטערס מויל, פלאַטערנדיק און ציטערנדיק, אַז די געפאַר איז פאַריבער, אַז דאָס קינד וועט געזונט ווערן. און ווען מר. דאַרעווסקי האָט, אַן אויסגעמאַטערטער פון די טיפע וויטיקן אינעם קראַנקן־בעט, געמאַכט זיין באַלאַנס־חשבון פון דעם צושטאַנד פון זיינע ביזנעס, האָט ער ערשט זיך אָנגעהויבן צוהערן מיט מער ערנסט, מיט מער איבערלייגונג צו די וויי־געשרייען פון פרוי דאַרעווסקי:

— געוואַלד, לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען! ארץ־ישראל איז נישט פאַר אונדז! דער שטן אַליין האָט זיך אין אונדזער וועג אַוועקגעשטעלט. אונדז צו פייניקן, אונדז ווי צו טאָן, אונדז אומצוברענגען. לאָמיר אַוועק צוריק קיין ניראָבי, לאָמיר זיך אַרויס־ראַטעווען פון וויסטן אומגליק אונדזערן! געוואַלד, לאָמיר ראַטעווען אונדזערע קינדער, צוריק קיין קעניאַ!

***

אין מיין נייעם ראַנג, ווי אַן אָפיציר מיט צוויי שטערן, האָב איך פּלוצים אַ וואַקס אויס געטאָן מיט צוויי קעפּ העכער, מיט דריי גראַדן ברייטער אין פאַרנעם. יעדער פּאָליציי־מאַן אין שטאָט, ווען ער האָט מיך געזען, האָט ער גלייך אַלע פינף פינגער צו זיין שטערן צוגעהאָפטן און מיר אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד. אַ סך יידן האָבן אין מיר דערזען אַ פּריץ, אַן אָפיציר מיט שטערן, מיט עפּאָלעטן, אַ גאַנצער פאַרנעם. מיין ווערט איז געוואַקסן, כבוד פון אַלע זייטן, אַפילו חניפות, שמייכלען. כ׳בין געוואָרן אַ פּאַני הורוויץ.

ביים פּאַרט האָבן אַלע אָנגעשטעלטע, אַפילו די העכערע באַאַמטע זיך אָנגעהויבן באַציִען צו מיר מיט אַ גרעסערן רעספּעקט, מיט מער צוהערן זיך צו דעם וואָס איך האָב צו זאָגן. איך בין געוואָרן „יאַ עפענדי" מיט אַן אויסגעשריי ביי מיינע אונטערגעאָרדנטע, מיט אַ מער הכנעהדיקן אויסרוף: — יאַ עפענדי!

איצט, ווען איך שרייב אָט די שורות, רופט עס ביי מיר אַרויס אַ געלעכטער — אייזיק הורוויץ, יאַ עפענדי!

יאָ, כבוד, שמייכלען, טיפע אָפּשאַצונגען, אַפילו זייער בכבודיקע בויגונגען פאַר דעם אמת און זיין טרעגער. אָבער קיינער פון די כבוד־צוטיילער, קיינער פון די צושמייכלער האָט נישט געפילט, האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, ווי שווער עס פאַלט אויף מיר דאָס טראָגן די משא פון מיין שטעלע, ווי ביטער און שווער עס בייגט מיר אַרונטער דאָס טרויעריקע געפיל, אַז אָט, אָט, נאָך אַ חודש, נאָך אַ חודש און מיין באַלאַנס אין באַנק־ביכל דערגרייכט שוין באַלד צו זעראָ, צו דעם 0־ציפער, ער ווערט בלאַנק, און ס'וועט מער נישט זיין מיט וואָס צו דעקן דעם שייגענדיקן כבוד־בליאַסק פון מיין גלאַנצענדיקער הויכער פּאָזיציע; דעפיציט וועט שטאַר און אַכזריותדיק דעם בליאַסק פאַרטונקלען, פאַרדעקן, פשוט — אים אויסחוזקן. נאָר איך אַליין האָב עס געפילט און דורכגעווייטיקט, און מיין ליבע חיה האָט געהאָלפן מיטפילן און מיט־ווייטיקן.

ווען אין רעזולטאַט פון דעם פאַרצווייפלונגס־געפיל האָבן זיך אָנגעהויבן אָנ־קלייבן ביי אונדז פראַגן, שטעכיקע פראַגן, מאָנענדיקע, נאָגנדיקע: — וואָס ווייטער? וואָס נעמט מען אונטער, כדי צו לינדערן די אָניאָגנדיקע מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, דאַן האָט האָט אונדז אונטער דער לאַסט פון דעם אָראָפּוועגנדיקן פאַרביטערונגס־פּחד זייער אָפט דערמוטיקט דער ווידערקול פון אונדזער פריינדין דאַרעווסקיס אויסגעשריי: — „גוואַלד, לאָמיר אַנטלויפן!" אָבער בעת ביי זיי, ביי דער פאַמיליע דאַרעווסקי, איז עס געווען נישט מער ווי פראַגע פון זיך אומקערן צוריק צום וואוינ־אָרט זייערן, איז ביי אונדז געשטאַנען די ברענענדיקע פראַגע: וווהין? וווהין לויפן? און די נאָך ערגערע פראַגע: מיט וואָס צו לויפן? מיט וועלכע געלט־מיטלען קענען מיר דאָס לויפן דורכפירן, אין דער צייט ווען מיין באַנק־ביכל האָט אַ גוססדיקער שוין אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון פטירה, וואַרטנדיק נאָר אויף די חברה־קדישא שמשים.

און דאָ, אין דער נאָענטער ווייטקייט, טרייסט־ווערטער פון אונדזערע פריינט, די דאַרעווסקיס; טרייסט־ווערטער און עצות טובות:

— וואָס דאַרפט איר דאָ זיצן און זיך מאַטערן אויפן שטיקל ברויט, נישט קע־נען זיך פאַרגינען אַפילו די נייטיקסטע באַדערפענישן וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף און מוז האָבן. אין ניירּאָבי קענט איר זיך גאַנץ פיין איינלעבן, און נישט דווקא פון מסחר, נאָר אַפילו פון אַרבעט. איר קענט דאָרט באַקומען אַ שטעלע, פון וועלכער איר וועט קענען לעבן בכבוד. פאָלגט אונדז, קומט מיט אונדז קיין ניירּאָבי! מיר פאַרזיכערן אייך אַז איר וועט קיין חרטה נישט האָבן. אמת, אידעאַליזם, ליבע צום לאַנד, נאַציאָנאַלע געפילן, תחית־העם זענען געפילן נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. אָבער ווען איר זעט פאַר זיך נאָענטע, אָנקומענדיקע שוואַרצע טעג; ווען איר ווייסט געווי, אַז מיט אייער געהאַלט וואָס איר באַקומט קענט איר אַפילו קיין האַלבן חודש נישט דורכלעבן, דאַן איז עס זייער אומטאַקטיש, אפשר אויך, — דערלויבט

מיר צו זאָגן, — נאַריש פון אייער זייט צו פאַרבלייבן דאָ און זען פאַר זיך די זיך אַנרוקנדיקע ביטערע טעג, און בלייבן אַנמעכטיק און הילפלאָז זיי צו פאַרמיידן. פאָלגט אונדז, נעמט אָן די עצה פון גוטע פריינט און פאָרט מיט אונדז קיין קעניאַ! מיר האָבן באַשלאָסן אין גיכן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. און נעמט נישט אָן פאַר אומגוט, מיר מיינען עס ערנסט און ערלעך: מיר וועלן אייך העלפן אין אייערע רייזעקאָסטן. מיר זענען אייך זייער און זייער דאַנקבאַר. מיר קענען נישט גענוג אָפּשאַצן אייער איבערגעגעבענע און באַרמהאַרציקע הילף אין אונדזער נויט, אין דער קראַנקייט פון אונדזער קינד, ווי אויך אין אויפהאַלטן און אָפּהיטן אונדזער צווייטע קינד. מיר וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן אָט דאָס גוטסקייט אייערע, מר. און מרס. הורוויץ. און אויב מיר קענען כאָטש מיט עפּעס וואָס ס׳איז אייך אַרויסהעלפן — טוען מיר עס מיט גרויס פאַרגעניגן. מיר וועלן אייך העלפן וויפל נאָר עס וועט בייטיק זיין. פאָלגט אונדזער עצה, אָן אמת פריינטלעכע עצה.

אָט אַזעלכע עצות האָבן די דאַרעווסקיס אונדז געלאָזט הערן מערערע מאָל, ביידע צוזאַמען און אַ מאָל יעדער איינער פון זיי באַזונדער, ביז... ביז חיה האָט אין אַ טאָג, ווען איך בין אַ היים געקומען פון מיין אַרבעט, מיר געלאָזט וויסן, אַז זי דענקט אַז די דאַרעווסקיס זענען גערעכט און אַז מיר דאַרפן אָננעמעןביידע פאָרשלאָגן וואָס זיי האָבן אונדז געמאַכט — צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און מיטפאָרן מיט זיי, און אויך, אַז מיר זאָלן אָננעמען זייער אָנבאָט צו העלפן אונדז. זי האָט אַ סך נאָכגעקלערט, — האָט זי געזאָגט, — זי האָט גוט איבערגעטראַכט אַלע אַספּעקטן און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה, קיין בעסערן אויסוועג, ווי נאָר אַוועקפאָרן פון דאַנען.

חיהס ווערטער האָבן מיר אין גאַנצן צעחושט, זיי האָבן געמאַכט אויף מיר אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. פאַרלאָזן ארץ־ישראל, איצט, נאָכן צווייטן מאָל שוין לעבן דאָ, ווען אַ ליכטיקער שטראַל פון האָפענונג שפּאַרט זיך שוין אַדורך דער גרויער נעפּלדיקייט — „בית יהודי לאומי״? און עס קען דאָך פאָרט פירן צו גאולה, אפשר טאַקע נישט קיין פולשטענדיקע גאולה, אָבער דאָך: „בית יהודי לאומי״! יידן קומען אין די טויזנטער און ווי נישט ווי, עס שאַפט זיך דאָך אָן אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער יידישער לעבן! אמת, מיט גרויסע שוועריקייטן, מיט שווערע חבלי־לידה, אָבער עס קען דאָך, עס וועט דאָך צו עפּעס פּאָזיטיוועס פירן. אַ שאָד, איצט אַוועקפאָרן מיינט, ס׳קען מיינען — ווער ווייסט צי עס וועט נאָך אַ מאָל באַשערט זיין צו בייזיין און מיטהעלפן אינעם פּראָצעס פון „תחית העם על אדמתו״.

איך בין אין די פאָלגנדיקע טעג אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער. עס האָט אין מיין מוח געהאַמערט די קיין מאָל נישט פאַרענטפערטע פראַגע, די אַנגעוויטיקטע פראַגע: ווען קען און דאַרף קומען די ישועה? און ווער דאַרף און מוז העלפן אויף צו

בר'ענגען די ישועה, ווער דאַרף ברענגען דעם קרבן, ווער מוז עס דורכטראָגן די חבלי־לידה פון ווידערגעבורט פון פאָלק אויף אייגענער ערד?

⁂

איך בין דערווייל אָנגעגאַנגען מיטן אויספירן די פליכטן פון מיין אַמט. און כאָטש דער קאָפּ מיינער איז שוין געווען שטאַרק צערודערט, די געדאַנקען צעפלויגן, דאָס גלייכגעוויכט צעטרייסלט, דאָך האָב איך מיינע דינסט־פליכטן אויף קיין האָר נישט פאַרנאַכלעסיקט. און מיין שעף, ד״ר שמאי, אָדער די אַלע פּאָליציי־לייט אונ־טער מיין אויפזיכט, — קיינער פון זיי האָט נישט געקענט באַמערקן אין מיר די ענ־דערונג, אָדער דאָס וואָס איך וועל זיי אין דער נאָענטער צוקונפט לאָזן וויסן. אַלע און יעדער איינער, אַלע מיט וועמען מיין אַרבעט האָט מיר געבראַכט אין קאָנטאַקט, ווי אויך יידן פון דרויסן, פון שטאָט, פון גאַס, אַלע האָבן מיר געשעצט פאַר מיין ערלעכן און שטאַנדהאַפטיקן טראָגן די אויפגאַבן פון מיין אַמט, באַצירנדיק דערמיט מיין מונדיר און ראַנג.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ שיינער עפּיזאָד, וואָס פאַרדינט פאַרצייכנט צו ווערן: אין אַ געוויסן טאָג איז אַריינגעקומען אַ שיף אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען ווי אַ פּאַסאַזשיר דער ד״ר שמריהו לעווין. די שיף האָט לויטן קאַראַנטין־רעגלאַמענט גע־דאַרפט פאַרבלייבן אונטער קאַראַנטין דעם טאָג נאָר ביז זעקס אין אָוונט. אין אַזאַ פאַל האָבן מיר די פּאַסאַזשירן געלאָזן אויפן שיף און זיי נישט אַרונטערגענומען אויף צו פירן אין קאַראַנטין־לאַגער. און איך האָב דעם ד״ר שמריהו לעווין, לויט אַ פאַר־שטענדיקונג מיט אים, אַרונטערגענומען פון שיף צו אונדז איבעם קאַראַנטין־משרד און אים דאָרט דערלויבט צו פאַרבלייבן ביז זעקס אַ זייגער אין אָוונט, באַזאָרגנדיק אים מיט שפּייז. אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס וועגן ד״ר לעווינס אָנקו־מען און עס זענען געקומען פאָרשטייער פון אַ פאָר געזעלשאַפטן, אויך פונעם ועד הצירים איז מען געקומען, צו באַגעגענען און זיך דורכצושמועסן מיט אים. עס איז קיינעם נישט דערלויבט געוואָרן אַריינצוקומען אין אונדזער ביוראָ און אַלע זענען געשטאַנען לעבן דער געביידע פון קאַראַנטין־דינסט, און ד״ר לעווין האָט מיט זיי געפירט אַ שמועס דורכן פענצטער, פון אויבן אַראָפּ, פונעם צווייטן שטאָק.

איך בין גראָד געווען אין צימער, ווען אַ פאָר פון די אונטן־שטייענדיקע מענטשן האָבן צום ד״ר לעווין געזאָגט:

— קומט אַראָפּ אויף איינינקע מינוט, מיר האָבן וויכטיקע זאַכן מיט אייך אי־בערצורעדן.

דערויף האָט ד״ר לעווין געענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— ווי קען איך אַרונטערגיין, אַז עס שטייט ביים טיר אַ גזלן, אַ יידישער גזלן

און לאָזט נישט אַרויסגיין, — אַנוואַרנדיק דערביי אויף מיר מיט טיף מילדע און וואַרעמע בליקן. און איינער פון אונטן האָט דערויף באַמערקט:

— הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזעלכע גזלנים, ווי אָט דער אדון הורוויץ!

און מר. שיינקין, וועלכער איז אויך געווען אונטן צווישן עולם, האָט זיך אָפּגערופן:

— זע נאָר, ביי אונדז האָט ער נישט געטויגט און דאָ איז ער אַ גאַנצער מאַכער!

איך האָב דערויף גלייך רעאַגירט:

— אדון שיינקין, אפשר האָט איר נישט געטויגט? טוט נאָר אַ טראַכט!

מיט דער צייט האָט איך איינגעזען די אומבאַגרינדעטקייט פון מיין פאַרלוירענעם קאַמף. ביי אונדז אין שטוב האָבן אָנגעהויבן אויספעלן פיל זאַכן. ווען כ׳האָב, צוליב פאַרשידענע סיבות, נישט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוצי׳ען אין צייט די נייטיקע סומע פון באַנק אויף צו דעקן דעם חודשלעכן דעפּיציט. און אין אַ געוויסן טאָג, ראַנגלענדיק זיך מיט זיך אַליין, האָב איך באַשלאָסן נאָכצוגעבן חיהס ווונטש: אויסהערן און אָננעמען די עצה פון אונדזערע פריינט, די פאַמיליע דאַרעווסקי.

ווען כ׳האָב געלאָזט וויסן דעם ד״ר שמאי מיין דעציזיע, האָט ער כמעט ווי פאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט, געוואָרן שטאַרק אויפגעברויזט: אָט רויט און אָט בלייך, און ציטערנדיק מיט שווערקייט אַרויסגערעדט:

— מר. הורוויץ, איך קאָן דיר נישט איבערגעבן ווי שאַרף דיין איצטיקע מעלדונג האָט מיר אָנגעגריפן, ווי טיף גערירט און דערשיטערט איך בין פון דיין באַשלוס אונדז צו פאַרלאָזן. דו ביסט פאַר מיר געווען מער ווי אַ באַאַמטער, מער ווי אַ פליכטן־טרעגער, און דיין פאַרלאָזן וועט מיינען פאַר מיר פערזענלעך אַ גרויסן, אַן אומאָפּשאַצבאַרן פאַרלוסט, שוין נישט רעדנדיק פון דעם משרד, וועלכער פאַרלירט אין דיר אַ בעסטן אויפזעער און פליכטן־אויספירער. אָבער, איך פאַרשטיי דיר און באַנעם, באַגרייף די ערנסטקייט פון דיין שריט. איך ווינטש דיר גליק ווו נאָר דיין גורל וועט דיר פאַרטראָגן. דיין אָנדענק וועט פאַר מיר שטענדיק זיין אַ טייערער דענקמאָל פאַרן אָמט וואָס דו האָסט אַזוי ערנהאַפטיק און מיט פּינקטלעכקייט באַקרוינט און דערפילט. איך וועל מאָרגן אָפּשרייבן פאַר דיר אַן אָפּשאַץ־בריוו, אַ דאָקומענט, וועלכער, אַזוי וויל איך האָפן, וועט אויסדריקן מיין מיינונג וועגן דיר, און אפשר, ווער ווייסט, אפשר וועט דאָס דיר אַ מאָל קענען ברענגען נוצן.

אויף צו מאָרגנס האָט דער ד״ר שמאי מיר איבערגעגעבן דעם צוגעזאָגטן בריוו. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מיך געזעגנט מיט אַלע מיינע סובאָרדינירטע, ווי אויך מיט די אָנגעשטעלטע אין משרד. ד״ר שמאי האָט געפּילפּול מיר געדריקט די האַנט, האָט נאָך אַ מאָל מיר געדאַנקט פאַר מיין איבערגעגעבענער מיטאַרבעט און מיין הילף, וואָס איך האָב צו יעדער צייט „וויליק, פריינטלעך און אויפריכטיק אים געליסטעט״.

***

איך גיב דאָ אַ קורצן איבערבליק איבערן פּערסאָנאַל פון דעם קאַראַנטין־משרד אין יפו׳ר פּאָרט, פון דער צייט ווען איך בין אַהין אָנגעקומען ביז דעם טאָג ווען איך האָב אים פאַרלאָזט, אַרום די ערשטע וואָך פון נאָוועמבער 1920. ווען איך האָב איבערגענומען דעם פּאָסטן פון סאַרזשענט, האָב איך געהאַט אונטער זיך אַ קאָרפּאָ־ראַל און זעקס פּאָליציי־לייט, אַלע אַראַבער. און ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, זענען מיר געווען: אַ חוץ מיר, צוויי סערזשאַנטן —ביידע יידן, — צוויי קאָרפּאָראַלן (1 ייד און 1 אַראַבער) און צוועלף פּאָליציי־לייט, פון זיי פינף יידן. אין משרד זענען צו דער צייט געווען אָנגעשטעלט: מר. שוקרי, מר. לעווי און מר. ראַבין. אַלע יידי־שע פּאָליציי־מענטשן זענען אָנגעקומען אין פּאָליציי־דינסט אין קאַראַנטין אַ דאַנק מיין איניציאַטיוו און רעקאָמענדאַציע. איך האָב רעקאָמענדירט, דער ד״ר שמאי האָט באַשטעטיקט און די צענטראַלע האָט אויפגענומען.

איך האָב אויפגעגעבן און פאַרלאָזן מיין פּאָסטן אין דינסט פון דער קאַראַנטין־פּאָליציי מיט נישט ווייניק פאַרדרוס און האַרצווייטיק, מיט נישט ווייניק אומעטיקע געדאַנקען און ווייטיקלעכע איבערטראַכטונגען. ווייל דאָרט, מער ווי אין וועלכן ס׳איז אַנדערן רעגירונגס־אַנשטאַלט, האָט זיך געפּאָדערט אַ יידישע האַנט, אַ יידיש אויג, אַ יידיש האַרץ.

נאָך דעם ווי כ׳האָב געבראַכט אין אָרדענונג אַלע נייטיקע פאָרמאַליטעטן אין שייכות מיט מיין אַרויספאָרן פון ארץ־ישראל, און האָבנדיק שוין אין האַנט אונדזע־רע פּאַספּאָרטן, אַרויסגעגעבן פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג, געשריבן אין דריי שפּראַכן: ענגליש, עברית און אַראַביש (זיי געפינען זיך ביי מיר ביז צום היינטיקן טאָג), האָבן מיר, צוזאַמען מיט דער פאַמיליע דאַרעווסקי זיך געזעצט אויף אַ שיף דעם ניינטן נאָוועמבער 1920, וועלכע האָט אונדז פון יפו׳ער פּאָרט געפירט און גע־בראַכט קיין פּאָרט־סעיד אויפן צווייטן טאָג.

54. — איך עמיגריר קיין קעניאַ, מזרח־אַפריקע

אין פּאָרט־סעיד, אַ נייע וועלט, אַ פרעמדע וועלט, אַ דור־הפלגה, אַ קעסל־גרוב. מיר האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין אַ האָטעל, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי וואָכן צייט, וואַרטנדיק אויף אַ שיף, וואָס זאָל אונדז אויפנעמען און ברענגען קיין מאָמ־באַסאַ, דער וויכטיקסטער פּאָרט פון קעניאַ, אויפן אינדישן אָקעאַן. מיר האָבן זיך איינגעשאַפט שיפסקאַרטן אין דער איטאַליענישער אַגענץ פון דער שיפס־געזעלשאַפט „ראָמאַ״, וואָס האָט קורסירט צווישן איטאַליע און מאָמבאַסאַ.

אונדזער ווילן אין פּאָרט־סעיד איז געווען זייער לאַנגווייליק. יעדן טאָג זענען מיר געגאַנגען אין שטאַטישן פּאַרק, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט לאַנגע שעהן פונעם טאָג. טאָג־איין, טאָג־אויס זענען מיר אַזוי געגאַנגען, פון האָטעל אין פּאַרק, פון פּאַרק אין רעסטאָראַן עסן מיטיק, פון רעסטאָראַן אין האָטעל „רויען״ און — צוריק אין

פּאַרק. אַ כאַליאַסטרע לײדיקגײער זענען מיר געוואָרן, אָדער גלאַט גײער. טויזנטער מענטשן, פרעמדע מענטשן גײען אַהין און צוריק, פּונקט ווי מיר, צו פּאַרטרײבן די צײט, די מאָנאָטאָנע שעהן, ביז זײער שיף וועט אַרײנקומען אין פּאָרט־סעיד און זײ אַוועקנעמען צו די פאַרשידענע פּאָרטן פון יענע לענדער, וווּהין זײ קלײבן זיך צו געפינען דאָרט זײער מקום־מנוחה.

פּאָרט־סעיד, אַ געווירבל פון אַ פילפאַרביקן מענטשן־קנויל, אַ געמיש פון ראַסן, פעלקער און קאָלירן פון מזרח און מערב, פון דרום און צפון. מען קומט אַהער פון פאַרשידענע וועלט־טײלן דורכצושווימען דעם סועץ־קאַנאַל און ווײטער זיך פונאַנ־דערשפּרײטן איבער אַלע עקן פונעם וועלט־קױגל. דער סועץ־קאַנאַל — אַ מין שטור־מע סאַרטיר־מאַשין, וואָס נעמט אויף אין זײן אַרײנגאַנג פונעם מיטללענדישן ים טויזנטער שיפן, מיליאָנען מענטשן־קינדער און דורכוויגנדיק זײ אויף זײנע שטילע, מילדע וואַסער־כוואַליעס ביז צום צווײטן ברעג סועץ־קאַנאַל, בײם רויטן ים, טײלן זײ זיך דאָרט פונאַנדער, דער אַהין און יענער אַהער, יעדן צו זײן געווינטשטן ברעג און ווינקל. און דער זעלביקער פּראָצעס גײט אָן אין דער פאַרקערטער ריכטונג — פון רויטן ים, דורכן סועץ־קאַנאַל, צום מיטללענדישן ים.

אונדז איז אויסגעקומען צו זען אַן עפּיזאָד, אַ געשעעניש אַזאַ, וואָס קלינגט זײער פרעמד, פּיקאַנט, עקזאָטיש, אַפילו פאַנטאַסטיש.

אײן מאָל, אין אײנעם פון די זיך צי:ענדיקע פוילע טעג, זיצנדיק אויף אַ באַנק אין פּאַרק און באַטראַכטנדיק די אומצאָליקע רעגנבויגן־קאָליריקע, שפּאַצירנדיקע מענטשן־מאַסע, האָט זיך פאַרבײ אונדז פאַרבײגעטראָגן, ווי פאַרבײגעשוועבט אַ מאָדנע הויכע פיגור, אַ גלח־געשטאַלט, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סורדוט מיט אַ ווײסן שטײפן שטײענדיקן קאָלנער, אַ הײליק קירך־פּנים, באַצירט מיט אַ קורץ־געשוירן ראַסאָוון בערדל אַלאַ האָלענדישער פּריסטער פון פּראָטעסטאַנטישן רעליגיעזן צירקל.

— איך וואָלט געשווירן, — האָב איך צו מײן פרוי געזאָגט, — אַז אָט דער יעזוס־דינער פּנים איז מיר באַקאַנט; אַז איך האָב אים אַ מאָל ערגעץ־ווו געזען, אים נאָענט געקענט, טאַקע זײער נאָענט געווען מיט אים.

— גײ שוין, דו נאַרישער ייִדל, — האָט זיך חיה אָפּגערופן, — אין פּאָרט־סעיד, זיצנדיק אויף אַ באַנק אין פּאַרק זוכסטו באַקאַנטע, און נאָך צווישן פאַרבײגײער, פאַרבײשוועבנדיקע ווילד־פרעמדע מענטשן, גלחים מיט שוואַרצע אָנצוגן און שטײפע ווײסע קאָלנערס? שוטה! ווי קומסטו, אײזיק קײלע חײם־מרדכיס פון דובאָסאַר צו אַ האָלענדישן גלח, צו זײן מיט אים נאָענט, סײדן אין חלום!

עס איז אָבער מיט אים, מיט דעם הויכן בלאָנדן יעזוס־רעפּרעזענטאַנט אויך מיטגעגאַנגען, ווי מיטגעשוועבט אַ קלײן, דין און טונקל מענטשל, אַן אָנבליק פון אַ בית־מדרש חסידל, אָדער אַ משורדל בײ אַ חזן. און זײער טוליען זיך אײנעם צום צווײטן, דאָס האַלטן זיך אַזוי ווי צוגעבונדן פון אָט די צווײ קאָנטראַסט־געשטאַלטן,

האָט ביי מיר פאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז דאָ האָב איך פאַר זיך דערזען נישט קיין פרעמדע פאַרשוינען, געוויס נישט אַזעלכן וועמען איך האָב קיין מאָל פריער נישט געזען. אָבער געדענקען, זיך דערמאָנען ווער דאָס איז, אַרויסגראַבלען פון זכרון דעם געשטאַלט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם גלח־מענטש, — דאָס איז מיר אין יענע מינוטן נישט געלונגען. איך האָב מיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען. מיט אַ צוועלף חדשים שפּעטער האָט זיך דאָס פאַרהוילענע, די מיסטעריע אויפגעדעקט, טויזנטער מיילן ווייטער פונעם זיץ־באַנק אינעם פּאַרק פון פּאָרט־סעיד.

***

נאָך 15־16 טעג „פאַרברענגען" אין פּאָרט־סעיד, זענען מיר אַרויף אויף דער אָנגעקומענער איטאַליענישער שיף „ראָמאַ" און דורכשווימענדיק דעם סועץ־קאַנאַל אין אַ זייער לאַנגזאַמען טעמפּאָ — 4 מייל אַ שעה — זענען מיר אין דריי טעג שפּע־טער אָנגעקומען אין פּאָרט סודאַן. און דאָ האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט די פינצטערע פּלאָג פון אומוויסנקייט, פון מוראדיקער אָרעמקייט און... ווי נידעריק עס וואַלגערט זיך דער מענטשלעכער אָפּפאַל אין זיין אייגן־געשאַפענעם שטויב. ממש ווי פליגן האָבן מענטשלעכע געשטאַלטן אַרומגעפּויזעט, זוכנדיק עפּעס אַזעלכעס וואָס דערמאָנט אין שפּייז. אויף די לייבער — שטיקלעך פון געוועזענע מלבושים, געגנוג נאָר אויף צו פאַרדעקן דאָס וואָס די ציוויליזאַציע פאַרבאָט אויפצודעקן. אין דער ברענענדיקער היץ, אין די שרפהדיקע נאָכמיטיק־שעהן, זוכן די אומגליקלעכע, אַרויסגעשטויסענע, פאַרשטויסענע מענטשלעכע באַשעפענישן אַ שוץ־ווינקל קעגן דעם פלאַמענדיקן גיהנום; זיי זוכן עס אין הייזער־שפּאַלטן, אין ענגע ווינקל־גאַסן און רוען דאָרטן אויס דאָס אָרעמע ביסל פאַרטריקנטע הויט און ביינער.

אַ גרויל האָט אונדז אַרומגענומען צו זען דאָס פאַרחושכטע מענטשן־געזינדל, וועלכער ס'איז באַשערט צו ציִען חיונה פון טרוקענער לופט, מיסט־קאַסטנס, ערד און הימל, געשיצט פון און מיטן חסד פון דער ענגלישער קרוין. דאָ האָט ענגלאַנד, די הויך־ציוויליזירטע מלוכה ענגלאַנד, געהאַלטן וואַך איבער די נעבעך אומגעביל־דעטע, אומאַנטוויקלטע און אָפּגעשטאַנענע אַפריקאַנער, אַז זיי זאָל חלילה קיין בייז אויג נישט שאַטן פון דרויסן; זיי זאָלן קענען און זיין ביכולת פריי צו פירן און אָנ־גיין מיט זייערע זיטן און מנהגים, מיט זייער אייגענעם אַרט לעבן.

און נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרלאָזן פּאָרט סודאַן, און וואָס מיר האָבן דאָרט געזען, האָט שוין שפּעטער אונדז נישט דענערווירט, נישט אויפגערעגט, נישט אָפּגע־שטויסן, דאָס וואָס מיר האָבן געטראָפן און געזען אינעם פּאָרט פון מאַסאַוואַ אָדער אין דזשיבוטי, צי אין די פּאָרטן פון איטאַליענישן סאָמאַלי־לאַנד, ווי מערקאַ, בראַ־וואַ און מאַגאַדישאַ. אין איין פּאָרט ערגער ווי אין אַנדערן; אין איין פּאָרט שמוצי־קער און אומווירדיקער ווי אין צווייטן.

אין יעדער איינער פון זייערע אַפריקאַנישע קאָלאָניעס האָבן די אייראָפּעישע הערשער געוועלטיקט ביד רמה, דערדריקנדיק און דערשטיקנדיק יעדן אויסדרוק פון פּראָטעסט, פון מענטשלעכן אויפברויז, איינער מער אַכזריותדיקער ווי דער אַנ־דערער, פּונקט ווי די „ציוויליזירטע" פעלקער וואָלטן זיך דאָ געוועזן פאַרמאָסטן, ווער ווער עס וועט איבעריאָגן און אַריבערשפּרינגען אינעם געיעג פון מערדערישער הערשאַפט איבער מענטשלעכע וועזנס, מענטשלעכע לעבנס, מענטשלעכן אויסדויער.

אונדזער אָנקומען אינעם פּאָרט פון מאָמבאַסאַ, דעם 13טן דעצעמבער 1920, האָט פאַר אונדז באַדייט כמעט ווי אַן אָפּשניט פון אַן עפּאָכע, פון אַ געשיכטלעכער תקופה. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אַוועקגיין פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און אַן אַריינגיין צוריק אינעם פאַרנעפּלטן מיטל־עלטער, פאַרזונקען אינעם נעץ פון כישוף און געצנדינערײַ, אַריין און זיך איינגעבירגערט אין די געצעלטן פון די פּרעה׳ס פונעם גרויסן פּרעה „טוט־ען־קאַמאָן". די „שוואַרצע, ווילדע אַפריקע" האָט אונדז געגומען שלינגען, און ווען מיר זענען נאָך אַ משך פון צוואַנציק שעה פאָרן מיט דער באַן אָנגעקומען קיין נייראָבי, האָבן מיר גלייך דערפילט, אַז מיר זענען אַריין טיף־טיף אינעם האַרצן פונעם שוואַרצן קאָנטינענט.

די באַן פון מאָמבאַסאַ קיין נייראָבי האַלט אין איין קריכן באַרג־אַרויף, דראַפּעט זיך פרייכנדיק אויף די בערג אַרויף און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם דערשלעפּט זי זיך צו דער הויך פון פינף טויזנט מיט זעקס הונדערט פוס — נייראָבי.

נייראָבי, די הויפּטשטאָט פון דער קאָלאָניע קעניאַ, אַ שטאָט נישט קיין גרויסע, אַ שטאָט פון ווייסע מענטשן, פון אַ קלענערע צאָל מענטשן פון אינדיע און אַ קליינע צאָל שוואַרצע, איינגעבוירענע בירגער פון דער מדינה, קינדער פונעם שבט קיקיו. מיר האָבן געדונגען אַ צימער ביי אַ יידישער פאַמיליע, רעקאָמענדירט פון די דאַ־רעוווסקיס, און זיי אַליין האָבן געפונען אַ דירה פון פינף צימערן, טאַקע נישט זייער וויט פון אונדז. מיר האָבן זיך איינגעשאַפט די נייטיקע מעבל און געשיר פאַר אונ־דזער באַלעבאַטישקייט, און... מיר געפינען זיך אין אַפריקע. איך האָב גלייכצייטיק זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן און אינפאָרמירן וועגן פּרנסה־מעגלעכקייטן און דאָ האָבן מיר אַנטדעקט, אַז דער שלימזל האָט אונדז נאָכגעיאָגט — טאַקע אונדז פאַרלאָפן דעם וועג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך די מאַטעריעלע לאַגע אין דער קאָלאָניע שטאַרק געביטן צום ערגערן. די עקאָנאָמיע פונעם לאַנד האָט זיך געוואַקלט, געווען כמעט חרוב, צוזאַמענגעבראָכן.

אין די מלחמה־יאָרן און אין אַ יאָר־צוויי שפּעטער, האָבן סוחרים פון חוץ־לאָרץ אַלץ געקויפט, פּשוט געכאַפּט פון די הענט. שיפן פלעגן קומען און אַוועקנעמען אַלץ פאַר גוטע פּרייזן. איצט, אָבער, מיטן סוף פון דער פּראָספּעריטי, זענען אַלע וויכטי־

קע עקספּאָרט־פּראָדוקטן געבליבן ליגן אין די שפּייכלערס, כאָטש נעם און פאַרברען זיי, נישטאָ קיין קונים.

איך האָב זיך אַרומגעזען, אַז טראַכטן וועגן מסחר איז נישט לאָגיש אונטער די אומשטענדן און באַדינגונגען, און כ׳האָב מיין אויפמערקזאַמקייט געקערט אין דער ריכטונג פון זוכן אַן אַרבעטס־פּלאַץ, אַ דזשאָב, וואָס זאָל דערמעגלעכן קיום. און מערקווירדיק, מיינע טעסטימאָניאַל־בריוו פון ד״ר שמאי און פון דעם קאַפּיטאַן לוק, האָבן זיך דאָ אַרויסגעוויזן צו זיין נוצלעך און באַהילפיק. ווען כ׳בין אַוועק אין געזונטהייטס־דעפּאַרטאַמענט און האָב מיך פאָרגעשטעלט פאַרן שעף, קאָלאָנעל ד״ר גינעס, און געפרעגט אים, צי איז מעגלעך צו באַקומען אַ פּאָסטן אין זיין דעפּאַרטאַמענט, האָט ער איבערלייענענדיק די צוויי רעקאָמענדיר־בריוו מיינע, וואָס כ׳האָב אים דערלאַנגט, מיר גלייך פאָרגעלייגט אַ שטעלע ווי אַ געהילף פונעם פאַרוואַלטער פונעם קאַראַנטין־שפּיטאָל, מיט אַ געהאַלט פון 200 רופּיעס אַ חודש, דאָס האָט געמיינט צוואַנציק פונט שטערלינג אַ חודש. מיט אָט דער שטעלע איז אויך געווען פאַרבונדן אַ באַדינג: איך דאַרף וווינען אינעם שטח פונעם שפּיטאָל.

נאָך אַ פּאָר טעג נאָכדענקען און איבערלייגונג, האָב איך באַשלאָסן אָנצונעמען די שטעלע. ווען כ׳האָב דעם קאָלאָנעל גינעס אינפאָרמירט וועגן מיין איינשטימונג איבערצונעמען דעם אַמט פון געהילפס־פאַרוואַלטער, האָט ער מיר איינגעלאַדן מיטצופאָרן מיט אים אין זיין מאַשין צום שפּיטאָל, אין דעם איזאָלאַציע־שפּיטאָל, ביי אַ פיר קילאָמעטער ווייט פון שטאָט און דאָרט האָט ד״ר גינעס מיך פאָרגעשטעלט פאַרן פאַרוואַלטער, מר. עדוואַרדס, וועלכער האָט דאָרט געוווינט אין אַ פּאָר צימערלעך. און מיר אַלע דריי זענען דאַן אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן שטח פונעם שפּיטאָל און זיי האָבן מיר אַלץ געוויזן און מיר באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע פאַזן און איינצלהייטן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט מיין צוקונפטיקער אַרבעט.

ד״ר גינעס האָט מיר געפרעגט וואָס איך דענק, צי וועל איך קענען אויספירן אַלץ וואָס מיין אַמט וועט אויף מיר אַרויפלייגן, ספּעציעל, רעכענענדיק זיך מיט דעם ריזיקן שטח וואָס דער שפּיטאָל פאַרנעמט. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך האָף אַז מיר וועט זיך איינגעבן צו דערפילן די פליכטן אויפן בעסטן אופן, ווירדיק און טריי. און איך בין מיט מזל געוואָרן דער געהילפס־פאַרוואַלטער פונעם קעניער „איזאָליר־שפּיטאָל״.

55. — קאַראַנטין המשך

אין שטאָט, צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן די ידיעה, אַז אַ ייד, אַ יידישער יונגערמאַן פון פאַלעסטינע איז אָנגעשטעלט געוואָרן ווי אַ געהילפס־פאַרוואַלטער פונעם קאַראַנטין־שפּיטאָל. דאָס איז געווען אַ פּיקאַנטע נייעס אין נייראָבי. אַ ייד, האָט מען געוווסט, לעבט פון ביזנעס, האָט אַ וואַרשטאַט, אָדער

אַ קליין פֿאַבריקל; אָבער אַ ייִד אויף אַ דזשאָב, אַ געהילף גאָר אין אַ קאַראַנטין־שפּיטאָל — אַזאַ זאַך איז שווער צו פֿאַרדייען. פֿאַר אַ סך ייִדן איז עס נישט געווען גרינג צו באַנעמען. אַ קאַראַנטין־שפּיטאָל מיינט אַ שפּיטאָל פֿון אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, ווי כאָליערע, בובאָנישע פּעסט, דיפטעריע, שוואַרצע פּאָקן און נאָך אַזעלכע ענלעכע צרות. נו, די ייִדישע געמיינדע איז אַ קליינע, אין גאַנצן פֿון אַ וועלכע זעכציק פֿאַמיליעס, אַלע, אָדער כמעט אַלע קומען זיך צוזאַמען. נו, טאָ ווי אַזוי קען מען זאָגן אַ ייִדן, אַ תושב פֿון נייראָבי: — ר׳ ייִד, קומט נישט צו אונדז מאָרגן, זיצט אין דער היים, איר זענט אַ געפֿאַר אין אַ הויז, אַ געפֿאַר פֿאַר אונדז, פֿאַר אונדזערע קינדער! עפּעס האָט זיך פֿאַרצויגן אַ קווענקלעניש, אַ ציִען מיט די פּלייצעס, אַ פֿאַרקרימעניש מיטן נאָז. אָבער, שאַ, שטיל, קיינער האָט נישט גערעדט וועגן דעם אין דער הויך... אַ ייִד, אַ נייער ייִד, אַ פֿאַמיליע, זיי דאַרפֿן דאָך לעבן, נו, מילא. מען האָט דעם פּיל אַראָפּגעשלונגען, און יעדער איינער, פֿאַר זיך, האָט געשוויגן.

צו מיין אַרבעטס־פּלאַץ איז געווען אַ ביסל צו־ווייטלעך צו גיין יעדן טאָג אַהין און צוריק צופֿוס. קיין טראַמווייען זענען אין נייראָבי נישט געווען, קיין אויטאָבוסן אויך נישט, און באַנוצן זיך מיטן געוויינלעכן קאָמוניקאַציע־פּאַרקער, — מיט אַ ריקשאַ, — האָט געמיינט אַ צו־גרויסע הוצאה און כ׳האָב אויך קיין גרויסן חשק נישט געהאַט, אַז אַ מענטש אָנשטאָט אַ פֿערד זאָל שלעפּן דעם וועגל אין וועלכן איך זיץ צעליגט ווי אַ פּריץ. איך האָב געלייזט דעם בעל־עגלישן פּראָבלעם: כ׳האָב געקויפֿט אַ ביציקלעט, — אַ וועלאָסיפּעד, אויפֿן אַמאָליקן לשון, — און אין עטלעכע טעג בין איך שוין אין שטאַנד געווען צו באַנוצן מיין צוויי־רעדלדיקן פֿערדל־מאַשין פֿאָרן צוועק צו פֿאָרן צו און פֿון דער אַרבעט, און אויך — אַרומצופֿאָרן אינעם שפּיטאָל־שטח אויף צו מאַכן אינספּעקציעס אין די פֿאַרשידענע אָפּטיילונגען פֿון די שפּיטאָל־געביידעס.

איך האָב געשטרעבט זיך גרינטלעך צו באַקענען מיט יעדער איינער און אַלע טיילן פֿון מיין נייער אַרבעט, כּדי צו וויסן גענוי אַלץ וואָס ס׳איז נייטיק אויף צו קענען דערפֿילן מיינע אויפֿגאַבן בשלימות.

צו אונדזער דיספּאָזיציע, — דעם פֿאַרוואַלטערס און מיינע, — איז געווען אַ ביוראָ, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿיר צימערן, אַן אָפֿיס, אַן אַפּטייק־צימער מיט פֿאַרשידענע מעדיקאַמענטן און די אַנדערע צוויי צימערן האָבן געדינט פֿאַר דעם ד״ר גינעס אויפֿצונעמען קראַנקע און אויך ווי אַ פּלאַץ פֿאַר אונדזביידן צו „טשיפּען פּאָקן״, די „קאָנטאַקס״, ווען נייטיק.

אַ וואָרט וועגן „קאָנטאַקס״: ווען ערגעץ־ווו האָט פּאַסירט אַ פֿאַל פֿון אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקייט, האָט מען צוזאַמען מיטן קראַנקן, אָדער מערערע קראַנקע, אויך געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין אַלע פּערזאָנען וואָס זענען געווען אין באַריר מיטן קראַנקן.

אַזוי אַרום האָט מען אַ סך מאָל אַריינגעבראַכט גרויסע מאַסן „קאָנטאַקס" און זיי געהאַלטן איזאָלירט, לויטן קאַראַנטין־געזעץ. און אַזוי איז דאָס געווען אין דער גע־זוינלעכער רוטינערער אַרבעט, אַ שפּיטאָל ווי אַ קאַראַנטין־אַנשטאַלט. אין די Wards האָבן זיך פון צייט צו צייט געפונען קראַנקע, אָנגעשטעקטע מיט בובאָנישן פּעסט, שוואַרצע פּאָקן, אָדער היגער־פּאָקן און אַ מאָל אויך קראַנקע אויף לונגען־אָנטצינדונג פון וועלכער זעלטן ווען עס טרעפט, אַז מען זאָל פון דעם „אומגליק" זיך אַרויס־דרייען. נייך, כמעט קיין מאָל נישט. און אָט די קראַנקייט האָט געדויערט נישט מער ווי אַ טאָג־צוויי, און דער מלאך־המות האָט געקראָגן זיין קרבן.

מר. עדוואַרדס און איך, האָבן מיר באַזוכט די ערנסט קראַנקע יעדן טאָג, און מר. עדוואַדס פלעגט זייער אָפט אונטערזוכן אַ קראַנקן מעשה־מומחה, געטאַפּט אים אַינטערן אָרעם, ווו אַנגעדראָלענע געשווירן שאַפן זיך געווייגלעך פון דער לונגען־קראַנקייט. ער פלעגט אויך אַ מאָל אַריינדריגגען אין די וווּנדן־לעכער, אין דער דיך, לעבן די געשלעכט־אָרגאַנען, פון וואַנען ער האָט מיט זיין פולער האַנט־פלאַך פאַר־צויגן מיט אַ גומענער הענטשקע, אַרויסגעצויגן גאַנצע שטיקער מאַטעריע, ווי פון אַ ליידיקער כלי אַרויס. און דאָס האָט ער דאָך געצויגן פון אַ טיפער וווּנד פון אַ לע־בעדיקן מענטשלעכן קערפּער. איך פלעג יעדן מאָל, אין אַזאַ פאַל, אויפציטערן, אויפ־שוידערן צוזעענדיק ווי מר. עדוואַרדס רוקט אַריין זיין לאַפּע אין אַזאַ וווּנד־לאָך, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אייערלעך פון אַ זעלטענעם רויב־פויגל, און ער האָט צו מאָל אַפילו נישט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס פורקעט ער דאָרט אין דעם רויען, קראַנקן לייב פון אַ לעבעדיקן מענטש. עס האָט מיך אָפט קראַנק געמאַכט, אַריינגע־וואָרפן אין אַ פיבערדיקער טרייסלעניש, צוקוקנדיק, צוזעענדיק די שוידערלעכע, אוממענטשלעכע באַהאַנדלונג פון אַ צווייטן מענטש, באשר, בכן... אַ שוואַרצהויטי־קער! און אַפילו ד"ר גינעס, ווען ער פלעגט קומען צוויי מאָל אין וואָך אונטערצו־זוכן די קראַנקע, ווי ער פלעגט עס אין איילעניש דורכלויפן, אַ קוק טאָן, אַזוי זיך, כלאחר־יד, אַ צי טאָן מיט די פּלייצעס און אַ מורמל טאָן אומפאַרשטענדלעכע ווער־טער, מער צו זיך אַליין, ווי צו אונדז אַרומיקע, אָדער צום חולה. ער פלעגט אָנזאָגן צו טאָן דאָס און יענץ, אָדער פאַרשרייבן אויף אויסגווייניק עפּעס אַ מעדיצין, און דאַן פאַרלאָזן דעם קראַנקן־צימער, איבערלאָזן די קראַנקע צו זייער ביטערן גורל, אין זייער אומגליקלעכן צושטאַנד... ליגט און גייט אויס דאָ...

עס האָבן זיך געצויגן טעג און נעכט, און עס האָבן זיך געצויגן פּראָצעסיעס מיט קאַסטנס פון טויטע צו דעם באַגראָבונגס־פּלאַץ, אייניקע הונדערט מעטער ווייט, פון יענעם זייט פאַרקאַן פונעם שפּיטאָל, ווו אין אַ נישט זייער טיפער גרוב פלעגט מען באַהאַלטן דעם קרבן, די קרבנות פון די עפּידעמיעס. און עס ציטערט ביי מיר נאָך איצט די האַנט, שרייבנדיק די שורות. שווידערהאַפט צו דערמאָנען דאָס. זייער אָפט, אויפן צווייטן טאָג, אָדער אַ טאָג שפּעטער, האָבן מיר געפונען די סימנים פון

„שיריים" פון די טויטע קערפּערס וואַלגערן זיך צעגריזשעטע אַרום און לעבן דעם קבר פון דעם נעכטיקן, אָדער אייערנעכטיקן בר־מינן; „שיריים", וואָס די היענעס האָבן זיך פאַרגונען איבערצולאָזן נאָך זייער זאַטן מאָלצייט, וואָס זיי האָבן געפּראַוועט, אַרויסשלעפּנדיק פון זייער „רו־פּלאַץ" די קרבנות פונעם שפּיטאָל־מזבח. אַזעלכע בילדער האָבן אויף מיר אָנגעיאָגט אַ טרויער, אַ געפיל פון עקל און רחמנות; עקל, פאַר דעם שקץ, רחמנות — פאַר דעם קרבן. איך האָב אין מיינע אַמטלעכע פליכטן דערפילט אַן אָפּשטויסנדיקן יאוש־געפיל פאַר דעם חכמהדיקן און פּאַטעטישן לאָזונג: „כי בצלם אלהים ברא את האדם". ווער מענטש, וואָס מענטש, ווו איז דאָ דער מענטש — מיסט...

אין שפּיטאָל פלעגן אויך פון צייט צו צייט אַריינגעבראַכט ווערן קראַנקע פון דער אינדואישער ראַסע, אָפיציעל אָנערקענטע ווי אַ העכערע מדרגה בירגער, און צו זיי, אַט דעם העכער באַטראַכטן סאָרט מענטש, פלעגט שוין דער דאָקטער אַליין זיך מטריח זיין, אַמאָל אויך מער ווי איין דאָקטער, צו אונטערזוכן, מאַכן דיאַגנאָזן, מעסטן די היץ, טאַפּן ווידער אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל, פעסטשטעלן אַזוי צי אַזוי. פאַרשרייבן, צוזאַמען אָדער באַזונדער: — אַ צווייטער ראַנג, אַ העכערער ראַנג מענטש... און ווען אַזאַ איינער, פון דער העכערער מדרגה בירגער, איז פון דער פּלאַג אומגעקומען, פלעג איך גלייך דערהאַלטן פון דער הויפּט־ביוראָ פון געזונט־היטס־צענטער אַן אויפפאָדערונג צו שיקן „מוסטערן" פון פיר פאַרשידענע טיילן קערפּער פונעם נפטר, אויפשניידן און אַרויסנעמען אַ ביסעלע זאַפט פון איינגעווייד, אַ שטיקל האַרץ, אַ שטיקל לונג־און־לעבער און אויך אַ קאַפּעטשקע, אַ קליין גלעזעלע מאַטעריע פונעם ווונד־פּלאַץ: און אויף צו העלפן מיר אין דער עכט הומאַניטאַרער, וויסנשאַפטלעכער און נאָבעלער אָפּעראַציע, האָט מען דעלעגירט צוויי אינדוסן, מאָדנע פאַרשווינען, מיט רויט־געפאַרבטע בערדלעך, איך וואָלט געזאָגט אויף זיי, קצבים פון פּראָפעסיע, שניידערס פון דער היים. און אַט די וויסנשאַפטלער־אַנאַטאָמיקער האָבן מיט שאַרפע מעסערס אויפגעעפנט דעם קערפּער לענג־אויס און זיך אַפילו נישט פאַרקרימט. זיי האָבן געשניטן שטיקלעך, לויט מיינע אָנווייזונגען און האָבן מיר אַט די „מאָדע מוסטערן" דערלאַנגט הכנעהדיק: — נאַ, פּריץ לעבן, נעם און מאַך דערפון מטעמים, שיק עס דיינע בעלי־בתים אַ מתנה. אונדזערס אַ ברודער, נעבעך, געשטאָרבן, גאָטס ווילן אַזוי, מיר ווילן שוין אים זיין רעכט טאָן, און טאַקע, — זיי האָבן גענומען דעם צעפּאַסעוועטן קערפּער, האָבן אים איינגעוויקלט אין שטיקער לייוונטענע זעק, אַרונטערגעטראָגן אים צו דעם בית־הקברות, ווו עס זענען שוין געלעגן פון פריער צוגעגרייט אַ הרובע קלעצער אין אַ פאַרעם פון אַ מזבח און זיי האָבן דעם קערפּער אויף דעם „מזבח" אַוועקגעלייגט. עס זענען צו דער צייט אונטערגעקומען אַ מחנה מענער און פרויען, מיט יללות און געזעמלען, משפחה־מיטגלידער און סתם נאָענטע פריינט פון טויטן, און יעדער איינער פון זיי האָט צוגעלייגט אַ

האָט צו דער מצווה: געבראַכט צוטראָגן פון נאָענט און פון ווייט שטיקלעך בוים־וואָרצלען, טרוקענע צווייגן און בלעטער און זיי אָנגעהויפט אויפן „מזבח״. איינער פון עולם האָט דאַן אונטערגעצונדן דעם הויפן האָלץ, געמאַכט דערביי אַ ברכה, מיט טיפן רעליגיעזן עקסטאַז און משונהדיקע העוויות.

די ברכה „בורא מאורי האש״ און די רויטע, פלאַמיקע פייער־צינגער האָבן די אבלים אַריינגעבראַכט אין אַ מיסטעריעזן ווירבל־געדריי און זיי האָבן אַלע פאַרצויגן מעלאַנכאָלישע, טרויעריקע טענער און געשעפּטשעט תפילות פאַר דער נשמה פונעם טויטן. און מיר, דערבייאיקע, האָבן געטראַכט און געמאַכט אַן אויספיר: פון דעם קנאַקעדיקן פייער און פון דעם רויך און ווירויך, וואָס זיי האָבן אויף דעם געשפּריגקלט, וועט שוין מער דער רבונו־של־עולם הנאה האָבן, איידער די הונגעריקע, ווילדע היענעס.

נאָך דעם ווי איך האָב די אָראָפּגענומענע שטיקלעך מענטשן־פלייש איינגעפּרעזערווירט אין גלעזלעך און זיי אָפּגעשיקט אין דער הויפּט־ביוראָ צום אונטערזוכן, האָב איך אין אַ פּאָר טעג אַרום דערהאַלטן אַ דאַנק־בריוו פאַר מיין פיין שטיקל אָפּגעטוענער אַרבעט. פיין, פּאַכמעניש און געטריי האָסטו, מר. הורוויץ דורכגעפירט די אויף דיר אַרויפגעלייגטע מיסיע...

איך האָב דאַן ביי זיך געטראַכט און ערנסט און מיט ווייטיק זיך געווונטשן: — הלוואי וואָלט איך אייך נישט געקענט, הלוואי וואָלט איך מיין שווער פאַרדינטן ביסן ברויט געקענט באַקומען פון אַ מער אָנשטענדיקער, מער מענטשלעכער אַרבעט!

ווען ס׳איז אין אַ געוויסן טאָג אַריינגעבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל איינער אַ ווייסער מענטש, און נאָך אַ שטיקל מיוחס דערצו, קאַפּיטאַן מ. אָווהאַיס מאַדזשעסטיס פאַרסעס, אָבער נעבעך געוועזן אָנגעשטעקט מיטן לונגען פּלאָג, האָט שוין דאַן מיין אָנגעצויגענע געדולד כמעט ווי געפּלאַצט. וואָס פאַר אַן אונטערשייד פון ווייס צו ברוין, צו שוואַרץ? מענטש, מענטש און... מענטש. אָבער מיילן, הונדערטער מיילן טיילן אָפּ אָט די אַלע דריי באַגריפן איינער פון אַנדערן. פיר דאָקטוירים, פיר אָנגעגעשטרענגטע, ערנסטע אָנגעצויגענע פּנימער, אָנגעטאָן אין ווייסע כאַלאַטן, זענען געשטאַנען ביים בעט פונעם ווייסן חולה אַ שעה נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל. און נאָענט צו צוויי שעה האָבן די פיר הויכגעבילדעטע, הומאַניטאַרע פאַרשטייער פון דער מעדיצינישער פּראַפּעסיע געקנייטשט די שטערנס, געצויגן פּיבער־האַפּטיק מיט יעדן גליד פון קערפּער, קאָנפערירט און זיך דורכגערעדט וועגן יעדן טאָפּ פון מוסקול, פון ביין, פון פליישיקן זייט פונעם חולה און האָבן דאָס פאַרשריבן, גערעדט און פאַרשריבן, און נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט, ווי אַזוי און ווי אַרום עס קומט צו אים, צום קאַפּיטאַן מ. די דאָזיקע שעדלעכע, טויטלעכע קראַנקייט, וואָס דאַרף טרעפן, לויט זייער וויסנשאַפטלעכן געדאַנק און מוח, נאָר שוואַרצע, און דאָ גאָר — אַ ווייסער מענטש מיט אַזאַ צרה.

זיי זענען אַוועק, די דאָקטוירים, מיט זייערע פּיל פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר, מיט זייער אומפאַרשטענדלעכן דיאַגנאָז איבער דער רעטעניש: ניומאָניק פליג ביי דעם פעסט־געבויטן קאַפּיטאַן מ.!

אויף מיר האָט די גאַנצע סצענע, אָדער אינסצעניזירונג געמאַכט אַן עקלהאַפטן איינדרוק. קאַפּיטאַן מ., אַ מענטש פון פלייש און בלוט און אַ קראַנקייט, — אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע געשעעניש. אין דער הייסער אַפריקע, אינעם לאַנד פון בייזע פליגן און גיפטיקע אינזעקטן, וואָס ברענגען אַלערליי צרות און פּורעניותן, האָט עס געקענט טרעפן, עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. אָבער פאַרוואָס איז עס פאַרשטענדלעך, ווען די זעלביקע צרות און אָנשיקענישן טרעפן דזוגונאַן, מאַטשאַריאַן, אָדער טשומבאַן, די איינגעבוירענע פון קעניאַ? פאַרוואָס צו זיי, ווען זיי ליגן אין שפּיטאָל קראַנק, קומט אַ דאָקטער נאָר צוויי מאָל אין דער וואָך, און אַ מאָל אַזוי אָפּט אויך נישט, און צום קאַפּיטאַן מ. קראַנקנבעט זענען געקומען צולויפן פיר דאָקטוירים און האָלטן נאָך אין איין לויפן יעדן טאָג און צוויי־דריי מאָל אין טאָג אויך?! מענטשן פון פלייש און בלוט: דשוגונאַ, מאַטשאַריאַ און קאַפּיטאַן מ., פון זעלבן חומר געבויט, מיטן זעלביקן הויכן טיטל באַטיטלט: „כי בצלם אלהים ברא את האדם". יעדער באַזונדער פון די דאָקטוירים ביים קאַפּיטאַנס מ. בעט, האָט מיר אין ספּאַזמען געוויקלט. און איך האָב דאָך נאָך געמוזט זיין אָנוועזנד און העלפן אין דעם פאַרברעכן, — דעם באַשאַף פון אונטערשייד פון מענטש צו מענטש, — פליכטן! יאָ, איך האָב מיטגעהאָלפן מיט אַ קללה אויף מיינע ליפן אינעם פאַרברעכן פון דערנידעריקן דעם מין מענטש, דעם צלם אלהים... פליכטן!

זייער אָפטע עפּידעמישע אויסברוכן זענען פאַרגעקומען אין פאַרשידענע געגנטן פון דער קאָלאָניע, און צו אונדז אין איזאָלאַציע־שפּיטאָל, האָט מען געבראַכט, צוזאַמען מיט די אָנגעשטעקטע מיט די קראַנקייטן, אויך די „קאָנטאַקס", ד"ה, די אַלע וואָס זענען געקומען אין אַ נאָענטער באַרירונג מיט די קראַנקע. הונדערטער און הונדערטער אַזעלכע קאָנטאַקס פלעגן אָפט אַריינגעבראַכט ווערן און זענען פאַרבליבן אינעם שטח פונעם שפּיטאָל אַזוי לאַנג, ביז די מעדיצינישע אויטאָריטעטן האָבן דערלויבט זיי צו באַפרייען פון דער איזאָלירונג. מר. עדוואַרדס און איך, האָבן געדאַרפט זאָרגן פאַר דער באַשפּייזונג פון די קאָנטאַקס; באַשפּייזונג, אַז אָך און ווי צו דעם באַגריף — באַשפּייזונג. זייער שפּייז איז באַשטאַנען אין עטלעכע פונט מיליע־מעל, ד"ה מאַיס־מעל, קמח תירס, אויך אַ ביסל פעטס און אַ פאָר הויפנס זאַלץ, — דאָס איז די קוואַנטיטעט פאַר יעדן לעבעדיקן פערזאָן אין משך פון אַ וואָך צייט.

אין שפּיטאָל, ביים אַריינפאָר־טויער, האָט זיך געפונען אַ קליינע הילצערנע געביידעלע, וווּ צען פּאָליציי־מענער, אין מיליטערישער פאָרמירונג, זענען געווען איינגעקוואַרטירט אויף צו האַלטן וואַך און היטן דעם פּאָליציי־שטח; פּאָליציי־לייט, שוואַרצע מענער פון דעם שבט „קאַוויראַנדאָ", אַלע פעסט־געבויטע, געשטרעקטע,

שטייפע פיגורן און... שטאָלצע אויף זייער אָפּשטאַם, מיוחסים: — „מימי קאָווירראָנ־דאָ!”, — איך בין אַ קאָווירראָנדאָ! און אַרויסגעזאָגט האָבן זיי עס מיט אַ פאַרריסענער גרויסהאַלטונג, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען אייניקלעך פון יוליוס צעזאַר, אָדער טאַקע פון אדם הראשונס עלטסטן זון. און זיי האָבן זיך געלאַנגווייליקט, אַט די מיוחסים, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. מען זיצט און מען היט, אָבער קיינער קומט נישט עפּעס לקחנען, אָוועקשלעפּן, אָדער אויף אַן אַנדער אופן שטערן די אָרדענונג. האָבן זיי זיך אַליין געשאַפן איין נוצלעכע באַשעפטיקונג: יעדן טאָג פלעגט איינער פון זיי אַרויסגיין מיטן ביקס אויף יאַגד און צוריקקומען מיט עפּעס אין זיין יאַגד־טאַש: אַ דערשאָסענעם הירשל, אַ ווילדע גענדזל, צי אַן אַנדערע פליישיקע באַשעפעניש, וואָס האָבן פאַר זיי, — פאַר די היטער אונדזערע, — פאַרשאַפט אַן איבעריק ביסל צוגאָב־שפּייז און אויך אַרבעט צו „הרגענען די צייט”.

איך האָב פון צייט צו צייט זיי אַרויסגעהאָלפן אין דער פאַרצערונג פון זייער קרבן, זיי געטאָן אַ טובה און גענומען ביי זיי אַ פרישע זייטל גענדזנס, אָדער הירשן־פלייש, און דאָס אַלץ — פאַר מיין גרויסן זכות, אַ ווייסער מענטש, אַ „מיזונגו”...

דריי חדשים האָב איך אָנגעהאַלטן מיין אַרבעטס־פּלאַץ ווי אַ שפּיטאָל־אויפזעער. איך בין פאַר דער צייט געוואָרן אַ מומחה אין שטעלן פאַקן. אַלע קאָנטאַקס האָבן געמוזט דורכגיין דעם פּראָצעס פון פאַקן־שטעלן און דאָס איז געווען און געוואָרן אַ טייל פון מיינע און מר. עדוואַרדס פליכטן. און מיר האָבן עס געטאָן סיסטעמאַטיש, מיט אַ באַשטימטן סדר. מיר האָבן זיי אויסגעשטעלט, די קאָנטאַקס, אין אַ לאַנגער שורה און איינגעטיילט די אַרבעט צווישן זיך: איך, אַ פּיר מיטן מעסערל און אַ שטאָך מיט דער היפּאָדערמישער נאָדל, און ער — אַ שמיר מיט דעם נייטיקן ספּירט און אַ קלעפּ טאָן אַ שטיקל וואַטע, און — באַסטאַ, גיי, דו ביסט שוין אַ באַוואָרנטער! און די זעלבע זאַך אַ מאָל פאַרקערט: ער, אַ פּיר מיטן מעסערל און אַ שטאָך מיט דער נאָדל און איך — — — און אַזוי האָבן מיר אין פאַרלויף פון צוויי־דריי שעה זיך אָפּגעפּטערט מיט אַ פאַר הונדערט קאָנטאַקס און אַפילו מער. עס איז געוואָרן ביי אונדז אַ רוטינערע פּראָצעדור: שמיר און שנייד און רוק די נאָדל, נאָך אַ מאָל אַ שמיר, און פּטור אַן עסק. מיר האָבן דאָך געהאַט צו טאָן מיט שוואַרצע!

איך האָב מיין אַמט דערפילט ווירדיק. איך האָב די אויף מיר אַרויפגעלייגטע אויפגאַבן דורכגעפירט לויט אַלע פאַרגעשריבענע רעגלאַמענטן. איין פונקט, אָבער, פון מיין „קאָנטראַקט” האָב איך פאַרנאַכלעסיקט, פּשוט, נישט געהאַט דעם ווילן עס צו דערפילן. לויט די באַדינגונגען, ווען כ׳בין אויפגענומען געוואָרן, האָב איך געמוזט וווינען אין שטח פונעם שפּיטאָל, און דאָס האָב איך, מיט דער צייט, ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט צו דערפילן. די מוראַדיקע, אָנשטעקנדיקע קראַנקייטן האָבן מיר געמאַכט זיך צו פאַרטראַכטן: צי האָב איך דאָס רעכט צו ריזיקירן מיט אונדזערע לעבנס, איבערהויפּט מיט די לעבנס פון מיין פרוי און קינד, און זיי אויסשטעלן צו די געפאַרן וואָס לויערן אין און אַרום דעם שפּיטאָל?

די רעאַקציע אויף מײַן פאַרשװעכן דעם דערמאָנטן פּונקט פון קאָנטראַקט האָט נישט פאַרפעלט צו קומען. צום סוף פון די דרײַ חדשים האָב איך דערהאַלטן אַ מעלדונג, אונטערגעשריבן פון ד״ר גינעס, װאָס האָט געלויטעט:

— היות װי די עפּידעמיע האָט נאָכגעלאָזן, איז כמעט אין גאַנצן פאַריבער, דעריבער און צוליב דעם, איז מײַן דינסט אין שפּיטאָל מער נישט נייטיק. — און איך װער העפלעך געבעטן עס צו נעמען אין אַכט.

אַזוי אַרום איז פּלוצים דער קוואַל פון חיונה פאַר מיר אויסגעטריקנט װערן; נישטאָ מער קיין מגיפה, דאַרף מען מיך אויך נישט. און אָט דער דאָזיקער פאַקט האָט מיר אויף ס׳נײַ געשטעלט פאַר דער טרויעריקער דילעמע: װאָס װײַטער?

דאָס מאָל האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, און די ישועה איז געקומען. איך בין אַרויס זוכן באַשעפטיקונג און גאָר אומדערוואַרט האָב איך עס באַלד געפונען. ס׳איז מיר פאַרגעלייגט געוואָרן אַ שטעלע אין אַ גרויסן געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן, דער הייפּט פון װעלכן ס׳איז געװען אַ ייִד און פאַר װעלכן אַ פּאָר פון מײַנע פרײַנט האָבן מיר רעקאָמענדירט. און ער, — מר. האַרט, — פון דער פירמע Hart, Bell & Lawson Ltd. האָט מיר גלײַך אויפגענומען װי אַ פאַרקויפער פון סחורות. דאָס געהאַלט איז אַפילו געװען נאָך אַ מער העכערער װי דער פון שפּיטאָל און צו מײַן צופרידנקייט איז קיין גרענעץ נישט געװען; מער געהאַלט, לײַכטערע באַדינגונגען און אָן לעבנסגעפאַר, רייך, פיין און פאַרפּוצט.

56. — אַרויס פון אַ זומפּ, אַרײַן אין אַ „שמאַליק־גרוב"

איך האָב פון ערשטן טאָג אָן אָנגעהויבן צוצולייגן קאָפּ, ענערגיע און אינטערעס, כדי זיך אַרײַנצופּאַסן װאָס גיכער, װאָס בעסער אין מײַן נײַער אַרבעטס־ספערע; זיך באַענט און חבריש באַקענט און געהאַלטן מיט די אַנדערע אָנגעשטעלטע — צװײ איראָפּעער און צװײ אינדוסן. זײ זענען געװען פרײַנטלעך צו מיר און האָבן מיר געהאָלפן זיך אָריענטירן אינעם זין און תוך פון דער אַרבעט.

די קונים, מערסטנס איראָפּעער און זייערע געהילפן, זייערע אַלטע אַרבעטער, אָדער כמעט אַלע זענען געװען שװאַרצהויטיקע. אין געשעפט גופא האָבן אויך געאַרבעט עטלעכע אײַנגעבוירענע אַפריקאַנער. זײ האָבן אויסגעפירט אַלע „שװאַרצע" אַרבעטן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אונדזער לעבן האָט זיך אויף אַזאַ אופן אײַנגעאָרדנט אויף זייער שװאַכע עקאָנאָמישע יסודות. די לעבנס־קאָסטן זענען געװען נישט גאָר קיין ביליקע און דער געהאַלט מײַנער, כאָטש נישט קיין נידעריקער, האָט דאָך נישט געקלעקט אויף צו באַלאַנסירן פולשטענדיק אונדזער פאַמיליען־בודזשעט. און אין אונדזער װוין־צי־

צימער האָבן מיר זיך אַלע דרײַ געשטיקט אין נישט גאָר קײן גערױמיע באַקװעמלעכקײטן. דערפֿאַר אָבער, האָבן מיר געהאַט אַ סך נוצן פֿון דעם גרױסן עס־צימער פֿון אונדזער באַלעבאָסטע, װעלכע איז געװען זײער גוט און פֿרײַנטלעך צו אונדז. מרס. רובין — אונדזער באַלעבאָסטע — אַלײן פֿון רוסלאַנד, אַן אלמנה, איז געװען אַן אַנטװיקלטע, אַ פֿאַרשטענדיקע און גאַסטפֿרײַנטלעכע מיטליאָריקע פֿרױ און איר הױז איז געװען אָפֿן פֿאַר יעדן אײנעם װאָס האָט געזוכט אַ װאַרעמע פֿרײַנטשאַפֿט און האָט אַלײן אױך געקאָנט אַזעלכעס אַרײַנברענגען.

מיר בײדע, — חיה און איך, — האָבן זיך באַמיט אײַנצולעבן אין נײַראָבי, זיך אַרײַנראַמען אין דער פֿאַר אונדז פֿרעמדער סביבה, זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען און מנהגים, אָבער אומזיסט. דאָס לעבן פֿון די אײַנװױנער, די פֿירונג, די באַנעמונג — אַלץ איז אונדז געװען דערװידער. איבערהױפּט האָט אונדז אָפּגעשטױסן דער אַרט באַגײן זיך פֿון די װײַסע בעלי־בתּים מיט זײערע שװאַרצע דינער. בײַ יעדן, אָדער כּמעט בײַ יעדן אין הױז זענען געװען באַשעפֿטיקט דרײַ־פֿיר דינער; בײַ גאָר רײַכע אַפֿילו פֿינף־זעקס און יעדער דינער האָט געהאַט זײַן אַרבעט־ספֿערע: אַ קוכער, אַ שטוב־אױפֿראַמער, אַ קינדער־באַדינער און אַ גאָרטן־באַאַרבעטער. און אײנגעפֿירט איז בײַ זײ געװען, — בײַ די שװאַרצע דינער, — ער װעט פֿאַר קײן פֿאַל זיך נישט צורירן צו אַ צװײטן דינערס אַרבעט; האָט זיך געהאַלטן נאָר בײַ דער אַרבעט צו װעלכער ער איז אָנגענומען געװאָרן. אונדז פֿלעגט זײער דענערװירן, אױפֿרעגן מאַנכע מאָל ביז געדולד־פּלאַצעניש, װען מיר האָבן באַאָבאַכט, װי דער שװאַרצער דינער „באַדינט” די קינדער: װאַשט זײ, טוט זײ אָן, גיט זײ עסן, נעמט זײ אַװעק אין שולע אַרײַן אאַז״װ. עס האָט געעקלט צוצוקוקן און באַטראַכטן דעם אומזין, װי די װײַסע מאַמע איז באַשעפֿטיקט מיט זיך, מיט אירע פֿאַרװײַלונגען, מיט אירע טואַלעטן, אָדער מיט אירע געסט און די יונגינקע קינדערלעך, ײנגעלעך און מײדעלעך, װערן אין גאַנצן איבערגעגעבן צו דער באַהאַנדלונג און אױפֿזיכט פֿון זײער „געטרײַען” דזשוגונאַ אָדער מאַטשאַריאָ, װעלכע „דערצי:ען” זײ און ברענגען זײ אױף לױטן העכסטן מוסטער פֿון אומװיסנקײט. אָדער, — און דאָס האָט אַבסאָלוט געשלאָגן צו דער גאַל, צוצוזען, װי, למשל, מאַטשאַריאָ דער קוכער, גרײט און קאָכט די געשמאַקע מאָלצײַטן פֿאַר זײַנע װײַסע האַרן. ער באַמיט זיך אַװדאַי צו מאַכן די מאכלים געשמאַק און צום טעם. נו, פֿאַרזוכט ער דרײַ־פֿיר מאָל פֿונעם טעפּל אַרױס, צו זען און זיך איבערצוצײַגן, צי ס'איז טאַקע צום טעם פֿון זײַן „מאַסאַבו”, װי זײַן באַלעבאָסטע האָט ליב. יאָ, ער מוז דאָך איר, זײ, זײַנע „מיזוגו”־באַלעבאַטים צופֿרידנשטעלן און דעריבער טאַקע פֿאַרזוכט ער נאָך אַ מאָל און װידער אַ מאָל, און ער גיסט צוריק אין טעפּל אַרײַן דאָס װאָס ס'בלײַבט אין לעפֿל, נאָך דעם װי ער באַלעקט זיך: — יאָ, געשמאַק, גוט, צום טעם.

מען האָט אונדז מערערע מאָל אױפֿמערקזאַם געמאַכט, אַזױ זיך, פֿון דער זײַט,

מיט אַ קאַפּולער אָנצוהערעניש, אַז מיר מוזן אָנשטעלן כאָטש איין שוואַרצן דינער, ווייל עס איז נישט שיין פאַר אונדז, אַז מיר זאָלן טאָן שוואַרצע שטוב־אַרבעט. דער שוואַרצער דינער פון הויז, — אַזוי האָט מען אונדז געזאָגט, — קוקט אויף אונדז ווי אויף עפּעס מאָדנע מענטשן, גאָר קיין מענטשן נישט, זיי טוען גאָר די אַרבעט וואָס קיין ווייסער מענטש טוט נישט.

און איין מאָל האָט זיך טאַקע דערלויבט איינער פון די הויז־דינער פון אונדזער באַלעבאָסטע מיר צו זאָגן, ווען ער האָט מיר געזען אַרויסטראָגן אַן עמער שמוציקע וואַסער, באַכן אויסוואַשן די פּאַדלאָגע. ער האָט מיר אַזוי געזאָגט:

— ווייווע אַפּאַנע מיזונגו בוואַנאַ, — דו ביסט נישט קיין ווייסער מענטש, מיין הער.

געוויס, האָט ער דערפאַר באַקומען אַ מיאוסן פּסק פון זיין באַלעבאָסטע, די „מאַסאַבו קובאַ‟, — די גרויסע מאַדאַם, — אויף אונדזער לשון. איך, אָבער, בין שוין אויף שטענדיק פאַרבליבן ביי אים אין די אויגן ווי אַ „אַפּאַנאַ מיזונגו‟, נישט קיין ווייסער; איך טראָג גאָר עמערס מיט שמוציקע וואַסער אַרויס אויפן הויף, איך וואַש גאָר אַליין די פּאַדלאָגע — אויך מיר אַ מיזונגו!

און וואָס אָנבאַלאַנגט אונדזער טאָג־טעגלעכן טרוקענעם לעבן, האָב איך געזוכט וועגן און מיטלען ווי אַזוי אים צו פאַרשענערן, אינטערעסאַנטער צו מאַכן אונדזערע פּוסטע טעג און אָוונטן. איך האָב געזוכט צו שאַפן און אַריינברענגען מער תוכן אינעם יידיקן חלל פון דער נייראָבער געזעלשאַפטלעכקייט. איך פלעג באַקומען צוגעשיקט צייטונגען פון ארץ־ישראל, האָב איך מיט זייער הילף קאָנצענטרירט און צוזאַמענגע־בראַכט אַ קרייז פון צוהערער, וואָס האָבן אַ פּאָר מאָל אין וואָך זיך פאַרזאַמלט אין „אונדזער‟ גרויסן עס־צימער, צו הערן לייענען נייעס פון ארץ־ישראל.

כ׳האָב אויך אָפט פאַר די זעלביקע פאַראינטערעסירטע פאַרזאַמלטע פאַרגע־לייענט דערציילונגען, אָדער לידער און פּאָעזיע פון יידישע שרייבער בכלל און פון שלום־עליכמס ווערק בפרט. און אָט די פאַרלעזונגען אין יידיש, האָבן שטענדיק צו־געצויגן און צוזאַמענגעבראַכט אַ גרעסערע צאָל צוהערער, וואָס האָבן זייער שטאַרק הנאה געהאַט. מיר אַליין, — חיה און איך, — האָבן דערפון געהאַט גרויס פאַרגע־ניגן. אינהאַלט האָט אָנגעהויבן אויספילן די ליידיקע ווינקלען פון אונדזער לעבן, עס האָט דערפרישט.

איך האָב אויך געהאַלטן פאַר נייטיק צו גיין יעדן שבת אין דער פרי אין בית־הכנסת, כאָטש איך בין ווייט געווען פון רעליגיעזע אָנשווינגען. אָבער דאָרט, אין דער סינאַגאָגע, האָב איך מיך געטראָפן מיט יידן, געשמועסט, אויסגעטוישט מיי־נונגען. חיה האָט זיך מער־ווייניקער צוגעפּאַסט צו דער גרויער ווירקלעכקייט און האָט זיך אַריינגעפּאַסט, אַריינגעוועבט אין דער פריינטלעכער סביבה פון אירע שכנטעס אַרום.

אין מיין שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל, האָב איך שטענדיק געפילט, געהאַט אַ סיפּוק הנפש. געדאַנקען האָבן אויפגעוואַכט, אויפגעבליצט מיט יעדן דער־האַלטענעם בריוו. עס דערמאָנט זיך מיר איצט, אין איינעם פון זיינע בריוו צו מיר, האָט ד״ר שמאי, צווישן אַנדערעס אויך געשריבן:

— ...אויב איר, מר. הורוויץ, וועט וועט עס איז באַשליסן זיך אומצוקערן אַהער, קיין ארץ־ישראל, וויל איך אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין צו יעדער צייט גרייט אייך אויפצונעמען און צוריק אַנשטעלן אויפן זעלביקן פּאָסטן, וועלכן איר האָט אַזוי ווירדיק פאַרנומען אין מיין משרד. געוויס, איך קען אייך נישט גאַראַנטירן קיין הע־כערן געהאַלט, אָבער די שטעלע יאָ! איר וועט שטענדיק זיין אַן אָנגעלייגטער באַאַמ־טער ביי אונדז אין דעם קאַראַנטין־משרד.

נאָך אַזוי פיל פאַרלאָפענע יאָרן, זע איך אין מיין דעמאָלטיקן פאַלשן שריט, אָבער, אָט דער „אָבער״ האָט אַ סך, זייער אַ סך האַרץ און לעבן געקאָסט. מיר האָבן קיין סך פאַרגעניגן פון אונדזער פאַרקלייבן זיך אין דער פאַרשלאָפענער אַפריקאַנער מדינה נישט געהאַט. אָבער נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָבן מיר שלום גע־מאַכט מיט אונדזער מערכה; געלעבט אין נייראָבי און געחלומט עפּעס וועגן אַ נס זיך אַרויסצובאַקומען פון דעם שוואַרצן קאָנטינענט.

און... און דער נס איז געקומען; אַ נס מיט אַן איבערברוך צוזאַמען. מען האָט מיר אַ מאָל, אין אַ פרימאָרגן, גערופן זיך צו מעלדן אין ביוראָ פון דעם פאַרוואַלטער פונעם געשעפט וווּ איך האָב געאַרבעט, און דאָרט האָט מר. בעלל, דער פאַרוואַלטער, מיר העפלעך און בכבודיק געלאָזט וויסן, אַז איך קען מער נישט פאַרבלייבן אין דינסט פון זיין פירמע. „ביזנעס, — האָט ער געזאָגט אין אַ זייער נישט פריילעכן טאָן, — ביזנעס איז לעצטנס זייער געפאַלן און מיר זענען געצוויט צו פאַרקלענערן אונדזער שטאַב אָנגעשטעלטע״, און ווייל איך בין דער לעצטער געווען אָנגעשטעלט צו ווערן אין דינסט פון זייער פירמע, דערפאַר פאַלט אויף מיר דער גורל צו זיין דער ערשטער אָפּגעזאָגט צו ווערן. גאַנץ לאָגיש. „עס טוט אים זייער וויי, — האָט ער צוגעגעבן, — דאָס צו טאָן. אָבער אַנדערש איז עס נישט מעגלעך״. נו, טאַקע, גאַנץ פאַרשטענדלעך און ביזנעסמעסיק.

בין איך ווידער געוואָרן אַ פרייער מענטש, פריי פון פליכטן צו אַ בעל־הבית, צו אַ פירמע, אָבער געוויס נישט פריי פון מיין חוב צו באַזאָרגן מזונות פאַר מיין ווייב און קינד. האָט אָט דער דרוק פון דער געשאַפענער סיטואַציע אַרויפגעבראַכט אויפן אויבערפלאַך פונעם זינקענדיקן באָדן אונטער די אונטערגעהאַקטע פיס אַן אַלט־נייעם געדאַנק — אויסטראַליע. איך האָב שוין צו יענער צייט געהאַט אַ דערלויבע־ניש אַריינצוקומען אין אויסטראַליע, צוגעשיקט פון מיין אַלטן גוטן פריינט דוד שוואַרץ ע״ה, פון מעלבורן.

נאָך געפינענדיק זיך אין תל־אביב, האָב איך געשריבן צו מר. שוואַרץ און אים

געבעטן צו שיקן מיר אַ „פּערמיט״, ווייל דעמאָלט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז שוין אין אויסטראַליע אויך איינגעפירט געוואָרן דער פּאַספּאָרט־סיסטעם. ווען כ׳האָב דאָן פון תל־אביב געבעטן מיר שיקן אַ „פּערמיט״, האָב איך עס געטאָן האַלב אין שפּאַס. איך האָב דאָן געטראַכט, אַז טאָמער וועט די לאַגע ברענגען דערצו, אַז מיר זאָלן דאַרפן פאַרלאָזן ארץ־ישראל צוליב וועלכע ס׳איז אומשטענדן, טאָ זאָל זיך אין מיין האַנט געפינען דער נייטיקער דאָקומענט אויף צו קענען אַריינפאָרן קיין אויסטראַליע. און מיין פריינט, רעווערענד שוואַרץ, האָט עס געהאַלטן פאַר זיין חוב גלייך צו דערפילן מיין ביטע און האָט דעם „פּערמיט״ מיר געשיקט קיין נייראָבי, נאָך דעם ווי איך האָב אים געשריבן, אַז מיר פאָרן אַרויס אַהין.

און איצט, בלייבנדיק אָן באַשעפטיקונג, און זוכן ערגעץ־ווו אַרבעט האָט קיין זין נישט געהאַט. גוטע פריינט האָבן אַפילו געראָטן נישט צו איילן זיך, נישט צו זיין פאַרצווייפלט: „מע וועט זען וואָס מען קאָן טאָן פאַר אייך, מר. הורוויץ; מע וועט אייך נישט לאָזן פאַלן. איר זענט דאָך צווישן יידן, ברוך השם!״ אָבער טאַקע אָט די אַלע „מען וועט״ האָבן אונדז פאַרשאַפט יסורים און אַפילו טיפן האַרצווייטיק, ווייל זיי זענען געקומען פון קליינע מענטשעלעך, גרויסע בעלי־טובות, פּראָפעסיאָנעלע עצה־געבערס און פילאַנטראָפּישע צדקה־טיילערס. און מיר האָבן דעצידירט אונדזער גורל — מיר פאָרן קיין אויסטראַליע.

מיר האָבן אויספאַרקויפט אונדזער באַלעבאַטישקייט, אַלץ וואָס האָט נאָר געקענט אַריינברענגען אַן איבעריק ביסל מזומנים. אָבער נאָך דעם ווי אַלץ איז שוין געווען אויסער אונדזער באַזיץ און מאַכנדיק דעם באַלאַנסירטן רעכענונג אונדזערן, האָבן מיר זיך ערשט דאָן געכאַפּט, אַז דער רעכענונג שטימט נישט: אויסטראַליע איז צו־ווייט פון אונדזער מאַרשרוט און אונדזער אָרעמער צרור־הכסף וועט נישט זיין גענוג אויף הוצאת־הדרך. נו, פריינט דאַרעווסקי און נאָך אַ פּאָר האָבן צוגעהאָלפן, און מיר — מאַרש אין וועג אַריין.

באַגלייט מיט וואַרעמע האַנט־דרוקן און מיט פייכטע אויגן און גליק־ווונטשן אויף אונדזער לאַנגער רייזע און אין אונדזער נייעם אויסטראַליע, האָבן מיר אין מיטן סעפּטעמבער 1921 פאַרלאָזן נייראָבי, מיט דער באַן קיין מאָמבאַסאַ, ווו מיר האָבן איינגעשטיגן אין אַן ענגלישע שיף, וואָס האָט אונדז געבראַכט קיין דורבאַן, דרום־אַפריקע.

פאַרלאָזנדיק דעם ברעג פון קעניאַ, האָבן מיר נישט צוריקגעקוקט מיט ווייטיקלעכע געפילן, אָדער מיט שמאַרצפולער חרטה. ניין, מיר האָבן פאַרלאָזן קעניאַ מיט אַ רויק געמיט און מיט אַ געפיל פון באַדויער פאַר די מענטשן, די יידן, וואָס זענען נעבעך אַריינגעקראָכן, אַריינגעפאַלן אין אַזאַ אַכזריותדיקער אַטמאָספער, ווו מען איז גענויט, אַ סך קעגן זייער ווילן און געוויסן, זענען זיי גענויט צו פאַרשקלאַפן מענטשלעכע וועזנס פאַר דעם אייגענעם פאַרגעניגן, פאַרן פערזענלעכן קאָמפאָרט.

נישט איין מאָל האָט דורכגעשניטן די ברוסט דער באַפעלנדיקער, דער באַליידיקנדיקער אויסגעשריי פונעם ווייסן האַר צו זיין שוואַרצן דינער: „באָי, קום און צי מיר אַראָפּ די שטיוול; באָי, ברענג מיר אַ גלאָז טיי, ברענג אַ שוועבעלע; באָי, גיי און ברענג אַ ריקשע״, און נאָך פיל ענלעכע אַזעלכע באַפעלן פון די ווייסע אדונים צו זייערע קנעכט. און ווען מיר פלעגן הערן פון יידן אַזעלכע אויסרופן, אַזעלכע באַפעלן, און ווען מיר פלעגן זען ווי די יידן, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע ווייסע מענטשן באַגייען זיך מיט זייערע דינער, ווי זיי טרעטן מיט די פיס דאָס מענטשלעכע און אַ צווייטן מענטש נאָר דערפאַר, ווייל דער צווייטער מענטש איז טונקלהויטיק, — אָט די אַלע מעשים פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, די תושבים פון דער שוואַרצער מדינה, האָט אונדז שטענדיק פאַרשאַפט עגמת־נפש, קרענקונג. און פאַרלאָזנדיק קעניאַ האָבן מיר שוין געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר רייסן זיך אַרויס פון אַ ברויזנדיקער, עקל־קוואַלנדיקער שוים אָפּפאַל און זומפּן־גרוב, וואָס טראָגט אין זיך און פּרוכפּערט צאָרן פון מענטשלעכער טראַגעדיע... באָי, קום און צי מיר אַראָפּ די שטיוול; באָי, דערלאַנג מיר מיין שלאָפראָק; באָי, דערלאַנג נאָך עפּעס...

אין דורבאַן האָבן מיר געוויילט אַ וואָך צייט און נאָך דעם אַרויף אויף אַ שיף, מיט וועלכער מיר זענען געפאָרן קיין קייפּטאָן, ווו מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן דריי וואָכן אויף דער שיף „קאָמאָנוועלט״, אויף וועלכער מיר האָבן געהאַט רעזערווירט פּלעצער. צוויי אַנדערע שיפן, וואָס זענען פאַר דער צייט דורכגעגאַנגען דעם פּאָרט פון קייפּטאָן קיין אויסטראַליע, האָבן פאַר אונדז קיין פּלאַץ נישט געהאַט. און ווי געזאָגט, זענען מיר אין קייפּטאָן פאַרבליבן וואַרטן דריי וואָכן. מיר האָבן געפונען אַ פיינע קוואַרטיר אין אַ יידישער אַכסניה, ביי איינעם מר. אַלטשולער, אַ ווילער, היימישער ייד, וואָס האָט אונדז באַהאַנדלט אָרנטלעך, אויפמערקזאַם און פריינטלעך. מיר האָבן געזוכט צייט־פאַרטרייב אין אַרומגיין און זען אַלץ מיט וואָס קייפּטאָן האָט געהאַט זיך צו באַרימען און פאַראינטערעסירן. יעדער טאָג האָט אונדז ווי דערמונטערט מיט זיין אַוועקגיין: עס קומט נענטער די ישועה — אויסטראַליע. וואָס אונדז דערוואַרט דאָרט — ווער ווייסט, אָבער מיר האָבן נישט געזאָרגט. אַ נייע היים, מען וועט זיך ווי עס איז איינאָרדענען.

און אַזוי האָבן מיר, מיטן יעדן אַוועקגייענדיקן טאָג געזען אין דער פאַרהוילנקייט פון אונדזער גורל אין דער צוקונפט, זיך רוקן אַלץ נאָענטער און נאָענטער.

אין די לעצטע טעג סוכות, האָט אונדזער בעל־אַכסניה, מר. אַלטשולער, אונדז פאַרגעלייגט מיטצוגיין מיט אים אויף אַ פייערונג, וואָס ווערט איינגעאָרדנט דורך דער יידישער קהילה צו דער דערעפענונג פון אַ נייער געביידע פאַר דעם אָרטיקן בית־יתומים. מיר האָבן די איינלאַדונג מיט פאַרגעניגן אָנגענומען. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין זאַל, ווו אַ גרויסער עולם יידן און אייניקע אויך נישט־יידן זענען שוין געווען פאַרזאַמלט, האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט אַ געשטאַלט, וואָס האָט

אין מיין מוח געלאָזט אַן אָפּבליק פון מיט אַ יאָר צוריק, מטושטש און דאָך בולט; מיט אַ יאָר צוריק, אין אַ געוויסן טאָג, ווען מיר זענען געזעסן אויף אַ באַנק אין פּאַרק פון פּאַרט־סעיד, וואַרטנדיק אויף אַ שיף צו פאָרן קיין קעניאַ.

ביי איינעם פון די געדעקטע טישן איז געזעסן דער „גלח" מיטן שטייפן ווייסן קאָלנער, מיט דער ראַסאָווער בערדל זיינעם, געזעסן און געמיטלעך גערעדט מיט די יידן לעבן אים. און דאָ האָב איך שוין דערקענט אין דעם „גלח" מיין פריינט און חבר פון די קינדערשע יאָרן. איך בין אויפגעשפּרונגען און צוגעלאָפן צו אים, און אָן שום באַמערקונגען, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— לייבל, דאָס ביסטו? לייבל קירזשנער פון דובאָסאַר?!...

ער האָט מיר גלייך אויפן מאָמענט דערקענט, און פאַלנדיק מיר אויפן האַלדז, האָט ער שאַרפלעך געכליפּעט:

— אייזיק, אייזיק, אייזיק גוראָוויטש, אייזיק קיילע חיים־מרדכיס!

אויף אַזאַ אופן האָט זיך אויפגעלייזט דאָס מיסטעריעזע פּראָבלעם פון דערקע־נען אַ „גלח" אין אַ פּאַרק אין פּאָרט־סעיד, וועלכער איז אין דער אמתן גאָר געווען אַ חזן אין דער גרויסער שול אין ווין, און וועלנדיק פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע, האָט ער, לייענענדיק אַ מאָל אַן אַנאָנס אין אַ ווינער צייטונג פון 1920, אַז עס ווערט געזוכט אַ קאַנטאָר פאַר דער גרויסער סינאַגאָגע אין קייפּטאָון, זיך ווענדן אויף דעם און דעם אַדרעס אין לאָנדאָן אאַז"וו, האָט ער אויף דעם אַנאָנס געענטפערט, אַז ער איז דעצידירט אָנצונעמען די שטעלע פון קאַנטאָר, און... ער איז אָנגענומען גע־וואָרן. עס איז דאָן אַפילו אַראָפּגעקומען קיין ווין דער פּרעזידענט פון דער קייפּטאָונער סינאַגאָגע, וועלכער האָט דאָן געוויילט אין לאָנדאָן; ער איז געקומען עקזאַמינירן דעם קליינשטעטלדיקן חזן, און אויך, שוין פאַר איינוועגס, אים געבן אַ קורצע לעקציע אין הלכות חזנות, ווי צב"ש: מאַנירן ווי אַזוי זיך צו האַלטן אין אַ הויכער געזעל־שאַפט, ווי צו האַלטן גאָפּל־מעסער בעתן עסן, ווי אויפצושטיין אויף צו האַלטן אַ טאָסט לכבוד חתן־כלה און געסט אויף אַ חתונה אד"גל.

— קייפּטאָון, ווייסן זי, איזט ניכט ווין. קייפּטאָון איזט איינגעפאַסט אין דער ענג־לישער קראָנע, מלכות ענגלאַנד, יו אַנדערסטענד?!

נו, אַוודאי האָט ער, לייבל קירזשנער, פאַרשטאַנען, ווי דען, אַ קלייניקייט — מלכות ענגלאַנד!

און דאָ, אויף דער פייערונג פון חנוכת־הבית פון דעם נייעם בית־יתומים, איז פאַר מיר געזעסן לייבל קירזשנער, מיין יוגנט־חבר, חזן פון דער גרויסער שול אין ווין און איצט — קאַנטאָר פון ראַביי בענדערס סינאַגאָגע אין קייפּטאָון.

נאָך אָט דעם דראַמאַטישן צוזאַמענטרעף אונדזערן, האָבן מיר זיך שוין באַ־געגנט מערערע מאָל ביי אים הויז און מיר האָבן פאַרבראַכט ווי אַלטע גוטע פריינט. אין קרייז פון אונדזערע פאַמיליעס.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן מיר איינגעשטיגן אין אונדזער שיף, די „קאַמאָנוועלט״, אויף אונדזער לאַנגער רייזע קיין אויסטראַליע. די פּאַסאַזשירן, מערסטנס ענגלענדער, זענען ווי מיר, געפאָרן זוכן אַ שטאַנד אין לעבן אין אויסטראַליע. די רייזע איז פאַריבער רויק, אָן איבעריקע אויסערגעוויינטלעכע געשעענישן, און פריינטלעכע באַציִונגען האָבן געהערשט צווישן די פאַרשידנאַרטיקע פּאַסאַזשירן.

אויפן שיף זענען געווען נאָך אַ פיר־פינף יידן וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און זיך באַמיט וואָס ווייניקער אַרויסצוווייזן זייער יידישקייט. עס איז אויך געווען אַ פאַמיליע, אַ מוטער מיט זעקס טעכטער און אַ זון, וואָס זענען געקומען פון דער שווייץ און זיי האָבן אין מעלבורן אויך געהאַט נאָך מיטגלידער פון דער פאַמיליע. מיר האָבן זיך נאָענט באַפריינדעט מיט דער דאָזיקער פאַמיליע, פרוי הערמאַן, טעכטער און זון. און מיר האָבן מיט זיי פאַרבראַכט צוזאַמען די לאַנגווייליקע טעג.

צוויי און צוואַנציק טעג נאָך אונדזער פאַרלאָזן קייפּטאָן, זענען מיר אָנגעקומען אין אַדעלייד, דרום־אויסטראַליע, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין איין טאָג אין קיין פּאָרט. און ווען מיר זענען מיט אַ טאָג שפּעטער אָנגעקומען אין מעלבורנער האַפן, זענען אונדז געקומען באַגעגענען מיין קוזין שלמה ווערטהיים און מיין פריינט רעווערענד דוד שוואַרץ, — ביידע זענען שוין איצט בירגער אויפן עולם־האמת.

57. — אויסטראַליע

צוריק אין דעם לאַנד פון אַנטוויקלטער געזעלשאַפטלעכקייט, פון ציוויליזירטן לעבן. עס זענען פאַראַן אויסזיכטן זיך איינצואָרדענען און לעבן מיט מענטשן צוגלייך, הנאה האָבן פון דעם וואָס דאָס לעבן קען געבן און אויך צו העלפן פאַרשענערן עס פאַר אונדז און פאַר אַנדערע.

מיין קוזין ש. ווערטהיים, האָט, לויט מיין ביטע אין מיין בריוו צו אים, צוגעגרייט פאַר אונדז אַ מעבלירטן צימער אין אַ יידישער הויז, וווהין מיר זענען פון שיף גלייך געפאָרן אַהין און זיך דערפילט באַקוועם. אונדז האָט זייער געפרייט, וואָס מיר האָבן שוין אַן אָרט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, אונדזער צימער, אונדזער דירה.

נאָך אַ פּאָר טעג רו, און נאָך דעם ווי מיר האָבן באַזוכט מאַנכע פון מיינע אַמאָליקע פריינט, האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַסיקע וווינונג, ווו מיר זאָלן זיך קענען איינאָרדענען מיט אויסשטאַטונג, לויט אונדזערע מעגלעכקייטן. און מיר האָבן געפונען צו דינגען צוויי צימערן, מיטן נוצן פון דער קיך, אין בעללסטריט, פּיטצראָי, ביי אַ קריסטלעכער פאַמיליע.

גוטע פריינט האָבן אונדז אָנגעהויבן צו באַוואָרפן מיט עצות ווועגן זיך איינאָרדענען מאַטעריעל. און דער תמצית פון כמעט אַלע עצות איז געווען: נישט זוכן קיין אַרבעט, נאָר אָנהייבן האַנדלען, פּעדלען הייסט עס; איינקויפן אַ ביסל סחורה, אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ און ווערן אַ סוחר: פאַרקויפן, פאַרדינען עפּעס פון דעם

פדיון און ווייטער קויפן. „דורך דעם קען מען זיך אַרויפאַרבעטן, — האָבן די גוטע פריינט געזאָגט, — אַ מעגלעכקייט צוצוקומען צו עפּעס". מיר פערזענלעך האָט אַפילו נישט געשמעקט אַזאַ מין פרנסה: אַרומדרייען זיך אין פרעמדע געגנטן, זיין נע־ונד, ווייט פון דער היים, און זיי, — חיה און חפשי, — זענען נאָך דערווייל פרעמד, נישט באַקענט מיטן גאַנצן אַרום, זיי וועלן געוויס ליידן פון דער עלנטקייט וואָס וועט זיי אַרומרינגלען. אָבער — בלית־ברירה. איך האָב יאָ געפּרוווט געפינען אַרבעט אין דער גומי־פאַבריק וווּ איך האָב געאַרבעט פאַר מיין פאַרלאָזן מעלבורן אין 1912, אָבער דאָרט איז נישט געווען קיין אַרבעט פאַר מיר. און נאָך פיל איבערלייגונגען האָב איך איינגעזען, אַז עס בלייבט פאַר מיר נאָר איין וועג — ביזנעס.

מיין פריינט אַ. סאַקס האָט מיר זייער פיל געהאָלפן ביים איינקויפן די נייטיקע סחורה פאַר אַזאַ מין סאָרט ביזנעס, ער האָט אויך גאַראַנטירט פאַר מיר אין אַ פּאָר געשעפטס־הייזער פאַר דער סחורה, וואָס איך האָב באַקומען אויף קרעדיט. און מיט זיין פּראַקטישער עצה, מיט זיינע גוטע ווונטשן און אויך אַ ביסל תורה שבעל־פּה, ווי אַזוי אָנצוגיין די ערשטע צייט אין די ביזנעס־דרכים פון האָוקען, בין איך אויף דער צווייטער וואָך, אין יאַנואַר 1922, אַרויסגעפאָרן מיט דער באַן קיין איטשוקאַ, דאָס ערשטע גליקלעכע שטעטל ווו כ'האָב געדאַרפט אָנהייבן שעפּן מאַטעריעלע מיט־לען פאַר מיין עקסיסטענץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

בלויז אַ פּאָר טעג נאָך אונדזער אָנקומען אין מעלבורן, האָב איך באַלד אָנגע־הויבן נאָכזוכן די שפּורן פון דער אַמאָל מיט פיל מי געשאַפענער, געגרינדעטער „קדימה", די קולטור־געזעלשאַפט אויף וועלכער איך האָב אַ גרויסן טייל פון מיין פרייער צייט און באַגרענעצטן קאָמפּאָרט מקריב געווען מיט יאָרן צוריק. און ס'איז מיר טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן. איך האָב דעם קולטור־מצב פון „קדימה" גע־פונען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ, אַ קאַריקאַטור פון אַ קולטור־אַנשטאַלט, אַ פּאַר־זעעניש, אַ נאָכקרימעניש. עס פלעגן אַפילו יאָ איינגעאָרדנט ווערן אָוונטן, אין די זונטיקן, פאַרוויילונגען פאַר ייִדן, וואָס האָבן עס געוואָלט און באַגערט. אָבער — שטרוי און פּליאַווע. דער תוכן פון די פאַרוויילונגען — אַ פּוסטער, אַן אינהאַלטס־לאָזער, אָפט אויך אַ וווּלגאַרער, גראָב, ציניש און חוזקדיק. עס האָט מיר פיל פאַר־דראָס פאַרשאַפט צו זען, צו וועלכער שטופּע עס איז דערפירט געוואָרן די „קדימה" פון די, וואָס זענען צו יענער צייט געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם אַנשטאַלט. איך האָב געהאַט גרויס חשק, פשוט אַן אינערלעכן דראַנג, צוצוטרעטן גלייך צו דער אַרבעט אויף אויסצובעסערן, אויסרייניקן, אויפהייבן דעם ניוואָ פון אונדזער אַמאָל געשאַפע־נעם קולטור־ווערק — אונדזער ילד־שעשועים, אָבער צו מיין טיפן באַדויערן האָט דאַן מיין פרנסה־עול מיר אַוועקגעפירט ווייט, ווייט פונעם פּלאַץ פון מיין פאַרלאַנג.

ווען כ׳בין דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעפאָרן מיט דער באַן פון מעלבורן, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז כ׳לאָז איבער הינטער זיך עפּעס טייערס, עפּעס הייליקס, און אַז איך דערווייטער מיך פון אַט דעם טייערן און פאַר מיר הייליקן, און כ׳וועל מיט דער באַן אַוועקגעפירט אין אַן אומענדלעכן מרחק פון פאַרהוילנס, טרויעריק־קלאָגע־דיקס און אומבאַשטימטס און אומזיכטבאַרס. ווען איך בין אַרויס פון דער באַן, אויף דער ערשטער סטאַנציע איטשוקאַ, האָב איך מיט זיך מיטגעשלעפּט צוויי שווער אָנ־געפּאַקטע טשעמאָדאַנעס מיט זאַקן, ווייבערשע ספּודניצעס, ברוסט־האַלטערס און נאַכהעמדער, געצאַצקעטע און געבלימלטע, און קליידלעך מכל המינים און נאָך אַנדערע שאַלאַמויזן, וואָס האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אימה און מיר געשטאָכן מיט שפּיזיקע אָפּקלאַנגען: „המן הסלע הזה תוציא מים?״ — פון אַט די משונהדיקע לופט־פּענכערלעך, בלויזלעך דאַרף איך עס חיונה ציִען, מיין ווייב און קינד דערפון דער־נערן? און אַרומגעגאַנגען בין איך פון הויז צו הויז, אָנגעקלאַפּט אין יעדער טיר:
— דאַרפט איר עפּעס וואָס? קויפט אַ פּאָר זאָקן, אַ קליידל! אָדער אפשר דאַרפט איר גוטן, שמעקעוודיקן זייף, אַן אונטערקליידל, און איי־איי, האָב איך צאַצקעדיקע, שיי־נע געשטריקטע און געשטיקטע קינדערשע קליידעלעך, נישט טייער! שטאָטישע פּרייזן, און... און... און...

איך האָב עם שטענדיק געמאַכט אויף גיך, בחיפזונדיק; געוואָלט וואָס גיכער דורכלויפן אַלע גאַסן פונעם שטעטל, כדי וואָס גיכער אַוועקצוגיין צום צווייטן שטעטל, גלייך ווי דאָרט וואָלט מיר פאַרגעשטאַנען עפּעס בעסערס, שענערס, גרינגערס, נישט אַזוי פּיינעדיקס. איך בין שטענדיק ווי געטריבן געוואָרן פון אַ טייוולאַנישן געיעג, וואָס גיכער אָפּצופטרן דעם טאָג, וואָס שנעלער צוצוציִען צו סוף וואָך, און דאַן... דאַן אָנהייבן די נייע וואָך מיט מער אימפּעט און אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ פון געיעג, פון שטופּן טאָג און וואָך, און דאַן — צוריק קיין מעלבורן, אָפּצופרישן אַ ביסל דעם וויסט־געוואָרענעם געמיט און דערטרינקען און דערשטיקן מיין אומעט אין די פיר ווינקלען פון מיין היים, אינעם זאַפט און ריח פון מיין ווייב און קינד.

אַזוי זענען פון וואָכן חדשים געוואָרן, און יעדע וואָך, יעדער חודש, האָט פון מיין צעווייטיקטער נשמה אַלץ מער און מער לעבנסקראַפט אַרויסגעצויגן און מיר געמאַכט מאַכטלאָז און אַפילו לעבנסלאָז.

פּרנסה — דווקא נישט שלעכט. פון מיין שווערער אַרבעט האָט געסטייעט אויף אַלץ צו באַזאָרגן. חיה האָט אויך צו ביסלעך צוגעהאָלפן; זי האָט אויפגענייט קינדער־שע קליידעלעך, זי האָט מיר אַרויסגעשיקט פּעקלעך סחורה אין דער ריכטיקער צייט און אויך אויף אַנדערע אופנים האָט זי געלייסטעט הילף אינעם גאַנג פון מיינע ביזנעס. איך האָב אָבער, אין לויף פון דער צייט דערפילט, אַז מיינע כוחות, — פיזישע ווי גייסטיקע, — ווערן שוואַכער און שוואַכער, אַלץ אָנמעכטיקער, איך בין דערשעפּט!
ביים סוף פון זעקסטן חודש פון מיינע וואָגלעניש, האָב איך אין אַ געוויסן טאָג

באַשטימט, אַז — גענוג! ס׳איז אוממעגלעך אַזוי ווייטער אָנצוגיין, פּשוט — איך פאַל אום! און אין דעם זעלביקן טאָג בין איך צוריק אַוועק קיין מעלבורן. און נאָך דעם ווי כ׳האָב חיהן איבערגעגעבן וועגן מיין פיזישן מצב, האָט זי אַליין פאַרגעלייגט, איך זאָל שוין פאַרענדיקן מיטן האָוקען. „גענוג, — האָט זי געזאָגט, — מיר וועלן זוכן אַ נייעם וועג אין לעבן; עפּעס אַן אַנדער קוואַל פון פּרנסה!״.

ווען פריינט זענען געוואָויר געוואָרן וועגן „וואָס עס טוט זיך ביי אונדז״, האָבן ווידער אַ מאָל זיך אָנגעהויבן שיטן עצות פון אַלע זייטן: זוכן אַרבעט אין אַ פאַבריק, זיך אַוועקשטעלן אין מאַרק מיט סחורה, אָננעמען ערגעץ־ווו אַן אַגענטור, אַ פאַר־שטייערשאַפט פון אַ פירמע, אָדער עפּעס ענלעכס. און פון די אַלע פאַרגעלייגטע פלע־נער, האָב איך אויסגעקליבן און אָנגענומען דעם פאָרשלאָג זיך צו גיין אַוועקשטעלן אויפן מאַרק. מען האָט מיר געראָטן אויפצוקויפן רעשטלעך סחורה און זיי פאַרקויפן אין מאַרק, דאָס ברענגט אַ גוטע הכנסה, עס גיט פּרנסה און ס׳איז נישט שווער אויך. צו אָט דעם מין מסחר איז נאָר בייטיק אַרומצוגיין אין די קליידער־פאַבריקן, ביי וועמען עס שטעלן זיך אָפּ און עס קלייבן זיך אָן רעשטלעך סחורה נאָכן פאַרענדיקן דעם סעזאָן, און אַז פון אַזעלכע אויפגעקויפטע רעשטלעך סחורה קען מען אַרויסבאַ־קומען גוטע פאַרדינסטן. „און מיט דער צייט, וועט איר אַליין, מר. הורוויץ זען, — אַזוי האָבן די בעלי־עצות צו מיר געטענהט, — איר וועט אַליין אויסגעפינען וואָס ס׳איז גוט פאַרן מאַרק־האַנדל, פון וועלכן איר זאָלט קענען מאַכן אַ לעבן״. נו, גאַנץ פיינע, פריינטלעכע און פּראַקטיש־פאַרשטענדלעכע עצות. אָבער ווען כ׳האָב אין די קומענדיקע עטלעכע טעג באַזוכט אַ צאָל קליידער־פאַבריקן, האָב איך מיך אָנגע־שטויסן אויף גאָר גרויסע און ערנסטע שוועריקייטן. ערשטנס, — אַזוי ווי אין די אַמאָליקע יאָרן אין רוסלאַנד, פּוילן, האָט יעדער פּריץ געהאַט זיין ייד, אַזוי אויך דאָ. כמעט יעדער פאַבריקאַנט האָט מיר אָפּגעפּטערט מיטן זעלביקן פּיזמון: — „עס קומט צו מיר אַריין אַ ייד קויפן די שטיקלעך, אַ ייד אַן אָרעמאַן און איך קען עס פון אים נישט אַוועקנעמען, איי, עם סאָררי״, עס טוט מיר לייד, הייסט עס. נו, טאַקע, אַוועקנעמען דעם ביסן ברויט פון אַ ייד אַן אָרעמאַן — דאָס טוט מען נישט! זייער פיין און אָנשטענדיק פון זיין זייט, אַן עכט יידיש האַרץ! אַנדערע פאַבריקאַנטן, ווי־דער, אַ ביסל האַרטערע יידן, האָבן אַפילו אָט דעם פּשוטן, געוויינלעכן תירוץ אויך נישט באַנוצט. זיי האָבן מיר אָפּגעפּטערט מיטן: — „איי עם סאָררי, כ׳האָב נישט קיין רעשטלעך צו פאַרקויפן!״.

די באַדינגונגען צו האַנדלען אויפן מאַרק זענען גראָד געווען זייער גרינגע. קיין גרויסע קאַפּיטאַלן האָט מען נישט באַדאַרפט דערצו, און אין מאַרק גופא, — דו קומסט, ווענדסט זיך צו דער פאַרוואַלטונג און בעטסט אַ פּלאַץ. און פאַר צוויי שילינג אַ טאָג באַקומסטו אַ פּלאַץ, שטעל זיך אַוועק און צעלייג זיך מיט דיין קראַם. און פאַר איין שילינג אַ טאָג קומט איינער, אויך אַ פּרנסה־זוכער, שטעלט דיר אַוועק אַ טיש

אויף וועלכן דו לייגסט אַרויס דיין סחורה, ווערסט אַ סוחר. דער עיקר אָבער איז — סחורה, ד״ה סחורה, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַרן מאַרק, עס זאָל צוציִען דעם קונה מיט דער ביליקייט פונעם אַרטיקל, ביליקער ווי אין די שטאָטישע קלייטן און אין דעם איז געלעגן די גאַנצע שאַרפקייט פונעם פּראָבלעם „פּרנסה״.

סחורה האָב איך אַפילו געקענט באַקומען זייער אַ סך צו קויפן אויף קרעדיט־טערמינען, אָבער אויף צו ציִען פון אַזעלכע סחורות פּראָפיטן אויף צו האָבן די מעג־לעכקייט צו לעבן פונעם האַנדל מיט אַזעלכע סחורות — דאָס איז נישט געווען. גע־קויפטע סחורות אויף קרעדיט אין די געשעפטס־הייזער האָבן קיין פאַרדינסטן נישט געבראַכט.

האָט טאַקע די נויט אָנגעהויבן קלאַפּן ביי אונדז אין טיר, זיך פאַרקליבן אין אונדזער ענגן צימערל אַריין, ווו מיר האָבן שוין דאַן געוווינט ביי פיינע, גוטע מענטשן, אַליין אויך נישט קיין גרויסע נגידים. אונדזערע שטוב־הוצאות האָבן מיר אַראָפּגעזעצט ביז צום מינימום, אָבער פון מיינע קליינע פאַרדינסטן אין מאַרק, האָב איך נישט גע־קענט באַזאָרגן דאָס מינימאַלסטע פאַר אונדז דרייען. און דערצו נאָך — חיה איז נישט געווען געזונט אויפגעלייגט און צופרידן מיר צו העלפן אַ מאָל אין מאַדק, זי איז געווען במעט ווי דערשלאָגן פון ערגערן זיך צוליב דעם. און דאָך פלעגט זיך קומען און העלפן.

נאָך זעקס חדשים, זייער שווערע, ביטערע זעקס חדשים שטיין אין מאַרק, האָבן מיר ביידע, סיי חיה און איך אויך, אָנגעהויבן זיך אַריינטראַכטן און איבערטראַכטן, צי איז נישט אַ פּלאַן נאָך אַ מאָל און אויף ס׳ניי פּרובירן האָוקען; פאַרט געווען פּרנסה פונעם האָוקען. איי, די שווערקייטן? אפשר וועט זיך דאָך איינגעבן איבער־צושטאַרקן זיך. מ׳דאַרף נאָך אַ מאָל אַ פּרווו טאָן. און איך האָב ליקווידירט מיין פאַרבינדונג מיטן מאַרק, כ׳האָב פון דאָס ניי מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ רימל סחורה, פּאַסיקע פאַר מיין נייעם, אַלט־נייעם מסחר, און מיט צוויי אָנגעפּילטע טשעמאָדאַנעס בין איך אַוועק אַ צווייט מאָל פּרווון מיין מזל אויף דער פּראָווינץ.

**
*

פאַר דער צייט פון מיין געפינען זיך אין מעלבורן, האָב איך אָפּגעפרישט מיין דאָרשט נאָך יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. יעדן זונטיק אָוונט האָב איך באַזוכט די „קדימה״, און כאָטש אַפילו נישט אָפט הנאה געהאַט פון דעם וואָס כ׳האָב דאָרט גע־זען און בייגעוווינט, דאָך האָב איך געשעפּט נחת פון פאַקט אַליין, אַז עס עקסיסטירט, עס איז פאַראַן המשך. איך האָב געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועל איך האָבן די מעגלעכ־קייט מיטצווירקן און אַריינברענגען מער לעבן און אינהאַלט. איך האָב אויך מאַנכע מאָל, אין די זונטיק־אָוונטן, אויפגעטראָגן מיט אַ פאַרלעזונג פון די ווערק פון יידישע שרייבער און דיכטער. איך האָב געהאַט, געפילט אַ שטאַרקן דראַנג אויפצוטאָן זייער פיל אויפן קולטור־געביט. אָבער זייענדיק זייער באַגרענעצט אין מיין פרייער צייט, צו־

ליב דאגות־פרנסה, האָב איך קיין סך נישט געקענט אויפטאָן. עס דערמאָנט זיך מיר, אַז דווקא אין די גאָר ערשטע חדשים פון אונדזער אָנקומען אין מעלבורן, האָב איך, טראָץ דעם אַרומפאָרן אויף דער פּראָווינץ, צוזאַמען מיט חיהן און נאָך אַ פּאָר אַנדערע חברים אויפגעטראָטן אין אַן איינאַקטער „דער פּוילישער סאָלדאַט״, אונטער דער אָנפירונג און רעזשי פון מר. ראובן פינקעלשטיין ע״ה. דאָס איז אויפגעפירט געוואָרן חול המועד פּסח 1922, אויף דער בינע אין קאַרלטאָן האָל, ניעל סטריט, קאַרלטאָן.

ווען מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל אַ צווייט מאָל פּרובירן גיין זוכן פּרנסה אויף דער פּראָווינץ, האָב איך, טראָץ מיין פעסטער אַנטשלאָסנקייט עס דורכצופירן, מיט דער פולער ענערגיע, זיך דערפילט ווי פאַרלירן און צעבראָכן. ווידער אַ מאָל זיך אַרומוואַלגערן אין די האָטעלן צווישן שיכורים (באַמערקונג: אין אויסטראַליע איז דער באַדייט האָטעל — אַ טרינק־הויז, ווו עס ווערן פאַרקויפט שאַרפע געטראַנקען, און זיי פאַרנעמען דעם אויבנאָן פון דעם געשעפט. דער באַגריף „האָטעל״ איז בלויז אַ צוטשעפּעניש, אַ מין דעקטוך פאַרן משקה־פאַרקויף.) און פאַרדעכטיקטע נפשות; שלאָפן יעדע נאַכט אין אַן אַנדער בעט און יעדן טאָג עסן מיינע מאָלצייטן ביי פרעמדע טישן. און אויך — ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל קלאַפּן אין די טירן און שטיין כעני בפתח: „קויפט עפּעס, ציין־בערשטלעך, אָדער שיינע קעמעלעך, נאַכטהעמדער, זיידענע זאָקן, אָדער סאַמעטענע צודעקלעך וכדומה אַזעלכע נוצלעכע באַדערפענישן״. אָבער דער שטויס פאַר חיונה, די נויט פאַרן ביסן ברויט, דער חוב מיינער צו באַזאָרגן פאַר מיינע ליבע און טייערע זייער אויסקומעניש — דאָס האָט געטריבן, געיאָגט און האָט גובר געווען.

אַכט חדשים האָב איך אַזוי אַרומגעוואָגלט אויף די וועגן פונעם שטאַט וויקטאָריע, דורכגעשניטן אים אין דער לענג און אין דער ברייט. יעדע דריי־פיר וואָכן בין איך געפאָרן קיין מעלבורן איינקויפן סחורה, און מער ווי אַ פרייטיק אָדער אַ שבת האָב איך מיך נישט פאַרגונען צו פאַרברענגען צוזאַמען מיט מיין קליינער פאַמיליע. פּרנסה האָט געשלונגען, געשטיקט, גענאָגט. אַן איבעריקן טאָג אין מעלבורן האָט דאָך געמיינט אַ פאַרלוסט אין די אויסרעכענונגען. און אַזוי האָב איך פון שטעטל צו שטעטל געוואַנדערט, טאָג־איין, טאָג־אויס און סוף וואָך פאַרבליבן ערגעץ־ווו אין אַן עיר הנדחת, געשלונגען די פוסטקייט פונעם שבת און זיך געשטיקט מיט דער רו פון זונטיק און קוים דערצויגן צום מאָנטיקדיקן פרימאָרגן אַרויסצוגיין אויף צו מסחרן, פּרנסה־באַלאַנס און דאָן, נאָך אַ וואָרעמען „גוד־ביי״, אַוועקלויפן מיט דער באַן צום דורכלויפן די פאָר גאַסן פונעם שטעטל, אַריינכאַפּן דעם שטעטלס צושטייער צו מיין האָטעל פונעם צווייטן שטעטל, ווו פאַרזויפענע קידוש־מאַכער האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן ביי וויפלטן גלעזל זיי האַלטן, און דערזעענדיק מיר, אַ גאַסט, אַ פּנים חדשות, האָבן זיי מיט קעלבערנער התפעלות אויסגערופן: — Hello brother, come and have.

אַזױ אין קײעבראַם, אָדער אין בענדיגאָ, אַזױ אױך אין יאַררעאַװאָנגאַ a drink אָדער אין האָרסאַם, אַזױ אין יאַקאַנדאַנדאַ אָדער אין שעפּילס, — אומעטום אַזאַ כאַפּטע עסיק־מאַכערס, כסדר דעם זעלבן ברוך־הבאָ: ,Hello chum, hello brother come and have a drink און די שבתים און די זונטיקן, װאָכן־אָפּשניטן, אַ װאָך און שבת, אַ זונטיק און אַ װאָך, אײנס און צװײ און דרײ און דאַן — „העללאָ, מר. הורװיץ, נו, װי גײט עס אײך אין די ביזנעס? מען מאַכט אַ לעבן אין אױסטראַליע! גוט האָט איר געטאָן, װאָס איר זענט צוריק געקומען אַהער. נישקשה, אױסטראַליע איז נאָך אַ מדינה, מען קען דאָ לעבן. אָט אַזױ, אין די זונטיקן אין מעלבורן. קומט מר. הור־װיץ, לאָמיר גײן אין „קדימה״. הײנט אין אָװנט װעט זײַן פרײלעך דאָרט, חנוכה, מר. באָרוכאָװיטש װעט בענטשן חנוכה־ליכט, קומט! און חיה און חפשי, שבת און זונטיק בײ מיר אין שטוב, בײ אונדז אין שטוב, פאַרשװונדן, אָפּגעװישט דער „העללאָ בראָטהער, קאָם ענד העװ אַ דרינק״. מיר זענען טאַקע פאַרשיכורט פון פרײד, פון הײמישקײט אין אונדזער װינקל. יעדער מינוט צוזאַמען — אַ שטיק נחת, יעדע שעה — שבת שבתון, עס רוט די קדושה אין אונדזער הײם.

איך האָב אָנגעקניפּט גוטע געשעפטס־פאַרבינדונגען. אָפּט האָבן שױן קונדן אױף מיר אומגעדולדיק געװאַרט, כדי צו קױפן בײ מיר מציאות. און חיהס הילף איז אױך געװאָרן אַ מער סטאַבילע, מער װערטפולע. עס האָט זיך געלאָזט גוט פאַרדינען בײ די קינדערשע קלײדעלעך װאָס זי האָט אַלײן אױפגענײט. זי האָט אױך געקױפט פאַר מיר סחורות לױט מײנע אָנװײזונגען און באַשטעלונגען, און די סחורות מיר אָן אָפּ־האַלט אַרױסגעשיקט אױף אָן אָנגעװיזענעם אַדרעס, אַזױ אַז דאָס האָט מיר פיל גע־האָלפן אָנצוהאַלטן מײן סחורה רעזערװ.

אונדזער מאַטעריעלער צושטאַנד האָט זיך אַזױ אַרום פיל, פיל פאַרבעסערט, אָבער פיזיש האָב איך מיך װידער געפילט אַראָפּגעפאַלן, דערשעפּט. דאָס אַרומגײן יעדן טאָג בײ אַ זעקס־זיבן שעה מיט צװײ שװערע, פול־אָנגעפּאַקטע װאַליזעס אין די הענט האָט געװירקט אױף מײן געזונט־צושטאַנד זײער שלעכט. עס האָט מיר אָפט פאַרפעלט אָטעם און כ׳האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן, אָפּרוען און דאַן װײטער שפּאַנען. איך האָב דאָך געמוזט פאַרענדיקן דעם טאָג כדי צו „דעקן״ אַלע הײזער אין שטעטל, אין בײנאַכט פאָרן מיט דער באַן אינעם צװײטן שטעטל, און דאָרט, פאַרשטײט זיך, אינעם צװײטן שטעטל, האָב איך געדאַרפט דורכמאַכן דעם זעלביקן פּראָצעס: גײן און טראָגן די שװערע װאַליזעס, זיך אָפּשטעלן, אָפּאָטעמען און װײטער פאַרזעצן דעם געראַנגל פאַרן קיום.

איך האָב שױן פאַר זיך געזען די שװאַרצע שטראָמען פון אָן אָנקומענדיקן װיסטן חורבן אין דעם גרונט פון מײן געזונט־צושטאַנד. איך האָב שױן אײנגעזען, אַז ס׳איז מיר אוממעגלעך, אַבסאָלוט אוממעגלעך אַזױ װײטער צו ציִען דעם אָט־אָט פּלאַצנדיקן פאָדעם, און אַז עס װעט, עס קען קומען צו אָן איבערברוך אין מײן אָרגאַ־

ביזם, וועלכער וועט, פריִער צי שפּעטער, צוזאַמענברעכן אונטער דער שווערער משא.

און... צום סוף פון אַכט חדשים האָב איך מיך איבערצייגט, אַז איך מוז אויפגעבן דאָס האָוקען און איך בין אַוועקגעפאָרן צוריק קיין מעלבורן.

ווען איך האָב פאַר חיהן מיין ביטער האַרץ אויסגעגאָסן, האָט זי, ווי אַ געטרייע חברטע, מיט ליבער וואַרעמקייט עס אויפגענומען, און מיר געטרייסט: — נישט געזאָרגט, מיר וועלן זען וואָס עס בלייבט אונדז צו טאָן.

58. — פאַרצווייפלונג, פאַרוואָלקנט, אויפשיין

צוריק אין מעלבורן. באַנייטע שוואַרצע ראַמען אַרום דעם צוקונפט־צירקל פון מיין זיין. פון דרויסן לויערן פאַרצוקונגס־געשפּענסטער און וואַרפן טרויעריקע, מוטנע צייכנס אויפן סאַמע ווינקל פון דעם יסוד פון מיין היינט, פון מיין מאָרגן. און פון אינעווייניק, פון די נשמה־געוועבן — אומרו, אומגעדולד, שפּאַנונג. עס קראַכט דער יסוד פון דעם פאַרלייגטן בנין, אָט־אָט און רוינען וועלן אַרויסשטאַרן פון דעם צעפאַלענעם קאָרטן־שטיבל. פון מענטש, ווייב און קינד וועלן בלייבן שוואַרצע פלעקן, שטעכיקע סימנים פון פאַרוועלקטע האָפענונגען, חורבות פון אַ פאַרוויסטן לעבן. ווי פאַררויכערט האָט אויסגעזען מיין היינט, ווי אונטער הרובעס גרויע אַש דער מאָרגן.

די ערשטע טעג פון מיין פאַרבלייבן צוריק אין מעלבורן, בין איך אַרומגעגאַנגען, געשפּאַנט אויף די גאַסן צוועקלאָז, אָן באַשטימטע פּלענער. עס האָט אין מיר און אַרום מיר געיאָמערט מיט שפּיציקע קלאַנגען און אָפּקלאַנגען, אַ מיט בלוט געצייכנטע איוב־סימפאָניע. איך האָב נישט געקענט, כ׳בין געווען הילפלאָז אויף צו קאָנצענטרירן זיך אויף עפּעס, קעגנצושטעלן זיך, אַפילו נישט געווען אין שטאַנד צו וואַקלען זיך אַרום דעם מיסטעריעזן עפּעס. דאָס האַרץ, די נשמה, דער גאַנצער באַשאַף און באַגריף: — אייזיק אין פּלוצים געוואָרן אַ בלאַנק, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן „0", נול, געוואָרן אַ נישט.

אין שטוב ביי אונדז, איז די רו, די אָרדענונג נישט געווען אין פולן איינקלאַנג מיט מיין צושטאַנד. די שטוב־האַרמאָניע איז געווען צערודערט, ווי נאָך אַן עקספּלאָסיון אויפרייס, געדיכט־שטויביק. און מיר ביידע, — חיה און איך, — האָבן מיט שטומע, שטאַרע, ווייטע בליקן נאָכגעפאָלגט דעם כאַאָס, וואָס האָט זיך ווי אַ ווירבלווינט אַריינגעריסן אין אונדזער לעבן. אין מיין מוח האָבן זיך די געדאַנקען געמישט, ווי בייזע שלאַנגען וואָס האָלטן שליטה אויף זייער הילפלאָזן, שוין אויסגעמאַטערטן קרבן. בייזע געדאַנקען, איינער שרעקלעכער פונעם אַנדערן, האָבן געעגבערט און געמאָנט, געמאָנט און געעגבערט. און אין אונטערצי — אַ בלאַנק.

ווען איך בין אַ מאָל, אין איינעם פון אָט די געשילדערטע פינצטערע טעג מיינע געזעסן אויף די טרעפּ פון דער גרויסער פּאָסט־געביידע אין בוירק סטריט, און אין

דעם טומל און רעש פון דער שטורעמדיקער גאַס האָב איך בלויז תוהו־ובוהו געזען, אַ חרובע וועלט, אין וועלכער איך בין נאָך דער איינציקער וואָס זשיפּעט נאָך, דער פאַרפייניקטער גוסס. אין אָט די דאָזיקע מינוטן איז פון דער וויטנס פאַרבייגעגאַנגען מיין פריינט בנימין גראָס, און באַמערקנדיק מיך זיצן ווי אַ נעבעכיקער, ווי פאַרזונקען אין אַ שליאַד פון אַ פרעמדער וועלט, האָט ער מיט זיין שאַרפן אויג און חוש אין מיר דערזען דעם אָפּבליק פון אונטערגאַנג און יאוש, און ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— מר. הורוויץ, וואָס זיצט איר דאָ, אין מיטן בוירק־סטריט, אַזוי ווי פאַרגליווערט, איך זע, מיין פריינט, איך דערקען וואָס ביי אייך אינעווייניק קומט פאָר. נאַרישער מענטש, נאָר נישט פאַרצווייפלט! איר, דער פריילעכער מר. הורוויץ, דער זינגער, דער שטענדיק מונטערער, איר זאָלט אַזוי חרוב ווערן, פע! קומט מיט מיר. דעקט אויף פאַר מיר וואָס עס דריקט אייך, וואָס עס איז מיט אייך? איך וועל אייך העלפן! איר דאַרפט זיך שעמען צו זיצן דאָ אין אַזאַ מעמד און נישט קומען צו אַ פריינט, אויסדערציילן אייער ביטער האַרץ, ווי מען זאָגט. קומט, איך וועל אייך העלפן קומען צו זיך! איר ווייסט, אַז איך בין אייער פריינט. פאַר מיר האָט איר געדאַרפט אויפדעקן אַלץ. קומט!

און איך בין געגאַנגען, מער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך מר. גראָס ווי געגאַנגען. מיר זענען דאַן אַריין צו אַ צווייטן פריינט און איך בין געשטאַנען אין אַ זייט, געשטאַנען ווי אַ מומיע, ווי פאַראַליזירט, ווי אַלץ אין מיר וואָלט געווען פאַרפרוירן. איך האָב קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען.

און ווען מר. גראָס האָט זיך מיט אונדז געזעגנט, האָט מר. יאַנג מיך אַריינגעבעטן אין זיין מאַשין און מיר זענען געפאָרן צו איינעם פון זיינע קליענטן, אַ פאַבריקאַנט פון דאַמען־קליידער, פאַר וועלכן ער, — מר. יאַנג, — האָט גראָד אין יענע טעג אינסטאַלירט מאַשינען אין אַ נייער פאַרגרעסערטער פאַבריק־געביידע. מר. יאַנג האָט מיר פאַרגעשטעלט פאַרן פאַבריקאַנט ווי זיינעם אַ פריינט און האָט, בינו־לבינו אים אַ בעט געטאָן, אפשר קען ער מיר פאַרקויפן אַ ביסל רעשטלעך וואָלענע סחורה.

מיר איז שיעור דאָס האַרץ נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר גרויס איבערראַשונג, ווען דער פאַבריקאַנט, אַ קריסט, האָט אַזוי־זיך, גאַנץ גלייכגילטיק, אָנווייזנדיק אויף אַ גרויסן שטויס וואָלענע סחורה־רעשטלעך, אַ זאָג געטאָן: —„גוט, מר. יאַנג, ער קען, דיין פריינט, נעמען דאָס פּעקל סחורה פאַר דרייסיק שילינג“. און מיין איבערראַשונג איז געווען נאָך צען מאָל גרעסער, ווען מר. יאַנג האָט מיר געפרעגט, צי איך האָב מיט זיך געלט, און וויל איך האָב טאַקע אין דעם מאָמענט קיין געלט ביי זיך נישט געהאַט, האָט ער, מר. יאַנג, באַצאָלט די דרייסיק שליניג. מיר האָבן דאַן ביידע די צווי שווערע פּעק רעשטלעך אַרונטערגעטראָגן און מיט שווערקייט זיי אַריינגעפּאַקט אין זיין מאַשין. אין צען מינוטן שפּעטער זענען מיר שוין געווען ביים טיר פון

אונדזער הויז, ווו מיר האָבן די גרויסע מציאה מיט נאָך אַ גרעסערן פּאַראַד אַריינ־געטראָגן און עס דערלאַנגט חיהן ווי אַ מתנה.

מיין דאַנקבאַרקייט צו מיין פריינט מר. יאַנג ע״ה, קען איך איצט, שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, נישט מאָלן אין ווערטער. עס שטיקן מיר נאָך אַפילו איצט די טרערן, ווען איך דערמאָן זיך אין יענער תקופה און מיין פריינט הערי יאַנג, כבוד זיין אָנ־דענק.

די פּראָפיטן פון דעם פּעקל סחורה־רעשטלעך האָב איך שפּעטער געשאַצט אין פינף־זעקס וואָכן חיונה.

אַ שטראַל פון האָפענונג האָט אויפגעבליצט, באַלויכטן און דערוואַרעמט אונ־דזער אָרעמען צימער. די טיפע און וואַרעמע פריינטלעכקייט וואָס מיינע פריינט האָבן אַרויסגעוויזן אין זייער גרייטקייט מיך צו העלפן און צו שטעלן מיר צוריק אויף אַ מעמד, האָט מיר אָנגערעגט צו מעשים און איך האָב זיך אַליין אויסגערעדט און גע־שטראָפט פאַר מיין שוואַכקייט צו רעזיגנירן אויף מיין גורל.

איך האָב גלייך נאָך דעם עפּיזאָד מיטן פּעקל רעשטלעך, ביי זיך פעסט באַ־שלאָסן, אַז אין מאַרק ליגט דער שליסל צו מיין פּרנסה־קוואַל, און דאָס וואָס דער האַנדל אין מאַרק פאָדערט, מוז איך זען גוט אויספּאַסן, פּלאַנירן און לויט דעם אָנצײ־כענען מיין אַקטיוויטעט־ליניע. איך האָב צוריק געקראָגן מיין מוט, געשטאַרקט דורכן פּאַל פונעם פּעקל סחורה, און... און איך בין געוואָרן אַ מאַרק־סוחר. די ערשטע פּאָר חדשים האָב איך מיט שילינגדיקע, אַפילו מיט פּעניקע פדיונות אָנגעפירט מיין מסחר. אָבער די פאַרדינסטן וואָס די שילינגס און די פּעניס האָבן געבראַכט, האָבן זיי מיר דאָך געמוטיקט, זיי זענען געווען גרונטלאַז פאַר אַ פאַרצווייפלונג, פאַרקערט, — פון זיי האָט אַרויסגעקוואָלן שירה וזמר פאַר דער פאַריאָמערטער נשמה.

נאָך דריי חדשים האַנדלען, ווען אין מאַרק האָבן זיך ביידע: מיינע איינקונפטן און פּראָפיטן, פאַרדאָפּלט און אַפילו פאַרדרייפאַכט אין פאַרגלייך צו אונדזערע שטוב־הוצאות, האָב איך שוין אָנגעהויבן קוקן מיט לויטערע אויגן אויף די אויסזיכטן פאַר אַ פאַרבעסערונג אין אונדזער לעבן. מיר האָבן זיך שוין געקענט דערלויבן אַן איבע־ריקע פאָר שילינג אויסצוגעבן אויף נאָך אַ בענקל, אָדער אַ שענקל, און אין שטוב בכלל האָט שוין געהערשט זאַטקייט און פריילעכקייט האָט אָנגעהויבן אויספילן די צימער־ווינקלען, ווו עס האָבן פריִער געהויערט אומעט און נאָגנדיקע זאָרג. אָבער, און דאָ קומט די צרה פון גאָר אַ ניי, אָדער אַן אַלט־ניי „אומגליק״. דער מאַרק־האַנדל איז דאָך חיהן, נאָך פון דעם ערשטן מאָל, גאָרנישט געווען צום האַרצן. און איצט, כאָטש נאָך אונדזערע טרויעריקע איבערלעבענישן אין עקאָנאָמישן זין, האָט זי דאָך זיך געהאַלטן ביי דאָס פריִערדיקע. זי פלעגט באַוויינען און באַקלאָגן יעדן טאָג, יעדן מאָל ווען זי האָט געדאַרפט אַרויסקומען אין מאַרק מיך צו העלפן. איך האָב באַשעפ־טיקט אַ מיידל, אויף צו העלפן מיר יעדן טאָג אין די מאַרק־שעהן, אָבער פּרייטיק

און שבת האָב איך געמוזט האָבן חיהס הילף אויף זיך צו קענען ספּראַווען מיט דער גרעסערער צאָל קונים און אויך, — נישט אויסגערעדט זאָל דאָס זײן, — כּדי צו האַלטן אַן אויג אויף די „אומזיסטע" קונים, וואָס קומען טאַקע קויפן, אָבער פאַרגעסן זיך צו באַצאָלן. חיה האָט פּשוט געהאַסט דאָס שטײן אין מאַרק, און איר האָט פלעגט זיך אויסדריקן דווקא נישט מיט ווערטער, נאָר מיט טרערן, הײסע, פײנלעכע טרערן; פײנלעכע פאַר איר זעלבסט ווי אויך פאַר מיר. עס האָט מיר ווײ געטאָן, און פאַר איר שטײן אין מאַרק, זײן אַ „מאַרק־זיצערין," אַ „מאַרק־יידענע", האָט עס איר פאַרשאַפט ווײטיק, עגמת־נפש, שווערע לײדן. און אָט די האַנדלונג אירע, די שטעלונג אירע, האָט זײער פיל געשטערט אין דעם נאָרמאַלן גאַנג פון מײן אַרבעט, פון מײן געשעפט־פירונג. איך האָב געזען מיט פרײד, אַז דער מאַרק גיט אונדז פּרנסה ברווח, בשפע, און אַז ווער ווײסט, אויב מיר זאָלן אָנווענדן אונדזער פולע ענערגיע און געשעפטס־פעיקײטן, וועלן מיר דורך אָט דעם האַנדל קענען צוקומען צו עפּעס בעסערס, עפּעס גרעסערס. דערווײל אָבער, מוזן מיר מיט לײב און נשמה אַרבעטן געטרײַ און איבער־געגעבן און האָפן אויף בעסערס.

אָבער חיהס ווײנען טאָג־טעגלעך אויף איר מערכה ווי אַ „מאַרק־זיצערין" האָט אַ סך געשטערט אין פראָגרעס פון אונדזערע ביזנעס.

ביז... אײן מאָל אין אַ טאָג, האָט חיה באַשלאָסן, אַז... אויס מאַרק פאַר איר, גע־נוג! זי וויל אויפעפענען אַ קלײט. „אַ קלײט, — האָט זי געטענהט, — איז מער אָנ־שטענדיק, מער סוחריש. זי קען נישט שטײן אין מאַרק, זי וויל נישט זײן קײן מאַרק־זיצערין!".

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביז דעם אומגליקלעכן באַשלוס אירן, האָבן מיר געוווינט אין שכנות אין אַ צימער און שפּעטער — אין צווײ קלײנע צימערלעך מיט אַ קלײן קיכעלע. אָבער צוליב חיהס באַשלוס, — און זײער אַ פעסטער באַשלוס דערצו, — זענען מיר געווען געצווינגען צו זוכן אַ הויז מיט אַ קלײט צוזאַמען, אָדער אַ הויז, וווּ אַ פאָדערשטער צי־מער זאָל קענען פאַרוואַנדלט ווערן און דינען ווי אַ קלײט. און אַזאַ הויז האָבן מיר געפונען, נישט דווקא אין אַן אָנגעזעענעם ביזנעס־צענטער, דערפאַר אָבער ביליקע דירה־געלט. און מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין דער נײער דירה, אויך אין קאַרל־טאַן, און מיר האָבן גענומען אויסאַרבעטן פּלענער צו עפענען אַ קלײט פון גאַלאַנ־טערײ־סחורות און צו דעם צוועק באַנוצן און אויסשטאַטן דעם פאָדערשטן צימער ווי אַ קלײט. אַז זי וויל אַזוי, איך דאַך נישט שײַך!

מיט גרויס מי, שווערע האָרעוואַניע און גרויסע אויסגאַבן אויף די מינימאַלסטע אײַנריכטונגען, אויסגאַבן וואָס זענען געווען ווײט, ווײט אונטער אונדזערע מאַטעריע־לע מעגלעכקײטן, האָב איך דעם צימער מיט די אײגענע הענט געבראַכט און אײַנ־געאָרדנט אין דער נײטיקער פאָרעם און אים צוגעפּאַסט פאַר אַ קלײט. אָבער קײן

קליט האָבן מיר נישט געעפֿנט, נישט געהאַט דאָס „גליק" צו עפענען. דאָס איז גע־וועז אַרום יוני־יולי 1925. חיה איז קראַנק געוואָרן, אַוועק אין שפּיטאָל און נאָכן אָפּליגן 4־5 וואָכן אין שפּיטאָל, איז זי אַ היים געקומען אַ שוואַכע, כמעט אַ שברי־כלי. אין דער צייט פֿון איר קראַנקייט האָב איך זייער שווער געאַרבעט. דעם מאַרק האָב איך נישט געקענט, נישט געטאָרט פֿאַרנאַכלעסיקן. געמוזט יעדן טאָג, ווי שטענ־דיק, אַרומגיין זוכן אויף צו קויפֿן סחורה אין די קליידער־פֿאַבריקן, אָדער אין די־הורטאָוונע געשעפֿטן. און הכל כולם — אַ „זייטיקע אַרבעט", וואָס האָט מיר אויסגע־מאַטערט, דערמאָרדעוועט. די גאַנצע צייט וואָס חיה איז געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל, האָב איך יעדן טאָג געקאָכט עסן פֿאַר איר און עס אַוועקגעטראָגן צו איר אין שפּי־טאָל באַלד אין דער פֿרי, פֿאַר מיין אַרויסגיין אויפֿן מאַרק. חיה האָט נישט געקענט פֿאַרנעמען די מאכלים פֿון שפּיטאָל, און דאָס האָט מיר געצוווּנגען צו קאָכן פֿאַר איר יעדן טאָג אַ דאָזע שפּייז, עס זאָל קלעקן פֿאַר איר אויפֿן גאַנצן טאָג.

ווען חיה איז צוריקגעקומען פֿון שפּיטאָל, שוואַך און אומפֿעיִק אַנצוגיין מיטן אויפֿזען די שטוב, האָב איך אויך וואָכן־לאַנג געפֿירט די הויז־ווירטשאַפֿט, געהאַלטן אַלץ אין דער פֿולסטער אָרדענונג, כדי צו העלפֿן חיהן קומען צוריק צו אירע כוחות, זיך צו שטעלן צוריק אויף אירע פֿיס. געוויס, איך האָב די גאַנצע צייט געמוזט אַר־בעטן אַ סך שעהן, 17־18 שעה אין טאָג, אָבער מיינע כוחות זענען מיר בייגעשטאַ־נען. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אונטער די דאָזיקע אומשטענדן, ווי איך האָב דאָ געשיל־דערט, איז שוין די פֿראַגע פֿון אויפֿעפֿענען אַ קליט פֿון זיך אַליין בטל געוואָרן, און מיר האָבן פֿאַרדונגען די „קליט" צו אַ קריסט, אַן עלעקטריקער, מיטן באַדינג צו באַפֿרייען די „קליט" ווען מיר וועלן דאָס פֿון אים פֿאַרלאַנגען.

59. — קולטור־קוואַלן — נשמה באַלזאַם

אין מיין אומגעהויערער אָנשטרענגונג צו דערהאַלטן אַלץ וואָס ס'איז נייטיק געווען, כדי ווי געהעריק אָנצוגיין מיט מיין געשעפֿטס־אָנפֿירונג, אַרבעטנדיק אונ־טער די שווערסטע באַדינגונגען צוליב חיהס פֿיזיש־שוואַכן צו שטאַנד, האָב איך דאָך ביי זיך נישט געקענט פֿועלן צו פֿאַרנאַכלעסיקן מיינע קולטור־פֿליכטן און געזעל־שאַפֿטלעכער פֿאַרבינדונג מיט דער „קדימה".

איך האָב אומדערמידלעך געווירקט אויף איינצואָרדענען יעדן זונטיק אין אָוונט אַן אונטערנעמונג, וואָס זאָל מער־ווייניקער פֿאַרשאַפֿן גענוס די פֿאַרזאַמלטע און אין דער זעלבער צייט שטיין אויף דער געהעריקער קולטור־ניוואָ. איך האָב אויך אונ־טערגעטריבן אַנדערע מיטצווירקן און צוצולייגן אַ האַנט, העלפֿן אויפֿטאָן אויף וויפֿל ס'איז מעגלעך געווען.

אַרום אויגוסט־סעפּטעמבער 1925, איז אונדז געלונגען צוזאַמענצוברענגען אַ קליינע צאָל קולטור־געשטימטע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע מיטגלידער פֿון „קדימה" און

מיר האָבן געשאַפן און פּראָקלאַמירט אַ טעאַטער־קרייז, וואָס זאָל האָבן די אויפגאַ־בע צו זאָרגן פאַר דער אויפפירונג פון צייט צו צייט אַ טעאַטער־פּיעסע, אַן איינ־אַקטער און אויך האַלטן דאָס פאַר זיין צוועק און ציל, צו פלעגן דאָס יידישע וואָרט אין אַלגעמיין. איך האָב מיין גאַנצע ענערגיע, מוט און קראַפט געשטעלט צו דער דיס־פּאָזיציע פונעם ניי־געשאַפענעם טעאַטער־קרייז; געלאָפן, געוועקט, געמונטערט, צו־זאַמענגעבראַכט און זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע שטערונגען אָדער שוועריקייטן.

אין 1926 האָבן מיר מיט חדווה און עקסטאַז צום ערשטן מאָל דעמאָנסטרירט אונדזער עקסיסטענץ. מיר האָבן אויפגעפירט שלום־עליכמס פּיעסע „צעזייט און צע־שפּרייט", אין פּיר אַקטן, וואָס דער עולם האָט אויפגענומען זייער ענטוזיאַסטיש. מיין פרייד איז געווען גרויס, איך האָב געקוואָלן פון שמחה: מען שפּילט אין מעלבורן יידיש טעאַטער, ריינעם, אָנשטענדיקן יידיש טעאַטער, און דער עיקר — דער „קדי־מה" טעאַטער־קרייז שפּילט, די קולטור־געזעלשאַפט „קדימה" האָט געקראָגן אַ תיקון.

אין מעלבורן איז נאָך צו יענער צייט נישט געווען קיין יידישע דרוקעריי, און אַלע אַפישן וועגן טעאַטער, ווי אויך די פּראָגראַמען האָבן דעריבער געמוזט געדרוקט ווערן אויף דער ענגלישער שפּראַך. עס איז אַפילו יאָ געווען אַ דרוקער, אַ גוי, מר. פּאָרד, וואָס האָט געהאַט אין זיין באַזיץ אַ קליין ביסל יידישן שריפט, האָבן מיר טאַקע דאָרט, ביי אים אין דרוקעריי, געדרוקט אונדזערע אַפישן. די קעפּלעך פון דער טעאַטער־פּיעסע, און אַ מאָל אויך מער ווי די קעפּלעך, האָבן מיר אַליין געמוזט צו־זאַמענשטעלן פון די יידישע אותיות וואָס מר. פאָרד האָט פאַרמאָגט. אָבער זייער אָפּט האָט געטראָפן, אַז אַפילו דאָס וואָס מיר האָבן אַליין, מיט די אייגענע הענט אויסגעזעצט, האָט ער, מר. פאָרד, דאָס אַזוי צעדרייט אין דרוק, אַז עס איז אַרויס־געקומען קאָמיש, ממש לעכערלעך.

אין דער פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט" האָב איך געשפּילט די ראָל פון בעני־שדכן.

דאָס יידישע לעבן האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים, אַ פריילעכערן פּנים, און דער עיקר — אַ יידישן פּנים, צום ווייניקסטן אין אונדזערע קרייזן, צווישן אונדזע־רע „עמך"־מענטשן. און דאָס האָט פאַרשאַפט פרייד, דערהויבונג, דערמונטערונג. מיר האָבן אויך אַ מאָל אויפגעפירט אַן איינאַקטער, ווי צב"ש „עולם הבא" פון אבּ־רהם רייזען, און אויך „עולם־הבא" פון שלום־עליכם און אַנדערע. און דערביי האָבן מיר אויך נישט פאַרפעלט איינצואָרדענען יעדן זונטיק אַ ליטעראַרישן אָוונט, אַ לעקציע אָדער אַ געזאַנג־אָוונט און אַ „לעבעדיקע צייטונג", פאַר וועלכער אייניקע פון אונדז פלעגן אָנשרייבן אַרטיקלען אויף פאַרשידענע טעמעס, צייטפראַגן, אאַז"וו. און יעדער „שרייבער" האָט אַליין פאַרגעלייענט זיין אַרטיקל, אָדער אַ מאָל האָט עס אַן אַנדערער געטאָן פאַר אים.

זייער אָפט איז מיר אָנגעקומען מיט פיל מי דאָס צוזאַמענעמען גענוג מאַטע־ריאַל פאַר אַ נומער „לעבעדיקע ציַיטונג", און עס האָט געטראָפן, אַז איך האָב גע־מוזט מער ווי אַ העלפט אַליין באַזאָרגן און אַ חוץ דעם נאָך פאַרלייענען דאָס וואָס אַנדערע האָבן אָנגעשריבן און האָבן, צוליב פאַרשידענע סיבות, נישט געקענט קו־מען זונטיק אין אָוונט אין „קדימה" דאָס אַליין צו טאָן, אָדער פשוט, זיך געפוילט צו קומען און „פטרן" אַן אָוונט. איך האָב אַלץ געטאָן מיט ליבשאַפט פאַר דער זאַך, מיט פולער אחריות און איך האָב גרויס הנאה געהאַט פון דעם, אַ פולע סאַטיספאַק־ציע: עס איז פאַראַן פרוכט פון מיין אַרבעט, עס לעבט, עס געדייעט דאָס יידישע וואָרט, און דער עיקר — עס ברענגט אָנהענגער, צוהערער, עס פאַראינטערעסירט אייניקע צוצוהעלפן טראָגן דעם יאָך.

יאָרן זענען געגאַנגען. די מיטגלידערשאַפט פון דער „קדימה" וואַקסט אין צאָל. דער ווערט פון „קדימה" איז מער און העכער געשעצט. און מיר אַליין, די וואָס טרייבן די ראָד, מיר ווערן וואָס מער מיטגעריסן און באַגייסטערט צו זיין מער טע־טיק, זיך מער אָפּצוגעבן פאַרן דערהויבענעם צוועק.

אין לויף פון חדשים האָבן מיר אויפגעפירט די פיעסן: „יעדער מיט זיין גאָט" פון דוד פינסקי, „דעם שמידס טעכטער" פון פרץ הירשביין, און „די שחיטה" פון יעקב גאָרדין און נאָך אַ פאַר איינאַקטערס. אַלע אויפגעפירטע פיעסן זענען אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, אייניקע האָבן אַפילו דערוועקט אַ גוואַלדיקן פוראָר.

ווי אַ מיטגליד פונעם „קדימה"־קאָמיטעט, האָב איך דערמוטיקט און געהאָלפן אַנטוויקלען צווישן די חברים דעם געדאַנק און די נויטווענדיקייט פון אַן אייגענעם לאָקאָל פאַר אונדזער חשובער אינסטיטוציע; אַן אייגענע געביידע, וואָס זאָל דינען ווי אַ פערמאַנענטע היים פאַר אונדזערע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אַקטן און וווּ אויך דאָס טעאַטער־וועזן זאָל קענען אַנטוויקלט ווערן אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב; פאַרמאָגן אַן אייגענע בינע און נישט דאַרפן אָנקומען צו אַ געדונגענעם זאָל אין אַ פרעמדער סביבה, ווי אויך צו זיין באַגרענעצט אין צייט, אין די דאַטעס — ווען אויפצופירן אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג.

צו אונדזער גרויסער פרייד און אַמביציעזן ווונטש, איז אונדז געלונגען צו פאַראינטערעסירן אַ געוויסע צאָל, און אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל מיטגלידער אויסערן קאָמיטעט, וואָס האָבן מיט אויפריכטיקער איבערגעגעבנקייט זיך געשטעלט אין דינסט פון דעם דערהויבענעם ציל, — זיי האָבן אונטערגענומען אַ פאַרצווייגטע געלט־זאַמ־לונג פאַר אַ בוי־פאָנד.

איך האָב זיך אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז איך שרייב עס מיין אויטאָביאָגראַפיע און נישט קיין „קדימה"־געשיכטע. אָבער מיין פאַרבינדונג מיט „קדימה" און מיין טיפע ליבע צו דעם גאַנצן ענין „קדימה" איז דאָן געווען „עצם מעצמי ובשר מבשרי". עס

איז בײ מיר געװען אַזױ באַליבט און טײַער די „קדימה”, אַז איך האָב אין דעם גע־לעבט טאָג און נאַכט און געשעפּט פון דעם פרײד, נחת און התרוממות הנפש והרוח.

60. — פון אַלץ צו ביסלעך און אָפט מער װי דאָס

אין אונדזער פּריװאַטן לעבן איז געקומען אַן ענדערונג צום בעסערן. חיה האָט זיך זײער גוט דערהאָלט פון איר קראַנקײט, זי איז צוריק געקומען צו אירע פולע פיזישע כוחות און האָט װידער געװנומען דענקען, טראַכטן און חלומען פון אַ קלײט, אָדער, װי זי פלעגט זיך אױסדריקן, — „אַ מאַגאַזינטשיק”. און צוליב אָט דעם גרױסן װוּנטש און גלוסטונג צו איר ליבלינג־אידעע — „אַ מאַגאַזינטשיק”, האָט זי דערװײל אַ סך װײניקער געהאָלפן אין מײן מאַרק־האַנדל. און דאָס איז געװען אין דער צײט, װען מײנע געשעפטן האָבן זיך פיל, פיל פאַרבעסערט און פאַרשטײט זיך, דװקא גע־פאָדערט מער אױפמערקזאַמקײט און הילף.

איך האָב מיר דערװאָרבן אַ סך פלעצער, קלײדער־פאַבריקן, װוּ איך בין גע־װאָרן אַ רעגולערער אָפּנעמער פון זײערע סחורות, רעשטלעך, װאָס האָבן זיך בײ זײ אָנגעזאַמלט נאָכן סעזאָן. איך האָב געקראָגן אַ דריסת־הרגל אין אײניקע גרױסע קלײטן און הורט־געשעפטן פון סחורות, צוגעפּאַסטע פאַר מײן מין האַנדל און צו דעם אַלעם האָב איך זיך מיט דער צײט אױסגעלערנט און ספּעציאַליזירט אין צו־שנײַדן קינדערשע הײזלעך און בלוזקעס, װעלכע איך האָב אָפּגעגעבן צו פּרויען־בײ־טאַרינס אױפּצוניײען. איך האָב געמאַכט פאַר מײן מאָטאָ: באַצאָלן פאַר דער אַרבעט אַ דאָפּלטן פּרײז װאָס די פרױען באַקומען געװײנלעך פון אַנדערע אַרבעטס־געבער, און דערפאַר האָב איך באַקומען פון זײ זײער אַ גוטע אַרבעט, געמאַכט אַזױ, אַז מײנע הײזלעך און בלוזקעס זענען געװאָרן אַ שם־דבר אין מאַרק. און איבערהױפּט האָב איך געצױגן גוטע רװחים פון קינדערשע מאַנטעלעך, און... אױך צוליבן זעלבן מאָ־טיװ. אַ קלײנער פאַבריקאַנט האָט פאַר מיר גענײט די מאַנטעלעך און ער האָט פון מיר באַקומען באַצאָלט פאַר זײ פּונקט צװײ מאָל אַזױ פיל װיפל ער פלעגט באַקו־מען פון די גרױסע קונדן זײנע. ער האָט דערפאַר אין זײן אַרבעט פאַר מיר אַרײנ־געלײגט גרױס בריהשאַפט. און אַז אַ מאַמע אָדער אַ באַבע זענען צו מײן טיש צוגע־קומען און האָבן אױף זײער קינד אָנגעמאָסטן אײנעם פון מײנע מאַנטעלעך, האָבן זײ שױן נישט געקענט אָװעקגײן אָן דעם מאַנטעלע. דאָס קינד האָט, מיטן מאַנטעלע אַרױפגעצױגן אױף זײן אײדל קערפּערל, פּלוצים אױסגעװאַקסן אין זײערע אױגן צו דער הײך און װירדע פון אַ פּרינצן־קינד, און זײ האָבן באַצאָלט.

עס האָט זיך אױך פיל פאַרבעסערט אונדזער עקאָנאָמישער מצב און עס זענען געװען, עס האָבן זיך אױך געװיזן גוטע אױסזיכטן אױף נאָך בעסערע צײטן. און אונדזער צוזאַמענאַרבעט, איך מײן אונדזער געמײנזאַמע אַרבעט, — חיהס און מײ־נע, — איז געװען זײער און זײער נױטיק, כדי מיר זאָלן זיך מיט דער צײט קענען

דערשלאָגן צו עפּעס בעסערס, און אפשר אויך גרינגערס, ווי צו שטיין אין מאַרק און פאַרקויפן „שמאַטעס". חיה, אָבער, האָט נישט געוואָלט רעזיגנירן פון איר פאַרצייטיקן פאַרלאַנג און וווּנטש — קלייט און קלייט, זי וועל נישט זיין קיין מאַרק־יידענע, קיין „פּערעקופּטשיצע", זי וויל זיין אַ ביזנעס־לידי, נישט האָבן צו טאָן מיט מאַרק־מענטשן.

אירע געווינען, אירע טרערן, זיצנדיק ביים פאַרקויף־טיש, האָט מיר געקאָסט געזונט, פאַראומערט דאָס לעבן. עס האָט געווירקט, געפּרעסט אויף מיינע נערוון. קונים קומען, קלייבן, קלייבן און קויפן, גייען אָבער נישט אַוועק נישט צו קומען מער צום טיש, ווו די פאַרקויפערין ווייַנט גאַר, באַקלאָגט זייערע באַצאָלטע שילינגס.

— „מסתמא רייסן זיי זיך אַרום, די צוויי! געוויס דערקוטשעט ער איר אַזוי, אַז עס פאַרביטערט איר דאָס לעבן. פּע! איך וועל צו דעם טיש מער קיין מאָל נישט צו־טרעטן".

עס פלעגט מיר זיין זייער אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן. אין די פּרייטיקטיקע אָוונטן, למשל, פאַרענדיקט אַ גוטן יריד־טאָג, מען פאָרט אַ היים, צוזאַמען מיט אונדזערע שותּפים צום וואָגן, וואָס האָט אונדז פונעם מאַרק געפירט, דער פּדיון פון דעם טאָג אַ גוטער, רווחים גאַנץ נישקשהדיקע. פרייטיק אין אָוונט פאָרט אַ ייד, אַ בידנער ייִד מיט אַ פולן בייטל מיט געלט: עס וועט זיין צו צאָלן חובות, צאָלן דירה־געלט, קויפן אַן אָנשטענדיקן מלבוש און זיך אויך אַריינכאַפּן אין אַ טעאַטער, הנאה האָבן פונעם לעבן, די פאַנטאַזיע פאַרטראָגט העט ווייט, ווייט. און דאָ, אין זעלבן וואָגן, ביי דיין זייט, זיצט זי, אַ טייל פון מיר, אַ פריינט און אַ חבר, און קלאָגט, גיסט מיט טרערן — דער איבערפלוס פונעם גוטן פרייטיקדיקן מאַרק־טאָג. אירע טרערן האָבן ביי מיר שטיקער האַרץ אַרויסגעריסן, פאַרפרוירן אין מיר יעדע ביסל פרייד אויף אונדזער אויפגעלויכטענער מערכה. עס האָט מיר געוויטיקט, געפּייניקט אירס אַ טרער, אַ שטיק בלוט, אירס אַ זיפץ — אַ ריס ביי מיר אינעם גאַנצן נערוון־סיסטעם, עס האָט מיינע געהירן צעטרייסלט. מיר ביידע אויפן זעלבן וואָגן, פרייטיק אין אָוונט. אין מיר רודערט, צאַפּלט זיך אַ וואַרעמע האָפענונג אויף אַ גוטן מאָרגן, און חיה — אַ פאַר־קלאָגטע, אַ פאַרזויערטע פּרינצעסין אין שאָטן פון שבת מלכתא, אַ קאַריקאַטור פון אַן „אשת חיל מי ימצא".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז געקומען דער סוף צו דעם אָנהייב פון דער טראַגעדיע: חיה איז געוואָרן אַ קרעמערין, די באַלעבאָסטע פון אַ „מאַגאַזינטשיק". מיר האָבן געבעטן אונדזער שכן, דעם עלעקטריציסט, צו באַפרייען די קלייט ביז אַ געוויסער דאַטע, כהי מדובר. און חיה האָט מיט מזל דערגרייכט איר באַגער — אַן אייגנטימערין פון אַ געוועלב.

און ערשט איצט האָבן זיך פאַר מיר אָנגעהויבן שווערע און מידע טעג און נעכט. קיין מזומן געלט האָב איך נישט פאַרמאָגט אויף צו באַשטעלן די נייטיקע מכשירים

און איינריכטונגען, און די גרעסטע טייל אַרבעט האָב איך אַליין געמוזט טאָן, כדי צו ברענגען די ליידיקע פיר ווענט צו אַ צושטאַנד פון אַ געשעפטס־פּלאַץ, און אַז עס זאָל קענען דינען ווי אַזעלכער. און דער עיקר פונעם עסק — סחורה. מיין סחורה פונעם מאַרק איז נישט געווען דער פּאַסיקער מין און צוגענגלעך פאַר אַ קלייט. איך האָב געמוזט אָנקומען צו נייע הורט־געשעפטן און זוכן ביי זיי קרעדיט, סחורה אויף אויסצופילן ווי עס איז די נעבעכדיקע ליידיקע פּאָליצעס.

איך האָב „געריסן פון זיך שטיקער", געטאָן אַלץ וואָס ס'איז געווען מעגלעך צו טאָן, און חיה האָט געהאַט אַ קלייט מיט סחורה. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו יאַווען קונים, עס האָט זיך „געדרייט"; חיה איז געווען באַשעפטיקט. זי האָט שוין אויך געמוזט אַריינגעמען אַ העלפערין אין געוועלב, ווי אויך אַ צווייטע העלפערין צו טאָן די הויז־אַרבעט, צוויי־דריי מאָל אין וואָך. און עס האָט זיך גערודערט, עס האָט זיך געביזנעוועט. אין רעזולטאַט אָבער פון פּרנסה — —כמעט נול. קיין געניטע געשעפטס־פרוי איז דאָך חיה נישט געווען, כאָטש אַ פאַרקויפערין איז זי געווען זייער אַ גוטע, אַן ערשטקלאַסיקע, אָבער ווי אַ געשעפטספירערין אויף צו פאַרוואַלטן מיטן געשעפט און עס צו ברענגען צו אַ זיך באַצאָלנדיקן פּרנסה־קוואַל, — דערצו פאָדערט זיך מער אַ סוחרישער חוש, וועלכן חיה האָט צום באַדויערן נישט פאַרמאָגט. אַריינמישן זיך און מאַכן אָנווייזונגען אין דער היגזיכט אויף אויסבעסערונגען, — חס מלהזכיר, חיות נישט זיכער!

און... די צייט האָט געטאָן דאָס איריקע: חובות האָבן זיך אָנגעקליבן, וואָס זי איז נישט געווען ביכולת צו דעקן. און פאַרשטייט זיך, אַז איך בין דאַן געוואָרן „דאָס כפרה־הינדל", געמוזט מאַכן שווערע אָנשטרענגונגען אויף צו באַצאָלן אירע רעכענונגען, אַמווייניסטנס אין די געשעפטס־הייזער וועלכע האָבן איר געדראָעט צו שניידן דעם קרעדיט, אָדער אים אין גאַנצן אָפּשטעלן. און אין די קלאָגעדיקע קלייט־באַדינגונגען האָבן אָפּט געפירט צו שאַרפע איבערריידענישן, צו מחלוקתן צווישן אונדז ביידן. די קלייט איז געוואָרן אַ מקום פורעניות פאַר אונדז. מיינע זאָרגן וועגן אירע געשעפטס־אָנגעלעגנהייטן האָבן מיר פאַרשאַפט אַ סך ערנסטע אומאָנגענעמלעכקייטן, פשוט, גרויסע צרות.

און אָט איז געקומען צו הילף דווקא אַ נישט זייער ווינטשנסווערטע געשעעניש. חיה האָט זיך דערפילט שוואַך אין געזונט און אין אַ געוויסער מאָס האָט זי פאַרלוירן איר אַרבעטס־פעיקייט און האָט אָנגעהויבן, צוערשט מורמלענדיק נישט מיט קיין פולער זיכערקייט, אָבער שפּעטער מיט מער אויסגעשפּראָכנקייט, און *געלאָזט פאַלן ווערטער וועגן פאַרקויפן די ביזנעס, אַרויסגיין פון געשעפט, אויפגעבן און פאַרענדיקן מיטן זעלבן.

אָט דער צופאַל, דער גליקלעכער צופאַל, האָט געבראַכט צו אַ זייער פריילעכע און אומדערוואַרטע דערשיינונג. אַ פרוי, אַ קריסטין, אונדזערע אַ באַקאַנטע פון פיל

יאָרן, האָט אויסגעדריקט איר ווונטש צו קויפן, איבערנעמען די קלייט, אָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט... און ווען כ'האָב פאַר איר אַרויסגעלייגט די באַדינגונגען, האָט זי זיי וויליק אָנגענומען. און חיה איז איצט, אין אַ מזלדיקער שעה, אַרויסגעקראָכן פונעם „אומגליק".

מיר האָבן דערנאָך געדונגען אַ דירה, זיך איינגעאָרדנט פּריוואַט און כ'האָב פרייער אָפּגעאָטעמט און האָב זיך גענומען צו מיינע צווײ וויכטיקסטע אונטערנעמונגען: צום געשעפט אין מאַרק, מיין פּרנסה־קוואַל, און צו קולטור־אַרבעט, מיין קוואַל פון אינערלעכן דראַנג נאָך גייסטיקן גענוס, גייסטיקע באַדערפעניש און באַפרידיקונגען. און איך מוז זיין ערלעך צו זיך אַליין און זאָגן, אַז איך האָב זייער אָפּט פאַרנאַכלעסיקט ביידע אונטערנעמונגען. אָבער, ווידער אַ מאָל, למען האמת, — אָפּטער האָב איך פאַרפּושעוועט דווקא די וויכטיקערע פון ביידע — דעם פּרנסה־קוואַל.

ווען איך וואָלט זיך געווען אין גאַנצן אָפּגעגעבן צו מיין געשעפט, וואָלט איך געהאַט גוטע און אַ סך מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען און צו ברענגען מיין מאַטעריעלע פּאָזיציע צו אַ זייער גוטער מדרגה. איצט אָבער, נאָך אַזוי פיל יאָרן, נאָכדענקענדיק מיטן קאַלטן ישוב־הדעת, זע איך איין, אַז איך האָב דאַן, אין יענע ווייטע יאָרן נישט געהאַט די זעלביקע לאָגישע באַזינונגס־קראַפט און אַז איך האָב מיך געלאָזט באַהערשן פון אינערלעכע, נישט געשעפטסמעסיקע, אַזוי צו זאָגן, אינסטינקטן. יידישע ליטעראַטור, קולטור, טעאַטער, געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען: אָט די „נאַרישע, פּוסטע מעשיות, ווילדע פאַנטאַזיעס" האָבן איבער מיר געוועלטיקט און געהאַט די אויבערהאַנט.

געווען נישט זעלטן, אַנשטאַט צו גיין זוכן קויפן אַ פּעקל רעשטלעך, כדי פון דעם פּעקל געקויפטע סחורה זאָל איך קענען פאַרדינען אַ פּאָר שילינג און האָבן אויף אויסקומעניש, בין איך אַנשטאַט דעם געגאַנגען צום פריינט ש. אָדער צום פריינט ז. און געזוכט ביי זיי דעם גוטן ווילן זייערן אָנצושרייבן עפּעס פאַר אונדזער „לעבעדיקע ציטונג", אָדער באַווירקן זיי זיך צוזאַמענצוקומען מיט אַנדערע פריינט איבערצולייענען אַן איינאַקטער און דאַן באַשטימען אַ טערמין ווען עס אויפצופירן אויף דער „קדימה"־בינעלע. יאָ, „קדימה" און דער „קדימה"־טעאַטער־קרייז האָבן מיר אין גאַנצן ווי פאַרשלונגען און מיין פרייע צייט צוגערויבט. און אַזוי אַרום געפירט דערצו, איך זאָל פאַרנאַכלעסיקן מיין מאַטעריעלע באַזע און רואינירן דעם יסוד פון מיין עקאָנאָמישן אויפשטייג. מאַטעריע און גייסט האָבן אין מיר אַטראַפירט דעם מסחר־מענטש און אומגעבראַכט דאָס עלעמענטאַרע גרונט־געפיל פון שטרעבונג צום עקאָנאָמישן וווקס און דערגרייכונג.

— —

אין די ערשטע חדשים פון 1928 האָבן מיר פאַרקויפט די קלייט און אין יוני פון זעלביקן יאָר האָב איך זיך פאַרקילט און געקראָגן אַן אָנטצינדונג אין רעכטן אויער.

די שרעקלעך שאַרפֿע װײטיקן אין אויער האָבן מיר שיעור פֿון זינען געריַרט. און נאָך זעקס־זיבן טעג ליגן קראַנק אין שטוב, האָט אונדזער הויז־דאָקטער געראָטן צו אָפּערירן דעם אויער און האָט געהייסן מען זאָל מיך אַװעקפֿירן אין שפּיטאָל, װוּ ער װעט צוגרייטן אַ פּלאַץ פֿאַר מיר. און ער אַליין, טאַקע, האָט מיט דער עצה און אויפֿזיכט פֿון אַן עלטערן דאָקטער, דורכגעפֿירט איבער מיר די אָפּעראַציע. װען דער דיזשורנער דאָקטער פֿון שפּיטאָל האָט מיר באַדינט, האָט איבערגעביטן די הייל־שטאָפֿן אין דער װוּנד פֿון הינטער דעם אויער, אָדער, װי זיי האָבן עס מעדיציניש אָנגערופֿן, „אַ מעסטאָיד", האָב איך שוין דאַן, אין יענע מאָמענטן געפֿילט אַז — אויס, אַז דער מלאך־המות האָט מיר שוין אויף זיכער אין זיין רשימה אַריינגעשטעלט, פֿאַרצייכנט: בר־מינן נומער אַזוי און אַזוי. מיינע װײטיקן זענען געװען נישט צום איבערטראָגן און אין דעם איז אין אַ געװיסער מאָס געװען שולדיק דער דאָקטער, װאָס האָט אַליין, אָן דער הילף פֿון דער קראַנקנשװעסטער, געװאָלט האָבן די מצוה מיר צו היילן און פֿאַרלייכטערן מיינע ליידן. ער פֿלעגט אַפֿילו אונטערשמייכלען בעתן טאָן זיין הומאַניטאַרע מלאכה און סאַרקאַסטיש זיך בייזערן, הלמאי איך שריי אַזוי — װאָס געװאַלדעװעסטו אַזוי?! — האָט ער זיך צעשריען אויף מיר, אין דער צייט װען איך בין שיעור נישט אונטער זיינע הענט אויסגעגאַנגען.

אויפֿן דריטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע, װען חיה איז װי געװײנלעך געקומען מיר מבקר חולה זיין, האָב איך, װײנענדיק װי אַ קליין קינד, איר געבעטן זי זאָל אַװעקגיין צום ד״ר אשכנזי, אונדזער הויז־דאָקטער װאָס האָט מיר אָפּערירט, און זאָל אים בעטן רחמנות האָבן אויף מיר און קומען יעדן טאָג, צום װײניקסטן די נעקסטע פֿינף־זעקס טעג און ער זאָל אַליין איבערבינדן מיין װוּנד. איך בין געװען זיכער אַז דער ד״ר אשכנזי, מיט זיין לייכטער האַנט און צוליב זיין רחמנות־געפֿיל צו אַ באַקאַנטן מענטש, װעט מער־װײניקער מיינע װײטיקן לינדערן. און עס איז טאַקע אַזוי געװען: דער ד״ר אשכנזי איז זעקס טעג נאָכאַנאַנד געקומען יעדן פֿרימאָרגן און האָט אַליין, פֿאָרזיכטיק און פֿאַכמעניש מיין װוּנד איבערגעבונדן און דערמיט, מיט זיין באַהאַנדלונג, האָט ער אין אַ גאַר גרויסער מאָס מיינע ליידן פֿאַרקלענערט.

נאָך צװיי און צװאַנציק טעג ליגן אין שפּיטאָל, האָט מען מיר דערלויבט אַ היים גיין. און אויך נאָך דעם בין איך דריי װאָכן פֿאַרבליבן אין שטוב. איך בין נישט אַרויס פֿון יענער זייט טיר אויף קיין איין מינוט אַפֿילו, צוליב דעם קאַלטן װינטער װאָס האָט דאַן געהערשט.

חיה האָט פֿאַר דער צייט פֿון מיין קראַנקייט אָנגעהאַלטן די ביזנעס אויף װיפֿל ס׳איז איר נאָר מעגלעך געװען. אָבער קויפֿן סחורה — דאָס האָט זי נישט געקענט; זי האָט נישט געװוּסט װוּ און װען צו גיין קויפֿן.

נאָך פֿיל װאָכן פֿון אָפּװעזנהייט, װען כ׳האָב זיך שוין געפֿילט גענוג שטאַרק, האָב איך דאַן מיט דער פֿולער קראַפֿט און ענערגיע זיך װײטער איינגעשפּאַנט אין דער

אויספירונג און אָנפירונג פון אַלע זייטן פון מיין געוויינלעכער לעבנס־טעטיקייט, מאַטעריעלע ווי גייסטיקע, און נאָך אַ מאָל געפּרוווט אַרויסצאַיִען פון אַלץ די פולע באַפרידיקונג. און איך וויל דאָ מיט פולער סאַטיספאַקציע אונטערשרייבן — ביידע אויפגאַבן האָבן זיך מיר איינגעגעבן. די פּרוכט פון מיין מי און פּראַצע געשעפטלעך, איז געווען גאַנץ צופרידנשטעלנדיק; פּרנסה איז געווען אין דער פולער מאָס, דורך שווערער אַרבעט, פאַרשטייט זיך און אויך די גייסטיקע זייט פון לעבן, צום ווינציקסטן אין מיין לעבן, איז מיר געווען צום האַרצן..

**
*

ביים סוף 1927, אָדער אָנהייב 1928, האָב איך צוזאַמען מיט א. בר־כהן ז״ל, ש. מינץ און ל. זאַבינסקי, ווי אויך אַ פּאָר אַנדערע חברים אונטערגענומען אַן אַקציע פאַר אַ ייִדישע צייטונג, אַ וועכנטלעכע. און נאָך עטלעכע צוזאַמענקומען, האָבן מיר באַשלאָסן גלייך אָנהייבן צוזאַמענצונעמען מאַטעריאַלן פאַרן ערשטן נומער פון דער געפּלאַנטער צייטונג. אויפן סמך פון בר־כהנס פאַרבינדונגען מיט סידנייער פריינט, וועלכע האָבן דאָרט אויסגעפּרובירט אַלע וועגן און מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג. זיי האָבן האָבן עס געראָטן צו טאָן, טאַקע אין סידניי, האָט בר־כהן, באַפולמעכטיקט פון אונדז, אַוועקגעשיקט דעם גאַנצן צונויפגעזאַמלטן, אָנגעשריבענעם מאַטעריאַל קיין סידניי. איך האָב אויך צוגעטראָגן אַן אַרטיקל פאַרן ערשטן נומער.

אָבער, אַרום סוף 1930, זיך איבערצייגנדיק אַז פון דער סידנייער אונטערנעמונג וועט גאָרנישט אַרויסקומען, אַז עס איז אַ פּיאַסקאָ, האָבן מיר ערשט מיט פרישער ענערגיע זיך אַ נעם געטאָן אויף צו פאַרווירקלעכן אונדזער פּלאַן אין מעלבורן. צו יענער צייט איז דערוויל שוין געהאַט אָנגעקומען אין מעלבורן מר. דוד אַלטשול מיט זיין פאַמיליע. אַליין אַ דרוקער פון פאַך, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט ייִדישן שריפט, גענוג אויף אויסצוזעצן אַ קליינע ייִדישע צייטונג, ווען אַפילו מיט גרויסע שוועריקייטן, אָבער דאָך — ייִדישע שריפט.

אין יאַנואַר 1931 איז געדרוקט געוואָרן און דערשינען דער ערשטער נומער פון דער ערשטער ייִדישער צייטונג אין אויסטראַליע, אונטערן נאָמען „אויסטראַליער לעבן“. ייִדישע קרייזן, ייִדיש־קרייזן, האָבן מיט גרויס פרייד אויפגענומען דעם ערשטן נומער פון דער צייטונג, אַ ייִדישע צייטונג, געדרוקט טאַקע דאָ, אין מעלבורן. ייִדן ענטוזיאַסטן האָבן זיך געדריקט די הענט, האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב און געווונטשן גליק און לאַנגע יאָרן דעם ליבלינג זייערן — דער ייִדישער צייטונג.

איך האָב פון צייט צו צייט אָנגעשריבן אַ ליד, אַן אַרטיקל און דאָס אַריינגעגעבן צום דרוקן. און אונדזער טעאַטער־קרייז האָט דורך דער צייטונג אויך געפונען אַ גרויסן תיקון. ערב אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג האָט מען געקענט אָנשרייבן עטלעכע שורות און געבן אַן איבערבליק וועגן דער פּיעסע וואָס מ׳גרייט זיך צום שפּילן און

אויך אָנאָנסירן אין אַ ברייטערער פאָרעם די פאָרשטעלונג. די צייטונג איז געוואָרן אַ טריבונע, אַן אַדרעס פאַרן קליינעם ייִדישן קיבוץ, איבערהויפּט פאַרן ייִדיש־ריידנ־דיקן און ייִדיש־לייענעדיקן טייל פון קיבוץ, וואָס האָט אין איר געזען זיין רעפּרע־זענטאַנץ כלפּי חוץ און ווי אַ פאַרבינדונגס־פּונקט כלפּי פּנים.

איך האָב דורך דער עקסיסטענץ פון דער צייטונג באַקומען מער חשק און מער פאַרגעניגן אָפּצוגעבן מיין פרייע צייט פאַרן ייִדישן וואָרט בכלל, ווי פאַרן ייִדישן סענטימענט בפרט. עס האָט מיר געהויבן אין מוט און אין גייסט און מיר פאַרשאַפט אַ סך נחת־רוח.

די „קדימה" האָט אויך אין אַ גרויסער מאָס געגאָסן שוין פונעם פּאַקט אַליין, וואָס אַ ייִדישע צייטונג שטייט זייער אָפט צו איר דיספּאָזיציע און העלפט, דירעקט און אומדירעקט, צו פאַרוואָרצלען די אידעען פאַר וועלכע „קדימה" עקסיסטירט, קעמפט און באַמיט זיך צו פאַרשפּרייטן צווישן דעם ייִדישן קיבוץ אין מעלבורן.

אַרום 1932 האָט זיך שוין געפונען אַ גענוגנדיקער קרייז פאַראינטערעסירטע מיטגלידער און פאַרערער פון „קדימה", וואָס האָבן געגנוי אָפּגעשאַצט די גרויסע וויטוועדיקייט פון אַן אייגענער היים פאַר דער „קדימה", און דאָס וויכטיקסטע, דאָס סאַמע נייטיקסטע אַז עס מוז געשאַפן ווערן אָן יעדער אָפּלייג. איך האָב מיין צו־שטייער צו דער דאָזיקער ברענענדיקער פראַגע צוגעגעבן אין דער פולסטער מאָס. איך האָב אונטערגעטריבן, אונטערגעוואָרעמט און האָב אויפגעוויזן אַלע פּאַזן פון דער פּראַקטישקייט פון דער זאַך, נישט נאָר פון דער אידעאַלער זייט, נאָר פשוט, פון דער פּראַקטישער זייט: עס וועט צוציִען מער מיטגלידער, דאָס טעאַטער וועט זיך אַנטוויקלען גיכער און בעסער און וועט אַריינברענגען מאַטעריעלע נוצן, און די דאָ־זיקע טריבונע וועט אויך אַ סך צוהעלפן אין דער זעלבער הינזיכט, שוין נישט ריידנ־דיק פון דער מאָראַלישער ווירקונג וואָס דער גאַנצער אויפטו וועט האָבן אויפן גאַנג, באַמען און גלאַנץ פון „קדימה" ווי אַ קולטור־צענטער.

עס האָט זיך שוין צו יענער צייט געפונען אין דער בוי־פאָנד קאַסע אַ גענוגנ־דיקע סומע געלט, וואָס האָט געקענט פאַררעכנט ווערן ווי גענוגנד צוצוטרעטן צו דער בוי־אַרבעט, וואָס וועט אַן און פאַר זיך שוין אַליין זיין אַן אַנטרייב־קראַפט אויף צו שאַפן די נייטיקע פאָנדן אויף צו פאַרענדיקן דעם בנין, דעם „קדימה"־בנין.

און דער וווּנדער, דער חלום, פאַרוויקלט אין אַ התלהבותדיקן באַגער, איז פאַר־ווירקלעכט געוואָרן. עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער ייִדישער באַציאָנאַלער ביבליאָטעק „קדימה", אויף לייגאָן סטריט, נאָרד־קאַרלטאָן, מעלבורן, אין אויגוסט 1932. אונטערן גרונטשטיין, אין אַריינגאַנג צו דעם הויפּט־זאַל, האָט מען בעת דער פייערונג אָוועקגעלייגט אַ נומער פון יעדער איינער פון די פיר ענגלי־שע צייטונגען, אַן אַרטיקל אָנגעשריבן פון אהרן בר־כהן ז"ל, און אויך מיינס אַ ליד

און אַן אַרטיקל, וואָס כ'האָב געווידמעט דער געשעעניש. די באַגייסטערונג צווישן דעם גרויסן עולם אָנוועזנדיקע איז געווען אין לשער, די דערהויבונג — ביזן הימל. פרייד האָט באַהערש יעדנס האַרץ: עס וועט זיין אַן אייגענע היים פאַר דער געזעל־שאַפט, די יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"; יידישקייט אין מאָדערנעם זין פון וואָרט וועט זיך געפינען אין אָט דער היים, וועט זיך אָנזען, וועט וואַקסן און זיך צעוואַקסן, וועט בליִען און שיינען און באַשיינען אונדזער לעבן.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל פאַר דער צייטונג, אַן אָפּ־שפּיגלונג פון די געפילן, וואָס די־אָ געשעעניש האָט אָפּגעשטעמפּלט אויפן געמיט, אויפן צעוואָרעמטן האַרץ.

61. — פאַרפאָלגט פון שלימזל

אין אונדזער עקאָנאָמישן מצב האָט זיך אין דער זעלבער צייט געשאַפן כמעט ווי אַ צוזאַמענפאַל. דער באָדן פון אונטער אונדזערע פיס, דער עקאָנאָמישער יסוד, האָט זיך גענומען אַרויסגליטשן. 1929, 1930, 1931 זענען געווען גוטע, זאַטע יאָרן, מיט אַ פאַרזיכערטער שפע און אַ פאַרפעסטיקטער פרנסה. מיין אַרבעט, אויב אַפילו נישט אין פולן שוואונג, געשפּאָלטן אויף צוויי טיילן: געשעפט און קולטור, איינס וויל פאַרשלינגען דאָס צווייטע, זיך אויפהייבן איבערן צווייטן און איך אין דער מיט פון די ביידע קעמפנדיקע צווישן זיך עקסטרעמע כוחות, ווער וועמען עס וועט גע־לינגען אייזיקן איינלייגן, אים בייקומען. צווישן דער קולטור־אַרבעט און געשעפטס־אָנפירונג בין איך געווען ווי אַ געשפּאָלטענער אַטאָם, קליין ווי ער איז, אָבער מעכ־טיק, נישט צום בייגן זיך, נישט צו פאַלן. מיין אייזן־קרעפטיקער אויסדויער האָט פאַר ביידן געקלעקט.

פון מיין שווערער אַרבעט האָב איך אַלץ באַזאָרגט פאַר אונדזער קליינער פאַמי־ליע. די שטוב איז געווען זאַט, פיין געקליידט און ווייניק וואָס האָט געפעלט. און פאַר אונדזער איינציק קינד האָבן מיר געזאָרגט און אים פאַרשאַפט אַלץ וואָס איז בייטיק פאַר זיין עלטער, וווּקס און אַנטוויקלונג. און ער האָט זיך גוט אַנטוויקלט, פיזיש און גייסטיק; גוט אין זיין שטודיום, פריִער אין דער שטאַט־שול און שפּעטער אינעם Workingmens College.

דער נאָרמאַלער גאַנג פונעם לעבן האָט אונדז אַלע דריי באַפרידיקט און ווייניק זאָרג אַרויפגעצויגן אויף אונדזערע געמיטער. מיר האָבן געלעבט, נישט חלילה אין אַ פאַרכישופטן גן־עדן, נייִן, פּשוט. עס האָט זיך אונדז געלעבט נישט שלעכט, אַזוי צו זאָגן. אונדזערע הענט און מוח זענען געווען אונדזער כוח.

איז אָבער עפּעס וואָס קאַליע געוואָרן אין אָט דעם נחתדיקן אַפּאַראַט אונדזערן. דאָס וואָס ס'איז געפּלאָסן כשורא וכדינא, האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די זאַפטיקייט, דער פלוס האָט פאַרלוירן זיין טעמפּאָ, אונטערגעטריקנט צו ביסלעך, ביז אַרום דער

מיט פון 1931 האָב איך אָנגעהויבן פילן, אַז איך פאַרליר מיין עקאָנאָמישן גרונט. איין פלאַץ נאָכן צווייטן, ווו איך פלעג געווינלעך קריגן צו קויפן רעשטלעך סחורה, האָבן אונטער פאַרשידענע אויסריידן אויפגעהערט מיר צו פאַרקויפן די רעשטלעך. אייניקע האָבן אַפילו גאַנץ אָפן זיך אַרויסגעזאָגט:

— איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת, מר. הורוויץ. עס איז צו מיר אַריינגעקומען אַ ייִד, האָט געוויינט פאַר מיר מיט בלוטיקע טרערן און מיר געבעטן איך זאָל אים פאַרקויפן מיינע סחורה־רעשטן. ער האָט וויינענדיק געזאָגט, אַז איך וועל אים דערמיט העלפן באַזאָרגן ברויט פאַר זיינע הונגעריקע קינדער. איך האָב נישט געקענט צוזען דאָס רחמנות־פּנים פון דעם ייִד, איך האָב נישט געקענטביישטיין דעם נסיון, — אַן אָרעמער ייִד, נעבעך, דאַרף ברויט פאַר זיינע הונגעריקע קינדערלעך.

אָט אַזוי און מיט אַנדערע „ראַדיקאַלע מעטאָדן", האָבן מאַנכע פון מיינע קאָנקורענטן מיך אַרויסגעשטופּט פון דאָרט, פון וואַנען איך האָב אַ טייל פון מיין עקסיסטענץ אַליין געהאַט באַזירט. נו, איך האָב נישט געקענט בעטן און וויינען, כדי צו שאַפן דעם נייטיקן איינדרוק.

ביים סוף פון 1932 האָבן מיר שוין אויך דערפילט דעם סוף פון אונדזער פּראָספּעריטעט־עפּאָכע. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן דערפילט אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו באַגרענעצן, קירצן און איינשפּאָרן די גאָר סאַמע וויכטיקסטע אויסגאַבן אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן.

און דאַן איז חיה צוריק אַרויס מיט איר אַלטן שלאָגנדיקן אַרגומענט: אַ קלייט. און דאָס מאָל שוין נישט אויפן גרונט פון דער אַלטער טענה, אַז זי וויל נישט, זי קען נישט זיין קיין מאַרק־ייִדענע. ניין, דאָס מאָל שוין מער ראַציאָנעל: צו ראַטעווען די סיטואַציע. זי האָט געטענהט, אַז איך זאָל אויפגעבן דעם מאַרק־האַנדל און אַז מיר זאָלן אויפעפענען אַ קלייט. „קרעדיט, — האָט זי געזאָגט, — קענען מיר דאָך באַקומען אין די הורט־געשעפטן, און אַז איך זאָל און וועל איר העלפן, וועלן מיר קענען אַנטוויקלען און שאַפן אַ מקור פון פּרנסה". גאַנץ פאַרנופטיק. איך, אָבער, קענענדיק געווי חיהס געשעפטס־פעיִקייטן, האָב געלייגט קליינע האָפענונגען אויף צו פאַרווירקלעכן אירע באַגרידונגען. געוויס, איך האָב איר דאָס אַלץ נישט געזאָגט, איך האָב דאָס איר נישט געקענט זאָגן, עס וואָלט איר באַליידיקט. און זי האָט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל איבערגעחזרט און „באַגרינדעט" איר פאַרשלאַג: אַ קלייט!

סוף 1932 האָבן מיר געפונען אַ דירה, אַ וווינונג מיט אַ קלייט צוזאַמען אויף לייגאַן סטריט, איסט בראַנזוויק. דאָס דירה־געלט איז געווען אַ צוגענגלעכע, נישט קיין הויכע פאַר אונדז. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך, נאָך זייער שווערער אַרבעט, געבראַכט די ליידיקע קלייט צו אַ צושטאַנד פון אַ קלייט און מיר האָבן אויסגעפילט די פאַר חולה־נופלדיקע פאַליצעס מיט סחורה פון נישט קיין זייער רייכער.

ברייטער פונאַנדערקלייב. און אין דעצעמבער האָבן מיר ברייט און צערעמאָניאַל גע־עפנט די טיר פון אונדזער נייעם ביזנעס־פּלאַץ: „קומט קונים, קויפט! צי עס איז דאָ פיל סחורה, צי עס איז נישטאָ קיין גרויסער אויסוואַל — קויפט!".

און נאָך דער גאַנצער פּאָמפּע און טראַסק פון דער גראַנדיעזער דערעפענונג האָבן מיר, צושליסנדיק די טיר זעקס אַ זייגער אין אָוונט, איבערגעציילט פּדיון אין קאַסע: מזומן ניינצן שילינג. מיר זענען געווען צופרידן: מיר האָבן אַ קליינט, אַ האָ־פענונג אויף חיונה.

איך פאַרזענלעך, האָב שוין זייער ווייניק פּרנסה געקענט צי̇ען פון מיין מאַרק־טיש, ווו כ'האָב געהאַט ווייניק סחורה צו פאַרקויפן. און מיט די פאַרבייגייענדיקע פּאָר חדשים האָט זיך ביי אונדז און אַרום אונדז געשאַפן אַן אומגעלומפּערטע, אַ טרויעריק קאָמישע סיטואַציע: צווי געשעפטן, אַ קליינט, אַ פּלאַץ אין מאַרק, און ביידע געשעפטן בלאָזן מיט אַ קאַלטן ווינט און חוזק אָפּ פון זייערע בעלי־בתים: פון ביידע ביזנעס־אַנשטאַלטן האָט נישט געקלעקט אויף איינצושאַפן די נייטיקע פאַרדינסטן צו באַ־זאָרגן מאַלצייטן, דירה־געלט און אַן איבעריקן שילינג אויף עפּעס אַנדערש, אפשר אויך פון גאָר נישט קיין קליינער וויכטיקייט.

***

„קדימה" איז נאָך פון דעסטוועגן אַלץ פאַרבליבן „קדימה", איינגעפּאַלכטן און איינגעוועבט אינעם אינערלעכן געבוי און געמיט־געשטאַלטונג פון מיין לעבן. עס האָט אין מיין בלוט געפלאַסן אַ באַזונדער הייסער פאַסן־שטראָם, וואָס האָט געמישט „קדימה" מיט מיין „איך". „קדימה" האָט נישט געקענט אַרויספאַלן פון דעם גאַנצן לעבנס־גאַנג מיינעם. „קדימה" האָט אויסגעפּילט דעם צווייטן טייל, ווען דער ער־שטער איז אָפּט מאָל אַ בלויז געוואָרן, אַ טרויעריקער בלויז אַפילו, אָבער ער האָט זיך געענערט און געפלעגט פון די אויסגעצערטע צעלן פונעם ערשטן טייל. ווען איך האָב נישט געקענט באַזאָרגן אַ שילינג אויף אַ טייל פון אונדזערן אַ מאַלצייט, האָט דאָס מיר אָפּט פּונקט אַזוי פיל עגמת־נפש פאַרשאַפט, ווי דאָס אויספעלן פון די גע־ציילטע עטלעכע שילינג אויף צו צאָלן דירה־געלט פאַר דער האַלב־חרובער „קרימה"־געביידע אויף דרומאַנד סטריט 313, קאַרלטאָן. עס איז אפשר איצט, שרייבנדיק דאָס, אין מיינע אויגן אַ גרויסער, אפשר אויך אַ ברוטאַלער פּאַראַדאָקס, און פאַרוואָס עס טאַקע נישט אָנרופן אַן אומפאַרגעבלעכע נאַרישקייט! אָבער אין יענע צייטן, אין יע־נע ווייטע צייטן, בין איך אַן אַנדער אייזיק הורוויץ געווען; אַ הורוויץ געוואַדעמט פון ברויזנדיקע געפילן פון דער אַבסאָלוטער וויכטיקער און נויטווענדיקער באַדערפע־ניש פון דער עקסיסטענץ פון אַ „קדימה"־צענטער, ווו דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פונק זאָל טליִען, אומבאַדינגט קענען פינקלען און אַרויסשיינען. אייזיק הורוויץ און די „קדימה" זענען געווען צווי זיילן, וואָס האָבן זיך דערגאַנצט אין דער דעמאָלטיקער אָס־

מאָספער, וואָס האָט באַהערשט די ייִדישע גאַס. און אייזיק הורוויץ אָן „קדימה" וואָלט דאָן געווען אַ פּוסטע פּראָזע, און „קדימה" אָן דער ייִדישער גאַס וואָלט וואָלט אויך דאָן געווען און פאַרבליבן אַ ליידיקע, אָן אויסגעליידיקטע פאַראַפראַזע.

איך האָב אין גייסט עקסיסטירט און געדייעט, ווייל דער „קדימה"-גייסט האָט מיך אויפגעהאַלטן, אַלץ אַנדערעס איז געווען זייטיק, צווייטראַנגיק. נאַריש? פרעמד? נישט אויסגעהאַלטן? יאָ, און אפשר — יאָ און ניין. אָבער אַזוי איז עס מיט מיר און אַרום מיר דאַן געווען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דעם ווייטן עכאָ פון יענער צייט לעבט נאָך ביז היינט אין מיר דער קלאַנג, אַ דורות-קלאַנג וואָס וועט אפשר מיט זיין זשום באַלעבן די וועלקנדיקע צעלן פון מיין שוין גליוועדיקן האַרץ און זיך אויסלעשנדיקע נשמה. אָבער איך גרויס מיך מיטן געדאַנק, איך בין שטאָלץ מיטן געפיל: אייזיק הורוויץ איז ביז איצט כמעט געבליבן דער זעלביקער אייזיק הורוויץ: צייט און רוים האָבן וויניק שליטה געהאַט אויף צו בייטן דעם „איך" אין מיר, איך בין איך.

איך דערמאָן זיך אין אַ שיינעם בייפאַל, וואָס ס'האָט אַרויסגערופן מיינע עטלעכע געציילטע ווערטער, כדאי זיי דאָ צו פאַרצייכענען. ווען מ'האָט, צו דער אומבאַשרייבלעכער פרייד פון אונדז אַלעמען, אַנוועזנדיקע, אויפגעעפנט און באַנייט די אויפגעבויטע „קדימה"-געביידע אויף לייגאַן סטריט, צו דער חנוכת-הבית- צערעמאָניע דעם 25סטן מערץ 1933, האָבן דאַן פּנימער געשיינט פון גליק און צופרידנקייט און די ווענט האָבן אָפּגעקלונגען מיטן פריילעכן עכאָ פון די וואַרעמע באַגריסונגען און ברכות פונעם פרעזידיום אויף דער בינע. איך האָב אויך, ווי דער וויצע-פרעזידענט פון „קדימה", מיין קליינעםביישטייער צו די ברכות צוגעגעבן אין קורצע 5-6 מינוטנדיקע געפיל-אויסדרוקן אויפן אַדרעס פון די מיטגלידער פונעם בוי-פאָנד-קאָמיטעט, צו וועלכער מיסיע כ'בין געווען באַאויפטראַגט. און איך האָב פאַרענדיקט מיין „ספּיטש" מיט דער קלינגענדיקער פאַראַפראַזע: „מען וועט פון אַלע זייטן אויף אייך אָנווייזן, אייך דאַנקען און לויבן, און אין עקסטאַז וועט מען אין אַ כאָר אויסשרייען, ווי יענע אַלטע שפּרעכערקע ביי מענדעלע-מוכר-ספרים אין זיין „קליאַטשע" שרייט אויס: „ביילע, עטאָ איכניע דיעלאָ, טראַסטצי איך מאַטעריו!".

יאָ, די דאַטע, דער 25סטער מערץ 1933, איז פאַרבליבן, האָט געדאַרפט פאַרבלייבן אין מעלבורן ווי אַ וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע, קיין מאָל נישט פאַרגעסן צו ווערן. געוויס, צו אונדזער גרויסן צער און טרויער איז די זעלבע דאַטע אויך באַוווסט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט: דעם זעלבן טאָג, דעם 25סטן מערץ 1933, איז אין דייטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט דער גרויסער צורר היהודים, ימח שמו וזכרו. ראַביי דאַנגלאַוו, וואָס האָט רעפּרעזענטירט זיין סינאַגאָגע אויפן חנוכת-הבית

יום־טוב, האָט זיך טאַקע אין פּיינלעכע ווערטער אָפּגעשטעלט אויף דער טרויעריקער געשעעניש.

***

אין מיין מאַטעריעלן מצב האָב איך מיך שוין קוים־קוים, ווי מען זאָגט, געקענט האַלטן אויף די פיס. דער מאַרק־האַנדל מיינער איז שוין אין דער מיט פון 1933 געווען אַ טויטער בוכשטאַב. און דער ווקס פון אונדזער קליינט איז נאָך דערוויל געלעגן אין די „וויקעלעך", קיין פּראָגרעס אין די געשעפטן האָט זיך נישט געוויזן. אונדזער לאַגע איז געוואָרן אַ טרויעריקע, כמעט אַ פאַרצווייפלטע און קיין אויסוועג האָט זיך נישט געוויזן. אַ קליינע האָפענונג אויף אַ פאַרבעסערונג האָט ווי פון זיך אַליין אויפגעפּראַלט, אַרויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך. מיינע פריינט י. ראָטבערג און י. שער, זענען אין אַ געוויסן טאָג צו מיר געקומען און האָבן פאָרגעלייגט איך זאָל איבערנעמען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון „קדימה". דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר, מר. רישין, זייער פעיִק אין זיין אַרבעט, איז אָבער געווען באַגרענעצט אין זיין אויסשפּילן די נייטיקע אָנפירונג פון די געוויינלעכע „קדימה"־אַרבעטן, דערמיט וואָס ער האָט נישט געקענט נישט ריידן און נישט שרייבן קיין יידיש. און זיי, מיינע פריינט, האָבן צוגעגעבן, אַז אַזוי ווי זיי ווייסן וועגן מיין מאַטעריעלן מצב, מיינען זיי, אַז איך וועל אפשר זיין צופרידן אָנצונעמען דעם אַמט פון סעקרעטאַר, און וועגן מיינע פעיִקייטן אויסצופילן די פליכטן פון סעקרעטאַר צווייפלען זיי נישט. אויסהערנדיק זייער פאָרשלאָג, האָב איך זיי געבעטן מיר צו געבן 3־4 טעג צייט אויף זיך צו באַטראַכטן, און דאַן וועל איך זיי איבערגעבן מיין דעציזיע.

איך האָב דאַן צונויפגעשטעלט מיט חיהן באַטראַכט אַלע אַספּעקטן פון דער פראַגע און מיר זענען געקומען צום באַשלוס, אַז אונטער די אומשטענדן איז ראַטזאַם איך זאָל די שטעלע אָננעמען, כאָטש דאָס פאָרגעלייגטע געהאַלט, — דריי פונט אַ וואָך, — האָט פאַר אונדז אויסגעזען נישט גענוגנד.

איך האָב מיך פאַרשטענדיקט מיט מר' ראָטבערג, אַז איך בין וויליק איבערצונעמען די פליכטן פון „קדימה". און דעם ניינטן אויגוסט 1933, האָב איך איבערגענומען פון מר. רישין די אָנפירונג און פאַרוואַלטונג פון די „קדימה"־אַנגעלעגנהייטן, — דעם סעקרעטאַר־אַמט פון „קדימה". מר. רישין האָט מיר געגעבן די פולע און נייטיקע הילף אין דער אָריענטירונג פון מיין אַרבעט און האָט מיר געהאָלפן אין זייער אַ קורצער צייט אַריינצודרינגען און באַהערשן אַלע פאַזן פון דער פאַרצווייגטער סעקרעטאַרישער דינסט און אויפגאַבע, ווי די ביכער־פירונג, מיטגלידערשאַפט־גרופּירונגען און דעם גאַנג אין אַלגעמיין פון דער טאָג־טעגלעכקייט פון דער „קדימה" ווי אַן אינסטיטוציע.

דער פרעזידענט פון „קדימה", שלמה ווין און אַלע מיטגלידער פונעם קאָמיטעט

זענען געווען זייער צופרידן מיט מיין איבערנעמען די אָנפירונג פון די „קדימה"־אָנ־געלעגנהייטן, און אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט, ווען איך האָב פאַרנומען דעם סע־קרעטאַר־שטול, האָט דער פּרעזידענט אין נאָמען פון גאַנצן קאָמיטעט, מיר באַגריסט אין זייער וואַרעמע, חברישע ווערטער אויסגעדריקט זייער פולע צופרידנקייט און די האָפענונג, אַז מיר וועט געלינגען צו ברענגען אַלץ אין דער פולסטער אָרדענונג.

איך האָב מיך גלייך ביים אָנהייב אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט בראשו ורובו און האָב אָנגעהויבן אַריינברענגען נייטיקע אויסבעסערונגען אין דער פאַרנאַכלעסיק־טער ריכטונג פון דער אַרבעט. איך מיין דאָ צו זאָגן, אין דער יידישער זייט פונעם קרעדיט־בוך, וואָס איז געווען זייער הינטערשטעליק, טאַקע היפּשלעך אונטערגעהונ־קען צוליב מר. רישינס „שטומפּיקייט אויף עברי". און ווען ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, האָב איך דאַן געאַרבעט זייער שווער, 15־16 שעה יעדן טאָג, אויף צוזאַמענצושטעלן דעם יערלעכן פינאַנס־ און סטאַטיסטיקייטס־באַריכט, וואָס האָט געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן אין דרוק אין צייט און פאַרטיק ווערן פונאַנדערגעשיקט צו ווערן צו אַלע מיטגלידער פאַרן טערמין פון דער יערלעכער פאַרזאַמלונג. און דאָ האָט אויך מר. רישין זייער פריינטלעך און מיט ערנ־סטן גוטן ווילן מיר געהאָלפן, ספּעציעל אין דער איבערזעצונג פון דעם באַריכט, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין יידיש, און מיר ביידע צוזאַמען האָבן אים איבערגע־זעצט אין דער ענגלישער שפּראַך.

איך האָב זיך באַמיט, פיל צייט אָפּגעגעבן אויף וואָס מער גרינטלעכער אָרדע־נונג איינצופירן אין דער פאַרמירונג און געשטאַלטונג פון דעם „קדימה"־וועזן; מיינע וועכנטלעכע באַריכטן אין יידיש און ענגליש, זענען מיט דער צייט געוואָרן אַ זייער דערפרייענדיקע דערשיינונג אין די ביידע צייטונגען, אין „די אויסטראַלישע יידישע נייעס" און אין דעם „דזשויש העראַלד". מיטגלידער פון „קדימה" און אויך נישט־מיטגלידער, האָבן פּרייטיק, ווען די צייטונגען זענען דערשינען, שטענדיק גע־זוכט אין די באַריכטן מיינע צו לייענען און וויסן, וואָס עס געשעט אין „קדימה". וואָס עס וועט פאָרקומען דעם קומענדיקן זונטיק, אָדער אין דער נאָענטער צוקונפט.

איך האָב אויך, אין אַלגעמיינע שטריכן, צייטנווייז באַלויכטן אַ געשעעניש, אַ צוזאַמענטרעף אָדער אַ לעקציע געהאַלטן אין „קדימה". און אַפילו, — זאָל עס מיר דאָ פאַרגעבן ווערן, — אַפילו זיך דערלויבט צו שרייבן רעצענזיעס איבער מוזיקאַ־לישע קאָנצערטן, כאָטש, זאָל עס מיר צו קיין חרפה נישט פאַררעכנט ווערן, איך ווייס נישט פון קיין צורת נאָטן. רעצענזיעס איבער טעאַטער־פאָרשטעלונגען, אויפגע־פירט אויף דער „קדימה"־בינע, — דאָס האָב איך שוין פאַר קיין חטא נישט גע־האַלטן, ווייל דאָ בין איך שוין געווען אַ שטיקל מחותן, טאַקע אַ נאָענטער שמעלקע. און דאָ וויל איך עטוואָס אָפּנויגן און באַרירן אַ זייטיקן, אַ מער פּערזענלעכן ענין. באַהאַנדלענדיק די שרייבערישע זייט פון מיין אַקטיוויטעט, וויל איך דאָ אויך באַ־

מערקן, אַז איך האָב צו דערזעלבער צייט אויך אָפּט אונטערגעזינדיקט, אַ מאָל מיט אַ סקיצע, אַ מאָל מיט אַ ליד, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג האָט מיט פאַרגעניגן שטענדיק אָנגענומען און געדרוקט. מיין דראַנג צום שרייבן איז געוואַקסן און אַרויסגעקוואָלן פונעם פאַקט פון זיין אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דער צייטונג.

איידער די צייטונג איז געגרינדעט געוואָרן, האָב איך מיין פאַרלאַנג און שטויס צום שרייבן אָפּט אויסגעדריקט אין אָנשרייבן אַרטיקלען, פובליציסטישע און בעלע־טריסטישע פאַר דער „קדימה" „לעבעדיקע צייטונג", ווי אויך „משלח מנות" פאַר די פורים־אָוונטן, אָדער „קשיות" פאַר די פסח־אָוונטן אאַז"וו. און איצט, מיט מיין פאַר־בינדן זיך מיט דעם „קדימה"־אַפּאַראַט, האָב איך שטענדיק, אָדער כמעט שטענדיק, געשריבן רעצענזיעס, אָדער קריטישע איבערבליקן איבער יעדער געזעלשאַפטלעכער, קולטורעלער, ליטעראַרישער, אָדער קונסט־דערשיינונג, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער „קדימה". איך האָב עס באַטראַכט ווי אַ פאַרגעניגן און אויך ווי אַ חוב צו באַ־צייכענען און באַלויכטן אַלץ וואָס האָט, לויט מיין מיינונג, געהאַט אַ קולטורעלן ווערט אָפּגעשאַצט און אַרויסגעבראַכט צו ווערן אין אַ בולטער פאָרעם פאַרן פאַראינטערע־סירטן יידישן עולם און אפשר אויך פונעם שטאַנדפונקט פון אַ צוקונפטיקן היסטאָ־רישן ווערט, עס זאָל פאַרבלייבן אויף שפּעטערע יאָרן, ווי אַ באַזע פאַר געשיכטע־פאָרשער און באַאָבאַכטער פונעם עבר פונעם מעלבורנער יידישן קיבוץ.

אינעם המשך פון מיין אַריינבערענגען וואָס מער אינהאַלט און פולבלוטיקייט אי־נעם זיין און גאַנג פון „קדימהס" שטאַנד, ווי אַ וויכטיקער, דער וויכטיקסטער צענ־טער פונעם יידישן מעלבורן, האָב איך אויך פיל צייט, ענערגיע, מי און אויפמערק־זאַמקייט געשענקט און אָפּגעגעבן דער קונסט־פונקציע, וואָס די „קדימה" האָט גע־דאַרפט און געקענט דורכפירן און אויספילן. איך האָב אָנגעקניפּט קאָנטאַקט און פריינטלעכע באַציִונגען מיט אָנגעזעענע מוזיקער, ווי מר. הענרי פּען, דוד זיסערמאַן, היימאַן, לענצער און מישאַ קאַגאַן, מוזיקער, וואָס האָבן אין יענער צייט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם און חשובן אָרט אין די מוזיקאַלישע קרייזן און וועלכע האָבן אויך גע־זוכט און געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אַ ספּעציעלע נייגונג צו מוזיקאַלישער קונסט. איך האָב, מיט דער הילף פון אונדזער קולטור־קאָמיסיע, זיך באַמיט איינצואָרדענען מוזיקאַלישע קאָנצערטן פון אַ העכערן ניוואָ, אַז זייערע פּראָגראַמען זאָלן אַנטהאַלטן, אויף וויפל ס'איז מעגלעך געווען, נומערן פון יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, אָדער יידישע געפיל־מוזיק פון נישט־יידישע קאָמפּאָזיטאָרן.

הענרי פּען, וואָס האָט דאַן אָנגעפירט מיט אַ קוואַרטעט פון די פריִער דערמאָנ־טע מוזיקער, האָט מיט איבערגעגעבנקייט און מיט ליבע אונטערגענומען און צוזאַ־מענגעשטעלט די פּראָגראַמען אין וועלכע עס האָבן פיגורירט און אַפילו אויך אָפּט פאַרנומען דעם אויבן אָן די קאָמפּאָזיציעס פון בלאָך, ענגעל, אַחרון, קריין, וויינבער־

גער, ווינער און אַנדערע; און אַזעלכע קאָנצערטן זענען שטענדיק געווען אַ קוואַל פון פולן און טיפן גענוס פאַר די אַלע וואָס פלעגן אָנפילן דעם גרויסן „קדימה"-זאַל ביז צו די טירן און יעדן מאָל מיטנעמען מיט זיך גוטע איינדרוקן, אַ גוטן אָנדענק פון אַ פאַרגעניגונספולן פאַרבראַכטן אָוונט.

איך אַליין האָב תמיד געהאַט דעם פאַרגעניגן און די פולע סאַטיספאַקציע פון אַזעלכע דורכגעפירטע קאָנצערטן, וואָס דערהייבט דעם געשמאַק פונעם ייִד צו ריי־נער, הויכער, עכט־ייִדישער מוזיקאַלישער השתפכות הנפש.

די מוזיקער האָבן גאַנץ אָפט אַריינגעגאָסן זייער פולן נשמה־אויסדרוק אין די אויסגעשפּילטע ניגונים, און מיין האַרץ פלעגט מיטקוועלן צוזאַמען מיט זיי, מיט די קינסטלער און אויך צוזאַמען מיט די צוהערער. יעדער קאָנצערט פלעגט פאַרבלייבן ווי אַ גרויסע קונסט־געשעעניש.

וויפל מי און צייט כ'האָב נישט אָפּגעגעבן אויף דער רעאַליזירונג פון די פאַר־צייכנטע קאָנצערטן, אַזוי האָב איך צען מאָל מער, הונדערט מאָל מער ענערגיע, פּי־זישע אַרבעט און צייט אָפּגעגעבן אויף דורכצופירן און העלפן דורכפירן אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג, אָדער אין אַן אַנדער פאָרעם און אינהאַלט, קינסטלערישן אָוונט. דאָס פלעגט מיר ממש אין גאַנצן פאַרשלינגען, אָפט מיך אויסמאַטערן ביז צו אַ כוחות־פאַרלוסט. אָבער, איך בין קיין מאָל נישט מיד געוואָרן, נישט אָפּגעשטאַנען, און צו יעדער אונטערנעמונג בין איך צוגעטראָטן מיט נייע קרעפטן, מיט אַ נייעם לוסט און ווונטש צו זען דערפירט די אונטערנעמונג צו אַ דערפאָלגרייכן און געקרוינטן סוף.

אין די זיבן יאָר וואָס איך האָב געהאַלטן אין מיינע הענט די אָנפירונג, די פאַר־וואַלטונג מיט דערווירטשאַפט און די טעטיקייטס־פונקציעס פון דער „קדימה", האָב איך אַ חוץ די 70 ביז 80 פּראָצענט פון דער אַרבעט, וואָס האָט נייטיקערווייז געמוזט פאַרווענדט ווערן אויף יעדער אונטערנעמונג, אַליין דורכגעפירט און דורכגעטראָגן אויף מיינע אייגענע פּלייצעס, אַזוי צו זאָגן, און אַ חוץ דעם אַלעם, האָב איך פּערזענ־לעך מיך אויך באַטייליקט אין כמעט גרעסטן טייל פון די טעאַטער און אַנדערע קונסט אונטערנעמונגען, אָדער אין די ליטעראַרישע אָוונטן. און שטענדיק האָב איך, אָפט מאָל קרעכצענדיק, זינקענדיק אונטער דער שווערער לאַסט, — פיזישע אָדער גייס־טיקע, — מיט פולן גוטן ווילן, אַפילו מיט חדווה אויסגעפילט מיין מיסיע, נישט ווי אַן אָנגעשטעלטער, וואָס באַקומט באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט, נאָר צו יעדער צייט האָב איך, ווי אַן אייגענער, געטרייער מענטש געטאָן אַלץ, ווי עס וואָלט געווען פאַר מיין אייגענעם פּערזענלעכן נוצן.

אין מיין אַמט ווי אַ סעקרעטאַר, האָב איך אויך נישט זעלטן געדינט און גע־טראָגן די פליכטן פון קאַסיר, נישט ווייל איך האָב עס געוואָלט, נאָר ווייל עס איז אויף מיר אַרויפגעלאָדן געוואָרן דורכן גאַנג פון דער רוטינערער אַרבעט, און אויך אַ מאָל צוליב דער בטלנישער פּאַסיווקייט פון די קאַסירער, וואָס האָבן זיך יעדן יאָר געביטן.

אַזוי זענען אַדורכגעפלאָסן יאָרן און איך בין געווען ווי איינגעקלאַמערט אין דער בעצ פון דער זייער פאַרצווייגטער אַרבעט אויף דעם „קדימה"־פעלד; אַ פעלד, וואָס האָט זיך געלאָזט אַקערן, זייען און טאַקע געטראָגן פרוכט. געוויס, דאָס אַלץ האָט זיך געלאָזט דערגרייכן נאָר אַ דאַנק מיין אומדערמידלעכער, אָפט איבערמענטשלע־כער אַרבעטס־אַנשטרענגונג און פאַרשטייט זיך, אויך אַ דאַנק דער מיטהילף פון די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט און די חברים פונעם טעאַטער־קרייז, דער דראַמקרייז פון „קדימה".

אַ סך נאָענטע „קדימה"־פאַרערער האָבן מיט שטאָלץ, און איך וועל זאָגן אַז מיט רעכט, אָנגערופן און באַצייכנט די תקופה פון מיין דינסט ווי אַ סעקרעטאַר, ווי די גאָלדענע און בליִענדיקע עפּאָכע פון דער „קדימה". און כאָטש מיין מאַטעריעלער מצב איז געווען זייער אַ שווערער, ווייל דער געהאַלט איז געבליבן פאַרגליווערט אויף אַ צאָל יאָרן, דער זעלבער ווי אין אָנהייב — דריי פונט אַ וואָך, און אויך ווייל די קלייט אונדזערע האָט זייער מאָגערע איינקונפטן אַריינגעבראַכט. דאָך, ווען כ'האָב ווען עס איז צוגעלאָזן דעם געדאַנק פון גיין זוכן אָן אַנדער באַשעפטיקונג, ווו כ'זאָל באַקומען אַ העכערע באַלוינונג, האָב איך צו יעדן מאָל געמוזט אָזאַ געדאַנק מבטל מאַכן, אויפגעבן. אַוועקגיין פון „קרימה" איז געווען שווער: און ווען איך האָב אַ מאָל, אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג, — וואָלט איך עס אָנגערופן, — דאָך אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן, ווי מענטשן זאָגן, און באַשלאָסן: — גענוג מיט מיין סעקרעטאַר־אַמט! און האָב וועגן דעם געמאָלדן דעם פּרעזידענט וועגן מיין „געוואַגטן באַשלוס", האָט מיר אין יענעם מאָמענט אַ מוראדיקער געפיל אַרומגענומען; אַ געפיל פון שרעק, פאַרדרוס און צאָרן קעגן זיך אַליין — אַוועקגיין פון „קדימה", ווי קען איך דאָס טאָן?! און ווען ס'איז שוין אַפילו אַ נייער סעקרעטאַר אָנגאַזשירט געוואָרן און איך האָב אים געדאַרפט איבערגעבן אַלץ אין שייכות מיט דעם סעקרעטאַרס פונקציעס, האָט מיר שוין אין יענעם מאָמענט מער קיין מוט נישט געקלעקט, מיין האַרץ איז שיעור אין שטיקער זיך צעפאַלן. איך האָב שטאַרק און ביטער זיך פונאַנדערגעוויינט. און אין טיפער, אין פיינלעכער צעשרויפטקייט, בין איך אַ צווייט מאָל אַוועק צום פּרעזידענט פון „קדימה" און אים געבעטן אַנולירן מיין רעזיגנאַציע: איך בלייב צוריק אין דינסט פון „קדימה" ווי אַ סעקרעטאַר. איך האָב אים, דעם פּרעזידענט, אין אַ דערשיטער־טער אויפרעגונג געבעטן מיר אַנטשולדיקן פאַר מיין נישט זייער טאַקטישער האַנד־לונג. איך האָב מיין זיך באַגיין אַזוי באַדויערט, טיף באַדויערט. איך האָב אָבער נישט באַוויזן זיך אַרויסצוהייבן פון מיין „געזונקענקייט", פון מיין אַריינגעוואַקסנקייט אי־בעם כישוף־צירקל פון דער „קדימה". און אַזוי האָט זיך געצויגן מיין טרויעריקע פאַר־בינדונג מיט דער „קדימה": כמעט אַ הונגער־לוין פאַר אַ ריזיקער מאַסע איבערגע־געבענער אַרבעט, וואָס איז אַפילו זייער הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן פון אַלע נאָענטע פריינט וואָס זענען געשטאַנען צוזאַמען מיט מיר ביים רודער פון דער קולטורעלער

און געזעלשאַפטלעכער „קדימה"־מאַשין. אָבער יעדער איינער פון זיי, פון די קהלשע קולטור־פאַרזאָרגער, איז געווען אַריינגעטראַכט און עגאָיסטיש פאַרטיפט אין זיינע באַגרענעצטע ד' אמות און צו מאָל נישט אַ טראַכט געטאָן: צי קען מר. הורוויץ אַדורכקומען און אויסקומען אויף די דריי פונט געהאַלט אַ וואָך, וואָס די „קדימה" באַוויליקט אים.

1934, 1935, 1936, 1937 און אַזוי ווייטער און ווייטער. די „קדימה" וואַקסט, די „קדימה" בליט, די גרעסטע אַטראַקציע אין יידישן לעבן, דער כבוד, דער שטאָלץ, דער בלישטשענדיקער שטערן פונעם יידישן קיבוץ. די זונטיק־אָוונטן זענען אינטערעסאַנטע, וויכטיקע פאַסירונגען. די „קדימה"־וועגט זעטיקן זיך פונעם רעש, פונעם טומל פון די הונדערטער באַזוכער. עס ווערן געהאַלטן באַלערנדיקע פאַרטראַגן, אָפּהאַנדלונגען ווערן פאָרמולירט איבער יידישע פּראָבלעמען, איבער וועלט־פּראָבלעמען, וואָס ברענגען וויסן און לערע אין אָפענע מוחות עס ווערן דורכגעפירט טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס באַווירקן און באַפליגלען דעם גייסט, דאָס אויג, דעם מוח; טעאַטער־פאָרשטעלונגען פאַר אָנגעפּאַקטע זאַלן, און די באַזוכער, די צושויער זענען פול מיט לויבגעזאַנג פאַר די שפילער, ווי אויך פאַר די יעניקע וואָס האָבן אַ האַנט אין דאָס אַלץ צו באַזאָרגן, באַפרידיקן דעם דאָרשטיקן געניוס.

אין דעם אַלעם האָב איך דאָך אַ חלק, אַ גרויסן חלק: עס ליגן דאָך אין דעם שטיקער האַרץ מיינע ,שטיקער אויסגעקרענקטע נשמה מיינע און... אויסגעוויטיקטע טרויער־געדאַנקען. איך פּייניק דאָך זיך, מיין פרוי, מיין הויזגעזינד. מיט די דריי פונט אַ וואָך, וואָס איך באַזאָרג פאַר אונדזער אויסקום, פאַר אונדזער אויסהאַלט, איז דאָך פאַרברעכעריש פון מיין זייט צו טראַכטן אַפילו וועגן די טויזנטער לאַנגע מאָסן פון פאַרגעניגן און נחת־רוח, וואָס איך פאַרשאַף דורך דעם די אומצייליקע באַזוכער פון „קדימה". און אויף צו זיין אויפריכטיק, — עס האָט מיר אַ סך קרענקונג פאַרשאַפט דער אויסרייד און די פאַרענטפערונג פון די „קדימה"־פירער: — „די „קדימה" איז נישט בכוח צו צאָלן מער".

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָב איך קיין מאָל נישט, ביי קיין איין געלעגנהייט, נישט געמינערט פון מיין פולער איבערגעגעבנקייט צו מיינע אויפגאַבן אין באַצוג צו דער „קדימה", צו דער גייסטיקער אַרבעט, וואָס האָט זיך געפאָדערט אויף צו האַלטן איר אין פולן גאַנג, אין פולער באַוועגונג.

און נאָך אַ סך מאָל באַרירן די פראַגע וועגן אַ העכערונג אין דעם געהאַלט מיינעם: נאָך וואָכן און חדשים ריידן וועגן דעם, האָב איך קוים געפועלט אַ קליינע העכערונג, — צען שילינג אויף דער וואָך, ד"ה אָנשטאָט דריי פונט אַ וואָך, האָב איך באַקומען דריי מיט אַ האַלבן פונט אַ וואָך.

געוווּסט האָב איך פון זיכערע קוועלן, אַז דער באַשלוס וועגן דער העכערונג האָט געקאָסט זייער פיל צייט. שעהן און שעהן האָט די עקזעקוטיוו אויף דעם געפּטערט אויף

דיסקוסיעס און אַרגומענטן. און מיר האָט עס געקאָסט נישט נאָר ערגערניש און האַרצ־ווייטיק, עס האָט מיר געשניטן ווי מיט אַ טעמפּן מעסער. אָבער, — שאַ, שטיל, הכל כמנהגו נוהג. איך, דער דערשלאָגענער שוטה, דער „באַנטשע שוויַיג״, איך שלעפּ אַלץ און ווידער גרויסע, שווערע פּעק גאַרדעראָב פון דזשיי. סי. וויליאַמסאָן פאַר אונדזערע טעאַטער־פאַרשטעלונגען, אָדער פאַר אַ פּורים־אָוונט; און איך שלעפּ זיי, — די שווערע פּעק, — צום טראַמוויי, איך דערלויב מיך נישט צו דינגען אַ טאַקסי און פאָרן גלייך צו דער „קדימה״־געביידע מיט דער שווערער משא. „די קדימה קען דאָך נישט צאָלן, די פינאַנסן דערלויבן דאָס נישט״. און ווי זאָגט זיך דאָרט, אין דעם איינאַקטער „דער חתן״ פון דער טונקעלער: „אָט אַזאַ פּרא אָדם בין איך, אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע״.

62. — אויס קלייט. — צער גידול־בנים

אָנהייב מערץ 1940 האָבן מיר פאַרקויפט די קלייט און אויף זייער גוטע קאָנדיציעס. דער באַדינג איז געווען: דער קונה האָט געדאַרפט איבערנעמען פון דער סחורה וואָס אין קלייט, אין ווערט ביז פיר הונדערט פונט, און צאָלן פאַר דער סחורה אין מזומן, לויט דעם אָריגינעלן פּרייז, דאָס הייסט, באַצאָלן פופצן פּראָצענט פון דער סחורה. און אַ חוץ דעם האָבן מיר באַקומען פונעם קונה די סומע פון פינף און זיבעציק פונט פאַר דער „קלייט״, אָדער, ווי מען רופט עס אויפן סוף־רישן לשון — שליסל־געלט.

פאַרקויפט די קלייט האָבן מיר צוליב צוויי סיבות: 1) חיה האָט זיך געפילט שוואַך אין כוח אין אַלגעמיין און אויך צוליב צופיל אָנשטרענגונג, וואָס איז אויף איר געפאַלן דורכן אַרומגיין זוכן צו קויפן סחורה, וואָס איז צוליב דעם מלחמה־צושטאַנד געוואָרן זייער שווער צו קריגן. די גרויסע הורטאָווניע געשעפטן האָבן אויסבאַהאַלטן זייערע סחורות, נישט געוואָלט פאַרקויפן, כדי מיט דער צייט צו קענען פאַרקויפן די סחורה אויף אַ העכערן פּרייז. דאָס אַרומגיין זוכן צו קויפן סחורה, דאָס „אויסוויַינען״ אַ ביסל סחורה האָט געבראַכט צו צייט־פאַרלוסט און אויך צום פאַרלוסט פון געשעפט־טראַנזאַקציעס. חיה האָט געמוזט אויף שעהן־לאַנג צושליסן די קלייט. און ועל כולם, — זי האָט געליטן פונעם צופיל אַרומפאָרן מיט די טראַמווייען, דאָס האָט איר זייער דענערווירט. און דאַן — אַליין שלעפּן די פּעקלעך סחורה; דאָס איז שוין געווען איבער אירע כוחות. און דאָס אַלץ האָט געבראַכט צום באַשלוס: אויפגעבן, פאַרקויפן, פּטור ווערן. און דורך אַנאָנסירן אין צייטונג, האָבן זיך אָפּגערופן קונים. אַ יידישע פאַמיליע האָט פאַרגעלייגט באַדינגונגען, בעסער געזאָגט, זיי האָבן אָנגענומען אונדזערע באַדינגונגען און געקויפט, באַצאָלט און איבערגענומען די קלייט, די וווינונג און אונדזערע גוטע ברכות: — זייט געזונט, טוט גוטע ביזנעס!

מיר האָבן דערוויַיל געדונגען אַ צימער ביי אַ יידישער פאַמיליע, אַריבערגעבראַכט דאָס מעבל פון אונדזערע דריי צימערן און אויך די פאַרבליבענע סחורה וואָס

דער קונה פֿון דער קלײט האָט נישט געקויפֿט איבער דער נאָרמע און מיר האָבן זיך געשטיקט אין דעם אײנעם צימער, — אונדזער נײַע װױנונג, — עטלעכע חדשים, ביז מיר האָבן געפֿונען צו דינגען אַ דירה, אַ גרױסע דירה, אַ געראַמע, שױן גאָר, גאָר אַ געראַמע דירה — אַכט צימערן מיט אַ הױף — אַ װאַלד, אַ פּרוכט־גאָרטן אַ גאַנצער, עפּל און באַרנעס, פּערישקעס און פֿלױמען, װײַטנרױבן און װײַנשל און אַ גרינצײַג־גאָרטן, פֿון בלומען איז שױן אָפּגערעדט, — כאָטש נעם און שטעל זיך אַװעק אין מאַרק מיט אַ בלומען־שטעל.

בײַ דעם, װידער, האָט זיך געשאַפֿן אַ שאַרפֿע פּראָבלעם — דאָס אַלץ צו באַאַר־בעטן. אָבער, לא אלמן ישראל, איך האָב דאָך געהאַט אַ שטיקל דערפֿאַרונג אין לאַנד־אַרבעט, האָב איך מיך אָנגעגורט מיט כּוח, און קומענדיק אַ הײם פֿון מײַן טאָג־אַר־בעט, האָב איך מיך פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און אונטערגעקנעלט צו ביסלעך מיטן רידל און גאָפּל און... ברוך השם, מײַנע כּוחות האָבן נישט פֿאַרשטריקט, זײ זענען מיר בײַגעשטאַנען. איך האָב דעם גאָרטן גוט געפֿלעגט און האָב הנאה געהאַט אין צװײען: סײ פֿון דער אַרבעט גופֿא און סײ פֿון די עטלעכע שילינג, װאָס די „נאַשע־רײען" האָבן אַרײַנגעבראַכט. פּרוכטן, גרינצװײַג, אוגערקעלעך, מײערלעך, אָדער עגבֿניות װאַקסן נישט אױף דער פּאָדלאָגע, מען דאַרף זײ קױפֿן און דער קלײטניק הײסט זיך באַצאָלן פֿאַר זײ! בין איך געװאָרן אַן אײגענער קלײטניק, נישט געקױפֿט און נישט באַצאָלט, באַקומען „אומזיסט" און צען מאָל מער הנאה געהאַט פֿון דעם.

חיה האָט פֿאַרגעלײגט: זי װעט העלפֿן אין דער „פּרנסה"; זי װעט אַרײַננעמען קעסטקינדער און דאָס װעט אַרױסהעלפֿן. האָבן מיר טאַקע אַזױ געטאָן. מיר האָבן אַרײַנגענומען פֿינף קינדער פֿון אַ גרופּע קינדער, — 21 אין צאָל, — װאָס זענען גע־בראַכט געװאָרן פֿון פּױלן קײן מעלבורן אין יאָר 1938. מיר האָבן אױך פֿאַרדונגען אַ פּאָר צימערן צו קװאַרטיראַנטן, אַן זײ צו געבן עסן.

***

טראָץ אונדזער שװערן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ, האָבן מיר דאָך נישט פֿאַרנאַכ־לעסיקט אױף קײן האָר אַלע פּונקטן אין פֿאַרבינדונג מיט דער דערציִונג און אױס־בילדונג פֿון אונדזער אײנציקן זון, חפשי. מיט זײַן ענדיקן די מלוכה־שול (סטײט־סקול), האָבן מיר אַ צײַט נאָך פֿריִער פֿאַר דעם געטראַכט און באַטראַכט די פֿראַגע װעגן זײַן װײַטערדיקן שטודיום. איך בין געװען מיט דער מײנונג, אַז דאָס בעסטע פֿאַר אים איז פֿאַרזעצן זײַן שטודיום אינעם גײַסט פֿון דער צײַט: אַ טעכניש־מעכאַ־נישע אױסבילדונג. די מאַשין פֿאַרנעמט איצט דעם װיכטיקסטן פּלאַץ אין סטרוקטור פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט און עס איז אונדזער חובֿ אױסצופֿורעמען די פּערזענלעכקײט פֿון אונדזער קינד אינעם זין פֿון עלעקטראָ־טעכניק־מעכאַניקער, װאָס פֿורעמען און װעלן אין דער צוקונפֿט באַזירן דעם הינטערגרונט פֿון דער מענטש־

לעכער עקסיסטענץ. חיה האָט אין דער פראַגע גאַנצלעך זיך איינפאַרשטאַנען מיט מיר, אַז מיר דאַרפן חפשין אַריינגעבן אין אַ טעכנישער שול. און אונדזער איסוואַל איז געפאַלן אויף דעם Workingmens College און חפשי איז אַהין אָנגעקומען ווי אַ שילער. אָבער, דאָ קומט ווידער די באַדייט פון אַ טרויעריקן „אָבער".

נאָכן ערשטן יאָר לערנען אין דער טעכנישער שול, האָט חפשי נישט אַרויסגע־וויזן קיין גאָר גרויסע באַגייסטערונג פאַר אונדזער איסוואַל. נאָכן צווייטן יאָר שטו־דירן, האָט ער שוין עפנטלעך געריעדט וועגן זיין אומצופרידנקייט מיט זיין שטודירן דאָרט. ער האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז עס לייגט זיך אים זייער שווער זיין שטודיע און אַז ער פילט, אַז זיין לערנען דאָרט און די רעזולטאַטן פון דעם וועט אים צו גאָרנישט פירן; ער פילט אַז עס איז נישט זיין באַרוף, ס'איז נישט צוגעפאַסט צו זיין פערזאָן, ער איז נישט צוגעפאַסט פאַר דעם סאָרט בילדונג. ער האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן צו ריידן, — אַ ביסל נאָך נישט פעסט אין זיין באַ־שלוס, — וועגן פאַרלאָזן די שטודיע. מיר זענען, פאַרשטייט זיך געווען זייער גע־ערגערט פון דעם און מיר האָבן אָנגעווענדט אַלע אַרגומענטן, כדי אים אויפצוווייזן, אַז זיין מיינונג, זיין האַלטונג איז אַן אומגערעכטע. ער פלעגט שווייגן, נישט טענהן מער.

אין מיטן פונעם דריטן יאָר פון זיין לערנען, האָט ער אָנגענומען אַ זייער פעס־טע און פאַרעקשנטע שטעלונג קעגן אונדזערע אַרגומענטן, און צום סוף יאָר האָט ער קאַטעגאָריש און אומקאָמפּראָמיסלעך דערקלערט: — ער קען נישט מער, עס איז אים שרעקלעך שווער אָנצוגיין מיט זיין שטודירן אין דעם אַנשטאַלט, און אַז ער איז זי־כער אין זיין איבערצייגונג, אַז זיין שטודירן דאָרט וועט אים צו גאָרנישט ברענגען. און... מיטן ערשטן טאָג פון די זומער־פעריען האָט ער פאַרענדיקט מיט דער טעכני־שער שול.

ווען מיר האָבן אים פאַרגעלייגט, ער זאָל אויסקלייבן וועלכע ס'איז אַנדערע שטודיע און זיך צוגרייטן אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט, האָט עס אויך צו גאָר־נישט פּאָזיטיווס דערפירט. ער האָט געטענהט, אַז ער איז נישט פעיִק צו לערנען און דערגרייכן העכערע בילדונג, און אַז ער וויל נישט פאַרווענדן זיין ענערגיע אויף אונ־טערנעמונגען צו וועלכע ער האָט נישט נייגונג, קיין צוציִונגס־קראַפט. און עס האָט נישט געהאָלפן, נישט זיין מאַמעס טרערן און בעטן זיך ביי אים, עס האָט אויך נישט געהאָלפן מיין אויפקלערן אים, מיין געבן אים צו פאַרשטיין דעם אויסגאַנג פון זיין עקשנות, דעם חורבן און דעם רעזולטאַט אויף זיין צוקונפטיקן לעבנס־וועג. ער, — ניין און ניין.

פאַר דער צייט האָט ער אַפּעלירט צו דער בילדונגס־אָפּטיילונג פונעם בראָנזווי־קער שול־ראַיאָן פאַר אַ שטעלע אַלס לערער, און ער איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ לערער אין צווייטן קלאַס פון אַן איסט־בראָנזוויקער שול.

חפשיס גורל האָט אונדז געקאָסט צענדליקער שלאָפלאָזע נעכט און אַ סך מער טעג פון קרענקונג, האַרץ־ווייטיק און ברענענדיקן נערוון־צעשטערנדדיקן פּאַרדראָס יעדער שריט זיינער האָט אונדז פאַרשאַפט יסורים, ווי געטאָן, ווייל מיר האָבן צו־געקוקט און געזען דעם אומגליק וואָס ער אַליין ברענגט אויף זיך מיט זיינע אייגענע הענט צעשטערט ער און גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט אויף וועלכן זיין לעבן דאַרף און וועט דאַרפן געבויט ווערן און פאַרפעסטיקט בלייבן. אָבער חפשי האָט געהאַט אַ פעסטע, האַרטע און אומבייגזאַמע נאַטור־אייגנשאַפט, און ער האָט נישט געוואָלט הערן און זיך צוהערן און אָננעמען אונדזערע געטרייע עצות.

אויף זיין שטעלע אַלס לערער, איז ער פאַרבליבן בלויז איין סעזאָן. ער האָט נאָך דעם פאַרלאָזן מעלבורן און איז אַריבערגעפאָרן קיין סידני. ער האָט געזוכט אַרבעט, געטאַפּט אַ וואַנט, געאַרבעט אין אַ געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן און האָט זיך צוריק־געקערט קיין מעלבורן. ער איז דערנאָך אַריינגעטראָטן אין שותפות מיט זיין חבר דוד ניומאַרק, וועלכער האָט אַליין אָפּערירט אָנגעפירט מיט אַ פאַבריקל פון אָפּ־שטעמפלונגען. און ביידע, סיי דוד און סיי חפשי, — צוויי בטלנים אויפן מאָדערנעם שטייגער, — האָבן קיין גרויסע גליקן נישט געמאַכט, כאָטש געאַרבעט האָבן זיי זייער שווער.

חפשי, — אין זיינע אָנשווינגען פריי פון יעדן רעליגיעזן אָדער נאַציאָנאַלן פאַר־אורטייל, איז אויסגעשפּראָכן און עקסטרעם סאָציאַליסטיש, אָרנטלעך און אמתדיק ביז צום איידלסטן פּונקט און טיף מענטשלעך גוטהאַרציק און גרייט צו העלפן יעדן, ווען נאָר ס׳איז נייטיק. ייד און קריסט ווערן ביי אים געמאָסטן און געוויגן נישט לויט זייער אָפּשטאַם, נאָר לויט זייערע מעלות, לויט זייער שטאַנד, באַנעם און באַ־גריף פונעם מענטשנס ווערט.

ס׳איז ביי מיר געווען אַ פריידן־טרייסט: חפשי, — מאַטעריעל און עקאָנאָמיש אַ פיאַסקאָ; חפשי, דער מענטש, דער אינדיווידו — כמעט אויפן העכסטן שטאַפּל פון מענטשלעכער דערגרייכונג. חפשי פאַרשעמט נישט דעם צלם אלהים און ער איז מיר ליב און טייער ווי אַ נאָכפאָלגער און יורש פון מיין אידעאַל, אין קאַמף פאַר אַ בע־סערן קלאַס מענטש.

נאָר אויף איין געביט בין איך געווען זייער אָפּגענאַרט: זיין אָפּגעפרעמדקייט פון אַלץ וואָס איז שורש־ יידיש, פאָלקס־יידיש, נאַציאָנאַל־יידיש. דאָס האָט מיר זייער און זייער געערגערט, פאַרשאַפט ווייטיק, געשאַפן אייטערדיקע ווונדן טיף־טיף אין מיין אינערלעכן באַוווסטזיין. און נאָך מער האָט עס מיר געווייטיקט: איך האָב דאָס צוגעשריבן צו מיין האַנדלונג אין דער דערציִונג פון חפשין. זיין אויפפירונג איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון מיין מעטאָד, וואָס כ׳האָב באַנוצט אינעם פּראָ־צעס פון זיין אויפברענגונג. איך האָב אָבער געקענט נישט מער ווי באַדויערן דאָס,

טראָגן אין זיך אין דער שטיל דעם וויטיק און בייסן מיינע פינגער ביז בלוט, ווייל דאָס איז שוין געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך, אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אין די מלחמה־יאָרן 1939־1945, האָט חפשי געהאַלטן פאַר וויכטיק און נייטיק זיך אָנצושליסן אין די קעמפנדיקע רייען פון דער אויסטראַליער אַרמיי און העלפן קעמפן קעגן די נאַצי־מערדערישע באַנדעס. און... טרויעריק, זייער טרויעריק דאָ צו קאָנסטאַטירן. אַ קראַנקער, פאַרפעסטעט אין די קווינסלאַנדער מאַלאַריע־זומפּן, איז ער נאָך אַ געוויסע צייט אין זעלנערישע קליידער צוריקגעשיקט געוואָרן אין מעלבורנער מיליטערישן שפּיטאָל, ווו ער איז פאַרבליבן קרוב צו די דריי חדשים.

נאָך דעם ווי ער איז מער־ווייניקער פאַרבעסערט געוואָרן אין געזונט, איז ער אַריבער פונעם שפּיטאָל אין אַ מיליטערישן לאַגער, פון וואַנען ער איז אין אַ צייט אַרום באַפרייט געוואָרן, ווי אַ נישט דינסטפעיִקער סאָלדאַט. ווי אַ גרונט פאַר זיין פּרנסה, האָט ער דאַן זיך אונטערגענומען דאָס לערנען נייע איינוואַנדערער די ענגלישע שפּראַך. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ מומחה אינעם דאָזיקן פאַך.

63. — פון קולטור צו בעקערײַ

אין יולי 1940 האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן די „קדימה" און זוכן אַן אַנדער באַשעפטיקונגס־פּלאַץ. ווען איך האָב דערפילט אַ טיפע אומבאַפרידיקונג סיי אין עקאָנאָמישן זין און סיי, — און אפשר דער עיקר, — אין מאָראַלישן זין, האָב איך דאָס שוין מער נישט געקענט פאַרטראָגן און איך בין געקומען צו אַ קאָנקרעטן באַשלוס: איך פאַרלאָז די „קדימה". מיט „אין מאָראַלישן זינען", מיין איך דאָ צו זאָגן, אַז איך האָב דערפילט, דערשנאַפּט און באַמערקט אַן אומצופרידנקייט צווישן מאַנכע פון די הויפּט־מענטשן פון „קדימה" אין באַצוג צו מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען און פּאָליטישער שטעלונג. מיין באַלאַנגען ווי אַ מיטגליד פון „געזערד" און מיין טעטיקייט אויפן קולטור־געביט פון אָט דער געזעלשאַפט, האָט אַרויסגערופן ביז בלוט, אָפענע קעגנערשאַפט קעגן דעם מצד אַ צאָל פון די „קדימה"־טוער. און כאָטש עפנטלעך האָט עס קיינער מיר נישט פאַרגעהאַלטן, אָדער פאַרגעוואָרפן, דאָך בין איך געוויר געוואָרן, אַז אויף אַ פּאָר צוזאַמענקומען אין פּריוואַטע הייזער פון די זעלבע „קדימה"־טוער, האָט מען די פראַגע באַהאַנדלט, און אַז אייניקע האָבן אַפילו אויסגעדריקט אַ מיינונג קעגן מיין פאַרזעצן אָנצוהאַלטן דעם אַמט פון „קדימה"־סעקרעטאַר.

און דאַן האָט אַ צופאַל מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פון מיין בכבודיקן אַמט, וועלכער האָט מיר שוין אָנגעהויבן פאַרשאַפן, אַ חוץ אַן עקאָנאָמישן דרוק, אויך אַ קרענקלעכן דרוק אויף דער נשמה. מיר איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ביי איינעם פון מיינע נאָענטסטע פריינט, דער בעקער מר. ש. גליקמאַן, איז זיין בוכהאַלטערין די טעג אַוועק פון אים און אַז די שטעלע פון בוכהאַלטער איז ביי אים פריי.

בין איך אַריבערגעגאַנגען צו אים, צו גליקמאַנען, און אָנגעבאָטן מײַן חשק אָנצונע־מען ביי אים דעם דזשאָב פון בוכהאַלטער. אין די ערשטע מינוטן האָט ער זיך אַפילו געקווענקלט, ער האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרלעגנהייט. עפּעס האָבן זיך ביי אים נישט געפּאַרט די צוויי עקסטרעמען: דער פּריינט מר. הורוויץ, סעקרעטאַר פון דער „קדי־מה" און מר. הורוויץ דער אַרבעטער ביי אים אין געשעפט. איך האָב אין זיין האַל־טונג דערקענט און אַרויסגעלייענט די סיבות פון זיין קווענקלעניש און איך האָב אים באַרויִקט:

— איך זוך אַרבעט פון וועלכער איך דאַרף ציִען פּרנסה. מר. הורוויץ דער „קדימה"־מענטש, מר. הורוויץ דער פּריינט, דער היימישער מענטש, דאַרף דערביי נישט גענומען ווערן אין אַכט, אין באַטראַכט. אין מיין אַרבעט בין איך און וועל זיין מר. הורוויץ דער פּליכטן־טרעגער, דער אָרנטלעכער און איבערגעגעבענער אַרבע־טער.

און מר. גליקמאַן האָט מיין דערקלערונג אויפגענומען מיטן פולן ערנסט.

אויפן צווייטן טאָג, ווען כ'בין געקומען צו אים, אויף זיין ביטע דעם פריִערדיקן טאָג, כדי צו באַקומען זיין ענטפער, האָט ער מיר, מיט אַ וואַרעמען האַנט־דרוק גע־מאָלדן:

— מר. הורוויץ, איר קענט אָנהייבן אַרבעטן ביי מיר, ווען אייך איז באַקוועם. אָבער צו מיין באַדויערן, — האָט ער צוגעגעבן, — קאָן איך נישט פאַרגרעסערן די סומע פון געהאַלט. אייער געהאַלט וועט זיין פיר פונט אַ וואָך, און ווי אַ צוגאָב — ברויט יעדן טאָג פאַר אייער פאַמיליען־געברויך.

איך האָב צוגעשטימט און בין איינגעגאַנגען אויף זיינע באַדינגונגען.

נאָך עטלעכע טעג פון איינאָרדענען און איבערגעבן אַלע אָנגעלעגנהייטן אין פאַרבינדונג מיטן סעקרעטאַר־אַמט, האָב איך זיך געזעגנט מיטן פּרעזידענט און די קאָמיטעט־מיטגלידער פון „קדימה", באַגלייט מיט קענגזייטיקע באַדאַנקונגען. און דעם זעלביקן טאָג, דעם 18טן אויגוסט 1940, האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער בעקעריי־געשעפט פון מר. ש. גליקמאַן, אויף ראטדאון־סטריט, נאָרד־קאַרלטאָן. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין פירן די ביכער, אויפנעמען אַלע פּראָדוקטן, ווי מעל, בוימל, זאַלץ אאַז"וו. און אַכטונג געבן אַז אַלץ זאָל אַריינגיין אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ; אַכטונג געבן אויף אַלע כלים און מכשירים אין דער בעקעריי, אַז זיי זאָלן שטענדיק זיין אין גוטן צושטאַנד: איך האָב געדאַרפט אויפפּאַסן אויף די געבאַקטע ברויטן און האַלטן חשבון פון די צאָל לאַבנס ברויט, וואָס די פונאַנדערפירער פונעם ברויט לאָדן אָן אין זייערע וועגענער און אויך אויסצאָלן זיי דעם וועכנטלעכן געהאַלט יעדע סוף וואָך. און אַ חוץ אָט די אַלע אויבן אויסגערעכנטע פליכטן, האָב איך אויך געדאַרפט אָנפירן מיטן ברויט־פאַרקויף אין דער קלייט ביי דער בעקעריי, פון אין דער פרי ביז זעקס אַ זייגער אין אָוונט, יעדן טאָג, אַ חוץ שבת און זונטיק.

אין דער בעקעריי זענען געווען צוויי אויוונס און די קונהטעס פון ברויט איז דער קלייט פלעגן אָפט קומען און נוצן די געהייצטע אויוונס אויף אָפּצובאַקן לעקעך, ביסקוויטן און אַנדערע געבעקסן, מיטברענגענדיק אַלעס נייטיקע, ווי מעל, אייער אד"גל. און פון אָט די „פּריוואַטע בעקערינס" האָב איך מיט דער צייט געגנאַשט אַ ביסל תורה, ווי אַזוי אויסצובאַקן אַ לעקעך, אַ בעקן ביסקוויטן. אָבער, וועגן דעם — שפּעטער.

פונעם ערשטן טאָג אין מיין נייער אַרבעט, האָב איך מיך ערנסט און אויפמערקזאַם צוגעקוקט און זיך אַריינגעטאָן אין אַלע זייטן און אומוועגן אין פאַרבינדונג מיט דעם. אַלץ איז געגאַנגען ווי ס'דאַרף צו זיין און מיר זענען געבליבן צופרידן, סיי מר. גליקמאַן און סיי איך. איך האָב אויך אָפט געהאָלפן מר. גליקמאַנען אין זיין אַרבעט פון צוגרייטן און אויסבאַקן צענדליקער צוקער־לעקעכער יעדן דאָנערשטיק באַכמיטיק, און עס איז געקומען דערצו, אַז מיין „העלפן" מר. גליקמאַנען האָט געגעבן פּרוכט. צום ביישפּיל, ווען עס האָט אַ מאָל פּאַסירט, אַז ער, מר. גליקמאַן האָט נישט געהאַט קיין צייט אַפילו זיך אַריינצוכאַפּן אין דער בעקעריי, אָדער ער איז חלילה קראַנק געווען, און דאָס איז פּונקט אויסגעפאַלן אין אַ דאָנערשטיק, האָב איך אַליין פאַרמישט און פאַרדרייט די גרויסע שיסלען מיט מעל, אייער און צוקער און אָן קיינעמס הילף אויסגעבאַקן אַ גרויסע צאָל לעקעכער, — זעכציק־זיבעציק און אויך מער. מען קען דאָך נישט לאָזן די באַלעבאָסטעס אָן לעקעך אויף שבת! אַליין אויסגעבאַקן די לעקעכער און זיי אויספאַרקויפט, ממש זיי „פאַרצוקערט". איינע אַ קונהטע האָט אַפילו פאַר גרויס שמחה און עקסטאַז אויסגעשריען: — „אַך, ס'אַראַ שיינע לעקעכער ביי אייך, מר הורוויץ! דער בעל־הבית אייערער זעט אויס צו זיין אַ גרויסער מומחה אויף באַקן געבעקס!". און אַז איך האָב איר געענטפערט, אַז זי איז טאַקע גערעכט, ער איז אַ גרויסער מומחה אויף די זאַכן, נאָר איצט ליגט ער נעבעך איינגעזייערט ביי זיך אין צימער, וואַרעמט זיך אין בעט און שלינגט פילן קעגן... זאָל מיר דער רבונו־של־עולם נישט שטראָפן פאַר מיינע רייד. — „הערסט, ווער־זשע האָט... אַ, איר ווילט זאָגן אַז דאָס האָט איר אַליין געבאַקן אָט די... לעקעכער! טפו זאָלט איר מיר ווערן! אַ סעקרעטאַר, אַן אַקטיאָר, אַ בוכהאַלטער און באַקט לעקעך!" — אָט מיט אַזאַ מענה־לשון האָט זי, די קונהטע, מיך אָפּגעזידלט, און אַלץ צוליב אַ... צוליב אַ לעקעך. וואָס אַ ייִדענע קען!

אָט אַזוי האָב איך עטלעכע מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו באַקן לעקעכער, זיי אויספאַרקויפן אָן שוועריקייטן, קיינער האָט קיין חסרונות נישט געפונען. איך האָב זיך אויך פּאַוואָלינקע „צוגעלערנט" באַקן ביסקוויטן, „כאַפּנדיק" אַ קוק און וואַרפנדיק אַן אויג ווי די, אָדער יענע ייִדענע פאַרקנעט אַ שיסל טייג און באַקט אויס פון דעם ביסקוויטן. נו, פאַרוואָס זאָל איך נישט קענען טאָן דאָס זעלבע, באשר, בכן — איך בין נישט קיין ייִדענע? און... איך האָב אויך געבאַקן ביסקוויטן.

ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל אַ היים געבראַכט אַ פּעקעלע ביסקוויטן, נאָך פּרי־שע, וואַרעמע ביסקוויטן, און חיה האָט, פאַרזוכנדיק זיי, געלעקט די פינגער פון זיי, האָט זי זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן און באַמערקט:

— ער איז דאָך גאָר אַ גרויסער קינסטלער דער בעל־הבית דיינער. אָט די ביס־קוויטן מעג אַפילו מלכות אַליין עסן!

— יִדענע, — האָב איך אין שפּאַס געזאָגט, — מר. גליקמאַן איז „נאָט גולטי״, נישט שולדיק הייסט עס, וואָס די ביסקוויטן זענען אַזוי פויגלדיק, דאָס האָב איך אין זיי אַזאַ שפּרוך אַריינגעלייגט, און... זעסט דאָך, אייזיק באַקט ביסקוויטן!

אַזוי־אַ איז אונדזער לעבנס־שטראָם געפלאָסן. איך האָב געפירט אַ בעקעריי, פאַרקויפט ברויט אין דער קלייט, פאַרשריבן אין די ביכער כך וכך זעק מעל, כך וכך וועגענער ברען־האָלץ, קעסטלעך אייער, בלעכן אָדער פעסלעך בוימל, זעק זאַלץ, — אַלץ לפי החשבון, אַלץ צום פינטעלע. איך בין געוואָרן אַ ייִד אַ סוחר, געפירט אַ געשעפט און... געלעבט פון די פיר פונט אַ וואָך געהאַלט. חיה, ווידער, האָט געקאָכט זופּן און ראָסלפלייש, צימעסלעך און געקאָכטע אייער, געשניטן פענעצלעך ווורשט און געמאַכט סאַנדוויטשן פאַר די „קינדער״ מיטצונעמען צו דער אַרבעט און געהאָלפן אין דער פרנסה. אָבער, ווייל חיה איז אַ גוטע נשמה און נאָך אַ בעסערע באַלעבאָס־טע, און די קינדער דאַרפן דאָך עסן און הנאה האָבן פונעם עסן, האָט דעריבער איר העלפן אין דער פרנסה זייער ווייניק געהאָלפן. ווייל קיין סך האָבן מיר נישט באַקו־מען פאַרן אויסהאַלטן די קינדער, די יתומים נעבעך. און די קינדער אַליין, זיי האָבן יאָ צוגעהאָלפן צום באַגריף „העלפן אין דער פרנסה״. זיי האָבן זיך געפילט ווי קינ־דער ביי אייגענע טאַטע־מאַמע אין שטוב. געוויס, חיה האָט געהאַט פאַרגעניגן פונעם געפיל — זי האָט קינדער אין שטוב. אָבער, נישט צום פאַרזינדיקן, עס האָט קיין זאַך נישט געפעלט איך האָב אונדזער גאָרטן גוט און פלייסיק באַאַרבעט און די קינ־דער האָבן אויך געהאָלפן, און געהאָלפן אַפילו אין צווייען, אַרומגראָבן אַ בוימל, באַ־וואַסערן די גרינצייג־בייטן און טאַקע זייער פיל געהאָלפן ביים אַרונטערנעמען די פּרוכטן פון דיביימער, נישט חלילה אין קעסטלעך, אָדער אין שיסלען אַריין זיי גע־לייגט, צופיל טירחה...

אָבער, ווי פּרִיער געזאָגט: אַלץ איז געווען, גאָרנישט האָט געפעלט.

— —

די מלחמה, די גרויסע בלוט־באָד, האָט חורבן און אומגליק געשפּרייט; האָט אַ סך קרבנות פאַרשלונגען. טרויעריקע, זייער טרויעריקע ידיעות האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון די פאַרבלוטיקטע שלאַכטפעלדער. פוילן — צעשמעטערט, פאַרוויסט; פראַנקרייך — אין גרעסטן טייל פאַרנומען און באַזעצט פון די נאַצי־חיילות; בעלגיע, — אויס בעלגיע. היטלערס אייזערנער קנאַפּל האָט אַ גרויסע טייל פון אייראָפּע צע־טראָטן. ענגלאַנד ווערט באָמבאַרדירט טאָג־טעגלעך און טרינקט זיך אין בלוט. ייִדן

פון אַלע אייראָפּעישע לענדער ליידן די שרעקלעכסטע יסורים, נויט און הונגער, אַ חוץ טיפע באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען; רוסלאַנד איז באַפאַלן געוואָרן, ברענט און ווערט פאַרוויסט דורכן מערדערישן שונא און אויך פון אייגענע הענט. דייטשע מחנות דערגרייכן שוין טיף־טיף אין האַרץ פון רוסלאַנד, און די אָנמעכטיקייט וואַקסט און לאָזט זיך פילן אין דער שרעקלעכסטער גרויליקייט.

טרויער, פּיין, גרויל געגרענעצט מיט יאוש הייבן אָן צו באַהערשן די מוחות, די הערצער, עס ווערט אַטראָפירט דאָס קלענסטע נחמה־געפיל. טויט, פינצטערניש. מבול, „ורוח אלהים מרחפת על פני המים". אַפילו גאָט אַליין האָט שוין אויך נישט קיין פּיצעלע מקום־מנוחה, פאַרלאָרן די ערד פון אונטער זיך; שווימט גאָטס גייסט אויפן וואַסער, אַ נעבעכדיקער, אַ צעבראָכענער. פאַרנומען איז די גאַנצע ערד דורך דער פינצטערער, פאַרוויסטנדיקער, בלוטרודשטיקער נאַצי־חיה.

64. — שוידער, אומגליק, באַוווּסטזיין דורך חורבן־גרויל

אין מיינע פּאָליטישע אָנשויונגען ביז איך אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער אויף לינקס און ווען אין דעצעמבער 1941 איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָפיציעל דער־קלערט געוואָרן ווי אַ לעגאַלע פּאַרטיי (ביז דאַן איז זי אַ צייט לאַנג געווען אומלע־גאַל), און אַ גרויסער פאָלקס־מיטינג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין „פּרינצעס"־טע־אַטער, ווו עס איז אויפגעטראָטן און גערעדט מר. וולאַסאָוו, דער נייער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר, האָב איך נאָך אָט דעם מיטינג זיך אָנגעשלאָסן ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך בין גלייך געוואָרן זייער טעטיק אין דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי, באַזוכט יעדן מיטינג פון דעם קאַרלטאָנער ברענטש און האָב אָנגענומען און אויסגעפירט אַלע פליכטן און אויפגאַבן, וואָס זענען אויף מיר אַרויפגעלייגט גע־וואָרן. איך בין אויך מיטן לויף פון דער צייט אויפגענומען געוואָרן ווי אַ מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון ברענטש און האָב געהאָלפן אויף אַלע געביטן מיט פולער ענער־גיע און איבערגעגעבנקייט.

איך האָב ערנסט און אויפריכטיק געגלייבט אין דער דערלייזונג פון יידישן פאָלק דורך די פרייע און פאָרגעשריטענע עלעמענטן פון דער וועלט און מיין מיינונג און האָפענונג איז געווען באַזירט אויפן גלויבן אין דער אויפריכטיקייט פונעם סאָ־ציאַליזם, ווי דער אַוואַנגאַרד פון די דערמאָנטע פרייע עלעמענטן. די וועלט, — אַזוי האָב איך געגלייבט, — די פאַרשקלאַפטע און פאַריאָכטע וועלט מוז און דאַרף זען אין דער פרייהייט־באַוועגונג איר דערלייזונג, איר אויפריכטונג, און אַז מיר יידן, ווי אַ פאָלק, וועלן מיר דורך דעם אויך אויפגעריכט ווערן. די הייליקע פאַראייניקונג פון אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער אין קאַמף קעגן דער היטלער־בעסטיע מוז און וועט פאָלגלעך ברענגען צו אַ זיג. דאָס איז דאַן געווען מיין אויפריכטיקסטע איבער־

ציגונג און איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר מײַן חוב צו שטעלן אין דינסט מײַן מוט, מײַן כּוח, מײַן גאַנצן װיסן כּדי צו דערגרײכן דעם געװוּנטשטן ציל.

מײַן באַגרענעצטע פרײַע צײַט האָט מיר אין אָנהײב נישט דערלויבט אַ סך זיך אָפּצוגעבן מיט טאָג־טעגלעכער פּאַרטײ־אַרבעט, אָבער דאָ איז אומגעריכט געקומען אַן אומדערװאַרטער איבערברוך אין אונדזער עקאָנאָמישער סטרוקטור און האָט אַלץ געביטן.

מיטן שטורמישן שװוּנג פון דעם מלחמה־אַפּאַראַט, װאָס האָט אַרײַנגעצױגן אַלץ מער און מער מענטשן, האָט זיך געשאַפן אַ טיפער חלל אינעם אַרבעטס־פּעיִקן מענטשן־רעזערװ און אַ גרױסע צאָל האַנדלס־אונטערנעמונגען האָבן דערפילט אַ מאַנגל אין פּערסאָנאַל. עס זײַנען שיטער געװאָרן די צאָלן פון די אַרבעטסזאָמע כּוחות אין די האַנדלס־אַנשטאַלטן. איך האָב דאַן בײַ זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר איצט איז די צײַט אױסצוביטן מײַן באַשעפטיקונג אױף עפּעס בעסערס, מער באַצאָלבאַר. און איך האָב אַזאַ מעגלעכקײט געפונען. און דאָס מאָל אױך מיט דער הילף פון מײַן פרײַנט מר. ראָטבערג. איך האָב געפונען באַשעפטיקונג אין אַ טוך־געשעפט, אין אײנע פון די מאַנופאַקטור קלײטן פון די ברידער ראָקמאַן.

אין מערץ 1942 האָב איך פאַרלאָזן גליקמאַנס בעקערײ און האָב אָנגעהױבן אַרבעטן אַלס פאַרקױפער פון טוך־סחורות, פריִער אין דער ראָקמאַן־קלײט אױף בױרק סטריט און שפּעטער, נאָך עטלעכע חדשים, האָט מען מיר אַריבערגעפירט אין זײער קלײט אױף ליטל קאָלינס סטריט. איך מוז אױך דערמאָנען, אַז מיט מײַן אָנקומען אַרבעטן צו די ברידער ראָקמאַן, האָט דערצו אין אַ געװיסער מאָס אױך געהאָלפן מר. ה. ספּיװאַקאָװסקי, אונטערן אײנפלוס פון מר. ראָטבערג.

אין מײַן נײַער אַטמאָספער און אומגעבונג האָב איך זיך גלײך דערפילט דערהױבן אין אַ טאָפּלטן זין: מײַן עקאָנאָמישער צושטאַנד איז מיט אַ מאָל זײער פיל פאַרבעסערט געװאָרן, אַזױ הײַנט, װי כמעט אױף פּערציק פּראָצענט העכער װי ביז איצט, און מײַן פרײַע צײַט איז אױך אױסגעװאַקסן אױף מער, דהײנו — אָנגעפאַנגען אַרבעטן האָט מען פון נײַן אַ זײגער אין דער פרי און ביז 5,30 פאַרנאַכט, אַנשטאָט װי פריִער אין דער בעקערײ, פון זיבן אין דער פרי ביז זעקס פאַרנאַכט. און די אַרבעט גופא, אַ רײנערע און אפילו אױך אַ מער בכבודיקע. און איך האָב זיך געפילט זײער צופרידן. אױך חיה איז געװען צופרידן פונעם בײַט. און פון אונדזערע „קינדער" איז בלױז דער אָנדענק פון זײ געבליבן. דרײַ פון זײ האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די קעמפנדיקע רײען פון דער אַרמײ. אײנער פון די דרײַ, שמעון קליטעניק, איז געפאַלן אױפן שלאַכטפעלד אין נײַ־גװינעאַ. כּבוד זײַן אָנדענק.

פאַר דער דאָזיקער צײַט האָבן מיר, — חיה און איך, — זיך אָנגעהױבן פילן אַ ביסל אומהײמלעך אין אונדזער גרױסער דירה פון אַכט צימערן, אַרומגערינגלט מיט רױשנדיקע, זיך שושקענדיקע בײמער און מיר בײדע, אין צװײען בלױז צװישן די

טריבע וועגט פון דעם מאוימדיקן פּאַלאַץ. נו, האָט דאָס מזל דאָך זיך דערמאָנט אין אונדז און צום גוטן. דער אַגענט וואָס פלעגט קומען ביי אונדז אויפמאָנען די דירה־געלט פאַרן בעל־הבית פון אונדזער דירה, אַליין אַ שכן אונדזערער פון קעגנאיבער, איז אַ מאָל צו אונדז אַריינגעקומען און אונדז פאַרגעלייגט אַריבערצוציִען זיך אין זיין הויז, וועלכע ער באַפרייט די טעג, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. און ווייל ער קען אונדז, — האָט ער געזאָגט, — וויל ער אונדז האָבן פאַר זיינע שכנים, וויסנדיק אַז, ערשטנס, וועלן מיר אים אָפּהיטן און אויפזען זיין הויז אויפן בעסטן אופן, און צווייטנס, ווייל מיר זענען גוטע און ראַיעלע שכנים, מיר זענען נאָך קיין מאָל נישט געבליבן הינטערשטעליק אין צאָלן די דירה־געלט, און נאָך די אַלע קאָמפּלימענטן און זיין פּראָפּאָזיציע האָט צו אונדז אויך אַפּעלירט, האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין זיין הויז.

ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן דערשפּירן די אַראָפּגעפאַלענע לאַסט פון מיינע פּלייצעס. דאָס הויז האָט געהאַט אַ קליין גאָרטנדל, אין גאַנצן ד׳ אמות אויף צו באַ־אַרבעטן און דעם הויף האָט באַדעקט דעם גאַנצן באָדן אַן אַספאַלט און בלויז נאָר איין פאַריתומטער בוים, וואָס האָט געבעך קוים געזשיפּעט מיט זיינע פאָר צענדליק פּערעשקעס אין זומער־צייט; אַז מען לאָזט נישט אָטעמען, אַז אַרום און אַרום איז אַספאַלט אָנשטאָט וויכע, פייכטע, זאַפטיקע ערד.

נו, מיט אַזאַ רחבותדיקער פּריצישקייט צו מיין דיספּאָזיציע, האָב איך דאָך באַ־קומען אַ וועלט מיט פרייער צייט. האָב איך מיך טאַקע אַריינגעוואָרפן אין דער אַר־בעט מיטן גאַנצן ברען. איך בין אויך געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „שאָפּ אַסיסטאַנט יוניאָן" און האָב געהאַלטן פאַר נייטיק צו זיין אָנוועזנד אויף אַלע מיטינגען פון דער יוניאָן, ווען נאָר איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג. איך מוז דאָ באַמערקן, אַז פון די זיבן־אַכט אָנגעשטעלטע אין דער קלייט, ווו איך האָב געאַרבעט, בין איך געווען דער איינציקער מיטגליד אין דער יוניאָן. דאָס געהערן צו דער יוניאָן איז נישט געווען קיין מוז, קיין חוב און דער דורכשניטלעכער אויסטראַליער בירגער, איבערהויפּט דער קריסטלעכער, האַלט נישט פון באַלאַנגען ערגעץ־ווו און צאָלן מיטגלידס־אָפּצאָל ווען ער איז נישט געצוווּנגען דערצו.

אין אַ געוויסן טאָג בין איך דורך אַ בריוו גערופן געוואָרן צו אַ זיצונג פון אַן ענגן קרייז, בלויז אַ וועלכע זיבן־אַכט פּעדזאָן, און דאָרט, אויף דער זיצונג, בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט די איבעריקע אָנטיילנעמער, אַלע מיטגלידער פון דער קאָמוּ־ניסטישער פּאַרטיי, וואָס זענען צו דער זעלבער צייט אויך מיטגלידער אין דער יוניאָן, און זייער אויפגאַבע איז געווען צו דינען ווי אַ „קעמערל" פון דער פּאַרטיי, וואָס דאַרף אויפּפּאַסן און שטענדיק, ביי יעדער געלעגנהייט, אין זינען האָבן די פּאַרטיי־אינטערעסן.

פון דאַן אָן, נאָך מיין ערשטן באַזוך אויף דער „געהיימער" זיצונג, בין איך אויפ־

געפּאָדערט געװאָרן צו קומען אײן מאָל אין װאָך אין אַ באַשטימטן פּלאַץ, אױף דער זיצונג פון אָט דעם „קעמערל" פון דער „שאָפּ אַסיסטאַנטס יוניאָן", װו עס פּלעגן אַרומגערעדט און באַטראַכט װערן אַלץ װאָס האָט געהאַט אַ שײכות מיטן גאַנג פון דער יוניאָן־טעטיקײט. און אַ ליניע איז דאַן אָנגענומען געװאָרן, אַן אײגן־װירקנדיקע ליניע, צו בײגן און בײגן די ריכטונג פון דער יוניאָן לױט די דאָגמעס פון דער פּאַר־טײ. מיטן גאַנג פון דער צײט בין איך אױך געװאָרן אַ ספּעציעלער פּאַרטרױונגס־װערטער מיטגליד פון דער פּאַרטײ. איך האָב אָנגעהױבן דערהאַלטן בריװ, דאָקו־מענטן און אָפט אױך געלט־זענדונגען אין די בריװ, װעלכע איך האָב געדאַרפט אי־בערגעבן אין צענטראַלן ביוראָ פון דער פּאַרטײ. און אַלץ איז צוגעגאַנגען אױף שטום־לשון, אַזױ צו זאָגן, אױף אַ געהײמען מיסטעריעזן שטײגער, אָן צו אינפּאָרמירן מיר אַפילו װוּהין, צו װעמען איך דאַרף די בריװ, די דאָקומענטן, אָדער די געשיקטע געלטער אָפּגעבן.

װען איך האָב צום ערשטן מאָל דערהאַלטן אַ בריװ מיט אַ קלײנער סומע געלט דערין, האָב איך נישט געװוּסט װאָס דערמיט צו טאָן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם פּירוש דערפון, דעם מיסטעריעזן ציל פון דעם שפּיל. און װען איך האָב זיך געװענדט צו אַ חבר אױף אײנעם פון די זיצונגען פון „קעמערל" און כ'האָב אים געפרעגט ער זאָל מיר דערקלערן װאָס דאָס באַדײט, האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס מײנט, אַז דו ביסט אָנערקענט געװאָרן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט װי אַ פּאַרטרױונגס־מענטש. דו װעסט געװיס אָפטער דערהאַלטן אַזעלכע בריװ. דו דאַרפסט אַזעלכע בריװ אַװעקטראָגן אין דער צענטראַלע, זײ דאָרט איבערגעבן, אָן פראַגעס און אָן פּירושים.

איך װיל דאָ באַמערקן, אַז דער ערשטער בריװ און שפּעטער אױך אַנדערע בריװ אַזעלכע, זענען געקומען אױף מײן אַדרעס, אַרױסגעשיקט פון טאַסמאַניע.

און אַזױ האָב איך מײן ענערגיע, מײן װיסן און מײן פרײע צײט אױסגענוצט און פאַרװענדט פאַרן אױפהאַלט, װוּקס און בלי פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און אירע צװעקן און שטרעבונגען, בײ יעדער געלעגנהײט, צו יעדער צײט און װען נאָר מעגלעך. ביז אַ טיפער אײנבראָך אין דער גאַנצער באַפרײונגס־אידעאָלאָגיע האָט כמעט װי געמאַכט אַ סוף צו מײן גאַנצן באַװוּסטזײן און אױפפּאַסונג פון דעם װײ־טיקדיקן „מאין יבוא עזרי"?

— — — — — — — — — — — — — — — —

1943, 1944. דערשיטערנדיקע ידיעות, האַרץ־רײסנדיקע ידיעות האָבן זיך אָנ־געהױבן דורכרײסן און דערגרײכן צו אונדז פונעם גרױסן אומגליק, פונעם װיסטן חורבן, װאָס די מלחמה און אירע פאָלגן האָבן אױף אונדזער פאָלק געבראַכט. מײדאַ־נעק, טרעבלינקע, מאױמדיקע אָנזאָגן װעגן צענדליקער, הונדערטער אָפּגעװישטע

ייִדישע ישובים, וועגן גרויליקן אומקום פון גרויסע ייִדישע קהילות. טויזנטער, הונ־דערטער טויזנטער קרבנות, אין די מיליאָנען האָט עס שוין דערגרייכט. ביי מיר, אין מיר האָט גענומען אויפברויזן, אויפטליִען דער איינגעשלעפערטער פונק פונעם ייִדי־שן מהות, וואָס איז געווען באַדעקט און באַשפּרינקלט מיטן אויסלייז־חלום פון אַ באַפרייטער וועלט. די וועלט, יאָ, די וועלט וועט זיך אפשר באַפרייען, אָבער מיין פאָלק וועט שוין דאַן זיין באַגראָבן אונטער בערג מיט אַש פון די גרויליקע שייטער־הויפנס פון מיידאַנעק און טרעבלינקע. איך האָב אָנגעהויבן מאַכן אַ מין חשבון־הנפש, שאַרן און אויפשאַרן דעם מיסטיקן שטויב פון דער באַפרייונגס־באַוועגונג, וועלכער איך גיב אָפּ מיין „איך", מיין נשמה. און אונטער דעם זעלבן שטויב ליגט דאָך שוין פאַרדעקט, פאַרשאָטן אַ גרויסער טייל פון די וועלכע איך העלף באַפרייען, די נאָענטסטע מיינע, די טייערסטע, קינדער פון מיין שטאַם. צי גרייז איך נישט? צי דאַרף איך נישט אָפּגעבן, אויב נישט אין גאַנצן, כאָטש אַ טייל און אפשר טאָקע דעם גרעסטן טייל פון מיין הילף פאַר מיינע שוועסטער און ברידער, וואָס באַקומען דאָס נישט פון קיין אַנדערן, פון קיינעם נישט?

פון מיין בלוטיקן חשבון־הנפש האָט זיך אָנגעהויבן אויסטיילן, זיך אויסבילדן אַ מער פולשטענדיקע געדאַנקען־בילד. אייזיק, דער ייִד, דאַרף און מוז זיך אַוועקשטעלן אין די רייען פון די, וועלכע העלפן ציילן אונדזערע קרבנות און ער דאַרף און מוז אָפּגעבן זיין גאַנצע קראַפט און ווילן, זיין גאַנצן לעבן מוז ער שטעלן צו דינסט פון די, וועלכע באַמיִען זיך די קרבנות צו דערגרייכן, זיי העלפן... און זייער צאָל, די צאָל פון די קרבנות, צו מינימיזירן.

איין מאָל, אין אַ צוזאַמענרייד מיט מיין פריינט וואָווקע גאָטליב, אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויך אַ מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון קאַרל־טאָנער ברענטש פון דער פּאַרטיי, האָב איך דערמאָנט וועגן מיינע געפילן און גע־דאַנקען אין פאַרבינדונג מיט אונדזער נאַציאָנאַלן אומגליק, האָב איך מיך אויך אויס־געדריקט אין די פאָלגנדיקע טערמינען:

— מיר מוזן שטרעבן צו דערגרייכן און זיך איינשאַפן אַן אייגענע היים, אַן איי־גענע מדינה, אַ מקום־מנוחה, ווו מיר זאָלן קענען אַנטוויקלען אונדזערע נאַציאָנאַלע כוחות, שאַפן און בויען אַן אייגן נאַציאָנאַלן לעבן און אויך דאָס באַשיצן מיט אונדזער בלוט, ווען נייטיק. און נאָך מער, ווען איך זאָל אַפילו דאַרפן אַריבערטרעטן איבער די טויטע קערפּערס פון די, וואָס וועלן זיך שטעלן קעגן אונדז און אונדז שטערן דאָס אויבן געזאָגטע צו דערגרייכן, וועל איך מיך דאַן נישט אָפּשטעלן פון צו טאָן דאָס. איך קען מער נישט דענקען און טראַכטן וועגן וועלט־באַפרייונג אין אַלגעמיינע טער־מינען, „עניי עירך קודמים". מיין פאָלק, מיין אייגן בלוט און פלייש, קומט פאַר אַלע־מען, און אַזוי בין איך גרייט צו האַנדלען, אַזוי דאַרף יעדער ייִד האַנדלען.

מיין פריינט גאָטליב האָט מיר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט, האָט זיך געטרייסלט

אין קאָנוואָלסיווער אויפרעגונג און מיט אַ פריינטלעכן, אָבער דאָך שטורמישן צאָרן, האָט ער אַרויסגעפּלאַצט:

— חבר הורוויץ, ווי קענט איר אַזוי ריידן! ווי קענט איר גאָר אַזעלכע געדאַנקען צולאָזן און אַזעלכע דיבורים אַרויסברענגען, אַזעלכעס זיך דערלויבן?! דאָס איז דאָך אַבסאָלוטע כפירה, עס איז דאָך אין פולן קעגנזאַץ צו אונדזער קאָמוניסטישן גלויבן, צו אונדזערע איבערצייגונגען! איר, מר. הורוויץ, דער איבערצייגטער, דער ערנסטער און איבערגעגעבענער סאָציאַליסט, איר זאָלט אַזוי ריידן און נאָך אַזוי האַנדלען, חבר הורוויץ?!

איך האָב מיין פריינט גאָטליב באַרויקט און האָב אים געבעטן זיך טיפער אַריינטראַכטן אין אַלץ וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט. איך האָב אים אויך פאַרזיכערט, אַז אויב ער וועט זיך נאָר אָביעקטיוו פונאַנדערקלייבן אינעם זין פון מיינע אַפּיקורסישע ווערטער, וועט ער דאַן, אויך אַזוי ווי איך, אָנהייבן דענקען, פילן, טראַכטן, און אפשר טאַקע גרייט זיין, אַזוי ווי איך, צו האַנדלען. און איך האָב נאָך צוגעגעבן, אַז איך, ווי אַ ייד, פיל עס און האַלט עס פאַר מיין מענטשלעכע פליכט, פאַר מיין הייליקן חוב אַזוי פאַרצוזעצן די ליניע אין מיין וויטערדיקן לעבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך געקענט מערקן און טאַקע פעסטשטעלן, אַז איך האָב אויף מר. גאָטליב נישט געווירקט, אים נישט איבערצייגט. און צו אַזאַ מיינונג בין איך געקומען, ווען איך האָב אָנגעהויבן באַמערקן אַ געוויסע קאַלטקייט אין די באַציונגען צו מיר מצד די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט אויף אונדזערע זיצונגען און צייטנווייז האָב איך געפילט זייערע שאַרפע, שטעכיקע בליקן געווענדט אין מיין זייט. אויך אין דער צענטראַלע האָט מען אַרויסגעוויזן און מיר באַטראַכט ווי אַ „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ"; מען האָט זיך פון מיר אָפּגעקערט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און אַפילו צו די זיצונגען פונעם קאַרלטאָנער ברענטש-קאָמיטעט האָט מען מיך נישט איינגעלאַדן, און אָפט מיר געלאָזט פילן, ווען כ'בין געקומען אַליין, אַז מיין אָנוועזנקייט איז נישט ווינטשנסווערט. און אָט די גאַנצע אָפּגעפרעמדקייט האָט געוויס אַרויסגעקוואָלן פון דעם טיפן „אני מאמין" פון מיין פריינט וואָווקע גאָטליב, אין זיין קאָמוניסטישער תורה. אַרום אָנהייב 1947, האָב איך אָפיציעל אויפגעגעבן מיין מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

65. — ישועה און גאולה דערפירן ביז צום ברעך-פּונקט

אונדזער עקאָנאָמישער מצב, מער ווייניקער צופרידנשטעלנדיק. מיין געהאַלט האָט זיך געהעכערט און מיט קליינע צוגוואוקסן פון דער פעני פער פונט פדיון, איז די וועכנטלעכע סומע, ווי אַ געהאַלט, געווען און אָפט דערגרייכט ביז אַכט מיט אַ האַלבן און אויך צו ניין פונט אַ וואָך. מיין פערזענלעכער מצב אָבער, איז מער אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ געטרייער און איבערגעגעבענער געשעפטס-אָנגעשטעלטער. און כאָטש

ס׳איז מיר נישט צוגעטײלט געװאָרן קײן ספּעציעלע פּריװילעגיעס, דאָך האָט עס מיר פֿאַרשאַפֿט אַן אָנגענעמען באַװוסטזײַן, אַז איך װעל אָפּגעשאַצט לויט מײַן פֿאַרדינסט־פֿולן װערט. אויף ראש־השנה צום בײַשפּיל, האָב איך באַקומען אַ געלט־באָנוס פֿון פֿינף פֿונט. איך בין אַפֿילו געװען דער אײנציקער ייִדישער אָנגעשטעלטער, אויסער דעם פֿאַרװאַלטער פֿון דער קלײט ה. ספּיװאַקאָװסקי, אָבער איך האָב מיך געפֿילט געשמײכלט: —די אַנדערע אָנגעשטעלטע האָבן צו זײער נײַ־יאָר קײן באָנוס נישט באַקומען.

אין מאַי 1947, איז מיר איבערגעגעבן געװאָרן אײַנצואָרדענען אַן אויספֿאַרקויף פֿון רעשטלעך סחורה, פֿריִער אײן מאָל אין צװײ חדשים, אָבער באַלד איז עס געװאָרן אַ חודשלעכע אײַנפֿירונג. אַלע סחורה־רעשטן װאָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין די עטלעכע קלײדער־פֿאַבריקן װאָס די בעלי־בתּים, די ברידער ראַקמאַן, האָבן אָפּערירט, די אַלע רעשטלעך פֿלעגט מען אַרײַנברענגען און זײ מיר איבערגעבן אונטער מײַן אויפֿזיכט. אין די לעצטע פּאָר טעג פֿונעם חודש האָב איך שױן־לאַנג געאַרבעט אַרום די רעשטלעך, זײ סאָרטירט, געמאָסטן און געלײגט פּרײַז־צעטלעך אויף יעדן רעשטל. אויך די רעשטלעך פֿון דער קלײט גופֿא האָב איך צונויפֿגעזאַמלט און זײ אויסגעסאָרטירט.

יעדן לעצטן טאָג פֿון חודש האָט די פֿאַרװאַלטונג, דורך זײער ראַדיאָ־פֿאַרבינדונג, אַנאָנסירט, אַז דעם טאָג, דעם ערשטן טאָג פֿון חודש, פֿון נײַן אין דער פֿרי ביז פֿיר נאָך מיטיק, װעט אין ראַקמאַנס טוך־געשעפֿט אויף ליטל קאָלינס סטריט, פֿאָרקומען אַן אויספֿאַרקויף פֿון סחורה־רעשטלעך. נו, נו, מציאות־כאַפּערינס זענען געקומען אין די הונדערטער. און בײדע אײגנטימער, בײדע ברידער ראַקמאַן, זענען געקומען, געזען די גדולה, דאָס שטופּעניש, דעם געדראַנג פֿון די מציאות־כאַפּערינס און זײ האָבן געקװאָלן, געקליבן נחת, — עס זשומעט אין קלײט װי אין אַ בינשטאָק, עס רודערט זיך װי בײַ זײ, אין זײער געבורטשטעטל אויפֿן יאַריד. „מר. הורוויץ איז אַ חברה־מאַן, הי נאָ אוז די ביזנעס״!

זײער אָפּט האָב איך געמוזט אַרבעטן אויבערשעהן, ביז אַרום צען אין אָװנט, כדי צוצוגרײטן אַלץ פֿאַרן רעשטלעך־אויספֿאַרקויף־טאָג, נישט האָבנדיק קײן גענוג פֿרײַע צײַט עס צו טאָן דורכן טאָג, אין די געװײנלעכע אַרבעטס־שעהן. די אַנדערע אָנגעשטעלטע, זעענדיק די אויפֿגעלײגטקײט און די פֿרײלעכע מינעס פֿון די בעלי־בתּים אויף מײַן חשבון, האָבן מיר מקנא געװען — „אַ חשוב בײַ מלכות, מר. הורוויץ״. זײ זענען אָבער מוחל געװען דאָס גליק, װײַל אײנעם טאָג פֿון אויספֿאַרקויף האָבן זײ אָנגעהויפֿט אַ היפּשע ביסל איבעריקע פּעניס פֿונעם פּדיון אין זײערע פֿאַרקויף־ביכלעך.

אַזוי זענען געגאַנגען חודש נאָך חודש. מײַן אַרבעט — סטאַביל, װײניק װאָס ענדערונג פֿון אײן טאָג צום צװײטן, אַן באַזונדערע צופֿאַלן, אָדער געשעענישן. אין

שטוב ביי אונדז איז אויך געווען רוטין־גלאַטיק, זאַטקייט און צופרידנקייט. מיר האָבן קיין מאָל נישט מקנא געווען אונדזערע פריינט, וואָס האָבן געוווינט אין רייך־מעבלירטע הייזער, געוואָרפן זיך מיט פונטן און מיט צענדליקער פונטן, כדי זיך אָנצוזען צווישן לייטן. אמת, זייער אָפט האָב איך געפילט אַ טיפע קרענקונג, ווען איך האָב זיך נישט געקענט דערלויבן צו געבן מיין באַשטייערונג דאָרט ווו ס'איז געווען נייטיק צו געבן. אָבער איך האָב אין אַזעלכע פאַלן אַראָפּגעשלונגען מיין פּאַרדראָס, מיין האַרץ־ווייטיק און כ'בין איבערגעגאַנגען צו טאָג־טעגלעכע געוויינלעכקייטן. איך האָב זיך שטענדיק געטרייסט מיטן געפיל, אַז מיר פירן אַן אָנשטענדיקן, ערנטלעכן און גראָדן מענטשלעכן לעבן און מיר דאַרפן צו קיינעם נישט אָנקומען נאָך הילף, און דאָס איז ביי מיר געווען עיקרדיק, — דאָס באַקומען אַלע נויטווענדיקייטן פון מיינע פאַרדינסטן, מיט מיינע אייגענע הענט דערוואָרבענע פאַרדינסטן. און אַזוי דענקענדיק בין איך שטענדיק געווען און געבליבן צופרידן. אין רייכטום איז און עס מוז שטענדיק זיין גזילה. און איך און מיין געוויסן זענען געבליבן באַפרידיקט פון מיין שטעלונג און האַנדלונג אין לעבן.

אין מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָב איך תמיד געזען און געפונען מיין צופרידנקייט. איך האָב אָנטייל גענומען אין צוויי־דריי סוב־קאָמיסיעס פון דער „קדימה", און פון 1946 אָן און ווייטער האָב איך אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין קרן קימת לישראל. צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָב איך מיך נישט געקענט צוקלעפּן, כאָטש איך האָב געוואָלט און געפילט אַ טיפע נייגונג און הייסן ווילן מיטצוהעלפן אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו גאולת העם והארץ. אָבער כ'האָב אין די ציוניסטישע רייען נישט געזען קיין ערנסטקייט, קיין אמתן נשמה־ברען פאַר זייער אַרבעט. אַלץ, אָדער כמעט אַלץ, איז ביי זיי אויבערפלעכלעך, נישט טיף, נישט פאַרוואָרצלט, נאָר לפנים, אויף זיך אויסצושטעלן, נישט לשם שמים. די ציוניסטישע אַרבעט האָט זיך שטענדיק אַרויסגעוויזן ווי אַ מין בעלי־בתים־שפּיל: מיר אַ ביסל כבוד, דיר אַ ביסל כבוד. און עס איז מיר אַלץ געווען דערווידער, אָפּשטויסנדיק.

אין דער קרן קימת לישראל־אַרבעט, דאַקעגן, האָט זיך געפילט מער איבערגעגעבנקייט, מער וואַרעמקייט, מער הייליקער ווילן צו העלפן בויען און דעראָבערן דאָס מער שטאַנד און באַזיץ אין ארץ־ישראל. און דאָ האָב איך געפונען מיין אָרט ווו אָפּצוגעבן, אויף וויפל כ'האָב נאָר געקענט, צייט, כוח, ענערגיע און גוטן ווילן צפעס אויפצוטאָן. אמת, עס האָט אויסגעקוקט מער פּראָזאַיש, מער קליינלעך, דערפאַר אָבער האָסטו געהאַט דאָס געפיל, אַז יעדער שילינג, יעדער פונט טוט עפּעס אויף דירעקט, אָן הינטערוועגלעך, אָן זייטיקע פּניות.

איך האָב מיטגעאַרבעט אין דעם קאַרלטאָן־ברענטש פון קרן קימת לישראל און מיט דער צייט בין איך אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט צו דער צענטראַלער

קאַמיסיע. איך האָב מיינע פליכטן דערפילט בשלימות, געאַרבעט אומדערמידלעך און אָן אויסרעכענונגען.

פון דער „קדימה" בין איך אויך מערערע מאָל דעלעגירט געוואָרן צו דעם „באַאַרד אָוו דעפּיוטיס" און אין די סוב־קאָמיטעטן, וווּ איך האָב מיטגעאַרבעט. האָב איך זעלטן ווען פאַרפעלט צו זיין אָנוועזנדיק, ווען איך בין אויפגעפאָדערט געוואָרן צו קומען.

אויף אַזאַ אופן האָב איך ממשיך געווען ציִען דעם פאָדעם פון ייִדישן זעלבסט־באַוווסטזיין: „קדימה" און קרן קימת לישראל; געאַרבעט דאָ, געלייסטעט הילף דאָרט, און דערפון געשעפּט מיין ביסל לעבנס־פאַרגעניגן, געשעפּט פון מיין געזעלשאַפטלעכן אַרבעטס־קוואַל, אָנשטאָט צו שעפּן עס פון רייך־אויסגעפּוצטע שטיבער, גאָלדענע רינגען אויף די פינגער, אָדער קאָסטבאַרע קליידער. און חיה, זי האָט אויך, לויט איר אייגענער לעבנס־אָנשויונג, ווייניק־וואָס געשטרעבט צו אַ רייכן לעבנס־שטייגער. כאָטש מאַנכע מאָל האָט זי אַרויסגעוויזן נישט קיין סך צופרידנקייט מיט די באַדינגונגען, וואָס אונדזער מאַטעריעלע לאַגע האָט מיט זיך געטראָגן. אָבער שטאַרק באַקלאָגן זיך האָט זי נישט געפונען פאַר נייטיק, צום ווינציקסטן אָפענערהייט.

— —

אין אונדזער ענגן פאַמיליען־ווינקל, אָפּגעריסן און פאַרוואָרפן פון אייגענע און ליבע, האָט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט זיך אַריינגעריסן: צו ארץ־ישראל, צו די אונדזערע אייגענע דאָרט, וואָס זענען געווען אַ סך. חיהס מוטער, דריי ברידער, — אַלע מיט פאַמיליעס, — און אַ שוועסטער מיט אַ גרויסער קינדער־משפחה. און פון מיין זייט: צוויי שוועסטער און זייערע קינדער און קינדס־קינדער און אַ חוץ זיי, אין די צענדליקער טוצן און טוצן קינדער פון מיינע אַנדערע ברידער און שוועסטער, מחנות גאַנצע פאַרוואָרצלטע אינעם ארץ־ישראל באָדן. און די בענקעניש אונדזערע האָט אָנגענומען נאָך שאַרפערע פאָרמען, נאָך דעם ווי עס איז דערהאַלטן געוואָרן די פרייליכע ידיעה פון ניו־יאָרק, אַז דער פעלקער־בונד האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו עטאַבלירן אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל און צו אַנולירן דעם מאַנדאַט אויף פּאַלעסטינע, וואָס ענגלאַנד האָט געהאַלטן. איך האָב אָנגעהויבן צו ליידן פון אַ מוראדיקער ציִונג אַהין, צוריק צום שורש, וווּ אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלער לעבן האַלט אין אויפגיין אויף גאָר אַלטע ייִדישע יסודות, אויף זיילן וואָס כאָטש שוין פון לאַנג איינגעפאַלענע, דאָך — זייערע שפּורן זענען נאָך נישט אין גאַנצן פאַרווישטע. און מיט פרישן זאַפט פון די פאָלקס־קוואַלן, קענען די זיילן צוריק ווערן דער אָנלען פון אונדזער פאָלקס־אויפקום און ווידער־אויפלעבונג.

דער באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער אין ניו־יאָרק, דעם 29סטן נאָוועמבער 1947, האָט געצונדן נייע ליכטער, טליִענדיקע פונקען אינעם צעברענטן האַרץ וואָס דער חורבן פון מיין פאָלק האָט אַזוי צעפייניקט און פאַרוואונדעט. און די אויפ־

גײענדיקע שטראַלן און פֿאַסן בונטע ליכט, װאָס האָבן פֿון די פֿאַראײניקטע פֿעלקער גאולה־אָנזאָג אַרױסגעשטראַלט און זיך געשפּרײט אױף אַלע פֿאַרװיסטע װעגן פֿון אונדזער גלות־מאַרש; אָט די אַלע שמחה־פֿליטערלעך האָבן אױפֿגעקאָכט דאָס בלוט, עס דערהיצט ביז צום העכסטן גראַד און געדופֿן און געפּאַדערט און געמאָנט קדושה וטהרה אַרײנצוהױכן אינעם פּוסטן װינקל פֿון אונדזער אָפּגעריסנקײט פֿון יענעם שפּרודלדיקן קװאַל, װוּ חזון און גאולה הײבן זיך אָן אָנקלײדן אין בגדי תכלת פֿון אונדזער אַלט־נײעם װוּנטש, פֿאַרלאַנג און גלוסט צו אַ גרינטלעך פֿאָלקס־לעבן אױף אײגענער ערד, אונטער אײגענע הימלען, אין אַ ברײדערלעכער סביבה.

װען עס איז געקומען דער גרױסער טאָג, דער ליכטיקסטער טאָג אין אונדזער פֿאַרפֿינצטערטער געשיכטע, דער פֿינפֿטער טאָג אין חודש אייר ה׳תש״ח, װען אין תּל־אָביב האָבן די פֿאַרשטײער פֿונעם ישוב, בהתאסף ראשי עם, אָפֿן און פֿרײ, פֿאַר דער גאַנצער װעלט, מיט דער גרעסטער פֿײערלעכקײט, מיט פֿרײד און הײליקן ציטער, בדחילו ורחימו דערקלערט און אױסגערופֿן שטאָלץ און גבורהדיק: — „מיר זענען אַ פֿאָלק אין אונדזער מדינה — ישראל". אין דעם טאָג איז שױן קײן גרענעץ נישט געװען צו מײנע אױפֿגעװאַכטע, קאָכיק־צעפֿלאַמטע געפֿילן.

און װען ס׳איז דעם זעלביקן אָװנט אײנגעאָרדנט געװאָרן אין סעמואל מײערס זאַל דער יום־טוב פֿון באַפֿרײונג, אַ מין דעקלאַראַציע פֿון װידערגעבורט פֿון אונדזער פּאָליטישן פֿאָלקס־לעבן אין אַן אײגענער מדינה, און די נאַציאָנאַלע פֿאָן אונדזערע, די בלױ־װײסע פֿאָן, איז אַרױפֿגעטראָגן געװאָרן אױף דער בינע אונטער די קלאַנגען פֿון „התקוה" און די שטורעמדיקע עקסטאַז־אױסגעשרײען פֿון הונדערטער מײַלער: „תחי מדינת ישראל!"; װען דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּילט װי אין אַ נעפּל פֿון זעפּיר און פּורפּור, איז שױן מײן גאַנץ װעזן צעגאַנגען אין אַן אױסגוס פֿון פֿרײדיקע טרערן, און אין דעם זעלביקן מאָמענט, ממש, האָט אין מײן צעװאַרעמטן און צעברענטן מוח אױפֿגעבליצט דער דראַנג, דער שטורעמדיקער דראַנג — צוריק אַהײם. איך האָב דעם זעלבן אָװנט אָנגענומען מײן פֿעסטן און אומבײגזאַמען באַשלוס: אַ הײם, אין אײגן לאַנד אַרײן!

װען מיר זענען שױן געװען צוריק אין אונדזער הױז, געזעסן בײ אונדזער טיש און מיר האָבן זיך בײדע דורכגערעדט װעגן אַלע געשעענישן, אין ליכט פֿון דעם װאָס מיר האָבן צוגעזען אין סעמואל מײערס זאַל, האָב איך פֿאַר חיהן דאַן אױפֿגעדעקט מײן װוּנטש און באַגער: עולה צו זײן קײן ישראל. חיה האָט עס אױפֿגענומען מיט פֿרײד און ענטוזיאַזם.

נאָך די ערשטע מינוטן פֿון פֿרײדיקן אױסברוך, האָבן מיר זיך גענומען פֿונאַנדערקלײבן אין די אַלע פּראָבלעמען, פֿראַגן און אײנצלהײטן װאָס זענען פֿאַרבונדן מיטן דורכפֿירן אונדזער פּלאַן. דאָס ערשטע, דאָס װיכטיקסטע, דאָס פֿײנלעכסטע פֿון אַלץ איז גלײך אַרױפֿגעשװוּמען אין אונדזערע בײדנס מוחות: חפשי. מיר האָבן גע־

ווּסט, אַז חפשי וועט נישט וועלן מיטפאָרן מיט אונדז, און ער איז דאָך אונדזער אייך־אייניציק קינד! אַלע איבעריקע פראַגן זענען ביי אונדז געוואָרן צווייטראַנגיק. אונדזער עלטער: איך 63 און חיה 60 יאָר אַלט; אונדזער מאַטעריעלער מצב — קוים אויף הוצאות־הדרך; און... וואָס דערוואַרט אונדז אין ישראל אינעם זין פון מחיה, עקסיס־טענץ? און נאָך און נאָך אַנדערע פּראָבלעמען האָבן געזעגבערט אין מוח, אָבער נאָך זייענדיק אונטערן איינדרוק, איינפלוס פון דער וויכטיקער איבערלעבונג פון מיט אַ פּאָר שעה צוריק, האָבן מיר אויסגעלאָשן די ליכט און אויך אויסגעלאָשן די פלאַנ־טער־קעמערלעך אינעם צעברויזטן געמיט און געגאַנגען שלאָפן.

66. — אָפּשלוס פון מיין שטורעמדיקער עפּאָכע

אין מיינע פילפאַכיקע און פאַרצווייגטע טעטיקייטס־פאַרבינדונגען האָב איך דערוויַיל קיין אָפּגעשוואַכטן טעמפּאָ נישט צוגעלאָזן. אין „קדימה” האָב איך, ווי שטענדיק, זיך באַטייליקט אין אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר פון מיר געפאָדערט, איך האָב אויסגעפירט אַלע אויפגאַבן, וואָס זענען מיר צוגעטיילט געוואָרן. איך האָב אויך, ווי געוויינלעך, אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען אויף אָוונטן, ווו נאָר מ׳האָט עס פון מיר פאַרלאַנגט און געבעטן: אויף ציוניסטישע אָוונטן, אויף אונטערנעמונגען איינ־געאָרדנטע דורך דער „וויצאָ”־אָרגאַניזאַציע, ווי אויך אויף „באַזאַרן”, ווו איך האָב דערויף אָפּגעגעבן פיל צייט, כדי וואָס מער מאַטעריעלן דערפאָלג צו פאַרשאַפן פאַר דער באַטרעפנדיקער געזעלשאַפט. און אַפילו אין דעם פּראָזאַישן אויפקלייב פון די אָנגעזאַמלטע מטבעות אין די בלויע קרן קימת־פּושקעלעך, האָב איך אַ גאָר גרויסן חלק געהאַט. איך האָב אין צווייען מיין פליכט אויסגעפירט, מיין הילף געלייסטעט: איך האָב געהאָלפן צוזאַמענברענגען וואָס מער „קלייבערס” און אַליין בין איך אויך געווען איינער פון זיי.

אין מיין יוניאָן, אין דער „שאָפּ אַסיסטאַנס יוניאָן”, כאָטש איך האָב קיין גרויסן ביישטייער צו דער אַרבעט נישט געגעבן, פשוט דערפאַר — ס׳איז נישט געווען צו־פיל וואָס צו העלפן אויפטאָן, אָבער ווען ס׳זענען פאָרגעקומען וואַלן צום פּאַרלאַמענט, מלוכה אָדער פעדעראַלע וואַלן, דאַן האָט מען געפונען פאַר נייטיק מיין הילף אויס־צונוצן. און אָפט האָט טאַקע מיין פאַרבינדן זיך מיט דער יוניאָן דאָ געהאַט אַ פּיל־זייטיקע און געהעריקע ווירקונג. פאַרשטייער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי זענען געקו־מען צו מיר, געבראַכט ליסטעס און אָנווייזונגען און געבעטן מיין הילף ביים שטעלן אין קאָנטאַקט די אָנגעצייכנטע פערזאָנען און זיי באַאווירקן, באַאיינפלוסן צו שטימען פאַרן קאַנדידאַט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. עס איז געווען ווי אַ מין פאַרשטענדעניש צווישן די לייבאָר־פּאַרטיי־מענטשן, אַז יידן, פאַרגעשריטענע יידן, דאַרפן שטיצן די לייבאָר־פּאַרטיי־קאַנדידאַטן און איבערהויפּט, אַז געוועלשאַפטלעך־טעטיקע יידישע

איינוווינער פון קאַרלטאָנער געגנט זענען סימפּאַטיזירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, און אַז זייער הילף האָרף אויסגענוצט ווערן.

צו מיר איז אַ מאָל, אין דער צייט פון ערב פּאַרלאַמענט־וואַלן, געקומען מר. וויליאַם סלייטער, געוועזענער יוסטיץ־מיניסטער אין דער לייבאָר־רעגירונג פונעם שטאַט וויקטאָריע. ער האָט מיר געבעטן אים העלפן אין זיין קאַמפּיין אויסגעוויילט צו ווערן ווי אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט. ער האָט פאַרבראַכט ביי מיר העכער צוויי שעה אין צוזאַמענשטעלן אַ צעטל פון נעמען פון די איינוווינער פון קאַרלטאָן, וועלכע ער האָט מיר געבעטן זיי צו באַזוכן און ווירקן אויף זיי צו שטימען פאַר זיין קאַנדידאַטור. ער האָט מיר אויך געבעטן זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט מיטגלידער פון מיין יוניאָן, קאַרלטאָנער איינוווינער, און אַז ער וועט מיר ברענגען אַ ליסטע פון אַזעלכע פּערזאָנען. אויפן דריטן טאָג האָט ער מיר טאַקע אַזאַ צעטל געבראַכט. איך האָב געהאַט דעם כבוד, ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט מר. סלייטער, ווען איך בין געווען אַ דעלעגאַט פון „קדימה" צו דער „געזעלשאַפט צו באַקעמפן פאַשיזם", ווען אָט די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן. כדאי דאָ אויך צו באַמערקן, אַז מר. סלייטער איז געווען דער אויסטראַליער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, ווען די לייבאָר־פּאַרטיי איז געווען ביי דער רעגירונג פון אויסטראַליע.

דער קאַמף פאַר דערגרייכן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין די וואַלן איז געווען אַ שאַרפער, אַ פאַרביסענער, און איך האָב מיין גאַנצע ענערגיע, כוח, מוט און דערפאַרונג געשטעלט צו דינסט פון די קעמפער. איך האָב געהאַט אַ פולע סאַטיספאַקציע, ווען מיין הילף האָט געבראַכט פרוכט.

אויף אַזאַ אופן האָב איך אויף אַ סך געביטן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד מיטגעאַרבעט און מיטגעהאָלפן, לויט מיינע באַגריפן און איבערצייגונגען, לויט מיין מאָס וויסן און פאַרשטיין דאָס לעבן און דעם תמצית דערפון, געהאָלפן ברענגען נוצן און אויסבעסערן און פאַרשענערן דאָ און דאָרט, וווּ עס האָט זיך געפאָדערט, וווּ ס'איז נייטיק געווען. איך האָב קיין מאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט, ווען נאָר מיינע פיזישע כוחות האָבן עס דערלויבט, קיין מאָל נישט צוריקגעשטאַנען.

אין מיין טעטיקייט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט איז מיר פיל מאָל אויסגעקומען זיך אָנצושטויסן אויף שווערקייטן אַריינצופּאַסן מיין באַנעם און באַגריף פון פאַרשידענע פראַגן אין די ראַמען וואָס מיינע מיטאַרבעטער האָבן אָנגענומען, זיי נאָכגעפאָלגט און געקעמפט פאַר זייערע שטאַנדפּונקטן. געוויס, איך מוז מיך מודה זיין, אַז אָפט מאָל בין איך אפשר געווען אומגערעכט און אַז מיינע קעגנער האָבן געהאַט מער רעכט אויף זייער מיינונג. אָבער איך וויל דאָ אויך זאָגן, אַז זעלטן ווען אָדער קיין מאָל נישט, האָב איך געקעמפט פאַר מיין מיינונג, שטעלונג אָדער שטאַנדפּונקט מיט אומערלעכע אָדער פאַלשע מיטלען און וועגן. און זייער אָפט, גאָר־גאָר

אָפּט, האָב איך געבויגן מיין ווילן און האָב צוגעגעבן, זיך מורה געווען אַז איך בין געווען אומגערעכט, אויב נאָר איך האָב עס אַזוי ביי זיך געפילט.

אין מיין צוזאַמענאַרבעט מיט מיינע „קדימה״־פריינט, ווי אויך אין מיין געמיינזאַמער אַרבעט אויפן טעאַטער־געביט איז זייער אָפּט פאָרגעקומען רייבונגען און צאַנקערייען צווישן אונדז, אָבער שטענדיק האָב איך אָפּגעהיט די גראָדע ליניע, די אמתע, אויפריכטיקע ליניע. געוויס, נישט צו יעדער צייט האָבן עס מיינע פריינט געוואָלט אָננעמען, אָדער געהאַט דעם מוט עס צוצוגעבן. אָבער איך פיל מיך געשמייכלט צו קאָנסטאַטירן, צו באַצייכענען, אַז אין די גאָר מערסטע פאַלן האָבן מיינע חברים און פריינט געשעצט מיין אויפריכטיקייט, עס גענומען אין באַטראַכט און געהאַנדלט אין איינקלאַנג מיטן אויסגאַנג פון זייער מיינונג וועגן דעם.

איך האָב מיין מאָטאָ „ערנטלעכקייט און אויפריכטיקייט״ אין פריוואַטן לעבן ווי אין געזעלשאַפטלעכן, געהאַלטן פאַר מיין פרינציפּיעלן וועגווייזער, פאַר מיין ליכטשיין אויף מיין לעבנס־וועג. און אַזוי האָב איך מיין לעבנס־וועג דורכגעשפּרייזט פון איין לאַנד צום צווייטן, פון איין קאָנטינענט צום צווייטן, קיין מאָל קיינעם נישט באַעוולהט, נישט געוואָלט באַעוולהן, אויסגעמיטן ווען ס׳איז ווי צו טאָן. מיר פערזענלעך, האָט מיין האַנדלען אויף אַזאַ אופן זייער אָפּט אַ סך שאָדן געבראַכט; שאָדן, אין מאַטעריעלן זין, ווי אויך אין די אידעלע פאַזן פון לעבן. אָבער, איך האָב פון מיין אָנגעצייכנטער ליניע נישט אָפּגענייגט, געשפּרייזט אויף מיין לאַנגן וואַנדערוועג און נישט זעלטן מיט טיפן ווייז זיך געהאַלטן ביי דעם, נישט נאָכגעלאָזן.

**
*

אונדזער באַשלוס זיך אומצוקערן „אַ היים״, נאָך אַ מאָל זיך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פונעם אַמאָליקן חלום, וועלכער איז שוין איצט רעאַליזם, פלייש־ביינערדיק און אָדערדיק, אָט דער באַשלוס אונדזערער האָט אָנגענומען אַ מער־ווייניק רעאַלן פּאָרעם, און מיט אַלע אונדזערע האַרץ־פיבערן האָבן מיר געשטרעבט אים צו רעאַליזירן, צו פאַרווירקלעכן. מיט יעדער נייעס־ידיעה אין די צייטונגען וועגן ישראל, וועגן די בלוטיקע שלאַכטן וואָס קומען דאָרט פאָר, וועגן דעם העראָישן קאַמף און ווידערשטאַנד, וואָס אונדזערע ברידער און שוועסטער פירן דאָרט אָן, און אויך וועגן דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס טראָגט דער שרעקלעך שווערער לאַגע, גייט ער דאָך אָן און מיט גרויס דערפאָלג דערצו. און אויך וועגן די טויזנטער נייע איינוואַנדערנדיקע ייִדן פון נאָענט און פון ווייט, וואָס שוין מיט זייער אַריינקומען אַליין שטאַרקן זיי די הענט פון די קעמפער און הייבן דעם מוט פון די וואָס שטייען אין די רייען פון די פאַרטיידיקער פון לאַנד און לעבן, פון האָב און גוטס.

יעדער פאַרגאַנגענער טאָג האָט אין מיר צעפלאַקערט דעם ברענענדיקן ווילן, וואָס גיכער צו זיין צוזאַמען מיט די העלדישע קעמפער, מיט די בויער און שאַפער

פון אונדזער לעבנס־וועג אויף דער אייגענער ערד, אונדזער לאַנד פון אונדזער אַמאָ־ליקער שטאָלץ און גבורה. עס האָט אָנגעהויבן ברענען די ערד אונטער מיר, איך האָב מיך קיין פּלאַץ נישט געקענט געפינען. דאָרט שטייען יידן אין אַ בלוטיקן געראַנגל פאַר עקסיסטענץ, פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן, פאַר נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, און איך מוז זיין דאָרט, העלפן מיט לייב און לעבן, דערהויבן, דערמוטיקן, העלפן טראָגן די שווערע משא.

און אין סאַמע מיטן דער צעשרפּהטקייט, האָט אַ וואָלקן זיך פאַרצויגן איבער מיינע אַלע ברענענדיקע האָפענונגען און פאַרלאַנגען.

„דען גאָט האָט דיר געשענקט אַ צווילינג —
אַ שחיטה מיט אַ פרילינג".

פּלוצים האָט מיר אָנגעהויבן ווי טאָן די לינקע האַנט, און מיט יעדן טאָג ערגער, מיט יעדער וואָך וויטיקדיקער, אָפּט אומדערטרעגלעכע ווייטיקן. איך קען זייער ווייניק באַוועגן מיט דער קראַנקער האַנט, ווייניק וואָס אויפטאָן, צו דער אַרבעט איר באַנוצן. די דאָזיקע „צרה" האָט אויף מיר אַ טרויער אָנגעיאָגט, אַן אומעט אָנגעוואָר־פן. דער דאָקטער וואָס באַהאַנדלט מיר, ווייסט נישט וואָס דאָס איז; ער פאַרשטייט נישט די סיבה פון דער פּלוצלינגער אומאָרדענונג אין דער מאַניפּולאַציע פון דער האַנט. איך גיי צוויי־דריי מאָל אין דער וואָך אין דעם „פּרינץ העגרי"־שפּיטאָל, ווו יעדעס מאָל באַטראַכטן מיר צוויי־דריי דאָקטוירים און זיי שרייבן צו אַ באַהאַנדלונג אויף פאַרשידענע פאָרמען, אָבער אָן גוטע רעזולטאַטן, — די ווייטיקן ווערן נישט געשטילט, ווערן נישט געמינערט.

איך הייב מיך אָן פילן אומבאַקוועם אין מיין אַרבעטס־פּלאַץ צוליב די שאַרפע בליקן, צווייִדייטיקע באַמערקונגען און אָפּט זייער נישט קיין סימפּאַטישע אויסדרוקן אויף מיין חשבון מצד דער פאַרוואַלטונג, אויף מיין אָפּטער אָפּוועזנקייט פון געשעפט, וואָס לאָזט זיך פילן אין די אַרבעטס־שעהן פונעם טאָג.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן, אין אַנגסט און אין פּיין, מאָראַליש און פיזיש, ביז סוף יאָר 1949, ווען נאָך אַ קאָנסיליום פון פיר דאָקטוירים, צווישן זיי איינער אַ מומ־חה, האָבן זיי מיר געלאָזט וויסן, אַז די קראַנקייט פון מיין האַנט איז פאַר זיי אַ מיס־טעריע, אַן אומפאַרשטענדלעכע. ווייל נאָך אַלע מעדיצינישע מיטלען און באַהאַנד־לונגען וואָס זענען אויף מיר אָנגעווענדט געוואָרן, האָבן די ווייטיקן געדאַרפט לייכ־טער ווערן, אָדער אין גאַנצן אויפהערן. דעריבער איז זייער מיינונג און עצה, צו פּרו־בירן אונטער כלאָראָפאָרם, דאָס הייסט, איינשלעפערן, כדי צו קענען מאַניפּולירן די האַנט דורך פאַרשידענע באַוועגונגס־מיטלען, און דאַן וועלן זיי אפשר קענען גענויער פעסטשטעלן דעם דיאַגנאָז פון דער קראַנקייט און די מיטלען וואָס זענען נייטיק אָנ־צווענדן, כדי צו באַזייטיקן די קראַנקייט. און אַזוי ווי אויף צו באַנוצן כלאָראָפאָרם מוז מען האָבן מיין צושטימונג דערצו און אויך מיין אונטערשריפט, ראָטן זיי מיר, איך

זאָל זייער פּראָפּאָזיציע איבערטראַכטן און באַשליסן וועגן דעם. זיי גיבן מיר צייט ביז די ערשטע וואָך פון יאַנואַר. (דאָס איז געווען די לעצטע וואָך פון יאָר 1949).

איך האָב די זאַך באַטראַכט פון אַלע אַספּעקטן און געקומען צום באַשלוס נישט אָנצונעמען די עצה, זיך נישט לאָזן כלאָראָפאָרמירן. ווייל, — האָב איך געטראַכט, — ווען איך וועל זיין אונטער כלאָראָפאָרם און זיי וועלן אָנהייבן דרייען מיין האַנט, דרייען אַהין, דרייען אַהער, קענען זיי נאָך אין גאַנצן זי צעדרייען. איך וועל דאָך נישט קענען שרייען, פּראָטעסטירן, איך וועל דאָך זיין פאַרשלעפערט, אַ האַלבער בר־מינן. ניין, זיי וועלן מיר מער שאַדן ברענגען ווי גוטס טאָן.

און נאָך אַ מאָטיוו איז געווען דערביי: אַז איך האָב געקענט אַרבעטן פיל, פיל חדשים, ליידנדיק ווייטיקן אין דער לינקער האַנט און די רעכטע האַנט, נעבעך, האָט געדאַרפט טראָגן די גאַנצע לאַסט, אַרבעטן כמעט פאַר צווייען, — טאָ זאָל זי דאָס ווייטער טאָן, זי איז דאָך מיין האַנט, מיין רעכטע האַנט! און גלייכצייטיק האָב איך געפּסקנט און אָפּגעמאַכט ביי זיך: מיר פאָרן קיין ישראל און וואָס גיכער, שוין טאַקע. ישראל קען נישט וואַרטן, אייזיק — אַוודאי נישט.

אָנשטאָט צו גיין אין „פרינץ העברי"־שפּיטאָל די ערשטע וואָך פון יאַנואַר, ווי מען האָט מיר דאָרט געעצהט, זענען מיר, — איך און חיה, — אַוועק אין דער ביוראָ פון דעם „קצין העליה" און דאָרט האָבן מיר באַקומען די נייטיקע אינפאָרמאַציע, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך נוהג זיין אין אונדזערע צוגרייטונגען צו דער רייזע, אויף עולה צו זיין קיין ישראל. און טאַקע דעם זעלביקן טאָג זענען מיר אַריבערגעגאַנגען צום דאָקטער פון דער עליה־ביוראָ פאַר אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג.

צו יענער צייט איז נאָר נייטיק געווען אַ באַשטעטיקונג פון דער ישראל־רעגירונג אויף אַריינצוקומען אין לאַנד. און וועגן אַזאַ מין באַשטעטיקונג האָב איך זיך געווענדט צו מיין שוועסטערס זון, ד"ר אליעזר אשכנזי, אין כפר ויטקין. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב דעם „רשיון כניסה" דערהאַלטן דורך לופט־פּאָסט און מיט דעם דאָקומענט אין האַנט האָב איך זיך געמאָלדן אין משרד־העליה, און דאָרט האָט מען פאַר אונדז שוין אָנגעהויבן צוגרייטן אַלע נייטיקע פּאַפּירן. גלייכצייטיק האָב איך אָנגעגעבן אַ ביטע אין דער פּאַספּאָרטן־ביוראָ פון דער רעגירונג, צושטעלנדיק אַלע דאָקומענטן פאַר דעם צוועק און האָב געבעטן מיר אַרויסגעבן אַ פּאַספּאָרט פאַר אַ רייזע קיין ישראל.

עס זענען פאַריבער עטלעכע וואָכן און אונדזער סודותדיקער רייזע־פּלאַן איז באַוווּסט געוואָרן ברבים, איך האָב אים אַליין אויפגעדעקט, אַראָפּגענומען דעם פּרוכת פון די צונויפגעקוילערטע יריעות. האָבן מענטשן, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, זיך געוווּנדערט, גוטע פריינט האָבן אַפילו מיט זאָרג באַדויערט אונדזער שריט: „מר. הורוויץ, אַ מענטש אין זיין עלטער, אָן קאַפּיטאַל, אַפילו אָן אַ געהעריקן פאַך אין האַנט וואָס זאָל אים קענען דינען דאָרט ווי אַ האָפענונג אויף אַ חיונה־קוואַל, וואָס

קען אַזאַ עלטערער מענטש טאָן אין ישראל? עס דערוואַרט זיי דאָך דאָרט אַ זייער טרויעריקע צוקונפט! עס איז נישט צום פאַרשטיין, מר. הורוויץ, אַ מענטש אַ דער־פאַרענער, זאָל אַזאַ זאַך טון, זיך לאָזן על קידוש השם!". אַט אַזוי האָט מען אונדז באַדויערט, פשוט באַקלאָגט אונדז — „אַ רחמנות נעבעך, זיי לאָזן זיך מיטרייסן פון סענטימענטן, פון עמאָציעס".

אין די בריוו פון אונדזערע קרובים אין ישראל האָט זיך אויך געלאָזט פילן אַ טאָן פון סקעפּטיציזם. קיינער האָט חלילה נישט געזאָגט, נישט געשריבן „ניין!, נישט קומען קיין ישראל". פאַרקערט, „אדרבה, מיר ווילן זייער אייך זען דאָ, מיר זאָלן זיין צוזאַמען", אָבער... און אָט דער „אָבער", פּונקט ווי מיינע אַמאָליקע און שטענדיקע „אָבערס" פון אַלע ציטן, אָט דער „אָבער" האָט ווייניק־וואָס דערמוטיקט, ווייניק־וואָס האָפענונג צוגעגעבן אויף גוטע אויסזיכטן אין ישראל צו קענען געפינען אַ לע־בנס־באַזע, אַן עקסיסטענץ־פּאָזיציע. איך האָב חלילה נישט באַשולדיקט מיינע נאָענ־טע משפחה־קרובים אין ישראל אין שלעכטע כוונות. דער „אָבער" האָט דאָך פון דעסטוועגן מער אַנטמוטיקט ווי דערמוטיקט, טאַקע פשוט אַנגעיאָגט אַן אימה און אַ פחד: אפשר טאַקע נישט כדאי זיך צו לאָזן באַאיינפלוסן פון די עמאָציאָנעלע געפילן און בלייבן אין מעלבורן? אָבער ניין, איך האָב אַזעלכע בייזע געדאַנקען און אויסרע־כענונגען נישט געגעבן די מעגלעכקייטן צו באַווירקן מיין געמיט, באַאומרויִקן מיין „איך", צו האָבן די אויבערהאַנט איבער מיינע צעשרפּהטע געפילן. איך האָב מיך אַליין געצווימט, ניין — מיר פאַרן אַ היים! זיך שווענקען מיטן טוי פונעם אויפגייענ־דיקן פאַרטאָג, פון אונדזער באַגינען פון נאַציאָנאַלן אויפריכט, — אַן אייגענע מדינה. וואָס דאָרט, אין דער היים וועט זיין מיט אונדז, ווי אַזוי אונדזער גורל וועט זיך דאָרט געשטאַלטיקן דער דרך החיים אונדזערער — דאָס איז אַ זאַך פון דאָרט. ווען איך האָב שוין דורכגעלאָזן מער פון אַנדערהאַלבן יאָר אייגענע מדינה, קען איך נישט, דאַרף איך נישט און טאָר אַפילו נישט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט מיט אונדז זיין דאָרט!

אַרום סוף אַפּריל פון דעם זעלביקן יאָר, האָט שוין די גאַנצע יִדישע באַפעל־קערונג, וואָס האָבן אונדז געקענט, געוווּסט, אַז מר. און מרס. הורוויץ זענען עולה קיין ישראל.

חפשי, — דאָס איז געווען דער צום מערסטן שווערער פּונקט פון אונדזער פראָ־בלעם און לעבנס־ווונטש. אונדזער בן־יחיד, אונדזער ליבסטער שטיק נחת פונעם פאַמיליען־גליק, האָט נישט קיין שום נייגונג, ווילן און פאַרלאַנג מיטצופאָרן מיט אונדז; חפשי פאַרבלייבט אין אויסטראַליע. און כאָטש מיר האָבן דאָס געוווּסט אין דער צייט ווען מיר האָבן פאַרטראַכט אונדזער פּלאַן עולה צו זיין קיין ישראל, דאָך האָט עס אונדז מיט יעדן אַוועקגייענדיקן טאָג פאַרשאַפט מער שאַרפערע ווייטיקלעכע יסורים. דער טיפער פיין אָבער פון אָט דעם טרויעריקן פאַקט, האָט אונדז דאָך נישט

אַ גרופּע לאַנדסלייט פון דובאָסאַר און אומגעגנט, ביים פלאַנצן אַ וואַלד אויפן באָדן פון קרן קימת, אין אָנדענק פון אונדזער קהילה — 1953. איך — אין ערשטער ריי, רעכטס.

געקענט אָפּוועגדן פון אונדזער לעבנס־ווונטש. מיר האָבן געוויינט, געבלוטיקט און דאָך מיט טיפן אַנגסט ווי עס איז געשטילט די ליידן אונדזערע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם 15טן מאַי 1950 האָב איך פאַרלאָזן מיין אַרבעטס־פּלאַץ, נאָך דעם ווי איך האָב זיך פריינטלעך, כמעט ברידערלעך געזעגנט מיט מיינע מיטאַרבעטער, מיטן פאַרוואַלטער און מיט די בעלי־בתים. אַלע האָבן מיר געוווּנטשן גליק אויף מיין רייזע און אַ גליקלעכע צוקונפט אינעם נייעם וווינאָרט, אין לאַנד ישראל.

די בעלי־בתים האָבן פאַראָרדנט דעם פאַרוואַלטער פון דער קליִיט, ער זאָל מאַכן אַ פּעקל: וואַלענע קאָלדרעס, ליילעכער, האַנטוכער און אַנדערע שטוב־זאַכן און עס אָפּשיקן צו מיר אַ היים, ווי אַ מתנה, ווי אַ געזעגענונג־מתנה. די ווערט פונעם פּעקל איז געווען מער ווי דרייסיק פונט.

דעם 24סטן מאַי האָט דער קאָמיטעט פון „קדימה” אָרגאַניזירט פאַר אונדז אַ געזעגענונגס־אָוונט, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנוועזנדיק ביי 150־160 מענטשן. עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס. די רעדנער האָבן געלויבט און ווי געהעריק אָפּגעשאַצט מיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און מיינע קולטורעלע אויפטוען, און דערביי איך אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס די מעלבורנער יידישע געזעלשאַפט וועט ליידן מיט מיין אַוועקפאָרן. און כמעט אַלע האָבן אין דער זעלבער צייט זייער געלויבט מיין פעסטן באַשלוס עולה צו זיין אין ישראל, וווּ איך האָף צו פירן אַן עכט יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן. דער פּרעזידענט פון „קדימה”, מר. ריימער, האָט אין נאָמען פון „קדימה” מיר געשאָנקען אַ טייסטער (אַ וואַלעט),וועלכער האָט, ווי איך האָב מיך שפּעטער איבערצייגט, אַנטהאַלטן הונדערט מיט פינף און פופציק פונט. אויך דער פאָרזיצער פונעם דראַמאַטישן קרייז ביי דער „קדימה” האָט מיר געשאָנקען, אין נאָמען פון קרייז, אַ שיינע טעקע, אויף וועלכן עס איז געווען אַרויפגעלייגט אַ זילבערן בלעכל, מיט דעם געהעריקן אויפשריפט. צו לעצט בין איך געבעטן געוואָרן צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער פאַרן אָפּשייד. איך האָב, זייער צעוואָרעמט און גערירט, געדאַנקט יעדן און אַלעמען און האָב אויך, אין קורצע ווערטער, באַרירט די באַמערקונגען און אויסדרוקן פון פיל פריינט, וואָס האָבן באַדויערט מר. הורוויצן, וואָס נעבעך עס דערוואַרט אים דאָרט, אין ישראל. און צווישן אַנדערעס, האָב איך אויך געזאָגט:

— „...ווען אַפילו עס איז מיר באַשערט נאָר איין טאָג נאָך צו לעבן, וויל איך דעם טאָג, אָט דעם איין־איינציקן לעצטן טאָג מיינעם דורכלעבן אין אייגענעם לאַנד, אין דער היים, אויסהויכן מיין נשמה אויף אייגענער ערד”...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם 31סטן מאַי 1951, צוועלף אַ זייגער מיטיקצייט, האָבן מיר פאַרלאָזן דעם

מעלבורנער האַפן אין דער גריכישער שיף „קירעניאַ", און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין פאַרבינדונג מיט אויסטראַליע, נאָך נאָענט צו ניין און צוואַנציק יאָר לעבן דאָרט, אין טרויער און פרייד, ווייניק אין שמחה, מער איןליידן, אין דערהויבונג און דערשיטערונגען, אין עקסטאַז און אויך אין אַנטוישונגען.

אַדיע, אויסטראַליע!

67. — געקומען אַ היים

עס האָט געברויזט און געשטורעמט אין מיר. יעדער פאַרשוווּמענער טאָג — אַ טראָט נעענטער צום געבענקטן לאַנד; יעדע פאַרגאַנגענע וואָך — נעענטער צום געאַרטן ווינקל, ווו מיין מידער קאָפּ, מיין אויסגעמאַטערט געמיט וועלן קענען געפינען רו און זעטיקן דעם זודיקן בלוט־שטראָם פונעם קראַנקן האַרץ. יאָ, איך פאָר אַ היים, צו דער געטרייער מוטער ערד, מוטער מדינה, ווו אייזיק הורוויץ דער ייד, דער מענטש, דער בירגער, וועט דערקענען זיין פולן ווערט, זיין ריכטיקן באַגריף באַקומען; ווו איך, מיט אַלע מעלות און חסרונות מיינע, וועל זיין און פאַררעכנט ווערן און פאַרבלייבן דער אייגענער מענטש, דער ברודער און דער מיטבירגער, אַ טייל פון דער פאָלקס־סטרוקטור, אַ טייל פונעם לאַנדס געבוי.

יעדער שניט אין די ים־כוואַליעס וואָס די שיף „קירעניאַ" האָט אַריינגעשניטן אין דעם אָקעאַנס אומענדלעכקייט, האָט אין מיר דערוועקט פרייד, דערהויבן מיר און געלייטערט דעם גלויבן אין דער ליכטיקער צוקונפט פון מיר און מיינע אַלע מיטמענטשן פון מיין שטאַם: יידן — אַ ווידער־געבוירן פאָלק, יידן — נישט קיין ברעקלעך און שטיקלעך פונעם גלות־בראָך, און ישראל — אַ מדינה, אַ זעלבסטשטענדיקע פאָלקס־איינהייט, ווו מיר אַלע, קינדער פון גייאָגטן, געמאַטערטן פאָלק קענען און וועלן זייערע אייגענע פיזיאָנאָמיעס אויסמאָדעלירן.

עס האָט אין מיר געיובלט אַ לעבנס־פרייד, געפלעגט און געזעטיקט די פונאַנדערגעוואַקסענע האָפענונגס־כוואַליעס און מיר געהויבן הויך־הויך, אַוועק אין די גאָר הייכע, אין די וואָלקן־ספערעס. עס קומט דער טאָג, עס קומט די שעה און אָט טרעט מיין פוס ווידער אַרויף אויף דעם הייליקן באָדן פון מיין העכסטן טרוים.

***

און ווען אין דעם אומפאַרגעסלעכן טאָג, אין 4טן יולי 1950, האָט אונדזער שיף געאַנקערט און זיך באַהאַפטן מיטן ים־שטראָם פון דעם תל־אביבער ברעג, און אַ מאָטאָר־שיפל האָט אונדז צום פאָרט געבראַכט, איז שוין קיין מאָס און קיין שיעור נישט געווען צו מיין צעהיצטקייט.

ווען איך האָב אַרויפגעטראָטן אויף דער ערד, וועלכע איך האָב אַזוי הייס און פייערדיק ליב געהאַט פון מיין פריִעסטער יוגנט אָן, און וועלכע איך האָב אַזוי פאַר־

ברעכעריש פֿאַרראַטן און פֿאַרלאָזן; פֿאַרלאָזן איין מאָל, פֿאַרלאָזן אַ צווייט מאָל און איצט, נאָך אַ ים פֿון פּיין און יסורים, זיך צוריקגעקערט, מיטן מצח נחושה מיינעם, זי צו האַלדזן און לאָזן רוען מיין אויסגעמאַטערטן געמיט אין איר שויס און פֿאַרענ־דיקן מיינע יאָרן, די יאָרן פֿון אַ חוטא און אַ בוגד.

אַ תּפֿילה האָט זיך פֿון מיין ברוסט אַרויסגעריסן, אַרויסגעשריען יאָמערדיק, פּיבערדיק, ברענענדיק, פּיוטדיק, תּחנונימדיק: — נעם מיר אויף, מאַמע ערד, מיר, דיין קינד וואָס האָט אין דיר געפֿעלשט, אָפּגענאַרט און פֿאַרגעסן אָן דיר; נעם מיר אויף, דו טייערע גוטע מאַמע, מיר, דעם חוזר בתשובה, און ווי אַ געטרייע מאַמע, פֿאַרגיב דעם זינדיקן בן־אדם!

אָט אַזוי, אין אַזאַ, — צו מיין שאַנד, — פֿאַרביטערטקייט, אין אַזאַ אויפֿטרייס־לענדיקער באַגעגעניש, האָב איך צום דריטן מאָל געשטעלט מיין פֿוס אויף דער ערד פֿון די אָבות.

עס זענען מיר געקומען באַגעגענען מיין שוועסטער עטל און איר מאַן משה קרייז, וועמען איך האָב צום לעצטן מאָל געזען אין 1906. עס זענען אויך געקומען אונדז באַגעגענען חיהס ברודער ישעיה און שוועסטער פֿריבה, און אייניקע פֿון אונ־דזערע ברידערס און שוועסטערס קינדער.

נאָך די ערשטע שטורעמדיקע באַגעגענישן, אויפֿנאַמעס און „זיך דורכריידן", האָב איך מיך אָנגעהויבן צוקוקן, גראָד און רעאַל אין די ליניעס פֿון דערווירקלע־כער אַרומיקייט. יעדער איינער און אַלע באַזונדער און צוזאַמען, האָבן אונדזערע משפּחה־קרובים און נאָענטע פֿריינט, אויסגעדריקט מיינונגען און האָפֿענונגען צו גע־פֿינען אַ יסוד פֿאַר אונדזער קיום און אויסקומעניש. עצות און פֿאָרשלאָגן, אויף פֿאַר־שידענע געביטן און אופֿנים האָבן געשפּראָצט, זיך געמערט און געשטראָמט, ווי קאַ־באַל־קוועלכלעך, אין אונדזער ריכטונג. און אַ סך פֿון די שפּראָצונגען זענען אָפּט מאָל געוועזן באַגלייט, פֿאַרזיכטיק און רחמנותדיק, מיט אַ פֿאַרגלאָצטער מינע: — בגיל שלך, אין דיין עלטער, הייסט עס, דו פֿאַרשטייסט, איז נישט קיין זייער גרינגער ענין זיך איינצואָרדענען אַ מעמד.

יאָ, טאַקע, בגיל שלך. די מדינה איז דאָך נישט שולדיק וואָס איך האָב אַזוי פֿאַרנאַכלעסיקט מיין אייגענעם ווילשטאַנד און אַזוי בטלניש און שפּלדיק צוגעפּירט זיך אַליין צום געפֿערלעכן שטריך־פּונקט — בגיל שלך.

מיט דער צייט האָבן מיינע אייגענע און נאָענטע אָנגעהויבן צו האַמעווען אין אַ געוויסער מאָס דעם טעמפּאָ פֿון זייער באַדויער־שפּרוך: „בגיל שלך". אָבער דאָך האָט עס ווייניק וואָס געהאָלפֿן. דער „בגיל שלך" איז נאָכגעגאַנגען און באַגלייט אויף שריט און טריט, אַפֿילו אָן זייער וויסן און באַמערקן. מיינע פּרוּוון אָנצושלאָגן אַ טאָן פֿון לעבנס־באַדערפֿטיקער נויטווענדיקייט, פּשוט און פּראָסט, עסן און עקסיסטירן, זיך אַריינפּאַסן אין די רייען פֿון אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָס גייען

אַרום אויף צוויי פיס און באַזיצן חושים און פאַרלאַנגען פון עקסיסטענץ און געדייען. אַט די פּרוּוון מיינע האָבן, אַלע אָן אויסנאַם, זיך אָנגעשטויסן אין דער טרויעריקערווירקלעכקייט פונעם טאָג־טעגלעכן רוטין און מיט אַ גרילצנדיקן אָפּקלאַנג טעמפּ אָפּגעשפּרונגען דורך דעם שניידנדיקן „בגיל שלך״־מאָס.

יאָ, בגיל שלי, דווקא אין אייגענעם לאַנד, איז נישט קיין זייער פרייִלעכע דער־שיינונג, קיין רעקאָמענדאַציע — אַוודאי נישט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אונדזער פאַרברענגען אַ וואָך צייט אין פריינטלעכן טומל און גערויש פון דעם אָנגעלויף פון די אומצאָליקע קרובים און סתם גוטע פריינט אונדזערע אינעם הויז פון מיין שוועסטער עטל און שוואָגער משה קרייז, וואָס האָבן מיט פולער חדוות אָפּגעגעבן צו אונדזער דיספּאָזיציע אַ מעבלירטן צימער און אויך פאַרגעלייגט אונדז אַלדאָס נייטיקע עד לכשירחיב; נאָך אַ וואָך צייט זיך באַנוצן מיט דער וואַרעמער פריינטלעכקייט פון די מייניקע, זענען מיר אַריבערגעפאָרן אין רחובות, אינעם הויז פון חיהס שוועסטער פריבה און איר מאַן, שמואל וויסבערג. זיי זענען באַשטאַנען אויף דעם, אַז מיר זאָלן אַריבערקומען צו זיי און פאַרבלייבן ביי זיי אין הויז, ביז מיר וועלן דערגרייכן זיך איינצואָרדענען. מיר האָבן מיט דאַנק און פאַרגעניגן אָנגענומען זייער פאָרשלאַג, און דאָרט, ביי זיי אין זייער שטוב, האָבן מיר פאַרגעזעצט דאָס שפּינען דעם גרונטלאָזן שפּינוועבס פון אַ זעלבסטשטענדיקן לעבנס־מעמד.

און דאַן האָט אַ פּלוצלינגער שטראַל אויפגעלויכטן, פון ערגעץ־ווו אַ נעפּלדיקן ווינקל האָט דער שטראַל העל אַ שיין געטאָן, אויפגעגלאַנצט און געלאָזט נאָך זיך אַ פּאַס פון שעמערירנדיקן ליכט און לויטערקייט. אַט אַזוי לאָזט זיך די פּאַסירונג באַ־צייכענען: מיין פּלימעניק, נחום הורוויץ, דער זון פון מיין ברודער אהרן, איז מיט גרויס שמחה, אַ פּאָר טעג נאָך אונדזער געפינען זיך אין רחובות, אַריינגעפאַלן מיט אַ צעשרויפטן משפּחהדיקן אימפּעט צו אונדז: — געקומען זען דעם דוד אייזיק און די מומע חיה.

און צו די אַלע פרייד־קוואַלן אונדזערע פון דער אַרומרינגלונג פון אונדזערע ביידנס משפּחות איז צוגעקוואָלן נאָך אַ שטיק פרייד, אַ פרייד אויסגעשפּרייט און אויסגעבעט מיט אַ ווייכלעכן סאַמעטן פוך־געוועב. נאָך אַ בן־משפּחה און גאָר אַ חשו־בער דערצו! נחום איז ביי מיר געווען ליב און טייער צוליב אונדזער זייער ליבלעכע באַעונטקייט פון לאַנגע, פאַרלאָפענע יאָרן. ער, נחום, איינער פון די יונגינקע קינדער־לעך פון מיין ברודער אהרן, אין דער צייט ווען איך האָב אין זיין לעדער־פאַבריק געאַרבעט אין אָדעס אין 1904. נחום איז געווען, צוזאַמען מיט זיין פאָטער אין באר־יעקב ווען ער, מיין ברודער אהרן, האָט דאָרט אָנטייל גענומען אין דער גרינדונג פון דער נייער קאָלאָניע און האָט אַ הויז געבויט אין 1908. נחום איז אויך געווען דער, צו וועמען איך בין געפאָרן אויף אַ באַזוך אין קיבוץ תל־עדש אין 1919, ווען איך בין

געווען אַ זעלנער אין יידישן לעגיאָן. איך האָב נחומען באַזונדערס טייער געהאַלטן שוין דערפֿאַר אַליין, פֿאַר זיין הערלעכן המשך פֿון מסורותדיקער חיבת־ציון, וואָס זיין פֿאָטער האָט אין זיי, אין זיינע קינדער איינגעפֿלאַנצט. און דאָ, איצט, אין רחובות, אין אונדזער שפּלדיקן „בגיל שלך"־מצב, איז געקומען נחום מיט אַ פֿאָרשלאָג, ער האָט פֿאַר אונדז אַרויסגעלייגט די פֿאָלגנדיקע דערפֿרייענדיקע פּראָפּאָזיציע:

— אויב איר זאָלט ביי זיך רעכט מאַכן און באַשליסן צו לעבן אין קיבוץ, אייננאָרדענען אייער צוקונפֿטיקן לעבן דאָרט, וועל איך אייך העלפֿן דאָס צו דערגרייכן. איך וועל טאָן אַלץ וואָס ס'איז מעגלעך פֿאַר אייך, צו דערגרייכן אייער ווילן און ווונטש. איך, — האָט ער געזאָגט, — לעב אין קיבוץ כפר־גלעדי שוין אַ היפּשע צאָל יאָרן. מיר, איך און מיין פֿאַמיליע, פֿילן זיך זייער גוט דאָרט, מיר זענען גליקלעך און צופֿרידן, און איר, אויב איר זאָלט אויפֿנעמען די אידעע פֿון קיבוץ פֿאַר אייער צוקונפֿטיקן לעבנס־שטייגער, בין איך זיכער אַז איר וועט דאָרט, אין קיבוץ, זיך אויך פֿילן גוט. אייער עקסיסטענץ, אייער לעבנס־יסוד אויף אייערע עלטערע יאָרן, וועט זיין אַ געזיכערטער. איך וועל פֿאַרלייגן מען זאָל אייך אויפֿנעמען אין כפר־גלעדי ווי עלטערן, בסוג הורים, און איך האָף, אַז מיר וועט דאָס געלינגען דורכצופֿירן. איך וואָלט אייך געראָטן צו קומען צו אונדז אויף אַ באַזוך, פֿאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן און דאַן וועט אין אַליין זען, איר וועט קענען וויסן און אָפּשאַצן דעם ווערט, דעם באַדייט און דעם מהות פֿון קיבוץ. אַלזאָ, טראַכט איבער און לאָזט מיר וויסן, אָדער אפשר וואָלט איר געפֿאָרן צוזאַמען מיט מיר אין 2־3 טעג אַרום. איך וועל פֿאַר אייך מאַכן באַקוועם דאָס פֿאָרן אַהין.

מיר האָבן זיך איבערגעלייגט און זיך אַריינגעטיפֿט אינעם גרונט פֿון אַלץ וואָס נחום האָט אונדז געזאָגט. מיר האָבן באַשטימט טאַקע צו מאַכן דעם וויזיט אין כפר־גלעדי אין די נאָענטע טעג און מיר זענען סוף וואָך געפֿאָרן אַהין צוזאַמען מיט נחומען.

68. — מנוחה ונחלה מיט אַ טרויעריקן עפּילאָג

עס האָט אין מיר אָנגעהויבן וויברירן, פּולסירנדיק זיך רירן, צאַפּלען און זיך באַוועגן אַ פֿרייד־ציטער. עס איז מאָט געוואָרן, געגומען ווי נישט ווערן, פֿאַרשווינדן כמעט דער טרויעריק־בייסנדיקער באַגריף: „אין אייערע יאָרן, אין אייער עלטער, בגיל שלך". אַ קיבוץ, — יעדער איינער אַרבעט לויט זיינע מעגלעכקייטן, לויט די כּוחות נאָך. סוג הורים, — אַ גאָר בכבודיקער לעבנס־שטאַפּל. און אַ חוץ דעם — אַרבעט וויפֿל דו ווילסט, וויפֿל דו קענסט און פֿאַרשאַף דיר אַליין כבוד מיט דיין אַרבעט, פֿאַרשעם נישט דיין אַרבעטס־שטאַנד, אַרבעט, און דיין קיום באַקומט אַ ווערטפֿולן באַנעם, יגיעת כפּיך, שווימט אַרויף אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון דער גרופּע אָנשווינגען, דער גאַנצער מהות פֿון דיין זיין באַקומט אַ תיקון, עס ווערט פֿאַרווישט,

אָפּגעמעקט דער „בגיל שלך". געוויס, איך האָב געהאַט אַ ביסל פּחד פאַר דער מיינונג פון מיין צווייטער, גוטער העלפט. חיה איז נישט זייער פאַרקאָכט פאַר אַזאַ אַרט לעבן, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט איר מענטאַליטעט, איר פּסיכאָלאָגישער צוזאַמענבוי פון באַגריפן.



איך, אויף אַ שפּאַציר אַרום ירושלים, ביים יער הקדושים — אין 1963.

זיבעצן טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין כפר־גלעדי און פאַר דער צייט האָבן מיר ביידע געאַרבעט פערצן טעג. חיה אין דער מהפרה און איך ביים אַראָפּנעמען פּרוכטן פון די ביימער. די אַרבעט איז געווען צום האַרצן, די צופרידנקייט אַ קעגנ־

זיטיקע. סיי מיר און סיי די חברים זענען צופרידן. און אונדזער באַשלוס, נאָך זיבעצן טעג זיין אין כפר־גלעדי, איז געווען אַ פּאָזיטיווער, ד"ה מיר זענען מיט דער מיי־נונג, אַז קיבוץ־לעבן קען פאַר אונדז דינען ווי אַ באַזע צו באַגרינדן אויף דעם אונ־דזער המשך הקיום. איך זאָג: „מיר האָבן באַשלאָסן", „מיר זענען מיט דער מיינונג"; אייגנטלעך האָב איך נאָך געוואַרט אויף חיהס דעציזיע, ווייל מיינע איז שוין געווען אַ פּאַרטיקע גלייך די די זעלבע מינוטן ווען נחום האָט פאַר אונדז זיין פאַרשלאָג גע־מאַכט, נאָך אין רחובות. און איצט, ווען חיה האָט אויסגעדריקט איר מיינונג וועגן קיבוץ־לעבן און איר איינשטימיקייט, אַז מיר זאָלן איינגיין און אָננעמען דעם פאַר־געלייגטן פּלאַן, בין איך געווען און האָב זיך געפילט דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. עס שטייט אונדז פאַר אַ געזיכערטעס צוקונפטיקע עקסיסטענץ, באַ־זירט אויף אייגענער אַרבעט, צווישן אָרנטלעכע האַרעפּאַשנע מענטשן, חברים און חברות פון אַ קאָלעקטיוו־געבויטער פאָרעם פון לעבן. פאַרענדיקט ווערט דאָס טרויע־ריקע קאַפּיטל פון „בגיל שלך" און ס'ווערט אויפגעמישט אַ ניי, אַ פרישׁ בלעטל אין אונדזער לעבנס־בוך, דאָס בוך — בגיל שלנו.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך צוריקגעקערט קיין רחובות, באַגלייט פון העלע ליכט־שטראַלן און נאָך מער פון זעפיר־האָפענונגען, האָבן מיר אין אַ דריי־פיר וואָכן שפּעטער דערהאַלטן פון נחומען אַ מעלדונג, אַז מיר זענען אָנגענומען געוואָרן ווי תושבים פון כפר־גלעדי, בסוג הורים, און אַז מיר זאָלן קומען און געניסן פון דעם הויך־ווערדיקן זכות וואָס איז אונדז צוגעטיילט געוואָרן.

פרייטיק, ג' תשרי ה'תש"י האָבן מיר פאַרלאָזן רחובות און געפאָרן קיין כפר־גלעדי, ביי אונדזער אָנקומען אין כפר־גלעדי האָבן מיר באַקומען אַ צימער, טיילווייז מעבלירט, און פונעם זעלבן טאָג אָן זענען מיר געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע תושבים אויף אַלץ וואָס ווערט צוגעטיילט יעדן חבר פונעם קיבוץ פאַר דער עקסיסטענץ פון אַ לעבעדיקן מענטש.

**
*

עס האָט די ישועה, דער אויפריכט אונדזערער, דאָך דעם ווייטיק אונדזערן נישט פאַרווישט; די נחמה פון מאַטעריע האָט מיט איר וואָגיקייט דאָך נישט גענוג וואָג געהאַט אַראָפּצוגידערן דעם בלוטיקן וואָגשאָל פון אונדזערע משפחה־יסורים. אונדזער איינציק קינד, דער זיסטער קוואַל פון לעבנס־זאַפט פאַר געפייניקטע טאַטע־מאַמע, אונדזער בן־יחיד איז מיט אונדז נישט געווען. אָבער אויף וויפל אונדזערע צעבראָ־כענע הערצער האָבן דערפון נישט געליטן, האָט אונדז דאָך אַ מאָל, מאָמענטנווייז באַר אַפילו, געררייצט די האָפענונג: אפשר, אפשר וועט דאָך חפשי בייטן זיין מיינונג און קומען אַהער, צו אונדז; זיין דאָ, לעבן מיט אונדז צוזאַמען.

אַ ווױלער בחור געווען, אַ גוטער געטרייער זון, אָבער ער האָט זיך געפירט זיין

אײגענעם אַרט לעבן, שטרענג אינדיװידועל, אַפילו אָפּט צו עקסטרעם פּאַרעקשנט. אָבער ערנסט, ערלעך און אמתדיק ביז גאָר.

איך מוז דאָ כאָטש אײנעם פון זײנע שײנע אַפאָריזמען פאַרצײכענען. חיה, װי יעדע אַנדערע מאַמע, פלעגט אַ מאָל, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט אים באַמערקן און אַפילו גוטמוטיק צושטײן:

דער דיכטער מלך ראַװיטש און איך — אין צפת, ז׳ אלול ה׳תשט״ו (25.8.55).

— חפשילע, פאַרװאָס האָסטו נישט חתונה? זוך דיר אָפּ אַ מײדל, אַ שײן װױל ייִדיש מײדל און האָב חתונה, װי אַלע ייִדישע זין און טעכטער האַנדלען. איך װעל דײן פּרוי הױכשעצן, אײערע קינדערלעך אויפפּאַסן. איך װעל פאַר זײ, פאַר אײערע פּופּסיקלעך מלבושימלעך אױפנײען! חפשילע, פאָלג דער מאַמען, האָב חתונה!

און חפשי, אַ ביסל בײזלעך, האָט געענטפערט:

— מאַמע, נודיע מיר נישט. איך האָב שוין אַ סך מאָל געזאָגט, אַז איך וויל נישט חתונה האָבן. נו, איך וועל דיר איצט זאָגן, הער: איך וועל קיין מאָל נישט חתונה האָבן און איך וועל מײַנע קינדער אויך נישט לאָזן חתונה האָבן. נו, גענוג דיר!

מיר האָבן געלעבט און זיך געטרייסט מיט דער פאַלשער האָפענונג: חפשי וועט דאָך זיין שטעלונג ענדערן, זיין האַלטונג אויפגעבן; ער וועט קומען צו אונדז, מיר וועלן אונדזער זון האָבן דאָ לעבן זיך. און ווי און וויבאַלד איז צו טאַטע־מאַמע! שווער צו שרייבן די שורות; עס ציטערט די האַנט, עס ברענען, עס בלוטיקן אַלע טיילן און טיילעכלעך פונעם צעוווּנדיקטן האַרץ. אַ לאַנגע, לאַנגע צייט האָט ער, חפשי, זיך געראַנגלט מיטן טויט. געקרענקט און געקרענקט און נאָך געוואַלט אויסבאַהאַלטן פון אונדז זיין וויסטע, אומגליקלעכע לאַגע, ביז ער האָט דעם זעקס און צוואַנציקסטן טאָג אין חודש אייר ה'תשט"ו, דעם 7טן מאַי 1956, אויסגעהויכט די לעצטע וויבראַציע פון זיין יונגן אָרנטלעכן לעבן. תנצב"ה.

דער פינצטערסטער טאָג אין אונדזער לעבן האָט זיך ווי אַ שווערע פאַרוויסטנדיקע קראַפט פאַרצויגן איבער אונדזער צעפּייניקטן צווײ־פּערזאָניקן משפחה־געבוי און געזייט חורבן און געגאָגט, געביסן, ווי אַ בייזער שלאַנגען־גיפט. נישטאָ מער קיין קינד, נישטאָ מער אונדזער ליבער חפשי, אַוועק און איבערגעלאָזן צווײ נאַקעטעביימער אין זייער טיפן האַרבסט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס דערנענטערן זיך די לעצטע שורות פון מײַן אויטאָביאָגראַפיע. מיט דער געזיכערקייט פון מײַן מאַטעריעלן מצב האָב איך קיין פולע נשמה־רו נישט דערגרייכט. עס האָט נאָך מײַן לאַנג־יאָריקער טרערן־כוס, אַזוי ווייזט אויס, נאָך געהאַט אייניקע מאָסן, פּראָפּאָרצן צו דערגרייכן, כדי פאַרפולט צו ווערן און דאַן האָבן די פולע רעכט צו פּרעטענדירן אויף מידה נכונה.

עס האָט ווי אַ וואָלקן־ברוך זיך מיט טײוואָלאַנישער, צאָרנדיקער, ווילדער ברוטאַלקייט אַרונטערגעלאָזן און חרוב געמאַכט דאָס לעצטע ווינקל פונעם געצעלט, ווו עס האָט נאָך מײַן צעבראָכענער לעבן אַ מאָל, אַ מאָל אַ פונק נחמה געקענט געפינען.

שבת פּאַרטאָג, י"ב טבת ה'תשכ"א, דעם 31סטן דעצעמבער 1960, האָט מײַן ליבע חברטע, מײַן לעבנס־באַגלייטערין חיה, אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה, אַן אשת צדקניות־נשמה, אַן אויסגעבאָדענע אין יסורים און אין פּיין, אַוועק אין איר אייביקער רו. זאָל אַ ברענענדיקע ליכט דאָ באַלייכטן איר נשמה; זאָל דאָ אַ נר־תמיד שטענדיק ברענען פאַר איר כבוד וועגן, גוטע, טייערע פריינדין מײַנע, חיה בת ר' יחיאל צעלניק, ב"ע.

פון אונדזער לאַנגן טרויער־צוג, פון אונדזער מיט פּיין, קומער און וואָגלעניש דורכגעטראָגענעם לעבן איז געבליבן... אייזיק; אייזיק דער וואַנדערער, אייזיק דער אין טרויער דורכגעווייקטער, אומגליקלעכער אייזיק. לעב, אייזיק און צי דעם פאָדעם,

שמיד ווייטער די קייט פון יסורים־רינגען. צי דעם פּאָדעם, „כי בעל כרחך אתה חי!״.

דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן אַרונטערגליטשן, ווי קייקלענדיקע דונער־קנאַלן און געשניטן און געריסן שטיקער האַרץ וואָס האָט שוין במילא אָנגעהויבן גליווערן, פרירן.

ס׳האָט אַ וואָלקן זיך פאַרצויגן,
אויפן ראַנד פון האָריזאָנט.
די זון האָט זיך געבויגן,
שוין צו גסיסה — אונטערגאַנג.
פון דעמערונג דער שאָטן,
האָט געשפּרייט סילועטן.
טאָג און נאַכט האָבן געטויכט,
אין פּורפּור בלוט, ווי סקעלעטן.

איך האָב אין מיין אומגליק ביי זיך אַליין געזוכט אַ טרייסט, געוואָלט שטילן דעם איטערדיקן ווייטיק מיט שורשדיקן עבר־טרייסט און איך האָב זיך אָנגעלענט אויף אַ תמימותדיקן אָנשפּאַר.

איך האָב געשפּרייזט פון לאַנד צו לאַנד, מיטגעטראָגן מיט זיך אויף מיין לאַנגן מידן וועג דעם חובת הלבבות און זיך פעסט געהאַלטן דערביי, פעסט און איינגע־קלאַמערט, אַפּט געבלוטיקט פון דעם, דורך דעם, אָבער זיך געהאַלטן דערביי.

און:

איך פאַרענדיק איצט מיין מיסיע,
די מיסיע פון אַ וואַנדערער.
איך פאַרבלייב דאָך דער זעלבער,
דער זעלבער — נישט קיין אַנדערער.

***

און ווען די לעצטע שטראַל פון מיין נישט גאָר שטראַלנדיקן לעבן וועט צאַנ־קענדיק זיך שוין האַלטן אין אויסלעשן, און, ווי די לעצטע שטראַלן פון אַן אונטער־גייענדיקער זון וועט זי גאַלדיק־פאַרביק רויט באַפאַרבן דעם חלום פון מיין יוגנט, וועט אַ טיפער זיפץ, אַ לעצטער זיפץ זיך פון מיין קראַנקער ברוסט אַרויסרייסן און באַזינגען ציטערדיק־טרויעריק דעם סוף פון מיין גורל:

געלעבט אַ ייִד אַ וואַנדערער,
געזוכט דעם אמת אין פיל לענדער.
און געקומען איז ער אין אייגן לאַנד,
מיטן שאָטן בלויז פון אמת זאַלבענאַנד.

איך מיין דאָ נישט די די שורות פון אויבן ווי אַן עפּיטעט אויף מיין מצבה אויסצוקריצן. ניין, איך האָף אויפריכטיק, אַז פון מיר, איצט, דאָ אין מיין זיין און ביז צו דער מצבה איז נאָך אַ היפּשער מהלך. איך וויל בלויז מיט די ווערטער פאַרענדיקן מיין אויטאָביאָגראַפיע, און זיי, די ווערטער, לייגן ווי אַ חותם אויפן ווייטערדיקן, משופּעדיקן באַרג־אַראָפּ מיינעם. און זאָלן זיי, אָט די שפּיציקע ווערטער דינען ווי אַ מאָנומענט פאַר אַ פּשוטן ייִד, — אייזיק הורוויץ.

כפר־גלעדי, י׳ טבת, ה׳תשכ״ג — 6סטער יאַנואַר 1963.

פּ. ס.: אין פאַרלויף פון די אַכט יאָר, זינט איך האָב אָנגעהויבן שרייבן מיין אויטאָביאָגראַפיע, האָב איך אָפט דורכגעלאָזן לענגערע פּעריאָדן און נישט אַריינגעשריבן קיין איין אייציקע שורה. נאָכן טויט פון מיין זון חפשי, האָב איך גאַנצע צוויי יאָר נישט געשריבן.

א. ה.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

Copyright by
AIZIK HURWITZ
Kfar Giladi, Israel

•

Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir en enero de 1965, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L. - Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires

AIZIK HURWITZ

MI VIDA

AUTOBIOGRAFIA DE UN JUDIO ERRANTE

EDITADO POR WERTHEIN HNOS.
Buenos Aires
1965